Mrs Roth

זשול ווערן.

געזאַמעלטע ווערק

זעקסטער באנד.

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני

83־85 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.

LIBRARY
AUG 1 0 2001
UNIVERSITY OF TORONTO

א רייזע צום נארד־פאל.

1טעס קאפיטעל.

„מארגען אום 5 אוהר נאך־מיטאג געהט אפ דיא בריג (א קליינע שיף) „פארוואורד"; קאפיטאן K. Z.; ערשטער אפיציער ריטשארד שאנדאן; וואוהין, ווייס מען ניט".

דיעזע קורצע נאכריכט איז געשטאנען אין דער גרויסער ליווערפאלער צייטונג „דהי ליווערפול וואירלד", דעם 5 טען אפריל 1860.

פון ליווערפול געהן אוועק טעגליך אלערליי שיפען אין אלע ימים פון דער וועלט. קיינער קוקט זיך ניט אום, ווען א שיף קומט, אדער א שיף געהט אוועק. עס איז דארט קיין נייעס ניט און קיינער אינטערעסירט זיך ניט צו זעהן אזא וואונדער, וואס קומט פאר צוואנציג מאל אין טאג.

עס איז דאהער געווען א גאנץ אונגעוועהנליכע זאך, וואס דעם 6 טען אפריל אום 1 אוהר נאך מיטאג האט זיך פערזאמעלט א גרויסע מאסע מענשען אויפ'ן דאק צו זעהן, וויא דיא קליינע שיף „פארוואורד" וועט אוועק פאהרען, מען ווייס ניט וואוהין. ארום דעם דאק, וואו דיא „פארוואורד" איז געשטאנען, זיינען געשטאנען רעדליך מענשען און מען האט גערעדט פון דיעזעם קליינעם שיף.

— וויא געפעהלט דיר דיעזעס שיף? האט געפרעגט אן אלטער מאטראז, וועלכער איז שוין אויס געווען אויף אלע וואסערן און אויף אלע ימים פון דער וועלט, זיינעם א קאמעראד. דאס איז א דאמפף שיף און דאך האט זיא א זעלבע גרויסע און ברייטע זעגעל,— בעטראכט נור ווייטער, פון פארנט געהט א שארפער שטאלענער פאס אייזען, גלייך וויא דאס שיף וואלט געוואלט שניידען דאס וואסער. צו וואס טויג אזא ברייטער שארפער מעסער?

— עס איז דייטליך, אז דיעזעס שיף געהט אין אייז מעער, מיט'ן שארפען מעסער פון פארענט וויל מען שניידען דאס אייז, ווען עס וועט נייטיג זיין און אזוי וויא דער קאפיטאן דענקט צו פארברענגען א לענגערע צייט אין אייז מעער און עס קען איהם אויסבעהאלטען קוילען צו הייצען דיא מאשינעריע, האט ער זיך פארזארגט מיט גרויסע זעגעלן, ער זאל זיך קענען בעגעהן אהן דאמפף.

— איהר האט פאלקאמען רעכט, האט זיך אנגערופען א דריטער, אן אפיציר

פון א פאסאזשיר שיף, װעלכעס נעהט שטענדיג פון ליװערפול קיין ניו יארק. איך קען איינעם פון דיא מאטראזען פון דעם „פארװארד" מיט'ן נאמען קליפטאן; ער האט מיר געזאגט, אז אויפ'ן שיף איז אנגענרייט פראװיאנט אויף פינף יאהר און א גרויסע מאסע קוילען. אויף דעם גאנצען שיף איז ניטא קיין אנדערע סחורות און קיין אנדערע זאכען, אויסער פראװיאנט, קוילען און װארעמע קליידער.

— װייס קליפטאן װאוהין דאס שיף געהט? האט דער אלטער מאטראז געפרעגט.

— ניין, דאס װייס ער ניט און קיינער פון דיא מאטראזען און פון דיא אפיציערען אויפ'ן שיף װייסען ניט, װאוהין דאס שיף װעט געהן. אויף אזא בעדינגונג האט מען זיי אויפגענומען.

— איך װאלט אויף קיין פאל ניט אריינגעטראטען אויף א זעלכע בעדינגונגען, האט זיך אנגערופען א מאטראז. װאס הייסט, איך זאל פאהרען, איך װייס אליין ניט װאוהין? איך זאל ניט װיסען, אויף װיא פיעל צייט איך האב מיך פארדונגען און װיא לאנג דיא רייזע װעט דויערן? ניין, דאס װאלט איך אויף קיין פאל ניט געװאלט.

— װייסט דוא אבער, װיא פיעל געהאלט א מאטראז נעהמט אויפ'ן „פארװארד"? האט געפרעגט דער אפיציער. — פינף מאל אזוי פיעל, װיא פיעל עס בעקומען דיא מאטראזען אויף אונזערע פאסאזשיר שיפען. װען איך זאל ניט האבען א קאנטראקט מיט מיין קאמפאניע אויף דריי יאהר, װאלט איך אליין איינגעטראטען אויפ'ן „פארװארד". װאס געהט עס אונז אן, װאוהין מיר פאהרען, קיין ניו יארק, ליװערפול, לאנדאן, אדער קאמטשאטקא? מיר װייסען איין זאך, אז מיר דארפען פאהרען אויפ'ן װאסער.

— איך װאלט אויך א בעלן געװען אריין צו טרעטען אויף אזא שיף, װאו מען צאהלט א גוטען פרייז, האט געזאגט דער אלטער מאטראז.

— אבער דיך װעט מען ניט אויפנעהמען.

— פאר װאס ניט?

— װייל דוא האסט א פרוי און קינדער. אויפ'ן „פארװארד" נעהמט מען אויף נור א זעלכע, װאס זיינען ניט פערהייראטהעט.

— א זאנדערבארע בעדינגונג, האט דער אלטער געזאגט. װעמען געהט עס אן, אויב איך בין פערהייראטהעט אדער ניט?

— זעהסט דאך, אזוי װיל דער קאפיטאן פון „פארװארד".

— װער איז דען דער קאפיטאן פון דיעזען זאנדערבארען בריג?

— עס איז ניטא קיין קאפיטאן.

— ניין, שאנדאן איז דער קאפיטאן.

— דאס איז ניט װאהר. האט דער אפיציער געזאגט, איך װייס פאר געװיס, אז שאנדאן איז נור דער ערשטער אפיציער; אבער ניט דער קאפיטאן.

— איך װייס, װער דער קאפיטאן איז! האט אויסגעשריען א יונגער מאטראז. מיסטער דשאנסאן, איינער פון דיא אפיציערען האט מיר איהם אליין געװיזען.

— האסט דוא איהם אליין געזעהן? האבען איינינע געפרעגט.

— געװיס האב איך איהם געזעהן. ער געהט אויף פיער פיס.

— אויף פיער פיס? האבען זיך אַלע געוואונדערט. וואס איז דאס פאר א קאפּיטאַן?

— א הונד אויף פיער פיס, האט געזאגט דער מאטראז ענטשלאָסען.

אין אנאנדערע צייט וואלטען אלע ארויס געלאזען א געלעכטער. זיינט אבער האבען זיי זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן מיט שטוינען. דיא „פאָרוואַרד“ האט געהאט אין זיך אזוי פיעל געהיימניסע און איז געווען אזוי זאָנדערבאר, אז עס איז געווען אלעס צו גלובען.

— האט דיר מיסטער דשאנסאָן אליין אנגעוויזען דיעזען נייען סאָרט קאפּיטאַן? האט דער אפיציער איבער געפרעגט.

— געוויס, איך האב אליין געזעהן, וויא דער הונד איז געשטאנען ביים ראָד און האט איהם געדרעהט מיט זיינע לאַפּעס.

— נו, וואס זאגסט דוא דער צו? האט דער אפיציער געפרעגט דעם אלטען מאטראָז.

— וואס זאל איך אייך זאגען? ענטוועדער דאס איז דער רוח אליין, אדער אויפ'ן שיף זיינען אלע משוגעים, וועלכע מען דארף אנבינדען אויף קייטען.

אזוי האט מען גערעדט און געפּלוידערט אין פארשיעדענע רעדליך. קיינער האט ניט געוואוסט, ווער דער קאפּיטאַן איז; קיינער האט ניט געוואסט, וואוהין דאס שיף געהט און צו וועלכען צוועק זיא געהט. אלע האבען זיא בעטראכט, אלע האבען זיא בעוואונדערט, אלע האבען געשטוינט אויף איהר שטארקייט און איהר שענהייט.

אונטערדעסען איז אויפ'ן „פאָרוואַרד“ דיא ארבייט געגאנגען איהר וועג, קליינע שיפלעך און שלעפּ־דאמפפער האבען צו געבראכט פעסער און קאסטענס דיא מאשין האט געארבייט, האט אויפגעהויבען דיא פעסער און דיא קאסטענס פון דיא שיפלעך און האט זיי אראָפּגעלאָזט צו זיך אין אונטערסטען רוים. אויפ'ן שיף זיינען ניט געווען קיינע קאנאנען און דענאך האט מען צו געפיהרט פיעלע פעסלעך מיט פולווער.

בעזאנדערע אויפמערקזאמקייט האבען אויף זיך געצויגען דיא שיפלעך פון „פאָרוואַרד“; עס זיינען געווען 2 גרויסע איבערצויגען מיט גוטאפערטשא און זעהר פיעלע רובער מאנטעל. דאס איז א מין מאנטעל ווען מען בלאזט איהם אן ווערט פון איהם א לייכט שיפעלע.

דיא „פאָרוואַרד“ איז ווירקליך געווען א מערקווירדיגע שיף. זיא איז געווען געבויט פון טיק האָלץ, דאס שטארקסטע און הארטעסטע האָלץ אין דער וועלט; געבויט האט זיא דיא בעסטע ענגלישע פירמא סקאט ענד קאָמפּ. אין באיקוענהענד נאך א גענויען פּלאַן, וועלכען ריטשארד שאנדאָן האט איהר געגעבען; אלעס האט געמוזט געמאכט ווערן פינקטליך נאכ'ן פּלאַן נאך, קיין איבעריג ברעטעלע האט ניט געטארט זיין. דאס שיף איז פערטיג געווארען דען 5 טען פעברואר, דעם אנדערן טאג איז אנגעקומען דיא מאשין פון ניו קעסל און באלד האט מען אריין געשטעלט דיא מאשין און בעפעסטיגט דיא ברעטער מיט פאסען אייזען. דעם ערשטען מערץ איז דאס שיף געווען אין גאנצען פערטיג און מען האט געמאכט מיט איהר דיא ערשטע פּראָבע. זיא איז געגאנגען פּארטרעפליך, באלד האט מען זיא אוועק געפיהרט קיין ליווערפּול, וואו מען האט איהר

אנגעהייבען אנצולאדען מיט פראָוויאנט און מיט קוילען. דער פראָוויאנט פאר דיא „פאָרוואָרד" האט אויך געוויעזען, אז דאס שיף איז בעשטימט פאר א לאנגע רייזע אין אייז מעער,—דיא געפעהרליכסטע קראנקהייט אין דיא קאַלטע לענדער אי דער סקאָרבוט (מיר וועלען שפעטער האבען דיא געלעגענהייט צו בעשרייבען דיעזע קראנקהייט), דיא איינציגע מיטעל געגען סקאָרבוט זיינען לימינע זאפט, זענף און א מין גראָז מיט'ן נאמען קאָכלעאריא,—אויף'ן „פאָרוואַרד" האט מען אנגעלאדען גאנצע פעסער לימינע זאַלץ, גאנצע זעק מיט זענף און דיא זריעה פון קאָכלעאריא.

2טעס קאפיטעל.

דיא אָפיציערען און דער דאָקטאָר פון'ם „פאָרוואָרד".

מיט אכט מאָנאטען צוריק, איידער אונזערע ערצעהלונג הויבט זיך אן, האט רימשארד שאַנדראָן אין א שעהנעם מארגען ערהאלטען פאָלגענדען בריעף:

אבערדין, דען 2טען אויגוסט 1859.

ווערטהער הערר!

„איהר קענט מיר נים. וואס מאכט עס אויס? — איך קען אייך. דאס איז גענוג פאר מיר. איך לעג אייך פאָר, איהר זאלט אריינטרעטען אלס ערשטער אפיציער אוף'ן שיף „פאָרוואָרד", וועלכע איז בעשטימט אויף א לאנגע און מעגליך געפעהרליכע רייזע. אויב איהר נעהמט נים אן מיין פארשלאג, צו רייסט דעם בריעף. אויב איהר נעהמט איהם יא אן, זאלט איהר וויסען, אז אייער געהאלט וועט זיין פינף טויזענד פונד שטערלינג א יאהר. יעדעס יאהר ווערט אייער געהאלט מיט 10 פראָצענט העכער.

זעכצעהן טויזענד פונד שטערלינג ליעגט אין דער באנק פון מארקארט ענד קאָמפ. אין ליווערפול. איך שיק אייך טשעקס אויף דיעזע באנק.

דיא „פאָרוואָרד" איז נאך ניטא אויף דער וועלט; אבער ווען איהר נעהמט אן מיין פארשלאג, וועט איהר געפינען אין דער גענאנטער באנק א פאלשטענדיגען פלאן, וויא עס צו בויען ביי דער פירמא סקאט ענד קאָמפ.

איהר וועט אויך אנגאזשירען דיא מאטראָזען און דיא אפיציערען פאר דיא „פאָרוואָרד" איך וועל זיין דער קאפיטאן, איהר — מיין ערשטער אפיציער, דיא איבעריגע צוויי אפיציערען און צוואנציג מאן מאטראזען, זאלט איהר אויסקלויבען. דיא מאטראזען מוזען זיין געזונדע קרעפטיגע מענער, אונפערהייראטהעטע און זאלען קיין שטארקע געטרענק נים טרינקען. אופ'ן „פאָרוואָרד" וועט נים זיין קיין ביער, קיין שנאפס, קיין וויין, אויסער דיא וויינען, וועלכע דער דאָקטאר דארף האבען אין זיין אפטהעק. איך האב אנגאנזשירט דאקטאר פולמאן פון ליווערפול. ער וועט קומען צו אייך און וועט מיט אייך איבעררעדען איבער איינינע זאכען, וואס געהערט צו זיין פאך.

דיא מאטראזען זאלט איהר צו זאגען א פינף מאל העכערן געהאלט, וויא זיי בעקומען אויף דיא בעסטע ענגלישע שיפען. ווען מיר וועלען צוריק קומען, וועט יעדער מאטראז בעקומען א בעלוינונג פון 5 הונדערט פונט סטערלינג און יעדער אפיציער טויזענד, איהר וועט בעקומען צוויי טויזענד פונד סטערלינג. דאס געלד ליעגט דעפאנירט אין דער באנק מארקארט ענד קאָמפ.

בריעף קענט איהר מיר שרייבען אויף פאָלגענדע אדרעסע:

K. Z. נאטענבורג, שוועדען, פאָסט־אָפּיס.

דעם 15 פעברואַר וועט מען אייך ברענגען א גרויסען, שווארצען ניופונדלענדער הונד; נעהמט איהם צו זיך און גיט איהם עסען ברויט מיט האבער־זופּ. איהר וועט איהם מיטנעהמען מיט זיך אויפ'ן שיף.

דער קאַפּיטאַן פון דעם שיף וועט זיך מעלדען, ווען ער וועט געפינען פאר נייטיג. ווען דיא שיף וועט זיין בערייט אוועקצופאהרען, וועט איהר ערהאלטען נאכריכטען פון איהם.

K. Z. קאַפּיטאַן פון'ם „פארוואַרד“.

ריטשארד שאנדאן איז געוועזען א גוטער מאַטראָז. ער איז געוועזען זעקס יאהר ערשטער אפּיציער אויף א וואַל־פיש שיף און איז געוועזען גוט בעקאַנט מיט'ן אייז־מעער. אין דער לעצטער צייט איז ער געוועזען קאַפּיטאַן פון א קליינער ענגלישער שיף; ער איז אבער מיט זיין שטעלע ניט צופריעדען געוועזען, ווייל ער פלעגט נור פאהרען צווישען ליווערפּול און לאָנדאָן. ער האט ניט געהאט ניט קיין פרוי, ניט קיין קינדער, ניט קיין פערוואנדטע, וועלכע ער זאל דארפען אונטערשטיצען, — ער איז געוועזען גאַנץ פריי. ווען ער האט ערהאלטען דיעזען זאנדערבארען בריעף, האט ער זיך נור געוואונדערט, פארוואס דער קאַפּיטאַן פארשטעלט זיך און וויל זיך ניט ווייזען. דיא בעדינגונגען זיינען איהם געפעלען, ער האט דאהער ניט לאַנג געטראכט און איז געגאַנגען אין דיא באַנק פון מארקארט ענד קאָמפּ. מען האט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך און מען האט איהם געזאגט, אז ווען ער וויל, קען ער בעקומען דיא זעכצעהן טויזענד פונט שטערלינג.

ער האט באלד געענטפערט, אז ער זאגט זיך אָפּ פון זיין שטעלע אלס קאַפּיטאַן און נעהמט אן דיא שטעלע פון אן ערשטען אפּיציער אויפ'ן „פארוואַרד“. אין דעם זעלבען טאג איז ער אוועקגעפאהרען קיין באיקענהענד און האט אפּגעמאכט מיט דער פירמאַ סקאט ענד קאָמפּ., זיי זאלען זיך באלד נעהמען בויען דאס שיף „פארוואַרד“.

ווען דאס שיף איז שוין געוועזען באלד פארטיג, האט ער אנגעהויבען צו זוכען מאַטראָזען. דאס איז איהם געוועזען ניט שווער, מען האט איהם זעהר גוט געקענט אין ליווערפּול פאר א גוטען און געשיקטען שיפּ'ס־קאַפּיטאַן. אמת, ער פלעגט זיין זעהר שטרענג נעגען דיא מאַטראָזען און איז געוועזען א גרויסער עקשן, דענאָך האבען זיך באלד צו איהם געמעלדעט זעהר פיעל שטארקע, קרעפטיגע און געאיבטע מאַטראָזען, וועלכע האבען זיך געבעטען, ער זאל זיי אויפנעהמען אויפ'ן „פארוואַרד“. אזוי וויא ער האט מעהר ניט געדאַרפט נור אכטצעהן מאַן, האט ער אויסגעקליעבען דיא שטארקסטע און דיא בעסטע, הויפּטזעכליך דיא, וועלכע האבען שוין געמאכט רייזען אויפ'ן אייז־מעער. ער האט זיי ערקלערט דיא בעדינגונגען און זיי זיינען געוועזען דערמיט איינפערשטאנדען.

ער האט געקענט א קרעפטיגען און פעהיגען יונגען מאַטראָז מיט'ן נאמען דזשעמס וואלל, וועלכער האט שוין געמאכט ניט איין רייזע אויפ'ן איידמעער און האט איהם פאָרגעלעגט דיא שטעלע פון א צווייטען אפּיציער. אן אנדער בעקאַנטען מאַטראָז מיט'ן נאמען דשאנסאן האט ער פאָרגעלעגט דיא שטעלע פון א דריטען אָפּיציער. זיי ביידען האט ער דערצעהלט דיא גאַנצע געשיכטע פון'ם אנפאַנג ביז צו ענדע און האט זיי

געפרעגט, אויב זיי נעהמען אן זייערע שטעלען און וואס זיי דענקען פון דעם זאנדערבארען קאפּיטאן .K. Z. דער יונגער רשעמס וואלל האט גאר ניט געקלערט און האט עס באלד אנגענומען.

— וואס נעהט עס מיך אן, וואוהין דער שיף וועט געהן? האט ער געזאגט. עס וועט געוויס געהן אויפ'ן אייז־מעער; אבער וואס הארט עס מיך? דאס וואַסער אין אייז־מעער איז אזוי געזאלצען, וויא דיא וואַסער אין דיא אנדערע ימים עס קומען מענשען צוריק לעבעדיגער־הייט פון אייז־מעער אויך.

רשאנסאן איז געוועזן אן עלטערער מאַטראָז. ער האט אויך אנגענומען דיא שטעלע אלס דריטער אפיציער, ער האט זיך אבער אביסעל איבערלעגט.

— אויפ'ן אייז־מעער איז ניט אזוי לייכט צו פאהרען, וויא דוא מיינסט; ניט אלע, וואס פאהרען אויפ'ן אייז־מעער קומען אזוי שנעל צוריק; דאס איז ניט קיין שפּיעלכעל, מיין ליעבער רשעמס.

— וואס רעדט איהר? האט שאנדאן געזאגט. דיא „פארווארדי" איז א שטארקע שיף, וואס איז עקסטרא געבויט צו פאהרען אויפ'ן אייז־מעער. מיר וועלען קיין שום ארבייט ניט האבען, נור צו רעגיערען דיא שיף. אין גאנצען וועלען מיר האבען נור אכטצעהן מאַטראָזען, ווייל דיא מאשינען זיין דיא בעסטע און דיא שטארקסטע פון דער וועלט און דערצו האבען מיר נאך גאנץ גרויסע זעגעלן. וואס האבען מיר מורא צו האבען? עס וועט זיין א שפּאַציער, ניט קיין רייזע.

— אכצעהן מאַטראָזען? האט געפרעגט רשעמס וואל. דאס איז זאנדערבאר! ווען דער אמעריקאנער דאקטאר קעין האט געמאכט זיין בעריהמטע רייזע צום נארדפּאל, האט ער אויך געהאט מיט זיך נור אכצעהן מאַטראָזען.

— דאס איז קיין וואונדער ניט, האט רשאנסאן געענטפערט. פאר אזא קליינער בריג, וויא דיא „פארווארד" זיינען אכצעהן מאַטראָזען גאנץ גענוג. מיך וואונדערט עפּעס אנדערש, וויא קען עס א פּריוואט־מענש אונטערנעהמען אזא רייזע, וועלכע דארף קאָסטען אזוי פיעל געלד, א ממון־קורח? ווייסט איהר אז פראנקלין'ס עקספּעדיציאָן צום נארדפּאל האט געקאָסט דער ענגלישען רעגיערונג זיעבען הונדערט און זעבציג טויזענד פונט שטערלינג? און וואס איז געווארען פון פראנקלין'ס עקספּעדיציאָן? האט ער דען אויסגעפונען א וועג פון אייראָפּא קיין אינדיען איבער'ן אייז־מער? — עס האט געקאָסט געלד און מענשען, פראנקלין אליין איז פארפראָרען געווארען אויף וויליאמס לאנד און ער האט מיט זיין עקספּעדיציאָן גאר ניט געמאכט. איך קען דאהער ניט פארשטעהן, וויא אזוי קען א פּריוואט־מאן זיך אונטערנעהמען אזא רייזע, ווען דיא ענגלישע רעגיערונג האט גאר נישט געמאכט?

— דאס איז דאך אבער נור פערמוטהונגען, האט ריטשארד שאנדאָן געזאגט. מיר ווייסען דאך ניט אויף געוויס, וואוהין מיר פאהרען, אויב צום נארד־פּאל, אדער צום זיד־פּאל, אדער גאר אין אנדערע וועניג־בעקאנטע ימים. מיר זיינען מאַטראָזען, מען גיט אונז א שעהנעם געהאלט, דארפען מיר עס אננעהמען. וואוהין מען וועט אונז הייסען, וועלען מיר פאהרען.

ריטשארד שאנדאָן האט זעהר געוואלט האבען מיט זיך רשאנסאן אלס אָפּיציער

אויפ'ן „פארווארד". דשאנסאן איז געווען א טיכטיגער מאטראָז, ער איז געפאהרען אויף דעם שיף „פעניקס", וועלכעס דיא ענגלישע רעגיערונג האט ארויסגעשיקט אין 1853 זוכען פראנקלין מיט זיינע מענשען; ער האט פארבראכט דריי יאהר אויפ'ן אייז מעער און איז אויסגעווען אין דיא קאלטעסטע געגענדען פון דער וועלט. אזא מענ׳ש, וועלכער האט שוין אזוי פיעל ערפאהרונגען געמאכט אויפ'ן אייז־מעער, איז זעהר ניצליך אין אזא רייזע. אויסערדעם איז דשאנסאן געווען בעקאנט מיט אלע מאטראָזען פון ליווערפול און האט איהם געהאָלפען אויסקלייבען ד'יא אכצעהן מאן, וואס ער האט געדארפט.

דאס איז אויך ניט געווען אזוי לייכט, וויא עס האט זיך אנפאנגס אויסגעוויזען אמת, עס זיינען געקומען מאטראָזען פון אלע זייטען בעטען זיך, מען זאל זיי אויפנעהמען, אבער איינינע, וועלכע מען האט אויפגענומען, זיינען אין א קורצע צייט געקומען צוריק און האבען אפגעגעבען זייער האנד־געלד.

— מיר קענען ניט פאהרען אויף א רייזע, ווען מיר ווייסען ניט וואוהין, האבען זיי געווערהנליך געזאגט. אויסערדעם מוזען מיר דאָך וויסען, ווער איז דער קאפיטאן? ביי ועמען דיענען מיר? ווער וועט פיהרען דאס שיף?

— וואס געהט אייך אן, וואוהין איהר פאהרט? האט זיי דשאנסאן געענטפערט. מען צאהלט אייך און איהר דארפט ארבייטען אלס מאטראָזען אויפ'ן „פארווארד". דער קאפיטאן איז דערווייל, ביז אן אנדער קאפיטאן וועט קומען, ריטשארד שאנדאן. ענדליך איז זיי ביידען, ריטשארד שאנדאן און דשאנסאן געלונגען אויסצוקלייבען דיא אכצעהן מאטראָזען, איינס אין איינס: הויכע, געזונדע, קרעפטיגע מענער, וועלכע זיינען שוין מעהר אדער ווענינער בעקאנט געווען מיט דיא קאלטע ימים.

אם ענדע יאנואר 1860 איז דיא „פארווארד" געווען אין גאנצען פערטיג. דער פראָוויאנט איז געווען אָנגעגרייט אויפ'ן דאק, דיא מאטראזען בערייט ארויפצוגעהן אויפ'ן שיף, מען האט נור געווארט אויף א בעפעהל פונ'ם קאפיטאן K. Z.

דעם 30 יאנואר איז ריטשארד שאנדאן געגאנגען צו דער פעררי, ווען א מאן איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם געגעבען ביידע הענד.

— איך בין דאקטאר פולמאן, האט ער איהם געזאגט קורץ. איך האָף מיר וועלען זיין גוטע פריינד, ווען מיר וועלען זיין בעסער בעקאנט. מיר וועלען מאכען צוזאמען א לאנגע, לאנגע רייזע.

דאָקטאָר פולמאן איז געווען ניעדעריג, אבער זעהר קרעפטיג געבויט. ער איז געווען אן עכטער ענגלענדער. דיא ענגלענדער האבען געוועהנליך פיינד פיעל צו רעדען, דאָקטאָר פולמאן אבער האט כסדר גערעדט, ער האט גאָר ניט געוואוסט, ווען אויפצוהערן. דערביי איז ער אבער געווען אזוי פריינדליך, אזוי צוגעלאזט. אזוי פער־טרויליך, אז עס איז געווען א פערגניגען איהם אויסצוהערן.

— אזוי, איהר זייט עס ריטשארד שאנדאן? האָט דאָקטאָר פולמאן ווייטער געזאגט. איך בין העכסט צופריעדען, וואס איך האב אייך ענדליך געטראָפען. קוים האב איך אייך געטראָפען, וועלען מיר שוין פאהרען. איך ווייס, אז עס איז דא א שיף, וועלכע הייסט „פארווארד", דער ערשטער אָפיציער הייסט ריטשארד שאנדאן.

— יא, דאקטאר, דאס שיף איז פערטיג און מיר וועלען נעווים באלד פאהרען.

— אָט דאס וויל איך! האט אויסגעשריען דער דאָקטאָר. איך האב שוין לאנג געוואָלט מאכען א רייזע אויפ׳ן ים; איך האב אבער ניט געהאט דיא געלעגענהייט. יעצט, ווען מיר האבען אזא פּאָרטרעפליכע שיף און אזא גוטען ערשטען אָפיציער, וועלען מיר שוין פאהרען. איך וויים, אז איהר קענט קאָמאנדירען א שיף....

— אבער דאָקטאָר, איך בין ניט דער —

— איהר זייט שוין געוועזען אויף אלע ימים, האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט און האָט איהם ניט געלאָזט ארויסרעדען א וואָרט. איהר זייט א טיכטינער, ערפאהרענער זעע־פאהרער, מיט אייך האב איך קיין מורא ניט צו פאהרען, ווען איהר וועט קאָמאנדירען דיא „פארווארד״.

— אָבער, דאָקטאָר, לאָזט מיך רעדען א וואָרט.

— נו, רעדט, וואס ווילט איהר זאגען?

— איך וויל אייך נור פרעגען, וויא קומט איהר אריינצוטרעטען אלס דאָקטאָר אויפ׳ן „פארווארד״?

— דאס וועל איך אייך באלד זאגען. איך האב ערהאלטען א בריעף פון׳ם קאפּיטאן. דער בריעף איז גאנץ קורץ, אבער פאר מיר איז ער גענוג. איך וועל איהם אייך באלד ווייזען, אויב איהר ווילט.

ער האט ניט געוואָרט, אז שאנדאן זאל איהם ערלויבען, אדער ער זאל איהם ענטפערן. ער האט באלד ארויסגענומען פון דער קעשענע א בריעף און האט איהם געוויזען. דער גאנצער בריעף איז בעשטאנען פון דריי שורות:

„אנווער 28 יאנואר 1860.

אויב דאָקטאָר פּולמאן וויל איינטרעטען אלס דאָקטאָר אויף דער בריג „פאר־ווארד״, זאל ער זיך ווענדען צום ערשטען אפיציער, ריטשארד שאנדאן אין ליווערפּול, וועלכער האט אן אָרדער וועגען איהם.

דער קאפּיטאן פון דער „פארווארד״ K. Z.״.

— איך האב ערשט היינט ערהאלטען דעם בריעף און איך בין בערייט זאגאר שוין ארויפצוגעהען אויפ׳ן שיף, האט דער דאקטאר ווייטער געזאגט. פיהרט מיך צום שיף, איך געה מיט אייך.

— ווייסט איהר וועניגסטענס, וואוהין מיר פאהרען? האט שאנדאן געפרעגט.

— איך? פון וואנען זאל איך עס וויסען? האט געזאגט דער דאקטאר גלייכגיל־טיג. און וואס געהט עס מיך אן, וואוהין מיר וועלען פאהרען? — איך דארף פאהרען אויפ׳ן ים, דאס איז אלעס. דיא מענשען זאגען, אז איך בין א געלערנטער מענש; זיי האבען אָבער א גראָבען טעות, איך קען גאר נישט. אמת, איך האב אנגעשריעבען עט־ליכע ביכער, וועלכע דיא גוטע מענשען קויפען און לעזען מיט פערגניגען; אָבער דאס קומט דערפון, וואס דיא, וועלכע לעזען מיינע ביכער, קענען און וויסען נאך פיעל וועד ניגער פון מיר. איך אליין וויים גאנץ גוט, אז דיא ביכער, וואס איך האב אנגע־שריעבען זיינען ניט ווערטה דאס פּאפּיער, אויף וועלכען זיי זיינען געדרוקט. איך קען גאר נישט. איך וויל יעצט מאכען א רייזע אויפ׳ן ים און אנהויבען צו לערנען מעדיצין,

כירורגיע, געאָגראפיע, בעמיע און אלע אנדערע וויסענשאפטען. איך וויל ערשט אויפ׳ן ים אנהויבען צו שטודירען. איך רעכנען, אז אויף א לאנגע רייזע אויפ׳ן ים קען א מענש עפעס לערנען, ווייל דער ים גיט אונז דיא בעסטע געלעגענהייט צו לערנען. מיר ווייסען פון ים נאר נישט, מיר קענען דעם ים ניט; מיר ווייכען ניט. וואס עס טהוט זיך אין דיא טיעפענישען פון ים, מיר ווייסען ניט, וואס עס קומט פאר אויף דער אבערפלעכע פון׳ם ים; מיר קענען ניט דיא חיות פון׳ם ים, אָדער וויא דיא געלערנטע מענשען רופען עס פאאונא, Fauna; מיר קענען ניט דיא פלאנצען, דיא גראזען דיא בוימער, וואס וואקסען אין ים, אָדער וויא דיא געלערנטע מענשען רופען עס פלאָרא Flora.

ווען איך זאל דארפען נאך צו צאהלען, האט ווייטער געזאגט דאקטאר פולמאן, מען זאל מיך נור מיטנעהמען אויף א לאנגע רייזע אויפ׳ן ים. וואלט איך נאך צוגעצאהלט; היינט ווער רעדט, אז איך האב אזא גוטע געלעגענהייט צו פאהרען; ווען מען גיט מיר אלע מעגליכע מיטעל צו לערנען און מען צאהלט נאך מיר צו,--זאל איך פרעגען, וואוהין מען פאהרט? דאס איז א נארישקייט. פיהרט מיך, וואוהין איהר ווילט: קיין אזיען, קיין אפריקא, קיין אמעריקא, קיין אויסטראליען, צום נארד פאל, צום זיד פאל — ביי מיר איז עס אליץ איינס. איך וויל לערנען, איך וויל פאהרען אויסלערנען דעם ים. —

ווען דאקטאָר פולמאן הויבט אן צו רעדען, איז איהם אונמעגליך איינצוהאלטען. שאנדאן האט איהם איבערגעשלאָגען דיא רעד און האט איהם געפרעגט:

— אלזאָ, ווייסט איהר גאר ניט. וואוהין מיר וועלען פאהרען?

— איך ווייס נור, אז מיר פאהרען לערנען, ענטדעקען, אויסזוכען עפעס נייעס, אויספאָרשען דעם ים, דיא נאטור; איך ווייס, אז איך וועל פאהרען אין געגענדען, וואו איך בין נאך ניט געוועזען; איך ווייס, אז איך וועל זעהן פעלקער און מענשען, וועלכע איך האב נאך ניט געזעהן. —

— טאמער ווייסט איהר ווענינגסטענס, אין וואס פאר א ימים מיר וועלען פאה־רען? האט שאנדאן אויסגעפארשט.

— איך ווייס נור, אז מיר פאהרען אין דיא ימים, וועלכע ליעגען אין נארדען; איך וואלט געוואלט, אז מיר זאלען פאהרען אויפ׳ן אייז מעער. — דאס אייז מעער האט אזוי פיעל וואונדער, אזוי פיעל געהיימניסע, אזוי פיעל אונבעקאנטעס, אונערקלערטעס, אז דארט וועל איך קענען לערנען, שטודירען —

ער וואלט געוועזען נאך אוועקגערעדט דרייא שטונדען איבער׳ן אייז מעער, ווען שאנדאן זאל איהם ניט געוועזען אריין פאלען אין דיא רעד.

— פיעלייכט ווייסט איהר ווענינגסטענס, ווער איז דער קאפיטאן?

— דער קאפיטאן איז געוויס אויך א געלערנטער מענש, וועלכער וויל פאהרען שטודירען און אויספארשען דיא ימים האט דער דאקטאר געענטפערט און געוואלט אנהויבען צו רעדען.

שאנדאן אָבער האט זיך זעהר ווייניג געקימערט איבער זיין לערנען און שטודירען. ער איז געוועזען א מאטראָזע, א מענש, וואס איז געוואינט מיט׳ן ים און האט ליעב געהאט דעם ים; אבער פון פארשען, שטודירען, לערנען האט ער ניט געוואלט וויסען. ער האט דאָהער ארויף געפיהרט דעם דאָקטאָר אויפ׳ן „פארוואָרד“, האט איהם אנגעוויעזען זיין

קאיוטע און וואו ער וועט האלטען זיין אפטהעק און איז זיך אוועקגעגאנגען.

פון דעם טאג אן האט דער דאָקטאָר אָנגעהויבען איינצואָרדענען זיין אפטהעק ער האט אויסגעשריעבען א לאנגע ליסטע פון דיא מעדיקאמענטען און אינסטרומענטען, וועלכעם ער האט געדארפט און פלעגט זיך פרעהן, וויא א קינד ווען עס בעקומט א שפיעלעכעל, יעדעס מאל ווען עס פלעגט אנקומען א קאסטען מיט אינסטרומענטען אדער מעדיקאמענטען פאר איהם.

דאָקטאָר פולמאן איז געווען א זעהר בעקאנטער און זעהר בעליעבטער דאָקטאָר אין ליווערפול. ער איז געווען אזוי פריינדליך מיט יעדען, אזוי צוגעלאזט צו יעדען, אז זיינע פאציענטען פלעגען איהם פארגעטערן; דערביי איז ער אָבער אויך געווען א העכסט געלערנטער דאָקטאָר און א מיטגליעד פון אלע געלערנטע געזעלשאפטען פון אייראפא. ווען מען איז געוואהר געווארען אין ליווערפול, אז דאָקטאָר פולמאן פאהרט אוועק אויפ'ן „פארווארד", זיינען פיעלע פון זיינע פריינד און בעקאנטע געקומען איהם בעטען, ער זאל ניט פאהרען; ער האט אבער פון קיין זאך ניט געוואלט הערן. — ער מוז פאה־רען לערנען, שטודירען.

דעם 15טען פעברואר איז אָנגעקומען מיט דער באהן א גרויסער שווארצער ניר פונדלענדער הונד, וועלכען מען האט באלד געבראכט צו ריטשארד שאנדאן. דאס איז געווען א ווילדער, בייזער, אונפריינדליכער הונד, אויפ'ן האלז האט ער געטראגען א בלעכענעם האלז־באנד, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאמען פון'ם שיף „פארווארד". שאנדאן האט איהם נאך אין דעמזעלבען טאג ארויפגעבראכט אויפ'ן שיף.

אין דיא ערשטע טעג פון אפריל איז דאס שיף און אלעס נייטיגע געווען אין גאנצען פערטיג און בערייט אוועקצופאהרען.

3טעס קאפיטעל.

אַ הונד — אַ שיפסקאַפּיטאַן.

ענדליך איז געקומען דער 6טער אפריל, דער טאָג וועלכער איז געווען בעשטימט פאר דיא אָפרייזע. אלע מאטראָזען זיינען שוין געווען אויפ'ן דעק, דיא אָפיציערען זיינען געשטאנען בערייט צו געבען דעם בעפעהל, אז מען זאל אויפהויבען דעם אנקער; אָבער קיין קאפיטאן איז נאך ניט געקומען. דיא מאטראָזען האבען אנגעהויבען צו ווערן אונ־רוהיג: וויא פאהרט מען עס אויף א ווייטע און געפעהרליכע רייזע אהן א קאפיטאן און מען ווייס גאר ניט וואוהין? זיי האבען אנגעהויבען צו ברומען אונטער דער נאז און איינינע האבען שוין געוואלט אפגעבען דאס געלד, וואס זיי האבען גענומען און זיך אוועקגעהן. פלוצלונג איז אנגעקומען דאָקטאָר פולמאן, — ער האט נאך פארגעסען א קעסטעל מיט מעדיקאמענטען און איז געגאנגען עס ברענגען —, אלע זיינען פרעהליכער גע־ווארען. דאקטאר פולמאן האט אנגעהויבען צו רעדען און צו דערצעהלען, וויא אזוי ער איז גליקליך, וואס פאר א וואונדערבארע זאכען זיי וועלען זעהן אויף דיא רייזע און וויא פרעהליך זיי וועלען פארברענגען דיא צייט. דיא מאטראָזען האבען זיך בערוהיגט און האבען זיך ווייטער גענומען צו זייער ארבייט.

אויפ'ן „פארווארד" איז געווען א־אלגעמיינע איינריכטונג: אויפ'ן דעק זיינען געווען

אין דער רעכטער האנד צוויי קאיוטען, איינע א גרעסערע פארן דאָקטאָר מיט זיין אפּ־טהעק און איינע א קלענערע פארן קאפּיטאן. אין דער לינקער האנד זיינען געווען אויך צוויא קאיוטען, איינע פארן ערשטען אפיציער, שאנדאן און דיא אנדערע פאר דעם צווייטען און דריטען אפיציער. לעבען קאפּיטאנ'ס קאיוטע איז געווען א קליין קעמעריל פארן הונד, אָדער וויא דיא מאטראזען האבען איהם א נאָמען געגעבען — קאפּיטאן.

מיט'ן הונד האבען זיי געהאט גרויסע צרות. ער איז מיט קיינעם פון דיא מאטראזען ניט געווען פריינדליך, איז קיינעם ניט נאכגעלאפען, פלעגט זיין פול אומעדום און פלעגט ביי נאכט היילען און בילען, אז קיינער האט ניט געקענט שלאפען. דיא מאטראזען האבען זיך איינגערעדט, אז דאס איז נור דער טייפעל אליין און האבען פאר איהם מורא געהאט.

עס איז געווארען איין אוהר און פון'ם קאפּיטאן איז נאך אלץ קיין נאכריכט ניט געקומען, עס איז געווארען צוויי אוהר — ניטא קיין קאפּיטאן, ניטא קיין נאכריכט. ריט־שארד שאנדאָן איז געווען אין פערצווייפלונג, — היינט נאך מיטאג מוז ער פאהרען; אבער וואוהין? דער קאפּיטאן האט איהם געשריעבען, אז פארן פאהרען וועט ער איהם צו וויסען טהאן דורך א בריעף, וואס ער זאל טהאן. עס איז שוין דיא לעצטע מינוט, דיא מאטראזען זיינען אונצופריעדען, זיי ווילען זיך צו לויפען. וואס טהוט מען?

ער האט צו גערופען דעם אנדערן און דעם דריטען אפיציער און איז צו געגאנגען צו דאקטאר פולמאן זיך מיט איהם בעראטהען, וואס צו טהאן.

— וואס טהוט מען? האט ער געפרעגט, עס איז ניטא קיין בריעף, קיינע נאכ־ריכט און קיין קאפּיטאן. וואס זאל איך טהאן?

— עס איז איין מאל בעשטימט געווארען, אז דעם זעקסטען זאלט איהר פאהרען, האט דער דאקטאר געזאגט, מוזט איהר פאהרען. דער קאפּיטאן וועט שוין אנקומען, אדער ער וועט אונז צו וויסען טהאן, וואוהין מיר זאלען פאהרען.

— וואס רעדט איהר, דאקטאר? איך וויים דאָך זאגאר ניט, וויא אזוי ארוי'ס צו פאהרען פון פּאָרט? זאל איך פאהרען רעכטס, לינקס, אדער גלייך?

— איהר האט גאר ניט וואס צו קלערן, האט דער דאקטאר ווייטער געזאגט, מיר פאהרע צום נארד פּאָל. אלזא, לאמיר ארויס פאהרען און זיך האלטען קיין נאָר־דען, קיין צפון זייט.

— פאר וואס ניט צום זיד פּאָל?*) האט געפרעגט דשעמס וואלל.

*) מיר ווילען געבען אונזערע לעזער א קליינעם בעגריעף, וואס עס הייסט נאָרד פּאָל און וואס עס הייכט זיעד פּאָל.

ווען מיר זאלען פאהרען פון ניו יאָרק אויף א גלייכען וועג קיין נאָרדען, קיין צפון זייט, ווילען מיר בעמערקען, אז וואס ווייטער מיר פאהרען, ווערט אימער קעלטער און דער ווינטער געדויערט אימער לענגער, ביז מיר קומען אין געגענדען, וואו עס איז שטענדיג ווינטער. אייז און שנעע ליעגען פון יאהר צו יאהר און ווערן קיין מאל ניט צו שמאלצען; דיא נאכט געדויערט אן ערך פון זעקס מאנאט און דער טאג געדויערט אן ערך פון זעקס מאנאטע. דיעזע געגענדען הייסען דיא געגנדען פונ'ם נאָרד פּאָל. לאמיר אבער פאהרען פון ניו יארק נאך זידען, אין דרום זייט, ווילען מיר קומען צו ערשט אין געגענדען, וואו עס איז זעהר הייס און טאג און נאכט זיינען כמעט בעשטענדיג גלייך. דיעזע געגענדען הייסען דער עקוואטאָר, אדער דיא געגענדען

— צום זיד פאָל קענען מיר ניט פאהרען, האט געזאגט דער דאקטאר, ווייל צום זיעד פאָל דארפען מיר פאהרען דעם גאנצען אטלאנטישען אָקעאן און דער קאפיטאן וועט זיך ניט ערלויבען צו פאהרען אזא אזא שטרעקע אויף אזא קליינע שיף וויא דיא „פאָרוואַרד“.

— לאז זיין צום נאָרד פאָל. האט שאנדאָן געזאגט, אבער ארום נאָרד פאל זיינען דאך אויך דא פיעלע געגענדען און איך וויים דאָך ניט, אין וואס פאר א געגענד צו פאהרען? זאל איך פאהרען קיין שפיצבערגען, קיין גרענלאנד, קיין לאַבראדאָר, אדער אין הורזאָן'ס ביי? אלע דיעזע אינזלען און לענדער ליעגען ארום נאָרד פאָל, וואוהין זאָל איך פאהרען? זאגט, געלערנטער דאקטאר.

— איהר האט רעכט, אבער פאהרען מוז מען דאָך, האט דער דאקטאר אויס־גערופען. אלזא, פאהרט.

— ניין, איך מוזווארטען, ביז איך וועל בעקומען א בריעף, וואוהין צו פאהרען, האט שאנדראן געענטפערט. איך קען אזוי ניט פאהרען.

— איך מיין אויך, אז מיר מוזען ווארטען, ביז דער בריעף וועט אנקומען, האט דשאנסאן געזאגט. מיר זעהען דאָך, אז אונזער קאפיטאן איז ביז אהער געווען זעהר פינקטליך. אלעס, וואס ער האט געשריעבען האט פאסירט אקוראט און פינקטליך צו דער מינוט; געוויס וועט אָנקומען דער בריעף וואוהין צו פאהרען אויך פינקטליך. מיר מוזען ווארטען.

אונטערדעסען איז געווארען האלב נאך צוויי. דער דאקטאר איז געווארען זעהר אונגעדולדיג.

— איך ראטה אייך, איהר זאלט הייסען אויפהויבען דעם אַנקער און אנהויבען ארויס צו פאהרען פון פאָרט. עס דארף געדויערן א גאנצע שטונדע, ביז מיר וועלען ארויס פון פאָרט. דיא מאטראזען זיינען אונצופריעדען, איז דאך גלייכער מיר זאלען דער ווייל ארויס פאהרען און זאלען בעסער געבטיגען אויפ'ן ים.

— איך וועל אייך צו ליעב טהאן, דאקטאר, האט ענדליך שאנדראן געזאגט; אבער איהר וועט זיין פעראנטוואָרטליך, ווען איך מאך יעצט א פעהלער.

ער האט געהייסען דיא מאטראזען אויפהויבען דעם אנקער און אנהויבען ארויס צו פאהרען פון פאָרט. דשעמס וואלל האט געהייסען אלע פרעמדע מענשען אראָפּגעהן פון'ם דעק און דיא מאטראזען האבען זיך גענומען צו דער ארבייט. פלוצלונג האט דער הונד אנגעהויבען שטארק צו בילען און איז אריינגעשפרונגען אין דער מיט צווישען שאנדראן און דעם דאקטאר. אין מויל האט ער געהאלטען א בריעף.

פון'ם עקוואַטאָר. ווען מיר פאהרען ווייטער קיין זידען, ווערט אלע מאל קעלטער און קעלטער, ביז מיר קומען ווידער אין געגענדען, וואו עס איז שרעקליך קאלט. דער טאג דויערט אן ערך פון זעקס מאנאטע און דיא נאכט דויערט אן ערך פון זעקס מאנאטע. דיעזע געגענדען הייסען דיא געגענדען פון זיד פאָל. געלערנטע מענשען זיינען געפאהרען אויס פארשען דיעזע קאלטע געגענדען אום צו וויסען, וואס דאָרט טהוט זיך. דיא געאָגראפיע, אדער דיא וויסענשאפט פון דער ערד בעשרייבונג, ערקלערט פאר וואס אין ביידע זייטען פון דער ערד, אין צפון און אין דרום איז קאלט און אין דער מיט'ן, אויפ'ן עקוואטאָר, איז הייס. אונזערע ערצעהלונג שטעלט פאָר א רייזע אין דיא קאלטע געגענדען פון צפון זייט, אדער דער נאָרד פאָל.

— א בריעף! א בריעף! האט מען אנגעהויבען צו שרייען פון אלע זייטען.

אלע האבען זיך אומגעקוקט מיט שטוינען. פון וואנען האט דער הונד גענומען דעם בריעף? איז דער קאפיטאן דא אויפ'ן שיף? פאר וואס זעהט מען איהם ניט? די מאטראזען האבען זיך שטארק דערשראקען: עפּעס ליעגט טאקע א רוח אין הונד.

— קאפיטאן! קאפיטאן! האט דער דאקטאר גערופען דעם הונד, גיב מיר דעם בריעף.

דער הונד האט זיך אבער אויף איהם ניט אומגעקוקט. ער האט געוואלט ארויס רייסען דעם בריעף ביים הונד פון די צעהנער; דער הונד אבער איז געווארען בייז און איז אוועק פון איהם.

— קאפיטאן, גיב מיר דעם בריעף, האט שאנדאן געזאגט.

דער הונד איז צו געשפרונגען צו איהם און האט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף, דערביי האט ער געגעבען דריי ביל. שאנדאן האט גענומען דעם בריעף און האט איהם מורא געהאט צו עפענען. ער איז אויך געווען איבערראשט און ערשטוינט. אויפ'ן בריעף איז ניט געווען קיין פּאסט מארקע, די אדרעסע איז געווען אנגעשריעבען קלאָר און דייטליך: צום ערשטען אפיציער פון דער בריג „פאָרוואַרד“, ריטשארד שאנדאן.

— וואס טראַכט איהר אזוי לאנג? האט דער דאקטאר אויסגערופען. עפענט אויף דעם בריעף און לאָמיר זעהן, וואס דאָרט שטעהט.

שאנדאן האט געעפענט דעם בריעף, אין איהם איז געווען אונטערשריעבען נור דריי שורות. וויא עס ווייזט אויס, האט דער קאפיטאן ניט ליעב געהאט פיעל צו שרייבען.

„פאהרט ארויס אין דאס אירלאנדישע מעער, פון דאָרטען — קיין באפינס ביי, פון דאָרטען קיין מעלוויל ביי; ווען דער קאפיטאן וועט ניט זיין אויפ'ן שיף, זאָלט איהר ווייטער פאהרען קיין נארדען.

דער קאפיטאן פון „פארוואַרד“ .K. Z.“

שאנדאן האט צונויפגעלעגט דעם בריעף און האט געהייסען פאהרען. יעצט ווייס ער שוין וועניגסטענס די נעמען פון די געגענדען, וואוהין ער דארף פאהרען. אין א קורצע צייט ארום האט זיך די „פארוואַרד“ געדרעהט צווישען די גרויסע און קליינע שיפען פון'ם פּאָרט פון ליווערפּול. די מענשען, וואס זיינען געשטאנען אויף די דאקס האבען געגריסט און האבען געוואונשען גליק אויף די רייזע. די דאמען האבען געמאכט מיט זייערע טאשענטיכער, די מענער האבען געהויבען אין דער הויך זייערע היטע. באלד איז צוגעקומען א פילאט אין האט ארויסגעפיהרט די „פארוואַרד“ פון'ם טייך מערסיי, וועלכער געהט אין ליווערפּול, אין אירלענדישען מעער; פון דאָרט האט ער זיך אומגעקעהרט קיין ליווערפּול און די „פארוואַרד“ האט זיך געגליטשט לוסטיג און פרעהליך איבער די וועללען פון'ם ים.

4טעם קאפיטעל.
אויפ'ן וועלט-מעער.

דיאווינטען האבען זיך אלע מאל געענדערט. אין אפריל איז דאס אירלענדישער מעער זעהר אונרוהיג; דיא פארוואַרד אבער איז זיך געגאנגנען איהר וועג און איהרע מאשינעריי האט געארבייט פּאַרטרעפליך. באלד זיינען דיא נעבעליגע ברעגעס פון ענג־לאנד פארשוואונדען, פון דערווייטענס האט מען נור געזעהן איינינע בערג־שפּיצען פון אירלאנד, באלד אבער זיינען זיי אויך פערשוואונדען און מען האט מעהר ני־ט געזעהן, וויא הימעל און וואסער.

דיא מאטראָזען זיינען געוואָרען פרעהליך און האבען געארבייט פלייסיג און לוסטיג. פרעהליבער פון אלעמען איז געווען דאָקטאר פולמאן, ער איז ניט אַראָפּגע־גאנגען פון דעק. ער איז ארומגעלאפען אויפ'ן שיף הין און הער, ער האט געשלונגען דיא מעער־לופט, האט גערעדט און געשפּאסט מיט דיא מאטראָזען און מי־ט דיא אָפי־ציערען, האט זיי געהאָלפען ארבייטען, איז געשטאנען אויף דער וואך און האט זיך ניט געקענט אנזעטען מיט'ן מעער.

— אך, וויא גרויסארטיג, וויא הערליך, וויא שעהן, וויא פּראַכטפאָל איז דאס מעער! האט ער אויסגערופען איין מאל נאכ'ן אנדערן. מיין גאנצעס לעבען־לאנג האב איך געגאַרט צו פאהרען אויפ'ן מעער, זיך בעקענען מיט'ן מעער, צו שטודירען דאס מעער און ערשט יעצט האט זיך מיר פאַרגעשטעלט אזא געלעגענהייט. עס איז שוין צוואר אביסעל שפּעט; אבער צו לערנען איז קיין מאל ניט שפּעט. איך וועל יעצט אנהויבען צו פיהרען א נייעס לעבען, א פרעהליכעס לעבען—דאס לעבען פון א מענשען, וואס איז בעקאנט מיט'ן מעער.

— איהר האט רעכט, דאָקטאָר, האט איהם דשאנסאן געזאגט. איך וואָלט אוועקגעגעבען אלע לענדער און אלע קעניגרייכע פון דער וועלט פאר איין שטיקעלע מעער. מען זאגט, אז דיא מאטראָזען ארבייטען זיך שנעל אויס, און ווערען מיעד. דאס איז א ליגען, איך פאהר שוין דרייסיג יאהר ארום אויפ'ן מעער און פיהל מיך געזונד און צופריעדען נור ווען איך בין אויפ'ן מעער. איהר ווייסט גאר ניט, דאָקטאָר, וואס פאר א פערגנניגען עס איז פאר מיר, ווען איך פיהל, אז אונטער מיינע פיס געפינט זיך א גוטעס, שטארקעס שיף. דיא „פארוואַרד" איז איינע פון דיא בעסטע שיפען, אויף וועלכע איך בין געפאהרען אין מיין לעבען.

— דיא „פארוואַרד" איז א פּאַרטרעפליכעס שיף, האט שאנדאן געזאגט. איך מוז אייך זאגען, אז זא פיעל מיר איז בעקאנט, איז נאך קיין שיף, וואס איז געפאהרען אויפ'ן אייז־מעער, ניט געווען אזוי גוט געבויט און אזוי גוט פארזארג־ט מיט אלעס נויי־טיגען, וויא דיא „פארוואַרד". איך ווייס, אז צוריק מיט דרייסיג יאהר, ווען דער ענג־לישער קאפּיטאן ראָס איז געפאהרען זוכען א וועג איבערן אייז־מעער....

— אויף דעם שיף „וויקטאריא", איז איהם דער דאָקטאר אריינגעפאלען אין דיא רייד. דאס שיף איז ניט געווען גרעסער פון דער „פאַרוואַרד" און איז אויך געגאנגען אויף דאמפף.

— פון וואנען ווייסט איהר עס אַלעס, דאָקטאָר? האט שאנדאן איהם געפרעגט

מיט א געלעכטער. האט איהר דען מיט דער מעדייצין אויך געלערנט דיא וועלט־בע־שרייבונג?

— געוויס! האט געענטפערט דער דאָקטאָר. מיינט איהר, אז א דאָקטאָר דארף נור קענען טאפּען דעם דופק און מאכען קליסטירען? א דאָקטאָר דארף אלעס וויסען. איך קען אייך אלעס דערצעהלען איבער דיא רייזע פון קאפּיטאן ראָס איבערן איידמעער. דיא „וויקטאריא" איז געוועזן א שוואַכעס שיף, איהר מאשין האט ניט געטויגט, ווייל דיא דאמפּפשיפען האט מען ערשט ניט לאנג אויסגעפונען. אין 1807 האט דער אמע־ריקאנער ראָבערט פולטאן אויסגעבוט דאס ערשטע דאמפּפשיף, מיט וועלכער ער איז געפאָרען נור אויפ׳ן טייך הודזאן פון נויאָרק קיין אלבאני; אין 1825 איז דאס ערשטע דאמפּפשיף געפאהרען פון לאָנדאָן קיין אינדיען. קאפּיטאן ראָס איז ארויסגעפאהרען אין 1829. זיין דאמפּפשיף „וויקטאָריא" איז געוועזן אזוי שלעכט און אזוי שוואך, אז אין א יאהר ארום, אין 1830, האט ער זיא געמוזט אין גאנצען אוועקוואַרפען און האט זיך גאנצע דריי יאהר ארומגעדרעהט אויפ׳ן איידמעער און אויף דיא אינזלען, וואס געפינען זיך אין איהם אויף קליינע שיפלעך, וועלכע ער אליין האט געמאכט.

— אָבער, דאָקטאָר! האט שאנדאן אויסגערופען. איהר זייט דאך א געלערנטער שיפס־קאפּיטאן. איהר געדענקט דאך אויס׳ן־נוועניג דיא גאנצע רייזע פון קאפּיטאן ראָס!

— ניט נור פון קאפּיטאן ראָס, האט דער דאָקטאר געענטפערט, איך האב אויס־שטודירט אלע רייזע בעשרייבונגען אויפ׳ן אייז מעער. ווילט איהר, וועל איך אייך דער־צעהלען פון דיא רייזען, וועלכע עס האבען געמאכט דיא ענגלענדער, פּאַרי, בינימין פראנקלין און מעק קלינטאק; דיא אמעריקאנער קענעדי און קעין; דיא רוסען בעהרינג בערענץ; דיא פראנצויזען —

— אָבער, דאָקטאָר, ווען איהר זייט יא אזוי בעקאנט מיט אלע רייזען אויפ׳ן אייז מעער, קענט איהר אונז געוויס זאגען, וועלכע רייזע איז בעסער געלונגען און ווער עס איז געוועזן דער בעסטער קאפּיטאן.

— דאס קען איך אייך אויך זאגען, האט געזאגט דער געלערנטער דאקטאר. דער בעסטער קאפּיטאן איז געוועזן מעק קלינטאק. זיין שיף „פאָקס" האט געהאט א גוטע מאשין, וויא אונזערע, ער איז אויך געפאהרען אויפ׳ן בעסטען און זיכערסטען וועג. אין 1857 איז דיא „פאָקס" איינגעפראָרען געוואָרען אין אייז און האט זיך ניט געקענט ריהרען. ער האט זיא איבערגעלאָזען אין אייז און איז מיט זיינע מענשען געגאנגען צו פוס איבערן אייז מעער, ביז זיי האבען געטראָפען א שיף, וועלכע האט זיי א היים גע־נומען.

— איך מיין, אז מיר וועלען האבען מעהר גליק פון קאפּיטאן מעק קלינטאק, האט דשאנסאן געזאגט. אונזער „פאָרווארד" איז שטארקער געבויט פון׳ם „פאָקס", מיר האבען בעסערן פּראוויאנט און זיינען בעסער פערזארגט מיט אלעס נייטיגען.

— יא, ווען דער קאפּיטאן זאל זיין אויפ׳ן שיף, האט געזאגט דשעמס וואלל, דאן וואָלטען מיר געוואוסט, וואוהין צו פאהרען; אהן א קאפּיטאן אבער איז זעהר שווער.—

— דער ווייל ווייסען מיר דאך, וואוהין צו פאהרען, האט שאנדאן געענטפערט. וויא קורץ דער בריעף איז, וועלכען דער קאפּיטאן האט מיר געשריעבען, ניט ער אונז

דאך א שטרענגען בעפעהל, וואוהין צו פאהרען אויף א גאנצען מאנאט, דאן וועט דיער זער געהיימניספאלער קאפיטאן —

— אונזער קאפיטאן ווארט ערגעץ אויף אונז, האט דער דאָקטאָר געזאגט. אנדערש קען איך עס מיר ניט ערקלערן. ער שרייבט אין זיין בריעף, וואס פאר א וועג מיר זאלען פאהרען, ער שרייבט אבער ניט, וואוהין דער פארווארד איז בעשטימט. אויפ'ן גאנצען וועג, וואס ער שרייבט, מיר זאלען פאהרען, זיינען ניטא קיין פאָסטען און קיין טעלעגראפען, ער קען אונז קיין בריעף ניט צושיקען; ער ווארט אויף אונז געוויס ערגעץ אין גרענלאנד. ער איז אהין געקומען אויף א דענישע שיף, האט דאָרט אויפ־געקויפט ביי דיא איינוואָינער פון יענע געגענד פעלצען און הינד. איהר ווייסט דאך זעהר גוט, אז אויף א רייזע אויפ'ן אייז־מעער מוז מען האבען הינד. ווען דאס מעער איז ארום און ארום פארפרארען, שפאנט מען איין דיא הינד אין קליינע שליטעלעך און מען פאהרט ארום זוכען א וועג, אדער דיא וואָינונגען פון דיא עסקימאָסען — א ווילדעס פאָלק, וועלכעס וואָינט אין דיעזע קאלטע געגענדען —, ביי זיי קען מען קויפען פיש און פעל פון חיות. איך בין פעסט איבערציינט, אז אין א שעהנעם פריהמארגען, וועט אונזער געהיימניספאָלער קאפיטאן ארויפגעהן אויפ'ן שיף און וועט אנהויבען צו קאָמאנדירען.

— מעגליך, אז עס וועט אזוי זיין, האט געזאגט שאנדאן קאלט. איך גלויב עס אבער ניט; איך גלויב גאר ניט, אז מיר וועלען אמאל האבען א קאפיטאן.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען און האט געגעבען בעפעהלע דיא מאטראזען.

— איהם ווילט זיך זעהר זיין קאפיטאן פון'ם „פארווארד", האט דער דאָקטאָר געזאגט צו דשאנסאן. איך האב מורא, אז מיר וועלען שפעטער, ווען מיר וועלען שוין זיין אין אייז־מעער, האבען פון איהם אונאנגענעהמליכקייטען.

דעם אנדערן טאג האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער שטורם, אלע אויפ'ן שיף זיינען געווען זעהר שטארק בעשעפטיגט, ריטשארד שאנדאן איז געשטאנען אויפ'ן פלאץ פון קאפיטאן און האט מיט א הויכער פעסטער שטימע געגעבען זיינע בעפעהלע. נור דאקטאָר פולמאן האט ניט געהאט וואס צו טהאן. ער איז ארומגעגאנגען אויפ'ן דעק, האט זיך אבער ניט געקענט נעהמען צו קיין שום ארבייט. עס האט געוואָרפען מיט'ן שיף, וויא מיט א שאָלעכ'ן פון א נוס.

דאמאלס האט שאנדאן געהאט דיא געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט זיינע מאטראזען, ער האט דאמאלס איינגעזעהן, אז דשעמס וואלל איז א גוטער מאטראָז. ער טהוט אלעס, וואס מען הייסט איהם; אבער אליין עפעס אויפטהאן, אליין זיך אויסהעלפען אין א נויט, קען ער נים. ער האט איינגעזעהן, אז ער האט געמאכט א פעהלער, וואס ער האט איהם געמאכט פאר'ן צווייטען אָפיציער, ער קען נור זיין דער דריטער. דער צווייטער אָפיציער מוז שוין אליין וויסען, וואס צו טהאן אין א נויט. ער מוז זיך וויסען אליין אויסצוהעלפען, ניט ווארטען, ביז מען וועט איהם זאגען.

דשאנסאן דאנגען, דער דריטער אָפיציער, האט זיך אין דיעזען שטורם בעזאָנ־דערס אויסגעצייכענט אלס א טיכטיגער, געאיבטער און פעהיגער מאטראָז. ער האט

נים געוואָרט, מען זאָל איהם הייסען עפּעס טהאן; ער האט אליין געטהאן אלעס, וואס מען האט געדארפט און וואס ער האט געטהאן איז געווען גוט און פּראַקטיש.

דיא מאטראזען זיינען אין אלגעמיין געווען פּעהיגע און ענטשלאָסענע מענער; איינינע אבער זיינען געווען אונצופריעדען, וואס מען האט זיי ניט געגעבען קיין שנאפּס. אמת, מען האט זיי דערפאר געגעבען טהעע און קאפּעע, וויא־פיעל זיי האבען אליין געוואָלט; אבער ניט אלע האבען פארגעסען אן שנאפּס.

דעם 14 אפּריל איז דיא „פּראָוואַרד“ אריבער נעפאהרען דעם „גאָלף סטרים“, וועלכער פליעסט אין דיעזע נעגענד קיין אמעריקא, צו דיא אינזלען פון ניו פונדלענד און פון דאָרט דרעהט זיך אויס קיין אייראפּא און קומט ביז נאָרוועגען.

מיר מוזען היער ערקלערען איינינע פון אונזערע לעזער, וועלבע האבען קיין געאָג־ראַפיע נים געלערנט, וואס איז אזעלכעס דער „גאָלף סטרים“.

ווען מיר פאהרען אויפ׳ן מעער אין א שטילעס וועטער, זעהן מיר פאר אונז א גרויסע שטרעקע שטילעס, רוהיגעס וואסער. זא וויים אונזער אויג קען גרייכען, זעהן מיר פאר אונז רוהיגעס וואסער. מען קען מיינען, אז דאס מעער איז ניט מעהר, וויא א גאנץ גרויסע טיעפע גרוב, אין וועלכער עס האט זיך אנגעזאמעלט א גרויסע מאסע וואסער. ווען עס איז א ווינד, טרייבט דער ווינד דאס וואסער פון איין אָרט צום אנדערן; ווען עס איז אבער שטיל, שטעהט דאס וואסער אויף איין אָרט. קיינער וועט ניט גלויבען, אז אין גרויסען וועלט מעער פליעסען טייכען, אזוי וויא אויף דער ערד. איין טייך לויפט פון מזרח קיין מעריב, דער אנדערער געהט פון מעריב קיין מזרח. אבער דיא מענשען, וואס זיינען פיעל געפאהרען אויפ׳ן מעער, ווייסען עס גאנץ גוט און קענען שוין אלע טייכען, וועלכע פליעסען אין דער מיט פון׳ם וועלט מעער און וואוהין זיי לויפען.

אזוי וויא דאס וועלט מעער איז זעהר גרויס, זיינען דיא טייכען פון׳ם וועלט מעער אויך פיעל גרעסער פון דיא טייכען, וואס פליעסען אויף דער יבשה. שטעלט אייך פאָר, אין דער מיט פון׳ם מעער, אין דער מיט פון׳ם שטילען וואסער פליעסט א טייך פון פופציג און הונדערט מייל דיא ברייט און טראגט זיין וואסער אין א געוויסע ריכטונג. דאס וואסער פון׳ם טייך מישט זיך נים אויס מיט׳ן וואסער פון׳ם מעער. עס מעג זיין דער גרעסטער שטורמווינד, פליעסט זיך דער טייך זיין וועג, פונקט וויא א טייך אויף דער יבשה געהט זיך זיין וועג און קימערט זיך ניט, וואס אויף דער ערד איז א שטאַר־קער ווינד. דער אונטער שיעד איז נור, וואס א טייך אויף דער יבשה פליעסט צווישען ברעגעס פון ערד און שטיינער; דיא טייכען אבער אין מעער פליעסען צווישען ברעגעס פון וואסער, פון ביידע זייטען טייך איז דאס וואסער פון׳ם מעער.

אנאנדערע מערקווירדיגע ערשיינונג שטעלען פאר דיא טייכען פון׳ס מעער. אין איינינע פון זיי פליעסט גאנץ קאלטעס וואסער. דאס וואסער פון׳ם מעער קען זיין ווארם, דאס וואסער פון׳ם טייך איז אייז קאלט. אנדערע טייכען ווידער זיינען ווארם, זאָגאר היים. דאס וואסער אין מעער איז אייז קאלט און דאס וואסער פון׳ם טייך איז גוט ווארם.

איינער פון דיא גרעסטע טייכען אין מעער וועלכען מען קען זעהר גוט און מען

האט איהם זעהר גוט אויסשטודירט, איז דער גאָלף סטרים, ער איז אין איינינע ערטער צוויי הונדערט מייל ד״א ברייט, אין אנדערע ערטער אבער נור צוואנציג מייל דיא ברייט, און ביז טויזענד פוס דיא טיעף. דאס וואסער אין גאָלף סטרים איז שטארק ווארם, זאָגאר הייס. ער הייבט זיך אן אין מעקסיקאנישען מעער, שטרעמט דורך דעם אטלאנ־טישען וועלט מעער, רינגעלט ארום ענגלאנד און אנדערע אייראָפּעאישע לענדער און קומט צו ביז נאָרוועגען.

דער גאָלף סטרים איז זעהר א ניצליכער טייך. אין ענגלאנד וואָלט געדארפט זיין זעהר קאלט, וייל ענגלאנד ליעגט וייט אין נאָרדען, — עס ליעגט כמעט אזוי וייט, וויא מאָסקווא און דענאך איז ענגלאנד אזוי ווארם, אז איינינע בוימער וואקסען דאָרט א גאנץ יאהר; אין מאסקווא אבער איז עס קאלט. דיא אורזאכע דער פון איז, וואס ארום ענגלאנד געהט דער גאָלף סטרים און ווארמט עס אן. מען קען זאגען, אז דער „גאָלף סטרים" בעהייצט ענגלאנד מיט סטים. מאָסקווא אבער ליעגט וייט פון'ם מעער און האט ניט קיין סטים הייצער, דערפאר איז מאסקווא אזוי קאלט. עס זיינען דא נאך פיעלע אנדערע לענדער, וועלכע דער „גאָלף סטרים" ווארמט אן און בעהייצט זיי מיט סטים און — אלעס אומזיסט, ער נעהמט ניט א סענט ביי קיינעם.

עס זיינען אבער דא קאלטע טייכען, אין וועלכע דאס וואסער איז קאלט וויא אייז. דאס וואסער פון'ם מעער ארום איז ווארם און דער טייך בלייבט קאלט און טרייבט זיינע אייז קאלטע וועללען ביז אין דיא גאנץ ווארעמע לענדער, וועלכע ער קיהלט אָפּ.

נאך א מערקווירדיגע ערשיינונג שטעלען פאר דיעזע מעער טייכען, אדער, וויא דיא געלעהרנטע רופען זיי, מעער שטרעמונגען. דיא פיש און דיא אנדערע מעער טהיערע, וועלכע געפינען זיך אין זיי, זיינען פערשיעדען פון דיא פיש און דיא טהיערע, וועלכע געפינען זיך אין מעער לעבען דיא טייכען. טיכטיגע מאטראָזען און געאיבטע פייטער דערקענען און אונטערשיידען דיא פיש פון'ם מעער פון דיא פיש פון'ם „גאָלף סטרים".

אבער ווער זיינען דיעזע טייכען? פון וואנען קומען זיי? וואס איז דיא אורזאכע פון דיעזע שטרעמונגען? — אויף דיעזע פראגען איז ניט אזוי לייכט צו ענטפערן. איך וויל מיך בעמיהען צו געבען א גאנץ קורצע ערקלערונג; דער פלאץ ערלויבט מיר ניט לאנגע ערקלערונגען צו מאכען.

אלזא, אביסעל אויפמערקזאם, מיינע לעזער, דאן וועל איך פאָרט זעצען אונזער רייזע צום אייזמער. ווער פון אייך האט ניט בעמערקט, ווען מען שטעלט קאָכען א טאָפּ מיט וואסער און מען שטעלט דעם טאָפּ מיט איין זייט צום פייער, דאס וואסער הויבט אן צו זיעדען, עס הויבט אן צו פליעסען און צו שטרעמען פון דער זייט פון'ם טאָפּ, וועלכע שטעהט צום פייער, צו דיא אנדערע זייט, וועלכע איז וייט פון'ם פייער; קוקט אייך בעסער צו צום וואסער אין טאָפּ, וועט איהר זעהן, אז פון אויבען פליעסט דאס וואסער און שטרעמט פון דער הייסער זייט אין דער קאלטער און פון אונטען דרעהט זיך עס אויס און לויפט צוריק פון דער קאלטער זייט צו דער הייסער. דיעזעלבע ערשיינונג קומט פאָר אין וועלט מעער. אין דיא הייסע געגענדען, אויפ'ן עקוואטאָר,

ברענט דיא זוהן שטארק און ווארמט אן דאס וואסער אין מעער, עס הויבט אן צו שטרעמען און צו פליעסען פון דיא הייסע געגענדען אין דיא קאלטע.—אויף דיזע ארט ענטשטעהן דיא הייסע טייכען, אדער דיא הייסע שטרעמונגען אין מעער. ווען דאס הייסע וואסער פליעסט אוועק פון דיא הייסע געגענדען, ווערט דאס מעער לעדיג און טייכען פון קאלט וואסער פון דעם נארד פאל און זיד פאל שטרעמען און פליעסען אין דיא הייסע געגענדען.

דיא טייכען אין וועלט מעער זיינען אויך זעהר ניצליך פאר דיא שיפען. ווען דיא שיף קומט אריין אין טייך, וואו דאס וואסער שטרעמט זעהר שטארק, געהט דיא שיף שנעלער. זא, צום ביי שפיעל, פלעגט אמאל דויערן דיא רייזע פון לאנדאן קיין סידניי, אין אויסטראליען 260 טאג. היינט, אז מען וויים וויא אזוי צו פאהרען אויף דיא טייכען אין מעער, דויערט זיא נור 180 טאג.

לאמיר זיך אומקעהרען צו אונזערע רייזענדע אויפ׳ן שיף „פארווארד“. דעם 14טען אפריל זיינען זיי ארויס געפאהרען פונ׳ם „גאלף סטרים“ און זיינען געפאהרען אין געוועהנ־ליכען מעער וואסער. דאס וועטער האט אנגעהויבען קאלט צו ווערן, דאס טהערמאמעטער האט געוויעזען 4 גראד קעלט, דיא מאטראזען האבען ארויס גענומען זייערע ווינטער קליידער, ווארעמע לעדערנע לייבלעך און לעדערנע הויזען. דאקטאר פולמאן האט אנפאנגס ניט געוואלט אנערקענען, אז דעם 14 טען אפריל זאל זיך שוין אנהויבען ווינטער. ער האט פראבירט שפאציערען אויפ׳ן דעק אין זיינע זומער קליידער, אבער דאס אייז מעער האט איהם באלד געגעבען צו פארשטעהן — אז מ׳ט׳ן גענעראל פ ר א ס ט טאר מען ניט שפאסען. דאס אייז מעער מיט זיין שרעקליכער קעלט האט זיך געלאזט הערן פון דער וויטען, ער האט געמוזט נאכגעבען און זיך אויך אנטהאן זיינע ווינטער קליידער.

פונ׳ם 14טען ביז אין 16טען אפריל איז דאס וועטער געווען זעהר שלעכט עס איז געגאנגען א רעגען געמישט מיט שנעע. דאקטאר פולמאן האט געוואלט וויזען, אז ער האט קיין מורא ניט פאר׳ן שלעכטען וועטער, ער האט זיך ארומשפאציערט אויפ׳ן דעק אין רעגען און אין שנעע; ער איז אבער אזוי דורך גענעצט געווארען, אז ער האט אויס געוויעזען, וויא א ווילדעס מעער טהיער און דיא מאטראזען האבען פון איהם געלאכט; ער האט זיך אבער געמאכט ניט וויסענדיג און האט ניט געוואלט אריינגעהן אין זיין קאיוטע זיך אפ טריקענען.

מאנטאג דעם 16 אפריל האט געגאסען א שטארקער רעגען, דער נאך איז פלוצלונג דאס מעער גאנץ רוהיג געווארען. שאנדאן האט געפרעגט דעם דאקטאר, וויא קומט עס, וואס דאס מעער, וועלכעס איז נור וואס געווען אזוי אונרוהיג, איז פלוצלונג נאכ׳ן רעגען רוהיג געווארען?

— מיין פריינד, סקארסבי, זעהר א געלערנטער מאן פון דער ענגלישער קעניג־ליכער וויסענשאפטליכער געזעלשאפט, האט געזאגט דער דאקטאר, האט עס א מאל ערקלערט, אז ווען עס רעגענט, האט דער ווינד קיין קראפט ניט צו בעוועגען דיא וואסערן פונ׳ם מעער; ווען דיא לופט איז אבער טרוקען, האט דער ווינד דיא קראפט צו בעוועגען דיא וואסערן פונ׳ם מעער און דאס מעער איז אונרוהיג.

— אבער פאר וואס איז עס אזוי ? האט שאנדאן געפרעגט.

— דאס וויים איך ניט, האט דער דאקטאר געענטפערט רוהיג.

אין דיעזע מינוט האט דער מאַטראָז, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך, אוים גערופען:

— איך זעה א גרויסען אייז בערג! ער איז ווייט פון אונז ניט מעהר וויא פונפצעהן מייל.

דיא אָפיציערען און דער דאָקטאָר האבען ארוים גענומען זייערע פערנגלעזער (שפעקטיוועו) און זיינען ארויפגעקראָכען אויף דיא מאסט בוימער צו בעטראכטען דעם גאסט. זיי האבען זיך באלד איבערצייגט, אז דער מאַטראָז האט רעכט,— פאר זיי איז געשוואומען לאנגזאם א שטיק אייז פון עטליכע מייל דיא ברייט און עטליכע מייל דיא לענג. דיא וואָלקען זיינען פערשוואונדען און דיא זון האט געשיינט און בעלייכטעט דיא גרויסע מאסע אייז, וועלכע האט געגלענצט און געפונקעלט מיט אלע פארבען פון'ם רעגען בויגען.

— אזא ליעבען גאסט וואלטען מיר נעדאַרפט העפליך בעגריסען, האט געזאגט דער דאקטאר, איך וואלט זעהר געוואלט זיך נעהנטער בעקענען מיט איהם, איך וואלט געוואלט בעטראכטען איהם פון דער נאהענט. קענט איהר ניט צו פאהרען א ביסעל נעהנטער צו איהם, שאנדאן?

— ניין, דאָקטאָר, האט שאנדאן געענטפערט. פון א זעלבע געסט מוזען מיר אנטלויפען, וויא וויית מיר קענען. זעהט איהר דעם שטילינקען, שעהנינקען, רוהיגען אייז בערג, לאָז ער זיך נור צו ריהרען צו אונז און ער־וועט צו ברעכען אונזער שטאַרקע „פאָרוואַרד“, וויא א שווערער האמער צו קלאפט א ניסעל.

דער דאקטאָר האט גוט געוואוסט, וויא געפעהרליך דיא אייז בערג זיינען פאר דיא שיפען; עס האט זיך איהם אבער אזוי געוואלט שמודירען דיא אייז בערג, אז ער האט פארגעסען אן דיא געפאהר פון זיי.

— מיר זיינען נאך אבער גאנץ ווייט פון אייז מעער, האט ער געזאגט, וויא קומט עס, וואס מיר בעגעגענען שוין אייז בערג ?

— דאס וואונדערט אייך, געלערנטער דאקטאר? האט געלאכט שאנדאן. יעצט זעה איך ועניגסטענס, אז עס זיינען דא זאכען, וואס איהר ווייסט ניט.

— געוויס זיינען דא זעהר פיעל זאכען, וועלכע איך פארשטעה נים, האט דער דאָקטאָר געענטפערט. אבער פון אייזבערג אין דיעזע געגענדען וויים איך זעהר פיעל. אין 1813 האט דיא בריג „אננא פאול“ בעגעגענט זעהר פיעל אייזבערג און אייזפעלדער ניט ווייט פון ענגלאנד; זיא האט זיך דורכגעשלאגען דורך זיי מיט גרויסע שוועריגקייטען; איהר קאפיטאן דיומאנט האט פארשריעבען אין טאגעבוך פון'ם שיף, אז אין דריי טאג האט ער איבערגעצעהלט ניט וועניגער פון פינף און אכציג אייזבערג און אכט און צוואנציג אייזפעלדער.

— גראסארטיג, דאָקטאָר! איהר ווייסט טאקע פון פיעל זאכען. פיעלייכט ווייסט איהר נאך עפעס?

— נעווים! דעם ערשטען מערץ 1818 איז דאס ענגלישע קריעגסשיף „דהי פליי" אריינגעפאהרען צווישען צוויי גרויסע אייזבערג. עס איז געוועזען א געדיכטער נעבעל און דער מאטראָז, וואס איז געשטאנען אויף דער וואַך, האט זיי ניט בעמערקט, דאס שיף איז געוועזען אין דער גרעסטער געפאהר; צום גליק, איז דאס מעער, דאמאלס געוועזען גאנץ רוהיג, דער קאפיטאן האט באלד קאָמאנדירט: „צוריק!" און דאס שיף איז גליקליך אוועק פון דיא אייז־בערג.

— בראַוואָ, דאָקטאָר! האט שאנדאן אויסגעשריען בעגייסטערט. איהר זייט דאָך א גאנצע קוועלע פון קענטניסע איבער רייזע־בעשרייבונגען, מען דאַרף נור אראָפּ־לאָזען אין עמער, און שעפּען, וויא־פיעל מען וויל.

— אז איהר וועט צופיעל שעפּען, וועט איהר מיך באלד אויסשעפּען, האט געלאכט דער דאָקטאָר. אלזאָ, שעפט ניט צופיעל. זעהט בעסער, פיעלייכט וועלען מיר דאָך קענען בעטראכטען אונזער אייז־בערג אביסעל נעהענטער. איך האב געלעזען זעהר פיעל פון דיא הערליכען אייז־בערג, איך זעה זיי אבער צום ערשטען מאל און וויל זעהר מיך מיט זיי בעקענען.

— האט צייט, דאקטאר, מיר וועלען נאָך בעגעגענען אזוי פיעל הערליכע אייז־בערג, אז איהר וועט קענען זיי בעטראכטען, שטודירען, אויסלערנען און מאכען פון זיי, וואס איהר וועט וועלען; איך ראטה אייך אבער צו האלטען זיך פון זיי אביסעל פון דער ווייטען, ווייל זיי זיינען שטענדיג זעהר שלעכטע און זעהר געפעהרליכע שכנים.

אונטערדעסען איז דשאנסאן צוגעקומען צו שאנדאן און האט איהם געזאגט:

— ווען מיר ווילען דעם צוואַנציגסטען אפּריל זיין לעבען גרענלאנד, מוזען מיר פאהרען אביסעל שנעלער. ביז אהער האבען מיר דעם דאמפף זעהר וועניג בענוצט, ווייל מיר האבען זיך ניט געאיילט; יעצט אבער ווען מיר קומען נאָהענט צו גרענלאנד, הייבען זיך אן דיא קאַלטע טייכען און מיר וועלען מוזען פאהרען ארויף וואסער; דאס וועט אונז מאכען פיעל שוועריגקייטען. מיר מוזען דאהער פון יעצט אן בענוצעןביידע זאכען: דעם דאמפף און דיא זעגעל.

— איהר האט גאנץ רעכט, דשאנסאן. פון יעצט אן הויבט זיך ערשט אן אונזער רייזע און מיר מוזען זיין זעהר פארזיכטיג.

ער האט געגעבען א בעפעהל צו דיא אינזשענירען, אז זיי זאלען איינהייצען דיא קעסלען און דאס שיף זאל אנהויבען צו געהן אויף דאמפף.

אין פרעהליכע אונטערהאלטונגען און א קאַלטעס, אבער קלארעס וועטער האט זיך געענדיגט דער 16 אפריל.

5טעס קאפּיטעל.

דער גרויסער קאַלטער טייך.

דער 17טער אפּריל איז ווידער געוועזען א שעהנער טאג. דיא „פארווארד" איז געגאנגען שנעל אויף דאמפף און מיט אלע זעגלען אויסגעשפּאנט. עס האבען זיך געוויזען איינציגע פייגעל, וועלכע געפינען זיך נור אין יענע קאַלטע געגענדען; – דאס איז א צייכען, אז לאנד איז נאָהענט. דיא מעער־פייגעל געהערען זיך געוועהנליך פון פיש; זיי מאכען אבער זייערע נעסטע אויף א אינזעל, דאָרט זוכען זיי אויס אן אָרט, וואס

איז פארשטעלט פון דיא קאלטעווינטען, געוועהנליך א הייל, אדער א שפאלט אין א שטיין, דאָרט מאכען זיי זייערע נעסטע, לעגען אייער און בריטען אויס זייערע קינדער. דער „פארווארד" איז צוגעקומען צו דער אינזעל גרענלאנד אין אמעריקא.

דער מאטראָז, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך האט געמעלדעט, אז ער זעהט פון דער־ווייטענס אייז. אלע האבען אנגעהויבען צו קוקען אין דער זייט, וואו דער מאטראָז האט אנגעוויעזען. דיא אפיציערען און דער דאקטאר האבען געקוקט דורך זייערע פערגרעסערגלעזער און האבען געזעהן א גאנץ ברייטען קלאר־ווייסען פאס. דיא אלטע און געאיבטע מאטראָזען האבען באלד דערקענט, אז דאס זיינען דיא ברעגעס פון גרענלאנד, וועלכע זיינען שטענדיג בעדעקט מיט אייז.

איך ווייס, אז פיעלע פון מיינע לעזער הערען פון דעם מערקווירדיגען אינזעל גרענלאנד צום ערשטען מאל און איך וויל זיי געבען אייניגע ערקלערונגען איבער גרענלאנד.

גרענלאנד איז א גרויס אינזעל אין איידמעער. עס געהערט צו דענעמארק און האט אן ערך פון צעהן טויזענד איינוואָינער און צוואר ניין טויזענד פינף הונדערט עסקימאָסען און פינף הונדערט אייראפעער. דיא עסקימאסען א האלב ווילדעס פאָלק, זיינען דיא איינגעבארענע איינציגע איינוואָינער פון דיא קאלטע לענדער. זיי זיינען קליין געוואקסען, אבער גאנץ שטארק און געשיקט. זיי וואָינען אין הייזער אויסגעגראבען אין דער ערד און בעדעקט מיט ערד. זיי נעהרען זיך פון פיש, זעע הינד און אנדערע זעע־טהירע, וועלכע זיי פאנגען אין דעם קורצען זומער; דאס הייסט, אין דער קורצער צייט, ווען דאס מעער איז ניט שטארק פארפרארען. אויף גרענלאנד וואקסען שוין קיין ביימער ניט, עס איז צו קאלט פאר זיי און דיא איינוואָינער װאלטען ניט געהאט קיין האלץ מיט וואס צו הייצען און מיט וואס צו בויען זייערע ארימע הייזלעך אין דער ערד; דיא נאטור אבער האט זיך געזארגט דער פאר אויך. דאס מעער אין יענע געגענדען ברענגט אן אזוי פיעל קלעצער און ביימער און ווארפט זיי ארויס אויפ'ן ברעג, אז עס איז גענוג פאר דיא איינוואָינער צו הייצען און צו בויען זייערע קליינע שיפלעך און זייערע הייזער. מערקווירדיג זיינען דיא שפייזען פון דיא עסקימאזען. זיי עסען אזוי פיעל שמאלץ פון פיש און זעע הינד, אז מיר אייראפעער קענען עס ניט בעגרייפען. ווען זיי האפען א זעע הונד, שינדען זיי אפּ דיא פעל און שניידען אויס גרויסע שטיקער שמאלץ, וועלכע זיי פארשלינגען רויערהייט. דער שטינקענדער פיש טראן, וועלכע מיר אייראפּעער קענען זאגאר דעם גערוך ניט הערן, איז ביי זיי א דעליקאטעסע. דאס פלייש פון דיא זעע הינד, אדער פון דיא וואלפיש, קאכען זיי אויף פאלגענדער ארט: זיי צו לעגען א פייער און ווארפען אין איהם אריין הייסע שטיינער, דאס פלייש פון דיא זעע הינד לעגען זיי אריין אין א הילצערנער שיסעל מיט אייז אדער מיט שנעע. ווען דיא שטיינער ווערן צו גליהט, ווארפט מען זיי אריין אין שיסעל מיט אייז און מען דעקט צו דיא שיסעל מיט א פעל פון א ווייסען בער, אדער אנאנדערער חיה, וואס געפינט זיך אין יענע קאלטע געגענדען. אין אייניגע מינוטען ארום איז דאס עסען פארטיג. ווען דער עסקימאָס האט וואס צו עסען, עסט ער אזוי פיעל, אז דיא אייראפעער, וואס האבען עס געזעהן, האבען געשטוינט, וואו קען אזוי פיעל אריינגעהן;

דערפאר אבער ווען ער האט ניט וואס צו עסען, קען ער פאסטען עטליכע טעג נאכ־אנאנדער און עס הארט איהם ניט.

אזוי וויא גרענלאנד איז ניט ווייט פון אייראפא, איז גרענלאנד שוין לאנג געווען בעקאנט דיא אייראפעער. אין 1723 איז א דענישען מיסיאָנער, האנס עגעדע, געקומען אין קאָפ דער געדאנק צו פאהרען קיין גרענלאנד פרעדיגען דיא עסקימאסען דאס קריס־טענטהום. ער האט געגרינדעט א קליינע קאלאניע פון דענעמארקער, וועלכע האבען זיך דארט בעזעצט און פיהרען האנדעל מיט דיא עסקימאזען. זיי קויפען אָפּ ביי זיי דיא פעל פון חיות און גיבען זיי דערפאר אייראפעאישע סחורות, בעזאנדערס אייזען וואארען, וויא מעסערס, העק, זעגען, נעגעל, נאדלען, שעערען און דערגלייכען.

איידער דיא אייראפעער זיינען געקומען קיין גרענלאנד, האבען דיא עסקימאזען ניט געוואוסט פון קיין אייזען. אלע זייערע ווערקצייג זיינען געווען פון שטיין, אדער פון דיא ביינער פון פיש און חיות.

צווישען גרענלאנד און אמעריקא געפינט זיך א שטיק ים, וועלכעס הייסט „דיא דייוויס שטראסע". וועלכעס ענדיגט זיך אין א בוכטע, אָדער ביי מיט'ן נאמען „באַ־פינס ביי". פון 1523 ביז אין דער לעצטער צייט איז אויפגעשטעלט געווארען דיא פראַ־גע, אויב מען קען ארומפאהרען אַמעריקא אויפ'ן אייז מעער אין דיעזער געגענד? דיעזע פראגע איז ניט געווען אזוי לייכט צו לעזען, ווייל דאס אייז מעער בלייבט אמאל עטליכע יאהר נאך אנאנד פארפרארען און קיין שיף קען איהם ניט דורכפאהרען. ווען עס זאל זיין א וועג ארומצופאהרען אמעריקא אין דיעזען ים, וואלט מען פון ענגלאנד קיין סאן־פראַנציסקא געקענט פאהרען אין 30 טאג; יעצט געדויערט דיעזע רייזע 180. דיא ענגלישע רעגיערונג האט אויסגעגעבען זעהר פיעל געלד אום דיעזע פראגע צו לעזען און האט ארויסגעשיקט איין עקספעדיציאן נאך דער אנדערער זוכען דיעזען וועג. אין 1845 האט זיא ארויסגעשיקט דעם בעריהמטען געלערנטען און טיכטיגען שיפס־קאפיטאן, בנימין פראנקלין מיט 2 שיפען. ער מיט זיינע שיפען, מיט אלע זיינע מאטראָזען און אָפּי־ציערען זיינען פארפראָרען געווארען אין דיעזע קאלטע געגענדען. דיא ענגלישע רעגיערונג האט ניט געזשאלעוועט קיין געלד און האט ארויסגעשיקט איין שיף נאך דער אנדערער זוכען בנימין פראנקלין מיט זיינע מענשען. ענדליך אין 1859 האט דער שיפס־קאפיטאן מעק קלינטאָק אויסגעפונען דיא גאנצע עקספעדיציאָן. אלע זיינען אויסגעשטארבען פאר הונגער און פאר קעלט.

אלע דיעזע ערקלערונגען זיינען נייטיג פאר אונזער ווייטערע ערצעהלונג, צו וועל־כער מיר וועלען זיך יעצט אומקעהרען.

דעם 18 אפריל האט דיא „פארוואַרד" בעגעגענט א קאלטען טייך, בעדעקט מיט קליינע שטיקלעך אייז, וויא עס געהט אויף יעדען טייך, איידער ער ווערט פארפראָרען. דיא „פארוואַרד" איז אריינגעפאהרען אין אייז און האט זיך דורכגעארבייט זעהר לייכט. אום דריי אוהר נאך מיטאג האט מען דערזעהן א שיף. מען האט זיך צוגעקוקט און דערזעהן, אז דאס איז דאס דענישע שיף „וואלקיריען", וועלכעס איז געגאנגען פון גרענ־לאנד קיין אמעריקא. אזוי וויא זיי האבען גאר נישט געדארפט, האבען זיי זיך ניט אפּ־געשטעלט און זיינען געפאהרען ווייטער אין דעם ים „דייוויס שטראַסע".

דעם 19טען אפריל איז דיא „פארווארד" אריינגעפאהרען אין א קאלטען טייך, וועלכער פליעסט פון דער „דייוויס שטראסע" אין אטלאנטישען אָקעאן. דער טייך האט געשטראָמט זעהר שטארק און דיא „פארווארד" האט געמוזט בענוצען דעם דאמפף אין דיא זעגעל. עס איז געוועזן אום 10 אוהר אין דער פריה. דיא אָפיציערען און דער דאקטאר זיינען געשטאנען אויפ'ן דעק און האבען בעטראכט דיא שנעלינקייט פון'ם קאלטען טייך.

— געהט דערזעלבער קאלטער טייך אין דער „באפינס ביי" אויך? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— געוויס, האט שאנדאן געענטפערט. דיא זעגעל שיפען האבען זעהר גרויסע שוויערינקייטען צו פאהרען ענטגעגנען וואסער, ווען זיי קומען אריין אין דיעזען טייך.

— אויב אזוי, האט געזאגט דער דאקטאר, איז עס דאך א בעוויז, אז מען קען ארומפאהרען אמעריקא אויפ'ן וואסער אין דיעזע געגענדען. איך קען דאך ניט צולאזען, אז דער טייך הייבט זיך אן אין דער קליינער בוכטע „באפינס ביי". אזא גרויסער טייך מוז אנקומען פון ערגעץ גאנץ ווייט.

— דאס איז נאך קיין בעוויז ניט, האט שאנדאן געענטפערט. מעגליך, אז דיעזער טייך קומט אן ערגעץ פון'ם נארד פאל און ניט פון'ם שטילען אקעאן, וועלכער געהט ארום וועסט אמעריקא. איהר מוזט אונז ברענגען בעסערע בעוויזע, געלערנטער דאקטאר.

— איך וועל אייך געבען אנדערע בעוויזע אויך, האט דער דאקטאר געענטפערט. עס האט שוין אפט פאסירט, אז מען האט געחאפט אין אמעריקא וואלפישע מיט אן אייראפעאישען שפיעז אין לייב. דאס ווייזט, אז פישער אין אייראפא האבען אריינגעשטאכען אין וואלפיש דעם שפיעז, וועלכער האט איהם ניט גוט געטראפען. ער איז אנטלאפען געווארען קיין אמעריקא מיט'ן שפיעז אין לייב — דעם שפיעז דערקענט מען, ווייל אויף יעדען שפיעז איז אויסגעקריצט דער נאמען פון דעם שיף, צו וועלכען ער געהערט — דער וואלפיש האט ניט געקענט קומען קיין אמעריקא אויף אנאנדער וועג, ווייל דיא וואלפישע האלטען זיך אויף נור אין קאלטע וואסערן און געפינען זיך קיין מאל ניט אין ווארעמע וואסערן.

— דאס בעווייזט נאך ווייניג, האט שאנדאן געלאכט. מיר קענען נאר ניט וויסען, אויף וועלכע וועגען דיא וואלפיש געהען איבער פון איין ים צום אנדערן.

— נו, וועל איך אייך ברענגען אנדערע בעוויזע, האט דער דאקטאר געזאגט. דער קאלטער טייך פליעסט פון דער „באפינס ביי" אין אנטלאנטישען אָקעאן קיין אמעריקא און קיין אייראָפּא, — פון וואנען נעהמען זיך אין דעם קאלטען טייך אזוי פיעל קלעצער און בוימער? מען געפינט דאך אין קאלטען טייך שטיקער אייכען האלץ, נוס האלץ און אנדערע סארטען האלץ, וואס וואקסען נור אין דיא ווארעמע לענדער. פון וואנען נעהמען זיי זיך? מוזען מיר זאגען, אז עס איז דא א וועג ארומצופאהרען אמעריקא און דיעזע קלעצער און ביימער קומען אן אויף דיעזען וועג. דאס זיינען ביימער וועלכע וואקסען אין וועסט פון אמעריקא ביים ברעג ים. דיא ווינטען ווארפען זיי אריין אין ים און דיא טייכען פון'ם ים ברענגען זיי פון דער וועסט (מערב) זייט אמעריקא אין דער אסט (מזרח) זייט אמעריקא.

— דאס איז ווירקליך א בעוויז, האט שאנדאן געזאגט.

— זעהט, האט דשאנסאן אויסגערופען, אט שווימט א קלאץ. לאמיר איהם ארויס־שלעפען פון וואסער און בעטראכטען, וואס פאר א סארט האלץ דאס איז, וועלען מיר באלד זעהן, אויב דער דאקטאר האט רעכט.

ער האט באלד געהייסען די מאטראזען פארווארפען דעם קלאץ מיט שטריק און איהם ארויפשלעפען אויפ'ן דעק. אין אייניגע מינוט ארום איז דער קלאץ געלעגען אויפ'ן דעק. אלע האבען איהם בעטראכט. דאס איז געווען א גאנץ גראבער בוים פון מאהאגאני האלץ. ער איז געווען דורך און דורך צו לעבערט און צו פרעסען פון קליינע ים ווערם און מושעלן (א סארט איסטערס).

— אט האט איהר דעם בעסטען בעוויז! האט אויס־גערופען דער דאקטאר. מאהאגאני האלץ וואקסט נור אין די גאנץ הייסע לענדער, אויפ'ן עקוואטאר. וויא קומט ער אהער? פון'ם אנטלאנטישען אקעאן, אדער פון דער אסט זייט (מזרח זייט) פון אמעריקא האט ער ניט געקענט קומען אהער, ווייל די קאלטע טייכען שטרעמען פון גרענלאנד אי'ם אנטלאנטישען אקעאן, האט ער דאך ניט געקענט שווימען געגען וואסער. מיר מוזען דאהער זאגען, אז ער קומט פון דער וועסט זייט פון אמעריקא, פון'ם שטילען אקעאן. ער איז געוואקסען אין די הייסע געגענדען פון פערו, אדער פאנאמא. דער ווינט האט איהם ארייגעווארפען אין ים. ער שווימט שוין זעהר לאנג, א בעוויז, אז די ווערים פון'ם שטילען אקעאן האבען צייט געהאט איהם דורך און דורך צו לעבערן. ער איז ארומגעשוואומען גאנץ אמעריקא ביז ער איז געקומען אהער. איך וועל נעהמען פון איהם א שטיקעל פאר מיינע זאמלונג פון וואונדערזאכען פון'ם אייז מעער.

— איהר זייט ניט דער איינציגער, וועלכער האט אזא זעלטענהייט, האט שאנ־דאן געזאגט. —

— איך ווייס, איך ווייס, האט איהם דער דאקטאר אונטערבראכען. דער דעני־שער גובערנאטאר פון גרענלאנד האט א טיש, וועלכען ער האט געהייסען מאכען פון א קלאץ, וועלכען ער האט ארויסגעשלעפט פון'ם וואסער לעבען די ברעגעס פון גרענ־לאנד. ער האלט דעם טיש אלס זעלטענהייט. געוויס, ווען מיר זאלען יעצט פאהרען צוריק קיין אייראפא, וואלט איך מיר געלאזט מאכען א גאנצען סעט מעבעל פון דיזען קלאץ; אזוי וויא מיר פאהרען אבער יעצט צום נארד פאל און איך האב ניט, וואו צו האלטען קיין מעבעל, וועל איך נעהמען נור א קליין שטיקעל האלץ אלס מוסטער.

אין אזעלכע נעשפרעכע איז פערגאנגען דער טאג. עס האט אנגעהויבען צו ווערן שטארק קאלט. מען האט זיך געמוזט נעהמען צו די ווארעמע פעלצען. שאנדאן האט געהייסען ארויסגעבען די מאטראזען ווארעמע קליידער. יעדער מאטראז האט בעקומען א גאנץ דיקעס וואלענעס העמד, א פאר ווארעמע וואלענע הויזען, א ווארעמען זשאקעט אונטערגעשלאגען מיט פוטער, א פאר גראבע וואלענע זאקען און א פאר גאנץ טיעפע קאלאשען.

דער הונד, אדער קאפיטאן, וויא די מאטראזען האבען איהם גערופען, האט גאר ניט פערלאנגט. איהם האט געווארמט זיין גראבע פעל מיט די לאנגע האר.

וויא עס האט אויסגעוויעזען, איז ער געוועזען געוואינט צו דער קעלט. איבעריגענס האט מען איהם זעהר זעלטען געזעהן אויפ'ן דעק ער פלעגט זיך בעהאלטען ערגעץ אין א וויג־קעל און פלעגט דארט איבערליעגען גאנצ'ע טעג.

פאר נאכט האט מען געזעהן גאנץ דייטליך דיא הויכע בערג פון גרענלאנד בעדעקט מיט אייז און אייביגען שנעע; פלוצלונג אבער האט זיך אויפגעהויבען א דיקער נעבעל און האט אלעס פערהילט, אלעס פארדעקט, וויא דער פארהאנג אין טהעאטער פאלט אראפ און פערדעקט דיא שעהנסטע סצענע.

דעם 20 אפריל האט זיך דער נעבעל צערשטרייט און מען האט דערזעהן א גרויסען אייז־בערג פון הונדערט פונפציג פוס דיא הויך. ער איז געשטאנען אויף איין ארט און האט זיך ניט גערוהרט. ער איז געוועזען צוגעפראָרען צום גרונד פון'ם מעער. דער דאקטאר האט איהם גוט בעטראכט און האט געזאגט:

— דיעזער אייז־בערג געפינט זיך אויף דיעזען פלאץ זייט הונדערטער יאהרען; דיעזען איידבערג האט דער קאפיטאן ראָס נאך געזעהן אין 1829. ער האט איהם געגווי בע'שריעבען און האט איהם אפגעמאָלט אין זיין רייזע־בעשרייבונג. דער קאפיטאן בעללא, וועלכער איז אין 1851 געפאהרען זוכען פראנקלין'ס עקספעדיציאָן האט געטראָפען דיע'ען אייז־בערג אויף דעם זעלבען פלאץ. מיר געפינען איהם ווידער אויף זיין אָרט, וויא א טרייען סאלדאט אויף זיין פאָסטען. וויא לאנג שטעהט ער שוין דאָ אויף דיעזען פלאַץ? — ווער קען עס וויסען. וויא לאנג וועט ער נאך שטעהן און אפהיטען גרענ־לאנד? — ווער קען עס זאגען.

ער איז געוואָרען אזוי ענטציקט איבער'ן אייז־בערג, אז ער וואָלט איהם געוואָלט מיטנעהמען מיט זיך אלס אנדענקען און ברענגען איהם קיין ליווערפול.

ענדליך איז דיא „פארווארד" צוגעקומען צו גרענלאנד, אדער צו א גרויסען בערג פון גרענלאנד, וואס שטעקט ארויס אין ים, וועלכער הייסט „קאפ פארוועל". עס איז געגאנ־גען א רעגען געמישט מיט שנעע און דער טערמאָמעטאר האט געצייגט 12 גראד קעלט.

— קאפ פארוועל! האט אויסגע'שריען א מאטראז.

— א גוטער נאמען, א ריכטיגער נאמען! האט אויסגערופען דער דאָקטאָר. פארוועלל! זיי געזונד! וויא פיעל מענשען זיינען אוועקגעפאהרען פון איהם ווייטער אין אייז־מעער און האבען געזאגט: „פארוועל!" (זיי געזונד!) אויף אייביג? וויא פיעל מענשען האבען איהם נור איין מאל געזעהן און זיינען־פער־שוואונדען געוואָרען אויף אייביג? דיא בעריהמטע געלערנטע און שיפסקאפיטאנען: פארבישער, סקראָגס, באַרלאָ, בארענץ, הודזאָן, פראנקלין, קראזיע און בעללא זיינען פארביי־געפאהרען דיעזען בערג און האבען זיך שוין קיין מאל ניט צוריקגעקעהרט. פאר זיי איז דיעזער בערג ווירקליך געווען אן אייביגער „פארוועל", איין אייביגער „זיי געזונד".

ער האט געקוקט אויף דיא קאלטע וואסערן פון'ם אייז־מעער, וועלכער הייבט זיך דא אן און האט געטראכט: וואס פאר א גרויסער עקשן איז דער מענש, ווען ער שפאַרט זיך איין עפעס צו טהאן! ער קוקט ניט אויף זיך, שוינט ניט זיין לעבען, וואַרפט זיך אין דיעזע וויסטע, קאלטע, אייביג־פערפראָרענע געגענדען, וואו עס דראָהען איהם געפאהרען פון אלע זייטען אום עפעס אויצופאָרשען.

6טעם קאפּיטעל.

אין אייז מעער.

לאנגזאם איז דיא „פּארוואַרד“ געפאהרען אין דעם ים „דיא דייוויס שטראַסע“, לאנגזאם האט זיא מיט איהר שאַרפען מעסער פון פּאַרנט געשניטען דאס לויזע אייז, דיא נאך ניט צוזאַמען געפראָרענע שטיקער שנעע, וועלכע זיינען געשוואומען אויפ׳ן קאַלטען טייך. ביי טאג איז דיא רייזע געווען שוועריג און לאנגזאם; ביי נאַכט אבער איז זיא געווארען געפעהרליך. עס האבען זיך געוויזען גרויסע און פיעלע אייז-בערג. אייניגע זיינען געשוואומען, אנדערע זיינען געשטאנען אויף איין אָרט. א מאַטראָז האט געמוזט שטענדיג שטעהן גאנץ הויך אויפ׳ן זעגעלבוים און קוקען אויפ׳ן ים. אזוי וויא דיא קעלט איז געוואָרען אלץ שטאַרקער און עס איז געווען אונמעגליך צו שטעהן אזוי הויך, האט מען אויבען אויפ׳ן שפּיץ פון׳ם זעגעל-בוים ארויפגעשטעלט א סאַרט פּאַס מיט היי. דער מאַטראָז איז געשטאנען אין דיעזען פּאַס ארומגעדעקט מיט׳ן היי. דאס האט איהם געשיצט פון דער קעלט און ער האט געקענט רוהיג בעטראַכטען דאס מעער אויף א וייטע שטרעקע און מעלדען אלעס, וואס ער האט בעמערקט.

דיא נעכט זיינען געווארען אלץ קירציגער און קירצער. — ביז אין 31 יאַנואַר איז אין יענער געגענד גאר קיין טאג ניטא, זאנדערן א לאַנגע נאַכט פון דריי מאנאטע; דעם 1טען פעברואר האט זיך דיא זון בעוויעזען אויף א קורצע צייט און איז באלד פערשוואונדען. מיט יעדען טאג אבער איז דיא זון געשטאנען אלץ מעהר אויפ׳ן הימעל און ענדליך דעם 21טען אַפּריל פלעגט זיא אונטערגעהן אויף א גאנץ קורצע צייט און האט זיך באלד וויעדער געוויעזען. צוויי און צוואנציג שטונדען כסדר פלעגט זיא שיינען און בעלייכטען דיעזע טרויעריגע געגענד, אבער זעהר אָפט האבען זיך אויפגעהויבען שטאַרקע שנעע-געשטעבער (זאַווארוכעס). דער שנעע איז געפאלען אזוי געדיכט, אז מען האט ניט געקענט זעהן אויף צעהן שריט ווייט. דיא מאַטראָזען האבען געאַרבייט זעהר שווער, זייט זיי זיינען אריינגעפאהרען אין אייז-מעער.

דעם 21טען אַפּריל אין דער פריה איז דער דאקטאר און דשאנסאָן געשטאנען אויפ׳ן דעק און האבען געפּלוידערט. שאנדאָן איז געשטאנען א גאנצע נאַכט אויף דער וואך און איז יעצט געשלאפען. דשאנסאָן האט געוויעזען דעם דאקטאר אויף דיא טרויעריגע וויסטע, מיט אייז און שנעע בעדעקטע ברעגעס פון גרענלאנד.

— אך, וואס פאר א טרויעריגעס לאנד איז עס! האט ער אויסגערופען. מען האט עס א נאָמען געגעבען גרענלאנד אדער גרינלאנד, א גרינעס לאנד און דאך איז דיעזעס לאנד בעדעקט מיט ארימע, ניעדעריגע קליינע גרינע גראָזען נור דריי — פיער וואָכען אין יאהר, און אויך דאמאלס זיינען נור אייניגע געגענדען בעדעקט מיט גראָז, נור אייניגע שטיקער לאנד, וועלכע ליעגען ביים ים. דאס איבעריגע לאנד איז בעדעקט מיט אייביגען שנעע און אייביגען אייז, וועלכער צוגעהט קיין מאל ניט.

— ווער קען וויסען, וואס אמאל איז געווען אין דיעזען לאנד? האט דער דאקטאר געזאגט. מעגליך, אז אמאל איז גרענלאנד געווען ווארימער, דערפאר האבען עס דיא מענשען א נאָמען געגעבען גרענלאנד. וויא אלטע עסקימאָסען דערצעהלען, זיינען אמאל

נעווען פיעל מעהר מענשען אין גרענלאנד. זיי דערצעהלען, אז א מאל איז אין גרענלאנד נעווען איבער צוויי הונדערט דערפער; וואהרשיינליך, איז דאמאלס געווען ווארימער. איך וועל אייך דערצעהלען נאך גרעסערע וואונדער, מען געפינט אין דיא קאלטעסטע געגענדען טוידטע עלעפאנטען, חיות, וועלכע קענען לעבען נור אין גאנץ הייסע לענדער. אין 1843 האט א רוסישער געלערנטער געפונען אין סיביר ביים אייז-מעער א גרויסען עלעפאנט. ער איז געלעגען טיעף איינגעפרארען אין אייז און איז געווען נאך גאנץ מיט דער פעל און מיט דיא האאר. אזוי וויא דער עלעפאנט איז געווען זעהר גרויס און ער האט איהם ניט געקענט אין גאנצען מיטנעהמען אויף זיינע קליינע שליטעלעך, וועלכע הינט האבען געשלעפט, האט ער איהם געמוזט צושניידען אויף שטיקער און שטיקלעך־ וויים ברענגען קיין יאקוטסק. דיא ביינער פון דיעזען עלעפאנט און א שטיק פון זיין פעל געפינען זיך יעצט אין פעטערבורג אין מוזעאום. וויא קומען עלעפאנטען אין אזעלכע קאלטע געגענדען, וויא סיביר? וואהרשיינליך, איז דארט אויך א מאל געווען ווארם.

— דאס ווייס איך ניט, האט דשאנסאָן געענטפערט, איך ווייס נור, אז יעצט וואָלט איך אין גרענלאנד אויף קיין פאל ניט געוואלט וואינען.

— איהר זעהט דאָך, אז דארט וואָינען דאָך מענשען און זיינען זאגאר צו פריעדען. מען האט פראָבירט ברענגען עסקימאָסען קיין לאָנדאָן און מען האט זיי געגעבען דאס גוטס פון דער וועלט. עס איז זיי אלעס באלד מיאוס געווארען און זיי האבען געוויינט און געבעטען, אז מען זאָל זיי צוריק שיקען אין זייער קאלטעס טרויעריגעס פאטערלאנד.

— איך ווייס ניט, וואס מיט דיא עסקימאָסען איז געווען, האט דשאנסאָן געזאגט. איך וואָלט דא ניט געוואלט בלייבען.

— פאר וואס ניט? האט געפרעגט דער דאקטאר. דער מענש ווערט צו אלעמען געוואָינט. איך מיין, אז דיא עסקימאסען לעבען נאך פיעל גליקליכער אין גרענלאנד, אלס דיא ארעמע ארבייטער אין לאָנדאָן און ליווערפול. אמת, עס פעהלט זיי פיעל זאכען, וואס מיר האבען; זיי דארפען עס אבער ניט. זיי קענען זיך בעגעהן אהן ביער סאלונס, אָהן קאפע הייזער, אהן טהעאטערע, אהן בעלער, אהן קאָנצערטען. זיי ווייסען דער פון ניט און זיינען גליקליכער.

— איך וויל מיט אייך ניט שטרייטען, דאקטאר. זאָגט מיר ליעבער, וואס דענקט איהר פון אונזער קאפיטאן. וואו איז ער? ווער איז ער?

— איך ווייס עס ניט, האָט דער דאקטאר געענטפערט. וואס זאגען דיא מאטראָזען? וואס דענקען זיי איבער איהם?

— דיא מאטראזען מיינען, אז ער האט זיך אומיסטען בעהאלטען. ער וויל מאכען א רייזע אין א זעלכע קאלטע געגענדען, וואו קיין מענש איז נאך ניט געווען; ווען ער זאל זיין אויפ'ן שיף, וואָלט מען איהם געפרעגט, וואוהין מען פאהרט און קיינער וואָלט ניט געוואלט איינטרעטען צו איהם; אזוי אבער אז ער איז ניטא, און מען ווייס ניט, וואוהין מיר פאהרען, האט ער זעהר לייכט געפונען אפיציערען און מאטראזען. איך קען פיעלע שיפס קאפיטענע, מיט וועלכע קיין מאטראז וויל ניט פאהרען, ווייל מען ווייס, אז זיי זיינען בערייט צו פארפאהרען אין א זעלכע געגענדען, פון וואנען מען קען שוין

ווירקליך ניט צוריק קומען. איך בין זיכער, אז ווען מיר וועלען קומען קיין אופראוויניק—דאס לעצטע דארף אין גרענלאנד, ווייטער וואָינען שוין קיין מענשען ניט — וועט ער געוויס ארויפקומען אויפ׳ן שיף און וועט איבער נעהמען דיא קאמאנדע איבער׳ן שיף.

אין דיעזע צייט איז ארויס דיא זון און האט בעלייכטעט דיא גאנצע געגענד. דיא גרויסארטיגע סצענע האט זיך פארגעשטעלט פאר זייערע אויגען. דער גאנצער ים, וויא וויט דאס אויג האט געקענט זעהן, איז געוועזען בעדעקט מיט גרויסע און קליינע שטיקער אייז פון אלערליי געשטאלטען.

— זעהט נור, דשאנסאן, וואָלט מען ניט געקענט מיינען, אז מיר זעהען פאר אונז א גרויסע שטאדט מיט הייזער, מיט פּאַלאצען, מיט טויערן, מיט קירכען און מיט טורעם׳ס. ניט נור א קוק דארטען, אויף יענעם אייז בערג! א גרויסער טויער, וויא דער טויער פון א פעסטונג, הויבט זיך אויף אין דער מיט, ארום שטעהן הויכע זיילען פון אייז. אלע פונקעלען, גלענצען און בלישטשען, גלייך וויא זיי זיינען בעשיט מיט מיליאָנען בריליאנטען!

— יא, דאקטאר, האט דזשאנסאן געענטפערט, שעהן אנצוקוקען איז עס געוויס; פּראָבירט אבער צו געהן נעהענטער צו דיעזע שעהנע זיילען, צו דיעזע טויערן, צו דיעזע טויערן און איהר וועט באלד זעהן, וויא געפעהרליך זיי זיינען. דאס מעער וואשט זיי אונטער און זיי ווערן אונטען צו שמאלצען. קוים ריהרט מען זיי אן, פאלען זיי אום און יעדער פון דיעזע זיילען איז אזוי שווער. אז ער קען צו ברעכען אונזער „פּאָרוואַרד“.

— איך פארשטעה ניט, האט דער דאָקטאר געפרעגט, וויא אזוי האבען זיך מענשען געקענט איינשטעלען צו פאהרען אויף זעגעל שיפען אין א זעלכע געגענדען,—מיט א דאמפף שיף איז זעהר לייכט צו רעגירען און צו דרעהן זיך אין אלע זייטען; וואס טהוט מען אבער מיט א זעגעל שיף?

— איך אליין בין שוין געפאהרען אין דיעזע געגענדען מיט א זעגעל שיף. מען האט געוויס אויס צו שטעהן פיעל שוועריגקייטען, אבער מען שלאגט זיך דורך. ווען דער ווינד איז ניט גינסטיג, קלויבט מען אויס א גרויס שטיק אייז פון א מייל דיא ברייט און דיא לענג און מען פעראנקערט דיא שיף צום אייז. דאס אייז שווימט און שלעפּט לאנגזאם דיא שיף מיט זיך. אמת, עס קומט זעהר אָפט פּאָר, אז דאס אייז שלעפּט דיא שיף צוריק און מען פערליערט א מאל אויף אזא ארט עטליכע טעג, א מאל זאגאר א גאנצען מאנאט, א זעגעל שיף קען זיך אבער אנדערש ניט העלפען.

— איך וויל אייך נאך עפּעס פרעגען, האט דער דאקטאר געזאגט, וויא קומט עס, וואס עס איז שוין אזוי קאלט? נאך מיין רעכענונג, דארף דא נאך נאר ניט זיין אזוי קאלט.

— דיא „דייוויס שטראסע“ איז אין דעם אָרט זעהר שמאָל. א גרויסע מאסע אייז האט זיך אנגעזאמעלט און דאס מאכט אן דיא קעלט. ווען מיר וועלען קומען א ביסעל ווייטער, וועט דאס מעער זיין פרייער און איך האף, אז אין דיא מאנאטע מאי און יוני וועלען מיר קענען רוהיגער פאהרען.

דיא רייזע איז ווירקליך געווארען מיט יעדע מינוט שווערער. דיא שטיקער אייז זיינען ניט געשוואומען אלע אין איין זייט, זאנדערן אייניגע זיינען געשוואומען קיין נאָרדען

צום נאָרד פּאָל צו, אנדערע זיינען געשוואומען קיין זידען. דיא מאטראזען און דיא אפּיציערען האבען געארבייט זעהר שווער און האבען קיין מינוט קיין רוה ניט געהאט. באלד האט מען געמוזט אויס מיידען אן אייזבערג; באלד האט מען געמוזט לויפען פארן אייז בערג און פארהאַפּען דעם וועג, ווייל עס איז געווען נור א שמאלער פּאס וואסער און מען האט מורא געהאט, אז דער אייז בערג זאל ניט פארשפּארען דעם וועג. דיא איינציגע לעבעדיגע בעשעפּענישען, וואס מען האט געזעהן, זיינען געווען מעער פייגעל, זיי זיינען ארום געפלויגען און פארהילכט דיא אוי׳ערן מיט זייערע געשרייען; זיי האבען געכאַפּט פיש און געפלויגען אויף דיא אייז בערג זיי אויפעסען. קלעצער און בוימער זיינען געשוואומען אין מאסען און האבען זיך אנגעשלאגען איינער אן אנדערן מיט א שרעקליכען ליארם. מען האט בעגעגענט איינינע וואלפישע מיט זייערע גרויסע קעפּ. זיי זיינען צו געקומען גאנץ נאָהענט צו דעם שיף און האבען ארויס געשטעקט זייערע קעפּ, גלייך וויא זיי וואלטען געוואלט בעטראכטען, וואס פאר א שיף דאס איז.

איין מאל האט זיך זיי פארגעשטעלט א זעהר זעלטענע און זעהר אינטערעסאנטע סצענע. אין איין אָרט, וואו דאס מעער איז געווען רוהיגער, איז געליגען אן אונגעהייער גרויסע זיא פון וואלפיש. לעבען איהר איז געליגען איהר קינד און האט געזויגען די ברוסט. דאס בילד איז געווען גרויס ארטיג און אינטערעסאנט. דאס קינד, דער קליינער וואלפיש, האט געדארפט וועגען זיעבען ביז אכט הונדערט פונט. פאר א שיף, וואס פאהרט חאַפּען וואלפיש, וואלט עס געווען א גליק צו פאנגען דיא מוטער מיט׳ן קינד. זיי וואָלטען פון ביידען געקענט אנגיעסען צוואנציג פעסער פיש טראָן, דיא „פּאָרוואַרד“ אבער איז ניט געפאהרען פאנגען קיי׳ן וואלפיש און דיא אפיציערע און מאטראזען האבען א לאנגע צייט בעטראכט מיט פערגניגען דיעזעס בילד.

איך מוז דערביי נאך בעמערקען, אז דיא וואלפיש האבען לעבעדיגע קינדער און האָדעווען זיי אויס מיט זייער מילך, וויא אלע בהמות און חיות. דיא עקסימאסען האלטען עס פאר א גליק, ווען עס געראָט זיי צו פאנגען א וואלפיש, וואס זויגט א קינד. זיי עפּענען דעם אייטער און גיעסען אן פעסער מיט מילך, אייראפּעער האבען פּראָבירט צו טרינקען וואלפיש מילך, עס האט זיי אבער ניט געשמעקט, ווייל עס האט דעם ריח און דעם טעם פון טראָהן. ביי דיא עקסימאָסען אבער איז עס דאס בעסטע געטרענק, וואס זיי קענען נור געפינען.

דער 24 אפּריל איז געווען א זונטאג און מען האט בעשלאסען זיך אפּצורוהען. מען האט אויסגעזוכט א פּאסענדען ארט, וואו מען האט פאראנקערט דיא שיף. אלע זיינען געקומען אין שאנדראנ׳ס קאיוטע און האבען געבעטען גאט. נאכ׳ן געבעט האט מען אלעמען געגעבען טהעע מיט קייק און דיא מאטראזען האבען פערבראכט דיא גאנ־צע צייט ביז אין מיטאג עסען אין שיעסען פייגעל און חאַפּען פיש. דיא מעער פייגעל קען מען אייגענטליך ניט עסען: זיי האבען א שטארקען גערוך פון טראהן, דער דאקטאר אבער האט אויסגעפונען א מיטעל, וויא אזוי זיי צו קאכען, אז דער שלעכטער גערוך זאל ניט זיין.

דיא פאלגענדע דריי טעג פוּנ׳ם 24טען ביז אין 27 אפּריל איז דאס וועטער געווען זעהר שלעכט און אלע האבען געארבייט זעהר שווער. דאקטאר פולמאן האט בעמערקט

א זעלטענע ערשיינונג. נעמליך, אז דאס אויג ווערט זעהר לייכט אפגענארט, אָדער פארבלענדעט אין יענע געגענדען. א גרויסער אייז בערג, צום ביישפיעל, פלעגט זיך אויסווייזען פון דער ווייטען, וויא א קליין שטיקעלע ווייסער ש:עע. נור דיא מאטראָזען, וועלכע זיינען שוין איינינע מאל געפאהרען אויפ'ן אייז מעער, האבען זיי דערקענט און האבען געקענט זאגען, וויא גרויס דער, אדער יענער אייז בערג איז.

7טעס קאפיטעל.

לאנגזאם און מיט גרויס מיה איז דיא „פארווארד" געגאנגנען אלץ ווייטער און ווייטער קיין נארדען. דורך שנעע און אייז האט זיא זיך אויסגעבויערט א וועג. דעם 28 אפריל האט מען דערזעהן פון דער ווייטענס, וויא פיעלע אייז פעלדער קומען אן. שאנדאן האט געהייסען אנגרייטען דיא גרויסע אייז זעגען און, פאלס דיא אייז פעלדער וועלען פארשפארען דעם וועג, זאל מען דורכזעגנען א וועג אין אייז. אן אייז בערג איז זעהר גראב און מען קען איהם ניט דורכזעגען; אן אייז פעלד אבער איז דין, געוועהנליך פינף — זעקס פוס דיא גרעב, און מען קען זיא זעהר לייכט דורכזעגען.

דיא מאטראָזען האבען געזעהן, אז עס שטעהט זיי פאר א זעהר שווערע ארבייט. זעגען אייז איז ניט אזוי לייכט. זיי האבען זיך ערשט יעצט ארומגעקוקט, אז דיא שוויע־ריגקייטען און געפאהרען הויבען זיך ערשט אן; וואס ווייטער. ווערט דיא רייזע זיין אלץ שווערער און געפעהרליכער. איינינע האבען אנגעהויבען צו ברומען.

— איך ווייס ניט, וואס דאס איז, האט געזאָגט א מאטראָז מיט'ן נאמען באל־טאן, פון אין דער פריה אן טראכט איך נור, אז איך וואלט יעצט זעהר געוואלט זיין אין ליווערפול זיצען אין א ביער־סאלון און טרינקען א גוטע גלאז וויסקי. וואס זאגסט דוא, גריפער?

וואס זאל איך זאגען? האט גריפער געענטפערט בייז. אונזער קלוגער דאקטאר פרעהט זיך, וויא א קליין קינד ווען מען גיט איהם א שפיעלעכעל, יעדעס מאל, ווען ער דער זעהט דיא אייז בערג. ער זאגט, אז ער זעהט דארט פאלאצען און הייזער. איך וואלט איהם אוועקגעגעבען אלע דיזע הייזער און פאלאצען פאר א קליין שטיבעלע, וואו איך זאל קענען בעקומען א גוטען שנאפס. וואס פאר משוגענער קאפיטאן איז דאס, ער זאל ניט געבען קיין שנאפס אין אזעלכע קאלטע לענדער?

— דער דאקטאר האט דאך אייך געזאגט, האט זיך אפגערופען גאררי, אנאנ־דער מאטראָז, אז אין דיזע קאלטע לענדער איז פיעל געזינטער פאר א מענשען ניט צו טרינקען קיין שנאפס.

— צום טייפעל מיט אייער דאקטאר און מיט אייער קאפיטאן! האט אויסגע־שריען פען, א פיערטער מאטראָז. זיי נארען אייך אפ, זיי זשאלעווען דעם שנאפס. זיי האבען ראָם, ברענדי און וויסקי אויפ'ן שיף. זיי אליין זויפען און אונז ווילען זיי ניט געבען.

— ער האט רעכט. האט גריפער געזאגט. דיא אפיציערען און דער דאקטאר טרינקען, אונז אָבער גיבען זיי ניט. איך מוז געהן בעטען שאנדאן, ער זאל אונז געבען א פארציאָן שנאפס.

— וואס רעדט איהר? האט גאררי געזאגט, מיר האבען דאך אונטערגעשריעבען

א קאָנטראַקט, אז אין דער גאַנצער צייט פון דער רייזע זאלען מיר גאר קיין שום משקה ניט טרינקען.

— וואס הייסט ניט געבען קיין שנאַפּס אויף אזא געפּעהרליכע רייזע? האבען אויסגערופען גריפער, פען און באלטאן מיט איין קול. מיר האבען היינט פערדיענט שנאַפּס! מיר מוזען האבען א שנאַפּס! לאמיר געהן פארדערן פון שאנדאן, ער זאל אונז געבען שנאַפּס!

— איהר געהט אומזיסט, קינדער, האט זיי גאררי געזאגט. שאנדאן איז דאך נור ערשטער אָפיציער, ער מוז פאלגען, וואס דער קאַפּיטאַן הייסט איהם.

— ווער איז דען דער קאַפּיטאַן? וואו איז דען דער קאַפּיטאַן? האט גריפער גע־שריען. צום טייפעל אזא קאַפּיטאַן!

— דער קאַפּיטאַן איז געווים דא, האט באלטאן געזאגט. לאמיר זיך וועטען אויף פינף פונט שטערלינג, אז אין א מאָנאַט ארום וועט דער קאַפּיטאַן זיין אויפ'ן שיף און וועט קאָמאַנדירען דיא שיף.

— לאז ער נור קומען! האט פען געזאגט, איך וועל מיך שוין מיט איהם אפּ־רעכנענען.

— וואס? עס איז דא נייעס פון קאַפּיטאַן? האט געפרעגט א שטימע. דאס איז געווען דער מאַטראָז קליפטאַן. ער איז נור וואס צו געקומען און האט נאר ניט געוואוסט פון וואס מען רעדט.

— פון וועלכען קאַפּיטאַן רעדט איהר, האט ער ווייטער געזאגט, פון א מענשען, אדער פון'ם הונד?

— מיינט איהר ווירקליך, אז דער הונד איז דער קאַפּיטאַן? האט באלטאן גע־פרעגט. פארשטעהט איהר דען ניט, אז ד'שאנסאן האט געלאכט פון אייך, ווען ער האט אייך געזאגט, אז דער הונד איז דער קאַפּיטאַן?

— איך ווייס פאר געווים, אז דער הונד איז דער קאַפּיטאַן, האט קליפטאן גע־זאגט. איך האב מיך צו איהם גוט צוגעקוקט און האב געזעהן פון איהם זאנדערבארע זאכען.

— דערצעהל, וואס דוא האסט געזעהן! האבען אלע אויסגערופען מיט איין קול.

— ערשטענס, האב איך אליין געזעהן, וויא ער איז געשטאנען ביים ראד אנגע־שפּאַרט מיט דיא לאַפּעס, וויא א מענש. דאן האט איהר ניט בעמערקט, וויא ער שפּרינגט אראב אלע נאכט פון שיף און שפּאַציערט אויפ'ן אייז. ער האט קיין מורא ניט פאר דיא ווייסע בערען, ניט פאר דיא שרעקליכע קעלט. דאן האט איהר דען ניט בעמערקט, אז ער אנטלויפט פון יעדען, ער קומט קיין מאל ניט אריין אין קיך זוכען ביינער, וויא א הונד דארף טהאן. איך ווייס ניט, פון וואנען ער לעבט. איך האב איהם קיין מאל ניט געזעהן עסען. זאגט, וואס איהר ווילט, דער הונד איז פאר מיר א רעטע־נייש. מעגליך, אז ער וועט פּלוצלונג פון זיך אראפּוואַרפען דיא הונדס פעל און וועט ווערן א מענש.

אלע האבען געשוויגען. זיי האבען ניט געוואוסט, וויא אזוי זיך צו ערקלערן דיי־

זען זאנדערבארען הונד. אונטערדעסען איז צוגעקומען דער טישלער פון׳ם שיף, בעלל, און האט געפרעגט:

— וואוהין פאהרען מיר? ווייס ווער פון אייך, וואוהין מיר פאהרען?

— וואהרשיינליך וועט שאנדאן ערהאלטען נאך א בריעף, וואוהין צו פאהרען, האט באלטאן געזאגט.

— וויא אזוי וועט ער ערהאלטען א בריעף? האט פען געפרעגט, דורך דיא אייז פאסט?

— דורכ׳ן הונד, האט באלטאן געענטפערט, אזוי וויא ער האט ערהאלטען דעם ערשטען בריעף אין ליווערפול.

— ווייטער דער הונד, אָבער דער הונד! האט גריפער אויסגעשריען. איך וועל זעהן צו מאכען א סוף פון דיעזען הונד.

— וואס האט דיר דער הונד געטהאן? האט גאררי געפרעגט. ער טהוט, דאכט זיך, קיינעם גאר נישט.

— דוא שווייג! האט איהם גריפער געענטפערט. איך פרעג דיך ניט, וואס דוא ווילסט טהאן, פרעג דוא מיך ניט, וואס איך וויל טהאן.

— גענוג רעדען, נעהט ארבייטען! האט דשאנסאן אויסגעשריען. נעהמט אייך צו דיא זעגען.

דער אנדערער טאג איז געוועזען זעהר א קאלטער. דער טערמאָמעטער האט געצייגט צעהן גראד קעלט. דעם דאקטאר האט זיך ניט געוואָלט ארויסגעהן פון זיין ווארעמער קאיוטע. אזוי וויא ער איז אבער געוואָינט געוועזען צו העלפען דיא מאטראָזען, איז ער דאך ארויסגעגאנגען. א גאנצען טאג איז דיא „פארווארד“ געגאנגען איהר געוועהנליכען גאנג און האט געהאט וועניג שוויערינקייטען. פאר־נאכט האט מען אויס געמאָסטען, וויא טיעף דאס מעער איז דאָרט און מען האט אויסגעפונען, אז דאס מעער איז דאָרט 25 פוס טיעף. צו גרענלאנד איז געוועזען דרייסיג מייל.

געגען האלב נאכט האט פּלוצלונג דאס אייז ארום אנגעהויבען צו ברעכען און זיך צו בעוועגען. פון אלע זייטען האבען זיך אנגעהויבען צו ציעהען גרויסע מאסען אייז. עס איז געווארען זעהר שווער צו רעגיערען דאס שיף. נור איין גאררי, דער בעסטער מאטראָז, איז געוועזען אין שטאנד צו האלטען דעם רודער. ער האט געמוזט שטעהן כסדר ביים רודער און האט ניט געקענט אפּטרעטען אויף א מינוט. דיא געפאהר איז געווארען מיט יעדער מינוט גרעסער. מען האט געמוזט צוטהיילען דיא מאטראָזען אויף צוויי טהייל. איין טהייל איז געשטאנען אויף איין זייט און דער אנדערער טהייל איז געשטאנען אויף דער אנדערער זייט פון דער שיף. יעדער מאטראָז האט געהאלטען אין דיא הענד א לאנגען דראָנג מיט אן אייזערנעם שפּיץ. ווען א שטיק אייז איז אנגעקומען, האבען זיי זיך אנגעשפּארט אן דעם שטיק אייז און האבען דאס שיף אוועקגערוקט פון׳ם אייז. אין דיעזע שווערע ארבייט איז פארגאנגען א פּאר שטונדען. עס האט זיך געבילדעט א פרייער וועג און דאס שיף איז אריין אין דיעזען וועג, ווען אלע האבען דערזעהן מיט שרעק א גרויסען אייז־בערג, וועלכער איז געשוואומען מיט שרעקליכער

שנעלינקייט, צוקומען און באלד וועט ער פארשפארען דעם וועג. זיי האבען זיך אומגעקוקט פון הינטען און האבען דערזעהן, אז פון הינטען האט זיך אויך דער וועג פארשלאסען. גרויסע מאסען אייז האבען זיך אנגעהויפט און זיך צונויפגעגאָסען, וויא איין שטיק.

שאנדראן און דשאנסאן זיינען ביידע געשטאנען פון פאָרנט און האבען זיך איבער־לעגט, וואס צו טהאן אין דיזע געפעהרליכע לאגע, אין וועלכע דאס שיף האט זיך געפונען. לעבען זיי איז געשטאנען דער דאקטאר.

— האט איהר נאר קיין עצה ניט אונז ארויסצוהעלפען פון דיזער געפאהר? האט דער דאקטאר געפרעגט דשאנסאן.

— גאט קען העלפען, האט דשאנסאן געענטפערט קורץ.

דער אייז־בערג האט זיך לאנגזאם דורכגעקוועטשט דורכ׳ן אייז און איז שוין גע־ווען א צוויי הונדערט שפאן וויט פון׳ם שיף און האט געדראָהעט יעדע מינוט צו קומען און ארויפווארפען זיך אויף דיא שיף. אלע אויפ׳ן שיף האבען געזעהן דיא שרעקליכע געפאהר. דיא מאטראזען האבען ניט געוואָלט פאלגען שאנדראן׳ס בעפעהלע, אז זיי זאלען זיך ניט ריהרען פון זייערע ערטער. זיי זיינען אלע געקומען מיט זייערע דראָנגען אין דיא הענד אָפצושטופען דעם אייז־בערג. פלוצלונג האט מען געהערט א שרעקליכען קראך, דאס אייז ארום האט אנגעהויבען צו ציטערן, דיא מאטראזען זיינען אניעדער־געפאלען אויפ׳ן דעק. א שטראָם קאלט וואסער האט זיך אויסגעגאָסען אויפ׳ן דעק פון ם שיף און האט זיי אלע בעגאסען. נור איין נאררי איז געבליעבען שטעהן רוהיג ביים רודער. ער איז ניט אניעדערגעפאלען און האט זיך ניט דערשראָקען. ווען זיי זיינען געקומען אביסעל צו זיך, האבען זיי דערזעהן, אז דער אייז־בערג איז פערשוואונדען. דער וועג איז וויעדער פריי. דיא זון האט געשיינט העל אין האט בעלייכטעט דאס וואסער ארום דיא „פארווארד". אלע זיינען פרעהליך געוואָרען.

— נו, דאקטאר, וויא אזוי וועט איהר ערקלערן דיזע זעלטענע ערשיינונג? האט דשאנסאן געפרעגט. וואו איז אהינגעקומען דער אייז־בערג?

— דאס קען איך אייך ערקלערן, האט דער דאקטאר געזאגט. דאס קומט אָפט פאָר אויפ׳ן אייז מעער. דיא אייז בערג ווערן א מאל אויסגעהוילט פון אינווייניג; עס מאכט זיך, אז דער אייז בערג האט זיך פון אנפאנג אן געבילדעט מיט א לאך אין דער מיטען; אפט אבער קומט עס אזוי פאר: דער אייז בערג האט זיך געבילדעט אויף א גרויסען שטיין, ווען דער אייז בערג איז אריינגעפאלען אין ים אריין און דיא וועלען האבען איהם אנגעהויבען צו לעקען, איז דער שטיין ארויס געפאלען און איז געבליעבען אויסגעהוילט אין דער מיט. יעצט ווען דיא מאסע אייז האט איהם געקוועטשט פון ביידע זייטען, איז ער צו בראָכען געווארען אויף שטיקלעך, איז אריינגעפאלען אין ים און האט אונז בעגאסען מיט וואסער.

דשאנסאן האט זיך פארטראכט.

— איהר זייט טאָקע א געלערנטער מענש, דאָקטאר, האט ער ענדליך געזאגט און איז געגאנגען צו זיין ארבייט.

8טעס קאפיטעל.
א בריעף.

דעם 30 טען אפריל אום 8 איהר אין דער פריה איז דיא „פאָרוואַרד“ ענדליך ארויסגעפאהרען פון „דיא דייוויס שטראַסע“ און איז אריין געפאהרען אין דיא „באפינס ביי“. דאס מעער איז געוועזן פריי פון אייז בערג און אייז פעלדער. מען האט זיי צוואר זעהר אָפט בעגעגענט, אבער עס איז געוועזן זעהר לייכט זיי אויס צו מיידען. דאס וועטער איז געוועזן רוהיג און דיא מאטראזען האבען זיך גענקענט פארגינען אייניגע שטונדען רוה.

אלע זיינען געווען פרעהליך און צו פריערען. דער דאקטאר איז געשטאנען אגאנצען טאג אויפ'ן דעק און האט בעטראכט, וויא דיא זעע פיינעל פליעהען ארום און חאפען פיש. דער טאג וואלט פערגאנגען גאנץ רוהיג און שטיל, ווען ניט א יין אומשטאנד, וועלכער האט אויפגערעגט אין פערזעצט אין שטוינען אלעמען אויפ'ן שיף.

שאנדאן האט געהאלטען דיא וואך ביז 10 אוהר אין דער פריה. דאן איז ער געגאנגען זיך אָפ רוהען אין זיין קאיוטע. ווען ער איז אריינגעקומען אין זיין קאיוטע, האט ער געפונען אויפ'ן טיש א בריעף אדרעסירט צו איהם:

„דעם ערשטען אָפיציער פון דער „פאָרוואַר“.

ריטשארד שאנדאן“.

שאנדאן האט זיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט, ער האט מורא געהאט זיך צו ריהרען צום בריעף. וויא אזוי קען קומען א בריעף אין דער מיט פון'ם אייז מעער? ער האט צו גערופען דעם דאקטאר און דשאנסאָן און האט זיי געוויעזען דעם בריעף.

— דאס איז זאנדערבאר! האט דשאנסאן אויסגערופען. איך קען עס גיט פארשטעהן.

— וואס דארפען מיר פיעל קלערען? האט דער דאקטאר אויסגעשריען. עפענט דעם בריעף און לאמיר לעזען! וואס געהט עס אייך אן, וויא אזוי דער בריעף איז גע־קומען אהער? ער איז דא! לאמיר איהם לעזען!

שאנדאן האט גענומען דעם בריעף און האט לאנגזאם אויפגעריסען דעם קאָנווערט און האט ארויסגענומען פאָלגענדען קורצען בריעף.

„דער קאפיטאן פון דער „פאָרוואַרד“ איז זעהר צו פריערען מיט דיא אפיציערען און דיא מאטראזען. זיי האבען אין דיא לעצטע עטליכע טעג געוויעזען, אז זיי זיינען טיכטיג און פעהיג. ער דריקט זיי אויס זיין איניגסטען דאנק.

יעצט בעט ער אייך, איהר זאלט פאהרען אין מעלווילס בוכטע, פון דארט זאָלט איהר זיך ווענדען אין סמיטה'ס קאנאל, אויב עס וועט מעגליך זיין“.

דער קאפיטאן פון דער „פאָרוואַרד“ K. Z.

דעם 30 אפריל 1860 „באפינס ביי“.

— דאס איז אלעס? מעהר שרייבט ער ניט? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— דאס איז אלעס, האט שאנדאן געענטפערט.

— א זאנדערבארער קאפיטאן! האט דשעמס וואל געזאגט. ער דערמאנט גאר ניט, אויב ער וועט קומען אויפ'ן שיף, אדער ניט. וויא עס ווייסט אויס, וועט ער שוין טאקע גאר ניט קומען.

— דאס הארט מיך ניט, האט דשאנסאן געענפערט. לאז ער יא קומען אדער ניט קומען, דיא פראגע איז נור: וויא אזוי קומט דער בריעף אהער?

— וואלל האט רעכט, האט דער דאקטאר געזאגט גלייכגילטיג. דער קאפּיטאן וועט שוין טאקע ניט קומען, ווייל ער איז שוין דא אויפ'ן שיף.

— וואס זאגט איהר, דאקטאר? האבען אויסגערופען איינינע שטימען. וואו האט איהר דא א קאפּיטאן?

— ווער דען האט אייך געשיקט דעם בריעף? וויא אזוי דען האט צו אייך געקענט קומען א בריעף אין דער מיט פון'ם אייז מעער?

— דאקטאר, עס קען ניט זיין, האט שאנדאן געזאגט. איך קען דאכט זיך יעדען מאטראז אויפ'ן שיף, קיין פרעמדע מענשען האבען מיר דא ניט. ווען דער קאפּיטאן איז דא אויפ'ן שיף, פאהרט ער מיט אונז פון ליווערפּול אן. ווער איז ער? איך קען אלע מאטראזען, איך האב יעדען פון זיי בענענענט ניט איין מאל אין ליווערפּול. ניין, דאקטאר, אייערע מיינונג איז ניט ריכטיג.

— נו ערקלערט איהר וויא אזוי דער בריעף איז געקומען? איהר זייט דאך א געבילדעטער שיפס קאפּיטאן און גלויבט ניט אין קיין שדים, רוחות און גייסטער.

— איך מיין, אז ווען דער נעבעל איז געוועזן שטארק געדיכט און מען האט נאר ניט געזעהן, איז איינער שטילער הייט ארויף געקראכען אויפ'ן שיף און האט אניעדער־געלענט דעם בריעף אין מיין קאיוטע. איך מוז צו געבען, אז דאס איז געוועזן דער קאפּיטאן, ווייל מיין קאיוטע איז געוועזן פארשלאסען, ער האט וואהרשיינליך דעם שליעסעל, ער ער איז געקומען שטילער הייט און איז זיך אוועק געגאנגען שטילער הייט, ווייל ער וויל ניט קאמאנדירען דאס שיף.

— איך מיין אויך אזוי, האט דשאנסאן געענטפערט. גרענלאנד איז ניט ווייט. דער קאפּיטאן האלט זיך אויף אין גרענלאנד ערגעץ. ער איז געקומען צו פאהרען אויף א שליטען מיט הינט אויף דיא אייז פעלזער און האט זיך גאנץ שטילערהייט ארויף געגנב'עט אויפ'ן שיף.

— אפשר האט דער קאפּיטאן געהייסען איינעם פון דיא מאטראזען, ער זאל אנשרייבען דעם בריעף? האט דשיימס וואלל געזאגט.

— דאס קען אויך זיין, האט דער דאקטאר זיך אפּגערופען.

— אבער ווער זאל עס זיין פון דיא מאטראזען? האט שאנדאן געפרעגט. דאכט זיך, איך קען זיי אלע.

— וואס איז אונז דער אונטערשיעד? האט דשאנסאן געזאגט. ער איז אונזער קאפּיטאן. ווען ער וועט קומען, וועט ער זיין ווילקאמען און מיר וועלען איהם אנערקענען אלס אונזער קאפּיטאן.

— לאז ער פריהער קומען, דאן וועלען מיר שוין זעהן, האט שאנדאן געזאגט צערשטרייט.

— פון'ם גאנצען בריעף פארשטעה איך איין זאך, האט וואלל געזאגט, געטליך, אז מיר פאהרען צום נארד פאל. דער בריעף זאגט גאנץ דייטליך: אייב עס וועט זיין

מענליך, זאלען מיר פאהרען אין סמיטה׳ס קאנאל. דאס איז דער איינציגער וועג צום נאָרד פאָל.

— געוויס, האט געזאגט שאנדאן, אין סמיטה׳ס קאנאל איז געפאהרען דער אמעריקאנער דאקטאר קעין אין 1853. ער איז דאָרט איבערגעשטאנען דיא שרעקליכסטע געפאהרען. א געוויסע צייט האט מען איהם געהאלטען פאר פערלארען און נויאָרק האט שוין געוואָלט ארויסשיקען אן עקספעדיציאָן איהם צו זוכען. דיעזער קאנאל איז איינער פון דיא געפעהרליכסטע. פון דעסטוועגען, ווען מען הייסט אונז געהן אהין, וועלען מיר געהן.

— אבער וואוהין? צום נארד פאל? דארט איז דאך קיין מענש ניט געוועזען און קען ניט קומען.

— ווארום ניט? האט דער דאקטאר געזאגט. צעהן מענשען האבען פראָבירט פאהרען צום נארד פאל און עס איז זיי ניט געלונגען. דעם עלפטען וועט עס יא געלינגען. פארגעסט ניט, דער עלפטער וועט ווייניגער ליידען פון אלע צעהן, ווייל ער האט שוין דיא ערפאהרונגען פון אלע צעהן און קען זיי בענוצען.

דשאנסאן האט פארצויגען דיא אקסלען. פאהרען אין א געגענד, וואו עס איז אונמעגליך צו קומען, האט ביי איהם געהייסען קריעכען אויף א גלייכע וואנד.

— אלזא, וואס דענקט איהר, שאנדאן, ווילט איהר מעלדען דיא מאטראזען פון׳ם בריעף אדער ניט? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— איך מיין, אז מען זאל עס זיי ניט מעלדען, האט דשאנסאן געזאגט.

— ווארום ניט? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— ווייל דער נאמען „סמיטה׳ס קאנאל" וועט זיי איבערשרעקען. יעדער מאטראָז ווייס, וואס פאר א געפאהרען ערווארטען זיי אין סמיטה׳ס קאנאל. יעדער מאטראז ווייס, אז פון סמיטה׳ס קאנאל קומט מען זעהר זעלטען צוריק.

— וואס דענקען זיא, דאקטאר? האט שאנדאן געפרעגט.

— איך מיין, אז דשאנסאן האט רעכט.

— וואס דענקען זיא, וואלל? האט שאנדאן ווייטער געפרעגט.

— איך מיין אויך, אז דשאנסאן האט רעכט.

— אייער מיינונג איז ריכטיג, איך קען זיא אבער ניט אננעהמען. איך מוז פארלעזען דעם בריעף פאר אלע מאטראָזען.

— פאר וואס קענט איהר ניט אננעהמען אונזערע מיינונג, שאנדאן?

— ווייל דער קאפיטאן שיקט דעם בריעף צו אלע מאטראזען דורך מיר. איך מוז אויספאָלגען וואס מען הייסט מיר; איך טאר גאר ניט פרעגען, וויא אזוי דער בריעף איז געקומען צו מיר.

— עס קען דאך אבער מאכען א שלעכטען איינדרוק אויף דיא מאטראזען? האט דשאנסאן געזאגט.

— וואס קען איך העלפען? האט שאנדאן געענטפערט. לעזט דעם בריעף, עס שטעהט אין איהם אויסדריקליך, איך זאל דאנקען דיא מאטראזען אין נאמען פון קאפיטאן. איך מוז עס טהאן.

— אלזא, זאל איך צונויפרופען אלע מאטראזען אויפ'ן דעק?
— רופ זיי צונויף.

דיא נאכריכט, אז עס איז דא א בריעף פון'ם קאפיטאן האט זיך באלד פאר־בריייטעט אויפ'ן שיף און אלע מאטראזען און אינזשענירען האבען זיך פערזאמעלט פאר שאנדאנ'ס קאיוטע צו הערען, וואס עס שטעהט אין בריעף. שאנדאן האט זיי פאר־געלעזען דעם בריעף. מען האט געמיינט, אז זיי וועלען אנהויבען צו שרייען: הורראה! בראוואָ! און דער גלייכען. אלע אבער האבען געשוויעגען און האבען טרויעריג אראפּ געלאזען דיא קעפּ.

— איך האב געזאגט, אז דער הונד קען שרייבען, האט זיך קליפטאן אנגערופען. פון היינט אן וועל איך פאר איהם אראפּנעהמען דעם הוט.

קיינער האט ניט געלאכט איבער דיעזען וויץ. זיי זיינען אלע געשטאנען פאר־טראכט און ערשטוינט; יעדער האט געפיהלט, אז דער קאפּיטאן זעהט זיי און וויס אלעס, וואס עס טהוט זיך אויפ'ן שיף און דאך זעהן זיי איהם ניט און קענען איהם ניט. זיי האבען אנגעהויבען מורא צו האבען פאר דיעזען זאנדערבארען קאפּיטאן.

דער 1טער מאי איז געוועזן א שעהנער, ווארימער טאג. אלע זיינען געוועזן אויפ'ן דעק פון'ם „פאָרוואַרד“. דאָקטאָר פולמאן האט געהאט דאס פערגניגען צו זעהן צום ערשטען מאל, וויא א גרויסער ווייסער בער איז געלעגען אויף אן אייז־פעלד און האט זיך געשפּיעלט מיט זיינע קינדער.

— מען מוז איהם אביסעל איבערשרעקען, האט ער געזאגט צו דשאנסאָן.

זיי האבען אויסגעשאָסען, האבען אבער דעם בער ניט געטראפען. ער האט זיך אומגעקוקט, און דערזעהן דאס שיף מיט דיא מענשען, וועלכע זיינען איהם, וויא עס ווייזט אויס ניט שטארק געפעלען. ער האט מיט זיי קיין בעקאנטשאפט ניט געוואלט מאכען און איז אנטלאפען מיט זיינע קינדער.

דעם 5טען מאי האט דער דאָקטאָר צום ערשטען מאל געהאט דאס פערגניגען צו זעהן דיא זון פיער און צוואנציג שטונדען אין מעת לעת. עס האט זיך אנגעהויבען דער גרויסער טאג, וועלכער דויערט אייניגע מאנאטע. דיא זון געהט ניט אונטער. מען זעהט, וויא זיא געהט ארום דעם הימעל פון אלע פיער זייטען פון דער וועלט. אין דער ערשטער צייט איז עס אנגענעהם. עס איז נישטא קיין נאכט, עס איז בסדר טאָג. באלד אבער הייבט אן דער מענש צו פיהלען, אז עס פעהלט איהם עפּעס, ווען ער וויים ניט קיין אונטערשיעד צווישען טאג און נאכט. מען הייבט אן צו פיהלען, וויא דיא נאכט איז נאָטהווענדיג פארן מענשען, בעזאנדערס פאר דיא אויגען. דער דאָקטאָר האט באלד אנגעהויבען צו פיהלען, אז דאס בעשטענדיגע שיינען און גלענצען פון דער זון איז זעהר אונאנגענעהם און שמערצליך פאר זיינע אויגען. ער האט געמוזט אנטהאן דונקעלע ברילען.

דעם 6טען מאי איז דיא „פאָרוואַרד“ אנגעקומען קיין אופּערנאוויק אין גרענלאנד. דאס איז דער לעצטער אָרט אין גרענלאנד, וואו עס וואָינען נאך מענשען. ווייטער קיין נאָרדען געפינט זיך קיין שפּור פון מענשליכע וואָינונגען. דא הערשט דער אייביגער פראָסט און דאס אייביגע אייז.

8טעס קאפיטעל.

שאנדאן האט נעהייסען פעראנקערן דיא „פארוואַרד“ און בלייבען דא שטעהן אויף א פאָר טאָג.

אופערנאוויק איז א שטאדט. זיא נעהערט צו דענעמארק, אזוי וויא דאס גאנצע גרענלאַנד נעהערט צו דענעמארק. ווען איך זאג, אז אופערנאוויק איז א שטאָדט, וועלען מיינע לעזער נעוויס מיינען, אז דאס איז א שטאדט מיט גאסען, מיט קירכען, מיט פאלאצען, מיט גאז בעלייכטונג און מיט אנדערע זאכען, וואס זיי געפינען אין אן אייראפעאישע, אָדער אמעריקאנישע שטאדט. דא האבען זיי א גרויסען טעות. אין דער גאנצער שטאָדט אופערנאוויק נעפינען זיך זעקס הילצערנע הייזער. דאס האָלץ אויף צו בויען דיא הייזער האבען דיא שטרעמונגען אין אייז-מעער אנגעבראכט אזו ארויס געווארפען אויפ׳ן ברעג. דער „גובערנאטאר“ פון אופערנאוויק בעוואָינט גאנצע צווייא הייזער. אלס גובערנאטאר קומט איהם א דריטעל פון דער שטאדט. אין איין הויז איז דיא שולע פאר דיא קינדער. אין איין הויז איז דיא קירכע, אין איין הויז וואָינט דער גייסטליכער מיט זיין פאמיליע און דאס זעקסטע הויז נעהערט צו א קויפמאן פון דענעמארק. ער וואָינט אבער אין אופערנאוויק נור אום זומער, דאמאלס האנדעלט ער מיט דיא עסקימאָסען און קויפט ביי זיי אויף דיא פראָדוקטען פון זייער יאגד: דיא פעל פון זעע הינד (סיל סקין), פון ווייסע בערן און פון בלויע פיקס און פיש טראָהן. אין דער צייט פון׳ם קורצען זאמער קויפט ער אויף זיינע סחורות און פאהרט מיט זיי אוועק קיין דענעמארק. לעבען זיין שטוב איז דא א גרויסער מאגאזין, וואו ער האלט זיינע סחורות.

אויסער דיעזע זעקס הילצערנע הייזער זיינען דא אין אופערנאוויק עטליכע און צוואנציג געצעלטען פון דיא פעל פון זעע הינד. דאָרט וואָינען דיא עסקימאָסען. דאס איז דיא לעצטע שטאדט אויף גרענלאנד, וואו עס וואינען מענשען.

דיא עסקימאָסען, אדער דיא עלטסטע איינוואָינער פון יענע קאלטע געגענדען, האבען צווייערליי וואָינונגען, א ווינטער קווארטיר און א זומער קווארטיר. זייער ווינטער קווארטיר איז אין דער ערד, אדער ריכטיגער געזאגט, אין אייז, ווייל דיא ערד איז דאָרט בעדעקט מיט אזא גראָבער דעק פון אייז, וועלכע דיא זון איז ניט אים שטאַנד צו שמעלצען אין דיא איינינע ווארעמע וואָכען, וועלכע דיא גרענלענדער רופען זומער. זיי האקען אויס א פיער־עקיגע גרוב אין אייז, בעדעקען עס מיט שטיקער האָלץ, וועלכע דאס מעער ווארפט ארויס און אויף דיעזע שטיקער האָלץ לעגען זיי ארויף א דיקען פאַך אייז: דאס איז דיא ווינטער קווארטיר. אויפ׳ן באדען לעגט מען אויס פעל פון זעע הינד און אנדערע חיות און דאס איז דאס בעט, דער טיש און דאס גאנצע מעבעל פון׳ם ווינטער פאלאַץ. אין דער מיט פון דיעזען ווינטער פאלאץ שטעהט א קלאָץ מיט קארבען, אדער איינשניטע, אזוי וויא טרעפ, דאס איז דיא טהיר. ווען מען וויל ארויס געהן, קלעטערט מען אויף דיעזען קלאָץ און ווען מען וויל ארייננעהן, לאזט מען זיך אראָפ אויף דיעזען קלאָץ. דיעזע נייע מאָדע טרעפ וואָלטען פאר אונז געוויס געוועזען זעהר אונבעקוועם, דיא עסקימאָסען אבער זיינען שוין אזוי געוואָינט מיט זיי, אז זיי דערקענען דעם נאסט, וועלכער קומט צו זיי, ווען זיי דערזעהן זיינע פיס אויף דיא טרעפ.

דיא זומער קוואַרטיר פון דיא עסקימאָסען איז א געצעלט פון פעל אנגעצויגען אויף צוויי העבערע און צוויי ניעדעריגערע דראנגעס. אין דער העבערער זייט געפינט זיך דיא טהיר, א פעל פון א ווייסען בער אדער פון אנאנדערער חיה הענגט אראָפּ פון דיא צווייא דראנגעס. דאס געצעלט איז ארומגעלעגט מיט שטיינער אדער מיט שטיקער אייז.

ווען דיא „פארווארד“ איז געוועזן פערפאנקערט, האט שאנדאן געהייסען אראָפּ לאזען א שיפעל און ער, דער דאָקטאָר, דשאָנסאָן און א מאַטראָז מיט'ן נאמען פאקער האבען זיך ארייגעזעצט אין שיפעל און זיינען געפאהרען קיין אופּערנאוויק. דעם מאַט-ראָז פאקער האבען זיי מיט גענומען, ווייל ער האט געקענט רעדען עטליכע ווערטער פון דער עסקימאָסען שפּראַכע.

ביי דיא איינוואָינער פון אופּערנאוויק איז געווארען א גרויסע פרייד, ווען זיי האבען דערזעהן, אז א שיף איז צו געקומען צו זיי. אין דיא ערשטע טעג פון מאי קומען זעלטען אן שיפען קיין אופּערנאוויק. עס איז נאך צו פריה. געוועהנליך, קומען אהין דענישע אָדער אמעריקאנישע שיפען, וועלכע פאָהרען פאנגען וואלפיש, ערשט ענדע מאי אָדער אנפאנג יוני. פיעלע איינוואָינער זיינען צו געקומען צום ברעג זיי בעגריסען. זאָגאר דער „גובערנאטאָר“ מיט זיין פרוי מיט זיינע קינדער זיינען געקומען צום ברעג בעגריסען דיא זעלטענע געסט. דאָקטאָר פולמאַן האט גערעדט אביסעל דעניש און האט זיך באלד צו זאמען גערעדט מיט'ן גובערנאטאָר, וועלכער האט איינגעלאדען דיא גאנצע געזעלשאפט צו זיך אויף מיטאג.

דא האט זיך אנגעהויבען פאר דאָקטאָר פולמאַן א נייעס לעבען. ער האט געהאט וואס צו פאָרשען און וואס צו שטודירען. ער האט געזוכט זיך צו בעקענען מיט דיא עסקימאָסען און האט געשענקט זיי און זייערע פרויען איינינע זאכען פון אייראפּא. וויא ווילד דיא עסקימאָסען זיינען, ווייסען דאך זייערע פרויען זיך צו פוצען און א רויטע פאטשיילע אדער א רויטער באנד איז ביי זיי געוועזן דער גרעסטער פרעזענט. ער האט געוואָלט זעהן דיאווינטער קווארטירען פון דיא עסקימאָסען און האט געבעטען איינעם פון זיי, ער זאָל איהם ווייזען זיין ווינטער פאלאץ. דער עסקימאָס האט איהם אראָפּ געפיהרט דורכ'ן דראנג און האט אנגעצונדען א לעמפּעל פון פיש טראהן, ווייל אין דער ווינטער קווארטיר איז דא נור איין עפענונג אין דאך, וועלכעס איז דיא טהיר און דער קוימען צו גלייך. דאָקטאָר פולמאַן האט אבער באלד געמוזט אנטלויפען, ער איז שיער ניט דערשטיקט געוואָרען. אין דער וואָינונג האט אזוי שטארק געשטונקען פון דיא פערפוילטע פיש און דיא פארדארבענע פלייש פון דיא זעע הינד, אז ער האט דאָרט קיין פינף מינוט ניט געקענט צו ברענגען. ער האט זיך קוים צו געשלעפּט צום דראנג אין דער מיט שטוב, אדער צו דיא טרעפּ און איז ארויף געקלעטערט, וויא א קאַץ. דער עסקימאָס האט איהם בעטראכט פערוואונדערט און האט זיך געפרעגט, פאר וואס איז ער אנטלאָפען, דער נארר? וואס האט ער דא דערזעהן א זעלכעס אונ-געוועהנליכעס?

דאָקטאָר פולמאַן אבער האט שוין פארזאגט א צעהנטען, ער זאָל ניט געהן מאכען װיזיטען אין דער ווינטער קווארטיר פון אן עסקימאָס.

דאס אייז מעער.

— וואהרשיינליך, האט ער געזאגט צו דזשאנסאָן, וועלכער האט געוואוסט אז
איהם אין דרויסען, דיעזע אוננליקליכע מענשען בעליידיגען זיך נאך, ווען מען רופט זיי
„עסקימאָסען“, וועלכעס הייסט אויף זייער שפראכע, מענשען וועלכע עסען רוי פלייש.
זיי רופען זיך אליין „אינואיט“ .Innuit „מענשען“. זיי האלטען דיא אייראפעער פאר
גרויסע נאררען, וועלכע פערשטעהן ניט דעם טעם פון א שטיק שמאלץ, וועלכעס מען
שניידט אויס פון א האלב פערשטונקענעם וואלפיש אדער זעע הונד.

שאנדאן איז אויך געוועזען א גאנצע טאג בעשעפטיגט. ער האט אויפגעקויפט
ביי דיא עסקימאָסען שליטענס און הינט צו שלעפען דיא שליטענס. דער קאפיטאן
פון׳ם „פאָרוואַרד“ האט איהם, געשריעבען אין זיין צווייטען בריעף אז ער זאל זיך אנ־
גרייטען מיט שליטענס און מיט הינט אין אופערנאוויק. שטילערהייט האט שאנדאן
נאכגעפרעגט, אויב עס געפינט זיך ניט אין אייראפעער דא. ער האט געפרעגט דעם
גובערנאטאר, אויב עס איז ניט געקומען אן ענגלענדער אדער א דענע אין דיעזע געגענד.
אבער וועדער דער גובערנאטאר, נאך דיא אנדערע איינוואָינער פון אופערנאוויק האבען
זייט פאר איאהרען אויגוסט קיין אייראפעער ניט געזעהן. ווען ער האט זיך איבערצייגט,
אז דער קאפיטאן איז דא אויך ניטא, האט ער געזאגט צום דאָקטאָר:

— נו, וואס זאגט איהר יעצט, דאָקטאָר? וואו איז אונזער קאפיטאן? ערקלערט
מיר דאס רעטעניש?

— מיר מוזען אָפוואַרטען, ביז מיר וועלען קומען אין מעלווילס־ביי, ווען דער
קאפיטאן וועט דאָרט אויך ניט זיין, וועל איך אייך בעגריסען אלס קאפיטאן און איינענ־
טהימער פון׳ם „פאָרוואַרד“, האט דער דאקטאר געזאגט.

דיא מאטראזען אויפ׳ן „פאָרוואַרד“ זיינען אונטערדעסען אויך ניט געזעסען לעדיג.
זיי האבען ארויסגעשיקט א שיפעל מיט עטליכע מאטראזען זוכען עפעס א פרישע זאך
צו עסען. אין איינינע שטונדען ארום איז דאס שיפעל צוריק געקומען און דיא מאט־
ראָזען האבען געבראכט צעהן אייער פון דער אייז ענטע. דיא אייער זיינען געוועזען צווייא
מאל אזוי גרויס פון א הינערשע איי און פון א גרינער פארב. דיא אייז ענטע איז
א גרויסער פויגעל, זיא האלט זיך אויף נור אין דיא קאלטע לענדער און לעבט פון
פיש, וועלכע זיא פאנגט זעהר געשיקט. זיא קומט קיין גרענלאנד אין אפריל,
פערבלייבט דא ביז אקטאבער, ווען דאס מעער ווערט איבעראל פערדעקט מיט אייז.
אין אקטאבער פליהט זיא אוועק אין אנדערע געגענדען, וואו דאס מעער איז ניט פער־
פראָרען. דיא אייז ענטע לעגט איהרע אייער אין א שפאלט פון א שטיין, אדער איינפאך
אויפ׳ן אייז. זיא צופט אויס פון זיך דיא פעדערן און בעט זיי אונטער און זעצט זיך
אניעדער זיי אויס צו בריהען

עס זיינען פערגאנגען צווייא טאג. שאנדאן האט שוין אלעס איינגעקויפט און
אלעס בעזאָרגט. ער האט אבער נאך געוואַרט, טאמער וועט דאָך פון ערגעץ אנקומען
דער קאפיטאן. ער האט געהייסען שיעסען פון דיא קאנאנען, דער קאפיטאן זאָל דער־
הערען אז דאס שיף איז דא. עס איז אבער קיינער ניט געקומען.

דעם 8טען מאי האט שאנדאן זיך געזעגענט מיט אופערנאוויק. דיא זון האט
געשיינט און געגלאנצט אויף דיא אייז־בערג און דיא אייז־פעלדער, וועלכע האבען אויס

גענויעזען גלייך וויא זיי וואָלטען געוועזען בעשאָטען מיט מיליאָנען און מיליאַרדען ברילליאַנטען. דיא ערשטע צייט איז עס געווען א פערגניגען צו קוקען אויף דיעזע הערליכע סצענע. באַלד אבער האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען דיא טרויעריגע פאָלגען דער פון. פיעלע מאטראָזען האבען זיך אנגעהויבען צו קלאגען, אז דיא אויגען טהוען זיי וועה. דעם אנדערן טאג האבען זיי שוין גאר ניט געזען. דאס איז א קראַנקהייט, וועלכע טרעפט זיך נור אין יענע געגענדען. זיא הייסט: שנעע בלינדהייט. דער קראנקער זעהט גאַנץ גוט אין דונקעלן, קוים קומט ער אבער אין דער ליכטיגקייט, זעהט ער גאר נישט. דער דאָקטאָר האט געהייסען דיא מאטראָזען אנטהאָן א גרינעם שלייער אויפ'ן געזיכט. ער אליין האט דער ערשטער פּראָבירט זיין מעדיצין, עס האט געהאָלפען. דיא קראַנקע מאטראָזען האבען זיך באַלד געהיילט בעסער.

מיט דיא הינט, וועלכע זיי האבען געקויפט אין אופּערנאַוויק, האבען זיי דיא ערשטע צייט געהאט זעהר פיעל צו טהאָן. זיי זיינען געווען ווילד און האבען אַגאַנצען טאג און א גאנצע נאַכט אַזוי געהיילט און געשריען, אז עס איז ניט געווען אויס צו האַלטען. בעזאָנדערס אונרוהיג אבער איז געווען דער גרויסער שווארצער הונד פון איי־ראפּא, דער „קאַפּיטאַן“, וויא דיא מאטראָזען האבען איהם גערופען. באַלד אבער זיינען זיי רוהיגער געוואָרען און דאס שיף איז געפאָהרען ווייטער אהן שטערונגען. דאס וועטער איז געווען ווארם, נאטירליך פאר יענע געגענדען, און דאס אייז האט אנגעהויבען א ביסעל צו שמעלצען.

דעם 10טען מאַי זיינען זיי אנגעקומען צו א גרויסען בארג, וועלכער איז בעקאַנט אונטערן נאָמען דער „רויטער שטיין“. דער שנעע, וועלכער ליעגט אויף דיעזען בארג, איז אָפּטמאָל גאַנץ רויט. דאָקטאָר פּולמאַן האט זעהר געוואָלט אנקוקען דיעזען זאָנדערבארען רויטען שנעע, עס איז אבער אונמעגליך געווען צו צוקומען צום בארג. ארום איהם האט זיך אנגעהויפט אזא מאסע אייז, אז עס איז געווען אונמעגליך צו איהם צו צוגעהן.

— פאר וואס איז דער שנעע רויט? האט ראַשאַנסאַן געפרעגט דעם דאָקטאָר.

— דיא געלערנטע זאָגען, אז דער שנעע אליין איז ווייס, זאָנדערן ער איז באַדעקט מיט אזא גאַנץ קליינעם מאָאָס (מאָך) וועלכער איז רויט. מיט געוועהנליכע אויגען קען מען דיעזען מאָאָס ניט זעהן; ווען מען בעטראַכט איהם אבער מיט א מיקראָסקאָפּ, זעהט מען, וויא אויפ'ן שנעע ציעהען זיך לייכטע, דינע רויטע פעדים. דיעזעס מאָאָס וואַקסט נור אויף שנעע. מען געפינט אויף דיא אַלפּען (גאַנץ הויכע בערג אין דער שווייץ, וועלכע זיינען שטענדיג בעדעקט מיט שנעע) דיעזעלבען רויטען מאָאָס.

דעם 11טען מאַי האבען זיך געוויעזען א גרויסע מאַסע שנעע פעלדער און גרויסע שטיקער אייז. דיא „פאָרוואַרד“ איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם, אַלע מאטראָזען האבען געמוזט זיין אויפ'ן דעק און ארבייטען זעהר שווער. שאנדראָן האט געהייסען איינהייצען דעם קעסעל און טרייבען דאס שיף מיט דאַמפּף.

דעם 12טען מאַי זיינען דיא שנעע פעלדער און דיא לויזע שטיקער אייז אנגעקומען אין אזא גרויסער מענגע, אז דיא „פאָרוואַרד“ איז געבליעבען שטעהן, ארומגערינגעלט פון זיי. ניט דיא זעגעל, ניט דיא דאַמפּף האט געהאָלפען. מען האט געמוזט

דורכשניידען א וועג אין אייז. דאס איז אן אונגעוועהנליך לאננוויילינע און שווערע אר־בייט. דיא מאטראזען זיינען געווען אונצופריעדען און האבען אנגעהויבען צו מורען (צו וואָרטשע). ווען אויף א שיף געפינט זיך א טיכטיגער, פעהיגער און שטרענגער קאפיטאן, האבען דיא מאטראזען פאר איהם אבשיי און טהוען דיא שווערסטע ארביי־טען אהנע צו רעדען א וואָרט. זיי ווייסען, אז זיי האבען אן עלטערן, וועלכער פיהרט זיי ערנעץ און וועלכער וועט זיי בעלוינען פאר זייער ארבייט מיט געלד, אדער זאגאר מיט א גוט וואָרט. דא אבער איז אנדערש געווען, דיא מאטראזען האבען געוואוסט, אז שאנדאן איז ניט זייער קאפיטאן. זיי האבען געוואוסט, אז ער אליין ווייס נים, וואוהין זיי פאהרען. זיי האבען זאגאר אויסגעפונען, אז זיינע בעפעהלע זיינען ניט ריכ־טיג, ער מאכט פעהלער און זיי האבען אנגעהויבען ארויס צו ווייזען זייער אונצו־פריעדענהייט.

דעם 16טען מאי האבען זיי דערזעהן מיט שרעק, אז אין פיער טאג זיינען זיי קוים אפגעפאהרען עטליכע מייל. אלע מאל זיינען אנגעקומען מעהר אייז פעלדער און לויזע שטיקער אייז און האבען זיך אנגעהויפט ארום שיף. זיי האבען מורא געהאט, אז עס זאל זיך ניט אנזאמלען אזוי פיעל אייז ארום זיי, אז עס זאל אין גאנצען איינשליעסען דאס שיף און זיי וועלען מוזען ווארטען, ביז א שטורם ווינד וועט זיי בעפרייען. געגען אבענד איז שאנדאן מיט׳ן דאקטאר מיט׳ן מאטראז נאררי אראָפּ פון דעם שיף און נעגאנגען אויפ׳ן אייז זוכען א וועג, דאס הייסט, זוכען אן אָרט וואו דאס מעער איז פריי פון אייז. ווען זיי וועלען געפינען אזא אָרט, וועלען זיי דורכזעגען זיך א וועג ביז צו דעם אָרט, וואו דאס מעער איז פריי. זיי זיינען ארומגעגאנגען א שטיק צייט און האבען גאר ניט געפונען. איבעראל נור אייז און שנעע. זיי זיינען צו געקומען צו אן אייז־בערג און זיינען ארויפגעקלעטערט אויף איהם. פון דאָרט האבען זיי געקענט זעהן אויף א ווייטע שטרעקע ארום און ארום. זיי האט זיך פארגעשטעלט א גרויס־ארטיגעס, אבער טרויע־ריגעס בילד: וויא ווייט דאס אויג האט געקענט זעהן — איבעראל אנגעוואָרפענע און צובראָכענע שטיקער אייז. עס האט אויסגעוויעזען, וויא א צערשטערטע און פערוויס־טעטע שטאדט. שטיקער מויערן, שטיינער, חורבות, צו וואָרפען, צו בראָכע, צו ריסען ליעגען אין שוידערהאפטער אונאָרדנונג.

— וויא אזוי וועלען מיר ארויס פון דיעזע פערוויסטונג? האט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איך ווייס ניט, האט שאנדאן געענטפערט, אבער מיר מוזען ארויס פון דאנען. עס מעג זיין וואס עס וויל זיך, ווייל זאנסט וועלען מיר מוזען דא בלייבען ביז איבער איאהר. דער קורצער זומער איז באלד פאָראיבער און ווען דער ווינטער הייבט זיך אן, איז אלעס פארפאלען.

— איך ווייס, האט געזאגט דער דאקטאר, אז ביז 1817 איז דיעזע געגענד שטענדיג געווען בעדעקט מיט אייז. קיין שיף האט ניט געקענט קומען אהער. אין 1817 איז דאס אייז פּלוצלונג פערשוואונדען און דאס מעער איז געווארען פריי; דיא געלערנטע קענען נאך ניט ערקלערן דיא אורזאכע, פאר וואס דאס אייז איז אזוי פּלוצלונג פערשוואונדען.

אין דער לעצמער צייט האט מען אנגעהויבען צו בעמערקען, אז דאס מעער הייבט ווייטער אן בעדעקט צו ווערן מיט אייז.

— אלזא, וואס ראטה איהר מיר, דאָקטאָר? זאלען מיר ווייטער זעגען דאס אייז אין פאהרען פאָרווערטס, אדער זאלען מיר פאהרען צוריק?

— איך ראטה אייך צו פאהרען צוריק, האט דער דאקטאר געזאגט. ווען איך אבער וואלט קאמאנדירט דאס שיף, וואלט איך אויף מיין אייגענער ריזיקא געפאהרען ווייטער. איך בין שוין אזוי געוואָינט, ווען איך שטעל איין מאל א פוס פאָרווערטס, זאל איך איהם ניט צוריק ציעהען.

— און וואס איז אייער מיינונג, נאררי? האט שאנדאן געפרעגט.

— איך וואָלט אויך געפאהרען ווייטער. איהר טהוט, וויא איהר פארשטעהט. איהר דארפט געבען בעפעהלע און מיר מוזען אייך פאָלגען.

שאנדאן האט ניט געענטפערט. ער האט זיך נאך אמאל ארומגעקוקט אין אלע זייטען און איז אראפגעגאנגען פון'ם אייזבערג, דער דאקטאר און נאררי זיינען איהם נאך געגאנגען.

9טעס קאפיטעל.

דעם טייפעלס פינגער.

אין דער צייט, וואס שאנדאן מיט זיינע בעגלייטער זיינען געגאנגען אויסזוכען א וועג ארויס צו קומען פון'ם אייז, זיינען דיא מאטראזען פון'ם „פאָרוואַרד" געווען בעשעפטיגט ארום צו זעגען דאס אייז ארום דעם שיף. פלוצלונג האט דער מאטראז פען אוועק געווארפען זיינע אינסטרומענטען און געזאגט מיט פערדרוס:

— גענוג! מעהר ארבייט איך ניט! ווען דאס אייז ניט אויפברעכען אין דרייא טאג ארום, ענטזאג איך מיך אין גאנצען.

— ניין, האט זיך אפגערופען אנאנדער מאטראז, גריפער. קוים ווען דאס אייז ניט אויפברעכען, וועלען מיר פאהרען צוריק א היים, קיין ענגלאנד. איך וויל ניט פערברענגען דא אין אייז א גאנץ יאהר, ביז איבער א יאהר פריהלינג.

— א שעהנע זאך צו פערברענגען דא א יאהר, ווען דאס שיף איז ארומגערינגעלט פון אייז.

— און ווער וויס, אויב איבער א יאהר וועט זיין דאס מעער פריי? האט געזאגט פלאווער, דער מאשיניסט. מעגליך, אז איבער א יאהר וועט אויך זיין דאס מעער בעדעקט מיט אייז.

— וואס טויג אייך פיעל רעדען? האט פען אויסגעשריען. היינט איז דאנערסטאג; ווען דאס אייז וועט ניט אויפברעכען ביז שבת, וועלען מיר זונטאג פאהרען צוריק.

— דאס הייסט גערעדט וויא א קלוגער מענש, האט קליפטאן געזאגט. זייט איהר אלע דערמיט איינפערשטאנדען?

— געוויס! האבען אלע אויסגערופען מיט איין קול. איידער צו ארבייטען אזוי שווער און צו שלעפען דאס שיף ווייטער, איז דאך פיעל גלייכער צו געהן צוריק.

— ווען דיא אפיציערען וועלען עס געפינען פאר בעסער צו בלייבען דא אויפ׳ן ווינטער, וועלען מיר זיי ניט שטערן. זיי מעגען זיך דא בלייבען מיט פערגניגען און זיך בויען ווינטער פאלאצען, וויא דיא עסקימאָסען. מיר וועלען פאהרען א היים און וועלען פערברייננען דעם ווינטער אין ליווערפול

— ניין, דאס דארפען מיר ניט טהאן האט גריפער געזאגט. לאזען מענשען אויפ׳ן אייז אליין, טויג אויך ניט. ווען זיי וועלען ניט וועלען פאהרען מיט אונז מיט גוטען, וועלען מיר זיי צווינגען צו פאהרען מיט אונז. פערגעסט ניט, אז ווען מיר וועלען איבער רעדען שאנדאן, ער זאל פאהרען מיט אונז, וועלען מיר בעקומען אונזער געהאלט און אונזער בעלוינונג אין גאנצען. ווען מיר קומען אבער אליין, אהן דיא אפיציערען וועט מען אונז ניט בעצאהלען.

— אבער וואס טהוט מען, ווען דיא אפיציערען וועלען ניט וועלען פאהרען מיט אונז צוריק?

— ווען דיא צייט וועט קומען, וועלען מיר זעהן, וואס מיר האבען צו טהאן.

— איינעם מח איך איבערלאזען דא אויפ׳ן אייז! האט אויס געשריען פען און האט אויסגעשיט עטליכע קללות פון אן עכטען ענגלישען מאטראז.

— דוא מיינסט געוויס דעם הונד האט געזאגט קליפטאן

— יא דעם הונד! האט זיך געבייזערט פען. ער איז דיא אורזאכע פון אלע אונזערע ליידען. ער האט אונז פארשלעפט אויפ׳ן אייז, דורך איהם האבען מיר געליטען אויף דיא אויגען, דורך איהם האבען מיר ניט קיין שנאפס און דורך איהם ווייסען מיר ניט דעם וועג.

— ער איז דאך אבער דער קאפיטאן? האט געלאכט קליפטאן.

— אין דער ערד אריין מיט אזא קאפיטאן! אט דא זאל ער בלייבען

— וויא אזוי וועלען מיר איהם אבער דער טאפען? האט גריפער געפרעגט שאנדאן וועט עס אונז קיין מאל ניט ערלויבען. —

— יעצט איז דיא בעסטע צייט, האט קליפטאן געזאגט. דשעמס וואלל שלאפט, שאנדאן און דער דאקטאר זיינען אוועק געגאנגען און וועלען אזוי גיך ניט צוריק קומען. דשאנסאן איז בעשעפטיגט אויפ׳ן אייז. דער הונד שלאפט יעצט. ווער וויל געהן מיט מיר?

— איך געה! האט פען אויסגערופען און ווען ער וועט מיך וועלען בייסען וועל איך איהם שוין ווייזען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויס גענומען א שארף מעסער פון זיין גארטעל. זיי האבען ניט לאנג געטראכט און זיינען ארויסגעגאנגען אויפ׳ן שיף. איז אייניגע מינוט ארום זיינען זיי צוריק געקומען מיט׳ן הונד. ער איז געשלאפען גאנץ רוהיג אין קאמעריל. זיי האבען איהם פערבונדען דאס מויל און יעדער האט איהם געהאלטען ביי צוויא פיס. ווען זיי זיינען צו געקומען צו זייערע קאמעראדען, איז געווארען א פרייד ביי אלעמען.

— נו, וואס טהוט מען יעצט מיט איהם? האט פען געפרעגט.

— דערטרינק איהם, האט גריפער געענטפערט.

ניט ווייט פון דער שיף איז געווען א שפּאַלט אין אייז. פֿון אין קליפּטאַן האבען גענומען דעם הונד און האבען איהם צונעטראַגען צו דיעזען שפּאַלט. דער הונד האט זיך געוואָרפען און געריסען, זיי האבען אבער זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט און האבען איהם אריינגעוואַרפען אין וואסער. אום ער זאל ניט ארויס שווימען, האבען זיי ארויף געלעגט אויפ'ן שפּאַלט א שטיק אייז.

— מיר ווינשען דיר א גוטע רייזע, קאַפּיטאַן! האט געלאכט פֿען, ווען ער האט געזעהן, וויא דאס ארימע טהיער האט זיך געוואָרפען אין וואסער.

אין א שטונדע ארום איז שאנדאַן מיט זיינע קאַמעראַדען צוריק געקומען. צוריק־וועגס האבען זיי געפונען א שטיק מעער, וואס איז געווען פריי פון אייז און שאנדאַן האט געהייסען דיא מאַטראָזען זאָגען דאס אייז אין דיעזער ריכטונג. דיא מאַטראָזען האבען זיך גענומען געשמאַק צו דער ארבייט. זיי האבען דאך שוין אָפּגערעדט, אז קוים וועלען זיי אין דרייא טאג ארום ניט ארויס פון'ם אייז וועלען זיי פאהרען צוריק א היים. דיא ארבייט איז געגאנגען פאָרווערטס און דאס שיף איז אין דעם טאג אָפּגעפאהרען עטליכע מייל.

דעם 20טען מאי האבען זיי דערזעהן פון דער ווייטען א הויכען בארג, וועלכער איז בעקאנט אונטערן נאמען „דעם טייפעלס פינגער“. דאס איז א גאַנץ הויכער שטיין, וועלכער שטעקט ארויס פון'ם מעער און איז זעהר עהנליך צו א פינגער פון א מענשען, מיט אלע קנייטשען און גליעדער פון א פינגער. אין 1851 האט איהם דער קאַפּיטאַן ראָס צום ערשטען מאָל ענטדעקט. ער איז געווען ערשטוינט איבער דיעזע זעלטזאמע עהנליכקייט צו א פינגער פון א מענשען. ער האט איהם א נאמען געגעבען „דעם טייפעלס פינגער“, ווייל ארום און ארום איז דאמאַלס געווען אויפגעהויפט אזוי פיעל אייז, אז עס איז געווען אונמעגליך צו איהם צו צו קומען. אין 1853 איז דער אַמעריי־קאנער דאָקטאָר קעין געווען אין דיעזער געגענד און האט אויך געפונען דיעזען זאָנדער־בארען בארג, ער האט אבער אויך ניט געקענט צו קומען צו איהם. פון דיעזע צייטען הייסט דיעזער בארג „דעם טייפעלס פינגער“.

דיא געגענד ארום איז ווירקליך „פערטייפעלט“ און טרויעריג. שרעקליכע אייז־בערג און אייז מאסען ליעגען צו וואָרפען, צו בראָכען און צו שטרייט ארום. זעלטען, אז מען זעהט א שטיקעל פרייעס מעער. דיא מאַטראָזען פון „פאָרוואַרד“ האבען גע־ארבייט זעהר שווער אין דיא לעצטע טעג און זיינען געווען שרעקליך מיעד און מאַט. שאנדאַן האט אנגעהויבען צו פערצווייפלען, ער האט אנגעהויבען צו פיהלען, אז די אויפ־גאַבע איז צו שווער פאר איהם. אויסער דעם האט ער בעמערקט, אז דיא מאַטראָזען רעדען עפּעס צו אָפּט שטילער הייט צווישען זיך. ער האט געזעהן, אז זיי ארבייטען עפּעס צו פויליסיג. ער האָט פערשטאַנען, אז עפּעס טהוט זיך דא, אז דיא מאַטראָזען האבען עפּעס אפּגערעדט.

צום אונגליק נאך, איז דאס שטיק פרייע מעער, וועלכע ער האט אויסגעפונען מיט זיינע קאַמעראַדען באַלד אויך פערדעקט געווארען מיט שטיקער אייז. מען האט געזעהן דייטליך, אז דאס אייז קומט אן פון ערגעץ און בלייבט דא פערשפּאַרט צווישען צוויי אינזלען. שאנדאַן האט געהערט, אז דער הונד איז פערשוואונדען געווארען, ער האט

אבער מורא געהאט צו פרעגען, וויא אזוי ער איז פערשוואונדען געווארען.

דעם 21טען מאי איז געווען אן אונגעוועהנליך שלעכטעס וועטער. עס האט זיך אויפגעהויבען איינער פון יענע שרעקליכע שנעע געשטעבער (זאווערוכא) וועלכע קומען פאַר נור אין יענע געגענדען. ווער עס איז דאָרט קיין מאָל ניט געווען, דער קען גאָר קיין בעגריף ניט האבען, וואס אזא שנעע שטורם איז. דיא לופט איז פול מיט דינע, לאנגע שנעע נאדלען. פוּ׳ם הימעל ביז צום מעער שיט דער שנעע. דער ווינד טרייבט איהם ארום מיט א שרעקליכער מאכט. ער שלאָגט זיך אן אן דיא אייז־בערג און היילט, און פייפט, און רוישט, אז מען ווערט פערטויבט.

אין אזא וועטער איז אונמעגליך געווען צו ארבייטען. דיא מאטראזען זיינען ארום געגאנגען אויפ׳ן שיף אין זייערע וואַרעמסטע קליידער, אויפ׳ן געזיכט האבען זיי געטראגען דעם גרינעם שלייער. אום אכט אוהר פאר נאכט (דאס הייסט, פאר נאכט ביי אונז, ווייל ביי זיי איז דאמאלס קיין נאכט ניט געווען) האט דער שנעע שטורם אביסעל אויפגעהערט און מען האט געקענט זעהן דיא געגענד ארום. מיט שרעק האבען דיא מאטראזען דערזעהן, אז דאס שיף געפינט זיך גאר ניט ווייט פוּ׳ם „טייפעלס פינגער“. עס איז אויף איהם אנגעפאַלען אזוי פיעל שנעע, אז ער האט אויס געוויעזען דרייא מאל אזוי גרויס און דרייא מאל אזוי הויך. אויפ׳ן שפּיץ האט זיך געבילדעט א היטעל פון שנעע און עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז אָט, אָט פאלט דאס היטעל אראָפּ און פערשיט דאס שיף מיט דיא מענשען. דיא מאַטראָזען האבען זיך דערשראָקען און האבען אנגעהויבען צו לויפען צו דיא מאַסטען.

— יעדער אויף זיין פּלאַץ! האט שאנדאן קאָמאנדירט. קיינער זאל זיך ניט ריהרען פון דעם שיף!

דיא מאטראָזען זיינען געבליעבען שטעהן. זיי האבען אליין ניט געוואוסט, וואס צו טהאָן.

— שרעקט אייך ניט, האט געזאגט דער דאָקטאָר, מיינט ניט, אז דעם „טייפעלס פינגער“ וועט אונז פערשיטען. ער איז גאנץ ווייט פון אונז. עס דאכט זיך אונז נור, אז אונזער שיף שטעהט לעבען איהם. דיעזע זאָנדערבארע ערשיינונג הייסט „מיראזש“. ווען מען פאָהרט אין דער וויסטע, דאכט זיך אמאל, אז אָט, אָט פאר אונזערע אויגען געפינען זיך וועלדער און וואסערן. ווען מען קומט צו, זעהט מען, אז עס זיינען ניטא קיין וועלדער, קיין וואסערן. זאַנד־ערן טרוקענער, הייסער זאמד. דאס זעלבע קומט פאר אין דיעזע קאלטע געגענדען, ווען דיא לופט איז גאנץ ריין. א זאך, וואס איז ווייט פון אונז צוואַנציגער מייל, דאכט זיך אונז, אז אָט, אָט שטעהט עס אונז פאר דיא אויגען.

דיא מאַטראָזען האבען זיך באלד איבערצייגט, אז דער דאָקטאָר האט רעכט. אין איינע מינוטען ארום איז „דעם טייפעלס פינגער“ מיט זיין היטעל פון שנעע פער־שוואונדען געוואָרען.

— זיי נאַרען אונז אָפּ, האט קליפטאן געזאגט צו זיינע קאמעראדען. זיי רופען עס „מיראזש“, און אמת אבער איז עס ניט קיין רעכטע זאָך. דאס איז א „ניט גוטער“, וועלכער שפּיעלט זיך מיט אונז.

— נעווים! האט אויסגערופען גריפער. זעהט מען דען נים, או אונז פיהרט ארום א „גיט גוטער״? וואס דערצעהלט אונז דער נאררישער דאָקטאָר פון א „מיראזש״? איז דאס א „מיראזש״, וואס מיר האבען געזעהן מיט אונזערע אויגען? דאס ווילען דיא „גיט גוטע״ אונז פערפיהרען.

אין דערזעלבער צייט אבער האט שאנדאן דערזעהן א שטיק מעער, וואס איז געווען גאנץ פריי פון אייז. ער האט באלד קאמאנדירט, אז אלע מאטראזען זאלען זיך נעהמען פלייסיג צו דער ארבייט און זאלען דורכשלעפען דאס שיף אהין, וואו דאס מעער איז פריי. מען האט זיך ווייטער גענומען צו דער ארבייט. מען האט צו שפרייט דיא זעגעל און מען האט איינגעהייצט אין דיא מאשינען.

— עס איז א בעזאָנדערער גליק פאר אונז, האט שאנדאן געזאגט צום דאקטאר, וואס מיר האבען יעצט אויסגעפונען א וועג. דיא מאטראזען זיינען אויפגעלעגט צו ארבייטען און ווען זיי ארבייטען אזוי פלייסיג פינף שטונדען, קריעבען מיר ארויס פון דיעזען פערפלוכטען אָרט מיט׳ן „טייפעלס פינגער״ און מיר וועלען קענען רוהיג ווייטער פאהרען.

פלוצלונג האבען אלע מאטראזען אוועק געוואָרפען זייערע אינסטרומענטען און האבען אנגעהויבען צו קלעטערן אויפ׳ן שיף. שאנדאן האט אנגעהויבען צו פרעגען, וואס איז געשעהן, אבער קיינער האט איהם נים געענטפערט. דיא מאטראזען זיינען געווען, וויא וואהנזיניג. ער מיט׳ן דאָקטאָר האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען זיך אויך דערשראקען.

פון דער זייט, וואו עס געפינט זיך „דעם טייפעלס פינגער״ איז געלאפען א זאָנדערבאַרעס טהיער. ער איז געווען איבער צוואנציג פוס דיא הויך, זיין עק איז געווען איבער צעהן פוס דיא לענג און האט געקעהרט דעם שנעע, אז ער איז געפלויגען אין אלע זייטען. א רויטע צונג האט ארויס געשטעקט ביי איהם פון מויל, פון וועלכען עס איז געגאנגען א הייסער דאמפף.

— דאָס איז א בער, האט ד׳שאנסאָן געזאגט.

— דאס איז א לייב, האט געזאגט א מאטראָז.

— דאס איז א עלעפאנט, האט געזאגט אנאנדערער.

דער דאָקטאָר און שאנדאָן האבען גאָר נים געזאָגט. זיי האבען גענומען זייערע ביקסען און האבען אויסגעשאָסען אויף דער ווילדער חיה. דיא שיעסע האבען פארהילכט דיא לופט און פלוצלונג — האט זיך אלעס געענדערט. דיא ווילדע חיה איז פערשוואונדען, גלייך וויא זיא וואָלט גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט געווען.

— אָט דאס הייסט א „מיראזש״, האט זיך אנגערופען דער דאָקטאָר. דיא לופט איז געווען ריין און האט אָפגעשפיעגעלט א פוקס, אדער אנדערע חיה, וואס איז געלאָפען ערגעץ גאנץ ווייט פון דאנען.

— דער הונד! האבען געשריען דיא מאטראזען און האבען אנגעהויבען צו ציטערן.

— אָט דאָס איז דער „מיראזש״, האט געזאגט דער דאָקטאָר. דער הונד איז געלאָפען צום שיף, דיא לופט איז געווען גאנץ ריין און ער האט זיך אָפגעשפיעגעלט אין דער לופט, חיא א ווילדע משונה׳דיגע חיה. קוים אָבער האבען מיר אויסגעשאָסען

האבען מיר געמאכט ציטערן דיא לופט, דער „מיראַזש“ איז פערשוואונדען און מיר זעהן יעצט דעם הונד אין זיין נאַטירליכען געשטאַלט.

— וואס פלוידערט דער דאָקטאָר! האָבען אויסגעשריען דיא מאַטראָזען. מיראַזש, מיראַזש, האָבען מיר דען ניט אליין געזעהן מיט אונזערע אויגען א גרויסע אומגעלומ־פערטע, ווילדע חיה? יעצט זעהן מיר דעם הונד, וועלכער איז פערשוואונדען זייט צוויי טאג. קען דאס אלעס זיין נאַטירליך? ניין! דאס זיינען „ניט גוטע“ און דער הונד איז איינער פון זיי.

דיא אבערגלויבישע מאַטראָזען האבען זיך גאר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז דער הונד איז ארויס געקראָכען פון'ם וואסער, וואו זיי האבען איהם אריין געוואָרפען און האט זיך מורא געהאט צו ווייזען, ביז וואַנען ער האט דערזעהן שאנדאן, דעם דאָקטאָר און דעם מאַטראָז גאררי, דיא איינציגע מענשען, וואס זיינען געווען אין דער גאַנצער צייט פריינדליך צו איהם, דאמאלס איז ער געקומען צו לויפען צו דעם שיף.

דער זאָנדערבארער „מיראַזש מיט'ן „טייפעלס פינגער“ און דאס נאך זאָנדער־בארערע צוריק קומען פון'ם הונד האבען אזוי איבערגעשראָקען דיא מאַטראָזען, אז זיי האבען אנגעהויבען עפענטליך צו פאָרדערן פון שאנדאן, אז זיי זאלען פאהרען צוריק א היים.

10טעס קאפיטעל.

קאַפּיטאַן האַטטעראַס.

— צו דער ארבייט! יעדער אויף זיין פּלאַץ! האט שאנדאן קאמאנדירט.

דיא מאַטראָזען האבען זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. זיי וואָלטען עס אפשר ניט געטהאן, זיי האבען אבער געזעהן, אז זיי זיינען שוין גאר ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו דאס מעער איז פריי פון אייז. זיי האבען דאהער ווייטער געשלעפּט דאס שיף. דער הונד איז נאכגעלאָפען הינטערן שיף פון דער ווייטען, קיינער האט איהם ניט גערופען, קיינער האט איהם ניט אוועק געטריבען. פּלוצלונג איז ער געבליעבען שטעהן. ער האט דערזעהן זיינע פיינד, דיא מאַטראזען פען און קליפטאן. אין דיעזע מינוט האט מען געהערט א פייף, וויא מען פייפט צו א הונד. דיא מאַטראָזען האבען זיך אומגע־קוקט מיט שטוינען, ווער זאָל עס האבען גערופען דעם הונד? זיי זיינען דאָך אלע בעקאנטע, קיין פרעמדער איז צווישען זיי ניטא, אלע האבען פיינד דעם הונד און האבען מורא פאר איהם. אלזא, ווער האט עס געפייפט צום הונד?

— איהר האט געהערט דעם פייף, האט אויסגערופען קליפטאן. זעהט, וויא דער הונד האט אנגעהויבען צו שפּרינגען. דאס איז א „ניט גוטער“.

— איהר האט רעכט! האט זיך אנגערופען פען. גענוג! איך ארבייט ניט מעהר. אויף אזא שיף, וואו עס האלטען זיך אויף „ניט גוטע“ קען איך ניט ארבייטען.

— איך אויך ניט, האט געזאגט גריפער.

— איך אויך ניט, האט געזאגט באלטאן. מען וועט אונז פערפיהרען איז אזא אָרט, פון וואַנען מיר וועלען אייביג ניט קענען קומען א היים.

— אלזא, אוועק געלעגט דיא ארבייט! האט קאמאנדירט פען, קומט צו

שאנדראן און לאמיר איהם זאגען אפען, אז מיר וועלען מעהר ניט ארבייטען. איך וועל זיין אייער אנפיהרער.

זיי האבען אלע אוועק געלעגט זייערע אינסטרומענטען, זיינען ארויף געקראכען אויף דער שטריק לייטער אויפ'ן שיף און זיינען געגאנגען צו שאנדאן איהם ערקלערן זייער בעשלוס, אז זיי ווילען פאהרען א היים. שאנדראן איז אין דיעזע צייט געשטאנעןביים רודער, לעבען איהם איז געשטאנען דער דאקטאר. ער האט גענומען זיין שפעקטיוו און האט בעטראכט דיא געגענד. מיט שרעק און מיט שטוינען האט ער דערזעהן, אז דער ארט, וואו דאס מעער איז פריי פון אייז, איז ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט הויכע אייז בערג. ער האט אנגעהויבען צו ציטערן ביי דעם געדאנקען, אז דאס שיף וועט דא זיין פערשפארט און מעגליך, אז ער וועט מוזען דא בלייבען ביז איבער א יאהר זומער. צום ערשטען מאל, זייט ער האט קאמאנדירט דיא „פארווארד" האט ער איינגעזעהן, וואס פאר א שווערע פעראנטווארטליכקייט ער האט אויף זיך גענומען צו פיהרען א שיף אויפ'ן אייז מעער ער איז געווען פערצווייפעלט. ער האט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען. אין דיעזע מינוט איז צו איהם צו געקומען פען מיט זיינע קאמעראדען און האט געזאגט מיט א הויכער, פעסטער שטימע:

— העדר שאנדאן, מיר ווילען ווייטער ניט פאהרען!

— וואס זאגט איהר? האט שאנדאן אויסגעשריען. ער איז געווארען רויט וויא פייער און האט געציטערט פאר כעס.

— מיר האבען גענוג געארבייט פאר אונזער קאפיטאן, וועלכען מיר קענען ניט און ווייסען ניט, יעצט ווילען מיר מעהר ניט ארבייטען. האט איהר שוין געהערט, וואס מיר זאגען? פארשטעהט איהר אונז? מיר ווילען מעהר ניט ארבייטען.

— איהר מוזט ארבייטען! האט שאנדאן געשריען. איך וועל אייך ווייזען, אז איהר מוזט ארבייטען.

— שרעקט ניט איבער דיא גענז, ליעבער העדר שאנדאן, האט פען געזאגט קאלטבליטוג, ווען מיר ווילען ניט ארבייטען, קען אונז קיינער ניט צווינגען.

שאנדאן האט ארויס געכאפט זיין רעוואלווער. אין דיעזע מינוט איז דשאנסאן צו געגאנגען צו איהם און האט איהם געזאגט אין דער הויך, אז דיא מאטראזען זאלען הערן:

— זעהט, אט שווימט דארט א גרויסער אייז־בערג, ווען מיר וועלען זיך ניט בעאיילען ארויס צו פאהרען פון דעם ענגען קאנאל, אין וועלכען מיר געפינען זיך יעצט, וועט ער אונז אין גאנצען פערשפארען דא אין אייז.

שאנדאן האט זיך אומגעקוקט און געזעהן, אז דשאנסאן האט רעכט. מען וויים ניט פון וואנען איז אנגעקומען א גרויסער אייז־בערג און איז געשוואומען מיט א שרעקליכער שנעלינקייט גלייך אויף דיא „פארווארד".

— איך וועל מיך מיט אייך שפעטער אפרעכענען, האט שאנדאן געזאגט. יעצט זיינען מיר אין געפאהר. שנעל! יעדער אויף זיין פלאץ.

דיא מאטראזען האבען איינגעזעהן דיא געפאהר און יעדער איז געלאפען אויף זיין פלאץ. שאנדאן האט געהייסען טרייבען דאס שיף מיט דער פולער קראפט פון'ם

דאמפף. דיא מאטראָזען האבען געארבייט, וויא דיא רוחות. עס האט אבער גאר ניט געהאָלפען. דער אייזבערג איז געשיוואומען שנעלער פון'ם שיף און האט פערשפּאַרט דעם שמאָלען פּאס וואסער, וויא א שטיינערנע וואנד.

— יעצט זיינען מיר פערלאָרען! האט אויסגערופען שאנדאן.

ער האט געמאכט דער מיט אן אונגעהייערן פעהלער. דער קאפּיטאן פון א שיף טאָר ניט ווייזען פאר זיינע מאטראָזען, אז ער איז אין פערצווייפלונג. באלד האט זיך ארויס געוויעזען, וואס פאר א פעהלער ער האט געמאכט.

— מיר זיינען פערלאָרען! האבען אנגעהויבען צו שרייען דיא מאטראָזען. יעצט דארף יעדער טהאָן, וואס ער וויל.

— לאָמיר אראפּלאָזען דיא גוטאפּערטשא שיפלעך! האט געשריען איינער.

— ניין, לאָמיר געהן אין דיא שפּייז קאמערן! האט געשריען פּען. דאָרט איז דאָ שנאפּס און ראָם. איידער דערטרונקען צו ווערן אין קאלטעס וואסער, איז גלייכער זיך אָן צו טרינקען מיט הייסען ראָם.

שאנדאן איז געווען פערצווייפעלט. ער האט ניט געקענט ארויס רעדען א וואָרט. ער האט געזעהן, אז אויף דעם שיף איז אויסגעבראָכען א רעוואָלוציאָן. דיא מאטראזען וועלען איהם מעהר ניט פאָלגען. דער דאָקטאָר האט צונויפגעלעגט דיא הענד אויף דער ברוסט און איז ארום געגאנגען שטיל און פערטראכט אויפ'ן דעק. דיא לאגע איז געווען א קריטישע.

אין דיזע מינוט האט א הויכע, מעכטיגע שטימע א געשריי געטהאן:

— יעדער אויף זיין פּלאץ! דאס שיף זאָל בלייבען שטעהן!

אלע האבען זיך אומגעקוקט מיט שטוינען. פון קאפּיטאנס קאיוטע איז ארויס־געקומען דער מאטראָז גאררי אנגעטהאן, וויא א שיפס־קאפּיטאן און האט נאך א מאל א געשריי געטהאן:

— יעדער אויף זיין פּלאץ! איך בעפעהל אזוי!

— גאררי! האט אויסגעשריען שאנדאן, וואס פאר א רעכט האסט דוא צו בע־פעהלען אויפ'ן שיף? דוא ביסט דאָך א געוועהנליכער מאטראָז?

גאררי האָט ניט געענטפערט. ער האט א פייף געטהאן.

— דיוק! האט ער א געשריי געטהאן.

דער הונד איז באלד ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן שיף און האט זיך געלעגט ביי איהם צו דיא פיס. דיא מאטראָזען זיינען געווען אזוי איבערראשט פון דיעזער סצענע, אז זיי האבען ניט געקענט רעדען א וואָרט. גאררי איז ארויף געגאנגען אויפ'ן קאפּיטאנס בריקעל און האט געזאגט מיט א מעכטיגער, פייערליכער שטימע:

— אפיציערען און מאטראָזען! איך בין אן ענגלענדער, וויא איהר. זעהט, איך האב אויפגעצויגען יעצט דיא ענגלישע פאָהן אויף מיין שיף. איך האב אויסגעבוים דיעזעס שיף און האב עס פערזאָרגט מיט אלעס נייטיגען. מיין צוועק איז געווען, אז דיא „פאָרוואָרד" זאָל זיין דאס ערשטע ענגלישע שיף, וועלכע וועט קומען צום נאָרד־פּאָל. דיא ענגלענדער זיינען געווען דיא ערשטע, וועלכע האבען געררייזט אויפ'ן אייז־מעער, דיא ענגלענדער דארפען זיין דיא ערשטע, וועלכע וועלען צו קומען צום נאָרד־פּאָל.

טהוט יעדער זיין פפליכט! פון היינט אן בעקומט יעדער צווייא מאָל אזוי פיעל געהאלט, וויא פיעל עס איז אנגעשריעבען אין זיין קאָנטראקט. מיין נאמען איז א גוטע גאראנטיע, אז איהר וועט ערהאלטען אייער געלד פינקטליך. מיין נאמען איז א גוטע גאראנטיע, אז מיר וועלען דערגרייכען אונזער ציעל. — איך הייס קאפיטאן, האטטעראס!

— קאפיטאן האטטעראס! האבען אויסגעשריען אלע מיט איין קול. עס לעבע קאפיטאן האטטעראס!

קאפיטאן האטטעראס איז ווירקליך א בעריהמטער נאמען אין ענגלאנד. אלע מאטראָזען האבען פון איהם געהערט. אייניגע האבען איהם זאגאר געקענט, נור עס איז זיי ניט אייגעפאלען, אז דאס זאָל זיין דער מאטראז נאררי. אלע האבען געוואוסט, אז קאפיטאן האטטעראס איז א מיליאָנער, אז דיא ענגלישע רעגיערונג האט איהם שוין ניט איין מאל געשיקט מיט שיפען אין וויטע ימים.

— יעצט, האט קאפיטאן האטטעראס וויטער געזאגט, פעראנקערט דאס שיף צו אן אייז־בערג און לאז יעדער זיך נעהמען צו זיין ארבייט. — שאנדאן, דאָקטאר פולמאן, דשאנסאן און וואלל, אייך לאָד איך איין צו מיר אין קאיוטע איך האב מיט אייך צו רעדען וויכטיגע זאכען.

קיינער האט ניט גערעדט קיין וואָרט. יעדער איז געגאנגען צו זיין בעשעפטיגונג און האט מורא געהאט ארויס צו רעדען א וואָרט, דער נאמען, קאפיטאן האטטעראס, האט געווירקט אויף זיי, וויא א צויבער.

קאפיטאן האטטעראס איז געוועזען איינער פון דיא זעלטענסטע מענער ניט נור אין ענגלאנד זאָנדערן אין דער גאנצער וועלט. ער איז געוועזען דער איינציגער זוהן פון זעהר א רייכען ביער ברויער אין לאָנדאָן. זיין פאטער איז געשטאָרבען, ווען ער איז קוים אלט געוועזען פונפצעהן יאהר. פון קינד וויים אן האט עס איהם געצויגען צום מעער. זיין דענקען און טראכטען איז געוועזען, וויא צו פאהרען אויפ'ן מעער, צו בערייזען דיא וועלט, צו מאכען ענטדעקונגען. קוים איז זיין פאטער געשטאָרבען, האט ער איבערגעלאָזען זיין פארמעגען פון עטליכע מיליאָן פונט סטערלינג אין דיא הענד פון א גוטען פערוואלטער און ער אליין איז אריין געטרעטען אויף א שיף אלס מאטראָז. ער איז אויסגעפאהרען אלע ימים, האט בערייזט אלע וועלט טהיילע און איז צוריק געקומען א היים מיט א ברענענדיגען דורשט ווייטער צו לערנען, ווייטער צו פאָרשען און צו מאכען ענט־דעקונגען.

דיא לאַנגע רייזען אויפ'ן מעער אלס מאטראָז האבען איהם געמאכט שטארק, קרעפטיג און געשיקט. ער איז געוועזען ניט שטארק הויך, ערעל, אבער פעסט געבויט. זיינע גלידער זיינען געוועזען אויסגעגאָסען פון פלייש און אייזען. ער פלעגט צו ברעכען מיט דיא הענד א קראָנע (אן ענגלישע זילבער מינצע).

דשאָן האטטעראס איז געוועזען אן עכטער ענגלענדער, א שטאָלצער ענגלענדער. ער איז געוועזען א הייסער ענגלישער פאטריאָט און האט בעהויפטעט, אז דיא ערשטע אין דער וועלט, וואס האבען געמאכט אירגענד וועלכע ענטדעקונג אדער ערפינדונג, זיינען דיא ענגלענדער. איין מאל האט ער גערעדט מיט א פראנצויזישען שיפס קאפיטאן און האט איהם דערציילט, אז דיא גרעסטע ענטדעקונגען אויפ'ן ים האבען געמאכט

דיא ענגלענדער. דער פראַנצויז איז געווען, וויא אלע פראַנצויזען, זעהר העפליך און האט איהם געוואָלט מאכען א קאָמפּלימענט.

— ווען איך זאָל ניט זיין קיין געבאָרענער פראַנצויז, האט ער איהם געזאגט, וואָלט איך געוואָלט זיין אן ענגלענדער.

— און איך, האט געענטפערט קאפּיטאַן האטטעראס, ווען איך זאָל ניט זיין קיין ענגלענדער, וואָלט איך געוואָלט זיין אן ענגלענדער.

אזוי ווייט איז געגאנגען זיין שטאָלץ און זיין פּאַטריאָטיזמוס געגען ענגלאַנד. עס איז ניט געווען איין ענגלישער עקספּעדיציאָן אויפ'ן מעער, אין וועלכען ער האט ניט טהיילגענומען אלס אפיציער, אדער, ווען עס איז ניט געווען קיין שטעלע אלס אפ־ציער, אלס איינפאכער מאטראָז. אין 1850 האט ער אויסגעבויט א שיף מיט'ן נאמען „פּארוועל" פאר זיין איינען געלד, האט אויפגענומען צוואַנציג געזונדע און שטארקע מאטראָזען און איז געפאהרען אויפ'ן אייז־מעער. דאקטאר פּולמאַן האט איהם דאמאלס געשריעבען א בריעף און געבעטען, ער זאָל איהם אויפנעהמען אלס דאקטאר אויף זיין שיף. ליידער, איז דער בריעף אנגעקומען צו שפּעט. קאפּיטאַן האטטעראס האט שוין אויפגענומען אנאנדער דאקטאר. דאס איז געווען דאקטאר פּולמאַנס גליק. דיא „פּארוועל" איז פערשלאָגען געוואָרען אין אייז און האט צו געבראַכט צוויי יאהר אין אייז. עס האט זיך אויס געלאָזט ביי זיי פּראָוויאַנט און קוילען. דיא מאטראָזען און דיא אפיציערען זיינען אויסגעשטאָרבען איינער נאכ'ן אנדערן פון הונגער און קעלט. נור איין קאפּיטאַן האטטעראס האט אויסגעהאלטען. ער איז דורכגעגאנגען דרייא הונ־דערט מייל אויפ'ן פערפראָרענעם אייז־מעער גאנץ אליין, ביז ער האט אנגעטראָפען עסקימאָסען וועלכע האבען איהם מיט גענומען מיט זיך קיין גרענלאַנד, פון דאָרט איז ער געקומען קיין ענגלאַנד. ווען ער איז אנגעקומען קיין ליווערפּול, איז דיא גאנצע שטאדט געלאָפען איהם זעהן. מען האט געוואוסט, אז ער איז פעהיג אלעס צו וואגען אום נור צו רייזען און צו מאכען ענטדעקונגען. פון דאמאלס אן אבער האט קיין מאט־ראָז ניט געוואָלט ארייננטרעטען אויף דאס שיף, וועלכעס ער האט קאמאנדירט, מען האט מורא געהאט, ער זאָל זיי ווייטער ניט פערפיהרען ערגעץ אין עק וועלט.

אין יענער צייט האט א רייכער אמעריקאנער, מיט'ן נאמען גרינעלל, אויסגעבויט א שיף און האט זיא פערזאָרגט מיט אלעס נייטיגען אום צו פאהרען זוכען דיא פער־פאלענע שיפען און מאטראָזען פון פראַנקלינס עקספּעדיציאָן. אלס קאפּיטאַן אויף דיעזען שיף האט ער ערנאַנט אן אמעריקאנישן דאקטאר מיט'ן נאמען קעין, דאס שיף האט געהייסען „דהי עדוועגס". דאקטאר קעין האט געמאכט זעהר וויכטיגע ענטדע־קונגען. ער איז צו געקומען מיט זיין שיף נעהענטער צום נאָרד־פּאָל פון אלע אנדערע רייזענדע.

ווען קאפּיטאַן האטטעראס האט געלעזען אין דיא צייטונגען פון דיא ענטדעקונגען, וואס דאקטאר קעין האט געמאכט, האט ער עס ניט געקענט אויסהאלטען. שטייטש! א יענקי זאָל מאכען גרעסערע ענטדעקונגען פון אן ענגלענדער? דאס האט זיין ענגלי־שער שטאָלץ ניט געקענט דערטראגען. ער האט בעשלאָסען צו בויען א שיף און צו פאהרען מאכען נייע ענטדעקונגען. ער מוז פאהרען ווייטער פון דאקטאר קעין און מוז

בעווייזען, אז דיא נור ענגלענדער זיינען געוועז דיא ערשטע, וואס זיינען צו געקומען צום נאָרד־פּאָל.

ער איז געקומען צו פאהרען קיין ליווערפּול, האט זיך אין גאנצען אָפּראזירט, אז מען זאל איהם ניט דערקענען. ער האט געקויפט א הויז הינטער דער שטאדט און פלעגט זיך קיין מאל ניט ווייזען אויף דיא דאָקס און האט אויסגעבויט דיא „פאָרוואַרד“. מ׳ר האבען שוין געזעהן אין דיא פאָריגע קאַפּיטלעך, אויף וועלכער אַרט ער האט איינגעלאַדען ריטשאַרד שאַנדאַן און דאָקטאָר פולמאַן. ווען ריטשאַרד שאַנדאַן האט געזוכט מאַטראָזען פאר דיא „פאָרוואַרד“, איז קאַפּיטאַן האַטטעראַס געקומען און האט געבעטען, ער זאל איהם אויפנעהמען אלס מאַטראָז. שאַנדאַן איז קיין מאל ניט איינגעפאלען, אז דער אָפּגעריסענער מאַטראָז גאַררי קען גאר זיין דער בעריהמטער קאַפּיטאַן האַטטעראַס דער מאַטראָז גאַררי איז איהם געפעלען, ווייל ער האט געוויזען גוטע צייגניסע און רעקאָמאַנדאַציאָנען, דער פאר האט ער איהם אויפגענומען.

יעצט, ווען קאַפּיטאַן האַטטעראַס האט ארויס געזאגט, ווער ער איז, האבען זיך דיא מאַטראָזען אנגעהויבען צו צוקוקען צו איהם און האבען איהם אנגעהויבען צו דערקענען. ווען מען זאגט זיי אין ליווערפּול, אז קאַפּיטאַן האַטטעראַס וועט קאָמאַנדירען דאס שיף, וואָלטען זיי אויף קיין פאל ניט געוואָלט פאהרען מיט איהם, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז ער פאהרט ערגעץ אין געפערליכע געגענדען; אזוי אבער, אז זיי האבען ניט געוואוסט, וואוהין זיי פאהרען, זיינען זיי איינגעטרעטען אויפ׳ן שיף, ווייל מען האט זיי צוגעזאגט פינף מאל מעהר צו צאהלען, וויא פיעל מען צאהלט אויף אנדערע שיפען.

11טעס קאַפּיטעל.

קאַפּיטאַן האַטטעראַס דערקלערט זיין פּלאַן.

שאַנדאַן, דער דאָקטאָר, דזשאָנסאָן און וואלל זיינען אריינגעגאַנגען אין דער קאַיוטע פונ׳ם קאַפּיטאַן, וויא ער האט זיי געהייסען. ער אליין איז נאך געבליעבען אויפ׳ן דעק און האט געגעבען דיא מאַטראָזען איינינע בעפעהלע. באלד איז ער אויך געקומען אין דער קאַיוטע און האט זיך אניעדער געזעצט לעבען זיי. זיין ענערגישער כאַראַקטער האט זיך באַלד געצייגט אין פולען גלאַנץ. ער האט ניט געוואַרט אויף קיין צערעמאָניען און האט באַלד געזאגט פּינקט און ענטשלאָסען:

— מיינע הערען, איך בין פעסט ענטשלאָסען צו פאהרען צום נאָרד־פּאָל. איך וויל וויסען אייערע מיינונגען דאריבער. וואס דענקסט דו, שאַנדאַן?

— קאַפּיטאַן, האט שאַנדאַן געענטפערט קאַלט, איך דענק גאר נישט. איהר האט צו בעפעהלען און איך מוז אויספאָלגען אייערע בעפעהלע.

קאַפּיטאַן האַטטעראַס האט זעהר גוט בעמערקט, מיט וואס פאר א טאָן שאַנדאַן האט עס געזאגט. ער האט זיך אבער געמאַכט ניט וויסענדיג און האט געזאגט:

— ריטשאַרד שאַנדאַן, איך וויל וויסען אייער מיינונג איבער דיא רייזע צום נאָרד־פּאָל. וועט עס אונז געלינגען?

— ווען איהר פאָדערט עס, מוז איך אייך זאגען. ביז אהער איז נאך קיינעם

ניט געלונגען צו צוקומען צום נאָרד־פּאָל. איך וויל האָפען, אז מיר וועלען זיין גליקליכער פון אנדערע.

— איך בין זיכער, אז אונז וועט עס יא געלינגען, האט קאפּיטאן האטטעראס געזאגט פעסט און ענטשלאָסען. — און וואס איז אייער מיינונג, דאָקטאָר?

— מיין מיינונג איז האט דער דאקטאר געענטפערט, אז דיא מענשען וועלען דאָך א מאָל צו קומען צום נאָרד־פּאָל. פאר וואס זאלען מיר ניט זיין דיעזע מענשען? וואס קען דען דער מענש ניט אויספיהרען, ווען ער וויל נור? דאס שטארקסטע אויף דער וועלט איז דער מענש?

— איך בין זיכער, אז עס וועט אונז געלינגען, האט קאפּיטאן האטטעראס געזאגט; ווייל מיר זיינען פערזאָרגט מיט אלעס נייטיגע; מיר בענוצען דיא ערפאהרונגען און דיא לעהרען, וואס דיא רייזענדע פאר אונז האבען געמאכט; מיר געברויכען זייערע לאַנד־קארטען און זייערע מעער־קארטען; מיר וויסען, וואס פאר ארטיקעל זיינען נייטיג פאר אזא רייזע. —

ער איז געבליעבען שטיל און האט זיך געווענדעט צו שאנדאן:

— ענטשולדיגט מיר, איך האב פארגעסען אייך צו דאנקען פאר אייערע גוטע איינריכטונגען און אייער גוטעס קאמאנדירען פון דער „פאָרוואר". איך בין מיט אלעמען פאָלקאָמען צו פריעדען, דיא מאטראזען אין אלגעמיינען זיינען טיכטיגע מענשען. עס געפינען זיך צווישען זיי נור איינינגע, וועלכע מען מוז נעהמען אין דיא הענד א ביסעל שטרענגער. נו, דאס וועלען מיר שפּעטער זעהן.

שאנדאן האט זיך פארנייגט. ער האט געפיהלט, אז זיין לאַגע ווערט פון יעדע מינוט אונאנגענהמער. אַט נור וואס איז ער געווען קאפּיטאן און האט קאמאנדירט דאס שיף און יעצט איז ער נור ערשטער אפיציער און מוז אויספאָלגען דיא בעפעהלע, וואס מען ג"ט איהם. קאפּיטאן האטטעראס האט עס אויך געפיהלט, ער האט איהם ניט געוואָלט קרענקען און האט געזוכט צו רעדען פון עטוואס אנדערש. ער האט זיך געווענדעט צו דשאנסאן און וואלל און האט זיי געזאגט:

— איך פרעג ניט אייערע מיינונג, ווייל איך וויים, אז איהר זייט מוטהיגע און טיכטיגע מאטראזען, אויף וועלכע איך קען מיך פערלאזען.

— איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט, קאפּיטאן האט דשאנסאן געענטפערט. אייער אונטערנעהמונגען איז א גרויס איין־שטעלעניש און דענאך וועל איך פאהרען מיט אייך, וואוהין איהר וועט מיך פיהרען, עס מעג זיין, וואס עס וויל זיך.

— דיא זעלבע איז מיין מיינונג, האט דשעמס וואלל געזאגט.

— אייער מיינונג. דאקטאר פרעג איך אויך ניט, האט קאפּיטאן האטטעראס געזאגט. איך קען אייך און וויים, וויא צו שעצען אייך.

— איך וויים ניט פאר וואס איהר האט מיך צו שעצען, האט דער דאָקטאָר געענטפערט און האט אראָפּגעלאזען דיא אויגען. איך האב דעוווייל נאך גאר נישט גע־טהאָן פאר דיא עקספעדיציאָן.

— יעצט, מיינע הערען, האט קאפּיטאן האטטעראס ווייטער געזאגט, וויל איך אייך ערקלערען, פאר וואס איך בין אזוי איבערצייגט, אז אונזער אונטערנעהמען וועט

געלינגנען און מיר וועלען גליקליך אנקומען צום נאָרד־פּאָל.

אין 1817 איז דאס ענגלישע שיף „נעפּטון“ געקומען ביז 120 מייל פון'ם נאָרד־פּאָל. זיא האט זיך געמוזט אומקעהרן, ווייל זיא איז געגאנגען נור אויף זעגעל, פון דאמפּף האט מען נאך דאמאלס ניט געוואוסט. אין 1826 איז דער בעריהמטער ענגלישער קאפּיטאן פּאררי ארויס געפאהרען פון שפּיצבערגען און איז אנגעקומען ביז הונדערט צעהן ענגלישע מייל פון'ם נאָרד פּאָל. ער האט זיך געמוזט אומקערן, ווייל עס האט זיך איהם אויסגעלאזט דער פּראָוויאנט. אין 1852 איז דער ענגלישער קאפּיטאן אינגעלפילד צו געקומען ביז 150 מייל פון'ם נאָרד־פּאָל. דער אמעריקאנער, דאקטאר קעין, איז געגאנגען ווייטער פון אלע, ער האט אויפגעפלאנצט דיא אמעריקאנישע פאָהן אויף א בארג הונדערט מייל פון'ם נאָרד־פּאָל. דאס אלעס ווייסט איהר, מיינע העררן אזוי גוט, וויא איך. ניט דאס וויל איך אייך זאגען. דיא הויפּט זאכע איז, אז אלע דיעזע מוטהיגע מענער דערצעהלען, אז זיי האבען געזעהן אין דעם געגענד פון'ם נאָרד־פּאָל א מעער, אויף וועלכען עס איז ניטא קיין שטיקעל אייז. דאס מעער איז רוהיג. עס איז דאָרט פיעל וואַרעמער, וויא אויפ'ן אייז מעער.

— גאָר פריי פון אייז? האט אויסגערופען שאנדאן. דאס גלויב איך ניט!

קאפּיטאן האטטעראס האט אויף איהם געווארפען א שמאָלצען בליק און האט געזאגט:

— איך דערצעהל דאך אייך זאכען, וואס זיינען געשעהן; איך זאג דאך אייך, ווען זיי האבען זיך געטראָפען און מיט וועמען זיי האבען זיך געטראָפען.

— אבער יעדער קאפּיטאן דערצעהלט אנדערש, האט שאנדאן געזאגט, עס איז שווער זיך אויף זיי צו פערלאזען. איינער זאגט, אז ער האט גאר ניט געזעהן קיין פרייעס מעער, דער אנדערער דערצעהלט, אז ער האט נור געהערט פון איהם; דער דריטער דערצעהלט, אז ער האט איהם געזעהן פון דער ווייטען, ער האט אבער ניט געקענט צו קומען צו איהם. נון, וויא קען מען זיך דארויף פערלאזען וויא קען מען זיך שטיצען דארויף און אונטערנעהמען אזא געפעהרליכע רייזע?

— איהר האט אונרעכט שאנדאן, האט דער דאָקטאָר געזאגט. איהר זייט דאך אן אלטער מאטראז און קענט דאך זעהר גוט דיא געגענדען ארום דעם אייז־מעער. איהר ווייסט זעהר גוט, אז דיא קאָלטסטע געגענדען פון דער וועלט ליעגען אויפ'ן ניין און זיבעציגסטען גראד אין אזיען און אויפ'ן אכט און זיבעציגסטען גראד אין אמעריקא. פון דאָרט אן הייבט שוין אן ווארעמער צו ווערן. דער נאָרד־פּאָל געפינט זיך אויפ'ן ניינציגסטען גראד, פאר וואס אלזא זאל ניט זיין א גאנץ פרייעס מעער ארום דעם נאָרד פּאָל? אמת, קיינער האט איהם נאך ביז אהער ניט דערגרייכט. דער מענש אבער מוז דאך שטרעבען עפּעס אויף צו טהאן, עפּעס אויס צו געפינען, עפּעס צו ענטדעקען. פאר וואס זאלען מיר עס ניט זיין וועלכע וועלען ענטדעקען דעם נאָרד־פּאָל? קוים וועלען מיר אריבער פאהרען דעם קאָלטסטען פונקט פון דער ערד, קענען מיר דאך שוין זעהר לייכט ווייטער פאהרען.

— נו, און וואס וועט איהר טהאן, ווען דיא „פאָרוואַרד“ וועט איינגעפראָרען ווערן אין אייז און וועט זיך ניט קענען ריהרען? האט שאנדאן געפרעגט. מיר שטעהן

שוין יעצט איינגעשלאָסען פון אייז. איך זעה ניט, וויא אזוי מיר וועלען ארויסקריעכען.

— איהר ווייסט דאך אזוי גוט, וויא איך, האט דער דאקטאר געענטפערט, אז אין 1817 איז א רוסישער קאזאקען־אפיציער אלעקסיי מארקאוו אריבער געפאהרען דעם איידמעער מיט שליטענס. ער איז דורך געפאהרען א שטרעקע פון אכט הונדערט מייל אין פיער און צוואנציג טעג

— הערט איהר, שאנדאן? האט אויסגערופען דער קאפיטאן. ווען א רוסישער קאזאק האט עס געקענט טהאָן, פאר וואס זאלען מיר ענגלענדער, עס ניט קענען?

— געוויס, וועלען מיר עס קענען! האבען אויסגעשריען אין איין קול דשאנסאן און דשעמס וואלל.

שאנדאן האט געשאקעלט מיט'ן קאפ!

— איך האב אייך שוין געזאגט מיין מיינונג, האט ער געזאגט. איהר זייט דער קאפיטאן. איהר האט צו בעפעהלען, איך וועל אייך פאָלגען, וואס איהר וועט מיר הייסען.

— מיר דארפען אלעס פראָבירען, האט דער קאפיטאן געזאגט. לאמיר ווייזען דער וועלט, וואס ענגלענדער קענען. מאָרגען איז זונטאג, לאמיר לאזען דיא מאטראזען זיך אויסרוהען און פייערן דעם זונטאג, וויא מען פייערט איהם אין ענגלאנד, מאנטאג וועלען מיר זעהן ווייטער וואס צו טהאָן.

ער האט נאך געגעבען אייניגע בעפעהלע און זיי זיינען זיך צוגאנגען יעדער צו זיין ארבייט, נור דער דאקטאר און דער קאפיטאן זיינען געבליעבען אין דער קאיוטע.

— דאקטאר, האט דער קאפיטאן געזאגט, ווען זיי זיינען געבליעבען אליין, אויף שאנדאן קען איך מיך מעהר ניט פערלאזען. עס קרענקט איהם, וואס ער איז יעצט נור דער ערשטער אפיציער און ניט דער קאמאנדיר פון'ם שיף.

— דעם אנדערן טאג איז דער קאפיטאן מיט'ן דאָקטאר אראָפגעגאנגען פון'ם שיף זעהן, וואס עס טהוט זיך ארום אין דער געגענד. זיי האבען געזעהן מיט שרעק, אז דער איידבערג דרענגט זיך אלץ ווייטער און וועט באלד אנקומען צום שיף. דער קאפיטאן איז צו געגאנגען צו א הויכען איידבערג און האט אויסגעהאקט אין איהם טרעפ, דאן איז ער ארויפגעקלעטערט אויפ'ן בארג, האט גענומען זיין שפקעטיוו און האט ארום געקוקט דיא געגענד ארום און ארום. ער האט דערזעהן, אז ווייט קיין זידען איז דאס מעער פרייער פון אייז און ער האט אויס גערעכענט, א קוים וועט דיא „פאָרוואַרד" ארויס פון דעם קאנאל, וואו זיא געפינט זיך יעצט, וועט זיא שוין קענען ווייטער פאהרען.

קאפיטאן האטטעראס איז אראפ געגאנגען און האט געזאגט צום דאקטאר:

— מאָנטאג אין דער פריה פאהרען מיר ווייטער. מיר מוזען נור זעהן ארויס צו קריעכען פון דאנען. עס איז היינט דער 24טער מאי, מיר האבען נאך פאר אונז דעם זומער ביז ענדע יולי, מיר וועלען דאן נאך קענען זיין גאנץ ווייט.

ער האט באלד צו גערופען דשאנסאן און דשעמס וואלל און האט זיי געהייסען בויען א לאָך אין דעם איידבערג, וועלכער האט זיי פערשטעלט דעם וועג. זיי האבען אויסגעבויערט א גאנץ טיעפע און ברייטע לאך. ווען דער לאך איז געווען פערטיג,

האט ער געהייסען אין איהם אריינשיטען הונדערט פונט פולווער און פערשטעלען איהם מיט שטיקער אייז און שנעע, וועלכע זיינען באלד פערפראָרען געוואָרען און האבען אין גאנצען פערדעקט דאס פולווער. נור איין שטיקעל שטריקעל אנגעשמירט מיט פעך איז ארויס געהאנגען פון דער מינע.

מאנטאג אין דער פריה האט דער קאפּיטאן געהייסען האלטען אלעס בערייט צום פאהרען. ער אליין איז צו געגאנגען און האט אנגעצונדען דאס שטיקעל שטריקעל, וואס איז ארויסגעהאנגען פון דער מינע און איז אנטלאָפען צום שיף. אין איינינע מינוט ארום האט זיך דאס פולווער אנגעצונדען. עס האט געגעבען א טראך, אז דאס גאנצע מעער מיט אלע זיינע אייז־בערג האבען געציטערט.

— שנעל! לאָז דאס שיף געהן! האט דער קאפּיטאן קאמאנדירט. דער וועג איז פריי, דער אייזבערג איז פערשוואונדען!

דער אינזשעניר האט געלאזט געהן דאס שיף מיט פולען דאמפּף. אין א פערטיל שטונדע איז זיא ארויס פו׳ם קאנאל, וועלכער האט זיך באלד פערשלאסען הינטער איהר. נייע אייז מאסען זיינען אנגעקומען און האבען זיך געדרענגט אין שמאָלען קאנאל. דיא מאטראזען זיינען געוועזען ענטציקט, ווען זיי האבען דערזעהן, וויא געשיקט דער קאפּיטאן האט זיך אויסגעדרעהט פון אזא קריטישע לאגע. זיי האבען זיך געפיהלט שטאָלץ, וואס זיי האבען אזא קאפּיטאן און האבען מיט איין קויל אויסגעשריען:

— הורראה! דשאן האטטעראס! הורראה!

דעם 25טען מאַי איז דיא „פאָרוואַרד" געפאהרען גאנץ רוהיג. געשיקט און קונסטפאָל האט דער קאפּיטאן געפיהרט דאס שיף. דיא מאטראזען האבען איינגעזעהן, אז זיי האבען פאר זיך ניט נור א מאן מיט א פעסטען ווילען, זאָנדערן א טיכטיגען און פעהיגען קאפּיטאן, וועלכער ווייסט זיך, וויא אויס צו העלפען אין יעדער פערלעגענהייט. דאס וועטער איז געוואָרען א ביסעל וואָרעמער. אלע האבען אָפּגעלעבט און האבען אנגעהויבען צו האָפען, אז זייער רייזע וועט זיין א גליקליכע.

דעם 26טען מאַי האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער ווינד, וועלכער האט געטריעבען דאס שיף צוריק. דער דאקטאר איז געשטאנען אויפ'ן דעק מיט'ן קאפּיטאן.

— מיר מוזען זעהן צו פאהרען צום אינזעל ביטשי, האט דער קאפּיטאן געזאגט. אונזערע קאָהלען לאזען זיך אויס, דאָרט וועלען מיר זיך אנגרייטען מיט קאָהלען.

— וואו וועט איהר נעהמען קאָהלען אויף דער אינזעל ביטשי? האט געפרעגט דער דאָקטאָר פערוואונדערט. זא פיעל איך ווייס, וואינט אויפ'ן אינזעל קיין לעבעדיגער מענש, דאָרט וואקסט קיין גרעזעלע, אזוי שטארק איז דאָרט דיא קעלט.

— דיא ענגלישע רעגיערונג האט אין פערשיעדענע צייטען ארויס געשיקט שיפען מיט קאָהלען און האט זיי אויסגעלאדען אויף פיעלע וויסטע אינזעלן, האט דער קאפּיטאן געזאגט. אלע ענגלישע שיפען, וואס פאהרען אויפ'ן אייז־מעער בעקומען פון דער רעגיערונג א קארטע פון דיעזע אינזלען מיט א גענויער בעשרייבונג, וואו דיא קוילען געפינען זיך. איך האב אויך אזא קארטע און ווייס, וואו עס געפינט זיך אזא לאגער פון קוילען אויף דער אינזעל ביטשי. אמת, אין 1859 איז דער קאפּיטאן מעק קלינטאָק דאָרט

געווען. ער האט געווים גענומען דארט קוילען. איך גלויב אבער, אז ער האט פאר מיר אויך עפעס איבער געלאזט.

— מעגליך, אז מיר וועלען דאָרט געפינען נאך אנאנדער פראָוויאַנט? האט דער דאָקטאר געפרעגט.

— געווים! האט דער קאפיטאן געענטפערט. פערגעסט ניט, אז אויף דער אינזעל ביטשי האט דער קאפיטאן ראָס צו געבראכט צווייא ווינטערן; דער קאפיטאן פאררי האט דאָרט צו געבראכט א ווינטער, פיעלע אנדערע מוטהיגע מאטראָזען האבען דאָרט פערבראכט מאָנאטען לאנג. יעדער פון זיי האט עפעס איבער געלאזען אן אנדענקען. דער קאפיטאן ראָסס האט דאָרט אויס געבויט א שטוב און האט עס א נאמען גע־געבען „דיא צו פלוכט".

12טעם קאפיטעל.

דיא אינזעל ביטשי.

דעם 27טען מאי איז דיא „פאָרוואַרד" נאך פיעלע שוויעריגקייטען און מי־־ גרויסער מיה ענדליך צו געקומען צו דער אינזעל ביטשי. דער קאפיטאן האט געהייסען פעראנקערן דאס שיף צו א גרויסען אייזבערג און ער, דער דאקטאר און דשאנסאן זיינען ארויס געגאנגען אויפ'ן ברעג. דיא אינזעל איז געווען לעדיג, נאקעט. טרויעריג און איינזאָם. דער באדען איז בעדעקט מיט שנעע און מיט גרויסע שטיינער. זיי האבען באלד דערזעהן דאס הויז, וועלכעס דער קאפיטאן ראָסס האט אויסגעבויט אין 1851. זיי זיינען צו געקומען צום הויז. דיא טהיר איז געווען אָפען, אין שטוב איז אלעס געלעגען אויף זיין אָרט, קיינער האט עס ניט געריהרט.

— אָט איז דער אויווען פון שטיינער, וועלכער ראָסס האט זיך געמאכט, האט דער קאפיטאן געזאגט. אָט שטעהט נאך א פעסעל געזאלצען פלייש, וועלכעס ער האט דאָ איבע־געלאזט; אט שטעהן נאך אנדערע זאכען, וועלכע ער האט דא געלאזען — אלעס איז פערפראָרען, פערשטיינערט, הארט וויא אייזען.

זיי האבען פראָבירט עפענען דאס פעסעל געזאלצען פלייש. עס איז געווען פריש. גלייך וויא נור וואס אניעדער געלעגט, אבער נור מיט א האק אדער מיט א זעג האט מען געקענט געהמען א שטיקעל דערפון. דער דאקטאר האט זיך ווייניג געקימערט וועגען פראָוויאנט; ער איז באלד ארויסגעגאנגען פון'ם הויז אויס פאָרשען דיא אינזעל. איינינע הונדערט שריט פונ'ם הויז האט ער דערזעהן א בילד, וועלכעס האט געמאכט אויף איהם א טיעפען איינדרוק. צווישען שטיינער זיינען געליעגען צווייא מענשען אין מאטראזען קליידער. צו קאָפען איז געשטאנען א ברעטעלע, אויף וועלכען עס איז געווען אנגעשריעבען דער נאמען פון דיא מאטראזען און ווען זיי זיינען געשטאָרבען, דאס איז געווען דעם 20טען נאָוועמבער 1851. עלף יאהר זיינען פאָראיבער זייט זיי זיינען גע־שטארבען און זיי זיינען געווען נאך גאנץ און פריש, גלייך וויא עס וואָלט געווען נעכטען. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז זיי שלאָפען רוהיג, צו געטולעט איינער צום אנדערן. קיינער האט זייער שלאָף ניט געשטערט, קיינער האט זיי ניט בעאונרוהיגט. ער האט זיך צו געריהרט צו זיי און האט געזעהן, אז זיי זיינען האלב פערשטיינערט. איינינע מינוטען איז ער געשטאנען און האט זיי בעטראכט, דאן האט ער געזאגט:

— שלאָפט רוהיג, אָפפער פון דער וויסענשאפט! אייערע קאמעראדען וועלען רעדנקען אן אייך!

ער איז געגאנגען ווייטער זוכען, פאָרשען, לערנען. אין איין אָרט האט ער געפונען א שטיין, אויף וועלכען עס איז געוועזן אויסגעקריצט דיא בוכשטאבען:

E. I. 1849.

ער האט זיך דערמאנט, אז אין 1849 איז דער קאפיטאן בעללאָ געוועזן אויף דיעזעם אינזעל מיט צווייא שיפען Enterprise און Investigator, דאס האט ער איבערגעלאזט א צייכען, אן אנדענק.

מיינע לעזער וועלען פיעלייכט אויף מיר ניט ברוגז זיין, ווען איך וועל זיי דא וויעדערהאָלען דיא געשיכטע פון סער בנימין פ ר א נ ק ל י ן.

זייט מען האט ענטדעקט אמעריקא, האט ענגלאנד געזוכט צו געפינען א וועג ארום צו פאהרען אמעריקא דורך דעם נאָרדליכען אייז־מעער. דיעזער וועג וואָלט געוועזן זעהר וויכטיג פאר ענגלאנד און דער גאנצער וועלט. ענגלאנד האט ארויסגעשיקט פערשיעדענע עקספעדיציאָנען אין פערשיעדענע צייטען. עס איז אבער קיינעם ניט געלונגען זיך דורך צושלאגען דורכ'ן אייז. ענדליך האט דער בעריהמטער געלערנטער און טיכטיגער קאפיטאן, סער בנימין פראנקלין זיך אונטערנומען צו זוכען דיעזען וועג.

דעם 23טען מאי 1845 איז פראנקלין ארויסגעפאהרען פון ענגלאנד. ער האט געהאט מיט זיך צוויי שיפען Erebus און Terror. אויף דיעזע צווייא שיפען זיינען געוועזן דריי און צוואנציג אפיציערען און הונדערט און פונפצעהן מאטראזען. דעם 25טען אויגוסט האט ער פון גרענלאנד צוריק געשיקט קיין ענגלאנד דרייא קראנקע מאטראזען מיט א בריעף, אין וועלכען ער האט געשריעבען, אז ער האט פראָוויאנט און אלעס נייטיגע אויף דריי יאהר. פון דאמאלס אן האט מען ניט פון איהם, ניט פון זיינע שיפען, ניט פון זיינע מענשען קיין שום נאכריכט ניט ערהאלטען. אין אקטאבער 1846 האט דער קאפיטאן ראָסס געזאגט דער ענגלישען רעגיערונג, אז ער איז זעהר בעאונרוהיגט, וואס עס איז קיין נאכריכט ניטא פון בנימין פראנקלין און אז מען זאל שיקען א שיף איהם זוכען, אבער דיא לאָרדעס פון דער ענגלישען אדמיראליטעט האבען איהם ניט געהערט און האבען געענטפערט, אז עס איז נאך צו פריה. עס איז פערגאנגען ווייטער א יאהר, עס איז געקומען דער זומער פון 1847 און פון פראנקלין איז נאך אלץ גאר קיין נאכריכט ניט געקומען. דיא לאָרד'ס האבען אנגעהויבען אונרוהיג צו ווערן, עס איז שוין אבער געווען שפעט צו שיקען שיפען איהם צו זוכען. דאך האט מען אנגעהויבען זיך פאָר צובערייטען צו א גרויסער עקספעדיציאָן. צו ערשט האט מען ארויסגעשיקט יענערס און עסקימאָסען פון קאנאדא. זיי האבען א גאנצען ווינטער דורך געזוכט דעם גאנצען אמעריקאנישען ברעג, ביז וואנען זיי האבען געקענט גרייכען. זיי האבען אבער גאר ניט געפונען. פון דאמאלס אן זיינען פערגאנגען 33 יאהר, אין וועלכע דיא מוטהיגסטע מענער, דיא טאַפּפערסטע שיפס־קאפיטענע און דיא טיכטיגסטע מאטראזען האבען זיך איינגעשטעלט דאס לעבען און האבען אויסגעזוכט און אויסגעפאָרשט יענע שרעקליכע קאלטע געגענדען אום צו געפינען א שפור פון פראנקלין און פון זיינע מענשען, ערשט אין 1878 איז עס געלונגען פאָלשטענדיג צו בעווייזען, וואו פראנקלין איז געפאהרען

מיט זיינע שיפען, וויא דיא שיפען זיינען איינגעפראָרען געוואָרען, וואו זיי האבען צו נעבראכט דעם זומער 1847 און וואו זיי זיינען אלע אויסגעשטארבען פאר הונגער און פאר קעלט אין 1848.

בעזאנדערס אויסגעצייכענט אין דיעזע אונטערזוכונגען האבען זיך דיא ענגלישע שיפס־קאפּיטאנע דשיימס קלארק ראָסס, מעק קליור און מעק קלינטאק און דער דאקטאר קעין Kane. דער קאפּיטאן דשיימס ראָסס איז ארויסגעפאהרען פון ענגלאנד אין 1848 מיט צוויי שיפען. זיין רייזע האט געדויערט צוויי יאהר. אויפ׳ן וועג האט ער געשריעבען בריעף אויף פראנקלינ׳ס נאמען; האט זיי אריינגעלעגט אין גוט פערקאָרקטע פלעשער און האט זיי געוואָרפען אין וואסער, ער האט גערעכענט, אז פיעלייכט וועט איינע פון דיעזע פלעשער קומען אין דיא הענד פון פראנקלין אדער פון זיינע מענשען. אין דיא לאנגע ווינטער מאנאטע, ווען זיינע שיפען זיינען געווען איינגעפראָרען, האט ער געחאפּט אין איינינע נעגענדען פיקס און האט זיי אנגעטהאן אויפ׳ן האלז לעדערנע בייטלעך, אין וועלכע עס זיינען געלעגען בריעף צו פראנקלין, אז מען זוכט איהם און מען האט אנגעגרייט פראָוויאנט אויף פערשיעדענע אינזלען. אויף וואס פאר א אינזעל ראָסס איז געקומען, האט ער באלד אריינגעשלאָגען אין דער ערד א הויכען דראנג מיט דער ענגלישער פאָהן. אויפ׳ן דראנג איז געווען אויסגעשניטען מיט א מעסער דיא ווערטער: „גראב אונטען!“ אונטערן דראנג האט ער פערגראבען א בלעכען שאכטעל מיט א בריעף, אין וועלכען ער האט בעשריעבען אלע אינזלען און אלע ערטער, וואו ער האט איבערגעלאזען פראָוויאנט און קוילען.

ליידער, זיינען אלע זיינע בעמיהונגען געווען אומזיסט. ער האט קיין שפור ניט געפונען פון פראנקלינס עקספעדיציאָן. אין דער זעלבער צייט זיינען געפאהרען אנדערע טיכטינע און געלערנטע מענער זוכען בנימין פראנקלין מיט זיינע שיפען. א שיפס־קאַפּיטאן ראָבערט שעדראן איז געפאהרען אויף זיינע איינענע קאָסטען און אויף זיין אייגענעם שיף „געגסי דאוסאן“, א דאקטאר גודסער אויף דעם שיף „עדוויים“, קאפּיטאן קענעדי אויף דעם שיף „אלבערט“. ביז אין 1850, אלזא פינף יאהר זייט פראנקלין איז ארויסגעפאהרען פון ענגלאנד, האט מען פון איהם קיין שום נאכריכט ניט ערהאלטען און קיין שפור ניט געפונען. עס האט געקאָסט מיליאָנען פונט שטערלינג און הונדערטער מענשען לעבען, און אלעס איז געווען אומזיסט.

דאס שיקזאל פון בנימין פראנקלין מיט זיינע מענשען האט אנגעהויבען צו פעראינטערעסירען גאנץ אייראָפּא און אמעריקא. עס איז ניט געווען איין לאנד אין דער וועלט, וועלכעס האט ניט בייגעשטייערט מיט געלד אדער מיט שיפען צו זוכען דיא פערפאלענע. זאָגאר רוסלאנד האט ארויסגעשיקט א שיף אין אייז־מעער זוכען און פאָרשען נאך בנימין פראנקלין. אמעריקא האט ארויסגעשיקט צוויי עקספעדיציאָנען. דיא ערשטע האט זעהר ווייניג אויפגעטהאן און איז באלד צוריק געקומען. בעריהמט איז דיא צווייטע אמעריקאנישע עקספעדיציאָן אונטער דעם קאמאנדא פון דאקטאר אלישע קעין. ער איז געקומען נעהנטער פון אלע אנדערע צום נאָרד־פּאָל. ער האט צוזאר זיין צוועק ניט דערגרייכט, ער האט פון פראנקלין מיט זיינע מענשען גאר ניט אויסגעפונען, דערפאר אבער האט ער זעהר פיעל אויפגעטהאן פאר דיא וויטענשאפט.

ער האט אויסגעפ̣, · יענע געגענדען, האט פון זיי אראפּ גענומען לאַנד־קאַרטען או
האט זיי זעהר גע. און ריכטיג בעשריעבען.

אין 1852 איז ארויסגעפאהרען אן ענגלישער לאָרד, סער עדוואַרד בעלטשער מיט פינף שיפען זוכען פראנקלין מיט זיינע שיפען. דאס איז געווען דיא אונגליקליכסטע עקספעדיציאָן פון אלע. ער איז ווייט ניט געפאהרען און נאך אין דעם זעלבען יאהר — 1852 — זיינען פיער פון זיינע שיפען פערפראָרען געוואָרען און ער מיט זיינע מענשען האבען געמוזט אלע זיך צונויפדרענגען אויף דעם פינפטען שיף, וועלכעס האט זיך קוים געהאלטען. זיי האבען יעדער מינוט געציטערט, אז דאס אייז זאל זיא ניט צו קוועטשען. צום גליק איז אנגעקומען אן אמעריקאנישע שיף און האט זיי מיט גענומען מיט זיך קיין באָסטאָן. דא האט דיא אמעריקאנישע רעגיערונג רעפאַרירט דאס שיף אויף איהרע קאָסטען, האט עס א נאמען געגעבען „אנגלאָ־אמעריקען“ און האט עס צוריק געשיקט קיין ענגלאנד אלס פרעזענט דער קעניגין וויקטאָריא. אין 1878 ווען מען האט שוין אויסגעפונען אלעס איבער פראנקלין מיט זיין עקספעדיציאָן, האט דיא קעניגין וויקטאריא געהייסען מאכען א טיש פון דיא ברעטער פון דיעזען מערקווירדיגען שיף און האט עס געשיקט אלס פרעזענט דעם פרעזידענטען פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען.

ווען דיא ענגלישע רעגיערונג האט געזעהן, אז אלעס זוכען און אלע עקספעדיציאָנען זיינען אומזיסט, האט זיא ערקלערט, אז פראנקלין מיט זיינע מענשען זיינען פערפאלען געווארען און האט שוין מעהר קיינעם ניט געוואלט שיקען איהם זוכען. דאמאלס האט דאס ענגלישע פאָלק געוויעזען, אז עס איז עדעלער און פריינדליכער פון דער ענגלישער רעגיערונג. דאס ענגלישע פאָלק האט זיך צונויפגעלעגט א האלבען מיליאָן פונט סטערלינג און האט ארויסגעשיקט צוויא שיפען זוכען פראנקלין מיט זיין עקספעדיציאָן. דער קאמאנדיר פון דיעזע שיפען איז געווען דאקטאר רעה Rae. אין 1854 האט דאקטאר רעה געטראָפען עסקימאָסען, וועלכע האבען איהם דערציעהלט, אז מיט עטליכע יאהר צוריק האבען זיי געזעהן א פארטיע ווייסע מענשען, וועלכע זיינען געגאנגען קיין זידען — קיין אמעריקא. דאס איז געווען דיא ערשטע נאכריכט, וואס מען האט ערהאלטען פון בנימין פראנקלין. דיעזע נאכריכט איז צוואר פון זעהר א קליינער בעדייטונג, אבער זיא האט אויפגעריהרט גאנץ ענגלאנד. ליידי דשיין פראנקלין, בנימין פראנקלין'ס פרוי, האט זיך געווענדעט צו דער ענגלישער רעגיערונג און האט געבעטען, אז מען זאָל ווייטער שיקען שיפען זוכען איהר מאן. דיא ענגלישע רעגיערונג אבער האט זיך געמאכט טויב און האט איהר ניט געוואָלט הערן. ליידי פראנקלין האט פערקויפט איהרע בריליאנטען און אלעס, וואס זיא האט געהאט און האט אויף אייגענע רעכנונג ארויסגעשיקט א שיף מיט'ן נאמען „פאָקס“ אונטער דאס קאמאנדא פון'ם טיכטיגען און פעהיגען קאפּיטאן מעק קלינטאק. פיעלע געלערנטע מענשען זיינען איינגעטרעטען אויפ׳ שיף אלס פרייוויליגע. דער וועלט בעריהמטער ענגלישער דאקטאר וואָקער איז אריינגעטרעטען אלס דאקטאר אומזיסט: דיא קאפּיטאנע יונג און האבסאן זיינען אריינגעטרעטען אלס מאטראזען אומזיסט, פיעלע אנדערע בעריהמטע מענער האבען עס געגעבענט אלס עהרע, וואס מען האט זיי אויפגענומען אין דיעזע געפעהרליכע עקספעדיציאָן.

דעם 1טען יולי 1857 איז דיא „פאָקס“ ארויס געפאהרען פון אבערדין אין שאָטלאַנד. ביז מערץ 1859, אלזא צוואַנציג מאָנאַטע איז דער „פאָקס“ ארומגעפאהרען אין פערשיעדענע געגענדען און האט גאר נישט אויסגעפונען. מעק קלינטאק איז ניט געווען דער מענש, וועלכער פערצווייפעלט און לאָזט זיך אָפּ, ווען עס געראטה איהם עפּעס נים. אין מערץ 1859 האט ער פעראנקערט זיין שיף, האט צוטהיילט זיינע מענשען אין צוויי פארטיען. ער מיט איין פּאַרטיע זיינען געגאנגען אין איין זייט, און האבען מיט דער אנדערער פּארטיע זיינען געגאנגען אין דער אנדערער זייט. ער האט געטראָפען אויפ'ן וועג עסקימאָסען, ביי וועלכע ער האט געפונען שטיקלעך אייזען פון א שיף. ער האט זיי אנגעהויבען אויס צו פרעגען, וואו זיי האבען גענומען דיא שטיקלעך אייזען און האט זיי צו געזאגט צו געבען פרעזענטען, ווען זיי וועלען איהם ברענגען נאך זאכען, וואס קומען פון אייראפּא. איינער פון דיא עסקימאָסען האט געזאגט, ווען ער וויל ווארטען א פּאָר טאָג, וועט ער איהם ברענגען א שעהנע זאך פון אייראפּא. ער איז געלאָפען א היים און האט געבראכט א זילבערנעם לעפעל, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעקריצט דיא בוכשטאבען B. F. בנימין פראנקלין.

יעצט זיינען אלע געווען איבערצייגט, אז פראנקלין מיט זיינע מענשען זיינען דא ערגעץ אומגעקומען און זיי האבען אנגעהויבען צו זוכען מיט פרישען מוטה און ענערגיע. דעם 25טען אפּריל זיינען זיי געקומען צום ברעג ים און האבען געפונען א גרויסען הויפען שטיינער, מען האט געזעהן, אז דיא שטיינער זיינען צונויפגעלעגט געווארען פון מענשען. זיי האבען זיי צונומען און האבען ווירקליך געפונען אין א בלעכען שאכטעל א דאָקומענט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען בעריהמט אין דער געשיכטע פון דיא ענטדעקונגען אין אייז מעער. דיעזער דאָקומענט געפינט זיך יעצט אין מוזעאום אין לאָנדאָן. אין דיעזען דאָקומענט, אן ארט טאָגעבוך, איז געשטאנען דיא גאנצע רייזע פון בנימין פראנקלין מיט זיינע שיפען. זיי זיינען איינגייפראָרען געוואָרען אין אייז און האבען געמוזט אוועקווארפען דיא שיפען און פאהרען אויף שליטענס איינגעשפּאַנט מיט הינט. דיא הינט האבען זיי געקויפט אין גרענלאנד. דאס גאנצע יאהר 1846 זיינען זיי ארומגעפאהרען אין פערשיעדענע געגענדען אין דער האָפנונג, אז זיי וועלען טרעפען א שיף זיי האבען אבער גאר ניט געטראָפען. דאס לאנד, אויף וועלכען זיי זיינען יעצט געווען, איז בעקאַנט מיט'ן נאמען קעניג ווילהעלמס לאנד. דיא קעלט איז דארט שרעקליך. עס געפינט זיך אין דיעזען לאנד קיין חיה און קיין מענש. זאגאר דיא עסקימאָסען אנטלויפען פון דיעזעם לעדיגען, טויטען און טרויעריגען לאנד. עס האט זיי אנגעהויבען צו פעהלען אייניגע נייטיגע זאכען. דיא שרעקליכע קראנקהייט פון דיא קאלטע געגענדען, סקאָרבוט (צינגא אויף רוסיש) איז אויסגעבראכען צווישען זיי.

דיעזע קראנקהייט איז איינע פון דיא שרעקליכסטע. זיא גרייפט אן צו ערשט דאס צאהנפלייש (יאסלעס) זיי ווערן וואונדיג און עס הייבט אן צו געהן פון זיי בלוט. דער קראנקער הייבט אן צו ווערן פיעבעריג, אויף דיא פיס ווייזען זיך וואונדען, פון וועלכע עס רינט בלוט. דיא צעהנער פאלען ארויס דאס גאַנצע מויל ווערט איין וואונד, דיא גליעדער צופאלען און דער מענש שטארבט אין שרעקליכע שמערצען. צום גליק פאר דיא מענשהייט, געפינט זיך דיעזע קראנקהייט נור איז דיא גאַנצ קאלטע לענדער

און זאנאר דאָרט האט דיא מוטער נאטור אנגעגרייט א מיטעל געגען דיעזע שרעקליכע קראנקהייט. עס וואקסט דאָרט א מין גראז מיט'ן נאמען לעפעלקרויט, Cochlearia וועלכע איז דאס בעסטע מיטעל געגען דיעזע קראנקהייט. אנאנדערער גוטעס מיטעל איז לימינע זאפט, לימינע זאלץ. צום אונגליק, האט זיך ביי פראנקלין אויסגעלאָזט זיין פאָרראטה (זאפאס) פון לימינע זאלץ און קיין לעפעלקרויט איז ניט געווען צו קריגען אין יענע וויסטע און טרויעריגע געגענד.

דעם 7טען יוני 1847 איז פראנקלין געשטארבען פון סקאָרבוט, מיט איינינע טעג שפעטער זיינען געשטארבען ניין אפיציערען און 25 מאטראָזען, דיא איבעריגע האבען בעשלאָסען צו געהן ווייטער קיין זידען—קיין אמעריקא.

דאס איז געווען דער וויכטיגער דאָקומענט, וואס דער קאפיטאן מעק קלינטאק האט געפונען. ער האט געוואלט געהן ווייטער, זוכען וואו דיא איבעריגע זיינען געבליעבען, אבער צווישען זיינע מענשען האט זיך געוויעזען דיא געפעהרליכע קראנקהייט, דער סקאָרבוט. ער איז דאהער געווען געצוואונגען זיך אומצוקערן קיין ענגלאנד.

מעק קלינטאק האט געבראכט דאס טאגע בוך קיין ענגלאנד און אלע זיינען געווען איבער־צייגט, אז פראנקלין מיט אלע זיינע מאטראזען און אפיציערען זיינען אומגעקומען און עס לוינט זיך ניט זיי ווייטער צו זוכען. ליידע פראנקלין אבער האט ניט גערוהט, זיא האט געוואָלט וויסען אלעס, וואס מיט זיי איז געשעהן. זיא האט געשריעבען צו גארדאן בענעט, דער אייגענטהימער פון'ם New York Herald און זיי האבען צו זאמען ארויסגעשיקט שיפען צו זוכען דעם רעסט פון פראנקלינס עקספעדיציאָן. ערשט אין 1878 האט מען אלעס אויסגעפונען. מען האט אויסגעפונען דיא טויטע אפיציערען און מאטראזען. ביי איינינע האט מען געפונען זייערע נאטיץ ביכער, זייערע טאגע ביכער, אין וועלכע זיי האבען געשריעבען נאך איינינע מינוטען פאר זייער טויט.

איך האב מיך אביסעל פערברייטערט איבער פראנקלין'ס עקספעדיציאָן, ווייל זיא איז נייטיג צו דער ערקלערונג פון אונזער ווייטערדיגע ערצעהלונג, וועלכע איך וויל יעצט ווידער אויפנעהמען.

דאקטאר פולמאן האט זיך אום קיין זאך ניט געקימערט. ער איז ארומגעגאנגען אויפ'ן אינזעל מיט א גרויסער טאָרבע און האט אויפגעהויבען יעדעס שטיינדעלע, וואס איז איהם געפעלען. שאנדאן איז געבליעבען אויפ'ן שיף, ער האט אוסגעמיעדען דעם קאפיטאן און האט נור געטהאן וואס מען האט איהם געהייסען. קאפיטאן האטטעראס איז טאג און נאכט געלעגען איבער זיינע לאנד־ און מעער־קארטען. ער האט געגעבען זיינע בעפעהלע אין קורצע, שארפע און בעשטימטע ווערטער. דיא מאטראָזען האבען פערשטאנען וואס דא קומט פאָר און האבען זיך גאנץ רוהיג פערהאלטען. זיי האבען געווארט, וואס עס וועט ווייטער פאָרקומען. זיי האבען פערבראכט אויף דער אינזעל ביטשי איינינע טעג. זיי האבען אנגעלאדען דאס שיף מיט קוילען פון'ם לאגער, וועלכען דיא ענגלישע רעגיערונג האט דאָרט איבערגעלאָזען, וויא קאפיטאן האטטעראס האט גיזאגט. ענדליך האט דער קאפיטאן געהייסען אויפהייבען דעם אנקער און פאהרען ווייטער קיין נאָרדען. דאס מעער ארום דעם אינזעל ביטשי איז געווען פריי פון אייז, ווייטער אבער האט מען געזעהן גרויסע אייזבערג שווימען.

דער 4טער ‘.ני איז געוועזן א ווארעמער טאג, זעלבסטפערשטענדליך, פאר יענע געגענדען. ביי אונז װאָלט עס געהייסען שטארק קאלט. דער ווארעמער טאג האט אבער זעהר בעאונרוהיגט דיא מאטראָזען און דיא אפיציערען. מען האט געמוזט זעהר פאָר־זיכטיג זיין.—דיא אייז בערג ווערן פון אונטען אפגעריעבען פון דיא וועלען (חוואליעס) פון׳ם מעער. עס קומט אויס, אז דער טהייל פון׳ם אייזבערג, וועלכער שווימט אויפ׳ן וואסער, איז פיעל שווערער, אלס דער טהייל, וועלכער ליעגט אין וואסער. דער איידבערג פערליערט זיין גלייכגעוויכט און פאלט אום. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואס פאר א שרעקליכען רעש אזא איידבערג מאכט, ווען ער קעהרט זיך איבער! א מאסע פון מיליאָנען פונטען פאלט אום פלוצלונג. דאס מעער ארום הייבט אן צו קאָכען, עס הייבען זיך אויף שרעקליכע וועללען, וועלכע זיינען אים שטאנד צו דערטרענקען א שיף. זעהר אָפט מאכט זיך, אז דער איידבערג ווערט דערביי צובראָכען אי ף שטיקער. יעדעס שטיק איז אומשטאנד צו צערברעכען און צערשטערען דיא שטארקסטע שיף.

קאפיטאן האטטעראס האט זעהר גוט געקענט דיא געפאהרען פון א ווארעמעס וועטער אויפ׳ן איידמעער. ער איז געשטאנען א גאנצען טאָג אויף זיין בריקעל און האט קאָמאנדירט. אום מיטאג האט זיך געוויעזען איינע פון דיא זעלטענסטע ערשיינונגען פון דער נאטור, וועלכע מען קען זעהן נור אין יענע קאלטע געגענדען. עס האבען זיך געוויעזען אויפ׳ן הימעל צוויי זונען. ארום זיי זיינען געוועזן גרויסע רינגען פון אלערליי פארבען פון׳ם רעגענבויגען, רויט, גרין, געל און בלוי. דער דאקטאר האט זיך ניט געקענט אפרייסען פון דיעזע גרויסארטיגע ערשיינונג. דיא אלטע מאטראזען, וועלכע זיינען שוין געוועזן עטליכע מאל אויפ׳ן איידמעער, האבען געזאגט, אז דיעזע ערשיינונג ווייזט, אז עס וועט באלד אויספאלען א שרעקליכער שנעע און עס וועט ווערן קאלט.

דעם אנדערן טאג איז ווירקליך געוואָרען קעלטער. דער הימעל איז געוועזן בעדעקט מיט שווערע בלייפארבינע וואָלקענס. נעגען מיטאג האט זיך אויפגעהויבען איינע פון יענע שרעקליכע שנעע שטירמע (זאווערוכע׳ס) פון וועלכע מען קען נור האבען א בעגריף, ווען מען זעהט עס מיט דיא אויגען. דער שנעע איז געפאלען אזוי געדיכט, אז אויפ׳ן דעק האט איינער דעם אנדערן ניט געקענט זעהן אויף צוויי שריט. דער שנעע אין יענע געגענדען איז אויך אביסעל אנדערש, וויא ביי אונז. ווער עס האט זיך צוגעקוקט צו א שנעע, דער האט געוויס בעמערקט, אז ער בעשטעהט פון קליינע פלאטשיגע (פלאכע) שטערנדלעך. אין יענע געגענדען איז דער שנעע שפיצ׳ג, וויא גאנץ קליינע נאדלען.

אין אזא שנעע־שטורם איז זעהר שווער צו פאהרען. מען זעהט ניט וואוהין צו פאהרען. קאפיטאן האטטעראס האט אנפאנגס פראָבירט צו פיהרען דאס שיף. ער האט זיך אבער באלד איבערציינגט, אז עס איז אונמעגליך און האט זיא געהייסען פערצ׳ זתרן.

— דער מאגנעטישע פאָל! האט אויסגעשריען דער דאָקטאָר און איז געלאָפען זוכען עם קאפיטאן. מיר זיינען יעצט פונקט אויפ׳ן מאגנעטישען־פאָל!

מיינע לעזער וועלען געוויס וועלען וויסען, וואס עס הייסט דער מאגנעטישער פאָל. איך על זיי ערקלערן אין קורצע ווערטער. יעדער פון אייך האט געוויס א מאָל געזעהן

א קאָמפּאַס. אין דעו _ ט קאָמפּאַס געפינט זיך א קליין ווייזעריל, וועלכער ווייזט שטענדיג, וואו עס איז דיא נאָרד זייט (צפון זייט) ווען מען פאהרט אבער קיין צפון זייט, בעמערקט מען, אז דאס קליינע ווייזעריל, אדער דיא מאַגנעט נאדעל, פערליערט צו ביסלעכווייס איהר קראַפט. זיא דרעהט זיך ניט אזוי לעבעדיג און אזוי שנעל קיין צפון זייט. ווען מיר פאהרען נאך ווייטער, קומען מיר ענדליך צו א פונקט, וואו דיא מאַגנעט נאדעל ווייזט גאר ניט. מען קען זיא דרעהן, וואו מען וויל, זיא בלייבט שטעהן אויף דעם אָרט, וואס מען האט זיא אנגעשטעלט און לויפט ניט צוריק קיין צפון זייט. ווען מען הענגט אבער אויף א מאַגנעט־נאדעל אויף א זייד, דרעהט זיא זיך אויס מיט'ן שפּיץ צו דער ערד.

דיעזער פונקט אויף דער ערד הייסט דער מאַגנעט־פּאָל. ווען מען פאהרט ווייטער קיין צפון זיין, זעהט מען, אז דיא מאַגנעט־נאדעל הייבט אן צו ווייזען קיין דרום זייט. — דער קאָמפּאַס איז זעהר א נוצליכער אינסטרומענט אויפ'ן ים. דער שיפסקאַפּיטאַן געפינט דורך איהם דעם וועג, וואס ער דאַרף פאהרען. ווען דער קאָמפּאַס דיענט אבער ניט, וויא ביים מאַגנעט־פּאָל, קען צו מאל דער קאַפּיטאַן ניט אויסגעפינען זיין וועג. אין דער לעצטער צייט האבען געלערנטע מענשען אויסגערעכענט אקוראט אלע ענדערונגען, וואס קומען פאָר מיט'ן קאָמפּאַס, ווען מען פאהרט אין צפון זייט פון דער וועלט און ווען מען פאָהרט קיין דרום זייט.

דער דאָקטאָר איז געווען זעהר אונגעדולדיג. ער האט געוואוסט, אז אין 1831 האט דער בעריהמטער ענגלישער שיפסקאַפּיטאַן, דשיימס ראָסס ענטדעקט דעם מאַגנעטישען־פּאָל אויף דער אינזעל בוטיא. יעצט, ווען זיין קאָמפּאַס ווירקט ניט, דיא מאַגנעטישע נאדעל דרעהט זיך ניט, איז עס דאך א בעוויז, אז דאס שיף געפינט זיך לעבען דער אינזעל. ער האט זעהר געוואָלט זיין אויף דיעזע אינזעל. אבער דערווייל איז עס געווען אונמעגליך. זאָלאנג דער שנעע שטורם דויערט, מוז מען בלייבען שטעהן אויף אן אָרט.

דער שנעע שטורם האט געדויערט צוויי טאג. דיא קעלט איז געווארען שטארקער. דער שנעע ארום דעם שיף איז פערפראָרען געוואָרען. ערשט יעצט האבען זיי דערזעהן, אז זיי געפינען זיך ווירקליך לעבען דער אינזעל בוטיא. דער דאָקטאר האט געבעטען קאַפּיטאַן האטטעראַס, ער זאָל איהם ערלויבען אראָפּגעהן אויפ'ן אינזעל. דער קאַפּיטאַן האט איהם ערלויבט. ער און דשאנסאָן האבען זיך אראָפּגעלאָזען פון'ם שיף און זיינען אויפ'ן אייז צוגעגאנגען צו דער אינזעל. דער דאָקטאָר האט ארויסגענומען זיינע לאַנד־קאַרטען און איז געגאנגען מיט דשאנסאָן צו דעם אָרט, וואו דער קאַפּיטאַן ראָסס האט געמאַכט א צייכען, אז דאָרט איז דער מאַגנעט־פּאָל. עס האט געדויערט איבער דריי שטונדען, ביז זיי זיינען צוגעקומען אהין. אויף א קליין בערגעל איז געווען אנגעלעגט א גרויסער הויפען שטיינער. דער דאָקטאָר האט אנגעהויבען צו זוכען צווישען דיא שטיינער און האט באַלד אויסגעפונען א בלעכען שאַכטעל. אין דיעזען שאַכטעל איז געלעגען א בויגען פּאַפּיער מיט קאַפּיטאַן ראָסס'ס אונטערשריפט, אין וועלכען עס איז געשטאַנען בעשריעבען, אין וואס פאר א טאג און וויא אזוי קאַפּיטאַן ראָסס האט אויסגעפונען דעם מאַגנעט־פּאָל. דרייסיג יאהר זיינען פערביבער זינט ער האט אנגעשריעבען דיעזעס

דאקומענט און דאס שאכטעל מיט'ן פאפיער זיינען געווען גאנץ. ניי אין פריש. קיינער האט עס ניט אנגעריהרט, קיינער האט עס פיעללייכט אין דער גאנצער צייט ניט געזעהן.

דער דאקטאר האט ארויסגענומען א מאגנעט־נאדעל און האט זיא אויפגעהאנגען אויף א זייד פונקט אין דער מיט. דיא נאדעל האט געדארפט שטעהן גלייך אזוי ——— זיא האט זיך אבער באלד אומגעדרעהט און האט זיך געשטעלט אזוי | .

— דא איז דער מאגנעט־פאל, האט געזאגט דאקטאר פולמאן און האט א קלאפ געטהאן מיט'ן פוס אן דער ערד.

— איך האב געהערט, אז דער מאגנעט־פאל איז א גרויסער בארג, וועלכער בעשטעהט אין גאנצען פון מאגנעט, האט געזאגט דשאנסאן. ווען א שיף קומט נאהענט צו איהם, ציעהט ער ארויס אלע נעגעל פון'ם שיף און דיא ברעטער צופאלען זיך.

— דאס זיינען „בבא מעשות", האט געזאגט דער דאקטאר. אזא בארג איז אויף דער וועלט ניטא. אין יעדער מינע, פון וואנען מען גראבט אוים אייזען, געפינט זיך מאגנעט. וואס איז דען מאגנעט, ווען ניט א גאנץ געוועהנליכעס אייזען, וועלכעס האט אין זיך דיא אייגענשאפט צו צו ציעהען אנדערע אייזענס. בערג וועלכע זאלען בעשטעהן אויסשליעסליך פון מאגנעט און זאלען צו ציעהען צו זיך שיפען, זיינען ניטא אויף דער וועלט און וועלען ניט זיין. מיר געפינען זיך יעצט אויפ'ן מאגנעט־פאל. דוא האסט אליין געזעהן, וויא דיא נאדעל וויזט גלייך אראפ צו דער ערד און דענאך געהסט דוא ארום גאנץ רוהיג און דער פאל שלעפט ניט ארויס דיא נעגעל פון דיינע שטיוועל, ניט דאס מעסער פון דיין קעשינע.

— אבער וויא אזוי קען דאס זיין? האט דשאנסאן געפרעגט. מיר זעהן דאך, אז א גרוים שטיק מאגנעט ציעהט צו צו זיך א שטיק אייזען און יעצט געפינען מיר זיך אויף דעם ארט, וואו עס געפינט זיך דער מאגנעטיזמוס פון דער גאנצער וועלט — וויא קומט עס אלזא, וואס דיעזער פונקט ציהט טאקע ניט צו צו זיך אלע שטיקלעך אייזען, וואס איך האב ביי מיר?

— מיר זיינען נאך ניט אזוי פיעל געלערענט, מיר זאלען עס קענען ערקלערן, האט דער דאקטאר געזאגט. מיר ווייסען דערווייל נור, אז דא איז דער מאגנעט־פאל פון דער וועלט. ווייטער ווייסען מיר ניט. דאס איז אבער דערווייל פאר אונז גענוג. עס וועלען קומען שפעטער קלינערע מענשען פון אונז און וועלען עס בעסער ערקלערן.

באלד האט מען געהערט פייפען פון'ם שיף, אז זיי זאלען שוין צוריק געהן. דער דאקטאר האט ארויסגענומען א שטיקעל פאפיער מיט א בלייפעדער און האט אנגעשריעבען דעם טאג, וואס ער איז געווען אויף דער אינזעל און וויא ער האט זיך איבערצייגט, אז דא איז דער מאגנעט־פאל. דאס פאפיער האט ער אריינגעלעגט אין דעמזעלבען שאכטעל, וואו עס איז געלעגען דעם קאפיטאן ראסס'ס דאקומענט.

— געלערנטע מענשען מוזען אפט בענוצען א זעלטזאמע פאסט, האט דשאנסאן געזאגט.

12טעם קאפיטעל.

קיין נאָרדען! קיין נאָרדען!

דאס וועטער איז געוואָרען שעהן, דיא זון האט געשיינט, דיא מאטראָזען האבען געמחט אנטהאן דיא גרינע שלייערס אויף זייערע געזיכטער. קאפיטאן האטטעראָס האט געהייסען טרייבען דיא „פאָרוואַרד“ מיט דער גאנצער קראפט פון איהר מאשינעריע. ארום איהר זיינען געשוואומען גרויסע שטיקער אייז, זיא האט זיך אבער גאנץ בראוו דורכגעשלאָגען און איז געגאנגען אליץ ווייטער און ווייטער — צום נאָרד־פאָל.

שאנדאן און וואלל זיינען געשטאנען אויפ'ן דעק און האבען גערעדט.

— וויא מיינסט דוא, שאנדאן, האט וואלל געפרעגט, וועט דער קאפיטאן דערגרייכען זיין ציעל? וועלען מיר צוקומען צום נאָרד־פאָל?

— ניין! האט שאנדאן געענטפערט. מיר וועלען קיין מאָל ניט צוקומען צום נאָרד־פאָל. קיין מענש איז נאָך דאָ־ט ניט געווען און מיר וועלען איהם אויך ניט זעהן. מיר פאָהרען דאָך אין דער בעסטער צייט, עס איז יעצט דער 15טער יוני, מיטען זומער, און דאָך זעה, וויא ארום אונז זיינען געפעהרליכע אייז־בערג און אייז־פעלדער. היינטיגס יאהר איז א בעזאָנדער קאלטעס יאהר, מיר וועלען באלד איינגעפראָרען ווערן און וועלען מוזען דאָ ערגעץ איבערווינטערן.

— מיר האבען זיך דאָך געריכט דארויף, אז מיר וועלען מוזען איבערווינטערן דאָ ערגעץ און פאָהרען אויף שליטענס צום נאָרד־פאָל, האט וואל געזאגט. דוא אליין האָסט דאָך געקויפט הינד מיט שליטענס אין אופערנאוויק?

— דאס וואָלט אלעס רעכט געוועזן, ווען ניט קאפיטאן האטטעראס זאָל קאָמאנדירען דאס שיף. געה אראָפּ אונטען, וועסט דוא זעהן, אז מיר האבען שוין זעהר ווענינ קוילען. ער הייסט הייצען טאג און נאכט און טרייבט דאס שיף, וויא א משוגענער קיין נאָרדען. ער וויל גאר ניט וויסען, אז קוילען זיינען פאר אונז אזוי נייטיג וויא ברויט.

— פאר וואס זאָגסט דוא איהם ניט, אז מיר האבען ווענינ קוילען? דוא מוסט עס איהם זאָגען, דוא ביסט דאָך דער ערשטער אפיציער?

— וואס זאל איך זאגען דעם משוגענעם? ער האט אונטערגענומען א רייזע, וועלכע ער קען ניט אויספיהרען. ער זעהט, אז עס איז אונמעגליך און פאָהרט דאָך אליץ ווייטער און ווייטער.

האטטעראס האט רעכט געהאט. אויף שאנדאן האט ער זיך ניט געקענט פערלאָזען. שאנדאן איז איהם געוואָרען א שונא און האט געזוכט צו שטערן דיא רייזע. צום גליק, האט האטטעראָס עס זעהר גוט געוואוסט און האט געהאלטען דיא מאטראָזען גוט אין האנד. ער האט געוואוסט, וויא זיי צו ציעהען צו זיך. יעדעס מאָל, ווען דאס שיף איז געבליעבען שטעהן, פלעגט ער זיי פערזאמלען אין זיין קאיוטע און פלעגט זיי דערצעהלען דיא רייזען פון דיא בעריהמטע מענער, וועלכע זיינען געפאהרען אויפ'ן אייז־מעער ענטדעקען נייע לענדער און נייע מעערן. אין דער צייט פונ'ם שנעע שטורם, וועלכען זיי האבען נור וואס איבערגעלעבט, האט ער זיי דערצעהלט דיא געשיכטע פונ'ם בעריהמטען שיפסקאפיטאן העגרי הודזאָן.

זייט דיא ענגלענדער זיינען בעקאנט געוואָרען מיט'ן וויסען מעער אין רוסלאנד, האט זיך אין דער שטאדט ארכאנגעלסק געגרינדעט א געזעלשאפט אונטערן נאמען: מאָסקאָווי־אינגליש פאָלאר קאמאירשעל קאָמפּאני Mo.covy-English Polar-Commercial Company. דער צוועק פון דיעזער קאָמפּאני איז געווען אויסצובייטען דיא רייכקייטען פון'ם אייז־מעער, אויסצוזוכען, וואו עס געפינען זיך פיעל זעע הינד און וואלפישען און צו שיקען שיפען זיי צו פאנגען. דיא קאָמפּאני האט געהאט צוויי קאנטארען, איינעם אין ארכאנגעלסק אונטער דער פערוואלטונג פון רוסען און איינעם אין לאָנדאָן אונטער דער פערוואלטונג פון ענגלענדער. אין 1607 האט דיא ענגלישע פערוואלטונג פון דער קאָמפּאני געפאסט דעם פלאַן צו פאָהרען קיין יאפאן איבערן איידמעער. זיא האט איבערגעגעבען דיא אויספיהרונג פון דיעזען פלאַן דעם פעהיגען קאפּיטאן הענרי הודזאָן. דעם 1טען מאי 1607 איז הודזאָן ארויסגעפאָהרען פון'ם ענגלישען פאָרט בריסטאָל, אויף א גאנץ קליינער בארקע מיט'ן נאמען „האָפּוועל“. ער האט געהאט מיט זיך נור צוועלף מאטראָזען. הודזאָן האט זעהר גוט געקענט דיא געפאהרען, וועלכע ערווארטען איהם אויף זיין קליינעם שיפעל, וועלכעס ער אליין האט גערופען: א שאָלעכץ פון א נוס. ער איז אבער געווען טוטהיג און איז געווען פעסט איבערצייגט, אז ער וועט דער־גרייכען זיין ציעל. און ווירקליך, דעם 13טען יוני איז ער אנגעקומען קיין גרענלאנד און איז געפאָהרען ביי דיא ברעגעס פון דיעזען זאָנדערבארען לאנד ביז דען 22טען יוני, ווען ער איז צוגעקומען צו א הויכען בארג. ווייטער האט ער ניט געקענט פאהרען. גרויסע איידפעלדער און איידבערג האבען איהם פערשפּאַרט דעם וועג. הודזאָן איז ניט געווען פערצווייפעלט. ער האט א נאמען געגעבען דעם בארג אין גרענלאנד, פון וואנען ער האט זיך געמוזט אומקעהרען „האָלד וויטה האָפּ“ Hold with Hope שטעה מיט האָפנונג.

ער האט זיך אומגעקעהרט, איז אבער ניט געפאהרען צוריק אהיים, זאָנדערן האט געזוכט אנאנדער וועג דורכצופאָהרען דאס אייז־מעער. ער איז געפאהרען מעהר קיין אָסטען, דאס הייסט, דרומית מזרחית און דעם 14טען יולי איז ער צוגעקומען צו דער מערקווירדיגער אינזעל שפּיצבערגען. אויף דיעזער אינזעל איז דאמאלס געווען דיא ווארמסטע צייט. ביי אונז וואָלט עס געהייסען זומער. אלע בערג אויף דער אינזעל זיינען געווען בעדעקט מיט טיעפען שנעע, נור ביי דיא ברעגעס פון'ם ים האט זיך אין איינינע ערטער געוויעזען דיא ערד און איינינע גראָזען. אין איין אָרט האט ארויסגעגע־קוואָלען פון דער ערד א גאנץ הייסער ברונען. הודזאָן האט דאָרט אויפגעשלאָגען זיין לאגער, ער האט געהאט ווענינ פּראָוויאנט און אויף דער אינזעל זיינען דאמאלס געווען זעהר פיעל פיינעל, פיקס, ווייסע בערן און איינינע קליינע חיות. ער מיט זיינע מאטראָזען זיינען ארויסגעגאנגען אויף דער יאַגד און זיינען קיין מאל ניט צוריקגעקומען לעדיג. ער האט פערבראַכט אויף דער אינזעל א גאנצען מאנאט, האט זיך אנגעגרייט א גרויסען פּאָרראַטה פון פיקסען פעל און פון פריש פלייש פון פיינעל און איז ווייטער געפאהרען זוכען א וועג איבערן אייז־מעער. לײדער, האט ער מיט זיין קליינעם און שוואכעס שיף ניט געקענט פאהרען גאנץ ווייט. אין יענער צייט האט מען נאך ניט געוואוסט פון קיין דאמפּף־מאשין און פאָהרען מיט א זעגעל־שיף אין ארטעסט אויפ'ן אייז־מעער איז ניט

אזוי לייכט. ערשט ענדע אויגוסט האט ער איינגעזעהן, אז עס איז אונמעגליך ווייטער צו פאהרען. ער האט זיך אומגעקעהרט אהיים און ענדע סעפטעמבער איז ער אנגע־קומען קיין לאנדאן.

דיא קאמפאני איז ניט געווען צופריעדען מיט איהם. אבוואהל ער האט ענטדעקט פיעלע אינזלען, אויף וועלכע עס זיינען געווען זעהר פיעל זעע הינד און אנדערע מינים פיש און ער האט געבראכט אהיים פיעל פיקסען־פעל. דאס אלעס האט ניט געדעקט דיא הוצאות, וואס זיי האבען אויסגעלעגט אויף דיעזער עקספעדיציאן. דיא געלערנטע וועלט אבער האט אויפגעהאפט הודזאן׳ס טאגע־בוך און האט עס געלאזט דרוקען אין פערשיעדענע שפראכען. הודזאן האט זעהר ריכטיג בעשריעבען דיא אינזעל שפיצבערגען און פיעלע אנדערע אינזלען אין אייז־מעער. ער איז געווארען בעריהמט אלס טיכטיגער קאפיטאן און א האללענדישע געזעלשאפט האט איהם איינגעלאדען צו זיך און האט איהם איבערגעגעבען א שיף „דע האלווא מאאן״ (דיא האלבע לבנה). דעם 25טען מערץ 1609 איז ער ארויסגעפאהרען פון׳ם האללענדישען פארט, „טעקסעל״ און איז ווייטער געפאהרען צום אייז־מעער. ער איז צוגעקומען צו דער גרויסער אינזעל „נאוואיא זעמליא״, האט אבער אויף קיין פאל ניט געקענט ארויפגעהן אויף דער אינזעל. עס האבען זיך אנגעזאמעלט ארום דער אינזעל א זעלכע גרויסע מאסען אייז־בערג, אז דיא מאטראזען האבען זיך דערשראקען און האבען אנגעהויבען צו פאדערן, ער זאל זיך אומקערן. הודזאן האט זיי קוים איינגעבעטען זיי זאלען פאהרען מיט איהם ווייטער, ניט צום אייז־מעער, זאנדערן קיין אמעריקא ענטדעקען נייע געגענדען און נייע לענדער אין נארד־אמעריקא.

נור מיט שווערער מיה איז עס איהם געלונגען זיך איינצובעטען ביי זיינע מאטראזען, זיי זאלען פאהרען מיט איהם ווייטער. זיי זיינען געווען אזוי איבערגעשראקען פאר דיא ערשטע שוועריגקייטען און דיא שרעקליכע אייז־בערג, וועלכע זיי האבען בעגעגענט, אז זיי האבען נור געוואלט פאהרען אהיים, קיין האללאנד. ער האט פארגעשטעלט זיינע מאטראזען, אז זיי מוזען דאך זעהן עפעס צו טהאן פאר דער קאמפאני, וועלכע האט זיי געשיקט אום צו דעקען דיא קאסטען פון דער עקספעדיציאן. ענדליך, האבען דיא מאטראזען איינגעווילינגט צו פאהרען קיין אמעריקא.

זייט קאלומבוס האט ענטדעקט אמעריקא אין 1492 האט מען נור געוואוסט פון זיד־אמעריקא און פון דיא הייסע לענדער אין אמעריקא. נארד־אמעריקא אבער איז געווען נאך זעהר ווייניג בעקאנט. מען האט געמיינט, אז דארט איז זעהר קאלט און עס לוינט ניט צו פאהרען אהין. הודזאן איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך איינ־געשטעלט צו ערפארשען דיעזע געגענדען.

דעם 3טען אויגוסט 1609 האט ער ענטדעקט א גרויסע בוכטע. ער האט פער־אנקערט זיין שיף און האט זיך געזעצט מיט צעהן פון זיינע מאטראזען אין צווי קליינע שיפלעך. זיי זיינען ארומגעפאהרען דיא גאנצע בוכטע, האבען געזעהן, אז דאס לאנד איז איבעראל בעדעקט מיט געדיכטע וועלדער פון אלערליי פריכטע. דאס איז געווען דער פארט פון ניו־יארק. דער ארט, וואו זיי זיינען ארויסגעגאנגען אויפ׳ן לאנד, איז דארט, וואו עס שטעהט היינט דער קעסל־גאַרדען. דארט זיינען געשטאנען עטליכע

נעצעלטען פון דיא ערשטע איינוואָינער, דיא אינדיאנער. הודזאָן האט מיט זיי ניט געקענט רעדען. דורך צייכענס האט ער זיי אויסגעפרעגט, וואס זיי האבען עפּעס איבעריג. ער האט געגעבען זייער הייפּטלינג א פּרעזענט א רויטע פאטשיילע. דער הויפּטלינג האט איהם געשענקט עטליכע פעל פון ביבער. עס האט זיך באלד אנגעהויבען א האנדעל. הודזאָן האט געגעבען דיא ווילדע זאכען פון אייראפּא: מעסערליך, גלעקעלעך, גלאָז קאָראַלען און אנדערע קליינינקייטען און זיי האבען איהם געגעבען עסענוואַרג, פייגעל, בעזאָנדערעס ווילדע אינדיקעס און פעל פון ביבער.

פון דיא איינוואָינער איז ער געוואָהר געוואָרען, אז זיי הייסען מאנהאטאַס, דער פאר האט ער א נאמען געגעבען דאס שטיק לאנד, אויף וועלכען יעצט שטעהט דיא שטאדט ניו־יאָרק מאננהאטאן Mannhatan.

ער האט פערבראַכט אויף דעם אָרט, וואו היינט שטעהט דער קעסל־גארדען עטליכע טעג און איז געפּאָהרען וויטער אויפ'ן גרויסען טייך, וועלכער פליעסט לעבען קעסל־גארדען און וועלכער הייסט אויף זיין נאמען „הודזאָן“ Hudson. ער איז געפאהרען ארויף וואסער ביז אין דעם אָרט, וואו עס שטעהט היינט דיא שטאדט אָלבאני. וואו ער איז געקומען האבען איהם דיא ווילדע מענשען, וועלכע האבען געוואָינט אין דיעזער געגענד, זעהר פריינדליך אויפגענומען און האבען איהם געבראַכט זעהר פיעל פעל פון אלערליי חיות, בעזאָנדערס אבער פון ביבער. ער האט א נאמען געגעבען דיא געגענד „ניו־לענד“, דאס נייע לאנד. ער האט אויסגעפונען, אז דאס לאנד ארום איז זעהר גוט און פרוכטבאר און פאסט גאנץ גוט פאר א קאָלאָניע. ער איז צוריקגעפאהרען קיין האָללאנד, האט מיטגעטהיילט דער קאמפּאני, וועלכע האט איהם געשיקט, אלעס וואס ער האט אויסגעפונען און ענטדעקט. דיא קאמפּאני האט באלד ארויסגעשיקט אנדערע שיפען אין דאס נייע לאנד און אין 1613 האבען זיי געגרינדעט א שטאדט, וועלכע זיי האבען א נאמען געגעבען „ניי־אמסטערדאם“, היינט הייסט עס „ניו־יאָרק“.

הודזאָן'ס נאמען איז געווארען בעריהמט אין דער וועלט. אן ענגלישע קאמפּאני האט איהם איינגעלאדען צו זיך. אזוי וויא ער איז אליין געוועזען אן ענגלענדער און האט געהאט אויפ'ן וועג זעהר פיעל אונאנגעהמליכקייטען פון דיא האָללענדישע מאטראזען, איז ער בעסער איינגעטרעטען צו דער ענגלישער קאמפּאני, וועלכע האט איהם געגעבען א גוטעס שיף פערזאָרגט מיט אלעס נייטיגען.

דעם 17טען אפּריל 1610 איז ער ארויסגעפאהרען מיט זיין שיף און איז וויטער געפאהרען צום אייז־מעער. ער האט אליין געוואָלט דערגרייכען זיין צוועק — דורכצופאהרען דאס אייז מעער פון איין עק צום אנדערן. דעם 1טען יוני איז ער געקומען קיין גרענלאנד, האט אבער וויטער געטראָפען זעהר פיעל אייז־בערג און האט געמוזט זוכען אנאנדער וועג. ער האט באלד ענטדעקט א גרויסע בוכטע, א גרויס שטיק מעער, וועלכעס שניידעט זיך איין אין לאנד פון אמעריקא. דיעזע בוכטע הייסט ביז אויף היינטיגען טאג הודזאָן'ס ביי Hudson's Bay הודזאָן'ס בוכטע.

ליידער, ווייס מען ניט, וואס איז וויטער געשעהן מיט איהם. זיין טאגע־בוך ענדיגט זיך מיט'ן 3טען אויגוסט 1610.

מיט אזעלכע געשיכטען האט קאפּיטאן האטטעראס געזוכט אויפצומונטערן זיינע

מאטראזען אין זיי ווייזען, אז ווען מען האט נור מוטה און ענטשלאָססענהייט, קען מען זעהר פיעל דערגרייכען. דיא מאטראזען פלעגען איהם אויסהערן אויפמערקזאם. זיינע רעד האבען אויף זיי געווירקט. זיי פלעגען זיך דערנאך נעהמען פלייסיגער צו דער ארבייט און פלעגען אויספאָלגען פּינקטליך אלע זיינע בעפעהלע. נור איין שאנדאן איז געבליעבען אונצופריעדען און פלעגט שטענדיג מוררען (וואָרטשען). וואס דער קאפיטאן האט געטהאן, איז איהם ניט געפעלען. ער פלעגט זוכען אויפצורייצען אייניגע מאטראזען, וועלכע האבען אויך בעסער געוואָלט זיין אין דער היים, איידער צו פאהרען אויפ'ן אייד מעער און קעמפּפען בעשטענדיג מיט איידבערג און מיט איידפעלדער.

דעם 18טען יוני איז דיא „פּאָרוואַרד" אריינגעקומען אין א קאנאל, וועלכער הייסט „מעלוויל קאנאל". דיעזער קאנאל איז א שמאָל שטיק מעער צווישען צווייא אינזלען. ווען מען פאָהרט אין דיעזען קאנאל, זעהט מען פון ביידע זייטען דיא הויכע בערג אויף דיא אינזלען, וועלכע זיינען בעדעקט מיט אייביגען אייז און שנעע — שטומע צייגען (עדות) פון טויזענדער און צעהן טויזענדער יאהרען.

דער מעלוויל קאנאל איז צוואר געוועזן פריי, אויף איהם איז ניט געוועזן פיעל אייז און דיא „פּאָרוואַרד" האט געקענט גאנץ רוהיג פאהרען. דאס איינציגע, וואס איז געווען אונאנגענעהם אין דיעזען קאנאל, איז געווען דיא ענדערונג פון'ם ווינד. אָט האט געבלאָזען א ווינד פון צפון זייט, פּלוצלונג האט זיך אויפגעהויבען א ווינד פון דרום זייט; אָט איז גאר געווען שטיל, עס איז גאר קיין ווינד ניטא. פּלוצלונג אין א מינוט ארום האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער שטורם. אזא שנעלע ענדערונג פון'ם ווינט געפינט מען אין ערגעץ ניט אויסער אין דיעזער געגענד.

דער 23טער יוני איז געווען א שעהנער טאג. דיא זון האט געשיינט און עס איז גאר ניט געווען קיין ווינד. דער דאקטאר און דיא מאטראזען זיינען געווען העכסט צופריעדען, וואס זיי וועלען שוין באלד ארויספאהרען פון דיעזען געפעהרליכען קאנאל. זיי האבען זיך אבער צו פריה געפרייט. אום צעהן אוהר איז פּלוצלונג אנגעקומען א שרעקליכער שטורמווינד. דאס מעער האט געקאָכט וויא א קעסעל. דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט וואָלקענס און עס האט אנגעהויבען צו שיטען א געדיכטער שנעע. דיא וועללען (חוואַליעס) האבען געשפּריצט פון אלע זייטען, אז מען האט ניט געוואוסט, וואס עס געהט: א רעגען אדער א שנעע. דער קאפּיטאן האט געהייסען צונויפציעהען אלע זעגעל, אבער איידער דיא מאטראזען האבען צייט געהאט אויסצופיהרען זיין בעפעהל, האט דער ווינד אראָפּגעריסען א שטיק זעגעל מיט'ן זעגעלבוים.

דער דאקטאר האט זיך געמוהט צובינדען צו זיין קאיוטע זאָנסט וואָלט דער ווינד איהם געוועזן אראָפּגעטראגען אין ים. ער האט אבער אויף קיין פאל ניט געוואָלט אריינגעהן צו זיך אין קאיוטע. ער האט געוואָלט בעטראכטען דיעזע זעלטענע ערשיינונג. מען האט געזעהן גאנץ דייטליך, אז דער שטורם וויטהעט נור אויף איין אָרט, אויף צוויי—דריי מייל ארום. ווייטער איז דאס מעער געווען רוהיג. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז ווען דאס שיף זאל נור קענען דורכלויפען דיא פּאָר מייל, וואָלט זיא זיך געפונען אין א שטילערן מעער. דאס איז אויך געווען גאנץ ריכטיג. דער שטורם האט געהערשט און געליארמט נור אין א טהייל פון'ם קאנאל. קאפּיטאן האטטעראס האט עס געזעהן

בעסער פון אלע, ווייל ער איז געשטאנען אויף זיין קאפיטאנס־בריקעל און האט קאמאנ־דירט מיט א רוהיגער פעסטער שטימע. ער האט געהייסען טרייבען דאס שיף מיט וויפיעל דאמפף עס איז נור געווען און איז ווירקליך אין א קורצער צייט ארויסגעפאהרען פון׳ם שטורם. הינטער דעם שיף האט דאס מעער געקאָכט, געזאָטען און געליארמט, דאס שיף אבער איז געשוואומען אין רוהיגעם וואסער.

דער דאקטאר האט זיך אפגעבונדען פון זיין קאיוטע און איז געגאנגען בעטראכטען דאס זאָנדערבארע בילד, וואס האט זיך יעצט פארגעשטעלט פאר זיינע אויגען. דער שטורם האט ארויסגעריסען פיעלע אייז־בערג פון זייער אָרט, וואו זיי זיינען געווען צו־געפראָרען; ער האט ווייטער אראפגעוואָרפען גרויסע מאסען אייז און פערפראָרענעס שנעע פון דיא בערג. דיעזע מאסען אייז האבען יעצט געטאנצט א זאָנדערבארען שרעק־ליכען טאנץ אויף דיא חוואליעס, וועלכע זיינען געווען הויך, וויא דיא בערג. אזא טאנץ פון אזעלכע ריעזען האבען זאגאר אלטע מאטראזען נאך קיין מאל ניט געזעהן.

דער דאקטאר האט זיך ניט געקענט אפרייסען פון דיעזען וואונדערבארען שפיעל, וועלכעס דער אלטער ים שפיעלט זיך מיט זיינע אור אייניקלעך — דיא אייז־בערג. אין דיעזע מינוט איז צו איהם צוגעגאנגען דער מאטראז סימפסאן און האט איהם געוויעזען אויפ׳ן רוהיגען מעער. דער דאקטאר האט געזעהן מיט שטוינען, אז דאס מעער האט אין ערטער א גאנץ בעזאָנדער פארב. אין ערטער זיינען געווען לאנגע פאסען וואסער פון דונקעל בלויער פארב; לעבען זיי, זיינען געווען פאסען פון אָליוו גרינער פארב און אין איינינע ערטער זיינען געווען פאסען פון א ראָזא פארב. וויא וויים דאס אויג האט נור געקענט זעהן, איבעראל האט דאס מעער געענדערט זיין פארב. אין דער מיט זיינען געווען פאסען וואסער פון געוועהנ׳ליכער מעער פארב. דער דאקטאר האט אויסגעגלאָצט א פאָר אויגען און האט ניט געוואוסט אויף וואס פריהער צו קוקען.

— נו, וואס זאגט איהר, דאקטאר? האט איהם סימפסאן געפרעגט. קענט איהר מיר ערקלערן, וואס דאס איז? קענט איהר מיר זאגען, פאר וואס דאס מעער ענדערט זיין פארב?

דער דאקטאר האט אנגעהויבען צו טראכטען. ער האט דאריבער א מאל געלעזען אין א בוך און האט זיך געוואָלט דערמאנען, וויא אזוי א געלערנטער האט עס דער־קלערט. דער מאטראז סימפסאן איז שוין עטליכע מאל געווען אויפ׳ן אייז־מעער. ער האט עטליכע יאהר געדיענט אויף א שיף, וועלכע איז געפאהרען פאנגען וואלפישען און האט געקענט דאס אייז־מעער בעסער פון׳ם דאָקטאָר.

— דאס מעער אליין האט גאר קיין פארב ניט, האט אנגעהויבען צו ערקלערן דער געלערנטער דאקטאר. ווען מיר נעהמען וואסער פון׳ם מעער אין א גאנץ ריינעס גלאָז, זעהן מיר, אז דאס וואסער איז גאנץ קלאָר און וויים. ווען מיר שיטען אן רויטע זאמד אין גלאָז און גיסען דארויף ארויף דאס וואסער, דאכט זיך אונז, אז דאס וואסער איז רויט. מיר ווייסען, אז דיא אלטע אראבער האבען א נאמען געגעבען זייער מעער דאס „רויטע מעער", ווייל דער זאמד אין פיעלע ערטער איז רויט. דאס שווארצע מעער צייגט אויך דאס זעלבע; אין פיעלע ערטער איז דער באדען בעדעקט מיט א שווארצע בלאָטע, דער פאר הייסט עס דאס „שווארצע מעער". ווען מיר זעהן דא, אז דאס

מעער איז אין ערטער בלוי, אין ערטער גרין און אין ערטער רויט, קומט עס דערפון, ווייל דאס מעער איז דא ניט טיעף און מיר זעהן ארויס דעם באָדען.

— נו, זעהט איהר, דאָקטאָר, האט דער מאטראז געענטפערט מיט א געלעכטער, דא האט איהר ניט געטראָפען. דא ווייסט שוין אן איינפאכער מאטראז, וועלכער האט פערבראכט עטליכע יאהר מיט פאנגען וואלפישען פיעל מעהר פון אייך. — דאס וואסער פון'ם מעער ענדערט דא זיינע פארבען דערפאר, ווייל אין איהם שווימען יעצט מיליאָנען מיליאָנען גאנץ קליינע בעשעפענישען, א סאָרט קרעבסען, וועלכע האבען דיא פארב, וואס מיר זעהן. וואו דאס מעער איז בלוי, שווימען בלויע קרעבסע, וואו עס איז פון ראָזא פארב, דאָרט שווימען קליינע קרעבסע פון ראָזא פארב. דיעזע קליינע בעשעפענישען זיינען דיא איינציגע שפייז פון'ם וואלפיש. איהר ווייסט דאָך געוויס, דאקטאר, אז דער וואלפיש האט א גרויס מויל, אבער א גאנץ קליינעם האלז. זיין האלז איז אזוי קליין, אז ער קען קיין הערינג ניט איינשלינגען. ער נעהמט אין א פול מויל מיט וואסער מיט דיעזע קליינע קרעבסע. דאס וואסער לאָזט ער ארויס דורך זיינע נאזלעכער אזוי וויא צווייא זיילען דאמפף פון א לאָקאָמאטיוו, און דיא קליינע קרעבסען פערשלינגט ער.— איך קען מיך וועטען מיט אייך, דאָקטאָר, אז איהר האט קיין מאל ניט געזעהן, וויא א וואלפיש עסט?

דער דאָקטאָר האט געשטאנען איבערראַשט און ערשטוינט. דער איינפאכער מאטראז האט איהם געגעבען א גוטע לעקציאָן. צוואר אין דאס ביי איהם קיין נייעס ניט געוועזן. ער האט שוין דאריבער פיעל מאל געלעזען, ער האט עס אבער צום ערשטען מאל געזעהן און דיעזע ערשיינונג האט איהם איבערראַשט.

— איך האב געוויס קיין מאל ניט געזעהן, וויא א וואלפיש עסט, האט ער געזאָגט, קיין וואלפיש האט מיר נאך ניט געוויעזען דיא עהרע מיך איינצולאדען צום מיטאג און איך ווייס ניט, וואס פאר א מאכל ער ליעבט בעסער, א סטייק אדער א געבראטענס.

— איהר שפאסט, דאָקטאָר! האט סימפסאָן געזאגט. איך האב אבער יא געזעהן, וויא א וואלפיש עסט, און ווייס, אז ער ליעבט בעסער דיא גרינע בעשעפענישען פון אלע אנדערע. איך ווייס, אז קוים האבען מיר דערזעהן א גרין שטיק מעער, האבען מיר שוין אנגעגרייט אונזערע שיפלעך און אונזערע אינסטרומענטען צו פאנגען דיא וואלפיש, ווייל מיר זיינען געווען זיכער, אז דיא וואלפישען וועלען קומען עסען און מיר וועלען זיי פאנגען.

— דאס קען זיין, האט דער דאקטאר געזאגט, אבער זעהט, מיר פאהרען שוין א האלבע שטונדע אין דיעזען זאָנדערבארען מעער און האבען נאך קיין וואלפיש ניט געזעהן. ווען זיי האבען דא אזא רייך געדעקטען טיש מיט אלערליי שפייזען: בלויע, גרינע און רויטע, פאר וואס קומען זיי ניט עסען? אדער זיינען דיא וואלפישען פון דיעזער געגענד ניט הונגעריג? פיעלייכט קומען זיי ערשט פון א באלל, וואו זיי האבען זיך גוט אנגעגעסען?

— איהר שפאסט ווידער, דאקטאר! האט זיך געבייזערט דער מאטראז. דאס איז דערפאר, וואס איהר זייט קיין מאל ניט געפאהרען פאנגען קיין וואלפישען און איהר

קענט דיא נאטור פון דיעזע זאַנדערבאַרע טהירע נור פון אייערע גראָבע בימער. איך קען וועטען, אז איהר האט קיין מאל קיין וואלפיש ניט געזעהן.

דער דאקטאר איז געוואָרען רויט. ער האטווירקליך נאך קיין מאל קיין וואַל־פיש ניט געזעהן. ער האט אבער דאך געוואָלט עפּעס ענטפערן, ווען דער מאטראז איז צוגעגאנגען צו איהם נעהנטער און האט איהם געזאגט: —

— קוקט נור אהער, דאָרט, וואו דאס וואסער פוןם מעער איז שטאַרק גרין. וואס זעהט איהר דאָרט?

דער דאקטאר איז געווען קורצזיכטיג. ער האט גאר נישט געזעהן אין דער געגענד, וואו דער מאטראז האט איהם געוויעזען ער האט גענומען זיין שפּעקטיוו און האט זיך צוגעקוקט.

— איך זעה א ווייסען פּאס פון שוים, אזוי וויא דיא שפּור, וואס א שיף לאָזט איבער הינטער זיך, ווען עס געהט שנעל.

— נו, דאקטאר, האט געלאכט סימפּסאָן. דא איז קיין שיף ניט געגאנגען, אונזער „פּאָרוואר" איז דאס איינציגע שיף, וועלכעס געפינט זיך יעצט אין דיעזע וואסערן. וויא קומט עס, וואס אויפ'ן מעער האט זיך געוויעזען אזא ווייסער פּאס שוים? ערקלערט עס, דאקטאר?

דער דאקטאר האט געשוויגען. ער האט ווירקליך ניט געקענט זיך ערקלערן, וויא עס קומט, אז אויפ'ן מעער האט זיך פּלוצלונג געוויעזען אזא פּאס שוים.

— זאגט, אז איהר ווייסט ניט, געלערענטער דאקטאר. דא איז געשוואומען א וואלפיש און ער האט עס אנגעמאכט דעם שוים. ווען דער וואלפיש איז שטארק פעט, שוויצט ער אויס פעטקייט פון זיך, וועלכעס שווימט אויפ'ן וואסער און ווייזט, וואו ער איז. איך קען אייך פערזיכערן, דאקטאר אז דער וואלפיש איז ניט ווייט.

דער דאקטאר האט געשוויגען און האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. פּלוצלונג האט דער מאטראז, וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן בריקעל, אויסגעשריען:

— א וואלפיש הינטער דעם שיף!

אלע האבען זיך אומגעקעהרט און האבען זיך צו געקוקט. ניט ווייט פון'ם שיף, אן ערך פון א האלבע מייל האט מען געזעהן צוויי הויכע זיילען וואסער, וועלכע דער וואלפיש האט ארויסגעשפּריצט פון זיינע נאזלעכער.

— אך, ווען דער קאַפּיטאן זאל מיר ערלויבען איהם צו פאנגען! האט אויסגע־שריענען סימפּסאן.

אין איהם האט זיך אויפגעחאפּט דער אלטער וואלפיש פאנגער. עס האט זיך איהם זעהר געוואָלט קעמפּפען מיט דיעזען ריעז פון דיא קאלטע מעערן און איהם בעזיעגען. ער האט געוואָלט ווייזען דעם דאקטאר, אז אויף וואלפישען פערשטעהט ער מעהר, אלס דער געלערנטער מאן.

צו זייער אלעמענס ערשטוינונג האט קאפּיטאן האטטעראס געהייסען אראָפּלאָזען דיא קליינע שיפלעך מיט אלע אינסטרומענטען צו פאנגען וואלפישען. מעגליך, אז ער האט אומיסטען געוואָלט מאכען דיא מאטראזען א פערגניגען, אדער ער האט ווירקליך געוואָלט זיך אנגיעסען אייניגע פעסלעך פישטראָהן, וועלכע קענען איהם נוצען אלס

הייצונג און בעלייכטונג, וויא איינינע עסקימאָסען טהוען, ווען עס פעהלט זיי אויס האָלץ, בעזאָנדערס ווען דיא קעלט איז שטארק און דאס מעער איז שטארק בעדעקט מיט אייז, אז דאס שווימענדע האָלץ קען ניט צוקומען צום ברעג, ניעסען זיי אן דאס שמאַלץ פון׳ם וואלפיש אין א גרויסער שיעסעל, לעגען אריין מאָאָס (מאָך) אלס א קנויט און צינדען עס אן. דאס מאכט זיי ווארים און אויף דיעזען זאָנדערבארען לאָמפּ קאָכען זיי זייער עסען. קאפּיטאן האטטעראס האט זיך גאריכט צו פערברענגען ניט איין ווינטער אין דיעזע קאלטע געגענדען און האט געוואוסט, אז דער פישטראָהן קען איהם צו נייץ קומען.

דיא מאטראזען זיינען געוועזען העכסט צופריעדען, וואס מען האט זיי ערלויבט צו פאנגען דעם וואלפיש. אין איין מינוט האט מען אראפּגעלאָזען דאס שיפעל, וואס איז איינגעריכטעט צו פאנגען וואלפישען. דשאנסאן האט זיך געשטעלט ביים רודער, סימפּסאן האט זיך געשטעלט פון פאָרנט מיט דער הארפונע אין דער האנד און דיא אנדערע מאטראזען האבען זיך געשטעלט פון ביידע זייטען. דער דאקטאר איז אויך נאכגעשפרונגען אין שיפעל. דיא מאטראזען האבען איהם ניט געוואָלט מיט נעהמען, ווייל ער קען זיי דאך גאר ניט העלפען. ער האט אבער אויף קיין פאל ניט געוואָלט ארויסגעהן פון שיפעל און זיי האבען איהם געמוזט מיטנעהמען.

דאס מעער איז געוועזען רוהיג און מען האט דייטליך געזעהן אלעס, וואס דער וואלפיש האט געטהאן. ער האט אפּגעגעסען א גוטען מיטאג און האט זיך געשפּיעלט אין וואסער. באלד איז ער פערשוואונדען אונטערן וואסער און מען האט איהם ניט געזעהן; באלד איז על ווייטער ארויפגעקומען און האט אנגעהויבען ארויסצולאָזען פון זיך צוויי הויכע זיילען וואסער מיט דאמפּף. עס איז געוועזען א הערליכעס שוישפּיעל צו זעהן דיעזע געוואלטיגע חיה, דיעזען ריעז, וויא ער האט זיך געשפּיעלט פערגניגט אין אייז־קאלטען מעער.

פאר דיא יעניגע פון מיינע לעזער, וועלכע ווייסען ניט, וויא אזוי מען פאנגט אזא געוואלטיגע חיה, וויל איך עס ערקלערן אין קורצע ווערטער.

דעם וואלפיש פאנגט מען מיט א הארפונע. דאס איז א מין קורצער אייזערנער שפּיז, וועלכער איז אונטען דין און שארף, וויא א נאדעל, ער ווערט אבער אלע מאל גרעבער און שווערער. דיעזער שפּיז איז צוגעבונדען צו א גאנץ לאנגען שטריק, וועלכער איז ארומגעבונדען ארום א רעדעל אויף דעם שפּיץ פון׳ם שיפעל. דאס שיפעל געהט צו גאנץ שטיל צום וואלפיש און דער הארפונעווארפער ווארפט ארויף אויפ׳ן וואלפיש דיא הארפונע מיט דער שפּיצינגען זייט אין זיין קערפּער. דער שווערער שפּיז קריעכט אריין אלץ טיעפער און טיעפער אין דעם שמאלץ פון׳ם וואלפיש. אנפאנגס פיהלט עס דער וואלפיש ניט; ווען דיא הארפונע קריעכט אבער אריין טיעפער אין זיין קערפּער און בעריהרט זיין פלייש, הייבט עס איהם אן וועה צו טהאן און ער לאזט זיך אראפּ אונטערן וואסער. דאמאלס לאזט מען אפּ דעם לאנגען שטריק, צו וועלכען זיא איז צוגעבונ־דען. דער וואלפיש קען ניט בלייבען לאנג אונטערן וואסער. ער אטעהמט מיט לונגען, וויא א מענש און מוז האבען לופט. ער מוז באלד ארויפשווימען אום צו אטעמען. דיא הארפונע ליעגט בעגראבען טיעף אין זיין קערפּער און איז צוגעבונדען צום שיפעל. דאס

שיפעל קומט ווייטער צו איהם שטילערהייט און מען ווארפט אין איהם אריין נאך א הארפונע. מייסטענס טהוט עס אנאנדער שיפעל. דער וואלפיש לאזט זיך ווייטער אראפ אונטערן וואסער, בלייבט דארט איינינע מינוט און מוז ווידער ארויפקומען, דאס מאל איז ער שוין שוואכער.ביידע הארפונען האבען זיך איינגעגראבען אין זיין קערפער, דאס בלוט הייבט אן צו פליעסען פון זיינע וואונדען און פערפארבט דאס מעער אויף א גרויסע שטרעקע מיט א רויטער פארב. דער וואלפיש רייסט זיך און ווארפט זיך פאר ווייטאג אין אלע זייטען, דאדורך גראבען זיך דיא הארפונען נאך טיעפער איין אין זיין קערפער, ביז זיי לעכערן איהם דאס הערץ. ער שטרעקט זיך אויס און בלייבט ליענען טויט אויפ'ן וואסער.

זעלבסטפערשטענדליך געלינגט עס ניט שטענדיג איהם אזוי לייכט צו פאנגען. דער הארפונעווארפער מוז זיין אן אלטער געשיקטער מאטראז און מוז וויסען, וואו צו טרעפען דעם וואלפיש. דער שטריק מוז זיין גענוג לאנג און דאס רעדעל מוז זיך שנעל דרעהן. עס זיינען פארגעקומען פעלע, ווען דער וואלפיש איז געוועזן ניט גוט געטראפען, אדער דער שטריק איז געוועזן ניט גענוג לאנג, אדער דיא מאטראזען ניט גענוג געשיקט און דער וואלפיש האט אריינגעשלעפט אין וואסער דאס שיפעל מיט אלע מאטראזען. עס זיינען פארגעקומען פעלע, ווען דער וואלפיש האט אנגעהויבען צו פאטשען דאס וואסער מיט זיין קרעפטיגען עק און האט צובראכען דאס שיפעל אויף שטיקלעך און דער הרגעט דיא מאטראזען.

דער וואלפיש יאגד איז זעהר געפעהרליך. מען מוז זיין גוט געאיבט און געשיקט אום אזא יאגד צו אונטערנעהמען. מען מוז גוט קענען דיא נאטור פון'ם וואלפיש, זיין כאראקטער, זיינע געוואהנהייטען און דיא ארט וויא ער לעבט. עס זיינען דא פערשיעדענע סארטען וואלפישען. דער גוטער וואלפיש־פאנגער דערקענט שוין יעדען סארט און וייס, וואס פאר א הארפונע ער דארף צו איהם האבען.—

איך קום יעצט צוריק צו מיין ערצעהלונג. דאס שיפעל מיט אונזערע מאטראזען איז געגאנגען גאנץ שטיל. דשאנסאן האט קוים געריהרט מיט'ן רודער. זיי זיינען צו־געקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער צום וואלפיש, וועלכער האט זיך גאנץ רוהיג געוויעגט אויף דיא חוואליעס פון'ם מעער. זיין ברייטער, שווארצער רוקען האט אויס־געוויעזען, וויא א שטיין אין דעם גרינעם וואסער. ווען זיי זיינען צוגעקומען גאנץ נאהענט צום וואלפיש, האט דער מאטראז סימפסאן אויפגעהויבען דיא שווע־ע הארפונע גאנץ הויך און האט זיא מיט א שרעקליכער קראפט אריינגעווארפען אין דעם ברייטען רוקען פון'ם וואלפיש. דיא פערוואונדעטע חיה האט א ציטער געטהאן און האט זיך באלד אראפגעלאזען אונטערן וואסער. דשאנסאן האט שנעל נאכגעלאזען דעם שטריק. דער וואלפיש האט נעשלעפט דאס שיפעל מיט זיך מיט א שרעקליכער קראפט. ער איז געשוואומען צוריק אין קאנאל צווישען דיא איידבערג. דאס רעדעל, אויף וועלכען דער שטריק איז געוועזן ארומגעוויקעלט, האט זיך געדרעהט אזוי שנעל, אז מען האט געמוזט גיסען אויף איהם וואסער, ווען ניט, וואלט זיך דער שטריק געוועזן אנגעצונדען. ענדליך האט זיך דער וואלפיש געוויעזען אויפ'ן וואסער. ער האט אנגעהויבען צו שווימען אביסעל לאנגזאמער. דשאנסאן האט אנגעהויבען אויפצו וויקלען דעם שטריק אויפ'ן רעדעל.

דאדורך איז דאס שיפעל נעקומען אלע מאל נעהנטער צום וואלפיש. יעצט ערשט האט מען נעמוזט זיין זעהר פארזיכטינ, ווייל דער וואלפיש האט אנגעהויבען צו פאטשען אויף וואסער מיט זיין שרעקליכען עק.

דשאנסאן האט רעגיערט דאס שיפעל זעהר געשיקט. סימפסאן איז געשטאנען בערייט מיט נאך א הארפונע זיא ארייגצו ווארפען דער שרעקליכער חיה אין רוקען. פלוצלונג האט זיך דער וואלפיש א קעהר געטהאן און איז אריינגעשוואומען צווישען צוויא גרויסע אייז־בערג. דיא מאטראזען האבען מורא געהאט צו צו פאהרען צו דיא אייז־בערג.

— האַל איהם דער טייפעל! האט דשאנסאן אויסגערופען. איך געה ניט צו דיא איידבערג!

— געה ווייטער! טרייב דאס שיפעל! רודער! האט געשריען סימפסאן אויפ־גערעגט.

— איך געה ניט! האט געענטפערט דשאנסאן. עס איז געפערהליך צו רודערן אזוי נאהענט צו דיא אייז-בערג.

אין דער צייט, ווען זיי האבען זיך געשפארט, אויב זיי זאלען נאכפאהרען דעם וואלפיש אדער ניט, האבען דיא איידבערג ענטשיעדען דיא פראגע. דער וואלפיש האט אזוי שטארק אויפגעריהרט דאס וואסער ארום דיא אייד־בערג, אזביידע איידבערג מיט אמאל האבען זיך אנגעהויבען צו ריהרען, זיינען צוגעקומען איינער צום אנדערן מיט אזא מאכט, אז זיי האבען צוקוועטשט דעם וואלפיש, וויא מען צוקוועטשט אן איי ווען מען ווארפט אויף איהר ארויף א שטיין. דשאנסאן האט קוים צייט געהאט אפצו האקען דעם שטריק מיט א האק, זאנסט וואלט דער וואלפיש געוועזען מיטגעשלעפט דאס שיפעל אויך צווישען דיא איידבערג.

— מיר זיינען פערלאָרען! האט סימפסאן אויסגעשריען.

— מיר זיינען געראטעוועט! האט געזאגט דשאנסאן און האט מיט אלע זיינע קרעפטען גערודערט צוריק פון דיא איידבערג.

— דאס איז ווערטה געוועזען צו זעהן, האט געזאגט דער דאקטאר רוהיג. אזא שוישפיעל האב איך נאך אין מיין לעבען ניט געזעהן. דערצו נאך קאסט עס קיין געלד אויך ניט. עס איז פריי.

ער האט ניט געוואוסט, אין וואס פאר א געפאהר זיי זינען געווען. ער האט קיין בענריף ניט געהאט, מיט וואס פאר א שרעקליכער קראפט צווייא אייז־בערג שלאגען זיך א מאל צונויף. קאפיטאן סקארסבי דערצעהלט, אז אין איין זומער זיינען אין דער באפינס בוכטע דרייסיג וואלפישען געטייטעט געוואָרען פון איידבערג. א שיף איז א מאל אריינגעקומען צווישען צוויי איידבערג, וועלכע האבען זיך אנגעשלאגען איינער אן דעם אנדערן. זיי האבען דאס שיף אזוי צונויפגעקוועטשט, אז זיא איז געוואָרען פלאך, וויא א ברעט. אנאנדער איידבערג האט זיך א בייג געטהאן אויף א שיף און האט זיא דורך און דורך געלעכערט מיט איינעם פון זיינע שארפע שפיצען.

עס איז דאהער קיין וואונדער ניט, וואס דיא שיפסקאפיטאנע ציטערן אזוי, ווען זיי דערזעהן אייז־בערג פון דערווייטען און זוכען צו אנטלויפען פון זיי. עס איז דיא

גרעסטע געפאהר פאר א שיף צו צו קומען נאהענט פון אן איידבערג. עס מאכט זיך א מאל, אז צוויא איידבערגע קומען זיך צונויף אין דער מיטען מעער, שלאגען זיך אן איינער אן דעם אנדערן און צוברעכבען זיך מיט אזא ליארם גלייך וויא מען וואלט אויסגעשאָסען מיט הונדערט קאנאנען.

אונזערע מאטראזען זיינען געוועזען זעהר אונצופריעדען, וואס זיי האבען דעם וואל־פיש ניט געפאנגען, זיי האבען אבער געוואוסט, אז זיי האבען זיך געראטעוועט פון א שרעקליכער געפאהר. זיי זיינען באלד צוגעקומען צום שיף און האבען ארויסגעשלעפט דאס שיפעל אויף איהר אָרט.

— זעהט איהר, האט שאנדאן געזאגט, דאס איז א לעקציאָן, איהר זאָלט ווייטער וויסען אז מען טאָר ניט ריזיקירען דאס לעבען און פאהרען אין אן ענגען קאנאל.

דער דאקטאר האט זיך ווייניג געקימערט, וואס דשאנסאן האט געזאגט. ער האט גענומען אן עמער און האט אנגעשעפּט דאס גרינע וואסער. דאן האט ער אנ־געגאָסען דערפון אין א גלאז. האט גענומען זיין מיקראָסקאָפּ און האט אנגעהויבען צו בעטראכטען דיא קליינע בעשעפענישען, פון וועלכע דער וואלפיש נעהרט זיך. אין גלאז האט מען זיי געקענט זעהן מיט'ן איינפאכען אויג. ער האט זיי אבער געוואָלט בעסער בעטראכטען דורכ'ן מיקראָסקאָפּ. ער האט געפונען, אז זיי זיינען א מין קרעבסע (ראקעס) אבער גאנץ קליין און פון א שעהנער גרינער פארב.

— וויא פיעל אזעלכע קרעבסע דארף א וואלפיש פערשלינגען, ער זאל זיך אנ־עסען זאט? האט דער דאקטאר געזאגט צו זיך אליין און האט אנגעהויבען צו צעהלען, וויא פיעל קרעבסע עס געפינען זיך ביי איהם אין גלאז.

ער האט איבערגעצעהלט מעהר אלס צוויי הונדערט. מעהר האט ער ניט געקענט צעהלען. דיא קליינע קרעבסע האבען זיך געפיהלט אונבעקוועם אין גלאז און האבען זיך געריהרט, געדרעהט, פערוויקעלט און פערפלאָנטערט

13טעס קאפיטעל.

דיא מאטראזען זיינען אונצופריעדען.

קאפיטאן האטטעראס האט זעהר גוט געוואוסט, אז ער האט ווייניג קוילען. ער האט אבער זעהר גוט געקענט יענע געגענדען און האט געוואוסט, אז ער וועט באלד צו קומען צו אן אינזעל מיט'ן נאמען פרינץ־אלבערט, וואו ער וועט געפינען א פאָררעטה (זאפאס), וועלכען דער קאפיטאן מעק קליור האט געלאזען, ווען ער איז געפאהרען זוכען פראנקלין'ס עקספעדיציאָן. ער האט דאהער געטריעבען דאס שיף מיט פולען דאמפף אלץ ווייטער קיין נאָרדען. דער וועג איז געוועזען זעהר שווער. אויף יעדען שריט האט מען בעגעגענט מאסען אייז אין פערשיעדענע געשטאלטען: איידבערג, אייז־פעלדער און פאק אייז. קאפיטאן האטטעראס האט ניט גערוהט און האט דיא מאטראזען ניט געלאזט רוהען. זעהר אָפט האבען אלע געמוזט אראָפּגעהן פון'ם שיף און שלעפען עס מיט שטריק. ביי אלע אנשטרענגונגען איז דאס שיף געגאנגען זעהר לאנגזאם.

זעהר אָפט איז אויסגעקומען, אז מען האט געמוזט פאהרען איניגע מייל צוריק אום אויסצומיידען אן איידבערג. קאפיטאן האטטעראס האט זיך אזוי געאיילט

צו פאהרען קיין נאָרדען, אז ער איז זעהר אָפט אריינגעפאהרען אין שמאָלע קאנאלען און האט פערלאָרען פיעל צייט און מיהע ארויסצופאהרען פון זיי. זיינע לאנד און מעער־קארטען האבען איהם געוויעזען, אז דורך דיעזע קאנאלען וועט ער שנעלער קומען קיין נאָרדען, זיי האבען איהם אבער ניט געקענט זאגען, וואס פאר א געפאהרען עס ערוואר־טען איהם אין דיא שמאָלע קאנאלען, וואו דאס שיף האט זיך ניט וואו אויסצודרעהן.

דעם 14טען יולי זיינען זיי אנגעקומען אין דער בערינג־בוכטע. דארט האט דער קאפּיטאן, סער עדווארד בעלטשער פערבראכט דעם ווינטער פון 1853—1854. דשאנסאן האט דאמאלס געדיענט אלס מאטראז אויף איינעם פון זיינע שיפען. אין איינעם פון דיא פאריגע קאפּיטלעך האבען מיר שוין דערצעהלט, אז בעלטשער'ס עקספּעדיציאָן איז געווען איינע פון דיא אונגליקליכסטע. ער איז ארויסגעפאהרען מיט פינף שיפען און איז צוריקגעקומען נור מיט איינער. דיא איבעריגע זיינען ענטוועדער אונטערגעגאנגען אדער איינגעפרארען געוואָרען אין אייז. דשאנסאן האט דערצעהלט דיא טרויעריגע גע־שיכטע וויא דער יונגער, מוטהיגער און פעהיגער קאפּיטאן בעלאָ איז אומגעקומען.

עס איז געווען דען 12טען אויגוסט 1853, האט דשאנסאן דערצעהלט, ווען קאפּיטאן בעלאָ מיט פיער מאטראזען זיינען ארויסגפאהרען זוכען א גוטען פּלאץ, וואו איבערצו ווינטערן. צווישען דיא פיער מאטראזען בין איך אויך געווען. מיר האבען געהאט מיט זיך דרייא שליטענס איינגעשפּאנט מיט הינט. אליין זיינען מיר געגאנגען צו פוס, נור אונזער פּראָוויאנט און א קליין שיפעל פון נוטעפערטשא איז געלעגען אויף דיא שליטענס. מיר האבען ניט געקענט וויסען, וויא לאנג אונזער רייזע וועט דויערן, און מיר האבען מיט גענומען פּראָוויאנט אויף צעהן טאג.

דער ערשטער טאג איז פעראיבער גאנץ רוהיג, אהן יעדען צופאל. פון אבענד האבען מיר אויסגעגראבען א גרויסע גרוב אין שנעע, האבען פערשטעלט דיא גרוב מיט אונזערע שליטענס און האבען זיך אריינגעלעגט מיט דיא הינט אין גרוב. מיר האבען איבערגעשלאָפען דיא נאכט גאנץ רוהיג. דעם אנדערן טאג זיינען מיר געגאנגען ווייטער ביים ברעג פון'ם ים. געגען מיטאג האבען מיר זיך געזעצט אפּרוהען און עפּעס עסען. פּלוצלונג האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער שטורמווינד, דאס אייז ארום אונז האט אנגעהויבען צו קרעכצען און צו קנאקען. אזוי וויא דער ווינד איז אונז געווען אין פּנים און מיר האבען ווייטער ניט געקענט געהן, האבען מיר בעשלאָסען צו בלייבען אויפ'ן אָרט, וואו מיר זיינען געווען, און אבווארטען, ביז דער שטורם וועט פּאָראיבער געהן. מיר האבען אונז פערשטעלט מיט אונזערע שליטענס, האבען זיך איינגעדעקט מיט וואס מיר האבען געקענט און האבען רוהיג אָבגעווארט. מיר האבען געהערט מיט שטוינען און מיט שרעק, וויא דאס אייז אין מעער טראכט, קנאקט און ברעכט זיך. מיר האבען געוואוסט, אז אויפ'ן אייז־מעער קומט עס אפט פאר זאגאר אין דערמיט פון'ם קאלטעסטען און שטרענגסטען ווינטער; ווען עס קומט אן א גרויסע חוואליע ווארעמערעס וואסער פון דיא הייסע אָקעאנען, הייבט זיך אויף א שטורמווינד און דאס אייז הייבט זיך אן צו ברעכען. מיר זיינען געשמאַק אנטשלאָפען געווארען און האבען זיך אויפגעחאפּט ערשט געגען אָבענד, ווען מיר האבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן מיט שרעק, אז מיר שווימען אין מעער. דאס אָרט, וואו מיר האבען זיך געזעצט

אפרוהען, איז ניט נעווען קיין פעסטעס לאנד, זאנדערן אן איידפעלד. דער שטארקער שטורם האט אויפגעבראכען דאס אייז ארום אונז און דארונטער אויך דאס איידפעלד אויף וועלכען מיר זיינען רוהיג געשלאפען. אונזער לאגע איז געווען פערצווייפעלט:

קאפיטאן בעלאָ האט אבער דעם מוטה ניט פערלארען. ער האט באלד ארויס־גענומען דעם נוטאפערטשא שיפעל, האט עס אנגעבלאזען און האט עס אריינגעלאזען אין מעער. מיר האבען מיט אונז געהאט א לאנגען שטריק. אן עק פון׳ם שטריק האט ער מיטגענומען מיט זיך אין שיפעל און האט אנגעהויבען צו רודערן צום ברעג, וועלכער איז נעווען ניט ווייט. דריי מאל האט איהם דער ווינד צוריקגעשליידערט מיט א שרעק־ליכער מאכט און דריי מאל איז ער צוריק געפאהרען. ענדליך איז עס איהם געלונגען צוצוקומען צום ברעג. ער האט געזוכט א שטיין אדער א שטיק אייז, ארום וועלכען ער זאל קענען ארומבינדען דעם שטריק און אונז צושלעפען צום ברעג.

פון אונזער איידפעלד האבען מיר געזעהן, וויא ער ארבייט מיט אלע קרעפטען אום אונז איינצוהאלטען. פלוצלונג, מיר ווייסען ניט, וויא אזוי, איז ער פערשוואונדען געווארען. מיר האבען גערופען, געשריען, האבען אבער קיין אנטוואָרט ניט ערהאלטען. אונזער העלדענמוטה׳גער קאפיטאן איז ערגעץ אריינגעפאלען אין א שפאלט אדער אין א גרוב און האט ניט געקענט ארויס. עס האט אונז געריסען דאס הערץ צו וויסען, אז מיר זיינען גאנץ נאָהענט פון איהם און קענען איהם ניט העלפען.

א גאנצע נאכט האט דער שטורם אונז ארומגעטריעבען אויפ׳ן מעער. מיר זיינען געווען בערייט צו שטארבען, פאר אונז איז קיין רעטונג ניט געווען. אין דער פריה האט דער שטורם אונז ארויסגעוואָרפען אויפ׳ן ברעג. אונזער אייזפעלד איז געבליעבען ליעגען רוהיג. מיר האבען באלד איינגעשפאנט דיא הינט אין דיא שליטענס און זיינען ארויסגעגאנגען אויפ׳ן ברעג. דער קאָמפאס האט אונז געוויעזען, אין וועלכע ריכטונג אונזער קאפיטאן איז נעכטען פערשוואונדען געוואָרען, מיר זיינען אהין געגאנגען. עס האט אבער געדויערט גאנצע צוויי טעג, איידער מיר זיינען צוגעקומען צו יענעם אָרט, וואו מיר האבען געזעהן אונזער קאפיטאן צום לעצטען מאל. מיר האבען געזוכט אומעדום און האבען פון איהם קיין שפור ניט געפונען. דער שטורמווינד האט פערקעהרט און פערדעקט יעדע שפור. מיר האבען פערבראכט דארט א גאנצען טאג און א גאנצע נאכט. מיר זיינען נעגאנגען מייל׳ען־ווייט לעבען ברעג איהם זוכען, מיר האבען אבער גאר ניט גע־פונען. טרויעריג און מיט א שווער הארץ האבען מיר זיך אומגעקעהרט צו אונזער שיף.

גרויסע טראָפען טרערען זיינען געפלאסען פון דיא אויגען פון׳ם אלטען מאטראז, ווען ער האט געענדיגט דיעזע טרויעריגע געשיכטע, וועלכע ער האט אליין דורכגעלעבט אין דיעזע געגענדען. צום אנדענקען אן קאפיטאן בעלאָ האט מען דאס גאנצע שטיק לאנד, וואו ער איז אומגעקומען, א נאמען געגעבען קאפ בעלאָ.—דשאנסאן איז געווען שטארק טרויעריג א גאנצען טאג, ווען דיא „פארוואַרד“ איז פערבייגעפאהרען קאפ בעלאָ.

עס האט אנגעהויבען צו ווערן קעלטער. דעם 19טען יולי איז שוין געווען רעכט קאלט. מען האט געזעהן, אז דער שרעקליכער לאנגער ווינטער קומט אן. אין יענע

נעגענדען מאכט ער ניט אזוי פיעל שהיות, וויא ביי אונז. ער קומט אן שנעל און דויערט לאנג. קאפיטאן האטטעראס האט זיך וועניג געקימערט וועגען דעם ווינטער. ער האט נעהאט נור איין געדאנק — צו קומען צו דער אינזעל פרינץ אלבערט, אנלאדען קוילען און אנדער פראָוויאנט, וואס ער וועט דארט קענען געפינען און פאהרען ווייטער קיין נארדען, אין דעם פרייען מעער, וועלכער געפינט זיך ארום דעם נארדפאל, וויא קאפיטאן סטיוארט האט איהם בעשריעבען. ערשט דעם 26טען יולי האבען זיי דערזעהען דיא אינזעל פרינץ אלבערט. קאפיטאן האטטעראס האט גענומען זיינע קארטען און זיינע בעשרייבונגען פון דעם אינזעל, הויפטזעכליך פון דעם אָרט, וואו דיא ענגלישע אדמיראליטעט האט געהייסען אנגרייטען מאגאזינען פון קוילען און פראָוויאנט פאר דיא שיפען וועלכע וועלען פערשלאגען ווערן אין דיעזע געגענד.

דאס מעער ארום דער אינזעל איז ניט געווען גאנץ פריי פון אייז, דאס שיף האט ניט געקענט צוקומען צו דער אינזעל. עס זיינען פערגאנגען וויעדער א פאר טאג, איידער מען האט געפונען א פאסענדען פלאץ, וואו צו פעראנקערן דאס שיף. מען האט אראפגעלאזען דאס באָאט און צוויי קליינע שיפלעך, אין וועלכע עס האבען זיך אריינגעזעצט דער קאפיטאן, דער דאקטאר, שאנדאן, דשאנסאן, וואלל און אייניגע מאטראזען און מען איז ארויפגעגאנגען אויפ׳ן אינזעל.

— מיר וועלען דאָרט געפינען פיעל ניצליכע און וויכטיגע זאכען, האט דשאנסאן געזאגט. דיא קעלט האט אין זיך אזא קראפט אלעס צו ערהאלטען, אז פלייש און פיש קענען אין דיעזע געגענדען אוועקליעגען צעהנדלינע יאהרען און זאלען זיין אזוי פריש און אזוי גוט, גלייך וויא מען וואָלט זיי ערשט געכטען אוועקגעשטעלט. מיר האבען איין מאל געפונען א קעסטעל מיט קאנסערווען (מארינירטע פלייש) וועלכעס קאפיטאן פאררי האט פערגעסען אדער איבערגעלאזען אין 1825. אלזא אכט און צוואנציג יאהר איז עס געלעגען אויף איין אָרט און ווען מיר האבען עס געפונען איז עס געווען אזוי פריש און אזוי גוט, וויא מען וואלט עס ערשט איינגעפאקט. עס וואלט געקענט אוועקליעגען נאך הונדערט יאהר און בלייבען פריש.

— איך דארף ניט קיין פראָוויאנט, האט געזאגט קאפיטאן האטטעראס קורץ און שארף. דיא איינציגע זאך, וואס איך דארף — איז הייצונג, קוילען. דאס איז יעצט דאס נייטהיגסטע פאר אונז און איך האָף, אז איך וועל דא קריעגען קוילען, וויא פיעל איך דארף. דיא בעשרייבונג, וועלכע איך האב בעקומען פון דער ענגלישער אדמיראליטעט, זאגט, אז דא דארף זיך געפינען מעהר אלס טויזענד טאָן קוילען.

דיא שיפלעך זיינען צוגעקומען צום ברעג. אלע זיינען ארויסגעשפרונגען אויפ׳ן אינזעל. קאפיטאן האטטעראס און דשאנסאן האבען זיך אויף קיין זאך ניט אומגעקוקט. זיי זיינען געגאנגען גלייך צו דיא מאגאזינען פון דיא קוילען. דער דאקטאר דאגעגען האט זיך אומגעקוקט אויף יעדען שריט. איהם האט אינטערעסירט יעדעס בערגעלע, יעדעס שטיינדעלע, יעדעס שטיקעל ערד, וואס האט ארויסגעשטעקט פון אייז. פאר איהם האט יעדע זאך געהאט אן אנדער זינן, און אנדערע בעדייטונג. ער האט אלעמען געלאזט געהן פאראויס און אליין האט ער געקלעטערט אויף דיא בערג און אין דיא טהאלען זוכען עפעס, ענטדעקען עפעס. ליידער, איז אויף דער אינזעל

געזעהן זעהר וועניג וואס צו ענטדעקען. ער האט געזעהן פון דערווייטענס א פאר פיקס, ער האט זיי אבער ניט געוואלט נאכיאגען, צו וואס טויגען זיי איהם? — ער איז ניט קיין יעגער. קיין אנדערע חיות, אויסער פייגעל, האט ער ניט געפונען. ער האט צוואר געוואלט נעהענמער בעטראכטען דעם זאנדערבארען פויגעל מיט'ן נאמען פינגווין. דאס איז איינע פון דיא וואונדערבארסטע בעשעפעניסען אין דער וועלט. ער איז אין גאנצען א פויגעל, ער איז אבער בעדעקט ניט מיט פעדערן, זאנדערן מיט א מין גראבע האר. ער האט, דאכט זיך, פליגעל, אבער ער קען מיט זיי ניט פליהען, ווייל דיא פליגעל זיינען, וויא דיא פיס ביים זעעהונד, ברייטע פלאסטען, וועלכע נוצען איהם נור צום שווימען אדער צו געהן אויף אלע פיער. דער דאקטאר האט אויסגעפונען אין ארט, וואו דיא פינגווינס לעגען זייערע אייער. דאס איז געווען א שטיינעריגער פלאץ ניט ווייט פון'ם ברעג. ער האט געזעהן דיא ערטער, וואו זיי מאכען זייערע נעסטען פון מעער גראז און אנדערע מעער־פפלאנצען, וועלכע וואקסען זאגאר אין דיעזע קאלטע געגענדען. דיא נעסטען אבער זיינען געווען לעדיג. עס זיינען געלעגען נור שאלעכצען פון דיא אייער.

אין דער צייט, וואס דער דאקטאר האט געזוכט קליינע פינגווינס און אנדערע מערקווירדיגע זאכען פון דער נאטור, איז קאפיטאן האטטעראס מיט זיינע מאטראזען נעגאנגען זוכען דיא מאגאזינען פון דיא קוילען. זיי זיינען צוגעקומען צו דעם ארט, וואס איז געווען בעצייכענט אין זיין קארטע, האבען זיך אומגעקוקט און — האבען קיין מאַ־גאזינען, קיין פראוויאנט און קיינע קוילען ניט געפונען.

— וואס קען דאס זיין? האט געזאגט קאפיטאן האטטעראס. זאל מיין קארטע ניט ריכטיג זיין? דאס איז אונמעגליך! דיא ענגלישע אדמיראליטעט וועט זיינע שיפס־קאפיטענע ניט אפנארען.

ער האט צוגערופען דעם אלטען דשאנסאן און האט איהם געזאגט:

— דשאנסאן, דוא ביסט דאך געווען אויף דער פרינץ אלבערט אינזעל אין 1853. דוא האסט מיר אליין דערצעהלט, אז איהר האט גענומען פראוויאנט פון דיעזע מאגא־זינען. קענסט דוא מיר פיעלייכט ניט זאגען, וואו דיעזע מאגאזינען געפינען זיך?

דשאנסאן האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, האט זיך אביסעל פערטראכט און האט געזאגט:

— אין דיעזע געגענד, קאפיטאן, מוזען זיי זיין. איך געדענק, וויא היינט, אז איך בין געקומען אהער מיט'ן קאפיטאן אינגעלפילד און מיר האבען דא געפונען מאגאזינען. זיי זיינען געווען געבויט פון האלץ, אייניגע זיינען געווען צוגעדעקט מיט דיא זעגעל פון שיפען, אנדערע זיינען געווען צוגעדעקט מיט קלעצער און ברעטער. דיא קוילען זיינען געלעגען אויף דער ערד ארומגעלעגט מיט שטיינער.

— אלזא, וואו זיינען זיי? האט אויסגעשריען קאפיטאן האטטעראס אין פער־צווייפלונג.

— מעגליך, אז איך האב א טעות, האט דשאנסאן געזאגט. לאמיר ארומגעהן דיא גאנצע געגענד, פיעלייכט האט זיך אונז נור אויסגעוויעזען, אז מיר זיינען אויפ'ן ריכטיגען פלאץ.

ער איז ארומגעגאנגען ארום דיא גאנצע געגענד, האט זיך צוגעקוקט צו יעדען בערגעלע און האט גאר ניט געפונען, אויסער אייניגע פערט־שפורען אין דער ערד וואו דיא מאגאזינען זיינען אמאל געשטאנען.

— עס איז קיין טעות ניט, האט ער געזאגט, ווען ער איז צוריקגעקומען. דא זיינען געווען דיא מאגאזינען. איך דערקען זייער גוט דעם ארט, וואו פראנקלין ראָסס, פאררי און אנדערע העלדען פון'ם אייז־מעער זיינען געווען.

— אָבער וואו זיינען דיא מאגאזינען? דיא קוילען? האט געפרעגט דער קאפיטאן אין פערצווייפלונג.

— מען האט זיי צורויבט, האט געענטפערט דשאנסאן.

— ווער האט זיי דא געקענט אוועקרויבען? האבען אייניגע געפרעגט. דיא שיפען, וועלכע קומען אהער זעהר זעלטען, נעהמען נור, וויאפיעל זיי דארפען. זיי ווייסען דאך, צו וועלכען צוועק דיא ענגלישע רעגיערונג האט זיי דא אויסגעבויט און אניעדערגעלעגט. קיין אנדערע רויבער געפינען זיך דא ניט. דיא אייז בערן און דיא אייז פיקס דארפען קיין קוילען ניט.

— דאס האבען געטהאן דיא עסקימאסען, האט דשאנסאן געזאגט. זייט זיי האבען זיך בעקענט מיט דיא אייראפּעער, זיינען זיי געוואהר געווארען, וואס פאר א ניצליכע זאך דיא שטיינקוילען זיינען און זיי האבען אנגעהויבען זיי צובענוצען. זיי זיינען געווים צופעלינגער ווייזע געוואהר געווארען, אז אויף דיעזען אינזעל געפינען זיך מאגאזינען און זיי זיינען געקומען אהער א גאנצע באנדע פון עטליכע הונדערט מאן און האבען אלעס אוועקגענומען און אוועקגעפיהרט אין זייערע דערפער. איהר ווייסט דאך, איז אים ווינטער מאכען דיא עסקימאסען לאנגע רייזען. זיי פאהרען דורך הונדערטער מיילען און זוכען אויף ערטער, וואו זיי קענען חאפּען וואלפיש אָדער זעהינט. אויף אזא רייזע האבען זיי געווים אויסגעפונען דיא מאגאזינען און האבען זיי צורויבט.

אלע האבען איינגעזעהן, אז דשאנסאן האט רעכט. עס איז ניט געבליעבען א שטיקעל האלץ, א שטיקעל אייזען, א נאגעל, עפּעס א צייכען, אז אייראפּעער זיינען דא אמאל געווען. דאס האבען געווים דיא עסקימאָסען צוגענומען. זיי זיינען זעהר נייגיעריג און יעדע זאך, וואס קומט פון אייראפּא, האט ביי זיי א בעזונדערן ווערטה. עס איז דאהער קיין וואונדער ניט, וואס זיי האבען אלעס צוגענומען, ווען זיי האבען געפונען אזא כשרה מציאה.

דיא מאטראָזען זיינען געשטאנען און האבען געקוקט גלייכגילטיג אויף דיעזע סצענע. אונטערדעסען איז אָנגעקומען דער דאקטאר. ער האט באלד געזעהן, אז דא איז עפּעס פּארגעקומען. ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט באלד פערשטאנען, וואס עס איז געשעהן. אויף איהם אבער האט עס גאנץ ווייניג געווירקט. עס האט איהם זעהר ווייניג געהארט, אויב עס זיינען יא דא קוילען אָדער ניט דא קיין קוילען. ער האט בעסער געוואלט חאפּען א קליינעם פינגווין. נור איין קאפּיטאן האט־טעראס איז געשטאנען טרויעריג, דעם קאָפּ אראָפּגעלאזט אויף דער ברוסט. ער איז געווען פערצווייפעלט.

— קאפּיטאן האטטעראס, האט פּלוצלונג שאנדאן געזאגט, איך זעה ניט אייך,

פארוואס איהר זאָלט זיין אזוי פערצווייפעלט. מיר האבען נאך צייט צו פאהרען א היים. אין א מאָנאט ויי:ען מיר צוריק אין ענגלאנד.

— הערר שאנדאן, האט דער קאפיטאן געענטפערט, מיר האבען נאך צייט צו פאהרען קיין נארדען. אין א פאָר מאָנאטע ארום וועלען מיר זיין ביים נאָרד פאל.

— אָבער וויא אזוי וועלען מיר פאהרען קיין נאָרדען, ווען מיר האבען קיין קוילען נים?

— פון היינט אן וועלען מיר פאהרען נור מיט דיא זעגעל. מיר האבען נאך קוי־לען אויף א פאָר מאָנאט, פארן ווינטער וועלען מיר האבען גענוג. ווען מיר וועלען דארפען, וועלען מיר שוין געפינען מיט וואס צו הייצען.

— איהר וועט מיר ערלויבען, איך זאל אייך בעמערקען —

— איך ערלויב אייך נור צוריקגעהן אויפ'ן שיף און צו טהאן, וואס מען וועט אייך הייסען, האט דער קאפיטאן געזאגט שטרענג.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אוועקגעקעהרט און איז צוריקגעגאנגען צום שיף. דער דאקטאר און אלע מאַטראָזען זיינען איהם נאכגעגאנגען. דער קאפיטאן האט זיך פערשלאסען אין זיין קאַיוטע און האט זיך צוויי טאג ניט געוויעזען אויפ'ן דעק. דער דאקטאר האט בענוצט דיעזע צייט צו בעזוכען דיא אינזעל און זיא אויסצופארשען. ער פלעגט מיטנעהמען מיט זיך דשאנסאן אדער דעם מאטראז סימפסאן. זיי פלעגען אבער ארומגעהן נור ביים ברעג. זיי האבען מורא געהאט צו פערגעהן צו וויים, זיי זאלען נים פערבלאָנ־זשענט ווערען. אבער דער דאקטאר האט געהאט גענוג געלעגענהייט אויסצופאָרשען דעם גאנצען ברעג פון דער זייט אינזעל, וואו דאס שיף איז געשטאנען. איין מאל האט ער בעגעגענט א ווייסען בער. סימפסאן, וועלכער איז מיט איהם דאמאלס געגאנגען, האט זיך שוין פארבערייטעט צום קאמפף מיט'ן בער. דער בער אָבער איז אנטלאָפען, ווען ער האט דערזעהן מענשען. וואהרשיינליך, האבען איהם דיא מענשען שוין געגעבען א לעקציאָן, וועלכע ער האט ניט פערגעסען.

דער ווייסער בער איז איינע פון דיא געפעהרליכסטע טהיערע, וועלכע עס זיינען דא אויף דער וועלט. ער האלט זיך אויף נור אין דיעזע קאלטע געגענדען. ער נעהרט זיך פון פיש און פון זעעהינט. ער איז א גוטער שווימער און שפרינגט ארום פון איין שטיק אייז צום אנדערן, ווען ער יאגט זיך נאך א זעעהונד. אין דיא ווארעמערע צייטען, ווען ער האט גענוג פיש און זעעהינד, איז ער ניט געפעהרליך פאר'ן מענשען. זא לאנג ער קען געפינען זיין פרנסה בכבוד, האט ער פיינט זיך צוקריעגען; אין דערמיט ווינטער אָבער, ווען דאס מעער ארום ווערט פערפראָרען, דיא זעעהינט אנטלויפען, דיא פיש פערשווינדען — דאן ווערט ער איינער פון דיא געפעהרליכסטע ווילדע חיות. ער האט פאר קיין זאך קיין מורא ניט און קומט זעהר אפט אריין אין דיא שנעע־הייזער פון דיא עסקימאסען. ער פרעסט אלעס, וואס ער קען נור קריעגען און פאלט אן אויף מענשען. עס איז איהם זעהר שווער צו טוידטען, מען מוז איהם טרעפען מיט א קויל אין קאָפּ אריין, צווישען דיא אויערן. קוים טרעפט מען איהם ניט אין קאפ, ווערט ער נאך געפעהרליכער. ער קריעכט אויף דער ביקס.

דיא עסקימאסען, וועלכע האבען ביז ערשט ניט לאנג נאך ניט געוואוסט פון קיין

ביקסען און פון פייער גנועהר, האבען בענוצט פערש־ערש מיטעל אום איהם צו טוידטען. זא, צום בייספיעל, פלעגען זיי נעהמען א לאנגע און דינע שטיק פישביין, האבען עס צונויפגעדרעהט, וויא א שפרינגפעדער (שפּרוּנגפעדער) פון א טאשען אוהר און האבען עס צונעבונדען מיט א פאדים, עס זאל זיך ניט אפוויקלען. דאן האבען זיי עס בענאכען מיט וואכער און ארויסגעלעגט אין דרויסען. באלד איז עס פערפראָרען געוואָרען, וויא א שטיין. זיי האבען דאן צושניטען דעם פאדים, דער פישביין איז געבליעבען צונויפגעדרעהט. יעצט פלעגען זיי עס בעגיעסען מיט פיש־טראהן און לאזען ליעגען אין דרויסען. דער בער האט עס דערשמעקט און האט עס פערשלונגען. ביי איהם אין בויך האט זיך דער פישביין צו ווארמט און איז אפגעשפרונגען. דער בער בלייבט שטעהן און קען זיך ניט ריהרען, דער פישביין לעכערט איהם דורך די געדערם.

דיא עסקימאסען געברויכען נאך אן אנדער זאנדערבארעס מיטעל צו טוידטען דעם וויסען בער. זיי נעהמען א גאנץ שארפעס מעסער, בעגיעסען עס מיט פישטראהן אדער מיט בלוט פון א רענטהיער און שטעלען ארויס אין שנעע מיט דער שארפער זייט פון אויבען. דער בער קומט צו און הייבט אן צו לעקען דאס שארפע מעסער און צושניידעט זיך דערביי דיא צונג. עס הייבט אן צו רינען בלוט פון דער צונג. דער בער מיינט, אז דאס בלוט רינט פון'ם מעסער און לעקט עס וויטער. ער צושניידעט זיך נאך מעהר דיא צונג. דאס פרישע בלוט רייצט נאך מעהר דיאווילדע חיה. זיא פיהלט ניט איהר אייגענעם שמערץ. האפט בייסען דאס מעסער, פון וועלכען עס רינט אזוי פיעל בלוט און צושניידעט זיך אזוי שטארק דיא צונג מיט'ן מויל, אז ער הייבט אן צו ברומען און צו בילען פאר וויטאג. דיא עסקימאסען דערהערען עס, געהן ארויס און טוידטען דיא בעסטיע מיט זייער פייל און בויגען, אדער לאזען עס לויפען, ביז עס פאלט ענטקרעפטעט און קייקעלט זיך אין זיין בלוט.

דאקטאר פולמאן איז געוואָהר־געוואָרען נאך פיעל זאכען, וויא דיא עסקימאסען פאנגען דיא ווילדע חיות, וועלכע געפינען זיך אין יענע געגענדען. ער האט זיך נאך א מאל איבערצייגט, אז וויא ניעדעריג דער מענש זאל ניט שטעהן אין זיין בילדונג, אין זיין ענטוויקעלונג, אין זיינע פעהיגקייטען, איז ער דאך דיא קלינסטע און ווילדעסטע חיה.

פון דיא מושעלן און איסטערס האט דער דאקטאר געפונען אויף דעם אינזעל פערשיעדענע סארטען, וועלכע מען קען עסען. דאס מעער פלעגט ארויסווארפען טעגליך זעהר פיעל מושעלן. דער דאקטאר פלעגט זיי אונטערזוכען, ער האט אויסגעפונען, אז זאלאנג דאס מעער איז פריי, קען דער מענש לעבען פון דיעזע איסטערן. מען מוז נור וויסען, וועלכע צו נעהמען, ווייל עס געפינען זיך צווישען זיי איינינע, וועלכע זיינען זעהר גיפטיג.

אויפ'ן פיערטען טאג איז קאפיטאן האטטעראס ארויסגעקומען אויפ'ן דעק און האט געהייסען וויטער פאהרען קיין נארדען. מען האט איבערגעצעהלט דיא מאטראזען, אלע זיינען געווען אויפ'ן דעק. זיי האבען אויסגעפאלגט זיינע בעפעהלע שטילערהיים. עס איז געוואָרען מיט יעדער שטונדע קעלטער און קעלטער. עס האבען זיך געוויזען פיעל פייגעל, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט אין מאסען און האבען אנגעהויבען אוועקצופליעהען פון דאנען אין אנדערע וואַרעמערע געגענדען.

מיט יעדען טאג איז דיא רייזע געוואָרען שוועדער און געפעהרליכער. דיא מאַט־ראָזען האבען געארבייט זעהר שווער. איבער נאכט פלעגען איינינגע ערטער אין מעער פערפראָרען ווערען און, ווען עס איז נאך צוגעפאלען אביסעל שנעע, איז דאס אייז אין איין טאג געוואָרען אזוי דיק, אז עס האט געקענט טראגען אויף זיך א מענשען. מיט דער קעלט האט זיך אנגעהויבען צו ווייזען צייכענס פון דער געפעהרליכער קראנקהייט סקארבוט. דאקטאר פולמאן האט געזעהן צו פערהיטען דיעזע קראנקהייט. ער האט געהאט מיט זיך גענוג לימינעזאַלץ און לימינעזאַפט און האט געזעהן צו פערהאַ־בען, אז דיעזע שרעקליכע קראנקהייט זאל ניט אויסברעכען צווישען דיא מאַט־ראָזען. דיא קראנקהייט האט ער פערהיט, גענגען דיא אונצופריעדענהייט אבער האט ער גאר ניט געקענט מאכען. דיא קעלט, דיא שווערע ארבייט, דער שרעק פאַרן ווינטער אין דיעזע טרויעריגע געגענדען האבען געווירקט זעהר שלעכט אויף דיא מאַט־ראָזען. קאפיטאן האטטעראס האט זעהר גוט געוואוסט, אז ער קען זיך פערלאזען נור אויפ'ן דאקטאר, אויף דשאנסאן, סימפסאן און בעלל. דיא אנדערע מאטראָזען און שאנדראן האבען נור געווארט א געלעגענהייט, זיי זאלען רעבעלירען און צוריקפאהרען א היים. דיעזע געלעגענהייט האט זיך באלד פאָרגעשטעלט.

דיא „פאָרוואַרד" איז אנגעקומען צו אן אינזעל מיט'ן נאמען האמילטאָן. דאס מעער האט זיך אנגעהויבען צו בעדעקען מיט אייז. דיא מאטראָזען זיינען געווען שרעק־ליך מיעד און האבען זיך אזוי פיעל איבערגעארבייט, אז עס איז געווען אונמעגליך צו הייסען זיי ווייטער ארבייטען. דיא זעגעל האט מען ניט געקענט געברויכען, ווייל דאס שיף איז געפאהרען קיין נארדען און דער ווינד האט שטארק געבלאזען קיין זידען. קאפיטאן האטטעראס האט ניט געוואָלט בלייבען שטעהן און זיך אָפּרוהען, ווייל ער האט געוואוסט, אז יעצט איז יעדע מינוט טהייער, יעצט האט ער נאך צייט צו פאהרען קיין נארדען. ווען עס וועט איהם געלינגען צוצוקומען צום פרייען מעער ארום נארדפאל, האט ער דערגרייכט זיין ציעל. ער וועט איבערווינטערן ביים נארדפאל און איבער א יאהר וועט ער פאהרען א היים. אלזא, מען מוז פאהרען ווייטער. ער האט געגעבען א בעפעהל, אז מען זאָל אונטערהייצען דיא קעסלען און טרייבען דאס שיף מיט פולען דאמפף.

דיעזער בעפעהל האט אלעמען איבערראשט. זיי האבען אלע געוואוסט, אז מען מוז זיין זעהר עקאָנאָמיש מיט קוילען, ווייל מען מוז זיי האלטען אויפ'ן ווינטער. פלוצלונג הייסט ער גאר הייצען און טרייבען דאס שיף ווייטער. זיי האבען זעהר גוט געהערט דעם קאפיטאנס בעפעהל, אבער קיינער האט זיך ניט געריהרט איהם אויס־צופיהרען. שאנדראן און וואלל האבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקע. דיא מאשיניסטען האבען זיך ניט געריהרט.

— האט איהר געהערט מיין בעפעהל? האט קאפיטאן האטטעראס אויסגערופען ביין.

דער מאשיניסט האט געוואָלט צוגעהן צו דער מאשין און זיך נעהמען צו זיין ארבייט.

— נעה ניט, בראנטאן! האט אויסגערופען א שטימע.

— ווער בעפעהלט עס דא? האט דער קאפיטאן נעפרענט ערשטוינט.

— אך האב איהם ניט געהייסען געהן, האט געזאגט דער מאטראז פון דרייסט און איז צונעגאנגען נעהנטער צום קאפיטאן.

— דוא האסט איהם ניט געהייסען? האט אויסגערופען דער קאפיטאן.

— יא, איך האב ניט געהייסען. עס איז שוין גענוג! מיר קענען מעהר ניט ארבייטען. מיר ווילען ניט פאהרען ווייטער אום אויסגעפרארען צו ווערן ביים נארד־פאל. איך הייס, אז מען זאל ניט אונטערהייצען דיא מאשין!

— העררר שאנדאן! האט אויסגערופען דער קאפיטאן. ארעטירט דיעזען מאן! שמידעט איהם אין קייטען!

— אבער, העררר קאפיטאן, האט שאנדאן גענטפערט, דער מאן האט דאך נור געזאגט. —

— ווערדערהאל נור וואס ער האט געזאגט און איך וועל דיך פערשפארען אין דיין קאיוטע. ארעטירט דעם מאטראז! פען הערט איהר וואס איך הייס אייך?

דשאנסאן, סימפסאן און בעלל זיינען צונעגאנגען צום מאטראז פען און האבען איהם געוואלט בינדען און אראפ פיהרען אין דער קאיוטע. פען אבער איז געוועזן שטארק אין דער רציחה. ער האט געחאפט א לאנגע האק, וועלכע איז געלעגען לעבען זענעל־בוים, האט געפאכט מיט דער האק ארום זיך און האט געשריען:

— ווער עס וועט מיך אנריהרען, דער וועט ניט אוועק לעבעדיג.

קאפיטאן האטטעראס האט ארויס געחאפט א רעוואלווער פון זיין גארטעל, איז צונעגאנגען נאהענט צום מאטראז פען און האט זיך געציעלט גלייך איהם אין קאפ אריין.

— הייב אויף נאך א מאל דיא האק און איך דערשיעס דיך דא, וויא א הונד!

דיא מאטראזען זיינען געווארען אונרוהיג און האבען אנגעהויבען צו מורען (ווארטשען). יעדער איז געוועזן אונצופריעדען מיט׳ן קאפיטאן׳ס בענעהמען.

— שטיל זאל זיין! האט קאמאנדירט דער קאפיטאן מיט א דאנערענדער שטימע, אדער דער מאן איז טויט אין איינינע מינוט!

פען האט אוועקגעווארפען דיא האק און האט זיך געלאזט בינדען דיא הענד. דשאנסאן און סימפסאן האבען איהם אוועקגעפיהרט.

— נעה, הייץ איין דיא מאשין! האט האטטעראס געזאגט צום מאשיניסט.

דער מאשיניסט איז אראפגעגאנגען צו דער מאשין. דער קאפיטאן און דער דאקטאר זיינען ארויפגעגאנגען אויפ׳ן קאפיטאן׳ס בריקעל. באלד האט דיא מאשין אנגעהויבען צו רוישען, מען האט אויפגעהויבען דעם אנקער און מען איז ווייטער גע־פאהרען. לאנגזאם, מיט מיה איז דיא „פארוואַרד" געגאנגען ווייטער. דער קאפיטאן האט אליין געפיהרט דאס שיף. דיא מאטראזען האבען אויסגעפיהרט זיינע בעפעהלע שלעפעריג. —

עס זיינען פערגאנגען זעקס טאג. מיט יעדען טאג האבען זיך פערמעהרט דיא צייכענס, אז דער ווינטער קומט אן. ביז אהער איז דיא זון ניט אונטערגעגאנגען. מען האט געזעהן, וויא זיא געהט ארום אלע פיער זייטען פון׳ם הימעל. דעם 30טען יולי איז

צום ערשטען מאל דיא זון אונטערגעגאנגען און עס איז געווארען נאכט אויף א גאנץ קורצע צייט. מיט יעדען טאג איז דיא נאכט געווארען לענגער און קעלטער.

דעם 12טען אויגוסט איז קאפיטאן האטטעראס ארויפגעקלעטערט אויפ'ן זענעל־בוים, וואו ער איז אוועקגעשטאנען גאנצע צווייא שטונדען. נאך זיין רעכנונג האבען זיי שוין געדארפט זיין ניט ווייט פון'ם מעער, וועלכעס איז גאנץ פריי פון אייז, וויא דער קאפיטאן סטיווארט האט איהם געזעהן אין 1851. ער האט אבער מעהר ניט געזעהן, וויא אייז און שנעע.

דיא מאטראזען האבען געזעהן, וויא טרויעריג ער איז געווען, ווען ער איז אראפ־געקומען פון'ם זענעל־בוים. זיי האבען פערשטאנען, אז זיינע לעצטע האפנונג איז פער־שוואונדען און האבען אנגעהויבען צו טראכטען וואס צו טהאן.

— מיר מוזען דאך זעהן צו קומען אהיים, האט גריפער געזאגט צו שאנדאן. דער משוגענער קאפיטאן וועט אונז ערגעץ פערשלעפען ווייט און מיר וועלען מוזען איבער־ווינטערן ערגעץ אין א וויסטע געגענד, וואו מיר וועלען אלע אויסגעפרארען ווערן. לאמיר בעסער פאהרען אהיים.

— יעצט איז שוין צו שפעט, האט שאנדאן געענטפערט. מיט זיינען שוין צו ווייט פארפאהרען. דער ווינטער וועט זיך באלד אנהויבען, איידער מיר וועלען קענען ערגעץ צו קומען, וועלען מיר איינגעפרארען ווערן אין אייז.

— אלזא, וואס טהוט מען יעצט? האט געזאגט פען, וועלכען דער קאפיטאן האט געהאלטען א פאר טאג פערשפארט און דאן האט ער איהם געהייסען געהן ווייטער ארבייטען.

— יעצט איז דאס גלייכסטע פאר אונז, מיר זאלען אפווארטען, וואס ווייטער וועט זיין. קאפיטאן האטטעראס וועט פארפאהרען אזוי ווייט, אז ער וועט אונז בעטען, מיר זאלען פאהרען צוריק.

דער מאנאט אויגוסט איז פאראיבער. דיא נעכט זיינען געווארען לענגער און קאלט. ביי טאג, ווען דיא זון האט גוט געווארמט, פלעגט זיין צעהן—צוועלף גראד קעלט. וואו דאס מעער איז געווען רוהיגער, האט זיך עס שוין אנגעהויבען צו בעדעקען מיט אייז. האטטעראס האט געטריעבען זיין שיף אימער ווייטער און האט עס מיט אזוי פיעל קונסט און געשיקליכקייט דורכגעפיהרט דורך אלע געפאהרען, אז דיא מאט־ראזען האבען געשטוינט. זיי האבען געמוזט מודה זיין, אז ער איז א גוטער שיפסקאפיטאן און ווייס, וויא צו פיהרען א שיף.

דעם 8טען סעפטעמבער איז געווען א שטארקער פראסט. דיא „פארווארד" איז צוגעקומען צו א וואנד פון אייז. געהן ווייטער איז געווען אונמעגליך. צוריקפאהרען האט מען ניט געקענט, ווייל דאס מעער איז שוין געווען פערפרארען הינטער זיי. דא איבערווינטערן, אין דערמיט ים איז זעהר געפעהרליך. דיא לאגע איז געווען א שרעקליכע, א פערצווייפעלטע. קאפיטאן האטטעראס האט דען מוטה ניט פערלארען, ער האט געהייסען בויערן לעכער אין דער וואנד פון אייז און זיי אנשיטען מיט פולווער. עס האט געדויערט א גאנצען טאג, איידער מען האט אויסגעבויערט טיעפע לעכער און מען האט

אנגעשאָסטען אין זיי פולווער. קאַפּיטאַן האטטעראַס האט גערעכענט, אז גאַנץ פריה וועט ער אונטערצינדען דאס פולווער און צורייסען דיא אייזוואַנד.

— ביי נאכט האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער שטורמווינד. דאס מעער האט געקאָכט אונטערן אייז און האט עס אנגעהויבען צו ברעכען. עס האט אנגעהויבען צו טראַכען און צו קנאַקען, גלייך וויא מען וואָלט געשאָסען פון הונדערטער קאַנאָנען. אלע מאַטראָזען זיינען געוועזען בעשעפטיגט אויפ'ן דעק.

— צום רודער! צום רודער! האט מען פּלוצלונג געהערט א שטאַרקע שטימע שרייען.

אלע האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן מיט שרעק, אז דיא אייזוואַנד האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען עפּעס האט געארבייט און געריסען אונטערן וואַסער. גרויסע מאַסען אייז זיינען געשפּרונגען אין אלע זייטען. שרעקליך הויכע אייזבערג האבען אנגעהויבען צו טאַנצען. ארום דעם שיף.

— דאס איז דיא גרעסטע געפאַהר, האט דשאנסאָן געזאָגט צום דאָקטאָר. זייט מיר פאַהרען אויף דער „פאָרוואַרד" זיינען מיר נאָך אין אזא געפאַהר ניט געוועזען. זעהט, וויא עס קומען אן מאַסען אייז פון אלע זייטען.

— אלע זעק ארויף! האט קאָמאַנדירט דער קאַפּיטאַן.

ער האט געהייסען ארויסנעהמען אלע שטרויזעק, אלע דעקען און אלע ווייכע זאכען און דערמיט ארומהעננגען דאס שיף. מיט וואָס מען האט נור געקענט, האט מען ארומגעוויקעלט דאס שיף פון פאָרנט, פון וואַנען דיא אייזבערג זיינען אנגעקומען. דאס איז דערווייל געוועזען דיא איינציגע רעטונג. דיא אייזבערג זאָלען זיך אנשלאָגען אן א ווייכע זאך און זאלען ניט צוברעכען דאס שיף.

אימער נעהנטער זיינען דיא אייזמאַסען צוגעקומען צום שיף; אימער גרעסער איז געוואָרען דיא געפאַהר. שוין זיינען ארויפגעפאַלען אויפ'ן דעק שטיקער אייז פון איינינע הונדערט פונט. דאס האבען זיך אפּגעבראָכען נור קליינע שטיקלעך פון דיא אייזבערג. איינינע מאַטראָזען זיינען פערוואונדעט געוואָרען. דעם מאַטראָז גריפּער האט א שטיק אייז געטראָפען אין דער פּלייצע און האט איהם אומגעוואָרפען. זיין פּלייצע איז געוואָרען אויסגעלענקט. מען האט איהם געמחט אראָפּטראָגען אין דער קאַיוטע.

דער שטורם איז געוואָרען אלץ שטאַרקער. דיא אייז־מאַסען האבען זיך צונויפ־געשלאָגען אין איין אָרט ארום דער שיף,— עס איז קיינע רעטונג געוועזען. פּלוצלונג האט זיך דאס שיף אויפגעהויבען, א גרויס שטיק אייז, געדרעננט פון דיא אנדערע, איז ארונטער אונטערן שיף און האט עס אויפגעהויבען, וויא א שאָלעכץ פון א נוס.

— מיר זיינען אריבער דיא אייזבערג! האט דשאנסאן אויסגערופען מיט פרייד.

— מיר זיינען אין דיא אייזבערג, האט שאנדאן געענטפערט.

און ווירקליך, דאס שיף האט זיך אזוי איינגעשניטען אין אן אייזבערג, אז עס איז געבליעבען אין איהם, וויא צוגעשמידט. עס איז געוועזען טרויעריג אנצוקוקען, וויא דאס גאנצע שיף איז געשטאנען אין דרויסען איבערן וואַסער. דערווייל אָבער איז דאס געוועזען זייער גליק, זייער רעטונג.

— מיר שווימען! האט אויסגערופען דער קאַפּיטאַן.

דאס שיף איז געשטאנען אויף איין אָרט און דאך איז זיא געשוואומען מיט אן אוננעהייערער שנעלינקייט. דער אייז-בערג, אין וועלכען זיא איז געווען איינגעגראבען, האט געטראפען אויף א מעער־שטרעמונג און איז געשוואומען קיין נאָרדען. קאפיטאן האטטעראס איז איינענטליך געווען צופריעדען, וואס ער האט געפונען אזא גוטען און אזא בילינען קוטשער, וועלכער האט געשלעפט איהם מיט זיין שיף מיט אלע זיינע מענשען נערארע אהין, וואוהין ער האט געוואלט. אבער דיא געפאהר איז נאך ניט פעראיבער. וואוהין קען זיי אוועקשלעפען אזא בלינדער קוטשער? טאמער וועט ער זיך ערגעץ אנשלאגען אן אנאנדערן אייז־בערג אדער אן א שטיין?

זיבען טאג זיינען זיי געפאהרען אויף דיעזען זאנדערבארען ארט. דער קאפיטאן האט געהייסען ארויפטראגען, וויא פיעל פראָוויאנט מען האט נור געקענט, אויפ'ן דעק און האלטען בערייט. ער האט געהייסען אראפווארפען שטריק־לייטערס פון אלע זייטען פון שיף. ער האט געגעבען א בעפעהל, אז קוים וועט ער געבען א צייכען, זאָל יעדער חאפען א זאק מיט פראָוויאנט און זאל זיך אראפלאזען פון דיא שטריק־לייטערס.

דעם 15טען סעפטעמבער האט זיך דער אייזבערג אנגעשלאגען אן עפעס. דאס שיף האט אנגעהויבען צו קראכען און צו קרעכצען, זיא איז אבער באלד געבליעבען שטיל, דער אייזבערג איז געבליעבען שטעהן אויף אן אָרט. דיא קעלט איז געווען שרעקליך, דער אייזבערג איז באלד פעסט איינגעפרארען געוואָרען אויף זיין אָרט. יעצט ערשט האבען זיי זיך אנגעהויבען אומצוקוקען, וואו זיי זיינען ערגעץ אין דער וועלט. קאפיטאן האטטעראס האט אויסגעפונען, אז זיי געפינען זיך אויף דעם קאלטעסטען, פונקט אויף דער וועלט — אויפ'ן קעלטפאָל.

דער קעלטפאָל הייסט דער פונקט אין דער וועלט, וואו דיא קעלט דערגרייכט דיא העכסטע גראדען, וואס עס קען נור זיין. דאס קוועקזילבער אין טערמאמעטער ווערט פערפראָרען הארט, וויא אייזען, מען קען דאָרט אונזער געוועהנליכען טערמאָמע־טער גאר ניט בענוצען. מען מוז בענוצען א טערמאמעטער מיט ריינעם אלקאהאל, וועלכער ווערט קיין מאל ניט פערפראָרען. — ווייטער פון דיעזען פונקט הייבט שוין אן ווארעמער צו ווערן. דיא געלערנטע האבען אויסגעפונען, אז דער קעלטפאָל קומט ניט צוזאמען מיט'ן נארדפאָל. אויפ'ן נארדפאָל איז עס שוין אביסעל ווארעמער. דאס האט גאנץ געשטימט מיט קאפיטאן האטטעראס רעכנונג, אז ארום דעם נארדפאָל געפינט זיך א מעער, וועלכער איז גאנץ פריי פון אייז, אדער, ווען דארט איז קיין מעער ניטא, זא געפינט זיך דאָרט א לאנד, וועלכעס איז פיעל וואָרעמער וויא גרענלאנד.

14טעס קאפיטעל.

פאָרבעריייטונגען פאר'ן ווינטער.

דיא לאַגע פון דער „פאָרווארד“ איז געווען זעהר א טרויעריגע. יעדער האט איינגעזעהן, אז זיי מוזען דא איבערווינטערן. וויא ווייט דאס אויג האט נור געקענט זעהן, האט מען געזעהן אייז און אייז. קיין ביצעל שטיין, קיין טראפען וואסער, נור אייז און אייז. דיא קעלט איז געווען אזוי שטארק, אז אין דיא ווארעמסטע קליידער האט מען ניט געקענט איינשטעהן מעהר, וויא א האלבע שטונדע אין דרויסען. דערצו האט

מען נאך נעמחט שטענדיג ארבייטען. זיצען אויף איין אָרט אין אזא קעלט איז נער־פעהרליך. מען מוז זיך בעװעגען, מען מוז ארבייטען.

דיא ערשטע זאך, וואס זיי האבען געטהאן, איז געװען אראפּצונעהמען דיא זעגעל פון׳ם שיף און זיי איבערציעהען איבער׳ן דעק. דערמיט האבען זיי געמאכט פון׳ם גאנצען דעק א מין געצעלט, װעלכעס האט זיי װעניגסטענס געשיצט געגען דיא שרעקליכע ווינטען. דאן האבען זיי געמוזט בעװאָרענען דאס שיף, ארומרייניגען דאס אייז ארום דיא װענט און עס צובינדען פעסט, אז א שטורמווינד זאל זיא ניט קענען אװעקשלייערן פון איהר אָרט. װען דיעזע ארבייט איז געװען פערטיג, האט מען אנגעהויבען צו בויען א װאנד פון שנעע ארום דעם שיף. דיעזע ארבייט איז ניט שװער, אבער זעהר לאנגװיילינ. מען שניידעט אויס מיט א מעסער פיער־עקיגע שטיקער שנעע און לעגט זיי אויס, וויא ציעגעל אין א װאנד פון אונזערע הייזער. מען מוז דערביי זעהן, אז דיא שטיקער שנעע זאלען גוט צופּאסען איינער צום אנדערן.

— מיר װעלען אויסבויען א פעסטונג, האט געלאכט דער דאקטאר, װעלכע קיין ארמעע אין דער װעלט װעט קיין מאל ניט איינגעהמען. שנעע איז א גאנץ גוטע זאך, עס היט אָפּ פון קעלט, אונטער שנעע איז װארם.

— עס װעט װירקליך זיין א פעסטונג, האט דשאנסאן געענטפערט, אבער ניט געגען ארמעען, ניט געגען מענשען, זאנדערן געגען פיער־פיסיגע פיינד, װעלכע קענען א מאל װעלען מאכען אונז א װיזיט, איך מיין געגען װייסע בערן. דער היינטיגער ווינטער װעט זיין זעהר א קאלטער, דיא װייסע בערן װעלען זיין הונגעריג און װעלען געװיס װעלען אונז בעזוכען.

װען דיא װענד זיינען געװען פערטיג, האבען זיי געמאכט טרעפּ. איין טרעפּ האט געפיהרט אויף דעם שיף פון פאָרנט, דיא אנדערע טרעפּ האט געפיהרט פון דעם שיף פון הינטען. דיא טרעפּ זיינען געװען אויך פון שנעע, אויף װעלכען מען האט ארויפגע־גאסען װאסער, אין איינינע סעקונדען זיינען דיא טרעפּ געװארען הארטער און שעהנער וויא מארמאר. אין אכט טעג איז דיא פעסטונג געװען פערטיג. יעצט האבען זיי זיך גענומען צום שיף. דיא דעק פון׳ם שיף איז געװען איבערגעצויגען מיט דיא זעגעל. אויף דיא זעגעל האבען זיי אויסגעלעגט א דינעם פאך שנעע. אויף אזא ארט איז דיא גאנצע דעק פון׳ם שיף געװען אן ארט סאלון, װאו מען האט זיך געקענט צוזאמענקומען און ארבייטען.

אין דערמיט שיף האט מען צונומען דיא װענטלעך פון דיא קאיוטען און מען האט געמאכט א גרויסען שלאפצימער פאר אלעמען. אין דערמיט שלאפצימער האט מען געשטעלט א גרויסען אויװען, אין װעלכען עס האט בעשטענדיג געברענט פייער. דענאך האט מען געמוזט שלאפען אין דיא פעלץ־זעק, אדער דאכא, וויא דיא עסקי־מאסען רופען עס, דאס איז א לאנגער זאק פון דיא פעל פון װייסע בערן מיט דיא האר אינעװעניג. דער מענש קריכט אריין אין גאנצען אין זאק און דעקט זיך צו דאס געזיכט מיט א פעל פון א פוקס אדער אן אנדערע חיה מיט לאנגע האר. דיא װענט פון׳ם שלאפצימער זיינען געװען אויסגעהאנגען מיט דיא פעל פון רענטהיר. לעבען שלאפצימער איז געװען אן אנדער צימער, װאו צו טריקענען װעש אדער אנדערע

קליידער, וועלכע מען האט געמוזט טריקענען. אין דרויסען איז געוועזען אונמעגליך עפּעס צו טריקנען. קוים האט מען ארויסגעטראגען א נאסע זאך, איז עס באלד פערפרארען געווארען הארט וויא א שטיין. ווען מען האט עס ארויסגענומען אין דער ווארם, איז עס ווידער געווארען נאס.

קאפּיטאן האטטעראס האט זיך יעצט געוויעזען אלס פּארטרעפליכער עקאָנאָם און אויסגעצייכענטער ווירטה. ער האט איינגעפיהרט א שטרענגע ארדנונג צווישען זיינע מענשען. אום זעקס אוהר אין דער פריה זיינען אלע אויפגעשטאנען און האבען געטרונקען ווארעמען טהעע אָדער קאפע. אום צעהן אוהר האט מען גענעסען מיטאָג; געזאלצען פלייש אדער פיש מיט רייז, ברויט, מעהל שפייזען און דערצו אביסעל לימינע זאפט, אדער זויערקרויט און זויערע אוגערקעס. דיא זויערע זאכען היטען אפּ פון דער געפעהרליכער קראַנקהייט סקארבוט. דאס עסען האט מען געקאָכט אין צימער צום טריקענען. עס וואלט גלייכער געווען צו קאָכען דאס עסען אין שלאף־צימער. קאפּיטאַן האטטעראס האט עס אָבער ניט געוואלט, פון׳ם קאכען נעהמט זיך פייכטקייט, וועלכע ווערט באלד פערפראָרען, עס הייפט זיך אן שנעע אין צימער און דיא לופט ווערט שלעכט. פייכקייט איז א געפעהרליכער פיינד אין אלע קלימאטען און אין אלע לענדער. ער האט געוואלט, אז אין שלאף־צימער זאל דיא לופט שטענדיג זיין ריין און טרוקען.

דאס עסען פון א מענשען מוז זיין פערשיעדען אין פערשיעדענע קלימאטען. אין דיא הייסע געגענדען פון אפריקא און אזיא איז גענוג פאר א מענשען אביסעל רייז מיט איינינע צעהנדליג טייטלען. אין דיא קאלטע געגענדען מוז דער מענש עסען פיעל פלייש און פיעל פעטס.

— מיר מוזען זיך לערנען ביי דיא עסקימאסען, האט דער דאקטאָר געזאָגט. זיי זיינען נאטור־קינדער און האבען געלערנט אין דער שטרענגער שולע פון דער מוטער־נאטור. דער עסקימאס פערשלינגט צעהן ביז פונפצעהן פונט פיש־אייל א טאג, זיי האבען רעכט. אייל און פעטס ווארמט דעם מענשען. מיר ווארעמען אן אונזער צימער דורך אן אויווען, מיר מוזען אנווארעמען אונזער קערפּער דורך פעטס און אייל. מיר קענען קיין פיש־אייל ניט טרינקען, וויא דיא עסקימאסען, מוזען מיר עסען אנדערע פעטע זאכען. איך האב דער פאר אנגעגרייטעט פעסליך מיט שמאלץ.

אום אָפּצוהיטען דיא געזונדהייט אין אזא קלימאט מוז מען זיין זעהר פארזיכטיג. דאָקטאָר פולמאן האט זיך געוויעזען אין דיעזער בעציעהונג אזא גוטער דאקטאר, וויא קאפּיטאַן האטטעאס א גוטער ווירטה. איין טאג איבערן אנדערן האט יעדער מאטראָז געמוזט נעהמען א קאלטע וואנע. דיא וואנע איז געשטאנען אין קיך, אָבער דאס וואסער אין דער וואנע איז געווען איידקאלט. דער דאקטאר האט דער ערשטער געוויעזען א ביישפּיעל און האט זיך אריינגעווארפען אין קאלטען וואסער. דיא מאטראָזען זיינען אנפאנגס געווען זעהר ניט צופריעדען מיט אזא קאלטע באד, זיי זיינען אָביער באלד געוואינט געווארען און פלעגען נעהמען דיא וואנע, וויא דער דאקטאָר האט געהייסען.

דער דאקטאר האט אכטונג געגעבען, אז דיא מאטראָזען זאלען זיך אָפּהיטען, זיי זאלען ניט אָפּפריערען א האנד, א פוס, אן אויער אין דער צייט ווען זיי האבען געארבייט אין דרויסען. קוים איז אייניגער צוגעקומען און האט געזאגט, אז עס איז

איהם ערנעץ ניט קאלט, אדער ער פיהלט עפעס ניט א גליעד. האט מען באלד אנגע־הויבען צו רייבען מיט שנעע דאס פערפראָרענע גליעד, ביז עס איז וויעדער רויט געווארען און דער מענש האט עס וויעדער אנגעהויבען צו פיהלען.

עס זיינען פערגאנגען גאנצע דריי וואכען, איידער דיעזע אלע פארבערייטונגען פאר דעם ווינטער האבען זיך געענדיגט און דיא מאטראָזען האבען זיך איינגעוואָינט צו דעם שטרענג רעגולירטען לעבען, וועלכע דער קאפיטאן און דער דאקטאר האבען איינגעפיהרט. ווען אלע פארבערייטונגען זיינען געוועזן פערטיג און דיא בעסטע און שטרענגסטע ארדנונג איז איינגעפיהרט געווארען, האט דער קאפיטאן זיך גענומען צו זיין אלטע בעשעפטיגונג. ער האט אנגיהויבען ארומצוגעהן אין דער געגענד; ער איז ארויפגעקלעטערט אויף דיא העכסטע אייזבערג און מיט'ן ספעקטיוו אין דער האנד האט ער זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, אבער וויא וויט זיין אויג האט נור געקענט גרייכען, האט ער נור געזעהן אייז און אייז. באלד האבען זיך געבילדעט יאגד פאר־טייען, מען איז ארויסגעגאנגען זוכען ווילדע חיות. דיעזע יאגד פארטייען פלעגען געוועהנ־ליך בעשטעהן פון דאקטאר, דשיימס וואלל, סימפסאן, דשאנסאן און דער מאטראָז בעלל. זיי האבען געשאסען איינינע פייגעל, א פאר האזען און א זעהונד. זיי האבען בעגעגענט א ווייסען בער, וועלכער איז אבער אנטלאָפען פון זיי און איז באלד פער־שוואונדען געווארען. זיינע האר זיינען געוועזן אזוי ווייס, אז, ווען ער איז געלעגען אויף איין ארט, איז שווער געוועזן צו דערקענען איהם פון'ם שנעע ארום. דיא זעהינד פלעגען אויסבויערן לעכער אין אייז, דורך וועלכע זיי קענען אטעמען. אמאל פלעגען זיי ארויס־קריעכען דורך דיעזע לעכער אויפ'ן אייז. דאמאלס איז זיי לייכט צו שיעסען.

דיא טעג זיינען געווארען אלע מאל קלענער. דער 15טע אקטאבער איז געוועזן דער קלענסטער טאָג. דיא זון האט זיך געוויעזען אויף א פאר מינוט און איז באלד פערשוואונדען געווארען. פון'ם 16טען אקטאָבער האט זיך אנגעהויבען דיא לאנגע נאכט, וועלכע דויערט ביז אנפאנג מערץ; א לאנגע, טרויעריגע, שרעקליכע נאכט פון פיער מאנאטע. דאך איז דיעזע נאכט ניט גאנץ פינסטער, דער מאנד שיינט זעהר העל אין יענע געגענדען. דיא שטערן העלפען איהר צו אויך גאנץ ערנסט, ניט אזוי וויא ביי אונז, וואו דיא שטערן ווייזען איז אויס, וויא גאנץ קליינע ליכטיגע פונקטען אין הימעל. אין יענע געגענדען טהוען זיי זייער דיענסט גאנץ עהרליך און בעלייכטען דיא שרעקליכע אייז וויסטען אין דער צייט, ווען דיא זון איז ניטא, דאן קומט נאך דאס נארד ליכט.

אין נאָרדען (צפון זייט) ווייזט זיך א מין רעגענבויגען, נאך איהם געהט ארויס נאך איינער, א דריטער, א פערטער. זיי פלעכטען זיך דורך, ווערן גרעסער, צושפרייטען זיך, ציעהען זיך צונויף, דרעהן זיך און בעלייכטען א האלבען הימעל מיט אלערליי פארבען. דאס איז דאס נארדליכט Aurora Borealis. עס איז אונמעגליך אויסצומאלען מיט ווערטער דיא שענהייט און דיא הערליכקייט פון'ם נארדליכט. מען מוז עס זעהן מיט דיא אויגען אום עס צו שעצען. מיר, איינוואוינער פון דיא מעסיגערע געגענדען, האבען קיין בעגריף פון'ם נארדליכט. זעהר, זעהר זעלטען איז דאס נארדליכט אין יענע געגענדען אזוי שטארק, אז עס שטראהלט אָפּ ביז צו אונז. דאס קומט אבער פאר איין מאל אין פונפציג יאהר. דעם 7טען פעברואר 1893 האט מען געזעהן א טהייל פון'ם

נארדליכט אין ניו יארק, משיקאגא און אנדערע שטעדט. אין נאוועמבער 1872 האט מען געזעהן דאס נארדליכט אין גאנץ רוסלאנד.

גאנץ פינסטער אין יענע געגענדען איז נור, ווען עס הייבט זיך אויף א שנעע שטורם און דער הימעל איז בעדעקט מיט שווארצע וואלקענס, דאמאלס איז דיא פינסטערניס ווירקליך שרעקליך. אזא שטורם האט אויסגעבראכען דעם 28טען אקטאבער, ער האט געדויערט גאנצע דריי טאג. אויסער דעם שיף האט זיך דאמאלס געפונען א פארטיע פון פינף מאטראזען, וועלכע זיינען געגאנגען זוכען חיות. אויף דעם שיף איז מען געווען זעהר אונרוהיג איבער זיי. מען האט מורא געהאט, זיי זאלען ערגעץ ניט פערבלאנזשעט ווערן אין שנעע, זאלען ניט טרעפען דעם וועג א היים, צום שיף, און זאלען ניט שטארבען פאר הונגער. צום גליק, איז מיט זיי געווען דער מאטראז סימפסאן, וועלכער איז געווען גוט בעקאנט מיט דיעזע געגענדען, קוים האט זיך אנגעהויבען דער שטורם, האבען זיי זיך אניעדערגעלעגט אין שנעע. עס האט אויף זיי אנגעשאטען צעהן פוס שנעע, אונטערן שנעע איז זיי געוועןווארם, פראוויאנט האבען זיי געהאט מיט זיך אויף צוויי טאג, דעם דריטען טאג האבען זיי געמוזט פאסטען און ערשט דעם פערטען טאג אום מיטאג־צייט זיינען זיי געקומען צום שיף, מיעד, הונגעריג, אבער פריש און געזונד.

דעם 3טען נאוועמבער איז דאס וועטער געווען זעהר שעהן, דער מאנד האט געשיינט העל, דיא שטערן האבען געפונקעלט, קיין ווינד איז ניט געווען, דער פראסט האט געברענט; דער דאקטאר, דשאנסאן און בעלל האבען בעשלאסען צו מאכען א לופט רייזע אין דער געגענד ארום. זיי זיינען אויפגעשטאנען אום זעקס אוהר, האבען מיטגענומען מיט זיך פראוויאנט, זייערע ביקסען, פולווער און קוילען און זיינען ארויסגעגאנגען שפאציערן. זיי זיינען ארומגעגאנגען אייניגע שטונדען און האבען קיין שפור פון קיין ווילדע חיה ניט געפונען. דער דאקטאר האט זיך זעהר געוואונדערט און האט געפרעגט דשאנסאן:

— וויא קומט עס, וואס מיר געפינען קיין שפור פון קיין חיה? זאל איך זאגען, אז זיי זיינען פערשוואונדען געווארען? אדער זיינען זיי אוועקגעגאנגען אין א ווארעמערע געגענדען?

— איך גלויב עס ניט, האט דשאנסאן געענטפערט. דיא ווייסע בערן, פיקס און האזען האלטען זיך אויף אין דיא קאלטעסטע געגענדען. איך מיין, אז דער שטורמווינד האט זיי פערטריעבען. זיי האבען זיך בעהאלטען אין זייערע לעכער און פערשאטען געווארען מיט שנעע. עס מוזען פאראיבערגעהן אייניגע טעג, ביז זיי וועלען זיך ווידער ווייזען.

— דאס איז זעהר שלעכט, האט בעלל געזאגט. מיר דארפען יעצט זעהר נייטיג שמאלץ, זעהר פיעל שמאלץ. מיר האבען יעצט נאוועמבער, ביז פעברואר איז נאך זעהר ווייט. פעברואר איז דער קאלטסטער מאנאט אין דיעזע געגענדען. אונזערע קוילען וועלען קוים, קוים אויסרייכען ביז אנפאנגס דעצעמבער. מיר וועלען מוזען קאכען אונזער עסען און הייצען אונזער ארוועז מיט שמאלץ פון דיא חיות. — מיר זאלען קענען פאנגען

עטליכע ווייסע בערן, וואלטען מיר נעהאט פראוויאנט גענוג. בערן־פלייש איז ניט שלעכט און דיא בערן זיינען יעצט זעהר פעט.

— מיר קענען פאנגען זעהינד, האט דער דאקטאר געזאגט. דיא זעהינד זיינען פעטער פון דיא ווייסע בערן.

— דיא זעהינד וועלען באלד פערשווינדען, האט דשאנסאן געענטפערט. עס ווערט קעלטער, דאס אייז ווערט אזוי דיק, אז דיא זעהינד קענען עס ניט דורכלעכערן און זיי מוזען אוועקשווימען פון דאנען.

— אלזא, בלייבט אונז קיין אנדער מיטעל ניט, אלס צו שיעסען ווייסע בערן, האט דער דאקטאר געלאכט. דער ווייסער בער איז דאס ניצליכסטע טהיער אין דיעזע געגענדען. מען קען פון איהם האבען שפייז, הייצונג און קליידער.

פלוצלונג האט דער הונד, וועלכען זיי האבען מיטגענומען מיט זיך, אנגעהויבען שטארק צו בילען. זיי האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען דערזעהן א ווייסע חיה. זיי האבען געמיינט, אז דאס איז געוויס א בער און האבען אנגעהויבען צו שיעסען. אזוי וויא זיי האבען געוואוסט, אז א ווייסען בער איז זעהר שווער צו טוידטען, האבען זיי אלע דריי אויסגעשאסען איינער נאך דעם אנדערן. דאס טהיער איז אניעדער געפאלען, זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער און האבען דערזעהן, אז אנשטאט א בער האבען זיי דערשאסען א ווייסען פוקס. זיי וואלטען געוויס מעהר צופריעדען געוועזען, ווען עס זאל געוועזען זיין א ווייסער בער, אזוי וויא מען קען אָבער פון קיין פוקס קיין בער ניט מאכען, האבען זיי געמוזט זיך צופריעדען שטעלען מיט א פוקס. בעלל האט זיך אנגע־בוינען אויפצוהויבען דעם פוקס און איהם ארויף צולעגען אויף דיא פלייצעס. ער האט זיך אבער באלד אויפגעהויבען און געזאגט פערוואונדערט:

— זעהט נור, דער פוקס טראָגט א האלדבאנד.

— א האלז־באנד? האט אויסגערופען דער דאקטאר און האט זיך אנגעבויגען צום טוידטען פוקס.

דער פוקס האט ווירקליך געהאט ארום האלז א מעשענעם האלז־באנד מיט אן אויפשריפט: „קאפּיטאן ראָסס זוכט קאפּיטאן פראַנקלין 1848“. דיא בוכשטאבען זיינען שוין געוועזען אביסעל אפּגעריעבען, אבער מען האט זיי נאך געקענט לעזען.

— ווייסט איהר, וויאפיעל דער פוקס דארף שוין אלט זיין? האט דער דאקטאר געזאגט, א יאהר 14—15. ווען קאפּיטאן ראָסס האט געזוכט פראנקלינס עקספּעדיציאָן, פלעגט ער חאַפּען פיקס און זיי אנטהאן האלדבענדער, אין דער האפנונג אז פראנקלינס מענשען וועלען חאפּען איינעם פון דיעזע פיקס און וועלען געוואהר ווערן, אז מען זוכט זיי.— שאדע, וואס מיר האבען איהם געטוידטעט.

— מעגליך אז דער פאר האבען מיר איהם אזוי שנעל געטוידטעט. ער האט שוין ניט געקענט אנטלויפען, ער איז צו אלט און האט זיך געוויס ניט געקענט ריהרען. אלענפאלס לאמיר איהם נעהמען א היים, עס איז דאך א היסטאָרישער פוקס, איהר מעגט האלטען זיין פעל, דאקטאר, אלס אנדענקען.

זיי זיינען נאך ארומגעגאנגען א גאנצען טאג, האבען נאך געשאסען א פּאָר שטערנווייסע און זייענן געקומען צוריק צום שיף.

15טעס קאפיטעל.

דאס לעצטע שטיקעל קוילען.

וויא אויף צו להכעיס, איז קיינעם פון דיא יענער ניט געלונגען צו טייטען א ווייסען בער. דיא זעע הינד האבען אויך אנגעהויבען צו פערשווינדען, דיא קעלט איז געוואָרען שרעקליך. דעם 24טען נאָוועמבער איז דאס קוועק־זילבער אין טהערמאָמעטער פערפראָרען געוואָרען. ווען עס איז נאך געווען שטיל אין דרויסען האט מען דאך געקענט ארויסגעהן אויף א קורצע צייט פון׳ם שיף; קוים אבער האט זיך אויפגעהויבען א ווינד, איז געווען אונמעגליך איינצושטעהן איינינע מינוטען אין דרויסען. עס איז געווען גלייך, וויא דער ווינד איז פול געווען מיט שארפע נאדלען, וועלכע זיינען דורכגעקראָכען דורך אלע קליידער און האבען געשטאכען דעם קערפער. שרעקליך איז געווען צו צו ריהרען זיך צו אייזען. מען האט געמענט טראגען דיא בעסטע האנדשוה, קוים האט מען זיך צוגעריהרט צו אן אייזערנע זאך, האט מען זיך אפגעבריהט דיא האנד.

מען האט געמוזט זיצען אין דער היים. דער איינציגער שפאציער־גאנג איז געווען אויפ׳ן דעק פון׳ם שיף. דאָרט האט מען טעגליך א פאר שטונדען געקענט שפאציערען און זיך בעוועגען אבער אויך אויפ׳ן דעק איז דער האוך פון ם מענשען באלד פערפרארען געווארען און ווען איינער האט שפאציערט א שטונדע, איז זיין געזיכט און זיין קאָפּ בעדעקט געוואָרען מיט אייז. דער דאקטאר האט געראטהען דיא מאטראזען, זיי זאלען זיך געוועהנען צו דעם קעלט און זאלען ארומגעהן אויפ׳ן דעק אדער זאגאר איינינע מינוט אין דרויסען; דיא מאטראזען אבער האבען איהם ניט געהערט, ווייל זאגאר אין שלאָף־צימער איז געווען שרעקליך קאלט. ווען מען איז אוועקגעגאנגען א פאָר שריט פון׳ם אויוועז.

דאס פלייש פון דיא חיות וועלכע זיי האבען געשאָסען און דאס געזאלצענע פלייש, וועלכעס זיי האבען מיטגעבראכט פון דער היים, איז געווארען אזוי פערפראָרען, אז מען האט עס געמוזט האקען מיט העק. מען האט געמוזט עסען פון׳ם קעסעל, ווען ער איז געשטאנען אויפ׳ן פייער. ווען מען האט אריינגעגאָסען פון׳ם קעסעל אין א שיסעל אריין, איז דאס עסען באלד פערפראָרען געוואָרען. טהעע האט מען געמוזט טרינקען לעבען אויוועז אדער פון קעסעל. קוים האט מען איהם אריינגעגאָסען אין א שאָל און מען איז אוועקגעגאנגען פון׳ם אויוועז, איז ער באלד פערפראָרען געווארען.

איינינע מאטראזען זיינען געוואָרען אזוי פויל, אז זיי האבען זיך ניט געוואָלט ריהרען פון׳ם ארט. זיי פלעגען ליעגען גאנצע טעג איינגעוויקעלט אין זייערע דעקען און האבען מורא געהאט זיך אויפצוהייבען. זיי זיינען באלד קראנק געוואָרען אויף דער גע־פעהרליכער קראנקהייט סקארבוט. דער דאקטאר האט געטהאן אלעס מעגליכע אום דיא קראנקע צו היילען. ער האט זיי אבער ניט געקענט געבען דאס נייטיגסטע פרישע לופט. אין צעהן טאג זיינען דרייצעהן מאטראזען קראנק געוואָרען — אין גאנצען זיינען זיי געווען אכצעהן. —

דעם 8טען דעצעמבער אין דער פריה איז פען אריינגעקומען זעהר טרויעריג.

(Ice Sea, 7.)

— וואס וועלען מיר יעצט טהאן? האט ער געזאגט. דיא קעלט איז שרעקליך און מיר האבען קוילען נור אויף היינטיגען טאג?

ער האט זיי געוויעזען אין א זאק א ביסעלע קוילען. דאס איז געווען דאס לעצטע, וואס ער האט אויסגעקראצט און צונויפגעקעהרט פון'ם שפייכלער. מעהר איז שוין ניטא. מען האט אריינגעשאטען דיא קוילען אין פייער. ביז נאכט האבען זיי אויסגע־ברענט. — וואס טהוט מען ווייטער? אין אזא קעלט אהן הייצונג הייסט גאנץ איינפאך פערפרארען ווערן. דשאנסאן האט גענומען שטריק, האט זיי אויפגעוויקעלט, האט זיי בענאטען מיט פיש־טראהן, וועלכעס זיי האבען געהאט פון דיא זעע הינד, וואס זיי האבען געטייטעט מיט אייניגע וואכען צוריק, און האט דיעזע שטריק אריינגעווארפען אין אויוען. זיי האבען זיך באלד אנגעצונדען און האבען גוט געברענט. דער אויוען האט גוט געווארמט, עס האט אבער אזוי שטארק געשטונקען, אז מען האט זיך געמוזט צו־האלטען דיא נאז.

— זעהר א שלעכטע הייצונג, האט בעלל געזאגט.

— מאך בעסער, האט איהם דשאנסאן געענטפערט. דיעזע הייצונג האט אבער אין זיך א גאנץ אנדערע מעלה, וואס דוא ווייסט ניט — עס וועט צוציעהען צו אונז דיא ווייסע בערן. זיי וועלען הערן דעם גערוך פון'ם פיש־טראהן און וועלען קומען צו אונז אויף א וויזיט. מיר וועלען דאן האבען דיא געלעגענהייט צו מאכען זייער בע־קאנטשאפט.

— איך זעה גאר ניט איין, אז זייער בעקאנטשאפט זאל זיין אזוי אנגענעהם! האט אויסגערופען בעלל. איך וואלט בעסער געוואלט בעקאנט ווערן מיט צעהן פרעמדע מאטראזען אין ליווערפול, אלס מיט איין ווייסען בער אין דיעזער געגענד.

— מעגליך, אז דוא האסט רעכט, האט דשאנסאן געזאגט, פערגעס אבער ניט, אז נור א נעהענטערע בעקאנטשאפט מיט דיא ווייסע בערן קען אונז פערזארגען מיט קליידער און מיט הייצונג. זיי זיינען יעצט זעהר פעט, זייערע האר זיינען לאנג און ווארם. מיר וועלען מוזען מיט זיי בעקאנט ווערן און אויסבארגען ביי זיי דיעזע צוויי ארטיקעל, וועלבע מיר דארפען אזוי נייטהיג יעצט.

— וואס וועלען מיר אבער טהאן, ווען דיא בערן וועלען זיך ניט אייל[ען] צו מאכען אונזער בעקאנטשאפט? האט בעלל ווייטער געפרעגט. אונזער פישטראהן לאזט זיך באלד אויס. עס וועט אונז אויסקומען פערפרארען צו ווערן דא, אין דיעזער שרעקליכער, קאלטער וויסטעניי.

— איך ווייס ניט, האט געזאגט דשאנסאן טרויעריג. עס איז דא נור א י י ן מיטעל — דאס שיף — אבער — דער קאפיטאן וועט עס געוויס ניט ערלויבען.

ענדליך, דעם 20טען דעצעמבער האט זיך אויסגעלאזט דאס לעצטע ביסעל פיש־טראהן. דאס פייער אין אויוען האט זיך אויסגעברענט, דער אויוען איז געווארען קיהלער און קיהלער, ביז צו לעצט האט זיך איינער פון דיא מאטראזען צוגעריהרט צום אויוען, ער האט געוואלט זעהן, אויב ער איז נאך ווארם און, האט אוועקגעריסען דיא האנד מיט א שרעקליכען געשריי. דער אייזערנער אויוען איז געווען אזוי קאלט, אז ער האט אפגעפראָרען דיא שפיץ פינגער.

דיא מאטראזען זיינען געשטאנען ארום דעם קאלטען אריוועז בלייך און טרויעריג. דער קאפיטאן איז געזעסען אין א ווינקעל און האט גאר ניט געזאגט. דער דאקטאר איז ארומגעלאפען אין צימער, ער זאל זיך אביסעל אנווארעמען. נור שאנדאן, פען און איינינע אנדערע מאטראזען זיינען געווען רוהיג און ענטשלאָסען. ווען עס איז געוואָרען שטארק קאלט אין צימער, איז שאנדאן מיט דיא אנדערע צוגעגאנגען צום קאפיטאן.

— קאפיטאן! האט געזאגט שאנדאן מיט א פעסטער שטימע.

קאפיטאן האטטעראס האט געשוויגען.

— קאפיטאן! האט שאנדאן געזאגט העכער, מיר האבען ניט קיין פייער און קיין הייצונג.

— נו, וואס ווילט איהר פון מיר? האט ענדליך דער קאפיטאן געזאגט.

— איהר קענט דאך אונז ניט לאזען דערפראָרען ווערן. גיט אונז אייערע בעד־פעהלע. זאָגט, וואס זאלען מיר טהאן?

— יעדער זאל טהאן זיין פפליכט ביז צו ענדע! האט ארויסגערופען דער קאפיטאן.

— וויא קענען מיר טהאן אונזער פפליכט, ווען מיר האבען ניט קיין פייער? האט געפרעגט שאנדאן מיט א ביטערן געלעכטער. אין פיער און צוואנציג שטונדען ארום וועלען מיר אלע זיין טויט.

— וואס קען איך אייך העלפען? האט געזאגט דער קאפיטאן מיט א טרויעריגער, הערצרייסענדער שטימע. איך קען פון מיר קיין האָלץ ניט מאכען!

— מיר פערלאנגען ניט, איהר זאָלט מאכען האָלץ פון זיך, האט שאנדאן געזאגט שטאָלץ, מיר פערלאנגען נור, איהר זאָלט אונז הייסען נעהמען האָלץ, וואו מיר קענען עס קריגען.

— וואו קענט איהר קריגען האָלץ? האט דער קאפיטאן געפרעגט און איז גע־וואָרען בלייך, וויא דער שנעע אין דרויסען.

— אויפ'ן דעק פון אונזער שיף, האט שאנדאן געענטפערט גראָב.

— אויפ'ן דעק פון'ם שיף? האט קוים ארויסגערעדט דער קאפיטאן. ניין! איך וועל עס קיין מאל ניט ערלויבען!

שאנדאן, פען און דיא אנדערע מאטראזען זיינען צוגעקומען נעהענטער צו איהם און האבען איהם ארומגערינגעלט, גלייך וויא זיי וואָלטען געוואלט איהם צווינגען מיט געוואלד, ער זאל זיי געהן היסען צוהאקען דעם דעק פון'ם שיף אויף האָלץ אין אויווען אריין. פען און אנדערע האבען געהאלטען העק אין דיא הענד.

— געוויס, האט פען געזאגט, ווען דאס שיף קען אונז ניט ברענגען אהיים, זאל זיא אונז ווייניגסטענס אנווארעמען.

קאפיטאן האטטעראס איז אויפגעשפרונגען, האט ארויסגעכאפט דיא האק פון פען'ס האנד און האט זיא אויפגעהויבען אין דערהויך. ער וואלט איהם געוויס געווען צו שפאָלטען דעם קאָפ, ווען דער דאקטאר זאל ניט געווען צו לויפען און אנכאַפען דעם קאפיטאן ביי דער האנד. דשאנסאן, בעלל און סימפסאן זיינען אויך צוגעקומען העלפען דעם קאפיטאן בערוהיגען זיינע מענשען. עס איז זיי געלונגען, איהם עטוואס צו בעד רוהיגען.

— ווען איהר וועט פערברענען דאס שיף, האט ער ענדליך געזאגט, מיט וואס וועלען מיר קענען צוריק פאהרען אהיים?

— מיר האבען נאך דיא שיפלעך, האט שאנדאן געענטפערט גראָב. מיר וועלען ניט פערברענען דאס גאנצע שיף, זאָנדערן דען אויבערשטען טהייל פון איהר.

— ניין! האט אויסגעשריען דער קאפיטאן. איך וועל עס קיין מאל ניט דער־לאָזען, אז מען זאל מיין „פאָרווארד" פערברענען! — איך האב אלקאָהאל און בראנדוויין אויפ׳ן שיף, נעהמט און הייצט מיט זיי.

דשאנסאן און אנדערע זיינען אריינגענאנגען אין שפייזע קאמער און האבען ארויסגענומען א פעסעלע בראנדוויין. זיי האבען צושניטען אלטע העמדער און געמאכט פון זיי קנויטען, וועלכע זיי האבען בענאָסען מיט בראנדוויין. דיעזע קנויטען האבען זיי אריינגעלעגט אין אויווען און אנגעצונדען. עס האט זיך געוויעזען א בלויעס פייערל. דער אויווען האט זיך לאנגזאם דערווארמט. דיא מאטראזען האבען זיך ארומגעשטעלט ארום איהם און האבען זיך געווארמט.

דעם 25טען דעצעמבער איז וויעדער געווען אזא שרעקליכער פראָסט, אז דער אלקאהאל אין אויווען איז ניט געווען אים שטאנד אנצרווארעמען דאס צימער. דיא וועגד זיינען געווען בעדעקט מיט אייז. דיא לופט אין צימער האט אויסגעוויעזען, וויא א געדיכטער נעבעל (טומאן) אויסגעמישט מיט שנעע, דער אָטהעם פון דיא מענשען איז פערפראָרען געוואָרען אין דער לופט, אז איינער דעם אנדערן האט ניט געקענט זעהן; זייערע הענד און פיס זיינען געוואָרען בלוי און פערגליווערט. זאגאר דיא צונג אין מויל האט זיך ניט געקענט ריהרען. דא האט שוין דער דאקטאר אויך ניט געקענט זיך איינהאלטען. ער איז צוגעגאנגען צום קאפיטאן און האט איהם געזאגט:

— האטטעראס, מיר ווערן פערפראָרען. מיר מוזען האבען האָלץ צו הייצען דעם אויווען.

— איך וועל ניט לאזען פערברענען דאס שיף! האט געענטפערט דער קאפיטאן פינסטער.

— מיר קענען אבער אנדערש ניט לעבען, האט דער דאקטאר געזאגט מיט זיין פריינדליכער, ווייכער שטימע.

— לאזען זיי טהאן, וואס זיי ווילען, האט האטטעראס קוים ארויסגעהויכט, איך ערלויב ניט.

מעהר האט מען ניט געדארפט. דשאנסאן, בעלל און סימפסאן זיינען באלד ארויפגעלאפען אויפ׳ן דעק פון׳ם שיף און האבען אנגעהויבען אויסצוהאקען דיא ברעטער פון׳ם דעק און פון דיא וועגד ארום. קאפיטאן האטטעראס האט געהערט, וויא מען האקט זיין שיף. יעדער זעץ מיט דער האק האט אפגעקלונגען אין זיין הארץ, גליינ וויא מען וואָלט איהם אליין געהאקט. ער האט אבער געשוויעגען. עס איז געווען קריסמאס, א טאג, וועלכען אלע קריסטען פערברענגען אין פרעהליכקייט, געזאנג, עסען און טרינקען. וואס האבען זיי געהאט? — נויט, קעלט און פערצווייפלונג.

באלד האט געברענט א פרעהליכער פייער אין אויווען, אויף וועלכען מען האט אנגעשטעלט קעסלען מיט טהעע און קאפפע. די מאטראזען האבען זיך דערקוויקט מיט

א גלאָז וואַרעמען טהעע. זיי זיינען לעבעדיג געוואָרען און האבען אנגעהויבען צו רעדען איינער צום אנדערן.

דעם 1טען יאנואר 1861 איז דאס וועטער געווען זעהר שעהן. דיא קעלט האט נאכגעלאזען, דיא מאטראזען זיינען ארויסגעגאנגען פון׳ם שיף און האבען איינינע צייט פערבראכט אין דרויסען. דער דאקטאר האט זיך גענומען צו זיינע ביכער. ער האט געוואָלט דורכלעזען נאך א מאל אלע רייזען אויפ׳ן איידמעער אום צוזעהן, וואס האבען אנדערע רייזענדע געטהאן אין זייער לאנגע. ער האט געמאכט א זאַנדערבארע און זעהר וויכטיגע ענטדעקונג. ער האט געפונען אין דער רייזע בעשרייבונג פון סער עדוואַרד בעלטשער, אז אין קווינס טשענעל, ניט ווייט פון דעם ארט, וואו דיא „פאָרוואַרד" געפינט זיך יעצט, זיינען דא מינעס מיט ערדקוילען. דיא עסקימאסען ווייסען ניט, וויא אזוי זיי צו גראבען; ער אבער מיט זיינע מענשען האבען זיך בענוצט מיט דיעזע קוילען א לאנגע צייט.

ער האט געחאפט דאס בוך אין דער האנד און איז געלאפען זוכען דעם קאפּיטאן, איהם דערצעהלען פון דיעזע וויכטיגע ענטדעקונג.

— קוילען? האט אויסגערופען דער קאפּיטאן. שטיין קוילען? דא, אין דיעזער פערוואָרפענער געגענד?

— קוילען, האט געזאגט דער דאקטאר. — אונזער רעטונג. נאך מיינער רעכנונג זיינען מיר ניט מעהר, וויא הונדערט מיילען ווייט פון קווינס־טשענעל. וואס איז הונדערט מייל אין דיעזע געגענד? מיר האבען שליטענס, מיר האבען הינט צו שלעפּען דיא שליטענס אין דרייא טאג זיינען מיר הין און צוריק. — קומט, קאפּיטאן, לאָמיר מאכען דיא רייזע.

דער קאפּיטאן האט איינגעווילינט. ער האט געזאגט, אז ער וועט נור צונויפ־נעהמען זיינע קארטען און זיינע אינסטרומענטען. דער דאקטאר האט דערצעהלט פון זיין ענטדעקונג זיין פריינד דשאנסאן, וועלכער האט עס דערצעהלט אלע מאטראזען. איינינע האבען זיך זעהר געפרעהט, ווען זיי האבען דערהערט, אז מען האט אויסגעפונען אן אָרט, וואו מען קען קריעגען קוילען; אנדערע האבען עס אויסגעהערט גלייכגילטיג און האבען געשמייכעלט.

— שטיין קוילען ווערען זיי דא געפינען? האט געלאכט דשיימס וואלל, אייז און שנעע וועלען זיי געפינען גענוג.

— מאך קיין רעד ניט, האט איהם שאנדאן געזאגט שטילערהייט. לאזען זיי זיך נעהן זוכען קוילען.

דשאנסאן, סימפּסאן און בעלל האבען זיך אנגעהויבען פּארצובערייטען אין וועג אריין. דער דאקטאר איז אויך געווען באלד פערטיג. מען האט נור געוואַרט אויפ׳ן קאפּיטאן, ער זאל קומען זאגען, ווען זיי וועלען ארויסגעהן. עס איז פערגאנגען א פּאָר שטונדען, איידער ער איז ארויסגעקומען פון זיין קאיוטע. ענדליך, איז ער ארויסגעקומען און האט צונערופען דעם דאקטאר צו זיך.

— ליעבער פריינד, האט ער איהם געזאגט גאנץ שטיל, אז קיינער פון דיא מאַטראזען זאל ניט הערן. מיר זיינען יעצט ווייט פון קווינס־טשענעל, וואו דיא קוילען

געפינען זיך, ניט הונדערט מייל, וויא דוא האָסט אויסגערעכענט, זאָנדערן זיעבען הונדערט מייל.

דער דאקטאָר האט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען. ער האט איהם ניט געגלויבט. ער האט אויך גוט אויסשטודירט אלע לאנד־ און מעער־קארטען פון דיעזער, געגענד ער קען אויך גוט רעכענען און האט געוויס קיין טעות ניט געמאכט.

— דוא האָסט א טעות, האטטעראס! האט ער אויסגערופען. איך האב ריכטיג אויסגערעכענט עס איז ניט מעהר, וויא הונדערט ענגלישע מייל קיין קווינס־טשענעל.

דער קאַפּיטאַן האט איהם אריינגערופען אין זיין קאיוטע האט פערמאכט דיא טהיר און האט איהם געזאגט גאנץ שטיל:

— מיר שטעהן ניט אויף א ײ ן אָרט. דאס אייז פעלד, אין וועלכען אונזער שיף איז איינגעפראָרען, שווימט קיין נאָרדען. איך האב עס שוין לאנג בעמערקט. עס האט מיך געוואונדערט, וואס מען זעהט ניט קיין ווייסע בערן און וואס אלע אנדערע חיות זיינען פערשוואונדען, יעצט ווייס איך דיא אורזאכע דערפון. דיא חיות ווייסען בעסער פון אונז, אז אונזער אייז־פעלד שווימט.

דער דאָקטאָר איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט. ער האט איהם נאָך אַלץ ניט געגלויבט.

— נעהם דעם סעקסטאַן, האט געזאגט דער קאַפּיטאַן און איבערצייג זיך.

דער סעקסטאַן איז אן אסטראָנאָמישער אינסטרומענט. ווען דיא זון, דיא לבנה אדער דיא שטערן שיינען, קען מען דורך איהם אויסרעכענען אין וואס פאר אן אָרט אין דער וועלט מען געפינט זיך. מיר האבען ניט געננג פּלאַץ היער אום צו בעשרייבען דיעזען אינסטרומענט.

דער דאָקטאָר האט גענומען דעם סעקסטאַן, איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען, האט בעטראכט דיא לבנה, וועלכע האט דאמאלס געשיינט זעהר העל און האט אנ־געהויבען צו רעכענען. ער האט באלד אויסגעפונען, אז דער קאַפּיטאַן האט רעכט. זיי זיינען יעצט אין א גאנץ אנדער געגענד אלס דאמאלס, ווען זיי האבען זיך איינגעאָרדענט אויפ'ן ווינטער.

— און דיא מאַטראָזען ווייסען גאר ניט, אז מיר שווימען אַלץ ווייטער און ווייטער קיין נאָרדען, האט דער דאקטאר געזאגט.

— ש-ש-שאַ! האט דער קאַפּיטאַן געזאגט און האט ארויפגעלעגט א פינגער אויפ'ן מויל.

דער דאָקטאָר האט איהם פערשטאנען. ער האט ניט געוואלט אויסזאָגען דיא מאַטראָזען,, אין וואס פאר א לאגע זיי געפינען זיך. זיי קענען יעצט ניט ווייסען, וואוהין דאס אייז־פעלד וועט זיי פערשלעפּען. צום גליק, איז דאס אייז־פעלד געוועזען פון אייניגע הונדערט מייל דיא בּרייט און דיא לענג. מען האט אויף קיין פאל ניט געקענט בעמערקען, אז זיא שווימט.

16טעס קאפיטעל.

דיא רייזע.

אזוי וויא דער דאָקטאָר האט שוין דערצעהלט דיא מאַטראָזען, אז זיי ווילען מאכען א רייזע צו געהן זוכען קוילען, האט קאפּיטאן האטטעראס געפונען פאר נייטיג צו מאכען א רייזע אויף א פאר טאג. ער האט געוואוסט, אז קוים װעלען זיינע מאַטראָזען געוואָהר ווערן, אז ער האט זיך פלוצלונג אפּגעזאגט פון דער רייזע, וועלען זיי פערשטעהן, אז דא איז עפּעס געשעהן און וועלען זיין נאך מעהר פערצווייפעלט.

ער האט דאַהער געהייסען, אז מען זאל זיך פּאַרבערייטען צו דער רייזע. ער האט געהייסען ארויסנעהמען דיא שליטענס, וועלכע שאנדאן האט געקויפט אין גרענלאנד און אויסקלויבען דעם לייכטעסטען פון זיי. ער האט געהייסען נעהמען דיא שטארקסטע זעקס הינט און זיי איינשפּאַנען אין שליטען צו צוויי אין דער ברייט. אויפ'ן שליטען האט מען אנגעלעגט פּראָוויאַנט אויף צעהן טאג פאר פינף מענשען, א געצעלט פון זעגעלטוך אין פאל אז מען וועט דארפען איבערנעכטיגען אין אן אָרט, וואו עס איז דא וועניג שנעע. איינינע פונט פּולווער און קוילען, איינינע ביקסען, איינינע דעקען און נאך אנדערע נייטיגע ארטיקעל.

יעדער האט מיט זיך מיט גענומען א גארטעל פון גוטאפּערטשא, וועלכער איז געווען אנגעפילט מיט וואסער אדער מיט טהעע. דער גאַרטעל איז געווען ארומגע־בונדען ארום דעם נאַקעטען קערפּער און דאס וואסער איז ניט פערפראָרען געוואָרען. ווען מען האט זיך אפּגעשטעלט, האט יעדער געהאט לעבליכען טהעע אדער קאַפּפע פון זיין גאַרטעל. אויף דיא פיס האט יעדער געטראָגען א פאר שנעע שוהע, אויף וועלכע דיא בעוואָינער פון דיא קאַלטע געגענדען מאכען זעהר לאנגע רייזען.

דיא פּאַרבערייטונגען האבען געדויערט א פאר טאג. מען האט געמוזט אלעס איבערעכענען און זיך גוט איבערלעגען, וואס מיט צו נעהמען און וואס ניט. דאן איז געווען דיא פראגע, וועמען זאל מען מיטנעהמען אויף דיא רייזע? קאפּיטאן האטטעראס האט זעהר גוט געקענט זיינע מאַטראָזען. ער האט געוואוסט, אויף וועמען ער קען זיך פערלאָזען און אויף וועמען ניט.

אלזא, דעם דאקטאר מוז מען מיט נעהמען. ער איז א געלערנטער און וויים ביעל זאכען. סימפּסאן און בעלל קען מען אויך מיטנעהמען, זיי זיינען גוטע מאטראזען און זעהר ערגעבען דעם קאפּיטאן. דשאנסאן האט אויך געוואָלט מיטגעהן. דער קאפּיטאן אבער האט איהם אוועקגערופען אין א זייט און האט איהם געזאגט:

— ליעבער פריינד! דוא ביסט דער איינציגער אפיציער, אויף וועלכען איך קען מיך פערלאזען. בלייב אויפ'ן שיף. איך גיב דיר איבער דאס קאמאנדא. אויב דוא ווילסט, וועל איך דיר געבען א געשריעבענעם בעפעהל, אז דיא גאנצע צייט, וואס מיר וועלען זיין אין וועג, ביסט דוא דער איינציגער קאמאנדיר פון'ם שיף און פון דיא מאַטראָזען. — איך וויים, אז איהר מוזט האבען האָלץ. איהר מוזט צוהאקען דאס שיף, איך בעט דיך אבער, ליעבער פריינד, דוא זאָלסט זעהן זיא צו שוינען, וויא וויים מעגליך. — דוא פערשטעהסט מיך, דשאנסאן?

— איך פערשטעה. אייך, קאפיטאן, האט דשאנסאן געענטפערט, און וועל געוויס טהאָן מיין בעסטעס.

— איך דאנק דיר, האט דער קאפיטאן געזאגט און האט איהם געדריקט דיא האנד. ווען מיר וועלען ניט צוריק קומען — אויף דער וועלט קען זיך אלעס טרעפען — זאָלסט דוא פיהרען דאס שיף צוריק קיין ענגלאנד. איך וועל דיר געבען א בריעף צו מיין באנק הויז, וואו דוא וועסט נעהמען געלד און בעצאהלען אלעמען, וויא איך האב זיי צוגעזאגט.

דעם 6טען יאנואר איז אלעס געוועזען פערטיג צו דער רייזע און דער קאפיטאן האט געגעבען א בעפעהל, אז מען זאָל אויפברעכען. דיא פארטיע איז בעשטאנען פון'ם קאפיטאן, דעם דאָקטאָר, דיא מאטראָזען סימפסאן און בעלל, זעקס גרענלענדישע הינד און דיוק, דעם קאפיטאן'ס הונד. דער דאָקטאָר האט אבשיעד גענומען פון זיינע קראנקע, האט זיי אנגעזאגט, וויא זיי זאלען זיך אויפפיהרען דיא גאנצע צייט, ווען ער וועט זיין אויף דער רייזע. דער קאפיטאן האט אויך געוואָלט אבשיעד נעהמען פון זיינע מאטראָזען. אלע אבער האבען איהם אנגעקוקט בייז און פינסטער. אויף שאנדאָן'ס געזיכט האט זיך געוויעזען א זאָנדערבארער שמייכעל. קאפיטאן האטטעראס איז געבליעבען שטעהן איינינע מינוט. ער האט מורא געהאט איבערצולאזען אליין דאס שיף. פלוצלונג האט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ שטאָלץ, וויא א ריעז, וויא א העלד. דיא מאטראָזען האבען אראָפּגעלאָזען דיא קעפּ, זיי האבען פאר איהם מורא געהאט.

— זייט געזונד! האט ער זיי געזאגט מיט זיין הויכער קלינגענדער שטימע, און איז ארויסגעגאנגען.

דיא קליינע פּארטיע רייזענדע האט זיך געריהרט אין וועג. פיער מענשען און זיעבען הינט אליין אין דיעזער וועלט פון אייז און שנעע. זיי זיינען געגאנגען אין דער זייט, וואו עס ליעגט קווינס-טשענעל. דער קאפיטאן האט געהאט אזא רעכנונג. ער וועט זיך ארומקוקען, וויא גרויס איז דאס אייזפעלד, אויף וועלכע זיי שווימען. מעגליך, אז ווייטער ערגעץ געפינט זיך דאס פרייע מעער, וועט ער ניט דארפען ליעגען מיט זיינען מענשען איינגעפראָרען אין אייז. זיי וועלען צו פאהרען צום נאָרד־פּאָל מיט זייערע קליינע שיפלעך. דאן טאמער וועלען זיי טרעפען אויפ'ן וועג ווייסע בערן, וועלכע זיי וועלען קענען שיעסען און פערזאָרגען זיך מיט הייצונג און מיט פעל.

דעם ערשטען טאג איז דיא רייזע געגאנגען גאנץ גוט. דאס וועטער איז געוועזען שעהן און פאר יענע געגענדען ניט שטארק קאלט. נעגען אבענד האבען זיי זיך אומגעקוקט, וואו זיי זאלען ערגעץ זיך מאכען א נאכט לאגער. אונזערע לעזער דארפען ניט פערגעסען, אז אין יענע געגענדען איז ניטא קיין טאג אין דיא ווינטער מאנאטען. עס איז א יין לאנגע נאכט פון פיער פינף מאָנאטע. ווען מיר שרייבען ביי טאג אדער ביי נאכט, מיינען מיר דיא ערשטע צוועלף שטונדען און מעת לעת, וועלכע מען רעכענט, אז אין אנדערע לענדער איז טאג. —

זיי האבען באלד אויסגעפונען א פּלאץ, וואו עס איז געוועזען פיעל שנעע, און האבען זיך גענומען מאכען א שטיבעלע פון שנעע. א קרעטשמע פון שנעע, וואו איבער צר נעכטיגען. וויא מיעד זיי זיינען געוועזען פון דער רייזע צו פוס, האבען זיי זיך דאָך געמטחט

נעהמען בורען דיא שנעע קרעטשמע. אזא ארבייט נעדויערט געוועהנליך א פּאָר שטונדען. ווען דאס הויז איז פערטיג געוואָרען, האט מען זיך געזעצט עסען. זיי האבען מיטגענומען א קליינעם קעראָסין אויווען, האבען איהם אנגעגאָסען מיט ספּיריטוס און האבען זיך אָפּגעקאָכט זייער עסען. ווען זיי האבען אָפּגעגעסען, זיינען דריי אריינגעקראָכע אין דעם שנעע הויז און דער פיערטער איז געבליעבען אין דרויסען, האלטען דיא וואך. יעדער האט דער רייהע נאך געמוזט האלטען וואך.

דעם אנדערן טאג איז מען אויפגעשטאנען, געמאכט ווארעמען טהעע אדער קאפע און מען האט זיך ווייטער געלאזט געהן. אלע זיינען געגאנגען גלייך, שטיל און רוהיג, נור דער דאָקטאָר האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. וואו ער האט דערזעהן א בערגעל, איז ער צוגעלאָפען און האט אנגעהויבען צו האקען און צו גראבען.

— וואס זוכט איהר, דאקטאר? האט האטטעראס געפרעגט. זעהט איהר דען ניט, אז אויף דיעזען אייז איז נאך קיין מענשליכער פוס ניט געטרעטען?

— ווייסט איהר דען, וויא אַלט דיעזעס איידפעלד איז? האט דער דאָקטאר געענטפערט. מיינט איהר, אז אזא גרויסע מאסע אייז ווערט מיט איין מאל, אין איין ווינטער? ווער קען וויסען, וואס פאר א מענשען זיינען שוין געווען אויף דיעזען אייד פעלד? — האב איך דען געקענט וויסען מיט א יאהר צוריק, אז איך וועל דא זיין?

— מיר האבען אבער קיין צייט ניט, דאָקטאָר. איך וויל זעהר זיין צוריק אויפ'ן שיף. איך האב זאגאר חרטה, וואס איך האב געלאָזען דאס שיף אליין.

— דשאנסאן איז דאך געבליעבען אויפ'ן שיף.

— דאס ווייס איך, האט דער קאפּיטאן געענטפערט. מיר זאגט אבער דאס הערץ, אז דאָרט וועט עפּעס געשעהן. איך בין ניט אבערגלויביש, דאָקטאָר, איך פיהל אבער, אז מיין שיף איז אין זעהר שלעכטע הענד.

אזוי רעדענדיג איז דער דאָקטאָר פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען.

— וואו זייט איהר, דאָקטאָר? האט קאפּיטאן האטטעראס אויסגעשריען מיט שרעק.

— אָט בין איך, אין א גרוב, האט דער דאָקטאָר געענטפערט גאנץ רוהיג. וואַרפט מיר צו א שטריק און שלעפּט מיך ארויס.

פון דער שטארקער קעלט פּלאצט זעהר אָפט דאס אייז, עס בילדען זיך טיעפע שפּאלטען. דער דאָקטאָר האט זיך פערערעדט מיט'ן קאפּיטאן און האט ניט בעמערקט, אז אונטער זיינע פיס געפינט זיך אזא שפּאלט און איז אריינגעפאלען. דער קאפּיטאן און סימפּסאן האבען איהם צוגעוואָרפען דעם עק פון א שטריק, וועלכען דער דאָקטאָר האט אנגעכאפּט און זיי האבען איהם ארויסגעשלעפּט.

— האט איהר זיך א זעץ געטהאן, דאקטאר? האט געפרעגט דער קאפּיטאן מיטליידיג, ווען דער דאקטאר איז ארויס אויפ'ן אייז און האט זיך אָפּגעטרייסעלט.

— איך? האט געלאכט דער דאקטאר. דאס טהו איך ניט. איך בין אריינגעפאלען אין א גרוב און איהר האט מיך ארויסגעשלעפּט. דאס איז אלעס.

— אבער וויא אזוי איז עס געשעהן, דאקטאר?

— גאנץ איינפאך. איך האב געוואָלט אריבערשפּאנען א שפּאלט אין אייז און

ביז אריינגעפאלען. ווייטער וועל איך שוין וויסען, וויא אזוי צו מאכען א רייזע צו פוס אויפ'ן איידמעער.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען ביז פארנאכט, ווען זיי זיינען געבליעבען שטעהן אויף נאכט לאנגער און האבען זיך גענומען בויען א קרעטשמע פון שנעע. דער מאַנד האט געלייכטעט גאנץ העל, דיא שטערן האבען געשיינט און געפונקעלט. דער דאקטאר האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. ער איז ארויפגעקלעטערט אויף א הויכען איידבערג און האט בעטראכט דיא סצענע ארום. עס האט אויסגעוויזען, וויא א גרויסער פריעדהאף מיט מאָנומענטען, מצבות, קירכען און שטיבעלעך. ווי ווייט דאס אויג האט געקענט רייכען, איבעראל זיינען געווען שפיצען און טויערן. א שעהנעס, אבער א שרעקליכעס בילד! דער דאקטאר האט זיך ניט געקענט אפרייסען פון דיעזער הערליכער סצענע.

אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע טעג אהן יעדע שטערונג. דעם 15טען יאנואר האט דער קאפיטאן אויסגערעכענט, אז זיי זיינען מעהר אלס הונדערט מייל ווייט פון דער שיף און נאך האבען זיי קיין פרייעס מעער ניט געטראָפען.

— וויא גרויס איז אלזא דאס אייז־פעלד, אויף וועלכען מיר געפינען זיך? האט ער געזאגט צו זיך אליין. וואוהין וועט זיא אונז פערפיהרען? צו וואס קען נוצען אונזער רייזע?

ער האט אבער ניט געוואָלט ווייזען זיינע קאמעראדען, אין וואס פאר א שרעקליכער לאגע זיי געפינען זיך. זיי זיינען ווייטער געגאנגען אין דער האָפנונג, אז זיי וועלען דאָך עפּעס געפינען. פּלוצלונג האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער נעבעל. אזא נעבעל, וועלכער קומט פּאָר נור אין יענע קאלטע געגענדען. דיא לופט איז פול געוואָרען מיט גאנץ קליינע שטיקלעך אייז, וועלכע זיינען געווען אזוי געדיכט איינער לעבען אנדערן, אז אויף פינף שריט ווייט פון זיך האט מען גאר ניט געקענט זעהן. דיא קליידער פון אונזערע רייזענדע זיינען באלד אזוי בעהאנגען געוואָרען מיט אייז און פראָסט, אז זיי זיינען געוואָרען דריי מאל אזוי ברייט. דער נעבעל איז געוואָרען מיט יעדע מינוט שווערער און געדיכטער. זיי האבען זיך געמוזט אָנהאלטען איינער אן דעם אנדערן, זיי זאלען ניט פערבלאָנזעט ווערן. זיי האבען פּראָבירט רעדען איינער צום אנדערן, קיינער אבער האט ניט געהערט, וואס דער אנדערער רעדט. דיא לופט איז געווען אזוי פול מיט אייז, אז עס איז אין איהר קיין בעוועגונג ניט געווען און, דיא שטימע האט ניט געקענט גרייכען צו דיא אויערן. דאס געהן איז געוואָרען זעהר שווער. אויף יעדען שריט האט זיך איינער אויסגעגליטשט און איז אומגעפאלען. איידער ער האט זיך אויפגעהויבען, זיינען דיא אנדערע אוועקגעגאנגען. ענדליך האבען זיי פערלאָרען איינער דעם אנדערן און יעדער איז געגאנגען זיין וועג. עס וואָלט גלייכער געווען, זיי זאלען בלייבען שטעהן אויף איין אָרט און אָפּווארטען, ביז דער נעבעל וועט פערשווינדען. דאס וואָלט אבער נור דאן מעגליך געווען, ווען דער נעבעל זאל ניט געווען אנקומען אזוי פּלוצלונג און זיי וואָלטען געווען געהאט צייט צו מאכען זיך א שטיבעלע פון שנעע. יעצט האבען זיי זיך געפונען אין א פערצווייפעלטע לאַגע. בלייבען שטעהן אויף איין אָרט, איז געווען אונמעגליך און ווייטער געהן איז געווען זעהר שווער. אויף יעדער שריט האבען זיי זיך אויסגעגליטשט און זיינען אומגעפאלען. זיי האבען געמוזט טאַפּען דעם וועג מיט דיא

חענד. ענדליך, איז דער דאקטאר געבליעבען שטעהן און האט אויסגערופען:

— איך קען ווייטער ניט געהן! נא דיר א לאנד מיט א קלימאט! קאפיטאן! הע, קאפיטאן! וואו ביסט דוא?

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. דער קאפיטאן האט איהם ניט געהערט. ער האט גענומען זיין ביקס און האט אויסגעשאסען.

— דיזע שפראכע וועט ער שוין הערן, האט ער געזאגט צו זיך אליין.

ער האט געווארט אייניגע מינוט, דער קאפיטאן זאל איהם ענטפערן; דער קאפיטאן אבער האט אויך דיזע שפראכע ניט געהערט. דעם דאקטאר האט עס שוין פערדראסען. ער האט נאך א מאל אויסגעשאסען און איז געוועזן זיכער, אז דאס מאל וועלען זיינע קאמעראדען געוויס הערן דעם שאס און וועלען איהם ענטפערן, צו זיין ערשטוינען אבער האט ער דערהערט א שטילעם ברומען.

— הא! וואס איז דאס? האט ער געפרעגט זיך אליין.

ער האט געפיהלט, אז עפעס איז פארביי געגאנגען לעבען איהם און האט זיך אנגעריהרט אן איהם.

— א בער! האט ער אויסגעשריען. דאס איז א בער, וועלכער איז פערבלאנזעט געווארען אין נעבעל גלייך וויא מיר. א שעהנע געשיכטע! ווען דער הערר בער וועט ווירקליך וועלען מיט מיר בעקאנט ווערן, וועל איך מיך מוזען קריעגען מיט איהם.

וויא עס ווייזט אויס, איז דער בער אבער אויך געוועזן אין א זעלטענער לאגע. ער האט ניט געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט. נאך א פאר מאל האט ער איהם בעריהרט, דאן איז ער פערשוואונדען געווארען. דער דאקטאר האט אנגעהויבען צו טאפען דעם וועג און האט געטראפען א וואנד. ער האט אנגעהויבען צו קלעטערן אויף דער איידוואנד און איז מיט שווערער מיה ארויפגעקראכען אויף א הויכען איידבערג. וואונדערבאר! וואס העכער ער איז געקומען, איז געווארען אלץ העלער און ליכטיגער. ווען ער איז ארויפגעקומען אויפ'ן שפיץ פון'ם איידבערג, האט ער געזעהן וויא דער נעבעל איז נור ביי דער ערד. ער ווערט אלע מאל געדיכטער און ניעדעריגער. ער פאלט צו דער ערד. ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט דערזעהן זיינע קאמעראדען ארויסקריעכען פון'ם נעבעל. זיי זיינען אויך געקומען אויף א העכערן ארט.

— האטטעראס!

— דאקטאר! בעלל! סימפסאן! האבען זיי געשריען איינער צום אנדערן פרעהליך.

אויפ'ן הימעל האט זיך געוויעזען א גרויסארטיגעס נארד-ליכט. העלע פלאמען פון אלערליי פארבען האבען בעלייכטעט דעם הימעל און דעם נעבעל. זיי האבען געזעהן, אז זיי געפינען זיך אויף א הויכען בארג. ארום און ארום זיינען געוועזן בערג בעלייכטעט פון'ם נארד-ליכט מיט א שעהנער ראזא פארב. אין טהאל אבער איז נאך געוועזן דער נעבעל געדיכט און עס איז דארט געוועזן פינסטער.

— גראסארטיג! פרעכטיג! וואונדערבאר! האט אויסגערופען דער דאקטאר מיט ענטציקען. אזא סצענע האב איך נאך קיין מאל ניט געזעהן. עס איז ווערטה איבערצוטראגען אלע לייד'ן, אזוי פיעל נויט און עלענד אום אמאל צו זעהן אזא סצענע.

קאפיטאן האטטעראס איז געבליעבען גלייכגילטיג. ער האט זיך ניט געפרעהט

איבער דיעזע וואונדערבארע סצענע. ער האט געטראכט בעסער אן דאס נייטינסטע.

— וואו איז דער שליטען? האט ער געפרעגט.

— דער שליטען שטעהט אונטען אין טהאָל, האט דער מאטראז בעלל גע־ענטפערט.

— און וואס הערט זיך מיט'ן בער? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— וואס פאר א בער? האבען אויסגערופען דיא איבעריגע מיט שטוינען.

— איך האב בעגעגענט א בער, האט דער דאקטאר געזאגט, און איך מוז אייך זאגען, אז ער איז געווען גאנץ העפליך געגען מיר. ער האט מיך בעגריסט אויף זיין ארט און איז זיך אוועקגעגאנגען זיין וועג.

— א בער, זאגסט דוא, דאקטאר? האט דער קאפיטאן איבערגעפרעגט, דאן מוזען מיר אויף איהם אכטונג געבען.

— וואס זאלען מיר אויף איהם אכטונג געבען, ווען ער איז אזוי העפליך? האט דער דאקטאר געשפאסט.

— מעגליך, אז ער איז געווען העפליך געגען דיר ער וועט אבער ניט זיין העפליך געגען אונזערע הינט. וואס וועלען מיר טהאן, ווען ער וועט אנפאלען אויף אונזערע הינט און וועט זיי אויפעסען? דיא הינט זיינען איינגעשפאנט אין שליטען און קענען ניט אנטלויפען.

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט א שטארקעס בילען פון א הונד.

— דאס בילט דיוק, מיין הונד, האט האטטעראס געזאגט. דאָרט איז עפּעס געשעהן. קומט, לאמיר אראפּגעהן אין טאָהל,

דער נעבעל איז אונטערדעסען געוואָרען אלץ געדיכטער און ניעדעריגער. ווען זיי האבען געוואָלט אראפּגעהן פון'ם בערג, איז דער נעבעל שוין געווען אזוי ניעדעריג ביי דער ערד, אז זיי האבען דערזעהן דעם שליטען און דיא הינד, אבער צווישען דיא הינד האבען זיי דערזעהן אנדערע חיות. דעם קאפּיטאן'ס הונד איז געשפּרונגען, וויא א משוגענער, האט זיך געריסען אין אלע זייטען און האט שרעקליך געבילט.

— פיקס! דאס זיינען פיקס! האט בעלל אויסגערופען.

— ניין, דאס זיינען ווייסע בערן, האט דער דאקטאר געזאגט.

— זעהט וואס זיי טהוען! האט אויסגעשריען דער קאפּיטאן אויסער זיך. זיי זיינען אנגעפאלען אויף אונזער שליטען און רויבען אונזער פּראָוויאַנט!

יעצט ערשט האט דער דאָקטאָר דערזעהן, וואס דאָרט טהוט זיך. א באַנדע פיקס און בערן זיינען אנגעפאלען אויפ'ן שליטען, האבען געריסען, געצופּט, געפּליקט און געבראָכען פון אלע זייטען. זיי האבען דערשמעקט דאס געזאלצענע פלייש, וועלכע אונזערע רייזענדע האבען געהאט מיט זיך און האבען עס געזוכט אין שליטען.

— שיעסט? האט דער קאפּיטאן אויסגעשריען. געהט ניט אראָפּ, שיעסט פון דעם אָרט, וואו מיר שטעהן.

פּיער ביקסען האבען מיט אמאל אויסגעשאָסען. דיא באַנדע פּיערפיסיגע רויבער האט זיך דערשראָקען און האט אויף א מינוט אויפגעהערט צו רייסען דעם שליטען.

— שיעסט נאך א מאָל! האט קאמאנדירט דער קאפּיטאן.

אבערמאלס האבען פיער שיעסע פערהילכט דיא געגענד. דיא באנדע רויבער האט זיך יעצט ווירקליך דערשראָקען און איז זיך צולאָפען אין אלע זייטען. יעצט ערשט זיינען אונזערע רייזענדע אראָפּגעגאנגען פון זייערע פּאָזיציאָנען און זיינען צוגעגאנגען צום שליטען. מיט שרעק און שטוינען האבען זיי דערזעהן, וואס פאר א צרה דיא בערן האבען אין דער קורצער צייט אנגעמאכט אין זייער פראָוויאנט. זיי האבען צוריסען דיא דעקען, צוביסען דיא שטריק, צובראָכען דיא שאַכטלען און דיא קעסטליך, אין וועלכע דאס פלייש איז געלעגען און האבען אויפגעפרעסען, וואס זיי האבען נור געקענט. דאס פעסעלע ספּירימוס, וואס זיי האבען מיטגענומען, אום דארויף צו קאָכען זייער עסען, איז געווען צובראָכען און דער ספּיריטוס איז אויסגערונען. דיא זעק מיט ביסקוויטוס און סוכארעס זיינען געווען צוריסען און צו וואָרפען. אלעס, וואס דיא רויבער האבען נור געקענט דערגרייכען, האבען זיי צוריסען, צובראָכען און אויפגעפרעסען.

— א טרויעריגע געשיכטע, האט בעלל געזאגט. וואס וועלען מיר יעצט טהאן? מיר זיינען געבליעבען אהן פּראָוויאנט.

— זעהט בעסער, וואס עס איז אונז געבליעבען, האט דער דאקטאר געזאגט. מיר וועלען שפּעטער טראכטען, וואס ווייטער צו טהאָן.

קאפּיטאן האטטעראס האט גאר ניט געזאגט. ער האט צונויפגענומען דיא צו־זאָרפענע זעק און דיא צובראָכענע קעסטליך און שאַכטלען. דאס ערגסטע איז געווען, וואס דיא בערן האבען צובראָכען דאס פעסעלע מיט ספּיריטוס. זיי האבען יעצט ניט געהאט מיט וואס אנצו וואָרעמען אביסעל וואסער און צו מאכען זיך טהעע.

זיי האבען צונויפגענומען אלעס, וואס דיא בערן האבען צו וואָרפען און איבער־געלאָזען און האבען אויסגעפונען, אז דיא בערן האבען פערניכטעט דיא העלפט פון זייער פּראָוויאנט. יעצט האט זיך געשטעלט דיא גרויסע פראגע: זאלען זיי ווייטער געהן, אדער זאלען זיי זיך אומקעהרן? — אזוי וויא דאס אייז־פעלד שטעהט ניט אויף איין אָרט, וואָלט געווען נאָטהווענדיג עס אויסצופאָרשען און וויסען, וויא גרויס עס איז. אלזא, וואָלטען זיי נעדארפט ווייטער געהן. וויא אזוי קענען זיי אבער ווייטער געהן, ווען זיי האבען אזוי וועניג פּראָוויאנט? וויא דער דאקטאר האט אויסגערעכענט, וועלען זיי מוזען עסען נור האלבע פּאָרציאָנען א טאג, ווען זיי ווילען ווייטער געהן. דאס איז געווים זעהר אונאנגענעהם. געהן אין אזא קעלט, אויף אזא שווערן וועג און נאך ליידען הונגער דערצו, איז געווים קיין גרויס פערגעניגען ניט.

זיי האבען זיך בעראטהען, וואס זיי זאלען טהאָן. אלע האבען געזאגט, אז מען זאל ווייטער געהן. ווען מען איז אין אזא זאָנדערבארע לאגע, מוז מען גוט קענען דאס אָרט, וואו מען געפינט זיך. אלזא, מוז מען דאס אייז־פעלד אויספאָרשען. נור איין סימפּסאָן האט געוואָלט געהן צוריק. זייט א געוויסע צייט האט ער זיך געפיהלט זעהר שלעכט. ער האט געפיהלט, אז א שווערע קראנקהייט איז איהם אנגעפאלען און גראבט אונטער זיין געזונדהייט. ער האט געוואָלט געהן צוריק צום שיף און זיך אויסרוהען, אדער ריכטיגער געזאגט, זיך אניעדערלעגען. אזוי וויא אלע האבען אבער געשטימט, אז מען זאל ווייטער געהן, האט ער ניט געקענט זיין דאגעגען און איז אויך ווייטער געגאנגען.

17טעס קאפּיטעל.

דער קאירן.

לאנגזאם שטיל און טרויעריג זיינען אונזערע רייזענדע ווייטער געגאנגען. עס זיינע פערגאנגען צוויא טאג, אין וועלכע עס האט זיך זיי קיין נייעס ניט געטראָפען דעם דריטען טאג, דעם 18טען יאנואר האבען זיי דערזעהן, אז דיא גאנצע געגענד האט זיך געענדערט. ביז אהער איז געווען ארום זיי נור אייז און אייז, פּלוצלונג האבען זיי דערזעהן הויכע בערג, פון וועלכע עס האבען ארויסגעשטעקט שטיינער און פעלזען.

— וואס איז דאס, קאפּיטאן? האט דער דאקטאר אויסגערופען. מיר זיינען יעצט אויף פעסטע לאנד, ניט אויפ'ן אייז־פעלד?

קאפּיטאן האטטעראס האט נאך פריהער בעמערקט דיעזע זאָנדערבארע ערשיינונג און האט גענומען זיינע אינסטרומענטען, און זיינע לאנד־קארטען, זעהן, וואס דאס איז. ער האט אויסגעפונען, אז דאס אייז־פעלד איזווירקליך געבליעבען שטעהן אויף איין אָרט. עס איז צוגעפראָרען געוואָרען צום לאנד נירקארנעוואל. ער האט געוויעזען דעם דאקטאר זיינע לאנדקארטען און זיינע אויסרעכנונגען. דער דאקטאר איז געווען ענטציקט, וואס ער וועט א מאל אראָפּ פון'ם אייז־פעלד אויף א פעסטעס לאנד. באלד אבער האט ער זיך איבערצייגט, אז ער האט זיך אומזיסט געפרייט. אויפ'ן פעסטען לאנד איז געווען פיעל שווערער צו געהן, וויא אויפ'ן גלאטען אייז. דאס לאנד איז געווען בעדעקט מיט טיעפען שנעע, וועלכער וויא שטארק ער איז געווען פערפראָרען, האט דאך ניט געקענט אויסהאלטען דאס געוויכט פון א מענשען און זיי זיינען זעהר אָפט געקראָכען אין שנעע ביז אין דיא קניע. פאר דיא הינד איז אויך געווען פיעל שווערער צו שלעפּען דעם שליטען אויפ'ן שנעע. זיי האבען זיך געמוזט צושפּאנען צום שליטען און העלפען דיא הינט שלעפּען. דערצו נאך איז דאס לאנד געווען פול מיט בערג און טאָהלען. וויא ניעדעריג דיא בערג זיינען געווען, איז דאך געווען זעהר שווער ארויפצושלעפּען דעם שליטען אויף זיי.

זיי האבען זיך אזוי געשלעפּט א גאנצע טאג. געגען אבענד זיינען זיי געווען אזוי מיעד און מאַט, אז זיי האבען קיין כח ניט געהאט צו מאכען זיך א שטיבעלע פון שנעע, וואו זיי זאלען קענען איבערנעכטיגען. מיט שווערער מיה איז זיי געלונגען אויפ־צוישלאגען דאס געצעלט פון זעגעל־טוך, וועלכעס זיי האבען מיטגענומען אויפ'ן שליטען. קוים איז דאס געצעלט געווען פערטיג, זיינען זיי באלד אריין, האבען זיך איינגעוויקעלט אין פעל פון רענטהירען און זיינען געפאלען אויף דער ערד פאר מידינקייט.

אויסרוהען! זיך אויסרוהען! איז געווען זייער איינציגער וואונש. זיי האבען זאגאר פערגעסען אן עסען און אן טרינקען. זיי זיינען אויך באלד אנטשלאָפען געוואָרען. דאס איז געווען דיא איינציגע נאכט, ווען זיי האבען קיין וואך ניט אויסגעשטעלט, קיינער איז ניט געווען אים שטאנד צו האלטען דיא וואך. ביי נאכט איז געגאנגען א שטארקער פראָסט. ווען זיי זיינען אויפגעשטאנען אין דער פריה, האבען זיי געזעהן, אז אין יענע געגענדען מוז מען לעבען, וויא אן עסקימאָס. זאָנסט קען מען ניט אויסהאלטען. דיא איינע נאכט, וואס זיי זיינען ניט געשלאָפען אין א שטיבעלע פון שנעע, האט געהאט

זעהר טרויעריגע פאָלגען. סימפסאן איז געווען קראַנק און האט זיך ניט געקענט ריהרען, כּען האט איהם געמוזט ארויפלעגען אויפ'ן שליטען. בעלל האט געציטערט און איז קוים געווען אימשטאנד ווייטער צוגעהן. דער דאקטאר האט אויך געציטערט, עס האט איהם געקלאפט א צאהן אן א צאָהן, ער האט זיך אבער געהאלטען פעסט. נור איין האט־טעראס האט ניט געליטען. ער איז געגאנגען גלייך, פעסט, פערטראכט און טרויעריג, וויא אימער, גלייך וויא ער וואָלט ארומגעגאנגען אין דיא גאסען פון ליווערפּול.

דיא רייזע איז דעם אנדערן טאג געווען נאך שווערער. עס איז געווען שרעקליך קאלט. דער וועג איז געווען ניט גלייך. דיא הינט זיינען ניט געווען אים שטאנד צו שלעפּען דעם שווערן שליטען, אויף וועלכען סימפסאן איז געלעגען און האט געקרעכצט, זיי האבען זיך געמוזט אלע דריי איינשפּאנען און העלפען דיא הינט שלעפּען. זיי האבען זיך אזוי אויסגעשלעפּט א פּאר שטונדען, ווען פּלוצלונג האט בעלל אנגענומען א חויפען מיט שנעע און האט אנגעהויבען צו רייבען דעם דאקטאר'ס געזיכט.

— וואס טהוסט דוא, בעלל? האט אויסגערופען דער דאקטאר און האט איהם געוואָלט אוועקשטויסען פון זיך.

בעלל אבער האט איהם ניט געהערט, האט זיך יעדעס מאל אנגעבויגען, האט אנגענומעןביידע הענד מיט שנעע און האט געריעבען דעם דאקטאר דיא נאז, דיא אויגען און דיא ליפּען.

— ביסט דוא משוגע, בעלל? וואס טהוסט דוא? האט זיך דער דאקטאר גע־בייזערט און זיך געריסען פון איהם. — וואס ווילסט דוא פון מיר האבען? איז דען יעצט דיא צייט צו שפּאסען?

— איך שפּאס ניט, דאקטאר, האט ענדליך בעלל געענטפערט. איך רעטע אייער נאז, וועלכע איז אפּגעפּרארען.

— מיין נאז? האט געפרעגט דער דאקטאר פערוואונדערט און האט זיך ערשט אומגעקוקט אז ער פיהלט ניט זיין נאז.

— יא הערר דאקטאר, אייער נאז איז געווען גאנץ ווייס, ווען איך וואָלט איהם ניט געווען אפּגעריבען מיט שנעע, וואָלט איהר פערלאָרען א טהייל פון אייער געזיכט, וועלכעס איז צוואר זעהר אונבעקוועם אויף א רייזע אויפ'ן איידמעער, אבער צווישען געבילדעטע מענשען ניט עס צו א שעהנהייט צום געזיכט.

בעלל האט ווייטער געריעבען דעם דאקטאר'ס נאז ביז זיא איז רויט געוואָרען, א צייכען, אז דאס בלוט איז ווייטער צוגעקומען צו איהר. דער דאקטאר האט אנגעהויבען צו פיהלען זיין נאז.

— איך דאנק דיר, בעלל, האט ער אויסגערופען מיט א געלעכטער. אנאנדער מאל וועל איך דיר אָפּדיענען און וועל דיר אָפּרייבען.

— איך האָלט אייך ביים וואָרט, דאקטאר, האט בעלל געזאגט. פערגעסט ניט! — נו, דערוויל זאָלען קיין גרעסערע אומגליקען ניט געשעהן.

— דוא מיינסט אונזער קראַנקען? האט דער דאקטאר געזאגט טרויעריג. ליידער, האב איך זעהר מורא פאר איהם.

— וואס פעהלט איהם? האט פלוצלינג האטטעראס געפרעגט.

— ער האט דעם סקארבוט, האט דער דאקטאר געענטפערט, און האט איהם נאך אזוי שטארק, אז דיא געוועהנליכע מיטעל וואס איך האב העלפען ניט מעהר. זיינע פיס זיינען שטארק אנגעשוואָלען און זיין צאהנפלייש (יאסלעס) זיינען שטארק אנגעגריפען פון דער קראנקהייט. איך בעדויערע איהם זעהר, איך קען איהם אבער גאר ניט העלפען.

— טאָמער וואָלטען מיר געבליעבען שטעהן א טאג אדער צוויי, האט בעלל געזאגט. דער ארימער סימפסאן דארף זיך אויסרוהען. דער דאקטאר וועט זיך בעסער קענען אפגעבען מיט איהם, פיעללייכט וועלען מיר איהם דאך נאך קענען רעטען.

— שטעהן בלייבען? האט אויסגעשריען קאפּיטאן האטטעראס. וויא קענען מיר שטעהן בלייבען? איהר פערגעסט, אז מיר האבען א שיף און אז זעכצעהן מענ'שען ווארטען אויף אונז אויף דער שיף, איהר פערגעסט, אז מיר האבען קיין פראָוויאנט אויך נים. ווען מיר בלייבען שטעהן, וועלען מיר אלע שטארבען פאר הונגער. מיר מוזען ווייטער געהן, אדער זיך אומקעהרען.

ענדליך זיינען זיי געבליעבען שטעהן אויף נאכט-לאגער. בעלל האט געמאכט א שטיבעלע פון שנעע. מען האט אריינגעלעגט דעם קראנקען אין שטיבעלע און דער דאקטאר האט געמאכט פאר איהם טהעע מיט לימינע זאפט. דעם טהעע האט ער גענומען פון זיין נוטאפּערטשקא נארטעל ארום זיין לייב. קיין פייער צו מאכען הייסען טהעע האבען זיי יעצט ניט געהאט. דער טהעע איז געוועזן קאלט. סימפסאן האט גע-קרעכצט, אז עס האט גערייסען דאס הארץ.

— איך שטארב, דאקטאר, האט ער געזאגט. איך פיהל, אז איך וועל שוין אהיים קיין מאל ניט קומען. ניט מיר עפּעס, דאקטאר, איך זאל גיכער שטארבען און אזוי פיעל ניט ליידען.

— לאז דיך ניט אָפּ, פריינד, האט איהם דער דאקטאר געוואָלט בערוהיגען. דיין קראנקהייט איז גאר ניט אזוי געפעהרליך, דוא וועסט נאך געזונד ווערן. טרינק נור טהעע און עס עפּעס.

דער ארימער סימפסאן אבער האט ווייטער געקרעכצט. זיין קראנקהייט איז געוואָרען געפעהרליכער מיט יעדע מינוט. ער האט געהאלטען אין איין בעטען, אז מען זאל איהם לאזען רוהיג שטארבען. דיא נאכט איז פאראיבער זעהר טרויעריג. אלע זיינען געווען שטארק מיעד און זיינען געשלאָפען, וויא דיא געהרגעטע. אין דער פריה האט מען ווייטער געמוזט געהן. מען האט ארויפגעלעגט דעם קראנקען אויפ'ן שליטען און מען האט זיך ווייטער געשלעפּט לאנגזאם, טריט ביי טריט און שטיל. קיינער האט קיין וואָרט ניט גערעדט, יעדער איז געווען בעשעפטיגט מיט זיינע געדאנקען.

פּלוצלונג האבען זיי זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן, אז דיוק, דעם קאפּיטאן'ס הונד, איז ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען. עס זיינען פערגאנגען א פּאר שטונדען און ער איז אלץ ניט געקומען צוריק. קאפּיטאן האטטעראס האט אנגעהויבען צו ווערן אונרוהיג, ווען זיי האבען דערהערט זיין בילען. זיי זיינען נאכגעגאנגען נאכ'ן קול און האבען דערזעהן, אז דיוק שטעהט לעבען א בערגעל, שארט מיט דיא לאפּעס און בילט.

— דאס איז געוויס א „קציתן", האט דער דאקטאר געזאגט.

„קאירן" הייסט א גרוב אין שנעע, וואו דיא עסקימאָסען בעהאַלטען זייער פראָוויאַנט: געטריקענטע פיש, פלייש און פיש טראָהן. אום זיי זאלען טרעפען צום „קאירן", ווען ער וועט פערשנייט ווערן, מאכען זיי געוועהנליך א צייכען; זיי לעגען ארום דעם „קאירן" מיט שטיינער, אדער מיט דיא דערנער פון דיא רענטהיערע; ווען זיי האבען האָלץ, שטעלען זיי אויף א שטיק האָלץ אלס צייכען. דער דאקטאר האט געהאט פאָלקאמען רעכט, ווען ער האט געזאגט, אז דיזק האט געוויס געפונען אזא „קאירן" און ניט א צייכען, אז מען זאָל איהם אויפגראבען.

— וואס האבען מיר דערפון, ווען עס איז א „קאירן"? האט דער קאפיטאן געפרעגט.

— וואס רעדסט דוא, האטטעראס? האט זיך שוין דער דאקטאר געבייזערט. ווען עס איז א „קאירן", מוזען מיר א'הם אויפגראבען, טאָמער ליענען דאָרט וויכטיגע דאָקומענטען, אדער פרישער פראָוויאַנט, וועלכער קען אונז יעצט זעהר ניצליך זיין. טאמער געפינען מיר דאָרט פישטראָהן וועלען מיר קענען מאכען א פייער און אפקאָכען טהעע. אלענפאלס מוזען מיר איהם אויפגראבען און זעהן, וואס דאָרט געפינט זיך.

— איך זעה ניט ארויס, אז עס זאָל ווערטה זיין דיא מיה איהם אויפצוגראבען. קיין אייראָפּעער איז נאך אין דיעזער געגענד ניט געוועזן. אלזאָ, קיינע דאָקומענטען וועסט דוא דא ניט געפינען ווען אבער אן ארעמער עסקימאָס האט דא פערגראבען פערפוילטע פיש, וועט דאך זיין אומזיסט אונזערע ארבייט עס אויפצוגראבען. מיר האבען דאך דערוויל פראָוויאַנט. — ווייטער, טהו וויא דוא ווילסט, דאקטאר.

דער דאקטאר האט זיך ניט געלאזט אָפּהאַלטען. ער איז צוגעגאנגען צום שליטען, האט ארויסגענומען א האק און האט אנגעהויבען אויפצוגראבען דעם „קאירן". קיים האט ער אוועקגעשארט דעם שנעע פון אויבען, האט ער דערזעהן א הילצערנע שאכטעל. מיט ציטערענדע הענד האט ער געחאפּט דאס שאכטעל און האט עס געעפענט — דארין איז געלעגען א פאפּיער אויף וועלכען עס איז געוועזן אנגעשריעבען מיט א בליישטיפט:

—אלטאם—פארפאיז—13 דעצעמבער—1860. נירקארנוו . . .

וויא עס ווייזט אוים האט מען געשריעבען דאס פאפּיער מיט א ציטערענדער האנד. פון דער נעץ זיינען אייניגע בוכשטאבען אָפּגעמעקט געוואָרען און מען האט זיי ניט געקענט לעזען.

— דיא פארפאיז איז א נאמען פון א שיף! האט אויסגערופען דער דאקטאר.

— וואס פאר א שיף? האט געזאגט דער קאפּיטאן. וויא קומט אהער א שיף? אין דיעזע געגענד איז נאך קיין אייראָפּעאישע שיף ניט געוועזן.

— האטטעראס! האט זיך דער דאקטאר געבייזערט. דוא זעהסט דאך אליין, אז מיט אנדערהאלב מאנאטע צוריק זיינען דא געוועזן מענשען. זעהסט דאך דייטליך, וויא עס שטעהט אנגעשריעבען דעם 13טען דעצעמבער און מיר האבען היינט דעם 26טען יאנואר 1861.

— דאס איז דאכט זיך, גאנץ דייטליך, האט בעלל געזאגט.

(Ice Sea, 8.)

— אלזא, וואס זאלען מיר יעצט טהאן? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— ווייטער געהן! האט האטטעראס געענטפערט שארף. איך ווייס ניט פון קיין „פארפאיז״, איך ווייס, אז דיא „פאָרוואַרד״ וואַרט אויף אונז.

עס האט גאר ניט געהאָלפען, מען האט געמוזט ווייטער געהן. קאפיטאן האטטעראס האט אלץ געמורמעלט פאר זיך:

— ווער זאל זיין דיא „פארפאיז״? וויא קומט זיא אזוי נאָהענט צום נאָרד־פאָל? וואס זאל הייסען דאס וואָרט אלטאם —?

דער דאקטאר און בעלל האבען אויך געטראכט פון דער שיף „פארפאיז״.

— מיר מוזען זיי אויפזוכען, האבען זיי געטראכט. זיי זיינען געווים אין אזא טרויעריגע לאגע וויא מיר. ענטוועדער מיר וועלען זיי רעטען, אדער זיי וועלען אונז רעטען. ווען זיי האבען פערשאררט אין שנעע אזא דאָקומענט, געפינען זיי זיך געווים אין א נויט און האבען עס געטהאן, אז טאָמער וועט עס איינער געפינען, זאל ער זיי קומען צו הילף.

זיי האבען אבער ניט געקענט לאנג טראכטען, וואס צו טהאן פון יענעמס וועגען; זיי האבען געהאט פאר זיך גענוג צו טהאן. דער וועג איז געוועזען זעהר שווער. דיא הינט זיינען געוועזען אזוי מיעד, אז זיי האבען זיך קוים געשלעפט. סימפסאן איז מיט יעדער מינוט געוואָרען ערגער. דער דאקטאר האט גוט געזעהן, אז ער שטארבט. ער האט איהם אבער גאר ניט געקענט העלפען. ער אליין האָט זיך קוים געשלעפט און האט נאך געמוזט שלעפען דעם שליטען אויך.

געגען אבענד האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער שנעע שטורם. זיי האבען געמוזט בלייבען שטעהן. מיט גרויסער מיה איז עס זיי געלונגען צו מאבען זיך א שטיבעל פון שנעע, וואו זיי זאלען זיך קענען שיצען פון'ם ווינד, וועלכער איז געוועזען אזוי קאלט, אז ער האט דורכגעדרונגען דורך זייערע פעלצען. נור א געדיכטער פאך שנעע האט געקענט שיצען פאר איהם. זייער גליק איז געווען, וואס זייער לאגער איז געוועזען לעבען א בארג און זיי האבען געדארפט מאכען נור דרייא ווענד פאר זייער שנעע קרעטשמע. באלד האט זיי דער שטורם אין גאנצען פערשאָטען מיט שנעע און עס איז זיי געוועזען וואַרם. דער דאקטאר האט זיך דערמאנט, אז ער האט בעהאלטען ערגעץ אין שליטען א פלאַש קאָניאַק און איז געגאנגען זיא זוכען. ער האט זיא אויך באלד געפונען. זיא איז גליקליכער ווייזע געבליעבען גאנץ. ער איז אריינגעקראָכען אין דער קרעטשמע מיט א שמחה:

— מיר האבען קאָניאַק, מיר האבען מיט וואס צו מאכען וואסער!

זייט זיי זיינען געגאנגען אויפ'ן פעסטען לאנד, האבען זיי זעהר געליטען פון דורשט. עס האט זיך זיי אויסגעלאָזט דאס וואסער. ווען זיי האבען געהאט ספיריטוס, האבען זיי געקענט אנלעגען א קעסעלע מיט שנעע און עס דערוואָרעמען, אבער זייט דער ספיריטוס האט זיך זיי אויסגעלאָזט, האבען זיי קיין וואסער ניט געהאט. זיי האבען געמוזט אָנשטאָפען זייערע גארטלען מיט שנעע און זיי אָנטהאן אויפ'ן נאקעטען לייב, ביז דער שנעע איז זיך צוגאנגען.

אין אונזערע געגענדען קען א מענש שטילען דעם דורשט מיט שנעע. אין יענע

גענענדען אבער איז עס אונמעגליך. דער שנעע איז אזוי קאלט, אז מען בריהט זיך אָפּ דאס מויל מיט דיא ליפּען, ווען מען ריהרט זיך צו צו איהם, גלייך וויא ער וואָלט געווען א היים געגליהטער אייזען. דער עסקימאָס וועט ליידען עטליכע טעג דורשט און וועט נים שטילען זיין דורשט מיט שנעע. וואסער דאגעגען איז פיעל ווארעמער און לייכט צו טרינקען. אום צו בעקומען וואסער, מוז מען אויסבויערן דאס אייז אויף איינינע עלען דיא טיעף און דאס וואסער אונטען איז אזוי פיעל ווארם, אז מען קען עס טרינקען אהן געפאהר. ווען דיא עסקימאָסען ווילען, אז א שטארק פערפראָרען פלייש זאל ווערן אביסעל ווייכער, לעגען זיי עס אריין אין וואסער אונטערן אייז אויף א פּאר שטונדען אין עס געהט אָפּ, עס ווערט ווייך. מיר קענען זיך פאָרשטעלען, וויא גרויס עס איז געוועזן דעם דאקטארס פרייד, ווען ער האט געפונען דיא פלאַש קאָניאַק.

ער האט באלד אנגעלענט א קעסעלע מיט שנעע און האט איהם געשטעלט קאָכען. ווען דאס וואסער איז ווארם געוואָרן, האט ער אנגעגאָסען א שאָל מיט טהעע און האט געוואָלט דערלאנגען דעם קראנקען סימפּסאן, אבער סימפּסאן איז געווען טויט. דער דאקטאר איז געווען צופיעל בעשעפטיגט מיט׳ן מאכען דאס שטיבעלע פון שנעע און דאן מיט׳ן קאָכען טהעע און האט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיין קראנקען.

דאס איז געווען דער ערשטער טאָדעס פאל צווישען דיא מאטראזען פון׳ם „פאָר־ווארד“. עס האט געמאכט אויף אלעמען א טיעפען איינדרוק. זיי האבען פערגעסען אן עסען, אן דעם טהעע און אן דער פלאַש קאָניאַק. שטיל און טרויעריג זיינען געזעסען אלע אין זייער פינסטערער שנעע קרעטשמע א גאנצע נאכט. קיינער פון זיי איז ניט געשלאָפען, קיינער האט קיין אויג ניט צוגעמאכט, אָבוואָהל זיי זיינען געווען שרעקליך מיעד.

אין דער פריה זיינען זיי ארויסגעקראָכען פון זייער שנעע גראב. דער שטורם האט נאכגעלאזען. מען מוז ווייטער געהן. דעם טויטען האבען זיי איבערגעלאָזען אין קאלטען שנעע־גראב.

טרויעריג האבען זיי זיך ווייטער געשלעפּט. פּלוצלונג האבען זיי דערזעהן א ביקס שטעקט ארויס פון שנעע. דער דאקטאר האט זיא ארויסגעשלעפּט און בעטראכט. זיא איז געווען געלאדען און ניט פערראָסטעט. ער האט זיא בעטראכט און געפונען אז עס איז אן אמעריקאנישע ארבייט.

— דיעזע ביקס האט אוועקגעוואָרפען איינער פון דער „פּארפּאיז“ האט בעלל געזאגט. דאס איז א בעווייז, אז זיי זיינען ערגעץ ניט ווייט פון דאנען.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען איינינע שטונדען און האבען געפונען א פּעסעלע מיט ברענדי אדער מיט וויסקי פון זעהר ניעדעריגע גראדען, ווייל דער אינהאַלט איז געווען פערפראָרען. זיי האבען עס אויפגעבראָכען און געפונען אז דאס וואסער פון דער ברענדי איז ארומגעפראָרען ארום פעסעל און אין דערמיט איז געווען ריינער ספּיריטוס, וועלכער ווערט קיין מאל ניט פערפראָרען. אויפ׳ן פּעסעלע איז געווען אויסגעברענט א P.

— דא איז עפּעס א נ״ויס אונגליק געשעהן מיט דער שיף „פּארפּאיז“, האט דער דאקטאר געזאגט. מיר זיינען צופעליגער ווייזע געקומען אויף זייער שפּור, וואס וועט אבער זיין, ווען מיר וועלען זיי געפינען? מיר אליין האבען קיין פּראָוויאנט ניט.

מיר אליין האבען זעהר וועניג קליידער. וואס וועלען מיר קענען טהאן פאר זיי? מיט וואס וועלען מיר זיי קענען העלפען?

— לאָמיר זיך אומקעהרען! האט פלוצלונג געזאגט דער קאפּיטאן.

עס איז געווען דייטליך, אז קאפּיטאן האטטעראס וויל זיך ניט בעגעגענען מיט דיא מענשען פון דער „פּארפּאיז". האט ער דען ניט רעכט געהאט? וואס וועט ער טהאן מיט זיי? מיט וואס קען ער זיי העלפען? דיא לאגע פון זיינע מענשען אויף זיין שיף איז געווען א פערצווייפעלטע, זיי האבען ניט געהאט קיין קוילען און האבען געמוזט האקען דיא ווענד פון דער שיף אום זיך צו דערוואַרעמען. וואס וועט ער טהאן, אז עס וועלען קומען נאך מענשען און מען וועט מוזען שטעלען נאך אן אויווען? דער דאקטאר האט צוואר אנדערש גערעכענט, — וויא קען מען אזוי איבערלאָזען מענשען אין דער נויט? האט ער געטראכט. וויא גליקליך וואָלטען מיר געווען, ווען איינער זאל קומען צו אונזער הילף אין אונזער טרויעריגער לאגע? ער האט אבער גאר ניט געקענט מאכען.

— איהר האט רעכט, קאפּיטאן, האט ער געזאגט. לאָמיר צוריק געהן צו אונזער שיף. מיר האבען זיך שוין גענוג אנגעלימען און אונזערע ליידען זיינען געווען אומזיסט. קיין קוילען האבען מיר ניט געפונען. מיר האבען דערצו נאך פערלאָרען איינעם פון אונזערע בעסטע מאטראזען. —

— אלזא, לאָמיר זיך צוויי טאג אויסרוהען און דאן צוריק געהן, האט האטטעראס געזאגט ענטשלאָסען. דער שליטען איז אין איינינע ערטער צובראָכען. דיא הינט זיינען זעהר מיעד. מיר האבען יעצט ספּיריטוס צום קאָכען. לאָמיר זיך אויסרוהען, עסען עפּעס וואַרעמעס, געבען דיא הינט גענוג צו עסען און דאן — צוריק צו דער „פאָרוואַרד".

זיי האבען זיך באלד גענומען צו דער ארבייט, האבען אויסגעבויט א גרויסע שטוב פון שנעע, האבען אנגעגאָסען דעם קעראסין אויווען מיט ספּיריטוס און האבען אָפּגעקאָכט טהעע און א וואַרעמען מיטאג. זיי האבען געגעבען דיא הינט גענוג צו עסען, האבען זיך אליין גוט אנגעגעסען און האבען זיך געלעגט שלאָפען. זיי זיינען אָפּגעשלאָפען דעם גאנצען טאג און דיא גאנצע נאכט, אזוי מיעד זיינען זיי געווען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האבען זיי זיך גענומען צו דער ארבייט. זיי האבען אויסגעבעסערט דעם שליטען, האבען צורעכט געמאכט זייערע קליידער און זייערע שיך, וועלכע האבען זיך אויפ'ן וועג שטארק צוריסען, האבען איבערגעקוקט און איבער־גערעכענט, וויא פיעל פּראָוויאנט זיי האבען נאך; זיי האבען ארויסגענומען דיא אסטראָ־נאָמישע אינסטרומענטען און האבען אויסגערעכענט, וואו זיי געפינען זיך און וויא אזוי זיי זאלען צוריק געהן.

דער דאקטאר האט דערביי בעמערקט, אז דיוק לויפט אלע מאל אוועק צו א בארג מיט שנעע ניט ווייט פון זייער לאגער, שאררט מיט דיא לאַפּעס און בילט. ווען ער האט געענדיגט זיין ארבייט, האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען און איז צוגע־גאנגען זעהן, וואס דאָרט טהוט זיך.

— וואס איז דאָרט מיט'ן הונד? האט ער געזאגט צו בעלל. עפּעס שאררט ער דאָרט און קראצט דעם שנעע. קום, לאָמיר געהן זעהן, וואס דאָרט איז.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום בערגעל מיט שנעע. בעלל האט גענומען זיין שטעקען

און האט אנגעהויבען צו שארען דאָרט, וואו דיוק האט געקראַצט מיט דיא לאַפּעס. ער האט ניט לאַנג געשארט, ווען ער האט אנגעטראָפען עפּעס א הארטע זאך, ער האט עס ארויסגעשלעפּט פון שנעע, — עס איז געווען א זאק מיט ביסקוויט.

— האָ, האָ! האט אויסגערופען דער דאקטאר, וואס איז דאס? וואקסען דא ביסקוויט אין שנעע? זאלען מיר האבען געטראָפען דא א מאגאזין פון פּראָוויאנט, וועלכען דיא ענגלישע רעגיערונג האט אנגעגרייט?

ער האט גערופען דעם קאפּיטאן און האט איהם געוויעזען דעם זאק מיט ביסקוויט.

— גראָב ווייטער! האט געזאגט האטטעראס.

בעלל האט ווייטער געגראבען און האט געפונען נאך שאכטלען מיט קעסטלעך. אין איינינע איז נאך געווען געטריקענטע פיש און געזאַלצען פלייש.

— דאס איז געוויס א מאגאזין פון פּראָוויאנט, האט דער קאפּיטאן געזאגט. פון וועלכען דיא בערן האבען דערשמעקט און איהם אויסגערויבט. זעה עס איז נימא איין זאך א גאנצע, אלעס איז צובראָכען און צערשטערט.

— איך מיין אויך אזוי, האט דער דאקטאר געזאגט, וויל....

— א פוס! האט אויסגעשריען בעלל אין דיעזע מינוט. א פוס פון א מענשען!

— אלזא, איז עס קיין מאגאזין פון פּראָוויאנט, זאָנדערן א גראב, וואו א גאנצע עקספּעדיציאָן ליעגט בעגראבען, האט געזאגט דער קאפּיטאן.

בעלל און דער דאקטאר האבען ווייטער צושארט דעם שנעע און האבען ארויס געשלעפּט דעם קערפּער פון א יונגען מאן פון׳א יאהר דרייסיג. זיין קערפּער איז געווען נאך גאנץ פריש, אז דער דאקטאר האט אויף קיין פאל ניט געקענט זאגען, ווען דער מאן איז געשטאָרבען. ער איז געווען אנגעטהאן אין פעל פון בערן און רענטהיר. וויא עס טראגען געוועהנליך רייזענדע אויפ׳ן אייז־מעער. באלד האט מען אויסגעגראבען נאך א קערפּער פון א מאן פון א יאהר פונפציג. אויף זיין געזיכט האט מען געזעהן דייטליך שפּורען פון ליידען. זיין מויל איז געווען געשלאָסען און דיא ליפּען פערדרעהט און פערקאָרטשעט. דער טויט האט ארויפגעלעגט אויף דיעזעס געזיכט זיין שרעקליכען, טרויעריגען סטעמפּעל.

— דיעזע לייכען האט מען ניט בעגראבען, האט דער דאקטאר געזאגט, זאָנדערן זיי זיינען דא פערשאָטען געוואָרען. מעגליך, אז דער שטורם, וועלכער האט אונז שיער ניט פערשאָטען מיט א פּאר טאג צוריק, איז דא געווען פיעל שטארקער און האט פערשאָטען און בעגראבען אונטערן שנעע א גאנצע עקספּעדיציאָ. זייער שנעע שטיבעלע איז איינגעפאלען איבער זיי און האט זיי פערשאָטען. זיי זיינען געווען צו שוואך אום זיך צו בעפרייען פון׳ם שנעע.

— גראב ווייטער! האט געזאגט האטטעראס.

— טאָמער לעבט נאך איינער פון זיי, האט דער דאקטאר געזאגט.

בעלל האט ווייטער צושארט דעם שנעע און האט געפונען נאך א קערפּער. דאס איז געווען א מאן פון א יאהר פערציג. זיין געזיכט איז געווען אזוי רוהיג און אזוי פריש, גלייך וויא ער וואָלט געשלאָפען. דער דאקטאר האט זיך איינגעבויגען צו איהם, האט אויפגעריסען זיינע קליידער און האט צוגעלעגט זיין אויער צו זיין הארץ.

— דער איז ניט טויט! האט אויסגעשריען דער דאקטאר. לאמיר איהם אריינ־טראגען אין אונזער געצעלט. שנעל!

בעלל און דער דאקטאר האבען איהם אריינגעשלעפט אין זייער שנעע שטוב. דער דאקטאר האט בעטראכט דעם טויטען גענויער און האט איהם אנגעהויבען צו רייבען דאס הערץ און דאס געזיכט מיט ספיריטוס.

— איך וועל איהם רעטען! האט ער אייסגעשריען. איך בין איבערצייגט, אז דער מענש לעבט נאך.

ער האט איהם אויפגעריסען דאס מויל און האט איהם אריינגעגאסען אייניגע טראָפּען קאָניאק אין מויל אריין. דאס מויל האט זיך צוגעמאכט, דער קאָניאק האט געווירקט. דיא ברוסט פונ'ם קראנקען האט זיך אנגעהויבען גאנץ לייכט צו בעוועגען.

אונטערדעסען האט בעלל און האטטעראס ווייטער געגראָבען דעם שנעע. זיי האבען געפונען נאך א קערפּער, וועלכער איז געוועזען געוויס טויט. ער איז געוועזען שטארק נעשוואָלען און זיין געזיכט איז געוועזען בלוי, א צייכען אז ער איז געשטאָרבען פון סקאָרבוט. לעבען איהם האבען זיי געפונען א צוריסענעם קאָנווערט, אויף וועלכען מען האט גע־קענט לעזען:

—טאמאנט

—אָרפאיז

—יו יאָרק.

קאפיטאן האטטעראס האט בעטראכט דעם קאָנווערט און האט איהם אוועק־געוואָרפען. בעלל אבער האט איהם אויפגעהויבען און איז געלאָפען ווייזען איהם דעם דאקטאר. דער דאקטאר האט איבערגעלאָזען זיין קראנקען, איז ארויסגעלאָפען אין דרויסען און האט בעטראכט דעם קאָנווערט.

— יעצט פערשטעה איך! האט ער אויסגערופען. דאס הייסט: אלטאמאנט, פאָרפאיז פון ניו־יאָרק.

— אן אמעריקאנער? האט געזאגט האטטעראס פערוואונדערט. עס האט איהם פערדראָסען, וואס אן אמעריקאנער איז געקומען אין דיעזע ווייטע געגענדען פריהער פאר איהם.

האטטעראס איז געוועזען א שטאָלצער ענגלענדער. ער האט עס ניט געקענט צו לאָזען, אז אן אמעריקאנער זאָל צו גלייכער צייט מיט איהם קומען אזוי ווייט אויפ'ן אייז־מעער. ווייטער האבען זיי געפונען פערשיעדענע ארטיקעל, אבער קיינע טויטע מעהר. זיי האבען אויפגעהערט צו גראבען און זיינען צוריקגעגאנגען צו זייער שנעע שטוב. דער דאקטאר איז געוועזען ענטציקט פון זיין קראנקען. מיט יעדע מינוט האט זיך געוויעזען אין איהם מעהר לעבען. זיין געזיכט האט אנגענומען דיא פארב פון א לעבעדיגען מענשען, דאס הערץ האט אנגעהויבען דייטליך צו שלאָגען. מען האט געקענט הערען, וויא ער אטהעמט. לײדער, איז ער נאך געוועזען אזוי שוואך, אז ער האט נאך ניט געקענט הערען, ניט זעהן, ניט רעדען. דער דאקטאר איז אבער געוועזען גליקליך, וואס ער האט געלעבט.

— זא לאנג עס שלאגט נאך אן אדער, האט ער געזאגט, האבען מיר נאך האָפנונג, אז אונזער קראנקער וועט לעבען. מיר, דאקטוירים, טהוען אלעס, וואס מיר

קענען. דער גרויסער העלפער אבער איז דיא נאטור אליין. זיא העלפט, זיא היילט, זיא מאכט געזונד.

אזוי איז פערגאנגען דער טאג. מען האט זיך געמוהט לענען אפּרוהען אום מאָרגען צו געהן צוריק צו דער שיף. מען מוז זאמלען קרעפטע אויף דיא לאַנגע רייזע אהיים.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט דער דאקטאר געפונען אז זיין קראנקען איז פיעל בעסער. ער האט נאך אבער אלץ ניט געקענט רעדען און דערצעהלען, וויא ער קומט אהער.

— מיר טאָרען קיין צייט ניט פערליערען, האט געזאגט האטטעראס. מיר מוזען צוריקגעהן.

— געוויס, האט דער דאקטאר מיטגעשטימט, אבער צו ערשט מוזען מיר בעגראבען דיא טויטע.

האטטעראס, בעלל און דער דאקטאר האבען צונויפגעלגט דרייא טויטע איינעם לעבען דעם אנדערן און האבען אויף זיי ארויפגעשארט א גרויסען בארג שנעע. ווען דיא בעערדיגונג (בעשנעאונג וואָלט ריכטיגער געווען) האט זיך געענדיגט, האט מען איינגעשפּאנט דעם שליטען, ארויפגעלעגט אויף איהם דעם קראנקען, איהם גוט איינגעדעקט מיט פעל און מען איז געפאהרען צוריק צום „פאָרווארד“.

דיא רייזע צוריק איז געווען לייכטער און שנעלער, וויא דיא רייזע אהין. עס איז געווען פעברואר, דער קאלטסטער מאנאט אין יענע געגענדען. דאס אייז איז געווען הארט און גלאט. דיא הינט האבען זיך אויסגערוהט. דער קאפּיטאן האט געהייסען צו שפּאנען זיין דיוק אויך. דערצו נאך האט זיך דעם ערשטען פעברואר געוויעזען דיא זון, וועלכע זיי האבען נים געזעהן זייט דעם 25טען אקטאבער.

דיא איינוואָינער פון געגענדען, וואו דיא זון שיינט א גאנץ יאהר, האבען קיין בעגריף ניט, מיט וואס פאר א פרייד דיא איינוואָינער פון נאָרדען בעגריסען דיא זון דעם ערשטען מאל ווען זיא ווייזט זיך וויעדער. עס איז ניט קיין קלייניגקייט אויסצוהאלטען א נאכט פון גאנצע דרייא מאנאטע! דער עסקימאָס פאלט אויף דיא קניע, הויבט אויף דיא הענד צום הימעל און בעט צו דער ליעבער, פריינדליכער זון. דיא זון ברענגט צוריק ליכט, לעבען און פרייד. אונזערע רייזענדע האבען זיך דערקוויקט, ווען זיי האבען צום ערשטען מאל וויעדער דערזעהן דיא זון. צוואר האט זיא זיך דעם ערשטען טאג געוויעזען נור אויף א פאר מינוטען, מיט יעדען טאג אבער איז זיא לענגער געבליעבען אויפ׳ן הימעל און האט בעלויכטעט דיא שרעקליכע וויסטע פון אייז און שנעע.

וואס ווייטער איז דיא רייזע דענאך געגאנגען שווערער. בעלל און דער דאקטאר האבען אנגעהויבען צו פיהלען שלעכט, זיי זיינען געווען מיעד און אָפּגעמאטערט פון דער לאנגער און שווערער רייזע. האטטעראס האט זיי ניט געלאָזט זיך אויסרוהען, ער האט זיך געריסען אהיים, צו זיין שיף.

דעם 24טען פעברואר אין דער פריה, ווען זיי זיינען אפּגעגאנגען קוים הונדערט שריט פון זייער נאכט־לאגער, זיינען זיי פּלוצלונג געבליעבען שטעהן; פון דער ווייטען האט מען געזעהן א שטארקען רויך.

— מיין שיף ברענט! האט אויסגעשריען דער קאפיטאן מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע. לאמיר לויפען! לאמיר רעטען מיין שיף!

זיי האבען אנגעשטרענגט זייערע לעצטע קרעפטע און זיינען געלאפען צו דעם ארט פון וואנען דער רויך האט זיך געוויזען. ווען זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער, האט זיך זיי פארגעשטעלט א שרעקליכעס בילד: דיא „פארווארד“ איז געווען איינגעוויקעלט אין פלאמען. צווישען דיא אייז־בערג איז געשטאנען א זייל פייער. איין איינציגער מאן איז געשטאנען ניט ווייט מיט׳ן קאפ אראפגעלאזען, א בילד פון פערצווייפלונג און טרויער. האטטעראס איז צוגעלאפען צו איהם.

— מיין שיף! מיין „פארווארד“! האט ער געשריען.

דער מאן האט זיך אומגעקוקט.

— אך! איהר זייט עס, קאפיטאן? האט ער אויסגערופען.

— דשאנסאן! דוא ביסט עס? האבען אויסגעשריען אלע דרייא. וואס איז דא געשעהן? וויא קומט עס, וואס מען האט אונטערגעצונדען דאס שיף?

— סטאפ! געהט ניט ווייטער! האט געשריען דשאנסאן.

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט א שרעקליכען טראך. דאס פייער איז צוגעקומען צום פולווער מאגאזין און דאס פולווער האט זיך אנגעצונדען. אין א סעקונדע זיינען געפלויגען פון אלע זייטען שטיקער האלץ; שטיקער אייזען, און שטיקער אייז. דער רעסט פון׳ם שיף איז צוריסען געווארען אויף פיצלעך. אייניגע מינוטען זיינען געשטאנען אלע, וויא פערשטיינערט. קיינער האט ניט געוואגט ארויסצורעדין א ווארט. דער דאקטאר איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך.

— וואו זיינען דיא מאטראזען? האט ער געפרעגט.

— זיי זיינען אנטלאפען, האט דשאנסאן געענטפערט. דיא שורקען האבען געמאכט שאנדאן פאר קאפיטאן, האבען צוגענומען פון דער שיף אלעס, וואס זיי האבען געקענט און האבען אונטערגעצונדען דאס שיף.

— אנטלאפען! האט אויסגערופען דער דאקטאר. זיי זיינען אנטלאפען און האבען איבערגעלאזען זייער קאפיטאן אהן א שיף און אהן פראוויאנט! דיא הינט! דיא שורקען! דיא טויגעניכטסען!

דער דאקטאר איז געווען שטארק בייז. ער וואלט געווען אויסגערעכענט אלע שימפפווערטער, וואס געפינען זיך אין ענגלישען ווערטער־בוך, ווען קאפיטאן האטטעראס זאל איהם ניט געווען אונטערברעכען.

— פריינדע! האט ער געזאגט מיט זיין פעסטער, ענטשלאסענער שטימע. פריינדע! דיא פייגלינגע זיינען אנטלאפען, לאזט זיי לויפען. גאט העלפט דיא טאפפערען און מוטהיגען! דשאנסאן און בעלל. איהר האט מוטה און קוראזש. דאקטאר, איהר האט דיא וויסענשאפט. איך האב צוטרויע און גלויבען, אז מיר וועלען דערגרייכען אונזער ציעל. דארט, ניט ווייט, איז דער נארד־פאל! לאמיר געהן צום נארד־פאל!

דעם קאפיטאן׳ס ווערטער האבען בעגייסטערט דאס קליינע הייפעלע מענשען און האבען זיי בעלעבט. זיי האבען אין דיעזע מינוט פערגעסען, אז זיי געפינען זיך אין איידוויסטע, צוויא טויזענד פינף הונדערט מייל ווייט פון יעדע מענשליכע וואוינונג. זיי

האבען פערגעסען, אז זיי זיינען נור פינף מענשען און איינער פון זיי האלט ביים שטאר־בען, אין יענע שרעקליכע געגענדען אהן פראוויאנט, אהן א שיף, אהן פייער און אהן קליידער. פאר זיי האט זיך געדרייכערט דיא איבעררעסט פון דער „פארווארד“. דער דאקטאר האט געזעהן, וויא אלע זיינע ביכער, זיינע אינסטרומענטען, זיינע קארטען, זיינע מעדיקאמענטען און אלעס וואס איז פאר איהם געווען אזוי טהייער איז פערניכטעט, צערשטערט און פערברענט.

— האָסט רעכט האטטעראס! האט ער ענדליך אויסגערופען. יעצט איז דיא צייט צו ווייזען, אז מיר זיינען מענער! יעצט דארפען מיר ווייזען, אז מיר האבען מוטה גענוג זיך אויסצודרעהן פון אונזער שרעקליכער לאגע.

איינינע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. פלוצלונג האט דשאנסאן געפרעגט:

— וואו איז אייער שליטען מיט דיא זאכען?

— מיר האבען איהם געלאָזען דא ניט ווייט. מיר האבען דערזעהן דאס פייער, האבען מיר אוועקגעוואָרפען דעם שליטען און זיינען געקומען צולויפען אהער.

— האט איהר איבערגעלאָזען דעם שליטען אויף סימפסאן?

— דער שליטען איז אליין, האט דער דאקטאר געענטפערט. סימפסאן איז גע־שטאָרבען אויפ'ן וועג.

— ארימער סימפסאן! האט געזאגט דשאנסאן. דוא האָסט ניט געקענט איבערטראגען אזוי פיעל ליידען! — אבער ווער ווייס? מעגליך, אז ער איז ווערטה, מען זאל איהם בענייידען?

— פון'ם טראכטען און בעדויערן וועט גאר ניט ווערן, האט דער דאקטאר געזאגט. דערווייל זיינען מיר מיעד און מוזען זיך אויסרוהען. מיר האבען נאך א טויט קראנקען מאן אויפ'ן שליטען, ועלכען מיר מוזען באלד אריינגעהמען איין א ווארם אָרט. — מאכט א שטוב פון שנעע!

— ווער איז דער קראנקער? האט דשאנסאן געפרעגט.

דער דאקטאר האט איהם דערצעהלט אין קורצע ווערטער, וויא אזוי זיי האבען געפונען דעם אמעריקאנער אלטאמאן.

— וויא קומט ער אהער? וואס האט ער געהאט צו טהאן אין דיעזע שרעקליכע געגענד? האט דשאנסאן גערעדט. וויא צו זיך אליין.

ער און בעלל האבען זיך גענומען מאכען א שטוב פון שנעע, דער דאקטאר און האטטעראס זיינען געגאנגען ברענגען דעם שליטען מיט'ן קראנקען אלטאמאן.

18טעם קאפיטעל.

דיא ערשטע ווערטער אלטאמאן'ס.

וויא מיעד בעלל איז געווען. האט ער זיך דאך גענומען פלייסיג צו דער ארבייט און, איידער דער דאקטאר מיט'ן קאפיטאן זיינען צוריקגעקומען מיט'ן שליטען, איז דיא שטוב פערטיג געוואָרען. דאס ערשטע איז געווען אראָפּצונעהמען דעם קראנקען פון שליטען און איהם אריינטראגען איין שטוב אריין. דאן האט מען געמוזט עפעס עסען. אלע זיינען געווען זעהר הונגעריג. דער דאקטאר האט באלד געמאכט ווארעמע טיי

און האט אריינגעגאָסען דעם קראנקען א פאר לעפעליך אין מויל אריין. יעצט איז זיי צוגיץ געקומען דער זאק ביסקוויט, וועלכען זיי האבען געפונען אין שנעע צוזאמען מיט דיא טויטע קערפער.

קוים האבען זיי עפּעס אָפּגעגעסען, איז דער דאקטאר ארויסגעגאנגען זוכען אויף דעם אָרט, וואו דיא „פּאָרוואַרד" איז געשטאנען, מאמער וועט ער געפינען עפּעס, וואס קען זיי נוצען. ער האט גאנץ ריכטיג בערעכענט, אז שאנדראן און דיא מאטראזען, וועלכע זיינען אנטלאפען, האבען געוויס צו וואַרפען אויפ׳ן וועג זאכען, וואס איז זיי געוועזען צו שווער צו טראגען. זיין רעכנונג איז געוועזען ריכטיג. ער האט באלד געפונען א קליינעם אויווען, וועלכען שאנדראן האט אנפאנגס גערעכענט מיט צו נעהמען און דער נאך האט ער איהם אוועקגעוואָרפען. פון דער שיף איז נאך געבליעבען איינינע ברעגדע (האָלצוועש־קעס) וועלכע האבען זיך נאך גערייכערט. ער האט אנגעשטאָפּט דעם אויווען מיט דיא האָלצוועשקעס און האט איהם אריינגעשטעלט אין דער מיט שטוב.

— קום, דשאנסאן, לאמיר געהן ווייטער זוכען, מעגליך, מיר וועלען נאך עפּעס געפינען, וואס קען אונז ניצען. יעצט וועלען מיר נאך אלעס געפינען, שפּעטער קען אנ־פאלען שנעע און אלעס פערדעקען.

זיי זיינען געגאנגען אויף דעם אָרט, וואו דיא שיף איז געשטאנען און האבען געזוכט. זיי האבען אויך געפונען א פאר זעק ביסקוויט׳ס, א קעסטעל „פּעמיקאַם" דאס איז אָקסען פלייש, וועלכעס איז אזוי שטארק געטריקענט, אז עס ווערט צוריעבען, וויא מעהל. ווען מען פּאַהרט אין דיא גאנץ הייסע לענדער, וואו קיין פלייש קען זיך ניט האַלטען, אדער אין דיא גאנץ קאַלטע געגענדען, וואו דאס פלייש ווערט אזוי שטארק פערפראָרען, אז קיין האַק נעהמט עס ניט, נעהמט מען מיט זיך מיט פּעמיקאַם. מיט א ביסעל ווארעמע וואסער ווערט דערפון א גוטע זופּע. — זיי האבען ווייטער געפונען א ביסעל קאַפּע צוישאָטען אויפ׳ן אייז, א קליין פעסעלע ברענדי, וועלכע איינער פון דיא מאטראזען האט בעהאַלטען אונטער א שטיק אייז און דערנאך האט ער עס פערגעסען, און נאך איינינע קלייניגקייטען, וועלכע זיי האבען באלד געבראכט א היים.

דעם אנדערן טאג איז געפאלען אזא געדיכטער שנעע, אז עס איז געוועזען אונ־מעגליך ארויסצוגעהן פון שטוב. אלע זיינען געבליעבען אין דער היים. האטטעראס איז געזעסען אין א ווינקעל פערטראַכט. בעלל און דשאנסאן האבען זיך בעשעפטיגט מיט דער קיך, מאכען עסען; דער דאקטאר איז געזעסען לעבען קראנקען, וועלכען עס איז היינט געוועזען כיעל בעסער. ער האט געעפענט דיא אויגען, האט בעטראַכט פערוואונדערט דיא פרעמדע מענשען ארום זיך; ער איז נאך אבער ניט געוועזען אים שטאנד ארויסצו־רעדען א וואָרט.

נעגען מיטאג האט זיך דער קאפּיטאן פּלוצלונג אויפגעהויבען און האט געזאגט:

— מיר מוזען זעהן עפּעס צו טהאן. אזוי זיצען לעדיג איז דער וואָ־עמער שטוב טויג אויך ניט. דערצעהל אונז דשאנסאן, וויא אזוי איז עס געשעהן, וואס דיא מאט־ראָזען האבען זיך ענטשלאָסען צו אנטלויפען און מיך אוועקצו ווארפען.

— צו וואס דאַרפסט דוא עס וויסען, האטטעראס? האט דער דאקטאר גע־פרעגט. מיר וויסען, אז זיי זיינען אנטלאָפען, דאס איז פאר אונז גאנץ גענוג.

— ניין, דאקטאר, עס איז זעהר ווירכטיג פאר מיר צו וויסען אלעס. עס איז א פראגע, אויב דאס איז פלוצלונג געשעהן, אדער זיי האבען שוין לאנג אפגערעדט, אז זיי זאלען אנטלויפען. ווען עס איז פלוצלונג געשעהן, וועלען זיי נאך צוריק קומען. דערצעהל, דשאנסאן.

— איך האב ניט פיעל צו דערצעהלען, האט דשאנסאן געזאגט. דעם אנדערן טאג נאך אייער אפרייזע האט שאנדאן איבערגענומען דאס קאמאנדא פון׳ם שיף. ער האט דערקלערט, אז ער איז קאפיטאן, אלע האבען בייגעשטימט. איך האב געגען זיי גאר ניט געקענט טהאן. ער האט זיי ערלויבט אלעס צו טהאן. מען האט געהאקט דיא שיף און מען האט געהייצט, וויא פיעל עס האט נור געקענט אריין אין אויוען. יעדער האט גענומען, וואס פאר א פראוויאנט ער האט אליין געוואלט. מען האט ארויסגע־קייקעלט אלע פעסער און פעסלעך ברענדי, קאניאק און וויין און יעדער האט געטרונקען, וויא פיעל ער האט געוואלט. דעם 24טען יאנואר האבען זיי אפגעהאלטען א מיטינג און בעשלאסען צו פערלאזען דיא שיף. זיי האבען גערעכענט מיט צו נעהמען דעם גרויסען באאט, געהן קיין וועסטען, וואו עס קומען אפט דיא וואלפיש פאנגער. מעגליך, אז זיי וועלען געפינען א שיף, וואס וועט זיי אויפנעהמען, ווען ניט, וועלען זיי פראבירען פאהרען אויפ׳ן באאט, ביז זיי וועלען זיך צושלאגען ערגעץ צו א לאנד. אזוי וויא זיי האבען נים געהאט קיין הינט, האבען זיי בעשלאסען צו מאכען א גרויסען שליטען און צו שלעפען איהם אליין. דיא פארבערייטונגען אויף דיא רייזע האבען געדויערט ביז דען 18טען פעברואר. איך האב געהאפט, אז ביז דאמאלס וועט איהר געווים אנקומען. ענדליך, דעם 24טען פעברואר האבען זיך אלע אנגעטרונקען, אז זיי האבען זיך קוים געקענט ריהרען. דער שיכורער פען האט אריינגעווארפען א ברענענדיג שטיק האלץ אין א טריום פון שיף. איך האב דערפון ניט געוואוסט. ווען איך האב בעמערקט, אז דיא שיף ברענט, האב איך ניט געהאט ניט איין טראפען וואסער, מיט וואס עס צו לעשען. זיי זיינען אוועקגעפאהרען און האבען מיך איבערגעלאזען אליין אויף דער ברענענדער שיף. וואס האב איך געקענט טהאן איין מענש אליין? דאס איז אלעס, וואס איך האב אייך צו דערצעהלען.

— איך דאנק דיר, דשאנסאן, האט דער קאפיטאן געזאגט. דוא האסט געטהאן אלעס, וואס דוא האסט געקענט אום מיין שיף צו רעטען. — יעצט מוזען מיר דענקען, וויא אזוי זיך צו רעטען, לאז יעדער זאגען זיין מיינונג, וואס מיר זאלען יעצט טהאן.

— איידער איך וועל זאגען מיין מיינונג, האט דשאנסאן געזאגט, וויל איך אייך עטוואס פרעגען. איהר זייט געבליבען ארויסגעגאנגען מיט אייערע אינסטרומענטען אויס־רעכענען, וואו מיר געפינען זיך יעצט. זאגט מיר, שוויממט דאס אייז־פעלד, אויף וועלכען מיר געפינען זיך, אדער עס שטעהט אויף איין ארט?

— עס שטעהט אויף איין ארט. זייט אנפאנגס פעברואר איז עס צוגעפרארען געווארען צום לאנד נירקארנעוואל.

— אלזא, ווייסען מיר וועניגסטענס, וואו מיר זיינען און וויא ווייט מיר זייזען פון׳ם נארד־פאל.

— אבער וואס זאלען מיר טהאן? מיר קענען דאך דא ניט בלייבען, האט האטטעראס געזאגט.

— מיר מוזען באלד אויפברעכען און געהן ערגעץ, וואו מיר קענען געפינען א שיף און פאהרען אהיים, האט בעלל געזאגט.

— ניין, האט געזאגט דער קאפיטאן, מיר מוזען געהן צום נארד־פאל! לויט מיינע אויסרעכנונגען, זיינען מיר פיעל נעהנטער, צום נארד־פאל אלס צו א מעער, וואו מיר קענען טרעפען א שיף. דיא געגענד ארום נארד־פאל איז נאך אונבעקאנט, קיין מענש איז נאך דארט ניט געוועזן; מעגליך, אז מיר וועלען דארט געפינען נאהרונג און אלעס, וואס מיר דארפען. ווען מיר וועלען יעצט געהן צו א מעער, וואו מען קען געפינען א שיף, דארפען מיר פערוועגדען אויף דער רייזע וועניגסטענס צוויי מאנאטע. מיר וועלען אלע אויסשטארבען פאר הונגער און פאר קעלט, ווייל מיר האבען קיין פראוויאנט און קיין הייצונג. ווען מיר געהן אבער צום נארד־פאל דארף אונזער רייזע געדויערן דרייא פיער וואכען, דא האבען מיר וועניגסטענס א האפנונג, אז מיר וועלען זיך רעטען.

— דאס מאל האט איהר אונרעכט, האטטעראס, האט דער דאקטאר געזאגט, ווען מיר געהן צוריק, ווייסען מיר וועניגסטענס, אז מיר געהן אהיים, דאס וועט אונז געבען מוטה צו געהן, ביז מיר וועלען דערגרייכען אונזער ציעל; ווען מיר געהן אבער צום נארד־פאל, געהן מיר אין אונבעקאנטע געגענדען און מיר פערליערען דעם מוטה. ווער ווייס, וואס פאר א געגענד עס איז ארום נארד־פאל? מעגליך, אז דארט איז אזא שרעקליכע וויסטע, אז דארט געפינט זיך גאר קיין לעבעדיגע זעעלע. ניין, קאפיטאן! יעצט מוזען מיר געהן אהיים, קיין ענגלאנד. מעגליך, אז מיר וועלען טרעפען אויף'ן וועג עסקימאסען, ביי וועלכע מיר וועלען קריעגען פראוויאנט; מעגליך, מיר וועלען ערגעץ טרעפען א מאגאזין פון דער ענגלישער רעגיערונג.

— געוויס, האט דשאנסאן געזאגט, אונזער איינציגע רעטונג איז יעצט צו געהן א היים. מיר האבען קיין אנדער עצה ניט מיר מוזען געהן א היים.

האטטעראס האט איניגע מינוטען גאר ניט געענטפערט. פלוצלונג האט ער זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט פעסט, שטאלץ און ענטשלאסען:

— אלזא, איהר ווילט געהן א היים? — געהט! איך וועל דא בלייבען, איך מיט מיין געטרייען הונד. איך וועל אליין געהן צום נארד־פאל!

דער דאקטאר, דשאנסאן און בעלל האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדער. זיי האבען זיך געשעהמט פארן קאפיטאן. דער דאקטאר האט געוואלט עפעס זאגען, ווען ער האט בעמערקט, אז דער קראנקער האט זיך א ריהר געטהאן. ער איז צוגעגאנגען צו איהם זעהן, וואס עס איז מיט איהם. דער קראנקער האט א געהויבען צו בעוועגען מיט דיא ליפען. מען האט געהערט א הויך, וויא דאס ווארט „פארפאיז".

— דיא „פארפאיז" איז ניט ווייט? האט דער דאקטאר א פרעג געטהאן דעם קראנקען.

דער קראנקער האט קיים א ריהר געטהאן מיט'ן קאפ, א צייכען, אז דיא „פארפאיז" איז ניט ווייט פון דאנען.

— איז זיא דא ערגעץ, איז דיעזע מעער? האט דער דאקטאר געפרעגט.

דער קראַנקער האט ווייטער נעגעבען א צייכען מיט'ן קאָפּ, אז זיא איז ערגעץ אין דיזען מעער. האטטעראס איז צוגעקומען צום קראַנקען. זיינע צייכענס האבען איהם שטאַרק פּעראינטערעסירט.

— ליעגט אייער שיף אין נאָרדען אדער אין זיעדען? איך ווייס, אז אייך איז שווער צו רעדען. מיר ווען דאהער אזוי מאַכען: ווען איך וועל טרעפען, זאָלט איהר נעבען א צייכען; ווען איך וועל ניט טרעפען, זאָלט איהר קיין צייכען ניט נעבען.

דער קראַנקער האט א ריהר געטהאן מיט'ן קאָפּ, א צייכען אז ער פּערשטעהט, וואס מען מיינט.

— ליעגט אייער שיף אין זיעדען?

דער קראַנקער האט זיך ניט גערירט.

— ליעגט אייער שיף אין נאָרדען?

דער קראַנקער האט נעגעבען א צייכען.

אויף א־א ארט האבען זיי זיך צונויפגערעדט מיט'ן קראַנקען און האבען אויסגע־פונען, אז זיין שיף איז גאַנץ און ליעגט אייניגע טעג רייזע קיין נאָרדען.

— נו, האט אויסגערופען האטטעראס, זעהט איהר, אז מיר מוזען געהן קיין נאָרדען, אונזער רעטונג ליעגט אין נאָרדען. — אלזא, פריינדע! לאמיר געהן צום נאָרד־פּאָל!

דאס איינציגע וואָרט, וואס דער קראַנקער אלטאמאן האט ארויסגערעדט, האט אריינגעבראַכט א נייעס לעבען אין אונזערע פריינד. אלזא, איז דא ערגעץ ניט ווייט דא א שיף, וועלכע קען זיי אלע רעטען. זיי האבען געלאזט דעם קראַנקען זיך אויסרוהען; דער דאקטאר האט איהם געגעבען עטליכע לעפעל ווארעמען טהעע און האט איהם ווייטער אנגעהויבען אויסצופרעגען דורך צייכענס, וויא דער קאפּיטאַן האט פריהער געטהאן און האט אויסגעפונען, אז דיא „פּארפּאיז" איז א שיף פון ניו־יאָרק, אלטאמאן איז דער קאפּיטאַן, דאס שיף איז איינגעפראָרען געוואָרען אין אייז. עס איז אויף איהר דא פּראָוויאַנט און הייצונג. אלטאמאן מיט זיינע מאטראזען זיינען געגאַנגען זוכען א וועג צו סמיטה'ס קאנאל און זיינען אויפ'ן וועג פּערשאָטען געוואָרען מיט שנעע. עס איז נאך שווער געווען ארויסצוקריעגען פון איהם אלעס, וואס האט פּאסירט מיט דער „פּארפּאיז", עס איז שוין אבער געווען גענוג צו וויסען, אז א שיף מיט הייצונג, מיט פּראָוויאַנט, מיט קליידער און מיט אלעם גוטען געפינט זיך ניט גאַנץ ווייט פון דאנען

— יעצט מוזען מיר געהן אויפזוכען דיא „פּארפּאיז", האט דשאנסאן געזאגט.

— געוויס! האט דער דאקטאר געזאגט, ווען מיר געהן ארויס מארגען, קענען מיר נעגען דעם 15טען מערץ דערגרייכען דיא „פּארפּאיז" און מיר זיינען גערעטעט. איך מיין, אז מיר זאלען זיך שוין פּאָרבערייטען צו דער רייזע. וויא אלטאמאן זאגט מיר, ווייס ער גאַנץ גוט דעם וועג. עס געהט איהם בעסער. ווען מיר געהן לאנגזאם, וועט ער דערווייל אין גאַנצען געזונד ווערן און וועט אונז ברענגען צו זיין שיף.

זיי האבען זיך אויך באלד גענומען צו דער ארבייט. זיי האבען צוהאַקט דעם רעסט פון דער „פּאָרוואַרד", וועלכעס איז געווען איינגעגראָבען אין אייז און איז ניט פּערברענט געוואָרען, און האבען עס מיט גענומען אלס הייצונג אויפ'ן וועג. דעם שליטען

האבען זיי צורעכט געמאכט און האבען געמאכט א פלאץ פאר'ן קראנקען. זיי האבען איבערגעקוקט זייערע זאכען און האבען איבערגעלאזען איינינע ארטיקעל, וואס זיי האבען געהאפט צו געפינען אויפ'ן „פארפאיד״.

דעם אנדערן טאג איז שוין אלעס פערטיג געווען. זיי האבען אפגענעסען א ווארעמען מיטאג און האבען זיך געלעגט שלאפען. אין דער פריה זיינען זיי ארויסגעגאנגען אין דער זייט, וואו אלטאמאן האט זיי געוויזען. דער וועג איז געווען גלייך, מען האט ניט געזעהן קיין אייזבערג. א בעוויז, אז זיי געפינען זיך ווייט פון לאנד. דיא אייזבערג געפינען זיך געוועהנליך נאהענט צו א ברעג.

— וויא איהר זעהט, דאקטאר, געהן מיר אימער נאך אויפ'ן אייז-פעלד, האט דשאנסאן געזאגט דעם פינפטען טאג נאך זייער אברייזע. קענט איהר מיר זאגען, דאקטאר, וויא פיעל א שטיק אייז קען אויף זיך אויסהאלטען? איך טראכט אלץ: אט, אט ברעכט זיך איין דאס אייז און מיר פאלען אלע אריין.

— האב קיין מורא ניט, אלטער פריינד, האט איהם דער דאקטאר געענטפערט. אייז האט אין זיך א זאנדערבארע קראפט. ווען עס איז צוויי אינטשעס דיא גרעב, קען עס טראגען אויף זיך א מענשען; ווען עס איז דריי און א האלב אינטשעס דיא גרעב, קען עס אויסהאלטען א מענשען מיט א פערד; ווען עס איז פינף אינטשעס דיא גרעב, קען עס אויסהאלטען א קאנאנע; אכט אינטשעס דיא גרעב, קען עס אויסהאלטען א באטערעע; צעהן אינטשעס דיא גרעב, קען עס אויסהאלטען א גאנצע ארמעע. דוא האסט אלזא ניט וואס מורא צו האבען. דאס אייז איז דא אזוי גראב, אז עס קען איבער־טראגען א פעסטונג און דערצו פאלט נאך אימער שנעע צו און ווערט אויך פער־פראָרען.

— גוט, דאקטאר, וואס איהר האט מיך דערמאנט אן שנעע. איך האב אייך שוין עטליכע מאל געוואָלט פרעגען, פון וואנען נעהמט זיך אין דיעזע געגענדען אזוי פיעל שנעע? אין אונזערע געגענדען זיינען דיא ימים און דיא וואסערן פריי, עס ווערט פון זיי דאמפף און ווען דיא לופט איז קאלט, ווערט דער דאמפף פערפראָרען און ער פאלט אראפ אויף דער ערד אלס שנעע. וואו נעהמט זיך אבער וואָלקען און שנעע אין דיעזע געגענדען, וואו אלעס איז פערפראָרען, וויא אייזען?

— דיין פראגע איז א גאנץ ריכטיגע, דשאנסאן, האט דער דאקטאר געענטפערט. דער שנעע קומט אן אהער פון דיא ווארעמערע געגענדען. יעדעס שטיקעלע שנעע, וואס דוא זעהסט, איז געווען א מאל א טראפען וואסער אין א טייך אדער אין א מעער, דער ווינד האט איהם אויפגעהויבען און האט איהם געבראכט אהער, וואו ער איז פערפראָרען געוואָרען און אראפגעפאלען אלס א הארט שטיקעל שנעע.

דעם אנדערן טאג האבען זיי געזעהן א זעלטזאמע ערשיינונג, וועלכע דער דאקטאר האט אויף קיין פאל זיך ניט געקענט ערקלערען. דער הימעל איז געווען ריין און קלאר, דיא שטערן האבען געשיינט און געפונקעלט. מען האט אין ערגעץ ניט געזעהן קיין ברעקעל וואלקען. פלוצלונג האט אנגעהויבען צו שיטען א שנעע און האט געשאָטען צוויי שטונדען כסדר. דער דאקטאר איז דיא גאנצע צייט געשטאנען און האט בעטראכ־

דערט דיעזעס וואונדער. וואס איז עס? פון וואנען קומט עס? וויא אזוי קען געהן א שנעע אהן א וואָלקען?

— איך ווייס ניט, איך פערשטעה ניט! האט ער ענדליך געזאגט. דיא נאטור איז נאך אזוי רייך מיט וואונדערבארע זאכען, אז מיר מוזען אָפען זאגען: מיר פערשטעהן דיא זאך ניט; מיר זיינען נאך קינדער און דארפען נאך פיעל, זעהר פיעל לערנען.

דיא רייזע האט זיך געצויגען לאַנגזאם און אונזערע רייזענדע האבען אנגעהויבען מיער צו ווערן. עס איז ניט קיין קלייניגקייט צו געהן צוועלף פונפצעהן טאג כסדר אויף אייז, וועלבער איז הארט, וויא אייזען. דעם 14טען מערץ האבען זיי דערזעהן א זעע הונד. דריי שיעסע האבען איהם באלד געטייטעט. ער איז אבער געווען זעהר מאגער און זיין פלייש האט ניט געטויגט צום עסען. עס האט געשטונקען מיט פישטראָהן. בעלל האט פראָבירט ווארפען שטיקער פלייש פון איהם פאר דיא הינט און איז געווען העכסט דערפרייט צו זעהן, אז זייא הינט פרעסען עס מיט פערגניגען. ווענינגסטענס, ווע‌לען דיא הינט האבען פראָוויאַנט, וועלען זיי כח האבען צו שלעפּען דעם שליטען. דער דאקטאר האט זיך ניט געוואונדערט, וואס דיא הינט פרעסען עס אזוי געשמאק. אין דיא קאלטע געגענדען אין אמעריקא גיט מען דיא פערד עסען געטריקענטע פיש, ווען עס לאָזט זיך אויס דאס היי. ווען פערד קענען עסען פיש, פאר וואס זאלען הינט ניט קענען עסען דאס פלייש פון א זעע הונד?

זיי זיינען געווען העכסט דערפרייט, וואס עס האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען שפורען פון בערן און פיקס. זייער פראָוויאַנט האט זיך אויסגעלאזען און זיי האבען שוין געמוזט צופריעדען זיין מיט האלבע פּאָרציאָנען. זיי האבען דערפאר גערעכענט, אז עס וועט זיי געראטהען צו שיעסען א בער; בערן פלייש קען מען שוין עסען, בעזאָנדערס געשמאַק זיינען דיא פיס פון א בער. שוין א פאר מאל האבען זיי געזעהן בערן אדער פיקס פון דער ווייטען און האבען אויף זיי געשאָסען, זיי האבען אבער ניט געטראפען. זייט א פאר טאג האט דשאנסאן בעמערקט, אז א ווייסער בער געהט זיי נאך און וויכט ניט פון זיי. ער איז אבער געווען אזוי פאָרזיכטיג, אז ער איז באלד אנטלאָפען, ווען ער האט נור דערזעהן, אז זיי קוקען זיך אום. דשאנסאן האט עס דערצעהלט דעם דאקטאר.

— אהה, איך פערשטעה, האט דער דאקטאר געלאַכט, דער הערר בער מיינט, אז מיר האבען ניט קיין פּראָוויאַנט און וועלען באלד אויסשטארבען פאר הונגער, דאן וועט ער לעבען א גוטען טאג. ער איז גאנץ קלוג, דער הערר בער. ער האט אבער פערגעסען, אז מיר מיינען אויך דיא זעלבע, מיר זאלען איהם טייטען און מאכען פון איהם א גוטען מיטאג. מיר וועלען זעהן, ווער עס איז קליגער. דער מענש אדער דער בער.

ער האט געוואָלט אנלאדען זיין ביקס און האט דערזעהן מיט שרעק, אז ער האט זעהר ווענינ פולווער און ניט איין קוגעל.

— וואו איז אונזער פולווער און אונזערע קוילען? האט ער געפרעגט דשאנסאן. גיב זיי אהער געשווינד! לאמיר אנלאדען אונזערע ביקסען און געהן אויפזוכען אונזער פריינד דעם בער.

דשאנסאַן האט אנגעהויבען צו זוכען דעם פּולווער און דיא קוגלען — עס איז אָן ערגעץ ניט געווען. זיי האבען געהאט זעהר ווענינ און דאס לעצטע ביסעלע האבען זיי ערגעץ פערלאָרען. דשאנסאן האט געציטערט פאר וועהטאג.

— וואס קענען מיר יעצט טהאן? האט ער געבראכען דיא הענד און האט געוויינט פאר שמערץ. מיר האבען ניט וואס צו עסען און האבען קיין פּולווער און קיינע קוגעלן. דער בער געהט אונז נאך טריט ביי טריט. איך האב מורא, אז יעצט וועט ער שוין זיין קלינער.

דער דאקטאר האט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האט זיך פערטראכט. דיא לאגע איז ווירקליך געווען א פערצווייפעלטע. אין דיעזע מינוט האט זיך דשאנסאן אומ־געקוקט און האט דערזעהן דעם בער. ער איז זיך געגאנגען לאנגזאם, רוהיג און האט געשמעקט זייערע טריט, וויא א הונד געשמעקט נאך דיא טריט פון זיין העררן.

— אט איז דער בער! האט דשאנסאן אויסגערופען, און מיר האבען קיין פּולווער און קיינע קוגעלן.

דער דאקטאר האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן, וויא דער בער האט זיך אויסגעדרעהט און איז זיך רוהיג געגאנגען צוריק. ער האט דערהערט דשאנסאן׳ס געשריי און האט זיך איבערלעגט, אז עס איז נאך צו פריה צו מאכען זייער בעקאנטשאפט.

— האָסט דוא ניט אביסעל בוימעל, אביסעל פיש־אייל אדער אנאנדער פעטע זאך, דשאנסאן? האט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איך האב גאר נישט, האט דשאנסאן געענטפערט.

דער דאקטאר האט גאר ניט געענטפערט, איז צוגעגאנגען צום שליטען, האט ארויסגענומען דעם טהערמאָמעטער און האט איהם געהאלטען איינינע מינוט געגען ווינד. דאס קוועקזילבער אין טהערמאָמעטער איז באלד פערפראָרען געוואָרען. דער דאקטאר האט צובראָכען דעם טהערמאָמעטער און האט ארויסגענומען א ווייסע, גלענצענדע קויל.

— יעצט האבען מיר וועניגסטענס איין קויל, האט ער געזאגט.

— איהר זייט ווירקליך א קלוגער קאָפּ, האט דשאנסאן געזאגט ערשטוינט. מיר וואָלט עס קיין מאל ניט איינגעפאלען צו פאבריצירען קוגעלן אויף אזא ארט.

— איך בין ניט אזוי קלוג, וויא דוא מיינסט, דשאנסאן, איך האב נור זעהר פיעל געלעזען. ניט נור פון קוועקזילבער קען מען מאכען געפראָרענע קוגעלן, זאָנדערן זאנאר פון בוימעל. קאפּיטאן פּאררי דערצעהלט, אז ער האט א מאל געמאכט א קוגעל פון געפראָרענעם בוימעל און האט מיט איהר אויסגעשאָסען אין א ברעט. דיא קוגעל האט דורכגעלעכערט דיא ברעט און איז געבליעבען גאנץ. דוא ווייסט גאר ניט, וויא הארט און וויא שטארק איינינע זאכען ווערן פערפראָרען אין דיעזע געגענדען.

— איהר האט רעכט. דאקטאר, מען דארף זעהר פיעל לעזען אום מען זאל עפּעס קענען.

אין דיעזע מינוט איז צו זיי צוגעקומען דער קאפּיטאן. ער פלעגט שטענדיג געהן פאָראויס, ווען ער האט אבער געזעהן, אז זיי זיינען געבליעבען שטעהן און רעדען אזוי פיעל, איז ער צו זיי צוגעקומען. דער דאקטאר האט איהם דערצעהלט, וואס דא איז.

— קינדער, אס איז קיין שפאס, האט ער זיי געזאגט. מיינט ניט, אז איהר וועט געהן נעגנען א בער מיט איין איינציגע קוגעל. ווייסט דוא דען ניט, דשאנסאן, אז מען מוז א מאל שיעסען צעהן צוועלף מאָל, איידער מען טייטעט א ווייסען בער? ווען איך זאל וועניגסטענס וויסען, אז איך וועל איהם טרעפען מיט דער איינער קויל, דער ווייסער בער איז אבער זעהר קלוג, ער ווייכט אויס א קוגעל, ער האט איבעראל ניט ליעב בעקאנט צו ווערן מיט מענשען.

— אלזא, וואס טהוט מען? ער געהט אונז נאך טריט ביי טריט און וועט א מאל ביי נאַכט אויף אונז געוויס אנפאלען.

— איך וועל אליין געהן נעגנען איהם האט האטטעראס געזאגט.

— מיר וועלען אלע געהן מיט אייך, האבען אלע דריי אויסגערופען.

— ניין, איך וועל געהן גאנץ אליין, האט האטטעראס געזאגט ענטשלאָסען.

— וואס רעדסט דוא, האטטעראס? האט דער דאקטאר געפרעגט. דוא ווילסט ריסקירען און געהן אליין אויף א ווייסען בער? דאס איז אונמעגליך.

— איך וועל אייך ווייזען, אז עס איז יא מעגלוך. מיינט אבער ניט, אז איך וועל געהן נעגנען איהם מיט דער ביקס מיט איין איינציגע קוגעל. דאס טהו איך ניט. — דשאנסאן, האָסט דוא דיא פעל פון'ם זעהונד, וועלכען מיר האבען ניט לאנג געטייטעט.

— עס ליעגט אויפ'ן שליטען.

— אלזא, ניט מיר דיא פעל און איהר בלייבט דא שטעהן און האלטען דיא וואך.

דער דאָקטאָר האָט פראָבירט אָפצוהאלטען דעם קאפיטאן, ער זאל ניט ריסקירען זיין לעבען און געהן אליין אויף א ווייסען בער. עס האט אבער גאר ניט געהאָלפען. האטטעראס איז געוועזן א גרויסער עקשן און ווען עס איז איהם עפעס געקומען אין קאָפּ אריין, האט ער עס געמוזט אויספיהרען.

— דאקטאר, האט ער געזאגט, איהר ווייסט דאך, אז דיא ווייסע בערן נעהרן זיך פון דיא זעע הינט. איהר קענט זיך דאהער לייכט פאָרשטעלען, אז א ווייסער בער וועט זיך ניט איבערשרעקען, ווען ער וועט דערזעהן א זעע הונד? —

— איך פערשטעה אייך, האטטעראס, האט איהם דער דאקטאר אונטערבראָכען. עס איז אבער זעהר געפעהרליך.

— איך זעה קיין אנדער וועג ניט, האט האטטעראס געענטפערט פעסט און ענטשלאָסען. גיב מיר דיא ביקס און מיין לאנגעם מעסער. איך מוז האבען ביידע זאכען. איהר שטעהט פון דערווייטען. ווען איך וועל זיין אין געפאהר, זאלט איהר קומען מיר העלפען.

אין א פערטעל שטונדע ארום האט זיך געוויעזען א זעע הונד אויפ'ן אייז. ער איז געשפרונגען, האט געטאנצט און האט זיך משוגע געמאכט, ביז דער בער האט איהם בעמערקט. ער איז לאנגזאם און גאנץ שטיל צוגעגאנגען צום זעע הונד. ער איז צוגעגאנגען אזוי שטיל, אז דער זעע הונד האט איהם דאכט זיך גאר ניט בעמערקט. ווען ער איז צוגעקומען גאנץ נאָהענט צו איהם, האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף דיא הינטערסטע פיס און איז מיט א מאל ארויפגעשפרונגען אויפ'ן זעע הונד. אין דיעזע

מינוט האט געקראכט א שוס. דער זעע הונד האט פון זיך אראפגעווארפען דיא פעל און קאפיטאן האטטעראס איז ארויסגעשפרונגען פון איהר. דיא קויל האט געטראפען דעם בער אין דער ברוסט. ער איז אומגעפאלען, איז אבער באלד אויפגעשטאנען און האט מיט דיא פאדערסטע פיס געהאפט שטיקער שנעע און צוגעלעגט צו דער וואונד. האטטעראס איז געשטאנען נעגען איהם מיט'ן מעסער אין דער האנד.

— בראוואָ! הורראה! האבען געשריען דשאנסאן און דער דאקטאר, ווען זיי האבען געזעהן, וויא געשיקט און קינסטליך האטטעראס האט בענוצט דיא פעל פון'ם זעע הונד אום דעם בער צו רייצען.

אין דיעזע מינוט אבער האט דער בער אנגעהויבען שרעקליך צו ברומען און האט זיך געוואָלט ארויפווארפען אויפ'ן קאפיטאן, קאלט-בלוטיג, ענטשלאָסען און מוטהיג האט איהם האטטעראס בענעגענט און האט איהם אריינגעשטאָכען זיין לאנגעס, שארפעס מעסער אין הארצען. דער בער איז געפאלען טויט.

— יעצט שנעל! האט דער דאקטאר געזאגט. קום, דשאנסאן, לאמיר געהן זעהן, וואס דער הערר בער האט אונטערן פעלץ, יעצט איז ער נאך ווארים און מיר וועלען האבען א גוטען מיטאג, שפעטער וועט ער קאלט ווערן און פערפראָרען, וויא א שטיין:

זיי זיינען צוגעגאנגען צום טויטען בער. דאס איז ווירקליך געווען א שעהנעס טהיער און איז געוועזן גרויס, וויא א יונגער אָקס. דשאנסאן האט באלד אנגעהויבען איהם אָפצושינדען דיא פעל. ווען ער האט איהם אייפגעעפענט, האט ער אין מאגען געפונען נור וואסער. דער בער האט שוין לאנג ניט געגעסען. אונזערע רייזענדע זיינען געוועזן אזוי הונגעריג, אז זיי האבען געהאפט שטיקער שמאלץ פון'ם בער און האבען עס געגעסען רויער הייט. מיט שווערער מיה האבען זיי דערשלעפט דעם בער צום שליטען. וויא גרויס אבער איז געוועזן זייער ערשטוינען, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום שליטען און האבען געפונען, אז דאס פייער איז אויסגעגאנגען און דער קראנקער אלטאמאן קרעכצט, אז עס איז איהם קאלט.

דער קליינער אויוועז פלעגט שטעהן אויפ'ן שליטען און זיך שטענדיג הייצען. דער-פון איז דעם קראנקען געוועזן שטענדיג ווארם און אויך דיא געזונדע פלעגען זיך אָפט אָנווארעמען אן אויוועז. היינט זיינען זיי געוועזן אזוי שטארק בעשעפטיגט מיט'ן בער, אז זיי האבען פערגעסען אן דעם אויוועז און אן דעם קראנקען אלטאמאן.

דער דאקטאר האט געוואָלט אויסשלאָגען פייער. זיי האבען געהאט מיט זיך א שטיק שטאל, א קיזעלשטיין (קרעמען) און צונדער. ער האט אנגעהויבען צו זוכען זיין פייערצייג און האט עס אין ערגעץ ניט געפונען. דאס פייערצייג איז פערפאלען גע-ווארען צוזאמען מיט'ן פולווער און דיא קוגעלן.

— זוך נאך א מאל, דשאנסאן! האט דער דאקטאר געשריען. וואס וועלען מיר טהאן אהן א פייערצייג.

דשאנסאן האט נאך א מאל געזוכט אומעדום, ער איז צוריקגעגאנגען אויף אלע ערטער, וואו ער איז געשטאנען און האט בעאָבאכטעט דעם בער, ער האט עס אבער אין ערגעץ ניט געפונען ער איז צוריקגעקומען און האט געזאגט מיט א טרויעריגע מינע:

— היינט וועלען מיר מוזען עסען רוי פלייש. דאס פייערגעצייג איז פערלאָרע געגאנגען.

— אלזא, לאמיר אָפּעסען, זיך אויסרוהען און נעהן זוכען דיא „פּארפאיז“, האט האטטעראס געזאגט.

דער דאקטאר האט געשוויגען. האטטעראס איז געוואָרען אונגעדולדיג.

— וואס טראַכסט דוא אזוי לאנג, דאקטאר? האט ער געפרעגט.

— עס איז מיר עפּעס איינגעפאלען, האט דער דאקטאר געזאגט לאנגזאם. מיר האבען פערלאָרען אונזער פייער געצייג. מיר דארפען פייער. איך מיין, אז מען קען מאכען פייער מיט א ברעננגלאז, קרים איז נור דא דיא זון, איז זעהר לייכט צונויף צונעהמען איהרע שטראהלען אין א ברעננגלאז אויף א שטיקעל האָלץ.

— מיר האבען דאך אבער קיין ברעננגלאז ניט! האט אויסגערופען האטטעראס אונגעדולדיג. אלע אונזערע אינסטרומענטען און שפּעקטיוזען זיינען פערבערענט געוואָרען אויף דער „פּאָרוואַרד“.

— דארפען מיר מאכען א ברעננגלאז, האט געזאגט דער דאקטאר רוהיג.

— פון וואס וועט איהר מאכען א ברעננגלאז, דאקטאר? האט דשאנסאן געפרעגט.

— פון א שטיקעל אייז, האט דער דאקטאר געענטפערט רוהיג. ווייסט דוא דשאנסאן, וויא אזוי דיא מענשען האבען אויסגעפונען א ברילל? — א מאל האט זיך איינער געשפּיעלט מיט דינע שטיקלעך אייז. ער האט בעמערקט, אז דורך איינינע שטיקלעך אייז זעהט ער דיא זאכען אביסעל גרעסער און דורך אנדערע קומען זיי אויס קלענער. — וויא באלד אז אייז קען מאכען, אז דאס אויג זאל זעהן דיזעלבע זאך א מאל גרעסער און א מאל קלענער, האט זיך דער מאן געטראַכט, דארף דאָך גלאָז אויך קענען מאַכען דאס זעלבע קונסטשטיק. ער האט פּראָבירט מיט אלערליי שטיקלעך גלאז און האט אויסגעפונען, אז ווען א שטיקעל גלאז איז אין דערמיט דיק און אין דיא זייטען דין, קומען אויס דורך איהר אלע זאכען גרעסער, וויא זיי זיינען; ווען אבער א שטיקעל גלאז איז אין דער מיט דין און אין דיא זייטען גראָב, קומען אויס אלע זאכען קלענער וויא זיי זיינען אין דער נאַטור. אויף אזא אַרט איז ענטשטאַנען דיא קונסט צו מאַכען ברילען. אלזא, דער ערשטער ערפינדער פון ברילען האט אנגעהויבען מיט אייז און האט געענדיגט מיט גלאז. מיר וועלען טהאן פערקעהרט. מיר וועלען ענדיגען מיט אייז. מיר וועלען אויסשניידען א קיילעכדיג שטיקעל אייז און וועלען עס מאכען אין דער מיט גראָב און פון דיא זייטען דין. דאס וועט זיין א גאַנץ גוטעס ברעננגלאז.

— איהר זייט טאקע א געלערנטער דאקטאר, האט דשאנסאן געזאגט. איך וואָלט קיין מאל ניט געפאלען אויף אזא שכל.

ער האט גענומען זיין האַק און האט אויסגעהאַקט א גרויס שטיק אייז, האט עס ארומגעשניטען און ארומגעשליפען, אז עס איז געווען אין דער מיט גראָב און אין דיא זייטען דין און האט עס געגעבען דעם דאקטאר. דער דאקטאר האט גענומען וואַטע און איינינע דינע שפּענדעלעך און האט זיי אניעדער געלעגט אויפ׳ן אייז. דאָס נייע פאַבריצירטע ברעננגלאז האט ער געהאַלטען געגען דיא וואַטע און דיא שפּענדלעך. און איינינע מינוט ארום האט זיך דיא וואַטע אנגעצונדען.

— הורראה! בראוואָ! האט געשריען דשאנסאן און האט אנגעהויבען צו טאנצען פאר שמחה. אט דאס הייסט א גליקליכער טאג!

ער האט באלד געמאכט א גרויס פייער און האט אנגעהויבען צו בראטען דאס בערן פלייש.

— פון דעסטוועגען דאַרפען מיר זעהן ווייטער צו געהן, האט געזאגט האטטעראס. מיר קענען דאך לאנג דא ניט בלייבען.

— מיר זיינען ניט ווייט פון דער „פארפאיז", האט קוים ארויסגערעדט אלטאמאן.

ער איז שוין געווען פיעל בעסער, עס איז איהם אבער נאך אלץ שווער געווען צו רעדען.

— האט איהר דאָרט גענוג הייצונג? האט איהם דער דאקטאר געפרעגט. פייער וועלען מיר שוין האבען, מיין ברענגלאז ווירקט פארטרעפליך. מען מוז נור האבען דיא זון צו איהר.

— גענוג, האט אלטאמאן געענטפערט.

מען האט אבגעקאָכט א גרויסארטיגען מיטאג פון בערן פלייש און מען האט זיך זאט אנגעגעסען. דער דאקטאר האט געמאכט א זופּע פארן קראנקען. דיא פרישע זופּע האט אויף איהם זעהר גוט געווירקט. נאכ'ן עסען האבען זיי זיך געלעגט שלאָפען אום מארגען גאנץ פריה ווייטער צו געהן צו דער „פארפאיז". דעם אנדערן טאג, ווען זיי זיינען געווען אין וועג, האט דשאנסאן געזאגט צום דאקטאר:

— האט איהר בעמערקט, דאקטאר, אז האטטעראס קוקט בייז אויפ'ן אמעריקאנער? דער אמעריקאנער וויעדער זוכט אויסצומיידען דעם קאפיטאן האטטעראס. וואס זאל זיין דיא אורזאכע דערפון:

— איך האב עס גוט בעמערקט, דשאנסאן. דער אמעריקאנער איז א קלוגער, דורכגעטריעבענער מענש. ער איז געוויס אויך געפאהרען צום נאָרד־פּאָל און איז פערפאהרען פיעל ווייטער פון אונז. ער וויל עס אונז אבער ניט אויסזאגען און דערצעהלט אונז, אז ער איז געפאהרען זוכען א וועג קיין אינדיען. האטטעראס אבער איז אויך קיין נארר ניט. ער פערשטעהט, וואס דא איז און עס קרענקט איהם, וואס אן אמעריקאנער איז ווייטער געקומען אין נאָרדען אלס ער.

— איהר האט רעכט, דאקטאר! האט געזאגט דשאנסאן און איז געשפרונגען אין דער הויך פאר פרייד, וואס ער פערשטעהט ענדליך, וואס עס קומט פאָר צווישען דיא צווייא קאפיטאנען. איהר האט רעכט, דאקטאר! איך האב אויך בעמערקט, וויא דער יענקי ניט א שמייכעל, ווען מען רעדט פון דעם צוועק פון זיין רייזע. איהר ווייסט, אז צווישען דיעזע צוויי מענשען קען ארויסקומען אונאננעהמליכקייטען.

— איך וויים עס, דשאנסאן, און טהו אלעס מעגליכע, אז זיי זאלען איינער צום אנדערן נים פיעל רעדען. איך טהו מיין בעסטעס און האָף, אז עס וועט מיר געלינגען איינצוהאלטען זיי.

דיא געגענד, אין וועלכע זיי זיינען יעצט געגאנגען, איז געווען גאר אנאנדערע. מען האט שוין געזעהן הויכע איידבערג און גרויסע שטיקער אייז, וויא אונגעהייערע

פעלזען, זיינען געווען צו וואַרפען אין אלע זייטען. דאס איז א צייכען, אז זיי זיינען ניט זוייט פון א לאנד. דעם אנדערן טאג אום צוועלף אוהר, האט אלטאמאן זיך אויפגעהויבען אויפ'ן שליטען, האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט אויסגערופען:

— אָט דאָרט איז דיא „פארפאיז"!

19טעס קאפיטעל.

דיא „פארפאיז".

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, מיט וואס פאר א פרייד אונזערע רייזענדע האבען דערהערט דיא ווערטער: אט דאָרט איז דיא „פארפאיז". זיי זיינען שוין ניט געגאנגען, זיי זיינען געלאָפען אהין, וואו אלטאמאן האט זיי געוויזען.

דיא „פארפאיז" איז געווען אזוי בעדעקט מיט שנעע און אייז, אז מען האט לייכט געקענט דענקען, אז דאס איז א בערגעל פון שנעע. זיא איז געלעגען אויף א זייט און איהרע זעגעלבוימער זיינען געווען צובראָכען. א גרויס שטיק אייז פון עטליכע טויזענד פונט איז אויף איהר ארויפגעפאלען, ווען זיא איז איינגעפראָרען געוואָרען, האט צו בראָכען איהרע זעגעלבוימער און זיא שטארק בעשעדיגט. מיט שווערער מיה זיינען זיי צוגעקומען צו איהר. זיי האבען געמוזט זיך אויסהאקען א וועג אין שנעע און אייז, איידער זיי זיינען צוגעקומען צום דעק. אין דער צייט, וואס אלטאמאן מיט זיינע מאטראזען זיינען פערשאָטען געוואָרען פון שנעע און איידער אונזערע רייזענדע זיינען צוריקגעקומען צו איהר, איז אויף איהר אנגעפאלען אזוי פיעל שנעע, אז זיי האבען געארבייט זעהר שווער, איידער זיי זיינען צו איהר צוגעקומען. דערפאר אבער זיינען זיי געווען ענטציקט, ווען זיי האבען אויסגעפונען, אז דער פראָוויאנט און דיא הייצונג זיינען גאנץ, קיינער האט זיי ניט גערידהרט. זיי האבען בעטראכט דיא שיף און געפונען, אז עס וועט זיין זעהר שווער אין איהר צו וואָינען.

— דאס מאַכט ניט אויס! האט געזאגט האטטעראס. מיר וועלען מאכען א גרויסע שטוב פון שנעע אויפ'ן לאנד, וועלכעס איז גאנץ נאָהענט, און מיר וועלען לעבען א גוטען טאג.

— ניין, האט געזאגט דער דאקטאר, מיר וועלען צונעהמען דיא „פארפאיז" און וועלען אונז אויסבויען אן ארדענטליכעס הויז. איך וועל זיין דער ארכיטעקטאר. איהר וועט זעהן, אז איך קען ארבייטען ניט נור מיט'ן לאנצעט און מיט'ן פינצעט, זאנדערן אויך מיט דער האַק און מיט דער זעג.

— איך צווייפעל ניט, דאקטאר, אז איהר זייט א גוטער ארכיטעקטאר, האט דשאנסאן געלאכט, מיר מוזען אבער פריהער זעהן, אויב מיר האבען גענוג מאטעריאל צו בויען א הויז און דערנאך מאכען דערפון א שיף. פערגעסט ניט, הערר ארכיטעקטאר, אז מיר מוזען דענקען צו מאכען א קליינע שיף פון דער „פארפאיז" אום א היים צו פאהרען.

— יעצט מוזען מיר האבען א הויז, פון א שיף וועלען מיר שפעטער רעדען. היינטיגע נאַכט וועלען מיר צוברענגען אויפ'ן שיף און מאָרגען וועלען מיר זיך נעהמען בויען א הויז.

— ער האט פאָלקאָמען רעכט, האט געזאגט האטטעראס. דאס ערשטע דארף זיין א הויז, וואו צו וואָינען.

באלד האט געברענט א פרעהליכער פייער אין דער קאיוטע פון׳ם קאפּיטאן אלטאמאן. מען האט געמאכט הייסען טהעע און מען האט געבראטען בערן פלייש. מען האט אָפּגעגעסען און זיך געלעגט שלאָפען. זייט צווייא מאנאטע איז דאס געווען דיא ערשטע נאכט, וואס זיי זיינען געשלאָפען, וויא מענשען. עס איז דאהער קיין וואונדער ניט, ווען זיי זיינען געשלאָפען גאנץ שפּעט. דער דאקטאר איז געווען דער ערשטער וועלכער איז אויפגעשטאנען. ער האט זיך אויסגעצויגען און געזאגט:

— עס איז דאך א פערגניגען, אז מען וויים, אז איך וועל מאָרגען שלאָפען אויף דעם אָרט, וואו איך שלאָף היינט און דארף ניט אלע מאל ברעכען דעם קאָפּ: וואו וועל איך נעהמען אויף מיטאג.

באלד זיינען אלע אויפגעשטאנען און מען האט געמאכט טהעע. מען האט גע־פריהשטיקט אויפ׳ן גרויסען אופן. נאכן פריהשטיק זיינען אלע געגאנגען בעטראכטען דיא „פארפאיז״. זיי האבען געפונען, אז דיא „פארפאיז״ איז א שטארקע שיף און האט פּראָוויאנט, קוילען, האָלץ, פּולווער און בליי גענוג אויף א פּאר יאהר. זיי זיינען געווען העכסט צו פריעדען מיט זייער רעוויזיאָן.

— נו, האטטעראס! האט דער דאקטאר געזאגט, יעצט האבען מיר שוין אלעס נייטיגע און וועלען קענען געהן צום נאָרד־פּאָל.

— געהן אויפ׳ן אייז קענען מיר געוויס, וואס וועלען מיר אבער טהאן, ווען מיר וועלען קומען צום פרייען מעער?

— מיר וועלען אויסבויען א שיף אדער א באָאָט פון דיא ברעטער פון דער „פארפאיז״.

— פון אן אמעריקאנישער שיף? האט אויסגעשריען האטטעראס. קיין מאל ניט! אויף קיין פאל ניט!

דער דאקטאר האט פערשטאנען, אז ער האט דא בעריהרט א וואונד, און האט גאר ניט געענטפערט. איינינע מינוטען האט ער געשוויעגען. ענדליך האט ער געזאגט:

— אלזא, מוז מען זיך נעהמען צו דער ארבייט, בויען א הויז און עס ארומצאמען מיט קלעצער און ברעטער, אז דיא בערן זאלען ניט קענען אויף אונז אנפאלען. דאס ערשטע מוזען מיר אויסזוכען א פּלאץ, וואו צו בויען. קומט, האטטעראס, לאמיר געהן אויסזוכען אן אָרט פאר אונזער פעסטונג.

— געהט אליין, דאקטאר, איך פערלאז מיך אויף אייך, האט האטטעראס גע־ענטפערט.

דער דאקטאר, דשאנסאן און בעלל זיינען געגאנגען אויפ׳ן ברעג זוכען א פּלאץ, וואו צו בויען דאס הויז. זיי האבען אויסגעפונען, אז דיא „פארפאיז״ איז איינגעפראָרען אין א קליינע בוכטע, וואו עס געפינען זיך זעהר פיעל גרויסע שטיינער, אדער ריכטיגער געזאגט, קליינע שטיינערנע אינזלען. זיי האבען אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי דיא „פארפאיז״ איז געקומען אין אזא געפעהרליכען אָרט. ניט ווייט אויפ׳ן ברעג האבען זיי אויסגעפונען א הויכען בערגעל, וועלכער איז אין איין זייט געווען גאנץ

גלייך, וויא א וואנד. דער דאקטאר האט אויסגעפונען, אז דאס איז דער בעסטער פלאץ, ווייל דא האבען זיי שוין א פערטיגע וואנד און זיי וועלען נאך דארפען נור דריי אדער זאנאר צוויי מיט א האלבע וואנד צו בויען. יעצט האבען זיי געדארפט אוועקראמען דעם שנעע און זעהן, וויא אזוי דיא ערד איז דארט ארום דעם שטיין, דאס איז געווען דיא שווערסטע ארבייט. דער שנעע איז געווען צעהן פוס דיא הויך.

א גאנצע וואך איז פאראיבערגעגאנגען, ביז זיי האבען אויסגערייניגט דעם שנעע און צוגעקומען צו דער ערד, וועלכע האט זיך געוויעזען צו זיין שטיינעריג און זעהר הארט. דאס שאדעט אבער ניט. עס איז בעסער פאר א הויז, ווען עס איז געבויט אויף א פעסטען באדען. יעצט האט דער דאקטאר זיך גענומען צו זיין ארכיטעקטאר ארבייט צו ערשט האט ער געמאכט דעם פלאן פונ'ם הויז, עס זאל האבען דריי צימער. אין דער מיט זאל זיין דיא זאל און עס צימער. אין דער רעכטער האנד — דיא קיך אין דער לינקער האנד — דאס שלאף צימער. דאס הויז זאל האבען פיער פענסטער. אנשטאט גלאז וועלען זיי נעהמען רייגעס, קלארען אייז, וויא דיא עסקימאסען טהוען. א טהיר האט מען ארויסגענומען פון דער קאיוטע פון דער שיף. עס האט געדויערט צעהן טאג, איידער דאס הויז איז פערטיג געווארען. דער דאקטאר איז געווען העכסט צופריעדען מיט זיין ארבייט. ער איז ערשט געווארהר געווארען, אז ער איז א גוטער ארכיטעקטאר. יעצט האט זיך אנגעהויבען א נייע ארבייט: איבערצוטראגען אלע זאכען פון דער „פארפאיז" אין הויז אריין. דאס ערשטע איז געווען דער אויווען מען האט ארויסגענומען דעם גרויסען אויווען פון דער „פארפאיז" און מען האט איהם אריינגעשטעלט אין שלאף־צימער. ארום אויווען האט מען אויסגעשטעלט בעטען. דאן האט מען א'בערגעטראגען דאס גאנצע מעבעל פון דער „פארפאיז": שטוהלען, טישען, קאסטענס, קאמאדעס און אנדערע מעבעל. ווען דאס איז געווען פערטיג און דאס הויז איז געווען איינגעריכטעט גראפארטיג, אז זיי האבען שוין געקענט וואינען אין איהר האט מען אנגעהויבען איבער־צוטראגען דעם פראוויאנט און דיא הייצונג.

דעם 15טען אפריל איז אלעס געווען פערטיג און אין בעסטער ארדנונג. אלטא־מאן איז אונטערדעסען פאלקאמען געזונד געווארען און איז צום ערשטען מאל ארויס־געגאנגען אויף דער פרייער לופט. ער איז געווען אן עכטער אמעריקאנער. שטאלץ, אונטערנעהמענד, האט זיך פאר קיין זאך ניט אפגעשראקען און איז געווען בערייט אלעס צו טהאן אום זיין צוועק צו דערגרייכען. ער איז געווען א געבארענער ניו־יארקער און א מאטראז פון קינדווייס אן. יעצט איז מען געוואהר געווארען, אז א קאמפאני פון ניו־יארקער קויפלייטע האט אויסגעבויט דיא „פארפאיז" און זיא פערזארגט מיט אלעמען נייטיגען. אלטאמאן איז געווען אין פיעלע הינזיכטען זעהר עהנליך צו האטטעראס. ער איז אבער ניט געווען אזוי אפענהערציג און אזוי צוגעלאזען, וויא האטטעראס. זיי האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן בייז און האבען אויסגעווייכט איינער דעם אנדערן. דער דאקטאר האט געטהאן אלעס מעגליכע, אז זיי זאלען זיך ניט צוזאמען שטויסען. ענדליך אבער זיינען זיי דאך צוזאמען געקומען און עס האט שיער ניט אויסגעבראכען א קריעג צווישען זיי.

דיא געשיכטע איז אזוי געווען, ווען דאס הויז איז געווען פערטיג און אלע זאכען

פון דער שיף אריינגעבראכט אין הויז און אויסגעשטעלט אין גוטער אָרדנונג, האט דער דאקטאר געמאכט א באלל. ער אליין האט זיך געשטעלט קאָכען און האט געוויזען, אז ער איז אזא גוטער קאָך, וויא ער איז א גוטער ארכיטעקטאָר. ווען מען האט אָפּ־געגעסען און אָפּגעטרונקען, האט ער געהאלטען א רעדע.

— מיינע פריינדע! האט ער געזאגט, מיר קומען פון פערשיעדענע לענדער און דיינען פערוואָרפען געוואָרען אין דיעזע נייע געגענד, וואו קיין אייראפּעער איז נאך געווים ניט געווען. מיר מוזען צוערשט געבען א נאמען אונזער הויז, אונזער שלאָס, אונזער פּאלאַץ אדער רופט עס, וויא איהר ווילט. דאן וועלען מיר מוזען א נאמען געבען דיא געגענד, דיא בערג, דיא טאָהלען און דיא בוכטעס.

— בראַוואָ! האט אויסגערופען דשאנסאן. עס איז פיעל בעסער. ווען אלעס האט א נאמען. ווען איינער וועט וועלען ערגעץ געהן און זאגען, וואו מען וועט איהם געפינען, וועט ער זאגען: ער געהט אהין און אהין. אלזא, צוערשט לאמיר א נאמען געבען אונזער נייע שטאדט, וועלכע בעשטעהט דערווייל נור פון א י י ן הויז.

— ווען קיינער האט ניט דאגעגען, האט האטטעראס געזאגט, שלאָג איך פאָר, אז מיר זאלען רופען אונזער הויז „פולמאן־הויז". דאקטאר פולמאן האט עס פערדיענט, אז אונזער הויז זאל הייסען אויף זיין נאמען.

— בראַוואָ! פולמאן־הויז! פולמאן־הויז! האבען אלע אויסגעשריען מיט איין שטימע. הורראה!

דער דאקטאר האט זיך פערנייגט און האט געדאנקט פאר דיא עהרע, וואס מען האט איהם ע־צייגט.

— יעצט דארפען מיר א נאמען געבען דאס מעער, וועלכעס איז ארום אונז, און אויף וועלכען עס איז נאך קיין אייראָפּעאישעס שיף ניט געקומען.

— נו, און מיין שיף, דיא „פארפאיז"? האט אלטאמאן געפרעגט. אמעריקא איז טאקע ניט אייראפּא, אבער אמעריקא פערדיענט אזוי פיעל עהרע, וויא פיעל אייראָפּא, פיעללייכט נאך עטוואס מעהר.

— אבער ניט אזוי פיעל, וויא ענגלאנד, האט האטטעראס געזאגט. ענגלאנד איז דאס ערשטע לאנד אין דער וועלט.

דער דאקטאר האט זיך געביסען דיא ליפּען, וואס ער האט בעריהרט אזא פראגע ער האט זיא געוואָלט פערמיישען.

— איך מיין, אז דאס מעער קען הייסען דאס אייז־מעער, האט ער געזאגט, וויל דאס מעער איז דאך דא אויף אלע מיינע מעער־קארטען.

— איך בין דאמיט צופריעדען, האט האטטעראס געזאגט. דאס אייז־מעער איז א שעהנער נאמען. אלזא. זאל עס הייסען דאס אייז־מעער. יעצט קומט אבער דאס וויכטיגסטע. וויא זאָלען מיר רופען דאס לאנד, אויף וועלכען מיר געפינען זיך?

— דאס לאנד האט שוין א נאמען, האט געזאגט אלטאמאן. א י ך האב עס א נאמען געגעבען: „ניו אמעריקא". מיינע העררן, איהר ווייסט דאך אלע, אז יעדער, ווער עס ענטדעקט א לאנד. האט דאס רעכט עס צו רופען, וויא ער וויל. איך בין געווען דער ערשטער צו קומען אהער און האב עס א נאמען געגעבען, וויא איך האב געוואָלט.

— דאס קען איך ניט צולאזען! האט האטטעראס אויסגעשריען. פערגעסט ניט, אז ווען ניט מיר, וואָלט איהר יעצט געלעגען טיעף אין שנעע און קיינער וואָלט פון אייך ניט געוואוסט. מיר האבען אייך דאס לעבען געראטעט און איך האב דאס רעכט עס צו רופען, וויא איך וויל.

— פערגעסט ניט, האטטעראס, אז ווען ניט איך מיט מיין „פארפאיז", וואָלט איהר אלע אויסגעשטאָרבען פאר הונגער און פאר קעלט. —

— פריינדע! האט זיי אונטערבראָכען דער דאקטאר, קר יענט אייך ניט. אייגענטליך וואָלט מען געקענט רופען דאס לאנד מיט צווייא נעמען, אזוי וויא דאס לאנד לעבען באפינס בוכטע הייסט צווייא נעמען — „גרינעל'ס-לאנד" און „פרינץ-אלבערט-לאנד", ווייל צווייא מענשען, אן ענגלענדער און אן אמעריקאנער האבען עס ענטדעקט מיט א מאל פון צוויי פערשיעדענע זייטען. גערעכטיגקייט אבער מיינע פריינדע, איז דיא גרונד-לאגע, דאס פונדאמענט פון יעדער מענשליכער געזעלשאפט. דאמאלס האבען ביידע, דער אמעריקאנער און דער ענגלענדער אין אייז צייט ענטדעקט דאס לאנד. יעדער האט רעכט געהאט צו געבען דאס לאנד זיין נאמען. דא איז אבער עטוואס אנדערש. דא איז אלטאמאן דאך געווען דער ערשטער צו בעטרעטען דיעזעס לאנד. מיר מוזען זיין גערעכט געגען איהם און דאס מאל איהם ערלויבען צו געבען דיעזען לאנד דעם נאמען, וואס ער וויל. איך קען דיך פאר גערעכט און עהרליך, האטטעראס. דוא מוזט דיעזעס מאל נאכגעבען. מיר האבען נאך פערשיעדענע ערטער, וועלכע מיר וועלען קענען געבען א נאמען, וועלכען מיר וועלען אויסגעפינען.

האטטעראס האט פערצווינגען מיט דיא אקסלען. ער האט געזעהן אז דער דאקטאר האט רעכט.

— איך מיין, אז קיינער וועט ניט האבען דאגעגען, האט דער דאקטאר ווייטער געזאגט, ווען מיר וועלען א נאמען געבען דיעזע בוכטע — וויקטאָריא-ביי.

— איך וועל געווים ניט זיין דאגעגען, האט אלטאמאן געזאגט, ווען דער בארג, וואס געהט אריין אין דער בוכטע, וועט הייסען קאפ-וואשינגטאָן.

— אבער, מיין הערר! האט אויסגערופען האטטעראס אויסער זיך פאר פערדרוס, איהר וואָלט געקענט געפינען א נאמען, וועלכער זאל ניט זיין אזוי בעליידיגענד פאר אן ענגלענדער, וויא וואשינגטאָן.

— מיין הערר, האט געענטפערט אלטאמאן קאלטבלוטיג, איך האב ניט געקענט געפינען קיין נאמען, וועלכער זאל קלינגען אזוי אנגענעהם פאר אן אמעריקאנער, וויא וואשינגטאָן.

— זייט דאך גערעכט, מיינע הערען, האט דער דאקטאר געזאגט. מיר מוזען שעצען יעדען גרויסען מענשען, ער מעג זיין ענגלענדער אדער אמעריקאנער. וואשינגטאן איז געוועזען א גרויסער מענש. מיר האבען זיך מיט זיין נאמען ניט צו שעהמען. לאז זיין וואשינגטאָן. יעצט אבער מוזען מיר אָפגעבען עהרע אונזער קאפיטאן און רופען....

— ניין, דאקטאר, האט האטטעראס געזאגט, איך וויל ניט, אז מיין נאמען זאל זיין אין א לאנד, וואס הייסט ניו-אמעריקא.

דער דאקטאר האט מעהר ניט דערמאנט דעם נאמען האטטעראס. ער האט געוואָלט אויסמיידען אונאנגענעהמליכקייטען.

— מיינע העררן, האט ער געזאגט, אונזער צווייטער אפיציער האט זעהר פיעל געטהאן פאר אונז. איך שלאג פאר, אז דאס אינזעל, וועלכע געפינט זיך אין דער מיט בוכטע, זאל הייסען דשאנסאן. איהר וועט געוויס ניט זיין דאגעגען, הערר אלטאמאן.

— הוראַרה פיר דשאנסאן! האט אלטאמאן געזאגט.

דשאנסאן איז געוואָרען רויט, וויא פייער. ער האט זיך קיין מאל ניט פאָרגע־שטעלט, אז זיין נאמען זאל בלייבען אין דער געאָגראפיע.

— יענער בארג, וועלכען מיר זעהן אין מזרח זייט, האט דער דאקטאר ווייטער געזאגט, וואָלט געפּאסט ער זעל הייסען מאָונט־בעלל, נאך אונזער גוטען און טרייען בעלל.

— דאקטאר! האט בעלל אויסגערופען, דאס איז צופיעל עהרע פאר מיר!

— עס איז גערעכטיגקייט, האט דער דאקטאר געזאגט.

— דאס איז שעהן! האט דשאנסאן געזאגט. יעצט וועלען מיר שוין געהן פון פולמאן־הויז צו דער וויקטאריא־בוכטע און פון דאָרט צו דער אינזעל דשאנסאן, מיר וועלען זיך אויסדרעהן צום קאפּ־וואשינגטאָן. איך וועל זאגען צום דאקטאר: הערר דאקטאר, איך געה שפּאציערען אויפ'ן מאָונט־בעלל, געגען אבענד וועל איך זיין צוריק אין „פולמאן־הויז". איך הייב יעצט אן צו פערשטעהן, וויא נייטיג א נאמען איז, וויא יעדע זאך מוז האבען א נאמען.

— יעצט מיינע פריינדע, האט דער דאקטאר זיך געווענדעט צו דער פערזאמלונג, יעצט מוזען מיר זיין אייניג און טראַכטען, וויא צו דערגרייכען אונזער ציעל און פאהרען א היים. לאמיר האבען איין הארץ, איין געדאנק, איין געפיהל אין פינף מענשען. צאנקערייען, אונצופריעדענהייטען זיינען שטענדיג שלעכט, בעזאָנדערס אבער אין אונזער טרויעריגער לאגע. — איהר פערשטעהט מיך, אלטאמאן, איהר ווייסט, וואס איך מיין, האטטעראס.

קיינער האט ניט געענטפערט. טיעפע שטילע האט געהערשט, ווען דער דאק־טאר האט געענדיגט זיין קורצע רעדע. ער האט געזעהן, אז עס האט געמאכט א שלעכטען איינדרוק. ער האט דאהער אנגעהויבען רעדען פון אנדערע זאכען, אז באלד קומט אן דער פריהלינג. עס וועלען קומען צופליעהען פיעלע פייגעל. עס וועלען זיך ווייזען האָזען, בערן און אנדערע טהיערע. מען מוז זעהן זיך אנגרייטען פריש פלייש.

20טעס קאפּיטעל.

אן עקסקורסיאָן קיין נאָרדען.

דעם אנדערן טאג איז דער דאקטאר אויפגעשטאנען גאנץ פריה און האט ארויפ־געקלעטערט אויף דעם פעלזען, לעבען וועלכען זייער הויז איז געשטאנען. ער האט געוואָלט איבערזעהן דיא געגענד ארום. — פון אזא הויך אָרט, האט ער זיך געטראכט, קען מען איבערזעהן א ווייטע שטרעקע. לאמיך זעהן, וואס עס טהוט זיך אין דער געגענד ארום. ווען ער האט אזוי בעטראכט דיא געגענד ארום, איז איהם עפּעס ארייגעפאלען אין קאָפּ און ער איז באלד אראָפּגעגאנגען צו זיינע קאמעראדען.

— פריינדע, עס איז מיר איינגעפאלען צו מאכען א לייכט־טהורם אויפ׳ן פעלזען. מיר וועלען איהם אנצינדען און בעלייכטען דיא גאנצע געגענד. ביז אהער קענען מיר ארומגעהן נור ביי טאג; ווען מיר וועלען אבער האבען א לייכט־טהורם, וועלען מיר קענען ארומגעהן ביי נאכט אויך. מיר וועלען שטענדיג טרעפען דעם וועג א היים.

— וויא וועט איהר אבער מאכען א לייכט־טהורם? האט אלטאמאן געפרעגט, און מיט וואס וועט איהר איהם בעלייכטען? — דאס ערשטע איז א גרויסע לאנטערנע. וואו וועט איהר זיא נעהמען?

— פון דער „פארפאיז“, האט דער דאקטאר געענטפערט רוהיג. מיר האבען דיא גרויסע לאנטערנע פון דער שיף ניט מיטגענומען, ווייל מיר האבען ניט געוואוסט, צו וואס זיא קען אונז נוצען. מיר קענען זיא ארויפשטעלען אויף א הויפען מיט אייז און זיא וועט בעלייכטען דיא געגענד.

— אבער מיט וואס וועט איהר זיא בעלייכטען? האט אלטאמאן געפרעגט. פישאייל ברענט זעהר דונקעל, מאכען גאז פון דיא קוילען, וואס מיר האבען, טאָרען מיר ניט. מיר מוזען זיין זעהר שפארזאם מיט דיא קוילען. אלזא, מיט וואס וועט איהר זיא בעלייכטען?

— מיט עלעקטריציטעט, האט דער דאקטאר געענטפערט גלייכגילטיג. אויף דער „פא־פאיז“ איז דא גענוג מאטעריאל צו מאכען אן עלעקטרישע באטערעע. דראָהט איז אויך דא גענוג. אייער לאנדסמאן, הערר עדיסאָן, וועט מיך ניט פערקלאגען אויף שאדענערזאץ (דעמעדזשעס) ווען איך וועל בענוצען זיין פאטענט און מאכען אן עדיסאָנס לאמפע.

— בראוואָ, דאקטאר! האט אויסגערופען דזשאנסאן און האט געטאנצט פאר פרייד. איך בין זיכער, אז מיר וועלען האבען א גרויסארטיגען לייכט־טהורם (מאיאק).

אלטאמאן האט זיך געפיהלט געשמייכעלט, וואס דער דאקטאר האט דערמאנט דעם אמעריקאנער, עדיסאָן.

— מיט מיין לאנדסמאן, וועל איך מיך שוין אויסגלייכען, האט ער געזאגט. ער האט א פאטענט אויף זיינע לאמפען נור אין אלט־אמעריקא, אבער ניט אין נייא־אמעריקא.

דער דאקטאר האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט און אין דרייא שטונדען ארום איז אלעס געווען פערטיג. בעלל האט אויסגעהאקט פיערעקיגע שטיקער אייז, און האט פון זיי געמאכט א זייל צעה, פוס דיא הויך. אויף דיעזען זייל האט דער דאקטאר ארויפגעשטעלט דיא גרויסע לאנטערנע פון דער „פארפאיז“. פון דער לאנטערנע האט ער געצויגען צוויא דראָטהען ביז אין שטוב אריין, דאָרט האט ער זיי פעראייניגט מיט דער עלעקטרישער באטערעע און דער לייכט־טהורם איז געווען פערטיג.

ער האט קוים דערלעבט, עס זאל פינסטער ווערן אום צו זעהן, וויא אזוי זיין באטערעע וועט ווירקען. וויא גרויס איז געווען זייער פרייד, ווען עס איז פינסטער גע־וואָרען און דער דאקטאר האט אנגעשטעלט זיין באטערעע. א שעהנעס, העלעס, קלארעס, עלעקטרישעס ליכט האט בעלייכטעט דיא גאנצע געגענד ארום. דא האבען זיי זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען און אלע האבען אויסגערופען מיט איין מאל:

— דאקטאר! איהר האט א גוטען קאָפּ! איהר זייט א זשעני!

— ניין, פריינדע, האט דער דאקטאר געענטפערט בעשיידען. איך בין א מענש גלייך, וויא איהר. איך האב נור עטוואס מעהר געלעזען פון אייך, עטוואס מעהר גע־לערענט פון אייך.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה, זיינען זיי ארויסגעגאנגען אויף דער יאגד. עס איז געוועזן שטארק קאלט. דיא גאנצע געגענד ארום איז געוועזן בעדעקט מיט אייז און שנעע. דיא בוכטע וויקטאריא איז נאך געוועזן שטארק פערפראָרען, מען האט אבער אין איינינע ערטער געפונען לעכער אין אייז. דאס האבען געמאכט דיא זעע הינט. זיי מוזען אטהעמען און ברעכען דורך דאס אייז מיט זייערע קעפּ אום צו אטהעמען פרישע לופט. ביז אהער פלעגען דיא לעכער זיין זעלטען. יעצט האט מען זיי געטראָפען גאנץ אָפט. דאס איז א בעוויז, אז עס זיינען פון ערגעץ אנגעקומען זעע הינט. זיי פיהלען, אז דער זומער קומט אן און זיי וועלען דא אין דער בוכטע זיכער זיין פון זייערע פער־פאָלגער דיא מענשען.

— מיר וועלען קענען פאנגען זעהר פיעל זעע הינט, האט דער דאקטאר געזאגט. זיי האבען נאך קיין מאל קיין מענשען ניט געזעהן און האבען פאר איהם קיין מורא ניט. אין דיא געגענדען, וואו עס קומען אָפט מענשען זיי חאפּען, זיינען זיי געוואָרען זעהר פאָרזיכטיג. זיי האבען דערקענט, אז דער מענש איז זייער טאָד־פיינד.

— צו וואס פאנגט מען זיי? האט דשאנסאן געפרעגט.

זייט ער איז מעהר בעקאנט געווארען מיט'ן דאקטאר, האט זיך אין איהם דער־וועקט דיא לוסט צו לערנען און צו וויסען.

— דיא אייראפּעער פאנגען דיא זעע הינט אום צו בעקומען זעע פעל, וועלכע האט אין אייראפּא און אמעריקא א גרויסען ווערטה. אן אמעריקאנער ליידי וועט פערקויפען איהר לעצטעס שטיק מעבעל פון שטוב אום צו קויפען א דשעקעט פון „סילסקין“.—דיא עסקימאָסען פאנגען דיא זעע הינט אום זיי צו עסען. א שטיק פלייש פון א זעע הונד, איינגעטונקט אין פישטראָהן און בלוט, איז ביים עסקימאָס א דעליקאטעסע. דאס בעסטע עסען, וואס עס קען נור זיין אויף דער וועלט.

— איך האב פּראָבירט עסען דאס פלייש פון א זעע הונד און האב דערנאך גע־בראָכען מיט דער גרינער גאל האט דשאנסאן געזאגט.

— יא פריינד, מען מוז האבען א מאָגען פון אן עסקימאָס אום צו עסען זעע הונד פלייש. ווייסט דוא, וויא פיעל אן עסקימאָס קען אויפעסען א טאג? — צעהן ביז פונפצעהן פונט פלייש. זייער מאגען קען זיך אויסציעהען, ווען זיי ווילען און זיך צוזאמען ציעהען, ווען זיי ווילען. ווען זיי האבען ניט וואס צו פרעסען, קענען זיי פאַסטען עטליכע טעג בסדר און עס הארט זיי ניט. זיי ווערן נור גאנץ דין. דער מאגען ציעהט זיך צונויף, גלייך וויא ער וואָלט געוועזן פון קויטשוק. ווען ער זעצט זיך פרעסען און לעגט אריין אין בויך פונפצעהן פונט פלייש מיט א פּאָר פונט פישטראָהן, ווערט ער גראָב און קייליכדיג, אז עס איז איהם שווער צו דערקענען, אז דאס איז דער זעלבער דינער עסקימאָס, וויא ער איז געוועזן פארן עסען.

— איז עס נור אין דיא קאלטע געגענדען, וואס דיא מענשען זיינען אזעלכע פרעסער? האט דשאנסאן געפרעגט. אדער זיינען אלע ווילדע מענשען גרויסע פרעסער?

איך האב געהערט, אז דיא ווילדע נעגער אין אפריקא עסען אויך זעהר פיעל.

— אלע ווילדע מענשען פרעסען זעהר פיעל, האט דער דאקטאר געענטפערט. עס איז אבער א גרויסער אונטערשיעד צווישען דיא הייסע און דיא קאלטע לענדער. אין דיא הייסע לענדער קען זיך דער מענש בעגניגען מיט וועניג. דער ענגלענדער, וואס וואָינט אין אינדיען עסט זעהר וועניג און זעהר זעלטען פלייש. אין דיא קאלטע לענדער אבער מ ו ז דער מענש עסען זעהר פיעל פלייש און פעטס, אנדערש קען ער ניט לעבען. דער ענגלישער סאָלדאט בעקומט צוויי פונט פלייש א טאג און איז זאט, דער ארבייטער ביי דער הודזאָן קאָמפּאני בעקומט 8 פונט פלייש א טאָג, אדער 12 פונט פיש, אדער 8 פונט פעמיקאָם און בלייבט דערביי א מאל הונגעריג.

— איך שטעל מיר פאָר, וויא אזוי א מענש קען דערנאך ארבייטען, ווען ער עסט אויף אכט פונט פלייש א טאג.

— האָסט א טעות, ליעבער דשאנסאן. דער ארבייטער פון דער הודזאָן־ביי קאָמפּאני ארבייט ניט מעהר, וויא אן אנדער ארבייטער אין לאָנדאָן. ער ווערט ניט שטאַרקער דערפון, וואס ער עסט פיעל פלייש, ווייל אין דיא קאלטע געגענדען מוז דער מענש עסען פיעל פלייש, זאָנסט קען ער ניט לעבען. בעמערקענסווירדיג איז נור דער עסקימאָס אין דיעזער בעציעהונג, וואס ער עסט שוין גאר צו פיעל. דער קאפּיטאן דשאן ראָסס דערצעהלט, אז ער איז געווען העכסט איבערראשט צו זעהן, וויא צוויי עסקימאסען, א מאן מיט א פרוי האבען אויף איין מאל אויפגעגעסען א פערטעל פון א בופעלאָקס. זיי האבען צושניטען דאס פלייש אויף לאַנגע פּאַסען, האבען זיך אניעדערגעלעגט אויף דער ערד און האבען עס אויפגעגעסען. ענטוועדער יעדער האט גענומען א פּאַס פלייש פאר זיך אדער ביידע האבען גענומען א י י ן פּאַס און יעדער האט איהם געשלונגען פון זיין זייט, ביז זייערע מיילער האבען זיך בעריהרט.

— פעה! דיא ווילדע מענשען! אבשייליך! האט דשאנסאן אויסגערופען.

— ליעבער פריינד, דוא דאַרפסט אויף זיי ניט ברוגז זיין, האט דער דאקטאר געזאגט. יעדער מעג זיך עסען זיין מיטאג, וויא ער וויל. — אבער וואס איז דאס? האט ער פּלוצלונג אויסגערופען און האט געוויזען אויף א שווארצע זאך, וועלכעס האט זיך געזעגט צו ווישען אייז. דאס איז א זעע הונד.

— ניין, דאס איז א וואלראָס, האט דשאנסאן געענטפערט.

א וואלראָס איז אויך א מין זעע הונד, ער איז אבער פיעל גרעסער פון איהם און פון מויל שטעקען איהם ארויס צוויי לאנגע צעהנער, וויא ביי אן עלעפאנט. דיעזע צעהנער ווערן זעהר געשעצט פון דיא אייראָפּעער. זיי זיינען אזוי גוט, וויא עלפענביין און מען מאכט פון זיי פיעל טהייערע זאכען, וויא הענטעלעך צו שטעקענס, פּאָכערס, קוגעלן פון א ביליארד, פיגורען פון שאך, קליינע נאָטיץ־ביכלעך און אנדערע לוקסוס ארטיקעל. כמעט אלע ארטיקלען פון עלפענ־ביין, וואס ווערן פערקויפט אין דיא מאגא־זינען, זיינען געמאכט נור פון דיא צעהנער פון וואלראָס.

לאנגזאם און פאָרזיכטיג זיינען אונזערע יעגער צוגעקראָכען צום וואלראס און האבען אויף איהם אויסגעשאָסען. דער וואלראָס האט זיך איבערגעקעהרט און איז גע־בליבען טויט. זיי האבען איהם געטראָפען אין קאָפּ. זיי זיינען צוגעגאנגען און האבען

איהם בעטראכט. דאס איז געווען א גראָסארטיגעס טהיער. ער איז געווען פונפצען פוס דיא לענג און האט געוואויגען עטליכע הונדערט פונט. יעצט האט זיך געשטעלט דיא פראגע: וויא אזוי זאלען זיי איהם ברענגען א היים?

עס איז ביי זיי געבליעבען, זיי זאלען אויסשניידען פון איהם נור דיא טהיילע פון זיין קערפער, וועלכע מען קען עסען און זאָלען עס מיטנעהמען א היים. דעם רעסט זאלען זיי לאזען אויף מאָרגען ווען אלע פינף וועלען קומען און איהם צו נעהמען, ווען דיא ווייסע בערן וועלען איהם ניט אויפפרעסען ביי נאַכט.

אונטערדעסען איז געוואָרען פינסטער. מען האט געמוזט געהן א היים. דא האט זיך אנגעהויבען א שוועריגקייט. זיי זיינען אזוי פערקראָכען צווישען דיא אייז־פעלזען, אז זיי האבען פערלאָרען דעם וועג און האבען ניט געוואוסט וואוהין צו געהן דשאנסאן האט שוין געוואָלט מאכען א שטיבעלע פון שנעע און דא איבערנעכטיגען. דער דאקטאר אבער איז ארויפגעקלעטערט אויף אן אייזבערג, האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט אויסגערופען:

— אונזער לייכט־טהורם! אט איז אונזער לייכט־טהורם! יעצט ווייס איך שוין, וויא אזוי צו געהן א היים!

אין א פּאָר שטונדען ארום זיינען זיי געווען אין דער היים, וואו זייערע קאמעראדען האבען אויף זיי געווארט מיט אונגעדולד. זיי זיינען געווען העכסט ענטציקט צו געפינען א ווארעמע שטוב מיט א הייסען אויווען. אין דרויסען איז דיא קעלט געווען שרעקליך.

דער דאקטאר האט פון זיך אראָפּגעוואָרפען זיינע יעגער קליידער און איז געוואָען א קאָך. ער האט געקאָכט און געבראטען שטיקער פלייש פון'ם וואלראָס. באלד איז געשטאנען א גרויסארטיגער סאפער אופ'ן טיש און אלע פינף האבען זיך גענומען צום עסען.

— איהר מעגט מיך האלטען פאר אן עסקימאָס, האט דשאנסאן געזאגט, איך געפין דאָך, אז עסען איז זעהר א גוטע זאך, בעזאָנדערס אין דיעזע געגענדען. אין אזא שרעקליכער קעלט, וויא מיר האבען יעצט אין דרויסען, מוז דער בויך זיין אנגעשטאָפּט מיט שמאַלץ.

אלע זיינען געווען מיט איהם איינפערשטאנען. אלע זיינען געווען אזוי בעשעפטיגט מיט'ן עסען, אז קיינער האט איהם קיין וואָרט ניט געענטפערט. נאכ'ן עסען האט דער דאקטאר אויפגעגעבען קאפע. זיך האט ער גענומען צום לעצט'ן. זיין קאפע איז געווען נור וואס פון פייער און שרעקליך הייס. ווען ער האט געוואָלט צולעגען דיא ליפּען צום קאפע, האט אלטאמאן איהם געזאגט:

— דאקטאר! איהר וועט זיך אָפּבריהען, אייער קאפע איז צו הייס.

— איך? קיין מאל ניט! האט דער דאקטאר געלאַכט און האט געזופּט דעם קאָכענדיגען קאפע.

— אייער מויל, דאקטאר, איז אויסגעפלאסטערט מיט קופּער, האט דשאנסאן געלאַכט, ווען איהר קענט טרינקען אזא הייסען קאפע.

— איך האב א מויל, וויא אלע מענשען, האט דער דאקטאר געזאגט ערנסט. עס זיינען דא מענשען, און איך בין איינער פון זיי, וועלכע קענען טרינקען וואסער, וואס האלט 131 גראד היץ.

— 131 גראד היץ? האט זיך אלטאמאן געוואונדערט, דיא האנד פון'ם מענשען קען דאך אזא היץ ניט אויסהאלטען?

— איהר האט רעכט, אלטאמאן, דיא האנד קען ניט אויסהאלטען מעהר וויא 122 גראד היץ. דיא צונג און דער גומען אבער זיינען שטארקער און קענען אויסהאלטען א גרעסערע היץ.

— איך זאג אייך דיא וואהרהייט, דאקטאר, איך גלויב אייך ניט, האט אלטאמאן געזאגט.

— איך וועל עס אייך באלד בעווייזען, האט דער דאקטאר געענטפערט.

ער האט גענומען זיין שאל קאפע, האט עס צוגעשטעלט צום פייער און האט אריינגעשטעלט אין'ם קאפע א טהערמאמעטער. ווען דער טהערמאמעטער האט געוויזען 131 גראד, האט ער גענומען דיא שאל און האט זיא אויסגעטרונקען גאנץ רוהיג. בעלל האט איהם געוואלט נאכטהאן און האט זיך אפגעבריהט דיא צונג.

— דוא ביסט ניט געוואָינט דערצו, בעלל, האט דער דאקטאר געזאגט. מען מוז בּיסלעכווייז זיך געוועהנען צו טרינקען הייסעס.

— איהר האט מיך פעראינטערעסירט, דאקטאר, מיט אייערע ערקלערונגען, האט אלטאמאן געזאגט. קענט איהר מיר זאגען, וועלכע איז דיא העכסטע טעמפעראטור, וואס דער מענשליכער קערפער קען אויסהאלטען?

— איך קען עס אייך זאגען. דיא וויסענשאפט, אדער ריכטיגער געזאגט, דיא געלערנטע האבען געמאכט פיעלע פראָבען אין דיעזער בעציעהונג. אין דער שטאדט ראשפוקא, אין פראנקרייך, זיינען געווען צוויא דיענסטמעדכען, וועלכע פלעגען קענען אוועקשטעהן צעהן מינוט אין א בעקער אויווען, ווען ער איז געווען אזוי הייס, אז ער האט געהאט א טעמפעראטור פון 300 גראד היץ און קארטאָפעל און פלייש האבען זיך געקאָכט און געבראטען אין אויוען. דיא מעדכען זיינען זיך גאנץ רוהיג געשטאנען און עס האט זיי גאר ניט געשאדעט.

— וואס פאר א גיהנם קען מען שוין אויסטראכטען פאר א זעלכע מעדכען? האט אלטאמאן געשפאסט.

— עס זיינען דא נאך אנדערער ביישפיעלע פון אונזערע ענגלענדער, האט דער דאקטאר ווייטער געזאגט. לארד סיפארד, קאפיטאן פיליפס, יום, בענקס און סאלענדער זיינען געשטאנען אין אן אויווען, וואו דיא טעמפעראטור האט געהאלטען 200 גראד און עס האט זיי ניט געשאדעט. איך וועל נאך פון א זאנדערבארען פאקט. איך וואלט איהם ניט געגלויבט, ווען עס זאל איהם ניט בעשריעבען א געלערנטער, וועלכען מען מעג גלויבען. דער פירסט פון ראגוזא און דאקטאר יונג, ביידע מיטגליעדער פון דער עסטעררייכישער געזאנדשאפט אין קאנסטאנטינאפאל. האבען געזעהן, א טערק, וועלכער איז אריינגעשפרונגען אין א וואנע פון 170 גראד היץ.

— 170 גראד היץ איז דאך קיין וואונדער ניט? האט אלטאמאן געפרעגט, ווען

דיא מעדכען אין ראָשפוקאָ האבען אויסגעהאַלטען 300 גראַד היץ.

— איהר האט א טעות, פריינד אלטאמאן. עס איז א גרויסער אונטערשיעד צווישען הייסע לופט און הייסע וואַסער. איך האב אייך דערצעהלט, אז דיא מעדכען זיינען געשטאַנען אין אן אויוועָן, וואו עס איז געוועזען 300 גראַד היץ. אלזא, איז דאָרט דיא לופט געוועזען הייס. ווען דיא לופט איז הייס, שוויצט דער מענש. דער שוויים שיצט איהם פאר דיא היץ. הייסעס וואסער אבער בריהט דעם קערפער. נעהט אין א רוסי־שעס שוויצבאַד, דאָרט טרעפט איהר זעהר אָפט א טעמפעראַטור פון 180 ביז 200 גראַד אויף דער אויבערשטער באַנק און מענשען ערטראַגען עס גאַנץ רוהיג. דיזעלבע מענשען, וועלען ניט איבערטראַגען קיין וואַסער פון 125 גראַד היץ. דיא העכסטע טעמ־פעראַטור פון א וואַנע איז 107 גראַד; ווען זיא איז הייסער, בריהט זיא שוין. דער טערק, וועלכען דאקטאר יונג האט געזעהן זיך אריינוואַרפען אין א וואַנע פון 170 גראַד היץ, איז געווים געוועזען א זאָנדערבאַרער קערל.

— וואס פאר א טעמפעראַטור האט דער קערפער פון מענשען און פון חיות? האט דשאַנסאַן געפרעגט.

— דיא טעמפעראַטור פון'ם קערפער פון חיות און מענשען איז זעהר פערשיעדען, האט דער דאקטאר געענטפערט. דער קערפער פון פייגעל האט דיא העכסטע טעמפע־ראַטור, בעזאָנדערס דיא הוהן און דיא ענטע. דאַן קומען דיא חיות און צו לעצט דער מענש. דיא געוועהנליכע טעמפעראַטור פון'ם מענשליכען קערפער, זאָגיעל איך ווייס ביי אונז ענגלענדער, איז 101 גראַד. ווען דער מענש איז קראַנק, ווערט דיא טעמפעראַטור העכער. מעהר פון 105 גראַד קען דער מענש ניט אויסהאַלטען, ער שטאַרבט.

— הערר אלטאמאן וועט געווים זאָגען, אז דיא אמעריקאַנער האבען א העכערע טעמפעראַטור פון דיא ענגלענדער, האט דשאַנסאַן געשפּאַסט.

— איך וואָלט עס געווים געזאָגט, האט אלטאמאן געענטפערט. לײדער, האב איך קיין מאל ניט פּראָבירט אונטער צוזוכען מיינע לאַנדסלייטע מיט א טהערמאָמעטער.

— עס איז קיין אונטערשיעד אין דער טעמפעראַטור צווישען דיא מענשען, האט דער דאקטאר ווייטער געזאָגט. דער נעגער אין הייסען אפריקא האט דיא זעלבע טעמ־פעראַטור, וואס דער עסקימאָס פון'ם קאַלטען נאָרד־פּאָל. דער עלעפאַנט, דאס פערד, דער האָז און דער טיגער האבען דיעזעלבע טעמפעראַטור, וואס דער מענש. דער אָקס, דער הונד, דיא קאַץ און דיא ציעג האבען א טעמפעראַטור פון 103 גראַד. דער שוויין האט א טעמפעראַטור פון 104 גראַד. דאַן קומען דיא שלענג, וועלכע האבען א טעמ־פעראַטור פון 86 גראַד. דיא פיש האבען א טעמפעראַטור פון 70 גראַד.

— איך פערשטעה ניט, וואס איהר טהוט, מיינע העררן, האט געזאָגט קאפּיטאַן האטטעראס, וועלכער האט ביז אהער געשוויעגען. וואס רעדט איהר פון היץ? ווילען מיר דען פאָהרען קיין אפריקא? מיר זיינען דאָך אין א קאַלטער געגענד, דאַרפען מיר רעדען פון קעלט, ניט פון היץ. דערצעהלט אונז בעסער עפּעס פון קעלט, דאקטאר. דאס קען אונז ניכער צוניץ קומען.

— אין דיעזער בעציעהונג קען איך אייך נור דערצעהלען פון קאַלטע ווינטערן, האט דער דאקטאר געזאָגט. אין 1408 איז דיא דאָנוי אין גאַנצען פערפראָרען געוואָרען.

אין 1509 איז דאס מיטעללענדישע מעער פערפראָרען געוואָרען ביי װענעדיג און מארסייל. דאס באַלטישע מעער איז געװען שטאַרק פערפראָרען נאָך דעם 10טען אפּריל. אין 1608 איז דיא טעמזע פערפראָרען געװאָרען. דער װינטער פון 1813 איז געװען איינער פון דיא קאַלטעסטע און שטרענגסטע. עס איז גאר קיין װאונדער, װאס נאפּאָלעאָן'ס ארמעע איז אויסגעפראָרען געװאָרען אין רוסלאַנד. א לאַנגער און שרעקליך קאַלטער װינטער איז געװען אין 1829.

— איך װאָלט געװאָלט װיסען, װיא שטרענג איז דיא קעלט דא ארום נאָרד־פּאָל האט אלטאמאַן געזאגט.

— דיא רייזענדע אויפ'ן אייז־מעער, האט דער דאקטאר געענטפערט, האבען אויפגעצייכענט א טעמפּעראַטור פון 61 גראַד קעלט אין מעלװיל'ס־לאַנד, 35 גראד קעלט אין פּאָרט פעליקס און 70 גראַד קעלט אין פּאָרט רעליאַנס. מיר אליין האבען אויס־געהאַלטען א טעמפּעראַטור פון 72 גראַד קעלט.

— דאס איז געװען אונזער אונגליק, האט האטטעראס געזאגט. דער היינטיגער װינטער איז בעזאָנדערס קאַלט אין דיעזע געגענדען, דערפאַר האבען מיר ניט געקענט דערגרייכען אונזער ציעל.

— אבער, מיינע הערען! האט אויסגערופען דער דאקטאר, איהר שעפּט דאָך מיך אויס! איהר פּאַרשט אויס ביי מיר אלע מיינע קענטניסע. װאס װעט מיר בלייבען? — גענוג! מעהר זאג איך אייך ניט. לאמיר געהן שלאָפען.

21טעם קאפּיטעל.

פריהלינג לעבען נאָרד־פּאָל.

װאָינען לעבען נאָרד־פּאָל איז קיין גרויס פערגניגען. עס איז געװען איז דער מיטע פון'ם מאָנאט אפּריל און דענאָך איז דאָרט געװעזען אזוי קאַלט, אז קװעקזילבער איז פערפראָרען געװאָרען. דעם אנדערען טאג נאָך דיא יאגד פון'ם דאקטאר מיט דשאנסאָן האט זיך אויפגעהויבען א שטאַרקער װינד און עס איז געװאָרען א שרעקליכער שנעע־שטורם (זאװערוכא), װעלכער האט געדויערט עטליכע טעג. עס איז געװען אונמעגליך ארויסצוגעהן אין דרויסען. אונזערע רייזענדע האבען אנגעהויבען זיך צו לאַנגװיילען. זיי האבען זיך ניט געקענט נעהמען צו קיין שום ארבייט, זיי האבען ניט געהאַט קיין שום בעשעפטיגונגען. עסען, טרינקען און שלאָפען װערט דאך ענדליך נמאס. קיינער אבער האט ניט געפיהלט אזוי שטאַרק דיא לאַנגװיילע, װיא דער דאקטאר. ער האט זיך געמאַכט פּלאַנען: ער װעט געהן, ער װעט זוכען, ער װעט גראבען, ער װעט לערנען און פּלוצלונג — מוז ער זיצען פערשפּאַרט אין פיער װענט. שוין דעם אנדערען טאג האט ער זיך אזוי געלאַנגװיילט. אז ער האט אויסגערופען:

— ניין! אזוי טויג ניט! זיצען דורך דיא טעג מיט דיא הענד אין דיא קעשינעס און קוקען איינער אויפ'ן אנדערען איז קיין פּלאַן ניט. מיר מוזען זיך זוכען א בעשעפטיגונג.

— װאס זאָלען מיר אבער טהאָן? האט אַלטאמאַן געפרעגט.

— לאמיר ארויסגעבען א צייטונג, האט דער דאקטאר געזאגט. װען דער קאפּיטאן פּאררי האט אין 1828 איבערגעװינטערט אין דיעזע געגענדען, האט ער אויף זיין שיף

ארויסגעגעבען א צייטונג מיט'ן נאמען „דיא ווינטער צייטונג". דיא אפיציערען זיינען געוועזען דיא רעדאקטאָרען פון דער צייטונג און דיא מאטראזען האבען זיא געלעזען.

— איהר האט באלד רעכט, האט אלטאמאן געזאגט. מיר קענען ארויסגעבען א צייטונג. מיר דארפען ניט קיין זעצערס, קיין שריפט און קיין דרוק. מיר זיינען פינף מענשען, פאר אונז וועט גענוג זיין א י י ן נומער, וועלכע מיר וועלען אנשרייבען. צוואר וועט עס זיין א זאָנדערבארע צייטונג, דיא איינציגע אין דער גאנצער וועלט, וועלכע ווערט ניט געדרוקט און ניט געלעזען, אבער א צייטונג וועט עס דאך זיין. עס בלייבט אונז נור צו בעשליעסען, וויא זיא זאל הייסען.

— מען קען זיא רופען: „דער פראָסט", „דאס אייז־מעער", „דיא פארפראָרענע", „דיא פערשנייטע", אדער „דיא שנעע־צייטונג", האט דשאנסאן געזאגט.

— בראוואָ ד'שאנסאן! האט דער דאקטאר אויסגערופען. איך בין זיכער, אז דוא וועסט אונז אויך אנשרייבען א פאר ארטיקעל פאר אונזער צייטונג. קאפיטאן פאררי שרייבט אין זיין טאָגעבעך:

„קוים האט מען געמעלדעט דיא מאטראָזען, אז מען וועט ארויסגעבען א צייטונג, „זיינען זיי אלע לעבעדיג געוואָרען. זיי האבען זיך אזוי פעראינטערעסירט, אז יעדער, וואס „האט נור געקענט אנשרייבען א פאר ווערטער, האט געזוכט צו בעקומען טינט און „פעדער און האט פראָבירט צו שרייבען אן ארטיקעל פאר דיא צייטונג. עס זיינען „פאָרגעקומען אזעלכע קאָמישע ארטיקעל, אז מען האט זיך געהאלטען ביי דיא זייטען „פאר געלעכטער. פאפיער איז אזוי געשטיענגען אין פרייז, אז מען האט געצאהלט דריי „פענס א בויגען פאפיער. טינט און פעדערן זיינען אויך שטארק טהייער געוואָרען. „דאמאלס פלעגט מען שרייבען מיט געניזענע פעדערן און עס האט זיך אנגעהויבען אן „ארבייט צופערשניצען פעדערן. איין מאטראָז פלעגט אויסבאָרגען ביים אנדערן א פעדער „און ווען ער פלעגט ניט קריגען צו באָרגען, פלעגט ער קויפען. יעדער האט געוואָלט, „אז זיין נאמען זאל זיין אין דער צייטונג".

גאנצע צוויי מאנאטע האט קאפיטאן פאררי בעשעפטיגט זיינע מענשען מיט דער צייטונג. ער האט זיי דאדורך גערעטעט פון דער ערנסטען קראַנקהייט אויף דער וועלט— דיא לאַנגוויילע. ווען דאס פיעבער פון דער צייטונג איז פאָראיבער געגאנגען און דיא מאטראזען האבען צוביסלעכוויים אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירען אין איהר. האט ער אויסגעזוכט פון זייערטוועגען אנאנדערע בעשעפטיגונג. ער האט פעראנשטאלטעט א טהעאטער.

— קיין טהעאטער קענען מיר ניט פעראנשטאלטען, האט דשאנסאן געזאגט, וויל מיר האבען ניט קיין פובליקום. קאפיטאן פאררי האט געהאט אכט און דרייסיג מאן מיט זיך. אייניגע האבען געשפיעלט טהעאטער און דיא איבעריגע זיינען געוועזען צוּ שויער. מיר אבער זיינען נור פינף מענשען און וועלען גאר קיין פובליקום ניט האבען. איך רעד שוין ניט דערפון, אז דער אונטערנעהמער פון'ם טהעאטער וועט מאכען א שלעכט געשעפט, דאס איז געוויס. דיא אקטערע אליין וועלען זיך אבער לאַנגוויילען, ווען קיינער וועט זיי ניט הערן.

— אלזא, בלייבט עס, מיר גיעבען ארויס א צייטונג, האט דער דאקטאר געזאגט.

יעדער זאל שרייבען א בעזונדערן ארטיקעל פאר זיך, דערנאך וועלען מיר אלע ארטיקעל צוזאמען שטעלען און מיר וועלען זיי פארלעזען.

— מיך, דאקטאר, בעפרייט פון אזא ארבייט, האט בעלל געזאגט. איך האב קיין מאל ניט געשריעבען אין קיין צייטונג. איך בין א גרעסערער בריה מיט דער האק אלס מיט דער פעדער. איך וועל זיין איין איינציגער לעזער.

עס איז געבליעבען, אז בעלל'ן זאל מען בעפרייען פון ארטיקלען שרייבען. דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז ערשיענען דיא ערשטע נומער פון דער צייטונג. דער ערשטער ארטיקעל האט געהייסען:

„ווינטער פערגעניגען אין דער געגענד פון'ם נארד־פאל".

„מען געהט ארויס אין דער פריה מיט א גוטען פארראטה (זאפאס) פון פריש ברויט און ווען מען ווערט מיעד און מען זעצט זיך עסען, געפינט מען, אז דאס ברויט איז אזוי פערפרער־ען, אז מען קען עס מיט קיין האק ניט צוהאקען.

„מען קומט א היים מיעד און מאט און מען זעצט זיך טרינקען א ווארעמע גלאז טהעע. פלוצלונג הערט מען דיא טריט פון א בער אין דרויסען. מען חאפט דיא ביקס און מען לויפט ארויס. דער בער האט זיך דערשראקען און איז אנטלאפען. ווען מען קומט צוריק, געפינט מען אנשטאט דעם ווארעמען טהעע א קאלט שטיקעל אייז אין גלאז".

„מען געהט ארויס שפאציערען. דאס וועטער איז שעהן. מען געהט פערטראכט. מען קוקט זיך אום און מען זעהט — א גרויסער בער שטעהט לעבען אייך אויף דיא הינטערסטע פיס.

דיעזען ארטיקעל האט דשאנסאן געשריעבען. דער דאקטאר האט געשריעבען א וויסענשאפטליכען ארטיקעל, אלטאמאן — א רייזע בעשרייבונג און קאפיטאן האט־טעראס האט אנגעשריעבען אן ארטיקעל איבערן נארד־פאל.

דער שנעע־שטורם האט געדויערט גאנצע אכט טאג, אין וועלכע עס איז געוועזען אונמעגליך ארויסצוגעהן אויף א מינוט אין דרויסען. דעם 26טען אפריל איז געוועזען אזא שטארקע קעלט, אז אלע האבען געמוזט זיצען ארום אויווען און ווארעמען זיך. דעם אנדערן טאג האט דער שנעע־שטורם אויפגעהערט. יעצט האט זיך אנגעהויבען א נייע ארבייט. מען האט געמוזט אוועקשארען דעם שנעע, זאנסט איז געוועזען אונמעגליך ארויסצוגעהן פון הויז. אין דיעזע אכט טאג איז אנגעפאלען אזוי פיעל שנעע, אז דער פעלזען, לעבען וועלכען דאס הויז איז געשטאנען און זייער הויז זיינען געוועזען א יי ן בארג שנעע. אלע פינף האבען געארבייט א גאנצען טאג זעהר שווער, איידער זיי האבען אויסגעשניטען א וועג אין שנעע און אביסעל ארא̈פגעשארט דעם שנעע פון'ם דאך. אזא גרויסע משא שנעע האט געקענט איינברעכען דעם דאך פון זייער הויז. אין דיעזע אכט טאג האט זיך ביי זיי אויסגעלאזען דאס פרישע פלייש און דער דאקטאר האט מורא געהאט, זיי זאלען ניט בעקומען דעם סקארבוט. ער האט זיי דאהער אויפגעפאדערט, אז דעם אנדערן טאג זאלען זיי אלע געהן אויף דער יאגד, זוכען ערגעץ פריש פלייש.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה זיינען אלע ארויסגעגאנגען אויף דער יאגד. דיא גאנצע געגענד ארום, וויא ווייט דאס אויג האט נור געקענט זעהן, איז געוועזען בעדעקט מיט א טיעפען שנעע. קוים זיינען זיי אבער אוועקגעגאנגען עטליכע הונדערט טריט פון

"פולמאן־הויז", האבען זיי דערזעהן אויפ'ן שנעע דיא טריט פון בערן. איינינע מינוטען האבען זיי בעטראכט דיא שפורען שווייגענד, דאן האט דער דאקטאר געזאגט:

— עס איז דייטליך גענוג, אז דאס זיינען שפורען פון בערן. אלזא, לאמיר זיי אויפזוכען און זיך אנגרייטען פריש פלייש. זייט איך בין אויפ'ן אייז־מעער, האב איך ליעב בעקומען בערן־פלייש.

— יא, פריינד, האט אלטאמאן געזאגט, בערן-פלייש איז געוויס ניט שלעכט, נור איין זאך טויג ניט. עס איז צופיעל דא.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין, אז נאך דיא טריט אויפ'ן שנעע קען מען זעהן, אז דא זיינען גע־גאנגען פינף בערן. קוקט אייך צו, וועט איהר זעהן, אז איך האב רעכט. פינף בערן אויף פינף מענשען איז צופיעל. עס האט אכט טאג געשנעעט. אין דער גאנצער צייט האבען זיי ניט געהאט וואס צו עסען און זיינען שרעקליך הונגעריג, דאס הייסט זעהר געפעהרליך.

— מיר שיינט, האט דשאנסאן געזאגט, אז ניט מיר מאכען יאגד אויף דיא בערן, זאָנדערן דיא בערן מאכען יאגד אויף אונז. זיי האבען דערשמעקט אונזער וואָינונג און וועלען אויף אונז אנפאלען.

— פון וואנען נעהמסט דוא דאס, דשאנסאן? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— קוקט אייך גוט צו זייערע טריט, וועט איהר זעהן, אז זיי זיינען ארומגעגאנגען ארום "פולמאנ'ס־הויז". זיי האבען געמאכט א וויזיט צו דער "פארפאיז" און האבען דאָרט ניט געטראָפען, וואס זיי האבען בעדארפט, זיינען זיי געגאנגען וויטער צו "פולמאן־הויז".

— אבער פארוואס זיינען זיי ניט אנגעפאלען אויף אונז? האט בעלל געפרעגט. דער דאקטאר האט דאך אונז דערצעהלט, אז דיא ווייסע בערן האבען א שטארקען חוש הריח און זיינען זעהר קלוג, פאסט קליגער פון אלע אנדערע חיות. וויא קומט עס, וואס זיי האבען אונז צו רוה געלאזען?

— דאס ווייס איך ניט, האט דער דאקטאר געענטפערט. אלענפאלס, מוזען מיר זיין זעהר פאָרזיכטיג. מיר מוזען זיך איבערצייגען, וואס זיי דענקען צו טהאן.

— וויא אזוי וועט איהר זיך איבערצייגען? האט אלטאמאן גרפרעגט.

— גאנץ איינפאך, מיר וועלען פערשאררען זייערע טריט אין שנעע. מאָרגען וועלען מיר זעהן. ווען מיר וועלען וויטער געפינען טריט, איז דאס דער בעסטער בעווייז, אז זיי היטען אונז אָפּ און וועלען ניט אפטרעטען, ביז מיר וועלען זיי טייטען, אדער זיי וועלען אונז אויפפרעסען. איך האב זעהר פיעל געלעזען איבער דיא ווייסע בערן און ווייס, אז קוים דערשמעקען זיי עפּעס, וואס זיי קענען עסען, וועלען זיי שוין ניט אָפּטרעטען, ביז זיי בעקומען עס.

זיי האבען פערשאררט אלע שפורען פון דיא בערן, זיינען ארומגעגאנגען נאך איינינע צייט, האבען גאר ניט געפונען און האבען זיך אומגעקעהרט א היים. דעם אנדערען טאג אין דער פריה זיינען זיי ארויסגעגאנגען און האבען געפונען וויעדער שפורען פון בערן טריט, אבער פיעל נעהנטער צו זייער הויז.

— עס איז דייטליך, האט אלטמאן געזאגט, אז דיא בערן האבען בעשלאָסען אונז צו בעלאגערן. זיי האבען מורא אויף אונז אנצופאלען, ווייל זיי ווייסען נים, וויא פיעל מיר זיינען.

— אבער וואו זיינען זיי? האט בעלל געפרעגט. איך זעה נור זייערע שפורען, וואו זיינען דיא בערן אליין?

— זיי שטעהן ערגעץ אויף דיא איידבערג און היטען אונז, האט דער דאקטאר געענטפערט. מיר זעהן זיי ניט, ווייל זיי זיינען גאנץ ווייס, וויא דער שנעע ארום. זיי האבען אבער בעסערע אויגען פון אונז און ניבען אויף אונז גוט אכטונג. מיר מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג. זיי קענען אויף אונז פלוצלונג אנפאלען און ווער ווייס, ווער עס וועט זיין דער שטאַרקערער!

— אלזא, וועלען מיר היינט שוין ניט געהן אויף דער יאגד? האט דשאנסאן געפרעגט. מיר האבען שוין קיין פריש פלייש ניט.

— עס וועט גאר ניט העלפען, האט דער דאקטאר געזאגט טרויעריג, מיר קענען ניט לאזען אונזער הויז אליין. דיא בערן וועלען דארויף אנפאלען און פערניכטען אלעס, וואס זיי וועלען דאָרט געפינען. זאלען צוויי בלייבען אין הויז און דריי זאלען געהן אויף דיא יאגד, איז זעהר געפעהרליך. פינף בערן קענען זעהר לייכט אנפאלען אויף דריי מענשען. מיר מוזען אלע פינף בלייבען אין דער היים, ביז וואנען מיר וועלען לויז ווערן פון דיא בערן.

אלע האבען איינגעזעהן, אז דער דאקטאר האט רעכט. זיי זיינען צוריקגעגאנגען א היים און האבען זיך בעפעסטיגט. דיא לאַנטערנע פון׳ם לייכט־טהורם האבען זיי אראָפּגענומען אום דיא בערן זאָלען ווענינסטענס ניט זעהן וואוהין צו געהן. יעדער פון זיי האט געהאַלטען דיא וואך אויפ׳ן פעלזען פאר זייער הויז. אזוי איז פאָראיבער דער טאג און דיא נאכט. דעם אנדערן טאג זיינען זיי ארויסגעגאנגען און האבען קיינע נייע שפורען פון דיא בערן ניט געפונען.

— דיא בערן האבען זיך איבערצייגט, אז מיר זיינען שטאַרקער פון זיי און האבען אונז אוועקגעוואָרפען, האט אלטמאן געזאגט. זיי האבען ניט קיין געדולד אויף אונז צו וואַרטען און זיינען געגאנגען זוכען א בעסערן מיטאג אלס אונז ארימע אייראפּעער.— היינט קענען מיר שוין געהן אויף דיא יאגד.

— לאמיר נאך איבערוואַרטען היינטיגען טאג, האט דער דאקטאר געזאגט. איך האב זעהר וועניג צו טרויען צו דיא בערן. איך דענק, אז זיי ליעגען ערגעץ און לויערן אויף אונז.

זיי האבען געמוזט צוליעב טהאן דעם דאקטאר און בלייבען נאך א טאג אין דער היים. זיי האבען היינט אויך געהאַלטען א וואך, יעדער א שטונדע. ווען עס איז געקומען דיא רייהע צו אלטאמאן און ער איז ארויסגעגאנגען האלטען דיא וואך אויפ׳ן פעלזען, האט האטטעראס זיי צונערופען און האט זיי געזאגט:

— גוט, וואס דער אמעריקאנער איז יעצט ניטא און מיר האבען א גאנצע שטונדע צייט צו רעדען אליין. האט איהר ווער געטראַכט, וואס דער סוף פון אונז קען זיין?

באלד וועט קומען דער זומער, מען וועט קענען מאכען לענגערע רייזען. וואס וועלען מיר דאן טהאן? האט איהר עפּעס געטראכט דערפון?

— האָסט דוא עפּעס אויסגעטראכט, האטטעראס? האט דער דאקטאר גע־פרעגט.

— איך? האט האטטעראס געזאגט פערוואונדערט. עס פערגעהט ניט קיין סעקונדע, איך זאל ניט טראכטען פון מיין ציעל — דערגרייכען דעם נאָרד־פּאָל. איך בין פעסט ענטשלאָסען צו געהן צום נאָרד־פּאָל. וועט איהר געהן מיט מיר, איז גוט; וועט איהר ניט געהן, וועל איך אליין געהן. איך בין יעצט נאר ניט ווייט פון מיין ציעל, איך וועל קריעכען אויף אלע פיער אום עס צו דערגרייכען. וואס איז אייער מיינונג, דאקטאר?

— איך וועל געהן מיט אייך, וואוהין איהר ווילט, האט דער דאקטאר געענטפערט.

— וואס איז אייער מיינונג, דשאנסאן? האט האטטעראס געפרעגט.

— דאס זעלבע וואס דעם דאקטאר׳ס.

— און וואס זאגט איהר בעלל?

— קאפּיטאן, האט בעלל געענטפערט, אמת, איך האב קיין פרוי און קיינע קינדער, דענאך וואָלט איך שוין געוואָלט זיין אין דער היים. מיר האבען שוין גענוג געליטען, עס איז שוין צייט צו טראכטען וועגען געהן א היים.

— ווען מיר וועלען ענטדעקען דעם נאָרד־פּאָל, דאן וועלען מיר געוויס זוכען מיטעל צו קומען א היים, האט האטטעראס רוהיג געענטפערט. מיר זיינען שוין גענוג פער־שוואַרצט געוואָרען, ביז מיר זיינען געקומען אזוי ווייט. יעצט, אז מיר זיינען שוין אזוי נאָהענט צום נאָרד־פּאָל, זאלען מיר פּלוצלונג זיך אומקעהרן? — דאס טהוט קיין ענגלענדער ניט.

— דאן, וועל איך געהן מיט אייך, קאפּיטאן, האט בעלל געזאגט.

— אלזא, וועלען מיר געהן צום נאָרד־פּאָל. ענגלאנד וועט האבען דיא עהרע צו זיין דאס ערשטע לאנד, וואס האט ענטדעקט דעם נאָרד־פּאָל.

— מיר האבען דאך אבער אן אמעריקאנער צווישען אונז? מיר קענען איהם דאך ניט איבערלאָזען און אליין אוועקגעהן.

— איך ווייס עס, האט האטטעראס געזאגט, אבער ווער וועט זיין דער קאפּיטאן, דער אנפיהרער?

— געוויס, איהר, האטטעראס, האבען אלע אויסגערופען מיט א מאל.

— דאן קימערט מיך ווענינג, וואס דער יענקי וועט געהן מיט אונז, האט האט־טעראס געזאגט רוהיג.

— אבער, וויא וועלען מיר צוקומען צום נאָרד־פּאָל, ווען ארום איהם געפינט זיך א פרייעס מעער? מיר האבען דאך קיין שיף ניט?

— מען קען מאכען א באָאָט פון דיא ברעטער פון דער „פּארפּאיז“, האט בעלל געזאגט.

— אויף קיין פאל ניט! האט געזאגט האטטעראס. דאס וועל איך ניט דערלאָזען, אז מיר זאָלען צוקומען צום נאָרד־פּאָל אין א באָאָט, וואס איז געמאכט פון אן אמעריקאנישער שיף.

דער דאקטאר האט פערשטאנען דיא געפיהלע פון קאפּיטאן האטטעראס. ער האט איהם ניט געוואָלט מעהר אויספרעגען און האט אנגעהויבען צו רעדען פון אנדערע זאכען, ביז עס האט זיך געענדיגט דיא שטונדע און אלטאמאן איז צוריקגעקומען פון זיין וואך.

דיא נאכט איז פאָראיבער און דיא בערן האבען זיך ניט געוויזען. זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען.

22טעס קאפּיטעל.

געפאַנגען אין פולמאַן'ס-הויז.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה, ווען זיי האבען זיך איבערצייגט, אז דיא בערן זיינען פערשוואונדען געוואָרען, האבען זיך אונזערע רייזענדע פאָרבערייטעט צו געהן אויף א יאגד. זיי האבען נעמווט האבען פריש פלייש. זיי האבען אָפּגערעדט, אז האטטעראס, בעלל און אלטאמאן זאָלען געהן אויף דער יאגד; דער דאקטאר זאל געהן אויספאָרשען דיא געגענד ארום דער אינזעל דשאנסאן, וואו עס איז דא א הויכער בארג; דשאנסאן אבער זאל בלייבען אין דער היים, בעזאָרגען דיא ווירטהשאפט. דיא דריי יעגער האבען מיט זיך גענומען זייערע ביקסען, מעסערס און העק. דער דאקטאר האט אויך מיטגענומען מיט זיך א ביקס. ער האט אָפּגערעדט מיט דשאנסאן, אז ער זאל איהם געבען א צייכען, פאלס ער וועט זיין אין געפאהר.

דשאנסאן איז געבליעבען אליין אין דער היים. ער איז אבער ניט געזעסען לעדיג. מען האט געדארפט געבען עסען דיא הינט און זיי ארויסלאָזען אין דרויסען. זיי זאלען זיך אביסעל דורכלויפען; מען האט געדארפט אנטראגען קוילען אין קיך אריין; מען האט זיך געדארפט בעשעפטיגען מיט דער קיך און ענדליך האט מען געדארפט זיך בעשעפטיגען אביסעל מיט שניידעריי און מיט שוסטעריי; מען האט געדארפט פערנעהען דיא צוריסענע דעקען און זעהן מאכען נייע שיך אויפ'ן זומער.

עס איז געווען א שטונדע נאכ'ן אוועקגעהן פון דיא יעגער. דשאנסאן איז געזעסען בעשעפטיגט מיט זיין ארבייט, פלוצלונג האט ער געהערט דעם קנאל פון א שאָס.

— בראַוואָ! האט ער אויסגערופען. זיי האבען א גליקליכע יאגד. זיי זיינען נור וואס ארויסגעגאנגען און האבען שוין געטראָפען א חיה. מיר וועלען שוין האבען פריש פלייש אויף מיטאג.

קוים האט ער ארויסגערעדט דיעזע ווערטער, האט ער געהערט א צווייטען שאָס.

— בראַוואָ! גראַסארט'ג! האט ער אויסגערופען. מיר וועלען שוין האבען וואס צו עסען.

אין דיעזעלבע מינוט האט ער געהערט, אז מען שיעסט ווייטער. ער איז געוואָרען בלייך, א שרעקליכער געדאנק איז איהם געקומען אין קאָפּ.

— דאס זיינען נויט שיעסע, האט ער אויסגעשריען, אונזערע יעגער זיינען אין געפאהר. זיי וועהרען זיך, דיא בערן זיינען אויף זיי אנגעפאלען.

ער האט נעהאפּט זיין ביקס און איז ארויסגעלאָפען אין דרויסען, דאָרט אבער איז געווען אלעס שטיל און רוהיג. פון דער ווייטען האט מען געהערט. אז מען שיעסט ווייטער. ער איז ארויפגעקלעטערט אויפ'ן פעלזען, פון וואנען מען האט געקענט זעהן

אויף א ווייטע שטרעקע ארום. ער האט זיך אומגעקוקט און א שרעקליכע סצענע האט זיך פארגעשטעלט פאר זיינע אויגען. דיא דריי יענער זיינען געלאָפען א היים. פינף גרויסע בערן האבען זיי נאכגעיאגט. וויא עס ווייזט אויס, האבען זיי אויסגעשאָסען אלע זייערע קוגעלן און האבען ניט געטראָפען. האטטעראס איז געווען דער לעצטער. ער האט געזוכט אָפצונאררען דיא בערן. צוערשט האט ער זיי צוגעוואָרפען זיין קאפוצע, דאן זיין האק, דאן זיין יאגד־טאש און — ענדליך זיין ביקס. דיא בערן זיינען געבליעבען שטעהן אויף אייניגע סעקונדען, האבען בעטראכט יעדען ארטיקעל, וואס ער האט זיי צוגעוואָרפען און, ווען זיי האבען אויסגעפונען, אז זיי קענען עס ניט עסען, זיינען זיי ווייטער נאכגע־לאָפען אונזערע יענער. דורך דיעזעס קונסטשטיק איז עס געראָטען האטטעראס'ן אפצר האלטען דיא בערן, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו זייער הויז.

וויא דערשראָקען און פערסאפעט זיי זיינען געווען, האבען זיי זיך דאך באלד געמוזט גענומען צו דער ארבייט, צו בעפעסטיגען און פערשטעלען זייער הויז. זיי האבען צוגעשטעלט צו דיא טהירען, וואס זיי האבען געקענט: טישען, בענק, בעטען, זעק מיט פראָוויאנט און וואס זיי האבען געקענט קריגען אין שטוב.

— יעצט וועלען מיר זיך דאך קענען פערטהיידיגען, האט האטטעראס געזאגט. מיר זיינען דאך פינף געגען פינף.

— מיר זיינען נור פיער געגען פינף, האט דשאנסאן געזאגט טרויעריג.

ערשט יעצט האט האטטעראס דערזעהן, אז דער דאקטאר איז ניטאָ און האט זיך דערמאנט, אז דער דאקטאר איז היינט אוועקגעגאנגען מאכען זיינע פאָרשונגען אויף דער אינזעל דשאנסאן.

— מיר טאָרען איהם ניט לאָזען! האט אויסגערופען אלטאמאן. ער איז אין דער גרעסטער געפאהר. ער וויים גאר ניט, וואס דא איז געשעהן און וועט קומען א היים — גלייך דיא בערן אין מויל אריין.

— געוויס! לאמיר געהן איהם אויפזוכען, איהם רעטען! האט האטטעראס אויס־געשריען.

ער האט געהאפט זיין ביקס און האט געוואָלט ארויסגעהן. א גרויסער בער האט איהם אויסגעשטעקט דיא לאפעס ענטגעגען, גלייך וויא ער האט איהם געוואָלט בע־גריסען. האטטעראס האט שנעל פערמאכט דיא טהיר צוריק.

— זיי בעלאגערן אונז, דיא בעסטיען! האט ער אוסגערופען. זיי לאָזען אונז ניט ארויס. — ארימער, אונגליקליכער פריינד, פולמאן! מיר קענען דיר ניט העלפען. מיר זיינען דא פערשפארט און קענען גאר ניט טהאן פון דיינעטוועגען, דוא גוטער, עדעלער, טרייער מעניש!

ער האט אויף זיך געריסען דיא האר פאר פערצווייפלונג. דער דאקטאר האט רעכט געהאט. דער ווייסער בער איז דיא קליגסטע חיה אין דער וועלט. ער פערפאָלגט זיין רויב אזוי לאנג, ביז ער קריעגט איהם. עס איז אבער ניט געווען קיין צייט צו טראכטען און צו פערצווייפלען. דיא בערן האבען געקראצט דיא טהיר און דיא פענסטער פון זייער הויז. מען האט זיך געמוזט וועהרען און פערטהיידיגען. זיי האבען זיך גענומען בעוואָרענען דיא פענסטער, זיי האבען זיי פערשטעלט מיט ברעטער און מיט וואס זיי

האבען נור געקענט. ווען זיי האבען אלעס בעוואָרענט, וויא ווייט זיי האבען געקענט, האבען זיי ווייטער אנגעהויבען צו רעדען פוּ׳ם דאקטאר.

— איך מיין, אז דער דאקטאר וויים, וואס דא טהוט זיך, האט דשאנסאן געזאגט. ער האט געוויס געהערט אייערע שיעסע און האט פערשטאנען, אז דא איז עפּעס געשעהן. ער וועט געוויס זיין פאָרזיכטיג און וועט זיך ניט לאָזען אזוי לייכט אויפעסען.

— ווער קען עס וויסען? האט האטטעראס געזאגט טרויעריג. מעגליך, אז ער האט נאר ניט געהערט אונזער שיעסען, מעגליך, אז ער האט ניט פערשטאנען דיא אורזאכע פון זיי ער וועט קומען רוהיג א היים און דיא בערן....

ער האט א ציטער געטהאן ביי דיא לעצטע ווערטער. דער געדאנק, אז זיין עדעלער, טרייער פריינד געפינט זיך אין אזא שרעקליכער געפאהר, האט איהם ניט געלאָזט רוהען.

— מיר טאָרען עס ניט דערלאָזען! האט ער אויסגעשריען אין פערצווייפלונג. מיר מוזען טייטען דיא בערן, איידער ער וועט קומען א היים!

— אבער וויא אזוי זאלען מיר זיי טייטען? האט דשאנסאן געפרעגט.

אויף דיעזע פראַגע איז געוועזען זעהר שווער צו ענטפערן. מען האט געהערט דייטליך, וויא דיא בערן קראַצען דיא ווענט, רייסען דיא טהיר און קריעכען צו דיא פענסטער. ענדליך האט אלטאמאן אויסגעפונען אזא פּלאן. מען זאל מאכען לעכער אין דער וואנד פוּ׳ם הויז און דורך דיא לעכער זאָל מען שיעסען אויף דיא בערן. ער האט געזעהן אין זיין לעבען פיעלע פעסטונגען און האט זיך דערמאנט, אז אין דיא ווענט פון דיא פעסטונגען זיינען אויך דא לעכער, פון וואנען עס שטעקען ארויס קאנאָנען. פון דיעזע קאנאָנען שיסט מען אויפ׳ן פיינד און ער קען ניט ענטפערן, ווייל זיינע קוגעלן טרעפען אין דער וואנד.

אלטאמאן האט ניט לאַנג געטראַכט, ער האט באלד אויסגעבעוירט א לאָך אין דער וואנד און האט ארויסגעשטעקט זיין ביקס. קוים אבער האט ער זיא ארויסגעשטעקט, האט זיא א גרויסער בער אָנגעחאַפּט מיט זיינע אייזערנע לאַפּעס און האט זיא אזוי שטאַרק געריסען. אז דאס הויז האט אנגעהויבען צו ציטערן.

— נאָר דעם! האט אלטאמאן אויסגעשריען. זיי לאָזען זיך ניט שיעסען, דיא בעסטיען!

מיט שווערער מיה איז איהם געלונגען צוריק אריינצוציעהען זיין ביקס. ער האט זיך באלד גענומען פערשטעלען דיא לאָך מיט שטיקער האָלץ. יעצט האבען זיי שוין נאר ניט געוואוסט וואס צו טהאן. האטטעראס איז ארומגעשפּרונגען, וויא א וואהנזיניגער. דאראויף האט ער זיך קיין מאל ניט געריכט. בערן זאלען איהם האלטען געפאנגען אין זיין הויז! ער איז ארומגעגאנגען און האט געזוכט אין אלע ווינקעלעך, טאמער וועט ער דאָך געפינען עפּעס, מיט וואס ער זאָל קענען אנפאלען אויף דיא בערן. פּלוצלונג האט ער דערזעהן א זאך, וואס קען איהם ניצען.

— דאס וועט אונז רעטען! האט ער אויסגערופען פרעהליך.

ער האט געפונען א לאַנגע שטיק אייזען פון דער „פארפאיז“, א לאַנגע קאָטשערע פוּ׳ם קעסעל. ער האט באלד גענומען דאס שטיק אייזען אין האט עס אריינגעלעגט אין פייער. ווען דאס אייזען איז געוואָרען רויט האט ער געזאגט צו דיא איבעריגע:

— מאכט גרייט אייערע ביקסען. איך וועל עפענען דיא טהיר מיט דעם גליהענדען אייזען אין דיא הענד. דיא בערן האבען געוויס נאך אזא וואונדער ניט געזעהן און וועלען עס אָנהאַפּען. עס וועט זיי געוויס ניט שמעקען דערווייל וועט איהר קענען שיעסען אויף זיי.

— בראוואָ, קאפּיטאן! האט בעלל אויסגערופען. דאס איז א גוטע אידעע.

האטטעראס האט זיך בעוואפענט מיט דער גליהענדער קאָטשערע און האט אביסעל געעפענט דיא טהיר. באלד זיינען צוגעשפּרונגען צוויי בערן און האבען אנגע־חאפּט דיא גליהענדע קאָטשערע. אין דיזעלבע מינוט אבער זיינען זיי אָפּגעשפּרונגען צוריק מיט א שרעקליכעס היילען און ברומען.

— שיעסט! האט געשריען האטטעראס.

דריי ביקסען האבען אויסגעשאָסען מיט א מאל. דיא טהיר איז אבער געווען נור האלב אָפען. אלטאמאן מיט זיינע קאמעראדען האבען געמוזט שיעסען איבער האטטעראס פלייצעס. עס איז דאהער קיין וואונדער ניט, וואס זיי האבען ניט געטראָפען. דיא בערן זיינען ווייטער צוגעלאָפען צו דער טהיר מיט א שרעקליכער רציחה. האטטעראס מיט זיינע קאמעראדען האבען קוים צייט געהאט צו פערמאכען דיא טהיר.

— לאמיר זיי שענקען נאך א פּאָרציאָן, האט אלטאמאן געזאגט. צוגליהט נאך א מאל אייער קאָטשערע.

האטטעראס האט נאך א מאל אריינגעלעגט דאס שטיק אייזען אין פייער. עס זיינען פערגאנגען אייניגע מינוט, ביז דאס אייזען איז ווידער געוואָרען רויט. אונטערדעסען האבען דיא איבעריגע נאך א מאל אנגעלאדען זייערע ביקסען. מיט דעם גליהענדען אייזען אין דער האנד האט האטטעראס ווידער געוואָלט עפענען דיא טהיר. וויא ערשטוינט איז ער אבער געווען צו זעהן, אז דיא טהיר וויל זיך ניט עפענען. וואס זאל דאס זיין? זיי האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן מיט שרעק. באלד זיינען זיי געוואָהר געוואָרען, וויא געפעהרליך דיא ווייסע בערן זיינען.

— דער טייפעל זאל זיי האָלען, דיא ווייסע בערן! האט אלטאמאן ענדליך אויס־גערופען.

— וואס איז שוין נייעס? האט דשאנסאן געפרעגט.

— פערשטעהט איהר דען ניט, וואס זיי טהוען? — זיי האבען געזעהן, אז דורך דער טהיר קענען מיר ארויסגעהן און זיי שאדען, ווילען זיי פארלעגען דיא טהיר. חערט, וויא זיי לעגען ארום דער טהיר שטיקער אייז.

האטטעראס און זיינע קאמעראדען האבען זיך צוגעהערט. עס איז געווען דייטליך, וואס דיא בערן האבען געטהאן אין דרויסען. זיי האבען צוגעשלעפּט גרויסע און שווערע שטיקער אייז און האבען זיי ארומגעלעגט ארום דיא טהיר און דיא פענסטער פון'ם הויז. דיא קלוגע חיות האבען געוואָלט פערשפּארען זייערע פיינד אין זייער אייגענעם הויז און וואַרטען, ביז זיי וועלען דערשטיקט ווערן אויס מאנגעל אָהן פרישער לופט.

— אך! דער דאקטאר זאל דא זיין? האט געזאגט דשאנסאן.

אָלט ער דא געטהאן? האט אַלט ... עפרעגט.

— ער וואָלט שוין עפּעס אויסגעטראַכט, האט דשאנסאן גענטפערט. ער וואָלט שוין געפונען א מיטעל, ווּיא אזוי אנצולערנען דיא ווייסע בערן.

ליידער, איז דער דאקטאר ניט געוועזן און דיא בערן האָבען געטהאן זייער ארבייט גאנץ ערנסט. אין שטוב איז געוואָרען אלץ פינסטערער און פינסטערער. זיי האבען צר־געשלעפּט אלץ מעהר און מעהר שנעע און שטיקער אייז און האבען זיי ארומגעלעגט ארום דיא טהיר און דיא פענסטער פון'ם הויז. דיא לאַגע פון אונזערע געפאנגענע איז געוואָרען א פערצווייפעלטע.

— וואָס טהוט מען? וואס טהוט מען? האט בעלל געפרעגט. דיא בעסטיען וועלען דאָך אונז דאָ דערשטיקען.

— צוערשט לאָמיר געהן עסען, האט דשאנסאן געזאגט. ערשטענס, זיינען מיר הונגעריג. צווייטענס, דאַרפען מיר האבען כח צו קעמפּפען מיט דיא בערן. וואס דענקט איהר, אלטאמאן?

— עסען שאַדעט קיין מאל ניט, האט דער אמעריקאנער געענטפערט. איך מוז אייך אבער זאגען, אז מיר זיינען זעהר מיאוס ארייננעפאלען און עס וועט אונז זיין א שאנדע, ווען דיא בערן וועלען אונז בעזיעגען.

— דאמאלס וועט אונז זיין פיעל ערגער, וויא א שאַנדע, האט דשאנסאן גע־שפּאסט. דיא בערן וועלען אונז קיין צייט ניט לאָזען זיך צו שעהמען. מעגליך, אז זיי וועלען זיך שעהמען, וואס מיר זיינען מאָגער און זיי וועלען בלייבען הונגעריג.

דשאנסאן האט פיעל געלערנט פון'ם דאקטאר. ער האט זיך פון איהם אויסגע־לערנט צו בלייבען שטענדיג גלייכגילטיג און צו שפּאַסען אין דער גרעסטער געפאהר. זיי האבען זיך געזעצט צום טיש און האבען זיך גענומען עסען. אלע האבען געגעסען שטילערהייט. עס איז ניט געוועזן איבער וואס צו רעדען. אונטערדעסען האט זיך גע־וויזען א נייער, נאך געפעהרליכער פיינד. דיא לופט אין צימער האט אנגעהויבען צו ווערען שווער. דיא בערן האבען אזוי פערלעגט יעדען לאָך, יעדע עפענונג, אז קיין פרישע לופט האט ניט געקענט צוקומען. עס איז צוואר געוואָרען ווארעמער, דיא לופט האט אבער אנגעהויבען צו ווערען שווערער און שווערער. האטטעראס איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער האט בעמערקט דיא געפאהר. ער האט ניט געוואָלט בעהאלטען עס פון זיינע קאמעראדען. ער האט זיי אלעס געזאגט.

— עס העלפט ניט, מיר מוזען ארויס פון דאנען, האט אלטאמאן געזאגט. מיר מוזען אלס ריסקירען און קעמפּפען מיט דיא בערן, ביז מיר וועלען זיי, אדער זיי אונז אויפעסען.

— לאָמיר ווארטען ביז אויף דער נאכט, האט האטטעראס געזאגט. ווען עס וועט ווערען פינסטער, וועלען מיר פּראָבירען מאכען א לאָך אין דאך. צוערשט וועלען מיר ארייגלאָזען אין שטוב פרישע לופט, דאן וועלען מיר זעהן; מעגליך, אז עס וועט אונז געלינגען צו שיעסען אויף אונזערע פיינד.

— דאס איז דאס איינציגע מיטעל, וואס איז אונז נאך געבליעבען, האט דשאנסאן געזאגט.

עס איז געבליעבען, מען זאל ווארטען. דאס איז אבער געוועזן נור לייכט צו זאָגען.

אין דער אמת איז עס געווען א שווערע אויפגאבע צו ווארטען, ווען מיט יעדער שטונדע איז דיא לופט געוואָרען אלץ שווערער און שווערער. אלטאמאן האט זיך געבייזערט און האט געשאָלטען דיא בערן מיט טויטע קללות פון'ם אמעריקאנער ווערטער־בוך. דיא בערן אבער האבען קיין אמעריקאניש־ענגליש ניט פערשטאנען. זיי האבען געקענט נור איין שפראכע — דיא הונגער שפראכע, איינע פון דיא בעסטע און קלינסטע אין דער וועלט.

28טעם קאפיטעל.

דיא מינע.

זעהר לאנגזאם האט זיך די צייט געצויגען. יעדע שטונדע איז געווען ביי אונזערע ארעסטאנטען א יאהר. ענדליך איז געקומען דיא נאכט. דיא לופט איז געוואָרען אלע מאל שווערער און געשטאָקטער. זיי האבען אנגעצונדען דעם לאָמפּ. ער האט אבער געברענט דונקעל. עס האט איהם געפעהלט פרישע לופט. אונזערע געפאנגענע האבען זיך גענומען צו דער ארבייט, מאכען א לאָך אין דאך. בעלל האט זיך גענומען צו דיעזער ארבייט. ער איז געווען א גוטער קארפענטער. דשאנסאן האט אין דער צייט געהאלטען וואך אין שלאף צימער. אלטאמאן איז געשטאנען אין קיך. האטטעראס איז געשטאנען לעבען בעלל'ן און האט איהם געוויזען וואס צו טהאן. פלוצלונג איז דשאנסאן אריינ־געלאָפען אין עס צימער. ער איז געווען בלייך און דערשראָקען.

— וואס איז נייעס? האט האטטעראס געפרעגט.

— עס איז קיין נייעס — אבער —

— וואס אבער? רעד! זאָג! — וואס איז דאָרט! האט אלטאמאן אויסגעשריען.

ער האט דערהערט אין קיך, וויא האטטעראס רעדט מיט דשאנסאן און איז צו־געגאנגען הערען, וואס עס הערט זיך עפּעס נייעס.

— קומט, אלטאמאן, האט דשאנסאן געזאגט. עפּעס הער איך א רעש דאָרט אין שלאָף־צימער. עפּעס איז דאָרט, איך ווייס אבער ניט וואס.

האטטעראס, אלטאמאן און דשאנסאן זיינען אריינגעגאנגען אין שלאָף־צימער און האבען זיך צוגעהערט. זיי האבען ווירקליך דערהערט א זאָנדערבארען גערוישׁ, גלייך וויא מען וואָלט געגראָבען אדער געשניטען דאס אייז.

— וואס זאל דאס זיין? האט אלטאמאן געפרעגט.

— מעגליך, דיא בערן מיינען, אז מיר זיינען שוין דערשטיקט און זיי גראבען דאס אום אונז אויפצופרעסען, האט דשאנסאן געזאגט. מעגליך, אז זיי ווילען צונעהמען דאס הויז און אויף אונז אנפאלען.

— אזוי בילג וועלען זיי אונז ניט קריעגען; האט האטטעראס געזאגט. איך בין זא:אר צופריעדען, וואס זיי טהוען עס. מיר וועלען מיט זיי קעמפפען ביז אין לעצטען טראָפּען בלוט.

— אבער. דא קען מען מיט ביקסען גאר ניט מאכען, האט אלטאמאן געזאגט. דא מוזען מיר קעמפפען מיט העק און מעסערס אויף אמעריקאנישער אַרט. דערמיט בין איך צופריעדען. ביי אונז אין אמעריקא ווייס מען שוין, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט א מעסער. אין ניו־יאָרק שלאָגט מען זיך זעהר אָפט מיט מעסערס.

דער רעש איז געוואָרען אלע מאל שטארקער. עס איז געווען דייטליך, אז מען קראַצט אדער גראבט דעם ווינקעל פון דער וואנד, וועלכער איז צוגעשפארט צום פעלזען.

— נאך מיין רעכנונג, האט דשאנסאן געזאגט, האבען זיי נאך זעקס פוס שנעע און אייז אוועקצושאררען. אזא ארבייט דארף פארנעהמען א היבשע ווייל. מיר האבען נאך גענוג צייט זיך פאָרצובערייטען צו עמפפאנגען אונזערע ניט געבעטענע געסט.

ער האט גענומען א האק און האט זיך געשטעלט לעבען דעם אָרט פון וואנען מען האט געהערט דעם רעש. האטטעראס און דיא אנדערע האבען אויך געטהאן דאס זעלבע. מיט יעדער מינוט איז דאס קראַצען און גראבען געקומען אלץ נעהענטער און נעהנטער. ענדליך זיינען נור געבליעבען דיא ברעטער פון דער וואנד. א שארפע זאך, וויא א מעסער אדער א האק, האט אנגעהויבען צו שניידען דיא ברעטער פון דער וואנד.

— דאס זיינען ניט דיא בערן, האט האטטעראס געזאגט. זיי זיינען נאך ניט אזוי געבילדעט זיי זאלען וויסען, וויא אזוי צובענוצען א האק. דאס איז א מענש.

— דער דאקטאר! האט געשריען דשאנסאן און האט אנגעהויבען צו טאנצען פאר פרייד.

— אין ריעזע מינוט זיינען ארויסגעפאלען א פאר ברעטער און דיא גראָבע, קיילעכדיגע פיגור פון׳ם דאקטאר האט זיך אריינגעקייקעלט אין צימער.

— וואס מאכט איהר, פריינד? האט ער געזאגט נאך ליעגענדיג אויף דער ערד.

אלע זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. זיי האבען שוין אן איהם גאר פערגעסען. זיי זיינען אליין געווען אין אזא פערצווייפעלטע לאגע, אז זיי האבען זיך גע־רעכענט פאר פערלאָרען. פלוצלונג קומט דער דאקטאר. פון וואנען? וויא אזוי? עס זיינען פערגאנגען אייניגע מינוטען, איידער זיי האבען געקענט ארויסרעדען א וואָרט. דער דאקטאר האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און האט ווידער געפרעגט:

— וואס מאכט איהר, פריינד?

יעצט האט זיך זייער שטוינען אומגעוואנדעלט אין פרייד. האטטעראס האט איהם ארומגענומען, און זיינע אויגען האבען זיך געווייזען פריידענטרערין. דשאנסאן האט גע־טאנצט פאר פרייד, בעלל האט געלאכט, נור איין אלטאמאן איז געבליעבען רוהיג. עס איז איהם געווים געווען זעהר אנגענעהם וואס דער דאקטאר איז געקומען; אלס עכטער יענקי אבער האט ער ניט ארויס־געוויזען זיין פרייד.

— ביסט דוא עס ווירקליך אלטער פריינד? האט האטטעראס אויסגערופען און האט נאך א מאל ארומגענומען דעם דאקטאר.

— געווים בין איך עס, האט דער דאקטאר געענטפערט מיט זיין געוועהנליכער פריינדליכען געלעכטער. איך בין עס אליין און קיין אנדערער. איך האב מיך זעהר בעאונרוהיגט איבער אייך. איך האב געוואוסט אז איהר געפינט זיך אין א גרויס געפאהר.

— פון וואנען האט איהר געוואוסט אז מיר זיינען אין געפאהר? האט אלטאמאן געפרעגט. אים געגענטהייל, מיר האבען זיך זעהר בעאונרוהיגט אז איהר וועט ניט

וריסען, אז דיא בערן זיינען אויף אונז אנגעפאלען און וועט קומען א היים — גלייך דיא בערן אין דיא לאפעס אריין.

— איך האב אלעס געזעהן, האט דער דאקטאר געזאגט. איך בין ארויפגעקלעטערט אויף א בארג אויף דער אינזעל דשאנסאן אום צו בעטראכטען דיא געגענד און האב דערהערט, אז איהר שיעסט. איך האב מיך אומגעקוקט און דערזעהן, וויא דיא פינף בערן זיינען אויף אייך אנגעפאלען. איך האב מיך דערשראקען פאר אייך! איך האב געזעהן, וויא איהר זייט פערשוואונדען לעבען אונזער הויז און האב פערשטאנען, אז איהר האט זיך געראטעוועט אין שטוב. איך קען זעהר גוט דיא נאטור פון דיא ווייסע בערן און וויים, אז קוים האבען זיי איינמאל אנגעשמעקט זייער רויב, וועלען זיי עס שוין ניט אפלאזען. איך בין אראפגעקראכען פון׳ם בארג און האב אנגעהויבען צו געהן אהיים. איך האב געזעהן צו געהן אויף אזעלכע וועגען, אז דער ווינד זאל זיין געגען מיר און דיא בערן זאלען מיך ניט דערשמעקען. איך האב געזעהן, וויא דיא בערן שלעפען שטיקער אייז צו אונזער הויז און האב געציטערט, זיי זאלען ניט פאלען אויפ׳ן שכל ארויפצוקלעטערן אויפ׳ן פעלזען און אראפצו ווארפען דיא שטיקער אייז אויפ׳ן הויז. דאמאלס וואלט דער דאך איינגעפאלען און וואלט אייך צוקוועטשט מיט זיין לאסט. צום גליק אבער, זיינען זיי דארויף ניט געפאלען, זיי האבען געוואלט אייך איינמויערן און דערשטיקען. דאס איז זעהר געשייט. איך מוז זיי מאכען א קאמפלימענט, דיא הערין בערן.

איך בין געגאנגען און בין געקראכען אויף אלע פיער, ביז איך בין צוגעקומען אויף צוויי הונדערט שריט פון אונזער הויז. אזוי וויא איך האב געוואוסט, אז דורך דער טהיר קען מען יעצט ניט אריינגעהן, האב איך בעשלאסען צו מאכען א מינע. מיט מיין גרויסען מעסער האב איך אנגעהויבען אויסצושניידען מיר א וועג אין שנעע. איך האב געארבייט פיער שטונדען שווער און ביטער, ביז איך בין צוגעקומען צו אייך.

— אבער, דאקטאר, איהר זייט דאך יעדע מינוט געווען אין געפאהר, דיא בערן זאלען אייך דערשמעקען? האט דשאנסאן געפרעגט.

— ניין, מיין פריינד, האט דער דאקטאר געענטפערט. דיא הערין בערן זיינען פון איין זייט פוק׳ם פעלזען און איך האב געמאכט מיין מינע פון דער אנדערער זייט. מעגליך, אז זיי האבען געהערט, וויא איך שנייד און גראב דעם שנעע, זיי האבען אבער געמיינט, אז איהר טהוט עפעס אין שטוב און עס האט זיי ניט געהארט, ווייל זיי זיינען זיכער, אז איהר זייט פערשפארט און קענט ניט אנטלויפען. זיי האבען גאנץ גוטע קעפ, דיא ווייסע בערן.

— יא, האט געזאגט אלטאמאן, זיי וועלען אונז ענדליך בעזיעגען און וועלען מאכען פון אונז א גוטען מיטאג.

— ניין, פריינד! דאס וועל איך ניט דערלאזען, האט זיך דער דאקטאר אפגערופען. איך בין גאר ניט איינפערשטאנען, אז א ווייסער בער זאל מיך אויפפרעסען.

— וואס קענט איהר דען טהאן?

— איך בין יעצט שרעקליך מיעד און הונגעריג. גיט מיר פריהער עפעס עסען, דאן וועל איך אייך זאגען, וויא אזוי איך וועל מיך אפרעכענען מיט אונזערע ליעבע געסט.

— איך האב אייך געזאגט, אז נור דער דאקטאר קען אונז רעטען! האט דשאנ־סאן אויסגערופען און איז געלאָפען ברענגען איהם עסען.

דער דאקטאר איז געוועזן הונגעריג, וויא א וואָלף און האט זיך גענומען עסען מיט׳ן בעסטען אפעטיט. אלע זיינען געשטאנען ארום איהם און האבען געשוויגען. זיי האבען איהם ניט געוואָלט שטערן. ווען ער האט געשטילט זיין הונגער, האט זיך בעלל צו איהם געווענדעט.

— איהר זאָגט, אז איהר וועט זיך אָפּרעכענען מיט דיא בערן. איך זעה ניט, וויא אזוי. מיינע מיינונג וואָלט געוועזן, אז מיר זאלען אלע ארויסגעהן דורך דיא מינע. וואס איהר האט געמאכט. עס איז יעצט פינסטער. דיא בערן געפינען זיך פון יענער זייט פון אונזער שטוב; מיר וועלען ארויסגעהן פון דער זייט און וועלען שטילערהייט צו געהן צו דער „פארפאיז". דאָרט וועלען מיר בלייבער, ביז דיא בערן וועלען זיך אוועקגעהן.

— דאס איז אייער פלאן בעלל? האט דער דאקטאר געלאכט, מיר זאָלען אנט־לויפען און זיי צו ווארפען אונזער הויז, אונזער מעבעל און אונזער פראָוויאנט? מיר, געבילדעטע מענשען, זאלען צו ווארפען דיא בערן אלעס און אנטלויפען פאר זיי? — ניין! דאס טהו איך ניט, דאס טויג מיר ניט!

— אלזא, וואס איז אייער פלאן, דאָקטאָר? האט אלטאמאן געפרעגט.

— איך וויל טייטען אלע בערן מיט איין מאָל. האט דער דאקטאר געזאגט רוהיג. מען מוז ווייזען דיא בעסטיען, אז מיר האבען געלערנט כימיע און פהיזיק.

— איהר שפאסט, דאָקטאר, אין דער צייט, ווען מיר זיינען אין דער גרעסטער געפאהר.

— וועט איהר דען בעסער מאכען, ווען איהר וועט ניט שפאסען?

האטטעראס האט ביז אהער אויסגעהערט, וואס מען האט גערעדט און האט געשוויגען. ער האט געהאט אזא צוטרויען צום דאקטאר, אז ער איז געוועזן זיכער, אז ער האט שוין געוויס אויסגעפונען א מיטעל, וויא אזוי צו טייטען דיא בערן. ער האט יעצט געוואָלט ווייזען דעם יענקי, אז נור אן ענגלענדער קען זיי רעטען.

— אלענפאלס, דאקטאר, זאגט אונז אייער פלאן, האט ער ענדליך געזאגט, לאָמיר זיך נעהמען צו דער ארבייט.

— מיין פלאן איז גאנץ איינפאך. מיר האבען פולווער גענוג. מיר וועלען אונטער־צינדען א פעסעלע פולווער און דיא הערען בערן וועלען טאנצען א קאדריל אין דער לופט.

— וויא קענען מיר אבער צו קומען צו אונזער פולווער? האט דשאנסאן געפרעגט, ער ליעגט דאָך אין מאגאזין אייניגע שריט וויט פון אונזער הויז?

— איך האב דאך אייך שוין געוויזען. וויא אזוי מען קומט צו: מען מאכט א מינע. מיט שארפע מעסערס איז זעהר לייכט צו שניידען דעם שנעע. מיר וועלען מאכען א מינע אין שנעע ביז צו אונזער מאגאזין, פון דאָרט וועלען מיר מאכען נאך א מינע אביסעל ווייטער. דאָרט וועלען מיר אניעדערשטעלען א פעסעלע פולווער און מיר וועלען געבען דיא בערן צו שמעקען פולווער.

— איך פערשטעה נאך אלץ ניט, האט אלטאמאן געזאגט, וויא אזוי ועט איהר צו ציעהען דיא בערן, זיי זאלען אלע קומען געראדע אויף דעם אָרט, וואו דאס פולווער וועט זיין?

— איהר וועט שוין זעהן, האט דער דאקטאר געענטפערט. איך וועל זיי שוין איינלאַדען אויף א פייער־ווערק, פון וועלכען זיי וועלען צופריעדען זיין. אבער גענוג גע־רעדט! לאמיר זיך נעהמען צו דער ארבייט. איך בין זעהר מיעד און מוז א פאר שטונדען שלאָפען. איך וועל אייך נור ווייזען, וואס צו טהאן און איך וועל מיך אביסעל צולעגען. אין א פאר שטונדען ארום וועט איהר מיך אויפוועקען און איך וועל מיך נעהמען צו דער ארבייט.

— וואס מעהר איך טראכט, האט דשאנסאן געזאגט, אלץ מעהר איבערצייג איך מיך, אז דעם דאקטאר׳ס פלאן איז דער איינציגער וועג אונז צו רעטען. עס וואונ־דערט מיך נור, פארוואס זיינען מיר ניט געפאלען אויף דעם שכל צו מאכען א מינע. דאס איז דאָך אזוי לייכט.

— גענוג רעדען! געהט צור ארבייט! האט דער דאקטאר קאמאנדירט.

ער האט זיי געוויעזען, וואו צו מאכען דיא מינע און אליין איז ער געגאנגען שלאָפען. צוערשט האט בעלל געארבייט א גאנצע שטונדע, נאך איהם האט אלטאמאן געגראָבען דעם שנעע, נאך איהם — דשאנסאן און צולעצט האטטעראס. אונטערדעסען האט זיך דער דאקטאר אויסגעשלאָפען און האט געארבייט א שטונדע. אזוי האבען זיי געארבייט ביז צעהן אוהר אין דער פריה. דיא ארבייט איז ניט געוועזען אזוי לייכט, וויא דער דאָקטאָר האט געמאכט. מען האט בענוגענט אויפ׳ן וועג שטיקער אייז, וועלכע מען האט געמוזט זעגען אדער האקען; מען האט געמוזט זיין פאָרזיכטיג, ניט מאכען קיין צו גרויסען רעש, דיא בערן זאָלען ניט דערהערען. צעהן שטונדען כסדר האבען זיי געארבייט גאנץ שווער, ביז עס איז זיי געלונגען צו מאכען א גאנץ קליינע מינע, וואו א מענש האט קוים געקענט דורכקריכען. נור אין דעם אָרט, וואו דאס פעסעלע פולווער איז געשטאנען, האבען זיי געמאַכט א סאָרט קליינעם קעלער, וואו דריי פיער מענשען האבען געקענט זיצען.

ווען אלעס איז געוועזען פערטיג, האט דער דאקטאר זיך געהייסען געבען א לאנגען שטעקען און האט צו איהם צוגעבונדען א שטיק געזאלצען פלייש.

— אונזערע דשענטעל לייט, האט ער געזאגט, וועלען געוויס וועלען מאכען א פראָבע, אויב מיר קענען זאלצען פלייש. ווען איך וועל ארויסשטעקען דעם לאנגען שטעקע מיט׳ן פלייש פון דעם קעלער, וואו דאס פולווער שטעהט. זיי וועלען צו קומען עס חאפען, דאן וועלען מיר אונטערצינדען דאס פולווער.

— יעצט פערשטעה איך אייער פלאַן, דאקטאר, האט אלטאמאן געזאגט. איך ווייס אבער ניט, וויא אזוי וועט איהר אונטערצינדען דאס פעסעלע פולווער. נאך מיי׳ן רעכנונג דארפט איהר האבען א שוועבעלע פון וועניגסטענס הונדערט שריט דיא לענג. אדער איינער זאָל אָפפערן זיין לעבען און זאָל צוגעהן נאָהענט צום פעסעלע, עס אונטער־צינדען און אנטלויפען. איך זאג אָפפערן זיין לעבען, ווייל איך בין זיכער, אז דער וואס וועט עס טהאָן, וועט צוריסען ווערן אויף שטיקלעך.

— מען דארף ניט אָפּפערן קיין לעבען און מען דארף ניט האבען קיין שוועבעלע פון הונדערט שריט דיא לענג, האט בעלל געזאגט. מען קען אויסשיטען אין דער מינע א לאנגע שפור פון פולווער ביז צום פעסעלע, אונטערצינדען דיא שפור. דער ברענענדע פולווער וועט שוין אליין דערגרייכען דאס פעסעלע. מען קען ווידער אנדעריש טהאן. מען קען אנצינדען א שטריק און איין עק אריינלעגען אין פעסעלע פולווער. דער שטריק וועט לאנגזאם ברענען, ביז דאס פייער וועט צוקומען צום פולווער.

— דאס אלעס טויג ניט, האט דער דאקטאר געזאגט. איהר פערגעסט, אז אונזער מינע איז געמאכט אין שנעע, אן ארטיקעל, וועלכעס קען מיט פייער צוזאמען ניט הויזען. —

— אלזא, וויא דען וועט איהר אונטערצינדען דאס פולווער? האט אלטאמאן געפרעגט אונגעדולדיג.

— זייט רוהיג, מיין ליעבער יענקי, האט איהם דער דאקטאר געענטפערט. דער־פאר האב איך געלערנט כימיע און פהיזיק. מיר האבען אן עלעקטערישע באטערעע. איך וועל זיא אנשטעלען און צוציעהען דראָטהען פון אונזער הויז ביז צום פעסעלע פולווער. ווען מיר וועלען זעהן, אז דיא בערן הייבען אן צורייסען דאס פלייש פון'ם לאנגען שטעקען, וועלכען מיר וועלען ארויסשטעקען פון דער מינע, וועל איך אנשטעלען דיא עלעקטערישע באטערעע. איין קוועטש פון מיין פינגער און דיא ווייסע פיערפיסיגע דשענטעל לייט וועלען בעקאנט ווערן מיט דער גאנצער ציוויליזאציאָן.

— גראַסאַרטיג, דאקטאר! האט דשאנסאן אויסגערופען. איהר האט רעכט. לאָמיר זיך באלד נעהמען צו דער ארבייט און געבען אונזערע געסט א גראָסאַרטיגען פריהשטיק.

ערשט אום צוועלף אוהר איז אלעס געווען פערטיג און בערייט. דער דאקטאר האט נאך א מאל איבערגעקוקט אלע זיינע ארבייטען און איז געווען מיט זיי צופריעדען.

— יעצט, מיינע פריינדע, לאדעט אן אייערע ביקסען, מעגליך, אז זיי וועלען אונז צוניץ קומען.

דשאנסאן האט גענומען דעם שטעקען און האט דורכגעבויערט דעם שנעע. דיא בערן האבען זיך אומגעקוקט. באלד אבער האט ער איהם צוריק אריינגעצויגען און האט צו איהם צוגעבונדען א גרויס שטיק געזאלצען פלייש. קוים האבען דיא בערן דערשמעקט דאס פלייש, האבען זיי זיך דארויף ארויפגעוואָרפען און האבען עס אנגעהויבען צורייסען. דער שטעקען איז אומגעפאלען דיא מינע איז איינגעפאלען.

— פייער! האט געזאגט האטטעראס.

דער דאקטאר האט א קוועטש געטהאן דיא עלעקטערישע באטערעע. אין דער מיט שנעע האט זיך אויפגעהויבען א הויכער זייל פייער. עס האט געגעבען א שרעקליכען טראך, דאס הויז האט געציטערט. אלע זיינען ארויסגעלאָפען דורך דער מינע, וואס דער דאקטאר האט געבטען געמאכט און זיינען ארויף אויפ'ן פעלזען זעהן, וואס עס איז געוואָרען פון דיא בער'ן. דער שנעע ארום איז רויט געוואָרען פון זייער בלוט. דריי זיינען צוריסען געוואָרען אויף שטיקלעך. צוויי האבען נאך געלעבט, זיי האבען אבער זיך ניט

געקענט ריהרען און האבען שרעקליך געברומט. א פאר קונעלן האבען זיי שטיל געמאכט.

— הורראה! האבען אלע אויסגעשריען. עס לעבע דער דאקטאר פולמאן!

אלע האבען געדאנקט דעם דאקטאר, וואס ער האט זיי גערעטעט פון אזא געפאהר. יעצט אבער האט זיך ערשט אנגעהויבען פאר זיי אן ארבייט. זיי האבען געמוזט אראפראמען דאס אייז און דעם שנעע, וואס דיא בערן האבען אנגעלעגט פאר זייער הויז. דאס האט פערנומען א גאנצען טאג. דערפאר אבער האבען זיי געהאט וואס צו עסען, מען האט געקאכט און געבראטען בערן פלייש. דעם אנדערן טאג האט מען געמוזט רעפארירען דאס הויז. פון דער עקספלאזיאן האט זיך דער דאך צוריהרט און מען האט איהם געמוזט אויסבעסערן. עס זיינען פערגאנגען דריי טאג, איידער זיי האבען געבראכט אלעס אין ארדנונג.

24טעס קאפיטעל.

דער פריהלינג לעבען נארד-פאל.

ענדליך איז געקומען דער פריהלינג אויך אין יענע געגענדען. עס האט אנגעהויבען צו ווערן ווארימער און ווארימער. דאס אייז אויפ'ן מעער האט אנגעהויבען צו קנאקען און צו ברעכען זיך. פון דיא שפאלטען פון'ם אייז האט ארויסגעשפריצט דאס מעער וואסער, וויא א פאנטאן. דיא זון האט אנגעהויבען אזוי ווייט צו ווארעמען, אז אויף דיא בערג האט דער שנעע אנגעהויבען צו שמעלצען. דעם 2טען מאי איז געווען אזוי ווארם, אז אין פיעלע ערטער איז דער שנעע אין גאנצען פערשוואונדען און מען האט ארויסגעזעהן דיא ערד.

מיט יעדען טאג זיינען געקומען צו פליעהען אלערליי פייגעל. עס האבען זיך געוויזען זעע הינט און וואלראסע, האזען, וועלף און פיקס. דיא בוכטע וויקטאריא איז געווארען לעבעדיג, אופן קאפ-וואשינגטאן האבען דיא פייגעל אנגעהויבען צו בויען זייערע נעסטער. דיא גאנצע נאטור האט זיך אויפגעהאפט צו א פרישעם לעבען.

אונזערע רייזענדע פלעגען מאכען לאנגע שפאציערגענגע. יעצט האבען זיי ניט געהאט קיין זארג וועגען פראוויאנט. זיי האבען געהאט פריש פלייש, וויא פיעל זיי האבען געוואלט. בעזאנדערס גליקליך איז געווען דער דאקטאר, ער פלעגט דורך דיא טעג ארומגעהן אין דיא בערג, אין דיא ערטער, וואו דער שנעע איז פערשוואונדען און האט געזוכט, געפארשט און געלערנט. פאר איהם האט געהאט אן אינטערעס יעדעס שטיינדעלע, יעדעס שטיקעלע ערד. יעדער נייער אונבעקאנטער פויגעל, יעדער נייער אונבעקאנטער סארט פיש, וועלכע געפינען זיך נור אין יענע געגענדען. נאהענט ביים ברעג פון'ם מעער איז דאס אייז צוגאנגען געווארען און מען האט געקענט זעהן, וויא לוסטיגע פישעלעך האבען זיך געשפיעלט אין'ם קלארען וואסער פון דער בוכטע וויקטאריא.

— אך! איך זאל האבען א באאט אדער א שיפעלע! האט אויסגערופען דער דאקטאר, וויא גליקליך וואלט איך געווען! איך וואלט געקענט אויספארשען אלע אינזלען אין דער בוכטע. בעזאנדערס אבער דיא אינזעל דשאנסאן. דארט געפינט זיך א הויכער בארג, פון וועלכען מען קען איבערזעהן דיא גאנצע געגענד. וואס פאר אן אונבעקאנטע וועלט ליעגט בעגראבען אונטערן שנעע!

ער פלעגט קומען זעהר שפעט א היים און פלעגט אוועקגעהן גאנץ פריה. זיינע קאמעראדען פלעגען איהם זעלטען זעהן און זעלטען קענען מיט איהם רעדען. פלוצלונג איז איהם אריינגעקומען אין קאָפּ א נייע אידעע.

— לאָמיך פראָבירען עפּעס פערזייען דא אין דיעזע געגענדען, דאס ער א מאל געזאגט צו זיך אליין.

אויף דער „פּארפּאיז" האט זיך געפונען צווישען די מעדיצינישע ארטיקעל די זאמען (זריעה) פון לעפעלקרויט Cochlearia, וועלכעס איז דאס בעסטע מיטעל געגען די געפעהרליכע קראנקהייט סקארבוט. דיעזעס גראָז וואקסט אין די קעלטעסטע געגענדען פון דער וועלט. מען האט געפונען לעפעלקרויט וואקסען אין שפּיצבערגען, אויף די אינזלען „גאָוואיא־זעמליא" און אויף די בערן אינזלען, אזעלכע קאלטע געגענדען, וואו קיין בוימעלע קען ניט וואקסען. אלזא, פארוואס זאל עס ניט וואקסען דא, אין ניר קארנעוואל?

דער דאקטאר האט פיינט געהאט לאַנג צו טראַכטען. קוים איז איהם עפּעס אריינגעפאלען אין קאָפּ, האט ער ליעב געהאט עס באלד אויפצופיהרען. ער האט צו גראבען א שטיקעל ערד ניט ווייט פון פולמאן־הויז און האט דאָרט פערזייעט די זאמען פון'ם לעפעלקרויט. וויא גליקליך איז ער געווען, ווען ער האט דערזעהן אין עטליכע טעג ארום, וויא עס האבען ארויסגעשפּראָצט פון דער ערד וויסליך גרינע בלעטעלעך. ער האט געטאַנצט פאר פרייד, וויא א קליין קינד. האטטעראס האט איהם אנגעקוקט מיט שמייכען.

— איהר ווילט דא גרינדען א קאָלאָניע, דאקטאר? האט ער איהם געזאגט, איך מיין, אז אין אפריקא אדער אין קאנאדא וועט עס אייך בעסער געלינגען, אלס אין דיעזע אונפריינדליכע געגענדען.

— דערווייל זיינען מיר דא, האט דער דאקטאר געענטפערט גלייכגילטיג, ווען מיר וועלען זיין אין אפריקא, וועל איך נאך א מאל פּראָבירען.

עס איז געקומען דער 18טער מאי. עס האט אנגעהויבען פלוצלונג צו ווערן קאלט און אויף ביי נאכט איז געוואָרען אזא פראָסט, אז דאס קוועקזילבער אין טהערמאָמעטער איז שיער ניט פערפראָרען געוואָרען. גענעראַל פּראָסט איז אנגעקומען מיט אזא מאכט, אז אלע וואסערן זיינען פערפראָרען געוואָרען, די פייגעל זיינען פערשוואונדען, די זעע הינט האבען זיך ניט געוויעזען. עס איז געוואָרען צוריק ווינטער. וויא דורך א צויבער האט דער גענעראל פּראָסט פערניכטעט אלעס לעבען אין איין נאכט. מען האט געמוזט א גאַנצע נאכט הייצען אין אויווען.

צום ערשטען מאָל זייט זעכצעהן טעג איז דער דאקטאר געקומען פריה א היים. ער איז געווען בייז אויף די קעלט. זיא האט איהם געשטערט אין זיינע ארבייטען און פערניכטעט זיין פּלאַנטאציאָן.

— וואס דענקט איהר, דאקטאר, האט אלטאמאן געפרעגט, וועט די קעלט לאַנג דויערן?

— ניין, האט דער דאקטאר געענטפערט. עס פערדריסט איהר, וואס דער זומער קומט אן און וויל זיא ארויסטרייבען פון איהר וואָינונג. זיא שטרענגט אן אלע איהרע

קרעפטע, זיא פראָבירט צום לעצטען מאל וויזען, וואס זיא קען. עס וועט איהר אבער ניט העלפען. זיא וועט מוזען ווייכען.

— זיא פערטהיידינגט זיך נעגען דעם זומער, האט געזאגט בעלל פערדראָסען, דערוויל איז אונז גוט קאַלט און וויא איך האב געזעהן, איז אייער פלאַנטאציאָן, דאקטאר, אויסגעפראָרען.

— יא, איך האב בענאַנגען א פעהלער, האט דער דאקטאר געזאגט. איך האב פערזייט מיין פלאַנטאציאָן צו פריה. אין ענגלאַנד פערזייען דיא בויערן ניט זייערע פעלדער פאָרן 13טען מאי אדער וויא זיי רופען עס, „פארן היילינגען פאנקראציוס“. איך האב בעליידינט דעם היילינגען פאנקראציוס און ער האט מיך געשטראָפט.

— פון ווען אן זייט איהר פרום געוואָרען, דאקטאר? האט דער אמעריקאנער געלאַכט. איך וואָלט מיר קיין מאל ניט פאָרגעשטעלט, אז איהר גלויבט אין אלע היילינע, בעזאָנדערס אבער אין אזא סעקאָנד הענד היילינגען, וויא דער היילינער פאַנקראציוס, פון וועלכען איך הער צום ערשטען מאל. ביי אונז אין ניו־יאָרק קען מען איהם גאר ניט.

— ליידער, מוז איך אין איהם גלויבען, האט געזאגט דער דאָקטאר מיט אן ערנסט שפּעט־שער שטימע. איהר זעהט דאָך, וואס ער האט אונז אָפּגעטהאן. נאָך מעהר, ער טהוט זעהר אָפּט אָפּ אזעלכע שטיקלעך. געוועהנליך, מוז ביז אין 20טען מאי זיך ארויסחאַפּען א פראָסט, בעזאָנדערס קאַלט איז עס אבער, ווען דער פראָסט איז פון׳ם 11טען ביז אין 13טען מאי.

דשאנסאן האט זעהר גוט פערשטאַנען, אז דער דאקטאר שפּאסט, ווען ער זאָגט, אז דער היילינער איז שולדיג. ער האט אבער אויך געזעהן, אז ער מיינט עס גאַנץ ערנסט, אז אין מאי מוזען זיין א פּאָר קאַלטע טעג.

— פאר וואס איז עס, דאקטאר? האט ער געפרעגט. פארוואס מוזען זיין אין מאי קאַלטע טעג?

— דארויף זיינען דא צוויי ערקלערונגען, האט דער דאקטאר געענטפערט. איינינע ערקלערן, אז אין מאי קומען אוים פיעלע קליינע שטערן צווישען דער ערד און דיא זון. זיי ציעהען צו צו זיך דיא ווארימקייט פון דער זון און אויף דער ערד ווערט א קעלט. אנדערע געלהרנטע ערקלערן עס אויף אזא ארט. אין מאי ווערט שטארק ווארם, דער שנעע צונעהט און פערשלינגט דיא ווארימקייט פון דער זון. עס איז בעוויעזען אין דער פּהיזיק, אז יעדעס מאָל, ווען פון וואסער ווערט דאמפף, אדער פון שנעע — וואסער, נעהמט עס צו פיעל היץ. ווען אין א גאַנץ הייסען זומערטאג געהט א רעגען, פיהלען מיר נאכ׳ן רעגען, אז דיא לופט ווערט פרישער און קיהלער. דאס קומט דערפון, וואס עס איז געווען היים, פון׳ם רעגען ווערט באלד דאמפף, וועלכעס ציהט צו זיך צו דיא היץ.

ביידע ערקלערונגען, האט דער דאקטאר ווייטער געזאגט, קענען זיין ריכטיג און מיר טאָרען עס ניט פערגעסען, דיא בויערן אין ענגלאנד האבען זיך געוואָלט מאכען א סימן, זיי זאָלען ניט פערגעסען; ווען מען קען ערווארטען קאַלטעס וועטער אין מאָנאט מאי און האבען אויסגעפונען א קאַלטען היילינגען וועלכער האט צושאפען איבער דיעזע

קאלטע צייט. ליידער, האט אונז דער קאלטער הייליגער נעגעבען יעצט אזא קאלטע לעקציאָן, אז מיר וועלען איהם האבען צו געדענקען.

דיא לעקציאָן איז ווירקליך געווען א שטרענגע. ביז צו ענדע מאי איז געווען שרעקליך קאלט. מען האט ווייטער געמוזט זיצען אין שטוב און זיך לאנגוויילען. יעצט האבען זיי געפיהלט דיא לאנגווייליגע ערגער וויא אום ווינטער. עס פערדריסט, ווען עס איז קאלט דאמאלס ווען איך וויים, אז עס דארף שוין זיין וואַרם.

אין דיעזע צייט האט דער דאקטאר געזוכט א געלעגענהייט צו רעדען מיטן קאפיטאן האטטעראס, אז זיי זאלען דאָך זעהן זיך צומאכען א באָאָט פון דיא ברעטער פון דער „פארפאיז". ער האט געוואוסט, אז האטטעראס איז דאגעגען, ער וועט ניט וועלען פאָהרען אין א באָאָט, וואס איז געמאכט פון אן אמעריקאנישער שיף. עס איז דאָך אבער קיין אנדער האָלץ ניט געווען צובעקומען און באלד קומט אן דער מאנאט יוני, דיא איינציגע צייט, ווען עס ווערט ווארעמער אין דיעזע געגענדען און מען קען ארויספאהרען אויפ'ן מעער זוכען א וועג א היים אדער צום נאָרד־פּאָל. וואס וועלען זיי דא אויסליעגען? וואס וועט זיין דער תכלית פון זיי? מען מוז דאָך עפּעס טהאן. — עס העלפט ניט, ער מוז מיט איהם רעדען און איהם עקלערן, אז זיי מוזען זיך מאכען א באָאָט. ער האט אויפגעפּאסט א גינסטיגע מינוט און האט אוועקגערופען דעם קאפּיטאן האטטעראס אויף א זייט.

— האטטעראס, גלויבט איהר, אז איך בין אייער פריינד?

— געוויס, דאקטאר! איהר זייט מיין בעסטער, מיין איינציגער פריינד.

ווען איהר האלט מיך פאר אייער בעסטען פריינד, וועט איהר געוויס צוגעבען, אז ווען איך וויל אייך געבען אן עצה, האב איך דערביי קיין שום אינטערעס ניט; איך מיין נור אייער טובה.

— איך בין איבערצייגט, אז איהר זוכט ניט אייער נוצען און מיינט ניט אייער אינטערעס, האט האטטעראס געזאגט. צו וואס אבער זאָגט איהר עס מיר?

— איך וועל עס אייך באלד זאגען. צוערשט מוז איך אייך אבער שטעלען נאך א פראגע. האלט איהר מיך פאר אן עכטען ענגלענדער, ביי וועלכען דיא עהרע פון זיין פאטערלאנד איז טהייער?

— געוויס, דאקטאר.

— יעצט קום איך צום ריכטיגען פונקט. איהר ווילט קומען צום נאָרד־פּאָל. דאס איז זעהר א גרויסע זאך, זעהר א וויכטיגע זאך. איך בין מיט אייך איינפערשטאנדען. אום אבער אזא הויכען ציעל צוערגרייכען, מוז מען דאָך אנווענדען געוויסע מיטעל.—

— וואס ווילט איהר דאקטאר? האב איך דען ניט אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטעל? האב איך דען ניט געאָפּפערט מיין פערמעגען, מיין געזונד און מיין לעבען?

— אבער ניט אייער שטאָלץ. איז איהם דער דאָקטאָר אריינגעפאלען אין דיא רייד.

— איך פערשטעה, וואס איהר מיינט — מאכען א באָאָט....

— הערט מיך אויס, האטטעראס, האט דער דאקטאר געבעטען. לאָמיר בע־טראכטען אונזער לאגע און לאָמיר זיך דורכרעדען, וויא קלוגע מענשען, איבער אונזער ציעל. מיר געפינען זיך יעצט אויף א לאנד, וועלכע קיין אייראָפּעער האט נאך ניט

אויסגעפּאַרשט. מיר ווייסען ניט, אויב מען קען צוקומען דורך דיעזעם לאַנד צום נאָרד־פּאָל אדער נים. גיכער גיט, אזוי האבען אונז פיעלע פאַרשער פאר אונז געזאגט. אלע דערצעהלען, אז זיי האבען געטראָפען א מעער, וועלכעס איז פריי פון אייז. דער זומער קומט אן. מיר וועלען געהן צום נאָרד פּאָל. וואס וועלען מיר טהאן, ווען מיר קומען צו א מעער? מיר זיינען נאָהענט צו אונזער ציעל, מיר זעהן דעם נאָרד־פּאָל און קענען צו איהם ניט קומען, ווייל מיר האבען ניט דאס קלענסטע שיפעלע, דאס קלענסטע באָאָט אריבער צושווימען א האַלבע מייל וואַסער. וואס פאר א פּנים וועלען מיר דאמאלס האבען? דורך אייער שטאָלץ, וואס איהר ווילט נים האבען א באָאָט פון׳ם האָלץ פון אן אמעריקאנישער שיף, וועלען מיר פערליערען אונזער מיה, אונזער פלייס און אונזער ארבייט.

האטטעראס האט געשוויעגען. ער האט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און האט זיך פערטראכט.

— לאָמיר בעטראכטען דיעזע פראגע פון אנאנדער שטאנד פונקט, האט דער דאקטאר ווייטער געזאגט. מיר זיינען ענגלענדער. דיא עהרע פון אונזער פאטערלאנד איז ביי אונז טהייער. מיר זיינען געפאהרען אין אונבעקאנטע מעערן. האבען געליטען הונגער און קעלט, זיינען אויסגעשטאנען דיא גרעסטע געפאהרען אום צו ווייזען דער וועלט, אז ענגלאנד און דיא ענגלענדער זיינען דיא ערשטע געלערנטע, דיא גרעסטע נאטורפאָרשער און דיא גרעסטע ענטדעקער פון נייע וועלטען. יעצט זאָלען מיר אוועקווארפען אונזער ארבייט אין דער מיט נור דערפאר, ווייל דאס באָאָט, וואס קען אונז ברענגען צום ציעל איז געמאכט געוואָרען פון אמעריקאנישע ברעטער? וואס וואָלט איהר געטהאן, ווען איהר זאָלט געפינען ברעטער פון א שיף און איהר ווייסט ניט, אויב זיא איז אן אמעריקאנישע אדער א טערקישע? — קוים איז דאס באָאָט געמאכט פון ענגלענדער, איז עס אן ענגלישע.

האטטעראס האט נאך אימער געשוויגען.

— איך מיין, אז אייך הארט נים דאס באָאָט, האט דער דאקטאר ווייטער גע־זאָגט. אייך הארט, וואס מיר האבען צווישען אונז אן אמעריקאנער. —

— יא, דאקטאר! דא האט איהר געטראָפען. איך האס דעם אמעריקאנער, איך קען איהם ניט אנקוקען פאר זיין שטאָלץ און פאר זיין גרויסקייט. דער דורכגעטריעבענער יענקי מיינט, אז ער איז אונזער רעטער, אונזער אנפיהרער, אונזער קאפּיטאן. האט איהר דען נים בעמערקט, וויא פרעך דער יענקי איז געווען, ווען מיר האבען געגעבען געמען דיא פערשיעדענע טהיילע פון דיעזער געגענד? איהר האט נים בעמערקט, מיט וואס פאר א שטאָלץ ער האט א נאמען געגעבען דעם בארג וואשינגטאָן. ער האט עס ניט געטהאָן אום וואשינגטאָן צו עהרען, זאָנדערן אום אונז צו קרענקען. — האט דער פאַלשער ליעגנערישער יענקי אונז געזאגט דיא וואהרהייט, וויא אזוי ער קומט אהער? — ניין. וואס ער האט אונז געזאגט, איז ליעגען. אזוי זיינען דיא יענקי׳ס. קיין וואהר וואָרט געהט פון זייער מויל נים ארויס. איהר וועט פון איהם קיין מאל ניט וויסען, וואוהין ער איז געפאהרען מיט זיין שיף און ווער עס האט איהם געשיקט.

— וואס געהט עס אונז אן, וואס זיין צוועק איז געווען? האט דער דאקטאר געענטפערט. לאָז ער טהאן, וואס ער וויל. מיר וועלען טהאן, וואס מיר ווילען. ער ווייס

דאך נים, צו וואס פאר א צוועק מ י ר זיינען געקומען אהער. ער וועט עס אויך קיין מאל נים וויסען.

— ווען מיר זאָלען קענען איהם דא איבערלאָזען, וואָלט ער געווים נים געוואוסט. האט האטטעראס געזאגט.

— דאס איז אונמעגליך, האטטעראס. מיר קענען דאך נים לאָזען א מענש אליין אין דיזער געפעהרליכער געגענד. ער אליין וועט עס אויך נים וועלען. ניין, האטטעראס, מיר מוזען איהם מיט נעהמען, מיר וועלען איהם אבער נים זאגען, צו וואס פאר א צוועק מיר געהן קיין נאָרדען. מיר וועלען זאגען איינפאך, אז מיר ווילען אויספאָרשען דאס לאַנד.

מיט שווערער מיה איז עס ענדליך געראָטהען דעם דאקטאר איינצורעדען קאַ־פיטאַן האטטעראס, אז מען זאָל בויען א באָאט. יעצט איז נאך געבליעבען צו פרעגען אלטאמאָן, אויב ער וועט עס ערלויבען. ביים מיטאג עסען האט דער דאקטאר אנגע־הויבען צו רעדען, אז מען מוז מאכען א לאנגע רייזע אום צו זעהן, וויא אזוי א היים צו פאָהרען.

— איהר וועט געווים אויך געהן מיט אונז? האט ער געפרעגט דעם אמעריקאנער.

— געווים! האט דער יענקי געענטפערט, איך מוז וויסען וויא גרויס „ניי־אמעריקא" איז. איך מיין, אז עס וואָלט גליך געווען, מיר זאָלען מאכען א באָאט, אדער א קליינע שיף פון דיא ברעטער פון דער „פארפאיז", דאס איז נאך דיא איינציגע זאך, וואס מען קען פון איהר מאכען.

האטטעראס האט זיך געביסען דיא ליפען. דער דאקטאר אבער האט זיך געמאכט נים וויסענדיג און האט געזאָגט:

— אזוי בלייבט עס! מאָרגען נעהמען מיר זיך צו דער ארביים.

25טעם קאפיטעל.

זומער ארום נאָרד־פאָל.

ענדליך האט אנגעהויבען וואַרים צו ווערן. דעם 29טען מאי איז דיא זון שוין נים אונטער געגאנגען. מען האט געזעהן, וויא זיא געהט ארום אלע פיער עקען פון דער וועלט. עס האט זיך אנגעהויבען דער טאג, וועלכער דויערט דריי מאנאטע. דיא זון האט אנגעהויבען צו וואָרעמען און דער שנעע האט אנגעהויבען שטארק צו שמעלצען. ביי דיא ברעגעס פון דער בוכטע וויקטאריא איז דאס אייז פערשוואונדען. מיט יעדען טאג זיינען געקומען צו פליהען נייע פויגעל און עס האבען זיך געוויעזען אלערליי טהיערע פון נאָרד־פאָל. זיי האבען נאך קיין מאל נים געזעהן קיין מענשען און האבען נים גע־וואוסט, אז ער איז זייער פיינד, דערפאר האבען זיי זיך פאר איהם נים געהיט.

איין מאל זיינען אונזערע רייזענדע געגאנגען אויף דער יאגד. זיי זיינען צוגעקומען צו א בערגעל, אויף וועלכען עס האט געוואקסען א סאָרט מאָאס (מאָך). וויא ערשטוינט זיינען זיי געווען, ווען זיי האבען דערזעהן דריי יונגע האָזען ארויסשפרינגען פון אונטער א שטיין און לויפען זיי ענטגעגען. דיא יונגע האָזען זיינען זיי געקראָכען אויף דיא פיס און האבען זיך געלאָשטשעט צו זיי, וויא דיא קעצלעך. אלטאמאן האט זיי געוואלט

האפען. לאָזט זיי צו רוה... אלטמאן, האט דער דאקטאר געבעטען. וויא קענען מיר טויטען א חיה, וואס האט אזוי פיעל צוטרויען צו אונז? לאָזט זיי לעבען!

עס איז געווען א פערגניגען צו זעהן, וויא דיא קליינע האָזען האבען זיך געלאָזען גלעטען און האבען געלעקט דיא הענד פון אונזערע יעגער.

נעגען מיטאג האבען זיי זיך אָפּגערוהט און האבען גענעסען זייער פריהשטיק. דאס וועטער איז געווען שעהן און זיי האבען בעשלאָסען זיך אויסצורוהען אביסעל און ווייטער צו געהן אויספארשען דיא געגענד און, ווען זיי וועלען אנטרעפען א מאָשוס אָקס, זאלען זיי איהם שיעסען.

דער מאשוס אָקס אז א חיה, וועלכע געפינט זיך נור אין דיא קאלטסטע געגענדען. ער איז גרויס, וויא א גרויסע ציג און דער קאָפּ איז וויא פון א בופלאקס. ער איז בעדעקט מיט ווייכע לאנגע האר. דיא עסקימאָסען עסען זיין פלייש, דיא אייראפּעער אבער קענען עס ניט עסען, ווייל עס שמעקט זעהר שטארק מיט מאשוס (פיזעם). זיין פעל איז זעהר ווארם און דיא עסקימאָסען מאכען זיך קליידער פון איהר. ער איז זעהר ווילד און עס איז איהם ניט לייכט צו פאנגען. ווען מען רייצט זיי, ווערן זיי געפעהרליך. מיט זייערע שטארקע און שארפע הערנער קענען זיי דורכבויערן א ברעט.

פאר נאכט זיינען זיי אויפגעשטאנען און זיינען ווייטער געגאנגען. זיי זיינען ארויפגעגאנגען אויף א בארג און האבען דערזעהן פונפצעהן ביז צוואנציג רענטהיערע (א סאָרט הירש). דיא רענטהיערע זיינען ניט אנטלאָפען פאר זיי זאגאר ווען דיא יעגערס זיינען צוגעקומען צו זיי און האבען זיי גענומען ביי דיא הערנער. דער דאקטאר איז געווען ענטציקט. ער האט געגלעט דיא רענטהיערע, האט זיי געקוקט אין דיא אויגען, האט גערעדט צו זיי און האט זיי ארומגענומען. אלטאמאן איז געשטאנען, וויא אויף שפּילקעס. עס האט זיך איהם געוואָלט שיעסען א פּאָר רענטהיערע.

— אך, לאָזט זיי צו רוה! האט דער דאקטאר געבעטען. לאמיר בעטראכטען דיא טהיערע, וויא זיי לעבען, איידער דער שלעכטער מענש איז געקומען צו זיי. איך זעה, אז זיי קומען ערגעץ פון אנאנדער געגענד, וואו קיין מענש איז נאך ניט געווען. זיי קומען ניט פון אמעריקא.

— פון וואנען ווייסט איהר עס, דאקטאר? האט אלטאמאן געפרעגט פערוואונדערט.

— ווען זיי זאלען קומען פון אמעריקא, האט דער דאקטאר געענטפערט, וואָלטען זיי געוואוסט, וויא דיא צוויי פיסיגע חיה, וועלכע רופט זיך מענש, איז שלעכט און פערדאָרבען. זיי וואלטען אנטלאפען פון אונז, וויא פון פייער.

— מיר זיינען דאך יעגער! האט אויסגעשריען אלטאמאן, דארפען מיר שיעסען יעדע חיה, וואס מיר טרעפען.

— בערוהיגט אייך, פריינד, האט דער דאקטאר געענטפערט. מיר וועלען נאך צייט האבען צו שיעסען און צו טייטען. דערווייל דארפען מיר ניט, איז גלייכער ארומצוגעהן פריינדליך מיט דיעזע שעהנע טהיערע. — פריינדליכקייט און גוטסקייט איז אויך א מצוה.

— איך וואָלט א בעלן געווען צו זעהן, וויא אזוי איהר ווערט ארומגעהן פריינדליך מיט ווייסע בערן און מיט וועלף. האט אלטאמאן געלאכט.

— ליעבער פריינד, ווייסע בערן איז עטוואס אנדערש. זיי זיינען ווילד און בלוט־דורשטיג. זיי רייסען און בייסען יעדען, וואס זיי בעגעגענען. זיי זיינען זעהר עהנליך צו מענשען.

דער טאג איז פערגאנגען און זיי האבען קיין איינציגע חיה ניט געשאָסען. דעם אנדערן טאג האבען זיי בעשלאסען צו געהן אין אנאנדער געגענד. זיי זיינען אוועקגע־גאנגען עטליכע מייל און האבען גאר ניט געטראפען. דיא גאנצע געגענד איז געווען בעדעקט מיט ניט הויכע בערג. אין דיא טאָהלען איז נאך געלעגען טיעפער שנעע. איינינע טייכען זיינען נאך געווען בעדעקט מיט אייז. און דאס איז געווען אין דער מיט זומער, דעם 17 טען יוני!

געגען מיטאג האבען זיי געוואָלט זיך זעצען אָפּרוהען, ווען זיי האבען דערהערט, אז דיוק, דעם קאפּיטאַן׳ס הונד בילט זעהר שטאַרק. זיי זיינען געגאנגען זעהן, וואס דאָרט איז און האבען דערזעהן, אז דיוק בילט אויף צוויי זאָנדערבארע חיות. דער דאָק־טאָר האט באלד דערקענט, אז דאס זיינען מאשוס אָקסען. פארן הונט האבען זיך דיא מאשוס אָקסען ניט דערשראָקען, קוים אבער האבען זיי דערזעהן מענשען, זיינען זיי באלד אנטלאָפען געוואָרען.

— דאס זיינען אמעריקאנער, האט דער דאקטאר געזאגט. זיי ווייסען שוין, וויא גוט און בארמהערציג דער מענש איז.

אלע האבען אנגעהויבען נאכיאגען דיא מאשוס אָקסען. זיי האבען נאך דיעזעס טהיער קיין מאל ניט געשאָסען און האבען געוואלט פערזוכען, וואס פאר א טעם זייער פלייש האט. אזוי וויא דיא אָקסען זיינען געלאפען זעהר שנעל, האט דער דאקטאר געפונען, אז עס איז גלייכער, מען זאל זיי לאזען לויפען, ביז זיי וועלען זיך בערוהיגען און בלייבען שטעהן, דאן זאלען זיי זיך צוטהיילען אויף צוויי פּארטיעען און ארומגעהן דיא אָקסען פון צוויי זייטען. גאנץ ווייט האבען דיא מאָשוס אָקסען ניט געקענט אנטלויפען, וויל דאס מעער איז געווען נאָהענט און זיי זיינען געראַדע געלאפען צום מעער. זיי האבען אזוי געטהאן, ווען דיא מאָשוס אָקסען האבען געזעהן, אז מען יאָגט זיי ניט נאך, זיינען זיי באלד געבליעבען שטעהן. אונזערע יעגער האבען זיך צוטהיילט און האבען אנגעהויבען זיך צו צוגנבענען צו דיא אָקסען. זיי זיינען געקראָכען אויף אלע פיער, האבען זיך בעד־האלטען צווישען שטיינער און האבען זיך אראָפּגעקייקעלט פון בערגלעך, ביז זיי זיינען צוגעקומען נאהענט צו דיא מאָשוס אָקסען. פּלוצלונג האבען זיי זיך אויפגעהויבען און האטטעראס איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט אויסגעשאסען אויף דיא אָקסען. זיינע קוגעלן האבען אבער ניט גוט געטראָפען. דיא אָקסען האבען זיך ארויפגעווארפען אויף איהם מיט א שרעקליכער רציחה. זייערע אויגען זיינען געווארען פול מיט בלוט, זיי האבען אראָפּגעלאָזען זייערע קעפּ מיט זייערע שרעקליכע שארפע הערנער און זיינען צו געלאפען מיט אזא איםפּעט, אז זיי האבען איהם באלד אניעדער געוואָרפען אויף דער ערד.

— ער איז פערלארען! האט בעלל אויפגעשריען. זיי וועלען איהם צו טרעטען מיט דיא פיס אדער צו לעבערן מיט זייערע הערנער.

אלטאמאן איז געשטאנען א פאר סעקונדען און האט געטראכט, ער האט פיינט געהאט האטטעראס׳ן, וויא האטטעראס האט איהם פיינט געהאט. זיין ערשטער געדאנק איז געווען: לאמיך לאזען דיא מאשוס אָקסען, זיי זאלען איהם טייטען. באלד אבער האט ער זיך איבערלעגט און איז צוגעלאפען צו זיין שונא.

— מוטה, האטטעראס! האט ער א געשריי געטהאן און האט אנגעהויבען צו האקען דיא אָקסען אין קאָפּ אריין מיט זיין האק. שיעסען האט ער ניט געקענט. ער וואלט געקענט טרעפען האטטעראס׳ן.

דער דאקטאר און בעלל זיינען אויך צוגעקומען מיט זייערע מעסערס און העק. באלד זיינען ביידע מאשוס אקסען געלעגען טויט אויף דער ערד. האטטעראס האט בעקומען עטליכע שטארקע קלעפּ פון דיא מאשוס אקסען, ער איז אבער געווען גערע־טעט און האט געהאט צו פערדאנקען זיין לעבען א מענשען, וועלכען ער האט פיינד געהאט, וויא דעם טויט. ער האט זיך אויפגעהויבען לאנגזאם פון דער ערד, איז צוגע־גאנגען צו אלטאמאן און האט איהם געזאגט:

— איך דאנק אייך, אלטאמאן, איהר האט מיר געראטעוועט דאס לעבען.

— איהר האט מיין לעבען אויך געראטעוועט, מיר זיינען יעצט קוויט, האט דער אמעריקאנער געענטפערט.

— ניין, אלטאמאן, האט האטטעראס געזאגט, מיר זיינען ניט קוויט. ווען מיר האבען אייך ארויסגעשלעפּט פון׳ם בארג מיט שנעע, האבען מיר ניט געוואוסט, ווער איהר זייט און מיר האבען גאר ניט ריסקירט. איהר אבער האט איינגעשטעלט אייער לעבען דאמאלס, ווען איהר ווייסט, ווער איך בין.

— איהר זייט א מענש, גלייך וויא איך, האט אלטאמאן געזאגט. וואס מען זאל ניט זאגען אויף דיא אמעריקאנער; וואס פאר א פעהלער זיי זאלען ניט האבען — איין זאך איז געוויס: זיי זיינען קיין פייגלינגע.

— אה, דאס ניט! האט דער דאקטאר געזאגט. מיר זיינען אלע גלייכע מענשען, דער אמעריקאנער איז ניט ערגער פון׳ם ענגלענדער. אלטאמאן איז אזא מענש, וויא האטטעראס.

— און ער זאל אויך האבען א טהייל אין דער עהרע, ווען מיר וועלען דערגרייכען אונזער ציעל, האט האטטעראס געזאגט גערי‌הרט.

— אלזא, האב איך ריכטיג דערראטהען, האט אלטאמאן געזאגט. איהר האט זיך אונטערגענומען צו ענטדעקען דעם נאָרד־פּאָל?

— יא, האט געזאגט האטטעראס שטאָלץ. וואס איז דען געווען אייער ציעל?

— איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט, איך האב פון אזא הויכען ציעל ניט געדאכט. איך האב איינפאך געזוכט א וועג ארומצופאהרען אמעריקא איבערן אייז־מעער.

האטטעראס האט איהם אויס־געשטרעקט ביידע הענט.

— אלטאמאן! זייט אונזער קאָמפּאניאָן, לאמיר צוזאמען ענטדעקען דעם נאָרד־פּאָל! לאמיר ווייזען דער וועלט, אז דער מענש קען אלעס דערגרייכען, ווען ער וויל נור,

זיי האבען זיך אומגעקוקט צום דאקטאר און האבען דערזעהן אויף זיינע באקען טרערן

— פריינדע! האט ער זיי געזאגט, איהר האט מיך אזוי גליקליך געמאכט, וואס איהר האט זיך פעראייניגט און זייט געוואָרען גוטע פריינד, אז איך בין גערירט. יעצט זעה איך ארויס, אז זעהר אָפט קומען פאָר שטרייטיגקייטען און פיינדשאפט צווישען מענשען נור דערפאר, וואס זיי רעדען זיך ניט דורך. יעדער געהט ארום אנגעבלאָזען און האלט איין דיא אונצופריעדענהייט אין זיך. ער זאָגט עס ניט ארויס. דיא פיינד־שאפט ווערט אלע מאל גרעסער, ביז זיי ווערן איינער דעם אנדערן דם שונאים. ווען יעדער זאָל באלד געווען ארויסזאגען דעם אנדערן, פאר וואס ער איז מיט איהם ניט צופריעדען און דער אנדערער וואָלט זיך פערענטפערט, וואָלטען זיי געבליבען גוטע פריינד.

דיא נייע פריינד האבען זיך צוביסלעכוויים בערוהיגט. יעצט האבען זיי זיך אומגעקוקט אויף דיא אורזאכע פון זייער פריעדען, אויף דיא צוויי מאָשוס אָקסען.

— איך בין א שלעכטער יעגער, האט דער דאקטאר געזאגט, דערפאר בין איך א גוטער העקער (בוטשער) איך קען ארומנעהן מיט'ן מעסער און שניידען טויטע קערפער.

ער האט זיך גענומען אָפשינדען דיא אָקסען און זיי צושניידען. עס האט געדויערט א פּאָר שטונדען, איידער ער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין ארבייט. עס איז געוועזען מעהר אלס הונדערט פונט פלייש. ער האט צוטהיילט דאס פלייש אויף פיער טהיילע, יעדער האט גענומען זיין פעקעל און זיי זיינען געגאנגען א היים. זיי זיינען געוועזען זעהר מיעד און הונגעריג. דשאנסאן, וועלכער איז ניט געגאנגען מיט זיי און איז געבליבען אין דער היים צו בעזאָרגען דיא ווירטהשאפט, האט זיי אנגעגרייט א גוטען מיטאג. ווען מען האט זיך געזעצט עסען, האט דער דאקטאר געזאגט:

— דשאנסאן! ווען מיר זיינען ארויסגעגאנגען היינט אין דער פריה פון דער היים, האב איך געהאט מיט מיר אן ענגלענדער און אן אמעריקאנער, איך האב צוריקגעבראכט צוויי ב ר י ד ע ר.

יעצט האט זיך אנגעהויבען א נייער לעבען ביי אונזערע רייזענדע. זיי האבען זיך גענומען שטארק צו דער ארבייט און אין איינינע טעג ארום איז דאס באָאט פערטיג געוואָרען. דעם 20טען יוני האט עס שטארק גערעגענט. עס האט זיך זיי פּאָרגעשטעלט א זעלטענע ערשיינונג. דאס אייז אין דער בוכטע וויקטאָריא האט אנגעהויבען צו ציטערן און צו ברעכען זיך. עס איז געווען דייטליך, אז קוים וועט זיך אויפהויבען א שטארקער ווינד, וועט זיך דאס גאנצע אייז אויפהויבען און וועט בילדען איידבערג און איידפעלדער.

ענדע יוני איז דאס באָאט געוואָרען פערטיג און זיי האבען געמאכט א פּראָבע צו פאהרען אויף איהם א שטיקעל וועג. זיי זיינען צוגעפאהרען צו דער אינזעל דשאנסאָן, וואוהין דער דאקטאר האט אלץ געגארט צו זיין, ווען דיא אינזעל וועט זיין פריי פון שנעע. ער איז אבער געבליבען זעהר אונצופריעדען, ווען ער האט אויסגעפונען, אז דיא אינזעל איז שטיינעריג און עס וואקסט אויף איהר גאר ניט. נור דיא זעע הינט פלעגען

זיך אהין צונויפקומען, ווייל דארט האט זיי קיינער נים געשטערט. און דשאנסאן איז געווען צופריעדען מיט דער אינזעל, ווייל זיא האט געטראגען זיין נאמען.

דאס באָאט האט זיך געוויעזען זעהר גוט און אונזערע רייזענדע האבען אנגעהויבען זיך פאָרצובערייטען צו געהן צום נאָרד־פּאָל. נאך זייער רעכנונג זיינען זיי געווען נים מעהר, וויא הונדערט און פונפציג ענגלישע מייל פון'ם נאָרד־פּאָל. ווען זיי זאלען מאכען צעהן מייל א טאג, קענען זיי קומען אין פונפצען טאג צום נאָרד־פּאָל. ווען זיי אבער טרעפען וואסער אויפ'ן וועג, קענען זיי קומען אין צעהן טאג. דער באָאט איז געווען גוט און מיט א גוטען ווינט קענען זיי איינפאהרען 25 — 30 מייל א טאג אויפ'ן וואסער.

אין דריי טאג איז אלעס געווען פערטיג צו דער רייזע. דאס באָאט האבען זיי ארויפגעשטעלט אויפ'ן שליטען. אין באָאט האבען זיי צונויפגעפּאקט זייערע זאכען און זייער פּראָוויאנט. דעם 1טען יולי זיינען זיי ארויסגעפאהרען פון „פולמאן־הויז“. עס איז זיי געווען זעהר שווער צו שיידען זיך פון אן אָרט, וואו זיי האבען צוגעבראכט דעם ווינטער און איבערגעלעבט אזוי פיעל פרייד און לייד. עס האט אבער נים געהאָלפען. מען האט געמוזט געהן.

דיא ערשטע צוויי טאג האבען זיי געמאכט צוואנציג מייל, צו צעהן מייל א טאג, אזוי וויא זיי האבען אָפּגערעדט. יעצט איז זיי געווען פיעל בעסער צו געהן. מען האט געקענט געכטיגען אין דרויסען. מען האט נים נעדארפט בויען א קרעטשמע פון שנעע אויף יעדע נאכט. דאס געצעלט, וואס זיי האבען געהאט מיט זיך, איז געווען גענוג פאר זיי. אין אייניגע ערטער איז נאך געלעגען א טיעפער שנעע, אין אנדערע איז געווען דער שנעע צוגאנגען און דאס וואסער האט בעדעקט גאנצע שטרעקען לאנד, אויפ'ן וועג האבען זיי בעגעגענט זעהר פיעל חיות. זיי האבען אבער נים געשאָסען זיי, ווייל האט־טעראס האט נים געוואָלט פערליערען דיא צייט. יעדע שטונדע האט איהם געבראכט נעהנטער צום ציעל.

דעם דריטען טאג זיינען זיי געקומען צו א גרויסען זעע (אָזיעראָ) וועלכער איז געווען נאך אין גאנצען בעדעקט מיט אייז. דאס אייז איז געווען אזוי שטארק, אז עס וואָלט געקענט אויסהאלטען אויף זיך א גאנצע ארמעע. מען האט געזעהן דייטליך, אז דאס אייז איז נים פון איין ווינטער. זיי האבען בעשלאָסען צו איבערנעכטיגען אויף דיעזען וואונדערבארען טייך, וועלכער איז שטענדיג בעדעקט מיט אייז.

זאָנדערבאר! וואס ווייטער זיי זיינען געגאנגען צום נאָרד־פּאָל, אלץ מילדער און אנגענעהמער איז געוואָרען דאס קלימאט. זיי האבען נאך צוואר זעהר אָפט אנגע־טראָפען גרויסע שטרעקען לאנד בעדעקט מיט שנעע, אבער פון נאָרדען האט געוועהט אן אנגענעהמער, ווארעמער ווינט.

דעם 5טען יולי האבען זיי געזעהן א וואונדערבארע ערשיינונג. זיי האבען געזעהן פון דער ווייטען א הויכען בארג. וועלכער איז געווען בעדעקט מיט רויטען שנעע. דער שנעע איז געווען רויט, וויא בלוט און אזוי וויא דער טאג איז געווען גאנץווארם און דער שנעע איז צוגאנגען, האט זיך אויסגעוויעזען, אז פון'ם בארג רינען אראָפּ טייכלעך בלוט. אלע זיינען געווען איבערראשט פון דיעזער זעלטענער ערשיינונג. דער דאקטאר האט זיי ערקלערט, אז דער שנעע איז טאקע ווייס, נור אויף איהם וואקסען א סאָרט

רויטע שוועמלעך. זיי זיינען אזוי קליין, אז מען קען זיי זעהן נור דורך א גוטען מיקראָ־סקאָפּ. אויף א צאָל די ברייט געפינען זיך מיליאָנען פון דיעזע רויטע שוועמלעך. דיעזע שוועמלעך, אדער רויטען שנעע געפינט מען אויך אויף דיא בערג אין דער שווייץ, וועלכע זיינען בעדעקט מיט אייביגען שנעע.

דאס האט זיי אזוי אינטערעסירט, אז זיי־זיינען צוגעגאנגען נעהנטער בעטראַכטען דיעזע זעלטענע ערשיינונג. זיי האבען אויסגעפונען, אז גאנצע אכט פוס טיעף איז דער שנעע געווען רויט.

דער 6טער יולי, איז געווען זעהר א שעהנער טאג. אלטאמאן און האטטעראס זיינען געגאנגען פאָראויס. זייט זיי האבען זיך פערנאנדער גערעדט, פלעגען זיי שטענדיג געהן צחאַמען און פלעגען אָפט אוועקגעהן א גאנצע מייל פאָראויס. וויא גרויס איז געווען זייער איבערראַשונג, ווען זיי זיינען פּלוצלונג געבליעבען שטעהן לעבען א פרייעס מעער. וויא ווייט דאס אויג האט געקענט גרייכען, האט מען ניט געזעהן קיין ברעקעל אייז.

— דאס פרייע מעער! דאס פרייע מעער! האבען זיי ביידע געשריען און געמאַכט מיט דיא הענד.

דיא איבעריגע האבען עס בעמערקט און זיינען צוגעלאפען זעהן, וואס דאָרט איז. א לאַנגע שורה פון ניעדעריגע בערגלעך האט פערשטעלט דאס מעער. האטטעראס און אלטאמאן זיינען געווען גליקליך. זיי האבען באלד גענומען זייערע אסטראָנאָמישע אינסטרומענטען און האבען אנגעהויבען אויסצורעכענען, וואו זיי געפינען זיך יעצט. זיי האבען אויסגעפונען, אז זיי זיינען אין גאנצען 45 מייל ווייט פון׳ם נאָרד־פּאָל. מיט א גוטען ווינד קענען זיי עס מאַכען אויפ׳ן באָאט אין איין טאג.

— מיר מוזען א נאמען געבען דיעזעס מעער, האט דער דאקטאר אויסגערופען. איך וואָלט פאָרגעשלאַגען, עס זאל הייסען „האטטעראס־מעער".

— ניין, פריינד, האט האטטעראס געזאגט. דאס מאל זאל עס הייסען אלטא־מאַן׳ס־מעער. עס וועט זיך נאך פאר מיר אויך עפּעס געפינען. — יעצט מוזען מיר אראָפּלאָזען דאס באָאט אין וואסער און פאהרען צו אונזער ציעל.

זיי האבען זיך גענומען אויספּאקען דעם שליטען. ביז אהער איז דאס באָאט גע־שטאנען אויפ׳ן שליטען, יעצט מוז מען דעם שליטען ארויפשטעלען אויפ׳ן באָאט. דיא ארבייט האט געדויערט ביז פארנאכט. אלע זיינען געווען מיעד און האבען זיך געוואָלט אָפּרוהען. האטטעראס אבער האט זיך געאיילט, ער האט געוואָלט זיין אם ניכסטען ביים נאָרד־פּאל. ער האט געציטערט, וויא אין פיעבער צו זיין דער ערשטער אויפ׳ן נאָרד־פּאָל. זיי האבען איהם געמוזט צוליעב טהאן און זיך זעצען אין באָאט. באלד האט דשאנסאן אויפגעצויגען דעם זעגעל און דאס באָאט איז געשוואומען גאנץ לוסטיג אויף דיא קלארע, דורכזיכטיגע און שטילע וואסערן פון׳ם אלטאמאן־מעער.

יעצט האט דער דאקטאר געהאט דיא בעסטע געלעגענהייט צו שטודירען דאס מעער מיט אלע לעבעדיגע זאכען, וואס געפינען זיך אין איהם. דאס וואסער איז געווען אזוי ריין און אזוי דורכזיכטיג, אז מען האט געקענט זעהן, וויא דיא פיש שפּיעלען זיך אויפ׳ן באָדען. עס זיינען אבער געווען אזוי פיעל סאָרטען, אזוי פיעל פאָרמען. אז דער דאקטאר האט ניט געוואוסט, ניט וויא זיי הייסען, ניט וואס זיי זיינען, ניט וויא אזוי

זיי לעבען. מיר האבען קיין בעגריף ניט, וואס פאר א פארמען און געשטאלטען פון פיש און פון חיות עס געפינען זיך אין מעער, וועלכען דער מענש האט נאך ניט געטריעבט מיט זיין נעץ. אלע האבען בעטראכט מיט ענטציקען דיזע זאנדערבארע בעשעפעניסען, וועלכע זיינען אלע מאל ארויפגעקומען פון דער טיפעניש, האבען געשוואומען א געוויסע צייט אויפ'ן וואסער, גלייך וויא זיי האבען געוואלט בעטראכטען דיא נייע געסט, און זיינען באלד ווידער פערשוואונדען. איבער זייערע קעפ זיינען געפלויגען אלערליי פייגעל, וועלכע דער דאקטאר האט קיין מאל ניט געזעהן און האט פון זיי קיין מאל ניט געהערט. זיי זיינען אפט געקומען זיך אניעדערזעצען אויפ'ן באאט אפרוהען. זיי האבען נאך קיין מאל קיין מענשען ניט געזעהן.

— אך, וויא גרויס, וויא הערליך איז דיא נאטור! האט אויסגערופען דער דאקטאר. מיר מיינען, אז מיר האבען זיא שוין דערפארשט; מיר מיינען, אז מיר קענען זיא שוין. איך מוז יעצט געשטעהן, אז מיר ווייסען נאך גאר נישט.

איין שטונדע נאך דער אנדערער איז פערגאנגען. האטטעראס איז אליין געשטאנען ביים רודער און האט געפיהרט דאס באאט קיין נארדען. אלע זיינען געוועזען מיעד און זיינען אנשלאפען געווארען. דאס רוהיגע שטילע שאקלען פונ'ם נארדפאל־מעער האט זיי איינגעוויעגט, וויא אין א וויעגעלע. זיי האבען ניט בעמערקט, וואס פאר א שטרעקע זיי זיינען אריבער געפאהרען; זיי האבען ניט בעמערקט, וויא דער באדען פונ'ם מעער איז געווארען אלע מאל דייטליכער. פלוצלונג האט האטטעראס א געשריי געטהאן:

— לאנד! לאנד!

וויא אן עלעקטרישער שלאג האט דיעזעסווארט: לאנד! געווירקט אויף אלעמען. זיי האבען זיך אויפגעהאפט, וויא דיא אפגעבריהטע און האבען זיך געשטעלט לעבען האטטעראס קוקען אויף דאס לאנד, וועלכעס געפינט זיך ביי'ם נארד־פאל. דאס לאנד איז נאך צוואר געוועזען גאנץ ווייט, מען האט עס נאך קוים געזעהן. אין דיעזע מינוט אבער האט זיך זיי פארגעשטעלט א זאנדערבארע ערשיינונג. פון דעם לאנד האט זיך אויפגעהויבען א זייל פייער און האט בעלייכטעט דאס גאנצע מעער מיט זיינע רויטע פלאמען. אונזערע רייזענדע האבען זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן. זייערע געזיכטער זיינען געוועזען רויט. דאס וואסער ארום איז געוועזען רויט.

— וואס זאל דאס זיין? האט דשאנסאן געפרעגט.

— דאס איז א וואולקאן, א בארג וואס שפייט מיט פייער, האט דער דאקטאר געענטפערט.

דאס פייער האט געלייכטעט און געברענט א גאנצע שטונדע כסדר. דאן איז עס געווארען קלענער, ניעדעריגער. באלד אבער האט עס זיך ווידער אויפגעהויבען און בעלייכטעט דעם גאנצען הימעל. וואס נעהנטער זיי זיינען צוגעקומען צום לאנד, אליץ בעסער האבען זיי געזעהן, וויא דער פייער־שפייענדיגער בארג ווארפט ארויס גרויסע שטיינער אין דער הויך. מערקווירדיג אבער. דיא שטיינער פאלען צוריק אין לאך, פון וואנען דאס פייער געהט ארויס.

נעהנטער און נעהנטער זיינען זיי צוגעקומען צום לאנד. באלד האבען זיי דייטליך געזעהן, אז דאס איז נור אן אינזעל, אויף וועלכער עס געפינט זיך א פייער שפייענדיגער

בארג. ענדליך זיינען זיי צוגעקומען צום אינזעל. האטטעראס האט ניט געוואוסט, ביז דאס באָאט וועט צוקומען צום ברעג. ער איז אריינגעשפרונגען אין וואסער און איז געגאנגען מיט דער ענגלישער פאָהן אין דער האנד צום אינזעל. דער דאקטאר און אלטאמאן האבען איהם געוואלט צוריקהאלטען. עס איז אבער געווען אונמעגליך. ער האט געוואָלט זיין דער ערשטער, וועלכער וועט שטעלען זיין פוס אויפ'ן נאָרד־פּאָל. איידער זיי האבען זיך אומגעקוקט, איז ער שוין פערשוואונדען צווישען דיא שטיינער אויפ'ן ברעג.

דשאנסאן האט יעצט גענומען דעם רודער און האט צוגעפיהרט דאס באָאט צום ברעג. אלע זיינען ארויסגעגאנגען פון'ם באָאט און האבען זיך גענומען עס ארויס־צושלעפּען אויפ'ן ברעג. עס האט ביי זיי פערנומען א גערוימע צייט ביז זיי האבען בעפעסטיגט דאס באָאט, אז עס זאל ניט אוועקשווימען. ווען דאס באָאט איז געווען בעפעסטיגט, האבען זיי אנגעהויבען צו זוכען קאפּיטאן האטטעראס. זיי האבען איהם געזוכט אומעדום, האבען איהם גערופען, האבען געשאָסען, האבען געשריען — האטטע־ראס איז פערשוואונדען. ענדליך האט דשאנסאן דערזעהן, אז ער שטעהט אויף א שטיין גאנץ הויך אויפ'ן בארג מיט דער ענגלישער פאָהן אין דער האנד, וויא א בילד אויס־געאקט פון מארמאָר שטיין.

מיט שווערער מיה זיינען זיי ארויפגעקלעטערט צו איהם. דער וועג איז געווען שטייניג און זעהר גליטשיג. דער דאקטאר איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז צוגעקומען צו איהם.

— פארוואס האט איהר אונז ניט געענטפערט, ווען מיר האבען אייך גערופען? האט ער איהם געפרעגט.

— דער נאָרד־פּאָל! דער נאָרד־פּאָל! מיינע פיס שטעהן אויפ'ן נאָרד־פּאָל! זיינען געווען דיא איינציגע ווערטער, וואס האטטעראס האט געענטפערט.

זיינע אויגען האבען געגלאנצט מיט א זאנדערבארען פייער, ער האט געציטערט מיט'ן גאנצען קערפּער, וויא אין פיעבער. דער דאקטאר האט צוגעלעגט זיין האנד צו האטטעראס שטערן און האט זיך דערשראָקען, זיין שטערן איז געווען הייס, וויא ביי א קראנקען אין דער גרעסטער היץ.

— זייט איהר יעצט גליקליך, האטטעראס? האט ער איהם געפרעגט.

— דער נאָרד־פּאָל! דער נאָרד־פּאָל! מיינע פיס שטעהן אויפ'ן נאָרד־פּאָל! האט האטטעראס געענטפערט.

דער דאקטאר האט זיך נאך מעהר דערשראָקען. ער האט מורא געהאט, אז זיין פריינד איז ניט ביי זיין גאנצען פערשטאנד. ער האט איהם אנגעהויבען צו בעטען, ער זאל אראפּגעהן, ער זאל עפּעס עסען, ער זאל זיך אביסעל אפּרוהען. האטטעראס האט איהם ניט געענטפערט. ער האט געגעבען א צייכען צו אלטאמאן, אז זיי זאלען איהם מיט געוואלד צונעהמען פון דעם אָרט, וואו ער איז געשטאנען. לאנגזאם, פאָרזיכטיג האבען זיי איהם אראָפּגעטראגען אויף דיא הענד וויא א קינד.

דשאנסאן האט אויסגעפונען א גרויסען שטיין, אונטער וועלכען דיא ערד איז געווען אביסעל אויסגעהוילט. דאָרט האבען זיי אנידער געלעגט דעם קראנקען

האטטעראס. דער דאקטאר האט איהם געוואָלט נעבעקזעפעס עסען, האטטעראס אבער האט געזאגט, אז ער וועט נים עסען, נים טרינקען, ביז זיי וועלען אויסשטעלען א דאקומענט, אז זיי האבען ענטדעקט דעם נאָרד־פּאָל. דער דאקטאר האט איהם געמוזט צוליעב טהאן. בעלל האט געמוזט געהן צום באָאט און ברענגען שרייב געציינג און פּאַפּיער. דער דאקטאר האט זיך געזעצט אויף א שטיין און האט אנגעשריעבען פאָל־גענדען דאקומענט:

„דעם 11טען יולי 1861 האט דער קאפּיטאן דשאן האטטעראס ענטדעקט דיא „אינזעל קווינסלאנד, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער נאָרדפאל. יעדער, וועד עס וועט „געפינען דיעזען דאקומענט, זאל איהם צו שטעלען צו דער קעניגליכען געאָגראַפּישען „געזעלשאפט אין לאנדאן".

אונטערשריעבען דיעזען דאקומענט האבען:

דשאן האטטעראס, קאפּיטאן פון דער פאָרוואַרד.

דאקטאר פולמאן.

אלטאמאן דער קאפּיטאן פון דער פארפאיז.

דשאנסאן, צווייטער אפיציער פון דער פאָרוואַרד.

בעלל, מאטראז פון דער פארוואָרד.

דיעזען דאקומענט האבען זיי אריינגעלעגט אין א בלעכענער שאַכטעל און האָבען עס אניעדער געלעגט אונטער א שטיין. ארום דעם שטיין האבען זיי צונויפגעלעגט שטיינער, וויא א זייל און ארויפגעשטעלט פון אויבען דיא ענגלישע פאָהן. ווען זיי האבען אָפּגעטהאן דיעזע ארבייט, האט דער דאקטאר געזאגט:

— יעצט פריינד, לאמיר געהן עסען. איך וויים, אז עס געפינען זיך מענשען, וואס וואָלטען אוועקגעגעבען אלע זייערע הייזער און זייערע זאַלען דערפאר, אז זיי זאָלען איין מאל עסען א מיטאג אויפ'ן נאָרד־פּאָל. מיר האבען יעצט דיעזעס פערגניגען אומזיסט.

מען האט זיך געזעצט אויף א שטיין עסען דעם ערשטען מיטאג אויפ'ן נאָרד־פּאָל. דער דאקטאר האט פאָראויס געזעהן אזא פאל און האט מיטגעבראכט פון דער פארפאיז א פלאַש ברענדי און צוויי פלעשער וויין.

— דיעזעס מאל מוזען מיר האבען וויין, האט ער זיי געזאגט. מיר מוזען טרינקען אויפ'ס וואָהל פון אונזער פריינד, האטטעראס, וועלכער האט אונז געבראכט אהער. אלע אונזערע ליידען זיינען פערגעסען. דיעזע מינוט בעצאהלט אונז פאר אלע געפאַהרען און אלע נויט, וועלכע מיר זיינען ביז אהער אויסגעשטאַנען. מיר זיינען דיא ערשטע מענשען אויף דער וועלט, וועלכע זיינען געקומען צום נאָרד־פּאָל.

ווען מען האט אפּגעגעסען און אפּגעטרונקען און זיך אנגעשריען הורראה פאר אלעמען, האט דשאנסאן זיך געווענדעט צום דאקטאר און האט איהם געפרעגט:

— מיר זיינען יעצט אויפ'ן נאָרד־פּאָל. וואָס איז אזעלכעס דער נאָרד־פּאָל? וואס פאר א שמחה איז עס מיט אונז, וואס מיר זיינען אויפ'ן נאָרד־פּאָל?

— דער נארד־פּאָל, האט דער דאקטאר איהם דערקלערט, איז דער איינציגער פונקט אין דער וועלט, וועלכער שטעהט אויף איין אָרט און דרעהט זיך נים. דיא גאנצע ערד און אלע פונקטען אויף איהר דרעהן זיך בעשטענדיג מיט אוגעהייערער

נעשווינדינקייט, נור דער נאָרד־פּאָל, דיעזער איינציגער פונקט, שטעהט אויף איין אָרט און דרעהט זיך ניט.

ער האט אנגעהויבען צו ערקלערן איהם, וויא אזוי דיא ערד דרעהט זיך, וויא אזוי זיא ווערט בעלייכטעט פון דער זון; פאר וואס ביים נאָרד־פּאָל איז זעקס מאנאטע אין יאהר טאג און זעקס מאנאט נאכט. דער פּלאַץ פון אונזער ערצעהלונג ערלויבט אונז ניט איבערצוגעבען אלע ערקלערונגען, וועלכע דאקטאר פולמאן האט געגעבען זיינע פריינדע אום צו בעוויזען, וויא וויכטיג עס איז פאר דער וויסענשאפט צו ענטדעקען דעם נאָרד־פּאָל. דשאנסאן האט איהם אויסגעהערט זעהר אויפמערקזאם, ער האט איהם אבער ניט אין גאנצען פערשטאנען. מען מוז זיין בעקאנט אביסעל מיט דער געאָגראַפיע און אנדערע וויסענשאפטען אום צו פערשטעהן, וויא וויכטיג עס איז געוועזן צו ענטדעקען דעם נארד־פּאל. ניט אומזיסט האט דיא ענגלישע געאָגראפישע געזעלשאפט אויסגעגעבען מיליאָנען פונט סטערליג אויף רייזען צום נאָרד־פּאָל.

אזוי זיינען פערגאנגען א פּאר שטונדען אין רעדען און ערקלערונגען, ביז זיי זיינען אלע מיעד געוואָרען און האבען זיך געלעגט שלאָפען.

28טעם קאפּיטעל.

צוריק קיין ליווערפּול.

ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען דעם אנדערן טאג אין דער פריה, האט דער דאקטאר געפונען, אז האטטעראס'ן איז ערגער געוואָרען. ער איז געוועזן זעהר אויפגערעגט און האט גערעדט נור פון'ם נאָר־פּאָל. זיי האבען געוואָלט שוין דעם אנדערן טאג פאהרען צוריק, זוכען א וועג א היים קיין ענגלאנד. האטטעראס אבער האט געבעטען, אז זיי זאָלען נאך ארומגעהן דיא אינזעל. זיי האבען איהם געמוזט צוליעב טהאן און ארומגעהן דיא אינזעל.

אויפ'ן וועג זיינען זיי צוגעקומען צו אן אָרט, וואו דער בארג איז ניט געוועזן אזוי שיעף. האטטעראס האט פּלוצלונג אנגעהויבען צו לויפען אויפ'ן בארג. דער דאקטאר און אלטאמאן זיינען איהם נאכגעלאפען און האבען איהם געוואָלט צוריקהאלטען. עס איז אבער געוועזן אונמעגליך. האטטעראס איז געלאפען אלץ העכער, ביז ער איז געקומען צום קראטער, — דער לאָך אין דער ערד, פון וואנען עס האט ארויסגעשפּריצט דאס פייער — דא איז ער געבליעבען שטעהן בעלייכטעט פון'ם פייער און האט געשריען:

— דער נארד־פּאל! דער נארד־פּאל! מיינע פיס שטעהן אויפ'ן נארד־פּאל!

מיט שווערער מיה איז דער דאקטאר און אלטאמאן איהם נאכגעלאפען. זיי האבען איהם בעטראכט איינינע מינוט מיט שרעק און מיט שטוינען. זיי האבען איהם געבעטען, ער זאל אראָפּגעהן, ער האט ניט געענטפערט; זיי האבען פּראָבירט איהם אראָפּצופיהרען מיט געוואלד, ער איז געשטאַנען וויא צוגעשמידט צו דער ערד. דער דאקטאר איז געוועזן פערצווייפעלט. פּלוצלונג האט האטטעראס געגעבען א שרעקליכען הערצרייסענדען געשריי: דער נארד־פּאל! דער נארד־פּאל! און איז געפאלען אין אָהנמאכט. דער דאקטאר האט איהם אנגעהויבען אָפּצומינטערן מיט אלע מיטעל, וואס ער האט נור געהאט ביי זיך. ווען עס איז איהם ענדליך געלונגען און האטטעראס איז

נעקומען צו זיך; האט ער דערזעהן מיט שרעק, אז האטטעראס אויגען זיינען וויא אויס־געלאָשען. קיין גלאנץ, קיין פונק איז אין זיי ניט געווען. אלטאמאן האט עס אויך בעמערקט און האט געפרענט שטילערהייט:

— ער איז בלינד?

— זיין פערשטאנד איז פערדונקעלט, האט דער דאקטאר געענטפערט. ער איז אראָפּ פון זינען.

טרויריג מיט צובראָכענע הערצער האבען זיי אראָפּגעפיהרט דעם קראנקען פון'ם בארג און האבען איהם צוגעפיהרט צום באָאט. קיינער האט קיין וואָרט ניט גערעדט. יעדער האט געפיהלט, אז ער האט פערלאָרען א פריינד, שטילערהייט האבען זיי זיך אריינגעזעצט אין באָאט. האטטעראס איז געזעסען, וויא א שטיק האָלץ. ער האט ניט גערעדט און האט זיך ניט געריהרט. מען האט געקענט טהאָ מיט איהם, וואס מען האט געוואָלט.

— יעצט מוזען מיר פאהרען א היים, האט געזאגט דער דאקטאר. עס איז היינט דער 13טער יולי; ווען מיר וועלען האבען א גוטען ווינד, קענען מיר זיך נאך צושלאגען צו באפינס־ביי און דאָרט פיעללייכט נאך טרעפען א נאָרוועגישע שיף.

דיא רייזע צוריק איז געגאנגען זעהר שנעל. דער ווינד האט געבלאָזען פון נאָרדען קיין זידען און האט געטריעבען זייער באָאט אויף דיא שטילע וואסערן פון'ם נאָרד־פאָל־מעער. דעם אנדערן טאג זיינען זיי אנגעקומען אין דיא בוכטע וויקטאריא און זיינען געגאנגען צוא פולמאן'ס־הויז געהמען דעם רעסט פון'ם פראוויאנט, וואס זיי האבען דאָרט איבערגעלאָזען, איידער זיי זיינען געפאהרען צום נארד־פאל. צו זייער שרעק און איבערראשונג האבען זיי געפונען, אז אין דער צייט, וואס זיי זיינען געווען אויף דער רייזע, האבען ווייסע בערן און אנדערע חיות צערשטערט און פערניכטעט זייער פראָוויאנט. זיי האבען צונויפגענומען, וואס עס איז נאך געבליעבען און האבען זיך אויפגעזעצט אויפ'ן באָאט.

— א היים! א היים! איידער עס וועט קאלט. איידער דער שרעקליכער ווינטער קומט אן.

מיר זיינען ניט אומשטאנד צו בעשרייבען אלע זייערע ליידען אויף זייער וועג א היים. מיר וועלען נור דערמאנען אייניגע זאכען, אין וועלכע דער לעזער איז פער־אינטערעסירט.

ענדע יולי זיינען זיי געקומען צו סמיטה'ס קאנאל. ער איז שוין געווען בעדעקט מיט אייז און זיי האבען געמוזט ארויסשלעפען זייער באָאט פון וואסער, איהם ארויפ־לעגען אויפ'ן שליטען און שלעפען איהם אויפ'ן אייז. דער ווינטער האט זיך שוין געלאָזט פיהלען, עס איז געוואָרען אלע מאל קעלטער. מען האט שוין ניט געקענט שלאָפען אין געצעלט. מען האט געמוזט ווייטער מאכען זיך שטיבעלעך פון שנעע. זיי האבען געמוזט שלעפען דעם שווערען שליטען, ווייל דיא הינט האבען קיין כח ניט געהאט צו שלעפען אזא משא.

דעם 30טען אויגוסט זיינען זיי געווען אזוי מיעד, אז זיי זיינען געווען געצוואונגען זיך אָפּצורוהען א פאר טעג. זיי האבען אויסגעפונען א טאָהל, וואו זיי זיינען געווען

פערשטעלט פון דיא קאלטע ווינטען, דארט האבען זיי בעשלאָסען צו פערברענגען דריי טאג. דעם ערשטען טאג זיינען זיי א גאנצען טאג געשלאָפען. דעם אנדערן טאג איז אלטאמאן ארויסגעגאנגען זוכען, טאמער וועט ער עפּעס געפינען: א פייגעל אדער אנ־אנדער חיה. ער איז ארומגעגאנגען א פאר שטונדען און איז געקומען צולויפען צו זייער לאגער מיט שרעק. דער דאקטאר האט באלד דערקענט, אז דא איז עפּעס געשעהן.

— וואס איז מיט אייך? האט ער געפרעגט.

— דאָרט, דאָרט, א גאנצע פּארטיע מענשען פערפראָרען....טויט.... האט אל־טאמאן קוים ארויסגערעדט.

דער דאקטאר און דיא אנדערע זיינען געגאנגען זעהן, וואס דארט איז. א שרעק־ליכעס בילד האט זיך פאָרגעשטעלט פאר זייערע אויגען. זאגאר דער דאקטאר האט אנגעהויבען צו ציטערן. — אויף א שטיקעל פלאץ פון עטליכע איילען זיינען געלעגען צו וואָרפען צעהן טויטע. זיי זיינען געווען פערשאָטען מיט שנעע, נור דא האט ארויסגע־שטעקט א האנד, דאָרט — א פוס, דארט א קאָפּ. פון אייניגע האט דער ווינד אוועק־געקעהרט דעם שנעע און זיי זיינען געלעגען אין גאנצען אָפּגעדעקט, טויט, פערפראָרען, הארט, וויא אייזען. דער דאקטאר האט זיך צוגעקוקט צו איינעם און איז אויפגעשפרונגען, גלייך וויא א שלאנג וואָלט איהם א ביס געטהאן.

— שאנדאן! האט ער אויסגערופען

באלד האבען זיי דערקענט דיא איבעריגע: פען, גריפּארי און דיא אנדערע מאַט־ראָזען פון דער „פּאָרוואַר“. מען האט דייטליך געזעהן, וויא שרעקליך זיי האבען געליטען. אין אייניגע ערטער זיינען געלעגען שטיקער מענשען-פלייש, פאר הונגער האבען זיי איינער דעם אנדערן אויפגעפרעסען.

— נעהמט אוועק פון דיעזען אונגליקסאָרט! האט דער דאקטאר געבעטען. איך קען עס ניט זעהן.

וויא שוואך און מיעד זיי זיינען געווען, האבען זיי באלד צונויפגעפּאקט זייער שליטען און זיינען ווייטער געגאנגען. עס זיינען פערגאנגען נאך עטליכע טעג, זיי האבען זיך צוגעשלעפּט צו באפינס־ביי. דער פּראוויאנט האט זיך ביי זיי אויסגעלאָזען. זיי האבען געליטען הונגער. זיי האבען זיך שוין בערייט געמאכט צו שטארבען, ווען אלטא־מאן האט דערזעהן דיא זעגעל פון א שיף.

— א שיף! א שיף! האט ער אנגעהויבען צו שרייען.

אלע זיינען צוגעלאָפען צום ברעג און האבען געקוקט אויף דאס שיף. זיי האבען געשריען, זיי האבען געשאָסען, זיי האבען געמאכט מיט דיא הענד אום דער קאפּיטאן פון דער שיף זאל זיי דערזעהן און זאל שיקען א באָאט זיי נעהמען. דאס שיף אבער איז געווען זעהר ווייט און קיינער אויפ'ן שיף האט זיי ניט בעמערקט.

— לאמיר זיי נאכלויפען מיט אונזער באָאט! האט אלטאמאן אויסגעשריען.

מיט גרויסע שוועריגקייטען איז עס זיי געלונגען ארויפצולאזען דאס באָאט אין וואסער. זיי זיינען געווען אזוי שוואך פון הונגער, אז עס האט ביי זיי פערנומען פיעל צייט איידער זיי האבען געזעהן דאס באָאט אין וואסער. זיי האבען זיך שנעל אריינגעזעצט און האבען גערודערט צום שיף. ענדליך האט זיי דאך דער קאפּיטאן בעמערקט און

האט זיי ארויפגענומען צו זיך. פערפראָרען, הונגעריג, קוים לעבעדיג האט מען זיי ארויפ־גענומען אויפ'ן דעק.

דאס איז געווען א נאָרוועגישע שיף און האט געהייסען „האנס־קריסטיאן". זיא איז געפאהרען האפען וואלפישען און האט זיך יעצט געאיילט א היים, דער ווינטער זאָל זיא ניט פערהאפען. אין צוועלף טאג ארום זיינען זיי אנגעקומען קיין בערגען, א שטאדט אין נאָרוועגען.

קוים איז מען געוואהר געוואָרען, ווער זיי זיינען און וואס זיי האבען ענטדעקט, איז געוואָרען א רעש אין גאנץ אייראפא. דיא ענגלישע רעגיערונג האט געשיקט א שיף עקסטרא פון זייערטוועגען און מען האט זיי געבראכט קיין לאָנדאָן. ווען זיי זיינען אנ־געקומען קיין לאָנדאָן, זיינען אלע מיטגליעדער פון דער ענגלישער קעניגליכער געאָגראַ־פישער געזעלשאפט זיי ענטגעגען געפאהרען און האבען זיי אריינגעפיהרט אין שטאדט יעדען מיט גרויס פאראד. דאקטאר פולמאן האט געמוסט אבענד פאָרלעזען א פאָר שטונדען איבער זיין מערקווירדיגער רייזע. דיא קעניגין וויקטאריא האט זיי געוואָלט זעהן, מען האט איהר פאָרגעשטעלט אלע, וועלכע זיינען איבערגעבליעבען פון'ם "פאָרוואַרד". זיא האט אלעמען געגעבען מעדאילען. זאָגאָר דער יענקי אלטאמאן האט זיך ניט געשעהמט אנצונעהמען א מעדאילע פון דער ענגלישער קעניגין. נור איין האטטעראס, דער אנהויבער און דיא אורזאכע פון אלע דיעזע עהרען, האט קיין טהייל אין זיי ניט גענומען. ער האט מיט קיינעם ניט גערעדט קיין וואָרט, פלעגט ארומגעהן שטיל און פערטראכט, נור פון צייט צו צייט פלעגעט ער א גלעט טהאן זיין הונד דיוק.

דער דאקטאר האט איהם אריינגעגעבען אין א קראנקען־הויז פאר אזעלכע קראנקע. זיין קראנקהייט איז געווען אין דער בעציעהונג בעמערקענסווערטה, אז ער פלעגט זיך בעוועגען נור אין איין זייט — קיין נאָרדען.

דיא קעניגין האט בעשטימט א פענסיאָן פון צוויי הונדערט פונט שטערלינג א יאָהר פאר דשאנסאן און בעלל אויף זייער לעבען לאנג.

29טעס קאפיטעל.

שלום.

קאפיטאן האטטעראס איז געפאלען אן אָפפער פון זיין וואונש צו ענטדעקען דעם נאָרד־פאָל. סער דשאן פראנקלין און זיין גאנצע עקספעדיציאָן זיינען אויסגעפראָרען געוואָרען אויף קינג־וויליאמס לאנד. הודסאָן, בארענץ, בעהרינג און פיעלע אנדערע זיינען אומגעקומען אויף זייערע רייזען אויפ'ן אייז־מעער. דוד ליווינגסטאן, דאקטאר פאָגעל, בארטה, בורקע, בעקער און פיעלע אנדערע זיינען אומגעקומען אויף דער שרעקליכסטער ארט אויף זייערע רייזען אין ווילדען שווארצען אפריקא. — אלע דיעזע עדעלע און געבילדעטע מענער זיינען געפאלען איין אָפפער פון דער וויסענשאפט.

וואס האט דערפון דיא מענשהייט? ווערט געוויס דער לעזער פרעגען. פארוואס האבען זיי געאָפפערט זייער לעבען? וואס פאר א נוצען האט עס געבראכט?

אויף דיעזע פראגען קענען מיר אנטוואָרטען, אז מיר האבען זעהר פיעל צו פער־דאנקען דיעזע גרויסע מענער און צו געדענקען זייער נאמען מיט עהרע. זיי האבען אונז

בערייבערט מיט א גרויסען אוצר פון וויסען און קענען, וועלכע מיר בענוצען. מיר ווייסען אייניגע מאל זאגאר ניט, פון וואנען מיר שעפען און וואו מיר נעהמען עס. מיר ווילען נור וויזען אויף איין זאך, ווען דיא ענגלענדער האבען אנגעהויבען ארויסצושיקען קאָלאָניעס קיין אמעריקא אין 1607, פלעגט געדויערן דיא רייזע פון לאָנדאָן קיין באָסטאָן וועניגסטענס זעכציג טאג, היינט מאכט זאגאר א זעגעל־שיף דיעזעלבע רייזע אין אכצעהן צוואנציג טאג. דאס בענענענען פון אן איידבערג אויפ'ן וועג האט א מאל געהייסען א זיכערער טויט, היינט ווייסט יעדער קאפיטאן, וויא אזוי זיך אויסצודרעהן פון אן איידבערג.

מיר ווילען מאכען אונזערע לעזער אויפמערקזאם אויף א בעזאנדערס אינטערעסאנטע פראגע, וועלכע האט מיט עטליכע יאהר צוריק אינטערעסירט דיא גאנצע געלערנטע וועלט און איז ערשט ניט לאנג געלעזט געווארען. — דיא פראגע איז: וויא טיעף איז דאס מעער?

אויפ'ן ערשטען בליק וועט יעדער פרעגען: וואס געהט עס מיך אן? וואס הארט עס מיך, וויא טיעף דאס מעער איז? וואס פאר א נוצען קען איך דערפון האבען, ווען איך וועל שוין וויסען, וויא טיעף דאס מעער איז? — דיעזע פראגען האט ניט געשטעלט דיא קאמפאני, וועלכע האט צוערשט זיך אונטערגענומען צו לעגען דעם קייבעל — דיא טעלעגראפישע דראָטהען — פון ענגלאנד קיין נירדיאָרק. ביי איהר זיינען דיעזע פראגען געווען זעהר וויכטיג. זיא האט געמוזט וויסען, וויפיעל דראָטהען צו מאכען און וויא אזוי זיי צו מאכען. זיא האט צוערשט געמוזט ענטפער'ן גאר אויף אנאנדערע פראגע און צוואר: וויא אזוי זאל מען אויסמעסטען דיא טיעפעניש פון'ם מעער?

דאָרט, וואו עס איז ניט שטארק טיעף — ביז צוויי טויזענד פינף הונדערט פוס דיא טיעף — איז עס נאך לייכט אויסצומעסטען מיט א לאָטה. דאס איז א שטיקעל בליי צוגעבונדען צו א לאנגען פאָדים. וויא קען מען אבער אויסמעסטען דיא ערטער פון'ם וועלט מעער, וואו ער איז טיעף ביז 50—60 טויזענד פוס? דא ווערט דער שטארק־סטער שטריק צוריסען, ער קען ניט אויסהאלטען אויף זיך אזא גרויסע מאסע וואסער און צולעצט ווייס מען דאָך ניט, אויב ער האט שוין געגרייכט דעם גרונד. וויא אזוי קען מען וויסען אויף אזא שרעקליכע טיעפעניש, אויב מען האט דערגרייכט דעם גרונד?

אום צו געבען א ביישפיעל, וואס פאר א קראפט דיא מאסע וואסער האט, ווילען מיר ברענגען א שפיעל, וועלכע דיא מאטראזען מאכען אָפט אויפ'ן מעער אום דיא פאסאזשירען צו אמוזירען. זיי נעהמען א לעדיגע פלאש, פערקאָרקען זיא גאנץ שטארק און בינדען זיא צו צו א לאנגען שטריק מיט א געוויכט פון צוויי — דריי פונט. מען לאָזט אראָפ דיא פלאש גאנץ טיעף אין וואסער און מען הייבט אן לאנגזאם און פאָרזיכטיג זיא צוריק ארויפצו ציעהען. — מיט א מאל זיא ארויסשלעפען טאָר מען ניט, וויל דער שטריק וועט זיך צורייסען. מען מוז עס טהאן גאנץ פאָרזיכטיג. — ווען מען שלעפט ארויס דיא פלאש, זעהט מען א וואונדער — דער קאָרק איז ניט געריהרט, ער איז גאנץ און פערשטעקט נור דיא פלאש און דענאן' איז דיא פלאש פול מיט וואסער.

דער שטארקער דרוק פון׳ם וואסער האט דורכגעטריעבען גאנץ קליינע טחיילעכלעך וואסער דורך דעם קארק, ביז דיא פלאש איז געוואָרען פול.

אלזא, וויא אזוי מעסט מען אויס, וויא טיעף איז דאס מעער? וויא אזוי קען מען לעגען דיא דראָטהען פון׳ם טעלעגראף. ווען מען ווייס ניט, וויפיעל מיליאָנען יארד דראָטהען מען וועט דארפען? — דיא טעלעגראפישע דראָטהען מוזען ליעגען אויפ׳ן גרונד פון׳ם מעער, מען קען זיי ניט לאָזען הענגען אין דער מיט וואָסער: זיי וועלען זיך צור־רייסען. אלזא, וואס טהוט מען? עס זיינען פערגאנגען צעהנדלינגער יאהרען און עס האט געקאָסט הונדערט טויזענדער, איידער מען איז געפאלען אויף איין איינפאכעס און זיבערעס מיטעל. א שטארקער שפאגאט איז אויסגעמאָסטען. אויף יעדע הונדערט פוס מאכט מען א קנופ. דער שפאגאט איז ארויפגעוויקעלט אויף א רעדעל. צום שפאגאט בינדעט מען צו א קוגעל פון 30 פונט און מען לאָזט זיא אריין אין וואסער. ווען דיא קוגעל קומט צו צום גרונד, דאס רעדעל דרעהט זיך ניט מעהר, שניידט מען אפ דעם שפאגאט און מעןווארפט איהם אריין אין וואסער. קוגעל און שפאגאט זיינען פער־לאָרען; מען ווייס אבער, וויא פיעל הונדערטער פוס דער שפאגאט האט געהאלטען. מען האט אויסגעפונען, אז קוים ווענט דיא קוגעל וועניגער פון 30 פונט, פאלט זיא ניט אראפ גלייך אין וואסער. זאנדערן ווערט זעהר אפט אוועקגעשלעפט איז א זייט פון דיא טייכען, וועלכע געפינען זיך אין מעער.

דורך דיעזעס איינפאכע, ווען אויך אביסעל טהייערע, מיטעל איז עס געלונגען אויסצומעסטען דיא טיעפענעש פון׳ם מעער. מען האט אויסגעפונען, אז דער אטלאנטישער אָקעאן צווישען ענגלאנד און ניו־יארק איז פון 9 טויזענד ביז 40 טויזענד פוס דיא טיעף. ביי דיא ברעגעס איז ער פיעל טיעפער, וויא אין דער מיט. ניט ווייט פון ארגענטיניען, וואו דער טייך לא פלאטא פאלט אריין אין אטלאנטישען אקעאן, איז ער אריבער 50 טויזענד פוס טיעף, דאס איז דער טיעפסטער אָרט אין אטלאנטישען אקעאן.

פיער יאהר נאך אנאנדער זיינען ארומגעפאהרען שיפען אויפ׳ן מעער און האבען אויסגעמאסטען זיין טיעפקייט. מען האט אויפגעצייכענט אקוראט יעדען אָרט, וויא טיעף ער איז און מיר האבען היינט א פאלשטענדיגע מעער־קארטע פון דער טיעפעניש פון׳ם מעער. דער מיט אבער האט זיך דיא פראגע נאך ניט געענדיגט. מען האט אויסגערעכענט, אז ווען מען זאל לעגען דיא טעלעגראפישע דראָטהען אויף אזא טיעפ־פענעש, וועלען זיי זיך אלע מאל צורייסען, זיי וועלען נ״ט אויסהאלטען דעם דרוק פון׳ם וואסער. אויסערדעם וואלט א טעלעגראמע פון אמעריקא קיין אייראפא אדער פערקעהרט פון אייראפא קיין אמעריקא געדארפט קאסטען אזוי טהייער, אז עס וואלט זיך ניט געלוינט צו שיקען א טעלעגראמע.

דא האט אויסגעהאלפען א קאפיטאן פון דער אמעריקאנישען פלאָטע, א געוויסער מאורי Maury. איהר האט געוויס פון איהם קיין מאל ניט געהערט, מיינע ליעבע לעזער. ער האט אויסגעפונען, אז אויפ׳ן באָדען פון׳ם מעער זיינען דא בערג און טאָהלען, אזוי וויא אויף דער יבשה. דיא גאנץ טיעפע ערטער אין מעער זיינען טאָהלען, פאלגליך מוזען זיין בערג; ווען עס זיינען דא בערג, זיינען געוויס דא בערג קעטען, דאס הייסט, א רייהע פון בערג, וועלכע שטעהן איינער לעבען אנדערן, וויא צום ביישפיעל, דיא בערג קייטען אין אמעריקא, „דיא קארדאליערען“, דיא בערג קייטען אין דער שווייץ, „דיא אלפען“; דיא בערג קייטען אין איטאליען, „דיא אפענינען“ און דערגלייכען.

ער האט אזוי לאנג געמאָסטען דאס מעער און אזוי לאנג געזוכט, ביז ער האט אויסגעפונען, אז פון דעם בערג „קאפ קליר“ אין אירלאנד ביז דעם בארג „קאפ רייס“ אויף דער אינזעל ניופונדלענד, לעבען קאנאדא, ציהט זיך אין מעער א לאנגע רייהע פון בערג, וועלכע הייבען זיך אן אין אירלאנד, אין אייראפא, און ענדיגען זיך אין ניו־פונדלענד, אין אמעריקא. אזוי וויא דיא בערג זיינען זעהר הויך, איז דאָרט דאס מעער

ניט שטארק טיעף און עס איז לייכט צו לעגען אויף זיי דעם קייבעל. און ווירקליך אויף דיעזע בערג אונטערן וואסער ליעגען דיא דראָטהען, וועלכע פעראייניגען דיא אלטע וועלט מיט דער נייער. דאנק דיעזער ענטדעקונג פון קאַפּיטאן מאורי קענען מיר אין איינינע מינוטען זיך צחאמען רעדען מיט אונזערע פריינד אין דער אלטער וועלט שנעל און בילינ.

דאמיט אבער איז דיעזע פראגע נאך ניט געוועזען געלעזט. מען האט שוין געקענט אויסמעסטען, וויא טיעף דאס מעער איז, מען האט אבער אויך געדארפט וויסען, פון וואס בעשטעהט דער גרונד פון׳ם מעער אין פערשיעדענע ערטער. דאס איז זעהר וויכטיג, מען זאל וויסען, וואס פאר א דראָטהען צו מאכען פארן קייבעל.

אויך זאין דיעזער בעציעהונג האט אן אמעריקאנער קאפּיטאן ברוק Brooke ערוויעזען א גרויסען דיענסט דער וויסענשאפט. ער האט אויסגעפונען א מאשין, מיט וועלכער מען קען ארויפציעהען אביסעל ערד פון׳ם גרונד פון׳ם מעער אום צו וויסען, פון וואס עס בעשטעהט. ליידער, זיינען מיר ניט אים שטאנד צו בעשרייבען דיעזע מאשין, וויל אהן א צייכנונג, וועט מען זיא ניט פערשטעהן און מיר האבען יעצט ניט דיא צייכנונג דערפון.

מיט הילפע פון דיעזער מאשין, האט מען אויסגעפונען, אז דער גרונד פון׳ם מעער בעשטעהט אויסשליעסליך פון קליינע און פיינע מושעלן, אדער דיא פאנצער פון קליינע טהיערע, וועלכע לעבען אויפ׳ן גרונד פון׳ם מעער. דיא מושעל זיינען אזוי דין און אזוי פיין, אז ווען מען בעריהרט זיי מיט דער האנד, ווערן זיי צוריעבען אויף שטויב. דאס איז א בעוויז, אז אונטען אין דער טיעפענעש איז דאס מעער גאנץ רוהיג. דיא וואכערן שטעהן אויף איין אָרט און בעוועגען זיך ניט. דערפון האט מען געלערנט, אז מען וועט אריינווארפען דעם קייבעל טיעף אין וואסער, וועט ער דאָרט ליעגען גאנץ רוהיג.

ווען מען זאל וועלען בעשרייבען דיא געשיכטע פון׳ם טעלעגראף אין אטלאנטישען אָקעאן, וואָלט מען געדארפט אנשרייבען עטליכע גראבע ביכער.

נאך דעם אלעמען קענען מיר שוין דאס מעער? האבען מיר עס שוין אויסשטודירט, אויסגעפאָרשט? ווייסען מיר שוין, וואס עס טהוט זיך אין זיינע טיעפענישען און זיינע אבגרונדע? קענען מיר שוין אלע טהיערע און אלע פלאנצען, וואס וואקסען און לעבען אין דער טיעפעניש פון 40—50 טויזענד פוס? — אויף דיעזע פראגען מוזען מיר ענטפערן: ניין און ניין! דאס מעער איז נאך יעצט פאר אונז א רעטעניש, וויא עס איז געוועזען מיט טויזענד יאהר צוריק. מיר ווייסען, אז אין מעער געפינען זיך גאנצע וועלדער פון זאָנדערבארע ביימער און גראזען; מיר ווייסען, אז אין איינינע ערטער זיינען דיא גראָזען אזוי הויך, אז זיי שטעקען ארויס פון וואסער. זיי זיינען אזוי געדיכט, אז זיי בילדען גאנצע פעלדער און וועלדער אויף מיילען ווייט דיא ברייט און דיא לענג.

מען קען זיך לייכט דענקען, וויא שטארק עס האבען זיך דערשראָקען דיא מאט־ראָזען, וועלכע זיינען געפאהרען מיט קאָלומבוס אויף זיין ערשטער רייזע צו ענטדעקען אמעריקא, ווען דיא שיפען זיינען פלוצלונג אריינגעפאהרען אין אזא געדיכטען וואלד פון מעער־גראז. אנפאנגס האבען זיי געמיינט, אז דאס מעער איז דארט ניט טיעף. וויא ערשטוינט אבער זיינען זיי געוועזען, ווען זיי האבען אראָפּגעלאָזען א שטריקעל מיט א שטיקעל בליי און האבען אויף עטליכע טויזענד פוס טיעף ניט געקענט דערגרייכען דעם גרונד.

— יעצט זיינען מיר פערלאָרען! האבען זיי אויסגערופע׳. אונזערע שיפען וועלען אזוי ווייט פערקריעכען אין דיעזע פעלדער, אז זיי וועלען שוין ניט קענען ארויס צוריק. דא ענדיגט זיך שוין דיא וועלט.

מיט שווערער מיה איז עס געלונגען קאלומבוסען זיי איינצורעדען, אז זיי זאלען

ווייטער פאהרען, אז דאס איז א נעוועהנליכער וואלד פון׳ם מעער, וועלכער האט זיך א ביסעל מעהר צו וואַקסען.

יעצט ווייסען מיר שוין, אז דאס איז קיין וואונדער ניט. דאס גראז הייסט סאַרגאַסום Sargassum און געפינט זיך אין פ׳עלע מעערן, וואו דאס קלימאט איז וואַרם. א גרעסערעס וואונדער שטעלט אונז פאַר דיא ריעזען בלומע. איהר שטענגעל איז עטליכע טויזענד פוס דיא לענג און וואַקסט אויפ׳ן גרונד פון׳ם מעער, דיא בלומען אליין אבער שטעקט ארויס איהר גרויסען קאָפּ מיט שנעע ווייסע עטליכע פוס לאַנגע, בלעטער פון׳ם וואסער, גלייך וויא זיא וויל זיך ווארעמען אין דער שעהנער. העלער זון.

אנאנדערע, זאנדערבארע פפלאנצע איז דאס גראז קעלפּ Kelp אדער Laminaria דאס איז אייגענטליך ניט קיין גראָז, זאָנדערן א סאָרט ראָהר (טשערעט). ער איז גראב, וויא א פינגער, הארט און גלאנצענדיג, וויא א האָרן פון א בהמה. עס וואַקסען גאנצע וועלדער פון איהם אין מעער ארום ענגלאנד און שאָטלאנד. מען שניידעט איהם אָפּ און מען פערברענט איהם. פון זיין אַש מאכט מען יאָד,. א געוויסעס מיטעל אין דער מעדיצין.

ווען דער גרויסער געלערנטער דארווין האט געמאכט זיין בעריהמטע רייזע ארום דער וועלט אין 1839—1845, האט ער געפונען אין דער מא־עלהאן שטראסע, וואו דאס אייז־מעער הייבט זיך אן לעבען זיד אמעריקא א זעלכע גרויסע און געדיכטע וועלדער פון קעלפּ, אז זאגאר ער, וולכער האט אזוי גוט געקענט דאס מעער, איז געוועזען איבער־ראַשט.

— אין אייניגע ערטער, שרייבט דארווין, איז דער קעלפּ אזוי געדיכט און אזוי שטאַרק, אז מען קען ארומגעהן אויף איהם. אין א פאר גוטע ראָבער שטיוועל קען מען ארומשפּאציערען אין דער מיט פון׳ם מעער, וואו עס איז אייניגע טויזענד פוס טיעף. קוקט מען זיך בעסער צו צו דיעזען זאנדערבארען וואלד, זעהט מען, וויא לוסטיג עס געהט דאָרט צו; וואס פאר א לעבען און וועבען עס הערשט דארט. מיליאָנען סארטען פון פיש און אנדערע טהיערע שווימען, קריעכען, לויפען און קלעטערן אין דיעזען וואלד. זיי בויען זיך דארט נעסטען, לעבען דאָרט, יאגען זיך נאך איינער נאך דעם אנדערן און פערשלינגען איינער דעם אנדערן. מען וואלט געדאַרפט פארברענגען יאהרען לאנג אין יענע געגענדען אום זיך אביסעל צו בעקענען מיט דיא אלע סארטען פיש און טהיערע, וועלכע לעבען אין דיעזע זאנדערבארע וועלדער.

אלזא, מיר ווייסען נאך יעצט זעהר ווענינ פון׳ם מעער, מיר קענען נאך דאס מעער ניט; מיר לערנען ערשט דעם אלף בית פון דער וויסענשאפט. מיט יעדען טאג עפענען זיך פאר אונז נייע וועגען צום לעבען. מיט יעדען טאג ווערט געמאכט נייע ערפינדונגען און נייע ענטדעקונגען. עס עפענען זיך אויף נייע פעלדער פאר מענשליכען גייסט צו דענקען און פאר דיא מענשליכע הענד צו ארבייטען. יעדע נייע ערפינדונג עפענט אויף א ניי פעלד פאר דיא מענשען, גיט זיי א נייע בעשעפטיגונג.

דער מענשליכער גייסט שטרעבט אימער פאָרוועהטס. עס געפינען זיך מענשען, וויא האטטעראס, פראנקלין, ראָס, פאררי, מאק קלינטאק, וועלכע אָפּפערן זיך אויף אום צו בערייכערן אונזער וויסען און אונזער קענען. זיי שטארבען, זיי קומען אום אויף דעם שווערן וועג פון זייער פאָרשען און לערנען, אבער פון זייערע גרעבער וואַקסען ארויס דיא טהייערסטע פריכטע פון דער וויסענשאפט, וועלכע ברענגען דער גאנצער מענשהייט נוצען, פרייד און גליק.

ע נ ד ע.

שוואַרצע דיאַמאַנטען.

1טעס קאפיטעל.

דיא לעצטע טאן קוילען.

שטיל און טרויעריג איז היינט אין דיא גאסען פון'ם קליינעם שטעדטעל אבערוויל, אין שאטלאנד. מען זעהט ניט קיין לעבעדיגען מענשען אין דיא גאסען. דיא הייזער זיינען פערמאכט. אין זיי זיינען געבליבען נור אלטע, קראנקע מענער און פרויען, אדער גאנץ קליינע קינדער. דיא קראנקע קרעכצען אויף זייער קראנקען בעט און קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום. דיא קינדער וויינען, בעטען עסען און קיינער ענטפערט זיי ניט.

וואס איז אזעלכעס געשעהן היינט אין אבערוויל, וואס קיינער איז ניטא אין דער היים? וואס איז אזעלכעס פארגעקומען. וואס קיינער קוקט זיך ניט אום אויף דיא קראנקע און אלטע, אויף דיא יונגע, אונשולדיגע קינדער? פאר וואס זעהט דאס גאנצע שטעדטעל אויס אזוי טרויעריג און פערנאכלעסיגט?

אבערוויל איז א קליין שטעדטעל אין שאטלאנד. ארום אבערוויל געפינען זיך דיא רייכסטע קוילען גרובען פון ענגלאנד. אלע איינוואינער פון'ם שטעדטעל לעבען נור פון דיא קוילען גרובען. מענער, פרויען און קינדער זיינען בעשעפטיגט אין דיא קוילען גרובען, וועלכע געפינען זיך ניט וויים פון'ם שטעדטעל. זייט הונדערט און פופציג יאהר וויסען דיא איינוואינער פון אבערוויל, אז זיי האבען זייער ברויט, זייער פרנסה, נור פון דיא קוילען גרובען איינגע ארבייטען טיעף אין דער ערד, צורייסען דיא שטיינער און שלאגען ארוים פון זיי דיא קוילען, אנדערע, בעזאנדערס פרויען און קינדער, בעשעפטיגען זיך מיטן סארטירען פון דיא קוילען, מיט'ן רייניגען פון דיא קוילען און מיט דעם צונויפלעגען דיא קוילען אין גרויסע הויפענס.

זייט איניגע יאהר האט מען בעמערקט, אז דיא קוילען לאזען זיך אויס אין דיא מינען. עס ווערט א'רע מאל וועניגער און וועניגער. נעכטען האט מען אין דער גאנצער מינע קוים געקענט צונויפשאררען איין טאן קוילען. דאס איז דיא לעצטע טאן, מעהר איז שוין ניטא. די קאמפאני האט געהייסען, אז אלע ארבייטער זאלען זיך היינט צונויפקומען צו דער מינע. זיא וועט זיי בעצאהלען.

וואס עס קומט זיי און וועט זיי ערקלערן, אז זיי זאלען זיך זיכען אן ארבייט ערגעץ אנדערש.

מען קען זיך לייכט דענקען, מיט וואס פאר א הארץ דיא ארימע ארבייטער ויינען היינט אין דער פריה געגאנגען צו דער מינע. יעדער, ווער עס האט נור בוח געהאט צו געהן, איז ארויסגעגאנגען זעהן, וואס דיא קאמפאני פון דער מינע וועט טהאן; יעדער האט געוואלט הערן, וואס דיא קאמפאני וועט איהם עפעס זאגען. יעדער האט געפיהלט, אז מיט היינטיגען טאג האט ער פערלארען יין ארבייט—זיין ברויט.

דאס איז דיא אורזאכע, וואס אין דיא גאסען פון אַבערוויל איז היינט אזוי לעדיג און אזוי טרויעריג. דאס איז דיא אורזאַכע, וואס אין דיא הייזער זיינען געבליבען נור גאנץ אלטע און קראנקע אדער גאנץ קליינע קינדער.

לאמיר צוגעהן צו דער מינע זעהן, וואס דארט טהוט זיך.

נים ווייט פון'ם שטעדטעל שטעהט אויף אַ בערגעל אַ גרויס הויז מיט פיעלע שופען (כאַראַיעס) ארום. דא געפינט זיך דער ארייגאנג אין דער מינע. דא שטעהן דיא גרויסע מאשינען, וועלכע שלעפען ארויס דיא אייזערנע קאס־טענס (וואַגאָנעס) מיט קוילען. דא שטעהן דיא מאשינען, וועלכע רייניגען דיא קוילען און דא געפינט זיך דיא אפיס פון דער קאמפאני.

אַ מאל פלעגען דא ליעגען גרויסע הויפענס פון טויזענדער טאנען קוילען, היינט זעהט מען נור אַ גאנץ קליינע הייפעלע קוילען ליעגען אונטער אַ כאַראַי און איין וואגאנדעל פול מיט קוילען. דאס איז דיא לעצטע טאן קוילען, וואס מען האט נעכטען צונויפגעשאַרט אין דער מינע.

ארום דיזען לעצטען וועגעלע קוילען שטעהן יעצט אלע ארבייטער, מע־נער, פרויען און קינדער, בלייך, פערטראַכט, טרויעריג און דיא קעפ אראפגעלאזען.

דיא מאשינען ארבייטען נים, דיא רעדער דרעהן זיך נים. דיא שווערע קייטען, וועלכע פלעגען ארויפשלעפען דיא וואגאנעס מיט קוילען פון דער טיעפער מינע, ליעגען היינט רוהיג און ריהרען זיך נים. פאר זיי איז היינט אַ פייער טאג. עס איז שבת—עס איז ניטא קיין ארבייט!

דיא ארבייטער: קוילען גרעבער, קוילען רייניגער, אויפזעהר, שרייבער, בוכהאלטער, שמיעדען, האלץ ארבייטער, וועגען רעפארירער, וועכטער און אלע, וואס זיינען ביז אהער געווען בעשעפטיגט אין דער מינע אדער ארום דער מינע, שטעהן יעצט און ווארטען. זיי ווארטען אויפ'ן אינזשעניר פון דער קוילען מינע, דשיימס כטאר.

זיי האבען נים לאנג געווארט. דיא טהיר פון'ם גרויסען הויז האט זיך געעפענט און דער אינזשעניר, דשיימס סטאר, איז ארויסגעגאנגען און האט זיך געשטעלט אויף אַ גרויס שטיק קוילען. לעבען איהם איז געשטאנען דער הויפט אויפזעהר, דער פארמאן פון דער מינע, סיימאן ווארד, א מאן פון אַ יאהר עט־ליכע און פופציג מיט אן ערנסטעס פריינדליכעס געזיכט. ווייטער שטעהן לע־בען איהם דיא שרייבערס און בוכהאלטערס פון דער מינע.

דשיימס כמאר האט אראפגענומען זיין הוט, אלס צייכען, אז ער וויל עפּעס רעדען. אלע ארבייטער, אויךּ ער און שרייבער האבען אראפגענומען זייערע היטע און זיינען געווארען אויפמערקזאם. עס איז געווארען שטיל, אז מען וואלט געקענט הערען, וויא אַ פליעג פליהט דורך.

— פריינדע און ברידער! האט געזאגט דער אינזשעניר מיט אַ ווייכער, ציטערנדער שטימע. עס איז געקומען דיא טרויעריגע צייט, ווען מיר וועלען זיך מוזען צושיידען. ביז אהער האט אונז פעראייניגט דיא אלגעמיינע ארבייט אין דער מינע פון אָבערוויל. זיא איז יעצט ערשעפּט. געכטען האט מען קוים צו-נויפגעשארט דיא לעצטע טאן קוילען.

ביי דיעזע ווערטער האט ער געוויעזען אויף לעצטען איינציגען וועגעלע קוילען, וועלכער איז געשטאנען פארן אריינגאנג אין דער מינע.

— איך האב שוין לאנג געוואוסט, אז דיא מינע שעפט זיך אויס. איך האב געזוכט, איך האב געגראבען, איך האב געפארשט. פיעללייכט וועל איך ענטדעקען נאך עפּעס אן אָדער תוך קוילען. — אומזיסט! מיין פארשען און זוכען איז געוועזן אומזיסט.

— דיעזעס וועגעלע קוילען, איז דער לעצטער טראפּען בלוט, וועלכער האט זיך נאך געפונען אין דיעזער מינע. עס האט זיך אויסגעשעפּט, מעהר איז שוין נישטא. — דיעזע לעצטע טאן קוילען וועלען מיר בעהאלטען צום אנדענקען אן דיא קוילען מינע פון אבערוויל, אזוי וויא מען האט בעהאלטען דאס ערשטע שטיק קוילען, וואס מען האט אויסגעגראבען פון דיעזע מינע מיט הונדערט און פופציג יאהר צוריק.ביידע שטיקער קוילען — דאס ערשטע און דאס לעצטע — וועלען ליעגען אין אונזער מוזעאום.

ברידער און פריינדע! צווישען דיעזע צוויי שטיקער קוילען ליעגען בע-גראבען פיעלע גענעראציאנען (דורות) פון עהרליכע און פלייסיגע ארבייטער. — יעצט איז אלעס אויס! אייער אינזשעניר רעדט צו אייך צום לעצטען מאל. ער זאגט צו אייך: זייט געזונד! מיר מוזען זיך צושיידען!

זייט הונדערט און פופציג יאהר האבען אייערע עלטערן און איהר אליין געלעבט פון דיעזער מינע. איהר האט ארויסגעגראבען דיא שווארצע קוילען פון'ם טיעפען בויך פון דער ערד. מיר ענגלענדער רופען דיא קוילען — שווארצע דיא-מאנטען, ווייל דיא קוילען זיינען ניצליכער און נאטהווענדיגער פארן מענשען, וויא דיא דיאמאנטען. אהן דיאמאנטען קען מען זיך בעגעהן, אהן קוילען קען מען זיך אין היינטיגע צייטען ניט בעגעהן. דיא קוילען זיינען דאס איינציגע מיטעל, וועלכע טרייבען אונזערע מאשינען, אונזערע לאקאמאטיווען און אונזערע פאבריקען, זיי ווארעמען אונז אין קאלטען ווינטער און אויף זיי קאכען מיר אונזער עסען אים זומער. זיי בעלייכטען אונז דורך זייער גאז און גיבען אונז פיעלע ניצליכע מעדיצינישע מיטעל. דערפאר רופען זיי דיא ענגלענדער שווארצע דיאַמאַנטען.

איך ווייס, אז איהר האט געארבייט שווער און ביטער, איהר האט אבער

געלעבט פֿון דיעזער מינע. איך ווייס אז איהר האט געלעבט וועהר אַרים, איהר האט אַבער דאָך געלעבט פֿון אייער אַרבייט. מיר האָבען אַלע געאַרבייט צוזאַמען און מיר האָבען געלעבט פֿריינדליך און ברידערליך, וויא איין פֿאַמיליע פֿון עהר־ליכע און פֿלייסיגע אַרבייטער. יעצט איז אַלעס אויס! יעצט מוז זיך דיעזע פֿאַ־מיליע צושיידען און יעדער וועט זיך געהן זיין וועג זוכען זיך אַ נייע היים, אַ נייע בעשעפֿטיגונג. איך זעה ניט, אז דיעזע גוטע, עהרליכע און שטילע פֿאַמיליע זאָל זיך אַ מאָל ווידער צונויפֿקומען.

ברידער און פֿריינד! פֿערגעסט ניט, אז עס איז שטענדיג געווען אונזער פֿליכט צו העלפֿען און צו שטיצען איינער דעם אַנדערן. מיר האָבען ניט געהאַט קיין אונטערשטיצונגס פֿעראיין, מיר האָבען אַבער געוואוסט, אז איינער דעם אַנדערן מוז העלפֿען און אונטערשטיצען פֿון׳ם לעצטען. טהוט ווייטער אזוי! — העלפֿט און אונטערשטיצט איינער דעם אַנדערן! איך וועל אייך העלפֿען און אונטערשטיצען, וויא ווייט איך וועל קענען. איך פֿאָהר יעצט אַוועק קיין עדינ־בורג. איך האָף, אז איך וועל באַלד קריעגען אַ בעשעפֿטיגונג. ווער פֿון אייך עס וועט קומען צו מיר קיין עדינבורג, דער וועט זיין ווילקאָמען. איך וועל טהאָן פֿאַר איהם, וואס איך וועל קענען. יעצט, מיינע פֿריידע, זייט געזונד! לעבט וואהל! איך ווינש אייך גליק און אַלעס גוטע! איך וואָלט גענומען אַבשיעד פֿון יעדען פֿון אייך בעזונדער, עס איז אַבער אונמעגליך, ווייל איהר זייט מעהר אַלס אַכט הונדערט מאַן. איך וועל דאָהער נעהמען אַבשיעד פֿון אייער פֿאָרמאַן. דעם גוטען און עהרליכען סיימאָן וואַרד.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אַראָפּגעגאַנגען פֿון׳ם שטיק קוילען און האָט אַרומגענומען דעם אַלטען סיימאָן וואַרד. ביי ביידע מענער האָבען זיך געוויזען טרערין אין דיא אויגען.

דיא אַרבייטער האָבען אויפֿגעהויבען זייערע היטע אין דער הויך און האָבען אויסגערופֿען מיט איין קול.

— לעבע וואהל, דשיימס סטאַר! אונזער אינזשעניר און אונזער פֿריינד!

יעצט איז פֿאָרגעקומען דער קאַסירער פֿון דער קאָמפּאַני. ער האָט אויס־גערופֿען יעדען אַרבייטער ביים נאָמען און האָט איהם איבערגעגעבען אַ קאָנ־ווערט מיט׳ן געלד, וואס איז איהם געקומען. דאס איז געווען דאס לעצטע געלד, וואס זיי האָבען גענומען ביי דער קאָמפּאַני.

איינער נאָכ׳ן אַנדערן זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען דיא אַרבייטער. יעדער איז געגאַנגען אַ היים מיט׳ן טרויעריגען געדאַנקען, וואס טהוט מען מאָרגען? יעדער איז געווען געריהרט פֿון דיא ווערטער פֿון׳ם גוטען און עדעלען אינזשע־ניר. יעדער האָט געפֿיהלט, אז פֿאַר איהם הייבט זיך אָן אַ נייעס לעבען, אַבער — וואו? וויא אזוי?

דשיימס סטאַר איז אַריינגעגאַנגען אין גרויסען הויז, דאָרט איז געווען זיין אָפֿיס. ער האָט געוואָלט צונויפֿנעהמען זיינע פּאַפּיערן, אַלעס צונויפֿלעגען און

זיך פֿערטיג מאכען צו דער רייזע. ער פֿאהרט דאך אַוועק אויף אייביג פֿון אַבערוויל.

ער האט אלעס צונויפֿגעלעגט און האט זיך פֿערטיג געמאכט אין וועג אריין. ווען ער איז ארויסגעקומען פֿון זיין אַפּיס, איז שוין קיינער ניט געווען אויפֿ'ן פלאַץ פֿאר דער מינע. אלעס איז געווען שטיל, לעדיג, רוהיג, טרויעריג און איינזאם.

איין איינציגער מענש איז געבליעבען שטעהן אנגעשפארט אן דער שוואר־צער וואנד פֿון דער גרויסער געביידע. דאס איז געווען סיימאן ווארד, דער פֿאר־מאן פֿון דער מינע. ער איז געשטאנען מיט'ן קאפ אראפגעלאזען, טרויעריג און פֿערטראכט — אַ בילד פֿון טרויער און פֿערצווייפֿלונג. לעבען איהם איז געשטאַ־נען זיין זוהן הערריִ, אַ יונגע פֿון א יאהר פֿופֿצעהן. ער האט זיך אזוי צוגעטולעט צום פֿאטער, אז אויפֿ'ן ערשטען בליק האט מען געקענט מיינען, אז דא שטעהט נור איין מענש.

דער יונגער הערריִ ווארד פֿלעגט אויך ארבייטען אין דיא קוילען מינע. דשיימס כטאר איז געווען זעהר גוט בעקאנט מיט סיימאן ווארד און מיט זיין פֿאמיליע. זיי פֿלעגען אָפֿט רעדען איבער דיא מינע און זייט פֿינף־ זעקס יאהר פֿלעגען זיי אָפֿט זארגען צוואמען, וואס דיא מינע לאזט זיך אויס — זיא ווערט אויסגעשעפּט.

דשיימס סטאר איז צוגעגאנגען צום אלטען פֿארמאן און האט איהם געזאגט:

— זייט געזונד, סיימאן ווארד!

— זייט געזונד, הערר דזשיימס! האט דער אלטער מאן געענטפֿערט. איך האף, אז מיר וועלען זיך נאך אַ מאל זעהן.

— איך וואלט געווען זעהר גליקליך, מיר זאלען זיך נאך א מאל וויעדער־זעהן, האט דער אינזשעניר געענטפֿערט. מיר וואלטען גערעדט פֿון דיא גוטע אלטע צייטען אין אַבערוויל.

— איך וויים, אז איהר וועט שטענדיג צופֿריעדען זיין מיך צו זעהן.

— איך פֿאהר אהיים, קיין עדינבורג, האט דשיימס כטאר געזאגט. ווען איהר וועט קומען, וועט מיין הויז שטענדיג אָפֿען זיין פֿאר אייך.

— אך! עדינבורג איז צו וויים פֿאר מיר, האט דער אלטער סיימאן ווארד געזיפֿצט. — עדינבורג איז צו וויים פֿון אבערוויל.

— איך וויים, אז עדינבורג איז ניט נאהענט פֿון דאנען. וואו דענקט איהר דען צו וואינען?

— דא, אין דער מינע, האט סיימאן ווארד געענטפֿערט טרויעריג. איך, מיין פֿרוי און מיין זוהן וועלען בלייבען אין דער אלטער מינע. מיר קענען זיך ניט אפרייסען פֿון איהר. קענען מיר דען פֿערלאזען דיא אלטע מינע, וועלכע האט אונז געשפּייזט פֿון קינדרוייט אן נור דערפֿאר, וואס איהרע בריסט זיינען אויסגעטריקענט און קענען אונז מעהר קיין מילך ניט געבען? ניין! מיר בליי־בען ביי אונזער אלטער, שוואכער מוטער.

דשיימס סטאר איז געוועזן גערירט פון דיא איינפאכע אבער פריינדליכע ווארעמע ווערטער פון'ם אלטען מאן.

— זייט געזונד, סיימאן ווארד! האט ער געזאגט נאך א מאל און האט געדריקט דיא הענד פון'ם אלטען מאן.

אין זיין שטימע האט מען געהערט טרערין. ער האט מעהר ניט געקענט רעדען.

— איך האף דאך, אז מיר וועלען זיך ווידער זעהן, האט דער אלטער מאן געברומט. איך האף, אז איהר וועט נאך א מאל זיין אונזער אינזשעניר אין אבערוויל.

דער אינזשעניר האט נאך א מאל געדריקט דיא הענד פון'ם אלטען פאר־מאן. ער האט דאן געגעבען דיא האנד דעם יונגען הערריי ווארד און איז ענדליך אוועקגעגאנגען מיט זיין פעקעל אונטערן ארים.

2טעס קאפיטעל.

צוויי בריעף.

צעהן יאהר זיינען זייט דעם פערפלאסען. צעהן יאהר זיינען פערשוואונדען, זייט עס האט זיך אפגעשפיעלט דיא לעצטע סצענע, וואס מיר האבען בעשריעבען אין פאריגען קאפיטעל.

דשיימס סטאר וואינט אין עדינבורג. ער איז א בעריהמטע ראינזשעניר און האט געפונען גענוג בעשעפטיגונג. ער האט אנגעשריעבען איינינגע ביכער איבער דיא קוילען גרובען און וויא אזוי זיי צו בעארבייטען. ער האט אויסגעפונען נייע קוילען אדערן, נייע שאכטען אין דיא בעריהמטע קוילען מינען פון ניו קעסל און קארדיף. ער האט אויכגעפונען דיא בעכטע און דיא פיינסטע קוילען פון קארדיף, וועלכע זיינען בעריהמט אין דער גאנצער וועלט.

דיא קעניגליכע געזעלשאפט פאר מינען און מינען ארבייט האט איהם געגעבען דעם ערשטען פרייז, א גאלדענע מעדאַילע, פאר זיינע ארבייטען. דיא אנטיקווארישע געזעלשאפט פון שאטלאנד האט איהם געוועהלט אלס פרעזידענט און אין דער בעריהמטער שאטלענדישער וויסענשאפטליכער צייטונג „עדינבורג רעוויאו“ פלעגען זעהר אפט ערשיינען ארטיקעל מיט'ן נאמען דשיימס סטאר פון אונטען, וועלכע פלעגען געלעזען ווערן מיט פערגניגען פון אלע געלערנטע פרא־פעסארען פון אייראפא.

דשיימס סטאר איז געוועזן ניט נור א גוטער אינזשעניר, ער איז געוועזן א גרויסער געלערנטער, א פילאזאף. ער איז אבער געוועזן ניט א פילאזאף, וועלכער טראכט, וואס עס טהוט זיך אויף דיא שטערן, זאנדערן א פראקטישער פילאזאף, וועלכער דענקט נור, וואס עס טהוט זיך אויף דער ערד און וויא אזוי מען זאל אויפרייסען דעם בויך פון דער אלטער מוטער ערד און פון דארט ארויסשלעפען דיא שעצע (דיא אוצרות), וועלכע ליעגען דארט בעגראבען זייט הונדערטער טויזענדער יאהרען.

דשיימס סטאר איז געוועזן איינער פון דיא גרעסטע און אנגעזעהנסטע

מענער אין עדינבורג. ער איז בעזאנדערס געווען בעריהמט דורך זיינע ווערקע איבער דער פֿראגע, וועלכע איז ניט לאנג ענטשטאנדען און צוואר:

„וועלען זיך אַ מאל אויסשעפּען אלע קוילען גרובען אויף דער וועלט?" — וואס וועט מען דאמאלס טהאן? דער פֿערברויך פֿון קוילען ווערט מיט יעדען יאהר גרעסער. עס קומען צו אלע מאל נייע מאשינען, וועלכע פֿארדערן אלץ מעהר און מעהר קוילען. דיא גאַז קאמפּאניעס פֿערברויכען מיט יעדען יאהר אלץ מעהר קוילען צו דער פֿאבריקאציאן פֿון גאַז. וואס וועלען מיר טהאן, ווען אלע קוילען גרובען וועלען זיך אויסשעפּען? וועלען אלע פֿאבריקען מוזען בלייבען שטעהן און אלע שטעדט וועלען בלייבען אין דער פֿינסטער? — אין ענגלאנד איז דיא ערד שוין אזוי דורכגעלעכערט און אונטערמינירט, אז מען האט וואס מורא צו האבען, אז עס זאל אַ מאל ניט טרעפֿען אן אונגליק, דיא ערד זאל זיך ניט נאכגעבען און זאל ניט איינפֿאלען.

דיעזע פֿראגען האט דער אינזשעניר דשיימס סטאר בעהאנדעלט אין זיינע ווערק. ער איז געווען דער בעסטער ספּעציאַליסט אין דיעזע פֿראגען.

איין טאג, ווען דשיימס סטאר איז נור וואס אויפֿגעשטאנען, האט זיך אפּגעוואשען און איז אריינגעגאנגען אין זיין שטודיר צימער, האט מען געקלונגען אן דער טהיר. דשיימס סטאר'ס דיענער האט געעפֿענט דיא טהיר. אַ פּאָס־טיליאן איז אריינגעקומען און האט איהם דערלאנגט אַ בריעף.

דאס איז אין דשיימס סטאר'ס הויז קיין נייעס ניט געווען. ער פלעגט ערהאלטען זעהר פֿיעל בריעף פֿון פֿערשיעדענע לענדער.

דער דיענער האט באלד איבערגעגעבען דעם בריעף דעם אינזשעניר דשיימס סטאר, וועלכער וואלט זיך געווים ניט געאיילט איהם צו עפֿענען, ווען ער וואלט ניט צופֿעליגער ווייזע אַ קוק געטהאן אויפֿ'ן פאסט סטעמפעל און וואלט ניט דערזעהן פֿאלגענדע ווערטער:

„אבערוויל פאסט אפֿיס, סטערלינג קאַונטי, שאטלאנד."

דיעזע עטליכע ווערטער האבען איהם געמאכט נייגיעריג. זיין צעהן יאהר האט ער קיינע נאכריכטען ניט ערהאלטען פֿון אבערוויל. ער האט שוין זאגאר פֿערגעסען אן אבערוויל. עס איז איהם צוואר א פאר מאל פֿארגעקומען, אז קוילען גרעבער פֿון אבערוויל זיינען געקומען בעטען ביי איהם אַ רעקאמענדא־ציאן אדער אַ שטעלע. ער האט געטהאן פֿאר זיי, וואס ער האט געקענט. ער איז אבער געווען אזוי בעשעפֿטיגט, אז ער האט זיי באלד פֿערגעסען. פלוצלונג ערהאלט ער אַ בריעף פֿון אבערוויל!

— ווער זאל עס מיר שרייבען פֿון אבערוויל? האט ער אויסגערופֿען. איך האב דארט קיינעם ניט.

ער איז געווארען אזוי נייגיעריג, אז זיינע הענד האבען געציטערט, ווען ער האט זיך גענומען אויפֿרייסען דעם קאנווערט. ענדליך האט ער דאך אויפֿ־געריסען דעם קאנווערט און האט ארויסגענומען אַ קליין ביינעלע פאפיער, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען פֿאלגענדע צייլען:

„מיסטער דשיימס סטאר, 30 קאנאנגייט, עדינבורג.

„ווען דער אינזשעניר דשיימס סטאר וועט קומען מארגען פריה צום דארטשארט שאכט אין דער קוילען גרוב פון אבער־וויל, וועט ער ערפאהרען זעהר אַ וויכטיגע נייעס.

„הערררי ווארד, דער זוהן פון'ם אלטען סיימאן ווארד, וועלכער איז אַ מאל געווען פארמאן אין דער מינע פון אבער־וויל, וועט ווארטען אויפ'ן אינזשעניר דשיימס סטאר מארגען אַ גאנצען טאג לעבען דאק פון קאַללאַנדאַר.

„מען בעט דעם אינזשעניר דשיימס סטאר, אז דיעזער בריעף זאל בלייבען אַ געהיימניס. קיינער דארף ניט וויסען, אז דער אינזשעניר דשיימס סטאר האט ערהאלטען אזא בריעף.“

קיין אונטערשריפט איז אונטערן בריעף ניט געווען.

דשיימס סטאר האט געהאלטען דעם בריעף אין דיא הענד און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן מיט איהם און וואס צו דענקען פון איהם.

— זאל עס זיין אַ שווינדעל? האט ער זיך געטראכט. וויל איינער לאכען פון מיר? וויל מיך איינער עפעס אפנאררען? — סיימאן ווארד! דעם קען איך זעהר גוט. דער איז אן עהרליכער מאן. דער וועט מיך ניט אפנאררען. ווען ער בעט מיך, איך זאל קומען קיין אָבערוויל, האט ער געוויס מיר מיטצוטהיילען וויכטיגע נייעס.

דשיימס סטאר האט אניעדערגעלעגט דעם בריעף אויפ'ן טיש און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן אין צימער הין און צוריק. אלטע, פריינדליכע, ברידער־ליכע געשטאלטען האבען אויפגעלעבט און האבען זיך ווידער פארגעשטעלט פארן אינזשעניר דשיימס סטאר. ער האט זיך דערמאנט אן דער סצענע, ווען ער האט אבשיעד גענומען פון דיא גוטע און עהרליכע ארבייטער אין אבערוויל. ער האט זיך דערמאנט, ווען דער אלטער סיימאן ווארד איז געבליעבען שטעהן צונעשפארט צו דער וואנד פון'ם גרויסען הויז און האט געזאגט, אז ער וועט ניט פערלאזען דיא אלטע מינע, דיא אלטע מוטער, וועלכע האט איהם געשפייזט פון קינדרווייס אן.

— אך! דאס זיינען געווען גליקליכע טעג! האט דשיימס סטאר אויסגע־רופען. איך בין דאמאלס געווען יאנגער, איך האב געקעמפפט און געליטען מיט דיא גוטע ארבייטער. איך בין יעצט רייך, עס איז מיר יעצט בעסער, עס איז מיר אבער דאמאלס געווען פרעהליכער און אנגענעהמער.

דשיימס סטאר האט זיך ווידער אניעדערגעזעצט לעבען זיין שרייב טיש, האט גענומען דעם בריעף, האט איהם נאך א מאל און נאך אַ מאל דורכגעלעזען און האט זיך ענדליך פערטראכט.

— וואס זאל עס הייסען? האט ער זיך ענדליך געפרעגט. זאל דער אלטער סיימאן ווארד האבען ענטדעקט א נייע אָדער פון קוילען אין דער אלטער מינע? — ניין! דאס קען ניט זיין! איך האב יאהרען לאנג געזוכט, געגראבען און געפארשט,

מיין ארנייט איז אבער געווען אומזיסט. אין אבערוויל איז מעהר ניטא ניט איין שטיקעל קוילען. דיא מינע איז אין גאנצען אויסגעשעפט.

איך בין אליין געגאנגען אין דיא טיעפסטע שאכטען, איך האב אליין אויס־געבויערט לעכער אין הארטען שטיין און האב געזוכט, פיעללייכט וועל איך גע־פינען א שטיקעל קויל. — אומזיכט! אין אבערוויל האט שוין דער מענש ארויס־גענומען פון דער ערד אלעס, וואס עס געפינט זיך נור אין איהר.

ער האט זיך ווידער פערטראכט. דאן האט ער געזאגט צו זיך אליין.

— סיימאן ווארד קען מיך זעהר גוט. ער ווייס, אז מיך אינטערעסירט נור מינען און קוילען גרובען. ווען ער בעט מיך, איך זאל קומען, מוז דארט זיין עפעס וויכטיגעס, ער האט געוויס עפעס ענטדעקט. — וויא איז דאס אבער מעגליך, אז דער אלטער פארמאן זאל האבען ענטדעקט א קוילען מינע, ווען איך האב געזוכט אזוי לאנג און האב גאר ניט געפונען?

אלס גוטער אינזשעניר, אלס געלערנטער האט עס איהם גלאט פערדראָ־סען, וואס אן אנו ערער האט אויסגעפונען דאס, וואס ער האט געזוכט אזוי לאנג און האט ניט געפונען.

— וואס טהוט מען? זאל איך פאהרען קיין אבערוויל, אדער זאל איך ניט פאהרען? — מיך אפנארען? לאכען פון מיר? מאכען א שפאס מיט מיר? — ווער זאל עס טהאן? איך האב מיך מיט קיינעם ניט געקריעגט. איך האב קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטהאן.

ער האט זיך ווידער פערטראכט. דשיימס סטאר איז געווען איינער פון דיא זעלטענע מענשען, ביי וועלכע דער קאפ ארביים בעשטענדיג. דער קאפ פון דיעזען מענשען איז געגליכען צו א קעסעל, וועלכער שטעהט אויפ׳ן פייער און דאס וואסער אין איהם קאכט און זיעדעט. עס הייבען זיך אויף גרויסע בלאזען פון שוים, זיי קומען צו צום ברעג פונ׳ם קעסעל, לויפען א מאל אריבער, זיעדען און קאכען ווייטער. זיין געהירן האט קיין מאל ניט גערוהט. נייע געדאנקען, נייע אידעען זיינען אלע מאל אויפגעקאכט געווארען אין זיין קאפ.

— איך וועל פאהרען קיין אבערוויל! האט ער זיך ענדליך ענטשלאסען.

ווען ער האט געוואלט פאהרען קיין אבערוויל, האט ער געדארפט ארויס־פאהרען מיט׳ן אייזענבאהן אום אכט אוהר אבענדס, פאהרען פינף שטונדען מיט׳ן באהן און דאן פאהרען א פאר שטונדען אויף א קליינעם דאמפף שיף, וועלכעס פלעגט צופיהרען דיא פאסאזשירען צום דאק פון קאללאנדער, א סטאציאן לעבען אבערוויל.

דשיימס סטאר איז געווען א גאנצען טאג אונרוהיג. דער קעסעל האט געקאכט און געזאטען שטארקער וויא געוועהנליך. סיימאן ווארד׳ס בריעף האט איהם ניט געלאזט רוהען. ער האט קוים דערלעבט דעם אבענד, ער זאל שוין פאהרען קיין אבערוויל.

אום זעקס אוהר האט ער זיך געזעצט טרינקען טהעע און האט געהייסען

זיין דיענער, ער זאל צוגיפּלענען זיינע זאכען אויף אַ קורצע רייזע פֿון אַ פּאר טאג. —

פלוצלונג האט מען ווידער געקלונגען אין דער טהיר. דער דיענער האט געעפֿענט. דער פאסטיליאָן האט ווידער געבראַכט אַ בריעף. דשיימס סטאר האט א קוק געטהאן אויפֿ'ן קאנווערט און האט דערזעהן מיט שטוינען דעם סטעמפּעל פֿון דער פּאסט:

„אַבערוויל פּאסט אפּיס, סטערלינג קאָונטי, סטאקלאנד.“

דיעזער בריעף איז געלעגען אין אַ גראבען שמוציגען קאנווערט. דיא אדרעסע איז געווען געשריעבען מיט גרויסע, קרומע בוכשטאבען. עס איז געווען דייטליך, אז דיא אדרעסע האט געשריעבען אַ האנד, וועלכע איז ניט געוואינט צום שרייבען.

דשיימס סטאר האט האסטיג אויפֿגעריסען דעם קאנווערט. אינווענינג איז געלעגען אן אלט שטיקעל פּאפּיער, וויא עס ווייזט אויס, איז עס געווען אויסגע־ריסען ערגעץ פֿון אן אלטען שרייב העפֿט. אויף דיעזעס שטיקעל פּאפּ'ער זיינען געשטאנען נור עטליכע ווערטער:

„דער אינזשעניר דשיימס סטאר האט זיך ניט וואס צו בעמיהען. סיימאן וואַרד'ס בריעף האט קיין גרונד ניט און קיין זינן ניט.“

איך אויף דיעזען בריעף איז קיין אונטערשריפֿט ניט געווען.

8טעס קאַפּיטעל.

אנגעקומען קיין אבערוויל.

דשיימס סטאר איז געווען אויסער זיך.

— וואס הייסט דאס? האט ער געפֿרעגט זיך אליין. דיעזער בריעף איז פּונקט ענטגעגענגעזעצט פֿון'ם ערשטען. וויא קומט עס, וואס איך האב אין איין טאג ערהאלטען צוויי בריעף, וועלכע זיינען איינער געגען אנדערן? ווען סיימאן ווארד האט מיך איינגעלאדען, איך זאל קומען קיין אבערוויל און שרייבט מיר, אז עס איז אַ געהיימניס, וויא אזוי ווייס אנאנדערער פֿון דיעזעס געהיימניס?

דשיימס סטאר האט נאך אַ מאל בעטראכט דעם צווייטען בריעף. האט איהם נאך אַ מאל דורכגעלעזען און האט ניט געקענט קלוג ווערן, וואס ביידע בריעף בעדייטען.

— זאל עס וואהר זיין, אז סיימאן וואַרד'ס בריעף האט קיין זינן ניט? איז דער צווייטער בריעף ווירקליך געשריעבען פֿון אַ פֿריינד, וועלכער וויל ניט, אז איך זאל מיך שלעפּען אין אַזאַ שלעכטעס וועטער, אדער איז ער געשריעבען פֿון אַ פֿיינד, וועלכער וויל ניט, אז מען זאל נאך אַ מאל זוכען אין דער מינע פֿון אַבערוויל?

וואס פֿאַר אַ צוועק זאל האבען דער מאן, וואס האט געשריעבען דעם אנדערן בריעף? פֿאַר וואס זאל ער ניט וועלען, אז מען זאל עפֿענען אַ נייע מינע

אין אבערזוויל און הונדערטער מענשען זאלען ווידער האבען פֿון וואס צו לעבען?

דשייםס סטאר האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן. ער האט זיך ניט גע־קענט געבען קיין ראַטה: זאל ער פֿאהרען אדער זאל ער ניט פֿאהרען?

ער האט געטראַכט זעהר לאנג. פלוצלונג איז ער אויפֿגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטער און האט אויסגערופֿען.

— איך וועל דאך פֿאהרען! ווייל דער צווייטער בריעף ווארנט מיך, איך זאל ניט פֿאהרען, וויל איך יא פֿאהרען. איך מוז איין מאל פֿאר אלע מאל וויסען, וואס פֿאר אַ געהיימנים דארט שטעקט.—סיימאן ווארד איז אן עהרליכער מאן. ווען ער רופֿט מיך, דארף איך געהן. וואס געהט עס מיך אן, וואס דער אנדערער שרייבט? איך וועל פֿאהרען!

ער האט זיך געזעצט לעבען זיין שרייב טיש און האט אנגעשריעבען עט־ליכע בריעף. איין בריעף האט ער אנגעשריעבען צום פרעזידענט פֿון דער קעניגליכען מינעראלאגישען געזעלשאפֿט, אז מארגען קען ער ניט קומען אויף דיא פֿערזאמ־לונג. אן אנדער בריעף האט ער אנגעשריעבען צו דער קאמפאני פֿון דיא קאר־דיף קוילען גרובען, אז ער פֿאהרט אוועק אויף אַ פאר טעג. ער האט געשריעבען נאך עטליכע בריעף צו מענשען אדער געזעלשאפֿטען, וואס האבען איהם ער־ווארטעט, אז ער ענטשולדיגט זיך; אַ זעהר דרינגענדע אנגעלעגענהייט האלט איהם צוריק.

ווען ער האט געענדיגט אלע בריעף, האט ער אנגעקלונגען. זיין דיענער איז אריינגעקומען.

— גרייט מיר אן מיין רענצעל, האט ער איהם געזאגט. לעג אריין אין מיין רענצעל צוויי העמדער, אַ פאר הויכע גומי שטיוועל און איינינע אינסטרומענ־טען, וועלכע ליעגען דארט אין מיין ארבייטס צימער אויפֿ׳ן טיש. איך פֿאהר אוועק אויף אַ פאר טעג צו אַ בעקאנטען אויספֿארשען אַ קוילען מינע.

דאס איז געוועזען אלעס, וואס ער האט געזאגט צו זיין דיענער. דאס איז געוועזען אלעס, וואס זיין דיענער האט געוואוסט פֿון זיין רייזע.

אום אכט אוהר איז אלעס געוועזען פֿערטיג צו דער רייזע. דשיימס סטאר האט גענומען זיין רענצעל אונטערן ארים און איז ארויסגעגאנגען פֿון זיין וואה־נונג. דער אלטער געטרייער דיענער איז געשטאנען אין האלל און האט איהם געפֿרעגט, אויב ער זאל איהם צורופֿען אַ דראשקע.

— מ׳ען דארף ניט, האט דשיימס סטאר געענטפֿערט. איך וועל שוין טרע־פֿען צום באהנהאף.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען. אין דרויסען איז געוועזען נאס און קאלט. אַ פֿיינער ווינטער רעגען האט געשפריצט און האט אלעס דורכגענ־עצט. אַ נאסער און קאלטער ווינד האט געוועהט און איז דורכגעדרונגען ביז אין דיא ביינער. עס איז געוועזען דער 28טער דעצעמבער 1874.

דשיימס סטאר האט זיך ניט אומגעקוקט. ער איז געוועזען אווי פֿערטיגען

אין זיינע געדאנקען, אז עס האט איהם ווענינ געקימערט, וואס עס קומט פאר אין דרויסען.

קאַנאַנגייט איז דיא שעהנסטע און בעריהמטעסטע גאס אין עדינבורג. אין קאַנאַנגייט געפינט זיך דער אלטער פאלאַץ פון דיא קעניגע פון שאָטלאַנד. דיא ענגלישע רעגיערונג איז אזוי העפליך, אז זיא לאזט ניט צערשטערען דיעזען אלטען פאלאַץ, דעם אנדענקען פון דיא אלטע שאטלענדישע קעניגע. — א מאל איז שאטלאנד געווען אַ בעזונדערע קעניגרייך. אין שאָטלאַנד האבען געהערשט גרויסע און קלוגע קעניגע. ענגלאנד האט זיי בעזיעגט. ענגלאנד האט צוגענומען זייער לאנד. ענגלאנד האט צוגענומען שאָטלאנד און אירלאנד, אזוי וויא עס האט צוגענומען אנדערע לענדער.

דיא ענגלישע קעניגע האבען אבער אזוי וויט מורא געהאט פאר דיא בעזיענטע און ערניעדעריגטע קעניגע פון שאטלאַנד, אז ביז אויף היינטיגען טאג שטעהט נאך אין קאַנאַנגיים דער אלטער פאַלאַץ פון דיא שאטלענדישע קעניגע; ביז אויף היינטינען טאג געהט נאך ארום אַ וואך פאר דיעזען אלטען פאלאץ; ביז אויף היינטינען טאג טראגט נאך דיא וואך דיא אלטע קאסטיומען פון דער לייב גווארדיע פון דיא שאטלענדישע קעניגע.

ווען אַ געבילדעטער רייזענדער קומט קיין עדינבורג און קומט פאר'ן אל- טען פאלאץ אין קאַנאַנגיים, זעהט ער מיט שטוינען, וויא עס שפאציערן ארום פארן אלטען פאלאץ דיא אלטע העלדען פון שאטלאנד אין זייערע אלטע קליי- דער, מיט זייער אלטער, ערנסטער, פערזארגטער מינע.

דשיימס סטאר איז פאראיבערגעגאנגען דעם אלטען פאלאץ און האט זיך ואגאר ניט אומגעקוקט. ער איז פארביינעגאנגען אזוי נאהענט צו דער וואך, אז אז דער אלטער סאלדאט האט געפונען פאר נייטיג איהם צו ווארענען און איהם צו זאגען:

— סקאָטיא פאר עווער! (שאטלאנד אויף אייביג!)

ער האט עס אבער ניט געהערט אדער ער האט עס ניט פערשטאנען. ער איז געגאנגען ווייטער.

דשיימס סטאר איז צוואר געווען אן עכטער שאטלענדער. ער האט פער- געטערט דעם בעריהמטען שאטלענדישען שרייבער וואָלטער סקאָטט. ער איז פארביינעגאנגען דאס הויז, וואו וואָלטער סקאָטט האט געלעבט און געשריעבען זיינע בעריהמטע ווערקע — דיא וואווערלי נאָוועלס — און איז ניט געבליעבען שטעהן פאר איהם.

קיין פאלק אין דער וועלט האט ניט אפגעגעבען אזוי פיעל עהרע זיינע שרייבער, וויא דיא שאטלענדער. דער נאמען וואָלטער סקאָטט איז ביי זיי הייליג. קיין שאטלענדער וועט ניט פאראיבערגעהן דאס הויז, וואו וואָלטער סקאָטט האט געוואינט, און זאל זיך ניט אפשטעלען בעטראכטען דיא ווענט, וואו דער גרויסער גייסט, דער גרויסער געלערנטער האט געלעבט און געשריעבען זיינע בעריהמטע ווערק.

דשיימס סטאר איז געוועזן אזוי אויפגערעגט און אזוי בעשעפטיגט מיט זיינע געדאנקען, אז ער האט זיך ניט אומגעקוקט זאנאר, ווען ער איז פאַראיבער־געגאנגען דאס הויז, וואו וואלטער סקאָטט האט געלעבט און געשריעבען.

ער איז געגאנגען האסטיג זיין וועג צום באהנהאף. ער איז אנגעקומען פונקט צור צייט צו נעהמען אַ בילעט און זיך אויפזעצען אויף אַ צוג, וועלכער איז אפגעגאנגען פון ניו הייווען. ער האט ניט געקוקט, אין וואס פאר אַ קופּע ער איז אריינגעגאנגען; איהם האט ניט געקימערט. ווער עס זיצט לעבען איהם און אויב ער איז אליין אדער איינער זיצט לעבען איהם. זיינע געדאנקען זיינען געווען אין אַבערוויל.

אין אַ פאר שטונדען ארום איז דער צוג אנגעקומען קיין גראנטאָן פיער. דארט זיינען פיעלע פאַסאַזשירען ארויסגעגאנגען און האבען זיך אויפגעזעצט אויף אַ קליינעם אבער שטארקען דאמפף שיף מיט'ן נאמען „פרינס אף וועלס.“

דער רעגען האט געגאסען. עס האט געבלאזען אַ קאלטער ווינד. דאס מעער האט גערוישט און געקאכט, גלייך וויא עס וואלט געווען בייז אויף דיא מענשען, פאר וואס זיי שטעלען זיך אונטער צו פאהרען אין אזא שלעכטעס וועטער.

דשיימס סטאר האט ניט געקוקט אויפ'ן רעגען און אויפ'ן שלעכטען וועטער. ער איז ארומגעגאנגען פון איין קאַיוטע צו דער אנדערער און האט געקוקט, געזוכט און געפארשט. ער האט געזוכט, אויב עס געפינט זיך ניט אויפ'ן „פרינס אף וועלס“ עפעס אַ פאַסאַזשיר, וועלכער זוכט איהם אדער ווארט אויף איהם. ער האט ריכטיג גערעכענט, אז ווען דער שרייבער פון'ם צווייטען בריעף איז אזוי פעראינטערעסירט, אז ער זאל ניט קומען קיין אַבערוויל, וועט ער געוויס ווארטען אויף איהם אויפ'ן שיף און וועט איהם ערקלערן, פאר וואס ער זאל ניט פאהרען קיין אַבערוויל.

ליידער, האט ער אויפ'ן שיף קיינעם ניט געפונען. קיינער האט איהם ניט דערקענט, קיינער האט מיט איהם ניט גערעדט, קיינער האט זיך מיט איהם ניט געוואלט בעקענען. אויפ'ן שיף זיינען געווען קויפּליטע, פארמערס און ארביי־טער, וועלכע זיינען געפאהרען פון עדינבורג אין פערשיעדענע שטעדט און ער־טער פון שאטלאנד. קיינער האט איהם ניט דערקענט.

דשיימס סטאר איז געווארען אונרוהיג. ער האט זיך געפיהלט פערנעסען און פערלארען אין דער גרויסער מענגע פון פרישע מענשען, וועלכע האבען זיך וועניג אינטערעסירט מיט קוילען און קוילען מינען. ער האט זיך געפיהלט אויף אַ נייער וועלט, וואו עס זיינען דא אנדערע אינטערעסען, אנדערע זארגען, אנ־דערע פריידען און אנדערע ליידען אלס קוילען און קוילען מינען.

לאנגזאם איז געפאהרען דער „פרינס אף וועלס“. ער האט געהאט אַ שווערען קאמפף מיט דיא וועללען (כוואליעס). דשיימס סטאר האט זיך ענדליך אניעדערגעזעצט אין איינע פון דיא קאַיוטען און האט זיך פערטראַכט.

— לעבט נאך סיימאָן ווארד? וואו איז ער יעצט? וואינט ער נאך אין

אבערחיל ארער איז ער ווירקליך געבליבען אין דער מינע מיט'ן נאמען „דארטשארט פיט", וואו ער האט פון איהם אבשיעד גענומען מיט צעהן יאהר צוריק? ווען ער דערקענען סיימאן ווארדס זוהן? ווען ער איז אוועקגעפאהרען פון אַבערוויל איז הערריי אלט געוועז פופצעהן יאהר. יעצט איז ער שוין אַ מאן פון אַ יאהר פינף און צוואנציג. אין צעהן יאהר ענדערט זיך אַ יונגער מאַן זעהר פיעל. וואס וועט ער טהאן, ווען ער וועט קומען קיין קאַללאַנדאר און וועט דארט ניט טרעפען דעם יונגען הערריי ווארד?

אונטערדעסען איז דער „פרינס אף וועלס" געפאהרען אלץ ווייטער און ווייטער. ענדליך איז ער אנגעקומען קיין אַללאָאַ, איינע פון דיא עלטסטע קוילען מינען אין שאטלאנד. אַ מאל איז זיא געוועזן דיא רייכסטע מינע אין דער וועלט. היינט האט זיא זיך אויך אויסגעשעפט. אַללאָאַ איז א מאל געוועזן אַ רייכע שטאדט פון עטליכע טויזענד איינוואינער. היינט איז זיא פעראריטט און פערנאכלעסיגט. איהרע איינוואינער, וועלכע האבען כמעט אלע געלעבט פון דיא קוילען מינע, זיינען יעצט צוזעעט און צושפרייט אויף דער גאנצער וועלט. פיעלע האבען אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, פיעלע האבען געמוזט זיך אויסלערנען אנדערע האנדווערק; פיעלע זיינען געשטארבען פאר הונגער און נויט. פון דער גרויסער און רייכער שטאדט אַללאָאַ איז יעצט געווארען אן ארים דערפעל, וועלכעס ווערט מיט יעדען יאהר קלענער און ארימער. עס וועלען פערגעהן נאך עטליכע יאהר און דער נאמען אַלאָאַ וועט פערשווינדען פון ענגלאנד, וויא עס זיינען פערשוואונדען דיא נעמען פון פיעלע אנדערע שטעדט, וועלכע זיינען אַ מאל געוועזן גרויס און רייך.

פון דער ענגלישער שטאדט באסטאן איז יעצט געבליעבען קוים דער נאמען, אין דער צייט, וואס דיא אמעריקאנישע שטאדט באסטאן, וועלכע דיא ענגלישע עמיגראנטען האבען אַ נאמען געגעבען נאך זייער אלטער היים, בליהט יעצט און איז איינע פון דיא גרעסטע שטעדט אין דער וועלט.

דשיימס כטאר האט עס געזעהלט. עס האט איהם פערקלעמט ביים הארצען, ווען ער האט זיך דערמאנט אן זיין אבערוויל, וואו ער האט פערבראַכט זיינע בעסטע יאהרען; וואו ער האט געקענט יעדען ארבייטער מיט זיין פאמיליע; וואו ער האט געלעבט מיט זיי, וויא ברידער.

זאל דיעזעס אבערוויל אויך אזוי פערשווינדען, וויא אַללאָאַ? אין אבערוזיל זיינען אויך דיא קוילען אויסגעשעפט. וואס וועט דאס ענדע זיין פון אבערוויל?

עס איז טאג געווארען. דער „פרינס אף וועלס" איז מיט שווערע מיה צוגעקומען צום דאק אין קאַללאַנדאַר. דיא פאסאזשירען זיינען ארויסגעגאנגען פון זייערע קאיוטען. דאס וועטער איז נאך אלץ געוועזן של'עכט. דער רעגען האט נאך אלץ געגאסען און אַ קאלטער ווינט האט געוועהט. אויפ'ן דאק איז געוואָרען אַ ליארם און אַ געשריי.

דשיימס סטאר איז געוועזן דער לעצטער ארויסצוגעהן פון'ם „פרינס אָף וועסל". קוים אבער איז ער ארויסגעקומען אויפ'ן דאק, איז אַ יונגער מאן צונג־

קומען צו איהם און האט זיך העפליך פערנייגט.—דאס איז געוועז הערי ווארד, סיימאן ווארד'ס זון.

— זייט איהר מיסטער ווארד, סיימאן ווארד'ס זוהן? האט דער אינזשעניר געפרעגט.

— איך בין עס, הערר רשיימס סטאר, האט דער יונגער מאן געענטפערט.

— אה! איהר זייט אויסגעוואקסען, הערי. איהר זייט געווארען א גאנ-צער מענש. איך וואלט אייך ניט דערקענט, הערי, ווען איהר זאלט ניט געווען צוקומען צו מיר.—צעהן יאהר איז א לאנגע צייט.

— איך וואלט אייך אבער דערקענט, הערר סטאַר, האט דער יונגער מאן געזאגט. איהר האט זיך וועניג געענדערט אין דיא צעהן יאהר. אך הערר סטאַר! איך געדענק נאך זעהר גוט, ווען איהר האט מיך ארומגענומען און האט מיר א קוש געגעבען, איידער איהר זייט אװעקגעפאהרען פון אבערוויל. איך וועל עס אייביג ניט פערגעסען.

דיא גאנצע צייט, וואס ער האט גערעדט מיט'ן אינזשעניר, האט ער גע-האלטען דעם הוט אין דער האנד. דשיימס סטאר איז געווען אזוי אויפגערעגט, אז ער האט עס ערשט יעצט בעמערקט.

— טהו אן דיין הוט, הערי! האט ער איהם געזאגט. עס רעגענט, דוא קענסט זיך נאך צוקיהלען.

— ווילט איהר פארפאהרען אין א גאסט הויז און זיך שיצען פארן רעגען, הערר סטאר?

— ניין, הערי. עס וועט רעגענען א גאנצע טאָג. צו וואס זאל איך פער-פאהרען אין א האטעל אין קאַללאַנדאַר? לאמיר בעסער גלייך פאהרען קיין אבערוויל.

— וויא איהר פערשטעהט, הערר סטאַר.

— אך! איך האב גאר פערגעסען! האט דער אינזשעניר אויסגערופען.— וואס מאכט אייער פאטער? איז ער געזונד?

— מיין פאטער איז געזונד און גריסט אייך.

— און וואס מאכט אייער מוטער?

— מיין מוטער איז אויך געזונד.

— האט עס אייער פאטער מיר געשריעבען דעם בריעף, איך זאל קומען קיין אבערוויל?

— ניין, איך האב אייך געשריעבען דיעזען בריעף, האט הערי געענטפערט.

— אלזא, האט עס אייער פאטער, סיימאן ווארד, מיר געשריעבען דעם צווייטען בריעף, אין וועלכען ער ראטה מיר, אז איך זאל ניט פאהרען קיין אבערוויל?

— ניין, הערר סטאַר. מיין פאטער האט גאר ניט געשריעבען, האט דער יונגער מאן געענטפערט.

— הום.... האט געזאגט דשיימס סטאר. ווער דען האט אלזא געשריעבען דעם צווייטען בריעף?

דער אינזשעניר האט זיך פערטראכט. ער האט געזעהן, אז דא איז א געהיימניס און האט זיך ענטשלאסען אויסצופארשען דיזע געהיימניס.

— האט אייך אייער פאטער געהייסען שרייבען דיזען בריעף? האט ער ווייטער געפרעגט.

— יא, ער האט מיר געהייסען אייך שרייבען און אייך בעטען, איהר זאלט קומען קיין אבערוויל.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, צו וועלכען צוועק אייער פאטער האט מיך געבעטען, איך זאל קומען קיין אבערוויל?

— מיין פאטער וועט עס אייך אליין זאגען.

— אבער איהר, הערר, ווייסט געוויס אויך, צו וואס ער האט מיך גערופען קיין אבערוויל.

— איך ווייס עס אויך.

— אלזא, גוט! איך וועל אייך מעהר ניט פרעגען, האט דשיימס סטאר געזאגט. לאמיר ניט פערברענגען קיין צייט אומזיסט און לאמיר פאהרען צו דיין פאטער.

ער האט זיך פערטראכט א פאר מינוטען. פלוצלונג האט ער זיך עפעס דערמאנט.

— איך האב גאר פערגעסען דיך צו פרעגען: וואו וואינט דען אייגענטליך דיין פאטער יעצט?

— אין דער אלטער מינע.

— וואס רעדסט דוא? ער וואינט אין דארטשארט שאכט? דאס קען דאך נים זיין!

— עס איז אבער אזוי, הערר דשיימס סטאר.

דער אינזשעניר האט איהם ניט פערשטאנען.

— איז עס מעגליך, אז אייער פאמיליע איז געבליעבען דיא גאנצע צייט אין דער מינע?

— יא, הערר סטאר, האט הערר' וואַרד געענטפערט. זייט דיא ארבייט אין דער מינע האט אויפגעהערט, איז מיין פאטער ניט ארויסגעפאהרען פון דער מינע. מיר לעבען דארט גאנץ רוהיג. איהר קענט זעהר גוט מיין פאטער, הערר סטאר, ער זאגט, אז ער איז דארט געבארען געווארען און וויל דארט שטארבען.

— איך ווייס עס, איך קען אייער פאטער. איהם איז דיא מינע ליעב געווארען. ער קען זיא ניט פערלאזען. ער קען ניט לעבען ערגעץ אנדערש. — זייט איהר צופריעדען מיט אייער וואינונג?

— יא, הערר סטאר. איהר ווייסט, אז אונזער קליינע פאמיליע איז שטענדיג צופריעדען. מיר ליעבען איינער דעם אנדערן. מיר זיינען נים געוואינט צו

רייכקייט. מיר דאַרפֿען ווענינ און זיינען העכסט צופֿריעדען, וואס קיינער שטערט אונז ניט.

— גוט, הערריי, גוט! לאמיר געהן!

דשיימס סטאר האט ניט געענטפֿערט, אויב זיי זאלען נעהמען אַ דראשקע. ער האט פֿערשטאנען, אז דא איז עפּעס אַ געהיימניס. ווען הערריי ווארד זאגאר וויל איהם ניט זאגען, צו וואס פֿאר אַ צוועק זיין פֿאטער האט איהם געשיקט רופֿען, איז עס אַ בעוויז, אז קיינער דאַרף דערפֿון ניט וויסען. ער האט דאהער ניט געוואלט נעהמען קיין דראשקע, דער קוטשער זאל ניט וויסען, אז אַ פֿרעמדער מענש איז געקומען קיין דארטשארט שאַכט.

ער און הערריי ווארד זיינען דאהער געגאנגען צו פֿוס.

4טעס קאַפּיטעל.

דיא דארטשארט שאַכט.

הערריי ווארד איז געוועזען אַ הויכער און שטארקער יונגער מאַן. ער איז אויפֿגעוואקסען אין דער מינע און האט געקענט אַלע ווענען און אַלע שטעגען אין דער מינע. אַלע ארבייטער פֿון דער מינע פֿלעגען איהם ליעב האבען. מען האט זיך געקענט אויף איהם פֿערלאזען, וויא אויף אַן אַלטען ערפֿאהרענעם ארבייטער.

אַלס קינד האט ער געלערנט אין דער איינציגער שולע אין אבערוויל און אַלע לעהרער זיינען מיט איהם געוועזען זעהר צופֿריעדען. ער האט געהאט אַ גוטען קאָפּ און האט געלערנט זעהר פֿלייסיג. עס איז זעהר מעגליך, אז ווען זיין פֿאַטער זאל געוועזען האבען דיא מיטעל צו לאזען איהם ווייטער לערנען, וואלט ער מיט דער צייט געווארען אַ גוטער אינזשעניר.

ליידער, איז דאס לערנען אַזאַ לוקסוס, אז אַן ארימאַן קען זיך עס ניט ערלויבען. ווען הערריי איז נאך געוועזען יונג, איז זיין פֿאַטער, סיימאַן ווארד גע־וועזען אַן איינפֿאַכער ארבייטער. ערשט שפּעטער, ווען הערריי אליין האט שוין געארבייט אין דער מינע, האט מען איהם געמאכט פֿאר פֿאָרמאַן, ריכטינער געזאגט, פֿארן עלטסטען אויפֿזעהר. ער האט געדאַרפֿט זעהן, אז אַלע גענג אין דער מינע זאלען זיין זיכער, אַלע לייטערס זאלען זיין אין ארדנונג, אַלע וואגא־נעס און אַלע קייטען זאלען זיין אויף זייער ארט און זאלען ארבייטען, וויא עס דאַרף זיין.

דער יונגער הערריי ווארד האט איהם געהאלפֿען, וויא אַ טרייער זוהן דאַרף העלפֿען זיין פֿאַטער. ער איז געוועזען יונג, געשיקט און פֿלינק; ער פֿלעגט זיך לייכט אראפּלאזען אין דיא טיעפֿסטע שאכטען און פֿלעגט אויסקריעכען אין אַלע לעכער. ער פֿלעגט קומען זאגען דעם פֿאַטער, אז דא דאַרף מען אונטערשפּאַ־רען דיא מינע מיט אַ נייעם באַלקען; דא דאַרף מען צורעכט מאַכען דיא לייטער, דארט האט זיך געוויעזען וואַסער. מען מוז עס פֿערהיטען. קורץ, ער האט אַליין

געארבייט און האט נאך דערביי געהאלפען זיין אלטען פאטער אין אלע זיינע ארבייטען.

הערריי ווארד האט יעצט געגומען דעם אינזשענירס רענצעל אונטערן ארים און האט אנגעהויבען צו שפאנען האסטיג איבער דיא נאסע פעלדער. פון דער סטאציאן קאללאנדאר ביז דארטשארט פיט, אדער דארטשארט שאכט (פיט הייסט אויף ענגליש א ברונען, א שאכט) איז פיער ענגלישע מייל. ווען זיי וואלטען געגאנגען איבער אבערוויל, וואלט זיי געווען פיעל נעהנטער. הערריי ווארד אבער האט ניט געוואלט געהן איבער אבערוויל. ער האט ניט געוואלט, אז מען זאל זעהן דעם אינזשעניר אין אבערוויל.

אין דרויסען איז שוין געווען גרויסער טאג. דשיימס סטאר האט געקענט בעטראכטען דיא געגענד ארום. פון אלע זייטען האט מען געקענט זעהן קליינע פארמס צוואווארפען ביים ברעג פון'ם מעער. אין ערטער האט מען בעגעגנט קיה און אקסען, וועלכע האבען רוהיג געגעסען דאס קנאפע, נאסע גראז. קיין הירט (פאסטוך) האט מען ניט געזעהן. דיא ארימע פארמערס אין ענגלאנד קענען זיך ניט ערלויבען אזא פערגניגען. זיי האלטען ליעבער א גרויסען הונט, וועלכער היט אפ זייערע בהמות.

וואוהין מען געהט אדער מען פאהרט אין ענגלאנד, זעהט מען, אז דיעזעס לאנד איז בעשאפען געווארען נור פאר פאבריקען אדער מינען. דיא ערד פון אויבען איז ארים און מאגער. דערפאר אבער ליעגען אין דער ערד בעגראבען שעצע (אוצרות), וועלכע קיין לאנד אין דער וועלט האט ניט. דאס בעסטע צינן אין דער וועלט גראבט מען אויס גאנץ טיעף פון דער ערד אין ענגלאנד. דיא בעסטע קוילען מינען געפינען זיך אין ענגלאנד. אלע ניצליכע מעטאלען גראבט מען אויס פון דער ערד אין ענגלאנד.

דשיימס סטאר איז שוין זייט צעהן יאהר ניט געווען אין דיעזע געגענדען. זייט מען האט אויסגעגראבען דיא לעצטע טאן קוילען פון דארטשארט פיט, איז ער דארט ניט געווען. ער האט געזעהן מיט שטוינען, אז זייט דיא מינע פון אבערוויל האט זיך אויסגעשעפט, האבען דיא איינוואינער זיך גענומען צו בע- ארבייטען דיא ערד. וויא עס ווייזט אויס, האבען ניט אלע ארבייטער געפונען בעשעפטיגונג ערגעץ אנדערש. פיעלע זיינען געבליעבען אין אבערוויל. זיי הא- בען ניט געהאט וואס צו טהאן און האבען זיך גענומען בעארבייטען דיא ערד.

א מאל פלעגט עס קאכען און זיעדען אין דיעזער געגענד. לאנגע רייהען פון וואגאנעס פול מיט קוילען פלעגען געהן אין אלע פארטען פון ענגלאנד. — גאנץ פריה פלעגט מען זעהן הונדערטער ארבייטער געהן צו דיא קוילען מינען מיט זייערע בינטלעך און מיט זייערע בלעכלעך אין דיא הענד. אין דיעזע בינט- לעך פלעגען זיי טראגען זייער פריהשטיק, אין דיא בלעכלעך — א ביסעל קאפע, וועלכען זיי פלעגען אויפזיעדען אין דער מינע.

יעצט איז אלעס געווען שטיל און רוהיג. דשיימס סטאר האט עס פער-

קלעמט ביים הארצען. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער געהט אין א וויסטע, וואו מען זעהט ניט קיין לעבעדיגען מענשען.

פון צייט צו צייט פלעגט ער בלייבען שטעהן אום אויפצואטהעמען. הערריי ווארד איז געגאנגען צו שנעל פאר איהם. ער פלעגט זיך אומקוקען אין אלע זייטען און זיך צוהערן. אמאל פלעגט מען דא הערן, וויא דיא שטארקע מאשינען ארבייטען; דיא שווערע קייטען, וועלכע שלעפען ארויף דיא וואגאנעס מיט דיא קוילען, קלינגען און הונדערטער ארבייטער שטימען רעדען, שרייען און לאכען. — יעצט איז אלעס שטיל און רוהיג. אמאל איז דיא ערד ארום געווען שווארץ פון'ם קוילען שטויב, היינט איז דיא ערד שמוציג גרין.

ווען דשיימס סטאר פלעגט בלייבען שטעהן, פלעגט הערריי ווארד אויך בלייבען שטעהן און קוקען אויף איהם. דער יונגער מאן האט געפיהלט, וואס עס קומט פאר אין דיא געדאנקען פון'ם אלטען אינזשעניר. ער האט איהם פערשטאנען און האט געשוויגען.

— יא, הערריי! האט ענדליך דשיימס סטאר אויסגערופען, אלעס האט זיך געענדערט אין דיעזער געגענד! מיר שעפען צופיעל פון דיא רייכע אוצרות פון דער נאטור. זיי מוזען זיך אמאל אויסשעפען. קיין נייע קוילען קומען ניט צו אין דער ערד. אויף'ן ארט פון יעדע טאָן קוילען, וואס מיר גראבען אויס פון דער ערד, רייסען מיר פון איהר אויך א שטיק פלייש. עס בלייבט א לאך, וועלכען מיר קענען ניט פערגלעטען. — בעדויערסט דוא, הערריי, יענע צייט, ווען מיר האבען צוזאמען געארבייט אין דער מינע?

— געוויס, הערר סטאר! האט דער יונגער מאן געענטפערט טרויעריג. מיר האבען געארבייט שווער און ביטער, עס איז אבער געווען אינטערעסאנט. מיר פלעגט שטענדיג פארקומען, אז איך קעמפף געגען ווערטען און איך בעזיעג איהם.

— האסט רעכט, הערריי! דיא ארבייט אין א קוילען מינע איז ווירקליך א קאמפף, א שרעקליכער קאמפף. אונטער וויפיעל געפאהרען איז אונטערווארפען דער קוילען גרעבער! ער דארף מורא האבען, אז דיא מינע זאל ניט איינפאלען און זאל איהם ניט פערשיטען; ער דארף מורא האבען, אז וואסער זאל איהם ניט פערניעכען אין דער מינע און ער זאל דערטרונקען ווערן טיעף אין דער ערד. היינט וואו זיינען דיא עקספלאזיאנען? ווען דער גאז פון דיא קוילען צינדעט זיך אן, וויא א בליץ און טייטעט, צורייסט און פערניכטעט אלעס, וויא א דונער. — האסט רעכט, הערריי, דאס לעבען פון אן ארבייטער אין דיא קוילען גרובען איז א שרעקליכער קאמפף, א געפעהרליכער קאמפף. מעגליך, אז דערפאר רייצט עס אונז אזוי און עס ציהט אונז אין דער מינע. מיר ווילען ווייזען, אז מיר בעזיעגען אלע געפאהרען און שלעפען ארויס פון'ם פינסטערן שויס פון דער ערד איהרע שווארצע דיאמאנטען.

— אך, פאר וואס זאל דיא גאנצע ערד ניט זיין פון ערד קוילען! האט אויסגערופען הערריי ווארד. דאן וואלטען זיך דיא מינען ניט אויסגעשעפט און מיר וואלטען שטענדיג געהאט וואס צו גראבען.

געארבייט און האט נאך דערביי געהאלפען זיין אלטען פאטער אין אלע זיינע ארבייטען.

העררי ווארד האט יעצט גענומען דעם אינזשענירס רענצעל אונטערן ארים און האט אנגעהויבען צו שפאנען האסטיג איבער דיא נאסע פעלדער. פון דער סטאציאן קאללאַנדאַר ביז דארטשארט פיט, אדער דארטשארט שאכט (פיט הייסט אויף ענגליש אַ ברונען, א שאַכט) איז פיער ענגלישע מייל. ווען זיי וואלטען גענאנגען איבער אבערוויל, וואלט זיי געווען פיעל נעהנטער. העררי ווארד אבער האט ניט געוואלט געהן איבער אבערוויל. ער האט ניט געוואלט, אז מען זאל זעהן דעם אינזשעניר אין אבערוויל.

אין דרויסען איז שוין געווען גרויסער טאג. דשיימס סטאר האט נעקענט בעטראכטען דיא געגענד ארום. פון אלע זייטען האט מען געקענט זעהן קליינע פארמס צוואווארפען ביים ברעג פון'ם מעער. אין ערטער האט מען בעגעגנט קיה און אקסען, וועלכע האבען רוהיג געגעסען דאס קנאפע, נאסע גראז. קיין הירט (פאַסטוך) האט מען ניט געזעהן. דיא ארימע פארמערס אין ענגלאנד קענען זיך ניט ערלויבען אזאַ פערגניגען. זיי האלטען ליעבער אַ גרויסען הונט, וועלכער היט אפ זייערע בהמות.

וואוהין מען געהט אדער מען פאהרט אין ענגלאנד, זעהט מען, אז דיעזעס לאנד איז בעשאפען געווארען נור פאר פאבריקען אדער מינען. דיא ערד פון אויבען איז ארים און מאגער. דערפאר אבער ליעגען אין דער ערד בעגראבען שעצע (אוצרות), וועלכע קיין לאנד אין דער וועלט האט ניט. דאס בעסטע צינן אין דער וועלט גראבט מען אויס גאנץ טיעף פון דער ערד אין ענגלאנד. דיא בעסטע קוילען מינען געפינען זיך אין ענגלאנד. אלע ניצליכע מעטאלען גראבט מען אויס פון דער ערד אין ענגלאנד.

דשיימס סטאַר איז שוין זייט צעהן יאהר ניט געווען אין דיעזע געגענדען. זייט מען האט אויסגעגראבען דיא לעצטע טאָן קוילען פון דארטשארט פיט, איז ער דארט ניט געווען. ער האט געזעהן מיט שמוינען, אז זייט דיא מינע פון אבערוויל האט זיך אויסגעשעפט, האבען דיא איינוואינער זיך גענומען צו בע-ארבייטען דיא ערד. וויא עס ווייזט אויס, האבען ניט אלע ארבייטער געפונען בעשעפטיגונג ערגעץ אנדערש. פיעלע זיינען געבליעבען אין אָבערוויל. זיי האַבען ניט געהאט וואס צו טהאן און האבען זיך גענומען בעאַרבייטען דיא ערד.

א מאל פלעגט עס קאכען און זיעדען אין דיעזער געגענד. לאנגע רייהען פון וואגאנעס פול מיט קוילען פלעגען געהן אין אלע פארטען פון ענגלאנד. — גאנץ פריה פלעגט מען זעהן הונדערטער ארבייטער געהן צו דיא קוילען מינען מיט זייערע בינטלעך און מיט זייערע בלעכלעך אין דיא הענד. אין דיעזע בינט-לעך פלעגען זיי טראגען זייער פריהשטיק, אין דיא בלעכלעך — א ביסעל קאפע, וועלכען זיי פלעגען אויפזיעדען אין דער מינע.

יעצט איז אלעס געווען שטיל און רוהיג. דשיימס סטאר האט עס פער-

קלעמט ביים הארצען. עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז ער געהט אין אַ וויסטע, וואו מען זעהט ניט קיין לעבעדיגען מענשען.

פון צייט צו צייט פלעגט ער בלייבען שטעהן אום אויפצואַטהעמען. הערריי וואַרד איז נעגאנגען צו שנעל פאר איהם. ער פלעגט זיך אומקוקען אין אלע זייטען און זיך צוהערן. אמאל פלעגט מען דא הערן, וויא דיא שטארקע מאשינען ארבייטען; דיא שווערע קייטען, וועלכע שלעפען ארויף דיא וואגאנעס מיט דיא קוילען, קלינגען און הונדערטער ארבייטער שטימען רעדען, שרייען און לאַכען. — יעצט איז אלעס שטיל און רוהיג. אמאל איז דיא ערד ארום געוועזען שווארץ פונ׳ם קוילען שטויב, היינט איז דיא ערד שמוציג גרין.

ווען דשיימס סטאר פלעגט בלייבען שטעהן, פלעגט הערריי וואַרד אויך בלייבען שטעהן און קוקען אויף איהם. דער יונגער מאן האט געפיהלט, וואס עס קומט פאר אין דיא געדאנקען פונ׳ם אלטען אינזשעניר. ער האט איהם פערשטאנען און האט געשוויעגען.

— יא, הערריי! האט ענדליך דשיימס סטאר אויסגערופען, אלעס האט זיך געענדערט אין דיזער געגענד! מיר שעפען צופיעל פון דיא רייכע אוצרות פון דער נאטור. זיי מוזען זיך אמאל אויסשעפען. קיין נייע קוילען קומען ניט צו אין דער ערד. אויפ׳ן ארט פון יעדע טאָן קוילען, וואס מיר גראבען אויס פון דער ערד, רייסען מיר פון איהר אויס אַ שטיק פלייש. עס בלייבט אַ לאָך, וועלכען מיר קענען ניט פערגלעטען. — בעדויערסט דוא, הערריי, יענע צייט, ווען מיר האבען צוזאמען געארבייט אין דער מינע?

— געוויס, הערר סטאר! האט דער יונגער מאן געענטפערט טרויעריג. מיר האבען געארבייט שווער און ביטער, עס איז אבער געוועזען אינטערעסאנט. מיר פלעגט שטענדיג פארקומען, אז איך קעמפף געגען וועמען און איך בעזיעג איהם.

— האסט רעכט, הערריי! דיא ארבייט אין אַ קוילען מינע איז ווירקליך אַ קאמפף, אַ שרעקליכער קאמפף. אונטער וויפיעל געפאהרען איז אונטערוואָרפען דער קוילען גרעבער! ער דארף מורא האבען, אז דיא מינע זאל ניט איינפאַלען און זאל איהם ניט פערשיטען; ער דארף מורא האבען, אז וואסער זאל איהם ניט פערניעסען אין דער מינע און ער זאל דערטרונקען ווערן טיעף אין דער ערד. היינט וואו זיינען דיא עקספלאזיאנען? ווען דער גאז פון דיא קוילען צינדעט זיך אן, וויא אַ בליץ און טייטעט, צורייסט און פערניכטעט אלעס, וויא אַ דונער. — האסט רעכט, הערריי, דאס לעבען פון אן ארבייטער אין דיא קוילען גרובען איז אַ שרעקליכער קאמפף, אַ געפעהרליכער קאמפף. מעגליך, אז דערפאַר רייצט עס אונז אזוי און עס ציהט אונז אין דער מינע. מיר ווילען ווייזען, אז מיר בעזיעגען אלע נעפאהרען און שלעפען ארויס פונ׳ם פינסטערן שויס פון דער ערד אירהע שווארצע דיאמאנטען.

— אך, פאר וואס זאל דיא גאנצע ערד ניט זיין פון ערד קוילען! האט אויסגערופען הערריי וואַרד. דאן וואלטען זיך דיא מינען ניט אויסגעשעפט און מיר וואלטען שטענדיג געהאט וואס צו גראבען.

— דוא זעהסט דאך אבער, העררי, אז דיא נאטור איז קליגער פֿון אונז. זיא האט געמאכט דיא ערד פֿון זאמד שטיינער, קאלך שטיינער, גראַניט און אנדערע שטיינער, אלץ אזעלכע מאטעריאלען, וועלכע מיר קענען ניט פֿערברענען.
— מיינט איהר, הערר דשיימס, אז ווען דיא גאנצע ערד זאל זיין פֿון שטיין קוילען, וואלטען דיא מענשען פֿערברענט זייער ערד? האט העררי געפֿרעגט.
— געוויס, מיין יונגעו! דיא גאנצע ערד ביז צום לעצטען ברעקעל וואלט אריינגעקראכען אין דיא אויווענס פֿון דיא לאקאמאטיווען, מאשינען, דאמפף שיפֿען און גאז פֿאבריקען. דיא מענשען לעבען אהן אַ רעכנונג. זיי וואלטען פֿערברענט דאס לעצטע שטיקעל ערד פֿון אונטער זייערע פֿיס.
— ערקלערט מיר, הערר דשיימס, פֿון וואנען האבען זיך גענומען דיא קוילען אין דער ערד און וויא אַזוי קומט עס אויס, אז מיר געפֿינען דיא ערד קוילען שטענדיג אויסגעמישט מיט זאמד שטיינער און מיט אנדערע סארטען שטיינער?
וויא דער אינזשעניר האט זיך געאיילט, האט ער דאך ניט געקענט אפזאָגען דעם יונגען מאן און האט איהם אנגעהויבען צו ערקלערן, וואס דיא וויסענשאפֿט, וועלכע הייסט געאָלאָגיע — דיא לעהרע איבער דיא ערד — זאגט איבער דיא ערד קוילען.
אזוי וויא דיעזע ערקלערונג איז נאטהווענדיג אום צו פֿערשטעהן אונזערע ווייטערע ערצעהלונג, ווילען מיר זיא איבערגעבען אונזערע לעזער, וויא דשיימס סטאר האט זיא ערקלערט דעם יונגען וואַרד.

8טעס קאפיטעל.

אונזער ערד און פון וואס זיא בעשטעהט.

אמאל, מיט הונדערטער טויזענדער יאהרען צוריק, ווען דיא ערד האט זיך נור וואס אנגעהויבען צו בילדען, זיינען געווען אויסגעמישט אלע מעטאלען: אייזען, צינן, בליי, קופער, גאלד, זילבער, פלאטינא, וואסער און קוילען. אלע דיעזע מעטאלען זיינען געווען צושמאלצען און אויסגעמישט צוזאמען. אַ גרויסער פֿייערינגער קוגעל האט געשוועבט אין דער לופֿט, האט זיך געדרעהט און איז געפֿלוינגען ארום דיא זון.
דיעזע קוגעל איז צוגעקומען ערגעץ אין אַ קיהלען ארט, ערגעץ ווייט פֿון דער זון און האט זיך אנגעהויבען אפצוקיהלען. אייזען, צום ביישפיעל, איז אזא הארטעס מעטאַל, אז עס ווערט צושמאלצען נור ביי אַ היץ פֿון צוועלף הונדערט גראד. קוים איז דיא היץ וועניגער פֿון צוועלף הונדערט גראד, ווערט שוין דאס אייזען פֿערקיהלט.
עס זיינען אבער דא נאך אנדערע מעטאלען, וועלכע ווערן צושמאלצען נור ביי אַ היץ פֿון צוויי טויזענד גראד. קוים ווערט דיא היץ שוואכער, ווערן זיי שוין פֿערקיהלט און פֿערהארטעוועט.
אזוי וויא אין דער ערד זיינען געווען אויסגעמישט אלע דיעזע מעטאלען

צוזאמען, האבען זיך פיעלע פון זיי אנגעהויבען אפצוקיהלען, ווען דיא ערד איז געקומען אין אַ קיהלערען ארט. ארום דער ערד האט זיך געבילדעט אַ גאנץ דינע רונדע (קאָרע) פון אויבען ארום דער ערד האט זיך געבילדעט אַ דינע הויט פון הארטע מעטאלען, וויא אייזען, לעהם און נאך אנדערע זאכען. (ביז אויף היינטיגען טאג ווייס מען נאך ניט, וויא פיעל גראר היץ מען מוז האבען אום צו שמעלצען לעהם. מען ווייס אבער פאר געוויס, אז לעהם קען צושמאלצען ווערן ביי אַ שרעקליך שטארקע היץ.) אינוועניג אין דער ערד האבען נאך געקאכט און געזאטען דיא געשמאלצענע מעטאלען.

עס זיינען פערגאנגען צעהנער טויזענדער יאהרען. דיא ערד האט זיך אלע מאל מעהר און מעהר אפגעקיהלט. דאס וואסער, וועלכעס איז געווען ביז אהער נור אין געשטאלט פון דאמפף, — פון דער גרויסער היץ ארום דיא ערד איז פון'ם וואסער געווארען דאמפף (פאַרע). — האט אנגעהויבען צו ווערן געדיכטער און אראפצופאלען אויף דער ערד אין געשטאלט פון טראפענס. — עס האט אנגעהויבען צו רעגנענען.

וויא שטארק דיא רעגענס זיינען דאמאלס געווען, קען מען זיך פארשטעלען דערפון, וואס מיר געפינען נאך אין תנ"ך און ביי פיעלע אנדערע פעלקער דערצעהלונגען, אז עס פלעגט אוועקרעגענען וואכען לאנג און עס פלעגט ווערן אַ מבול.

דיעזע רעגענס האבען נאך מעהר אפגעקיהלט דיא ערד. דיא הויט ארום איהר, דיא רונדע (קאָרע) איז געווארען אלע מאל דיקער און פעסטער. אויף דער ערד האבען זיך געוויעזען אַ סארט ביימער, וועלכע זיינען היינט מעהר ניטא. אייגענטליך זיינען עס ניט געווען קיין ביימער, זאנדערן אַ סארט גראזען, וועלכע זיינען געווען העכער און גרעבער פון אונזערע היינטיגע ביימער.

ווער עס איז געווען אין אַ גוטען מוזעאום, דער האט געוויס געזעהן שטיקער קוילען, וועלכע מען דערקענט זעהר דייטליך, אז זיי זיינען אַ מאל געווען ביימער. אין דעם ניו יארקער מוזעאום פון נאטור וויסענשאפטען קען מען זעהן גאנצע פערקוילטע בוימער און גרויסע שטיקער רינדע (קאָרע) פון ביימער, וועלכע מען האט געפונען אין דיא קוילען גרובען אין פענסילווועניא.

דיעזע ביימער זיינען געוואקסען זעהר שנעל. דיא ערד איז נאך געווען שטארק ווארים. דער רעגען האט גענאסען גאר אן אויפהער — צוויי זאכען, וועלכע זיינען נעטהיג, אז א בוים אדער אַ גראז זאל וואקסען שנעל. דיעזע ביימער האבען דאהער געבילדעט גאנצע געדיכטע וועלדער.

דיעזע וועלדער האבען אבער נור געקענט וואקסען דארט, וואו דיא קאָרע פון דער ערד איז שוין געווען גענוג דיק און גענוג שטארק, זיא זאל זיי אויסהאלטען. דאס איז דיא אורזאכע, וואס דיעזע זאנדערבארע וועלדער זיינען געווען צוזאווארפען איבער דער גאנצער וועלט. אין דער מיט, צווישען איין וואלד און דעם אנדערן זיינען געווען גאנצע שטיקער לאנד פון הונדערטער מיילען, וואו קיין זאך האט ניט געקענט וואקסען, ווייל דיא קאָרע פון דער ערד איז

געוועזן זעהר דין — עס איז נאך געוועזן צו הייס, אדער דיא קארע פֿון דער ערד איז בעשטאנען פֿון אייזען און אנדערע שטארק הארטע מעטאלען, אויף וועלכע עס האט גאר ניט געקענט וואקסען.

וויפיעל טויזענדער יאהרען דיעזע וועלדער האבען אזוי געוואקסען, קענען מיר ניט וויסען. מיר ווייסען נור, אז דיעזע ביימער האבען אין זיך געהאט מעהר קוילען שטאף, וויא דיא היינטיגע ביימער. קיין לעבעדיגע זאך איז נאך אויף דער ערד דאמאלס ניט געוועזן.

אזוי וויא אין דער מיט פֿון דער ערד, אונטער דער הויט, דיא קאָרע, האַבען נאך געקאכט און געזאטען אלערליי מאטעריאלען, פֿלעגט זיך זעהר אפֿט מאכען אן ערד ציטערניש: דיא קארע פֿון דער ערד האט געפלאצט און עס האבען זיך ארויסגעגאסען פֿון איהר אלערליי מעטאלען אויסגעמישט. זעהר אפֿט פֿלעגט אזא ערדציטערניש זיין אזוי שטארק, אז עס האבען זיך אויסגעגאַסען גאנצע טייכען פון פֿייעריגע געשמאלצענע מעטאלען און האבען פֿערגאסען דיא געדיכטע וועלדער פֿון יענער צייט. — זיי האבען געמאכט אַ מאגאזין פֿון קוילען, וועלכען מען האט שפעטער אין צעהן טויזענדער יאהרען ארום געפֿונען.

אז אין דער מיט פֿון אונזער ערד קאכט עס און זיעדעט נאך ביז אויף היינטיגען טאג, בעווייזען דיא פֿייערשפּייענדיגע בערג. זיי שווייגען עטליכע יאהר נאכאנאנד און זיינען דאכט זיך גאר שטיל. פלוצלונג צושפיעלען זיי זיך, הויבען אן ארויסצוואַרפֿען זיילען מיט פֿייער און טייכען פֿון געשמאלצענע מעטאלען. אזעלכע פֿייערשפייענדע בערג זיינען דא אין איטאליען צוויי: דער וועזוואו און דער עטנא; אויף דער אינזעל איסלאנד, וועלכעס געהערט צו דענעמארק, געפֿינען זיך אויך צוויי פֿייערשפייענדע בערג: דער העקלא און דער קראַפֿלאַ. אין אמעריקא זיינען דא זעהר פֿיעל פֿייערשפייענדע בערג.

יעצט איז שוין דיא קארע פֿון דער ערד זעהר דיק און זעהר שטארק. דיא פֿייערשפייענדע בערג זיינען דיא קוימענס, דורך וועלכע דיא ערד ווארפֿט ארויס פֿון צייט צו צייט דיא מעטאלען, וועלכע זיינען נאך אין איהר אלץ צושמאלצען.

דורך דיעזע ערדציטערנישע און דורך דיא מאסע מעטאלען, וואס זיא פֿלעגט ארויסוואַרפֿען, האבען זיך געבילדעט אויף דער ערד נייע פֿעכער. גאר אונטען אדער דער ערשטער פֿאך איז געוועזן אַ כארט לעהם. אויף דיעזען לעהם האט געוואקסען אַ געדיכטער וואלד. ווען דיא ערד האט ארויסגעגאָסען אַ ים פֿון צושמאלצענע מעטאלען, האט זיך געבילדעט נאך צוויי נייע פֿעכער: איין פֿאך פֿערקוילטע ביימער און אויף איהם אַ פֿאך שטיינער אויסגעמישט מיט אייזען, קופער, צינן און אנדערע מעטאלען.

עס זיינען ווידער פֿערגאנגען טויזענדער יאהרען. דיא ערד האט זיך ווידער אַ ביסעל אפגעקיהלט. דער צווייטער און דריטער פֿאך איז פֿערהאַרטעוועט געווארען. עס איז ווייטער געווארען אַ שטארקע ערדציטערניש. דיא ערד האט ווידער ארויסגעוואַרפֿען אַ מאסע געשמאלצענע שטיינער און מעטאלען. עס האט זיך געבילדעט אַ פֿירטער פֿאַך.

דער בעשטענדיגער רעגען און דיא שרעקליכע שטורמווינדען, וועלכע פלעגען דאמאלס ארויפטרייבען אַ גרויסע מעננע וואסער אויף דער ערד, פלע-גען צורייבען דיא הארטע שטיינער און מאכען פון זיי זאמד. עס האט זיך גע-בילדעט אַ פינפטער פאך פון זאמד. אויף דיעזען פאך האט דיא ערד ווייטער ארויפגעגאסען איהר צושמאלצענע מאסע און האט דעם זאמד אזוי צוזאמענגע-פרעסט, אז ער איז געווארען הארט, וויא אַ שטיין. דאס איז דער זאמד שטיין, אדער דער ברוינער ווייכער שטיין, פון וועלכע מען בויט היינט הייזער.

אין דיעזע שטיינער געפינט מען שוין צייכענס פון לעבעדיגע זאכען. ווען מען קוקט זיך גוט צו צו אזא שטיין, זעהט מען, אז אין איהם געפינט זיך מושעלן (זשאבע שיסעלעך) און אנדערע קליינע שאלען פון מעער טהיערע. מען געפינט נאך בעסערעס: אויף איינינע שטיינער געפינט מען דייטליך דיא צייכענס פון פיש און פון אנדערע חיות. אין מוזעאום פון נאטור וויסענשאפט אין ניו יארק קען מען זעהן פיעלע אזעלכע שטיינער. עס איז דייטליך, אז דער פיש איז גע-לעגען אין זאמד, ווען דיא ערד האט איהם פערדעקט מיט אַ נייען פאך פון שטיין. דער פיש איז פערברענט געווארען. עס איז אבער געבליעבען אַ צייכען, וואו ער איז געלעגען.

אין פערשיעדענע ערטער, בעזאנדערס אין אמעריקא געפינט מען אין דיא קוילען גרובען שטיקער קוילען, אויף וועלכע מען קען זעהן זעהר דייטליך, אז דארט איז געלעגען אַ פיש, אַן ענדעש (יאשטשערקע) אדער אַ בלאט פון אַ בוים. דאס בעווייזט, אז דיא קוילען האבען זיך דארט געבילדעט אין דער צייט, ווען עס זיינען שוין דארט געווען איינינע לעבעדיגע זאכען.

יעדער פאַך קוילען איז פערשיעדען פון'ם אנדערן. וואס טיעפער אין דער ערד דיא קוילען ליעגען, אלץ בעסער און ריינער זיינען זיי. אין דיא ערטער, וואו אַ שווערער פאַך פון הארטע שטיינער ליעגט אויף דיא קוילען, האבען דיא שטיינער אזוי צונויפגעפרעסט דיא קוילען, אז פון זיי איז געווארען איין שטיק — אַ גרויס פעלד פון אַ שווארצער מאסע. דאס זיינען דיא אַנטהראַ-ציט קוילען. זיי האבען אין זיך 95 — 96 פראצענט קוילען. דאס הייסט, ווען מען פערברענט דיעזע קוילען, בלייבט איבער נור 4 ביז 5 פראצענט אַש.

מיר ווילען געבען אַ קליינעם ביישפיעל אום צו ווייזען, וואס פאר אַ ווערטה דיא אַנטראַהציט קוילען האבען. ווען מען קויפט הונדערט פונט קוילען און מען פערברענט זיי אין אַן אויוועז, בלייבט פון דיא הונדערט פונט קוילען נור פיער-פינף פונט אַש. דיא איבעריגע 95 — 96 פונט גיבען ליכט און ווארימקייט.

אין דיעזע קוילען אבער געפינט זיך זעהר ווייניג פייכטקייט. זיי טויגען ניט פאר אַ גאז פאבריק און מען קען פון זיי ארויסציעהען זעהר ווייניג אנדערע מאטעריאלען אויסער קוילען שמאַף.

אין דיא גאנץ הויכע פעכער, נאהענט צו דער אבערפלעכע פון דער ערד, וואו מען דארף ניט גראבען אזוי טיעף אום צו געפינען דיא קוילען, געפינען מיר אַ גאנץ אנדערן סארט קוילען. דיעזער סארט הייסט ליגניט. דא געפינען

מיר שוין גאַנצע קלעצער, גאַנצע שטיקער האָלץ, וועלכע זיינען נור וועניג פֿער־ברענט. צו מאָל געפֿינט מען אַ גאַנצען וואַלד, וועלכער איז נור פֿערשטיינערט געוואָרען — פֿערקוילט געוואָרען.

צווישען דיעזעביידע סאָרטען, אָדער צווישען דיעזע ביידע פֿעכער, גע־פֿינט מען פֿערשיעדענע סאָרטען קוילען. איינינע זיינען אַזוי שטאַרק אויסגע־מישט מיט קאַלך, לעהם און אַנדערע זאַכען, אַז זיי ברענען זעהר שלעכט. זיי גיבען זעהר פֿיעל אַש. פֿון הונדערט פֿונט קוילען, וועלכע מען פֿערברענט אין אויוועז, בלייבען איבער פֿערציג - פֿופֿציג פֿונט אַש און שטיינער.

דאָס, מיין פֿריינד, איז דיא געשיכטע פֿון דיא ערד קוילען אָדער שטיין קוילען. גאַנצע וועלדער פֿון שרעקליך דיקע ביימער זיינען פֿערגאָסען געוואָרען מיט געשמאָלצענע מעטאַלען, וויא לעהם, קאַלך, אייזען, צינן, קופּער און אַנדערע.

דיעזע וועלדער, אָדער וויא מען זאָגט היינט, דיעזע פֿעלדער פֿון שטיין קוילען מוזען זיך דאָך אַ מאָל אויסשעפּען. דיעזע וועלדער האָבען ניט בעדעקט דיא גאַנצע ערד. זיי זיינען געווען נור אין איינינע ערטער פֿון דער ערד, אַזוי וויא דיא היינטיגע וועלדער געפֿינען זיך נור אין געוויסע געגענדען.

ווען מיר זעהן, וויא מען פֿערברויכט יעדעס יאָהר מיליאָנען טאָן קוילען; ווען מיר זעהן, וויא אונזערע מאַשינען, אונזערע לאָקאָמאָטיווען, אונזערע דאַמפּף שיפֿען און אונזערע אויוועגס פֿרעסען אויף יעהרליך אַזוי פֿיעל קוילען, מוזען מיר קומען צו דעם שלוס, אַז מיט דער צייט וועלען זיך אַלע קוילען מינען אויף דער ערד אויסשעפּען.

עס וועט דאַן קומען אַ צייט, ווען עס וועט ניט בלייבען ניט איין שטיקעל קוילען. אַלע מאַשינען וועלען מוזען בלייבען שטעהן, דיא לאָקאָמאָטיווען וועלען זיך ניט קענען ריהרען און דיא פֿאַבריקען וועלען מוזען אויפֿהערן צו אַרבייטען.

— מען זאָגט, אין אַמעריקא געפֿינען זיך זעהר רייכע קוילען מינען, האָט הערריי וואַרד בעמערקט.

— איך ווייס, אַז אין פּענסילוועניע, אָרעגאָן, סאָלט לייק, ווירדשיניאַ, איללינאָיס, אינדיאַנאַ, מיסורי און קאַליפֿאָרניען געפֿינען זיך נאָך זעהר רייכע קוילען מינען, האָט דשיימס סטאַר געענטפֿערט. וואָס ווערט אָבער דערפֿון? — אַמעריקא פֿערברענט דערפֿאַר מעהר קוילען, וויא ענגלאַנד. אַמעריקא, וויא ענגלאַנד פֿרעסען זיך אַליין אויף. יעדעס מאָל, ווען איך זעה, וויא מען פֿיהרט אַוועק גאַנצע שיפֿען מיט קוילען פֿון ענגלאַנד אין אַנדערע לענדער, פֿערקלעמט עס מיר ביים האַרצען. איך פֿיהל, אַז מען פֿיהרט אַוועק דאָס בעסטע און איינ־ציגע מאַטעריאַל, וועלכעס וואַרמט אונז, בעלייכטעט אונז און טרייבט אונזערע מאַשינען.

— האָט מען נאָך ניט ענטדעקט קיינע אַנדערע קוילען מינען? האָט הערריי וואַרד געפֿרעגט.

— מען זאָגט, אַז אין גרענלאַנד און אין אַנדערע גאַנץ קאַלטע געגענדען אַרום דעם נאָרד פּאָל האָט מען געפֿונען קוילען. איך ווייס ניט, אויב עס איז

וואהר. ווען עס זאל שוין אבער וואהר זיין, וויא וועט מען בעארבייטען דיזע קוילען מינען? וויא אזוי וועט מען ברענגען יענע קויטען צו אונז?—ניין, הערריי, אויף יענע קוילען האבען מיר ניט וואס צו רעכענען. יענע קוילען—אויב זיי זיינען גאר דא—וועלען אונז וועניג העלפען.

— ענגלאנד האט דאך אבער זעהר פיעל קוילען אין אויסטראליען? האט הערריי ווייטער געפרעגט.

— יא, אין אויסטראליען זיינען דא זעהר פיעל קוילען, האט דער אינזשעניר געענטפערט; דער פאך פון ערד קוילען אין אויסטראַליען איז אבער זעהר אַ דינער. טיעף אין דער ערד געפינט מען שוין קיינע ערד קוילען. דיא ענגלענדער וועלען איהם שוין אויסשעפען.—וואוהין דיא ענגלענדער קומען, איז זייער ערשטע ארבייט צו פערברענען דיא שטיין קוילען. וואס מעהר קוילען מען גראבט אויס אַ יאהר, אלץ מעהר פערברענען זיי. ווען אלע קוילען מינען פון אייראפא וועלען זיין אויסגעשעפט, וועט מען זיך נעהמען צו דיא קוילען מינען אין אזיען און אפריקא. וויא לאנג אבער וועלען זיי דויערן?

— ווייס מען, וויא גרויס עס זיינען דיא פעלדער פון קוילען אין דער וועלט?

— מען ווייס אלעס. מען האט אויסגערעכענט אלעס און מען קען יעצט פאראויסזאגען, אויף וויא לאנג מיר וועלען נאך האבען אַ פאָראַטה (זאפאַס) פון קוילען, האט דער אינזשעניר געענטפערט.

אין רוסלאנד, זאַקסען און בייערן געפינען זיך פעלדער פון קוילען, וועלכע פערנעהמען אַ פלאץ פון מעהר אלס אַ מיליאן עקער. אין שפאניען געפינט זיך דריי הונדערט טויזענד עקער. אין עסטרייך—מעהר אלס דריי הונדערט טויזענד עקער. אין פראנקרייך—מעהר אלס דריי הונדערט טויזענד עקער. אין דעם קליינעם בעלגיען געפינט זיך מעהר אלס דריי הונדערט טויזענד עקער. דארט ליעגען דיא קוילען זעהר טיעף אין דער ערד. זיי בילדען זעהר אַ ריקען פאַך.

רייכער פון אלע לענדער מיט קוילען איז אבער ענגלאנד און שאטלאנד. אין אירלאנד זיינען קיין קוילען ניטא. אבער ענגלאנד מיט שאטלאנד צוזאמען האבען מעהר אלס דריי מיליאן עקער קוילען פעלדער.

וויא עס ווייזט אויס, איז ענגלאנד מיט שאטלאנד א מאל געווען בעדעקט מיט אזא געדיכטען וואלד פון גראבע און הויכע ביימער, אז קיין לעבעדיגע זאַך וואלט ניט געקענט דורכגעהן צווישען זיי. דיזער געדיכטער וואלד איז פערגאסען, געווארען מיט געשמאלצענע מעטאלען און עס איז דערפון געווארען איין געדיכטע, צונויפגעפרעסטע מאסע מיט קוילען.

וואס ווערט אבער דערפון, ווען מיט יעדען יאהר פערברענט מען אלץ מעהר און מעהר קוילען? וויא מען האט אויסגערעכענט, וועלען זיך אויסשעפען דיא קוילען:

אין פראנקרייך	אין 1,140	יאהר	ארום.	
אין ענגלאנד	" 800	"	"	
אין בעלגיען	" 700	"	"	
אין רייטשלאנד	" 200	"	"	

אין אמעריקא, ווען מען זאל פערברענען יעהרליך פינף הונדערט מיליאָן טאנען, וועט זיין גענוג קוילען אויף זעקס טויזענד יאהר. מען פערברענט דאך אבער מיט יעדען יאהר מעהר אלס פינף הונדערט מיליאן טאנען. אלזא, וועלען זיך אין אמעריקא אויסשעפען דיא קוילען מינען פיעל פריהער.

איבער אמעריקא איז אים אלגעמיינען זעהר שווער צו אורטהיילען. אין אמעריקא לעבט מען צו שנעל. דארט וואקס אלעס זעהר שנעל, בליהט זעהר שנעל און שטארבט זעהר שנעל. אמעריקא פערברענט שוין יעצט מעהר קוילען וויא ענגלאנד און מיט יעדען יאהר קומען צו אלץ מעהר מענשען, אלץ מעהר מאשינען און מען פערברענט אלץ מעהר קוילען.

— אויב אזוי, וועלען זיך דיא קוילען מינען אויסשעפען פריהער, וויא דיא אינזשענירען האבען אויסגערעכענט! האט העררי אויסגערופען, ווייל אויך אין ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, רוסלאנד און עסטעררייך קומען צו אלע מאל נייע מאשינען און נייע אייזענבאהנען, וועלכע פערשלינגען דיא קוילען.

— יא, העררי, איהר האט פאלקאמען רעכט. ווען איך זאל קענען, וואלט איך ניט דערלאזט, אז מען זאל ארויספיהרען קוילען פון ענגלאנד און מען זאל זיי פערבייטען אויף גאלד. דיא קוילען וועלען אמאל טהייערער זיין אלס גאלד. זיי וועלען אמאל זיין ווירקליך שווארצע דיאמאנטען.

— פיעללייכט וועט מען אמאל אויסגעפינען אנדערע מיטעל, וועלכע ווע־לען טרייבען אונזערע מאשינען און אונזערע לאקאמאטיוען? האט העררי בע־מערקט. איך האב געהערט, אז אין אמעריקא געהן שוין אייזענבאהן וואגאנעס דורך עלעקטריציטעט און דורך וואסער (הידראוליק, הידראולישע מאשינען).

— איך ווייס עס, העררי, האט דער אינזשעניר געענטפערט. דיעזע צוויי קרעפטע — עלעקטריציטעט און הידראוליק — זיינען אבער נאך ניט גוט אויס־שטודירט און זיי וועלען קיין מאל ניט זיין אים שטאנד צו פערנעהמען דעם פלאץ פון קוילען. — צום אונגליק, קען מען אויף קיין פאל ניט מאכען קיין קוילען. דאס איז אן ארטיקעל, וועלכער קען געמאכט ווערן נור אין דער גרויסער פאבריק פון דער נאטור. דיא מענשען קענען איהם ניט מאכען. דיא נאטור האט אנגעגרייט א פאַראַטה (זאַפאַס) אויף טויזענדער יאהרען. דיא מענשען פערשווענדען דיעזען פאַראַטה. זיי וואַרפען זיך מיט איהם. זיי וועלען א מאל פיהלען, אז זיי האבען געהאט אין דיא הענד שווארצע דיאמאנטען און האבען זיי ארויסגעלאזען מיטן רויך.

ביידע האבען געשוויגען. ביידע זיינען געווארען טרויעריג. אזוי זיינען זיי געגאנגען לאנגזאם, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום דאָרטשאָרט שאכט.

6טעס קאפיטעל.

אין דאָרטשאָרט שאַכט.

א טרויערינער אנבליק האט יעצט פארגעשטעלט דיא קוילען גרוב, וועלכע איז געוועזען בעקאנט אונטערן נאמען דארטשארט פיט. עס איז געוועזען שרעקליך א

אַ סקעלעט—דיא ביינער פֿון אַ מענשען. אמאל איז עס געווען אַ מענש, אמאל האט עס געלעבט, געערדט, געלאַכט, געוויינט, זיך געזוארגט און זיך געפֿרעהט, יעצט זיינען עס נור הארטע, טרוקענע ביינער.

אמאל האט עס געקאכט, געזאטען און געוויעשט ארום דארטשארט פיט. מיילען ווייט ארום איז דיא ערד שווארץ געווען פֿון קוילען שטויב, רוס (סאַזשע); מיילען ווייט האט מען געקענט הערן דעם רעש פֿון דיא מאשינען און דאס געשריי און געלעכטער פֿון דיא ארבייטער.—היינט איז אלעס שטיל, רוהיג, טרויעריג און אויסגעשטארבען.

דאס גרויסע הויז, וואו דשיימס סטאר האט מיט צעהן יאהר צוריק געוואָ־מען אבשייד פֿון דיא ארבייטער, שטעהט נאך; עס איז אבער אפגעריסען, איינ־געבויגען און פֿערנאכלעסיגט. דער ווינד, דער רעגען, דער שנעע און דיא זון האבען לאנגזאם אבער זיכער געמאכט פֿון דיעזעס הויז אַ חורבה—אַ רואינע.

ווייטער שטעהט נאך דער שופען (סאַראַי), וואו דיא מאשינען זיינען אמאל געשטאנען. דאס מעש, קופער, ניקעל און אלע טהייערע טהיילע פֿון דיא מאשי־נען האט דיא קאמפאני צוגענומען. עס זיינען נור געבליעבען איינגע שווערע רעדער, וועלכע דיא קאמפאני האט געלאזען אויפֿין ארט, ווייל דאס איבער־פֿיהרען וואלט איהר טהייערער געקאסט, וויפֿיעל דיעזע רעדער זיינען ווערטה.

אלעס ארום, אלעס, וואס איז געווען פֿון אייזען און שטאהל איז געווען בעדעקט מיט ראסט. אויף דיא הילצערנע ווענד האבען שוין אנגעהויבען צו וואקסען גראזען און גרינער מאָאָס (מאָך). שטיקער אייזען, ברעטער און שטיקער האלץ זיינען געלעגען צוואוואָרפֿען אויפֿין בערגעל פֿאר דעם אריינגאנג אין דער שאַכט. אין ערטער זיינען געלעגען זעגען מיט אויסגעבראכענע צעהנער, צובראָ־כענע לייטערס, שטיקער קייטען, פֿערראסטעטע וואגאנדלעך.

אלעס איז געווען צובראכען, פֿערראסטעט און פֿערניכטעט.

— טרויעריג! טרויעריג! האט אויסגערופֿען עטליכע מאל דשיימס סטאר.

הערריי ווארד האט איהם ניט געענטפֿערט. ער איז שוין געווען געוואוינט צו דיעזען אנבליק. ביי איהם איז עס קיין נייעס ניט געווען.

דשיימס סטאַר איז צוגעקומען צום אריינגאנג אין שאכט. א מאל פֿלעגט מען פֿיהלען אַ שטארקען צוג פֿון ווארעמע, דומפּפֿע לופֿט, ווען מען פֿלעגט צוקומען צום מויל פֿון דער מינע—צום אריינגאנג אין שאכט. ווען דיא מאשי־נען אונטען פֿלעגען ארבייטען און פֿלעגען רייניגען דיא לופֿט אין דיא טיעפֿע גאלערעען, פֿלעגען זיי טרייבען דיא לופֿט אין דרויסען.—היינט איז אלעס שטיל און רוהיג. זאגאר דיא לופֿט האט זיך ניט בעוועגט.

דשיימס סטאר און הערריי וואַרד זיינען אריינגעגאנגען אין שאכט. זיי האָ־בען זיך אנגעהויבען אראפצולאזען אויפֿין ערשטען לייטער. אמאל פֿלעגען דא זיין צוויי קאסטענס, וועלכע זיינען געהאנגען אויף שווערע קייטען. ווען דיא ארבייטער פֿון דער מינע פֿלעגען וועלען זיך אראפּלאזען אין דער מינע, פֿלעגען זיי זיך אריינזעצען אין אַ קאסטען. אין אַ מינוט פֿלעגען זיי זיין אונטען גאנץ

טיעף אין שאכט. ווען זיי פֿלעגען דאַרפֿען אַרויפֿגעהן פֿון׳ם שאכט, פֿלעגען זיי זיך אויפֿזעצען אין קאַסטען און דיא מאַשין האָט זיי אַרויפֿגעשלעפּט.

אין יעדער מינע פֿיהרען לייטערס פֿון פֿופֿצעהן־צוואַנציג פֿוס דיא לענג. וואו דער לייטער ענדיגט זיך, געפֿינט זיך אַ שטיקעל פּלאַץ, אַ פּלאַטפֿאָרם, וואו מען קען זיך אָפּרוהען. פֿון דיעזער פּלאַטפֿאָרם הייבט זיך אָן אַנאַנדער לייטער, וועלכער פֿיהרט אויף פֿופֿצעהן־צוואַנציג פֿוס טיעפֿער אין שאכט. דאַן קומט ווידער אַ פּלאַטפֿאָרם און ווידער אַ לייטער.

ווען דער אַרבייטער זאָל דאַרפֿען אַראָפּגעהן אין שאכט און אַרויפֿגעהן אויף דיעזע לייטערס, וואָלט ער געדאַרפֿט פֿערליערן זעהר פֿיעל צייט. דיא קאָמפּאַני פֿון דער מינע האָט דערפֿאַר געמאַכט דיעזע קאַסטענס, אַז דער אַרבייטער זאָל אין אַ פּאָר מינוט קענען זיין אין שאכט און אַרויפֿגעהן פֿון׳ם שאכט.

יעצט, ווען דיא מינע האָט זיך אויסגעשעפּט און דיא מאַשינען האָבען ניט געאַרבייט, האָבען דזשיימס סטאַר און הערריי וואַרד געמוזט זיך אַראָפּלאָזען אין שאכט אויף דיא לייטערס. אַ שווערער און לאַנגזאַמער גאַנג! פֿון׳ם אַריינגאַנג אין שאכט ביז צו דער אונטערסטער גאַלערעע האָבען זיך געפֿונען דרייסיג לייטערס. פֿאַר אַן עלטערן מענשען, וויא דזשיימס סטאַר איז עס געוועזען קיין לייכטע אַרבייט.

— געה פֿאָראויס, הערריי, האָט דזשיימס סטאַר געזאָגט. איך וועל דיר נאָכגעהן. איך האָב שוין פֿערגעסען דעם וועג אין דאָרטשאָרט פּיט.

— גלייך, הערר דזשיימס סטאַר!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף דער ערשטער לייטער און איז צוגעקומען צו דער ערשטער פּלאַטפֿאָרם. ביז אַהער איז נאָך געוועזען אַ ביסעל ליכטיג פֿון׳ם שיין, וועלכער איז דורכגעדרונגען פֿון׳ם אַריינגאַנג אין שאכט. ווייטער אָבער איז געוועזען פֿינסטער, וויא אין אַ קבר. ווער עס איז ניט געוועזען אין אַ קוילען מינע, דער קען גאָר קיין בעגריעף ניט האָבען, וואָס עס הייסט פֿינסטערניס. אויף דעם מענשען, וועלכער איז ניט געוואוינט צו אַזאַ פֿינסטערניס, פֿאַלט אָן אַ שרעק און עס פֿערקלעמט איהם ביים האַרצען. ער פֿיהלט זיך צונויפֿגעפּרעסט צווישען שטיינערנע ווענט. דיא פֿינסטערניס אַליין פּרעסט און דריקט פֿון אַלע זייטען. עס ווייזט אויס, אַז דיא פֿינסטערניס וויל אונז פֿערשלינגען.

— האָסט דו מיטגענומען דיין לעמפּעל, הערריי? האָט דער אינזשעניר געפֿרעגט.

— יאָ, הערר סטאַר. איך האָב דאָ איבערגעלאָזען מיין לעמפּעל. איך וועל באַלד אָנרייבען אַ צינדהעלצעל און וועל זיא אָנצינדען. — אַך! וויא גליקליך וואָלט איך געוועזען, איך זאָל יעצט דאַרפֿען מיין זיכערהייטס לעמפּעל!

פֿיעלע פֿון מיינע לעזער וועלען ניט פֿערשטעהן, וואָס הערריי וואַרד האָט געמיינט מיט׳ן וואָרט, זיכערהייטס לעמפּעל. איך מוז עס זיי ערקלערען.

פֿיעלע פֿון אייך, מיינע ליעבע לעזער, האָבען געוויס געהערט, אַז עס פּלאַצט אַ גאַז רעהר און עס ווערט אַן עקספּלאָזיאָן. פֿיעלע מענשען ווערען דערביי

נעהרנעט. ווען דער גאַז, וועלכען מיר ברענען אויף דיא גאסען און אין אונזערע הייזער, קומט זיך צונויף מיט דער לופֿט, דארף מען האבען נור איין פֿונק פֿייער, עס זאל ווערן אן עקספלאזיאן. דעם גאַז, וואס מיר בענוצען צום לייכטען און צום קאכען, ציהט מען פֿון קוילען.

עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס אין דיא קוילען מינען בילדעט זיך ועהר אפֿט גאז, נאטור גאז. ווען אזא גאז זאמעלט זיך אן זעהר פֿיעל אויף איין ארט און ווען מען קומט אריין אהין מיט אַ ליכט אדער מיט אַ לאמפ ווערט אן עקספלאזיאן.

טויזענדער ארבייטער פֿלעגען יעהרליך דערהרגעט ווערן, צוריסען ווערן אויף שטיקלעך אדער פֿערשאטען ווערן אין דיא קוילען מינען דורך עקספלאזיאנען. אין איינינע קוילען מינען האט מען גאר אין גאנצען גענוזט אויפֿהערן צו ארבייטען, ווייל זיי זיינען געווען געפֿעהרליך. מען האט גענוזט אניערערשטעלען אין דיא שאַכטען מאשינען מיט גרויסע רעדער, וועלכע האבען געהאט נור איין איינציגע ארבייט צו רייניגען דיא לופֿט — ניט צו דערלאזען, אז עס זאל זיך אנזאמלען פֿיעל גאז אין איין ארט. דיעזעס מיטעל האט אבער ניט שטענדיג געהאלפֿען. דיא שאכט איז ענג און לאנג. דער ראד האט ניט געקענט ארויסטרייבען דיא גאנצע לופֿט און דיא ארבייטער אין אַ קוילען מינע זיינען שטענדיג געווען אין דער גרעסטער געפֿאהר. ענדליך האט אן ענגלישער כעמיקער, סער הומפֿרי דייווי Sir Humphry Davy, אויסגעפֿונען אין 1815 אזא לעמפעל, מיט וועלכען דער ארבייטער קען זיכער ארומגעהן אין דער מינע און האט קיין מורא ניט פֿאר אן עקספלאזיאן. דיעזע לאמפ האט מען אַ נאמען געגעבען זיכערהייטס לאמפ. טויזענדער ארבייטער האבען צו פֿערדאנקען זייער לעבען דיעזען זיכערהייטס לאמפ.

דיעזע זיכערהייטס לעמפעל איז אַ גאנץ געוועהנליכעס לעמפעל, נור איבערן פֿלאַם געפֿינט זיך אַ היטעלע פֿון אויסגעפֿלאכטענע אייזענדראהט.

עס איז ניט דא דער פלאץ צו ערקלערן, וויא אזוי א דעקעל פֿון אייזענדראהט איבערן פֿלאַם פֿון'ם לאמפ קען שיצען געגען אן עקספלאזיאן. מען מוז דערביי פֿערשטעהן כעמיע. מיר ווילען נור זאגען, אז זייט סער דייווי האט אויסגעפֿונען דיעזעס לעמפעל, ווערט קיין קוילען גרעבער זיך ניט אראפלאזען אין א שאכט אהן אזא לעמפעל. דיעזעס לעמפעל איז זיין לעבען, זיין זיכערהייט, זיין שוץ און זיין בעוואָרענעש.

זעלבסטפֿערשטענדליך, אז ווען דיא קוילען פֿון דער מינע שעפען זיך אויס, קען שוין מעהר קיין גאז ניט זיין אין שאכט און מען דארף קיין זיכערהייטס לאמפ ניט.

יעצט וועלען מיר לעזער פֿערשטעהן, פֿאר וואס הערדי ווארד האט אויסגערופֿען:

— אך! איך וואלט געווען גליקליך, איך זאל יעצט דארפֿען מיין זיכערהייטס לעמפעל!

ווען ער זאל דאַרפֿען זיין זיכערהייטס לעמפּעל, וואלט מען דאך געארבייט אין דער מינע.

— יא, הערדי, מיר דאַרפֿען יעצט קיין זיכערהייטס לעמפּעל, ווייל מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען פֿאַר אן עקספּלאָזיאָן, האט דשיימס סטאַר געענטפֿערט.

הערדי האט ארויסגענומען פֿון אַ ווינקעלע אַ געוועהנליכעס קעראָסין לעמפּעל, האט עס אנגעצונדען און האט זיך אנגעהויבען אראפּצולאזען אויפֿין צווייטען לייטער. יעצט זיינען זיי געווען אין דער שרעקליכער פֿינסטערניס פֿון דער מינע, וועלכע דאס שוואכע לעמפּעל האט קוים, קוים באלייכטעט.

הערדי האט געקלעטערט אויף דיא לייטערס שנעל, וויא אַ קאַץ. ער האט גוט געקענט דעם וועג און האט זיך ניט אפּגעשטעלט. זיין לעמפּעל האט ער צוגעבונדען צום קאָפּ, וויא אלע קוילען גרעבער טהוען, און מיט דיא הענד און מיט דיא פֿיס איז ער געלאָפֿען אויף דיא לייטערס, גלייך וויא ער וואלט זיך געפֿונען אין דיא גאַסען פֿון לאנדאָן אדער פֿון עדינבורג.

דשיימס סטאַר איז געווען אן עלטערער מענש. ער האט ניט געקענט איהם נאַכהאלטען. אויסער דעם האט ער זיך יעדעס מאל צוגעקוקט צו דיא לייטערס און צו דער מינע. ער האט זיי בעגריסט, וויא אלטע גוטע פֿריינד. ער האט געקענט יעדע גאלערעע, יעדען גאַנג און יעדען וועג אין דאָרטשאַרש פּיט. ער איז דאך געווען אַזוי פֿיעל יאהר דער אינזשעניר פֿון דאָרטשאַרט פּיט.

ווען זיי זיינען געקומען אויפֿין פֿופֿצעהנטען לייטער, איז ער געבליעבען שטעהן. ער האט זיך געטוזט אפּרוהען.

— איך ווער אלט, הערדי, האט דער אינזשעניר געברומט. איך קען שוין ניט זיין אַזוי פֿלינק, וויא דאַמאלס, ווען איך האב געארבייט מיט אייך.

— איהר זייט נאך גענוג קרעפֿטיג, הערר דשיימס. איהר האט דאך פֿערבראַכט אייערע בעסטע יאהרען אין דער מינע, איהר זייט שוין געוואוינט צו דער מינע. איהר זייט נור אַ ביסעל אפּגעוואוינט צו קריכען אויף דיא לייטערס.

— געוויס, הערדי, געוויס! אמאל פֿלעג איך קענען אראפּלויפֿען פֿון אלע דרייסיג לייטערס מיט איין אטהעם, היינט מוז איך מיך אפּרוהען אין דער מיט ווענ.—לאמיר ווייטער געהן.

זיי האבען זיך געוואלט אראפּלאזען ווייטער, טיעפֿער אין שאכט. ווען זיי האבען דערהערט אַ יונגע קרעפֿטיגע שטימע זינגען ערגעץ טיעף, טיעף אונטער זיי. דיא שטימע איז געקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער. זיא איז געוואָרען אלץ דייטליכער און דייטליכער.

— דאָרט אונטען געהט איינער, האט דשיימס סטאַר געזאגט. ווער זאל עס זיין?

— איך ווייס ניט, האט הערדי געענטפֿערט.

— זאל עס זיין אייער פֿאַטער?

— ניין, הערר סטאַר!

— זאל עס זיין אַ נאכבאר? אַ בעקאנטער?

— ניין. מיר וואינען אונטען אין שאַכט גאנץ אליין. מיר האבען קיינע נאכבארען.

— אלזא, לאמיר ווארטען, הערריי. דוא ווייסט דאך דיא רעגעל אין דער מינע, דער וואס לאזט זיך אראפּ, מוז איבערווארטען און לאזען געהן דעם, יועלכער געהט ארויף.

זיי זיינען געבליעבען שטעהן אויפ'ן פּלאַטפאָרם און האבען געווארט. דיא שטימע איז געקומען אלץ נעהנטער, זיא איז געווארען אלץ קלינגענדער און דייטליכער. דיא מינע איז געוועזען לעדיג און האט געגעבען אַ פּארטרעפליכען ווידערהאל. באלד האט מען געהערט דייטליך דיא ווערטער פון אן אלטעס, שאטלענדישעס ליעד.

— דאס פישער ליעד! האט הערריי ווארד אויסגערופען. אה, יעצט ווייס איך שוין, ווער עס זינגט עס! דאס איז דשעק רייען.

— ווער איז דשעק רייען, וועלכער זינגט עס אזוי שעהן אין טיעפען שאכט? האט דער אינזשעניר געפרעגט.

— מיינער אַ קאַמעראד, האט הערריי געענטפערט. ער איז געוויס געקומען מיך בעזוכען און האט מיך ניט געפונען אין דער היים, געהט ער ארום אין דער מינע און זינגט זיך דערווייל אַ ליעדעל.

— געהט ער אין דער פינסטער?

— ער האט אויך אמאל געארבייט אין דער מינע און קען דעם דארט-שארט פיט אזוי גוט, וויא איך.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אראפּגעבויגען צום לייטער און האט אנגעהויבען צו רופען:

— העי! דשעק! דוא ביסט עס?

— אה! דוא ביסט עס, הערריי? האט דיא שטימע געענטפערט. ווארט! איך קום באלד צו דיר.

אין איינגע מינוטען ארום האט זיך געוויעזען א הויכער, קרעפטיגער יונגער מאן אין הערריי ווארד'ס יאהרען. ער איז ארויפגעלאפען אויפ'ן לייטער און האט אנגענומען הערריי ביי דיא הענד.

— האללא, הערריי! וואס מאכסט דוא? איך זאל געוועזען וויסען, אז דוא וועכסט היינט זיין אויבען „אויפ'ן גראז", וואלט איך ניט ארומגעקראכען אין דיעזעס לעדיגע פאַס.

ארויפגעהען אויף דער לופט, ארויסגעהן פון פינסטערן שאכט, הייסט ביי דיא קוילען גרעבער: ארויסגעהן „אויפ'ן גראז."

דער יונגער מאן האט ניט בעמערקט אין דער פינסטערניש, אז הערריי ווארד איז ניט אליין, אז לעבען איהם שטעהט נאך אמענש. הערריי ווארד האט אנגעצייגט דעם אינזשעניר און האט געזאגט צו זיין קאמעראד:

— דאס איז אונזער אלטער אינזשעניר, הער דשיימס סטאר.

שוואַרצע דיאַמאַנטען.

— אך, העדר סטאר, אונזער אלטער אינזשעניר! האט אויסגערופען דשעק ייען. ענטשולדיגט מיר, וואס איך האב אייך ניט דערקענט. זייט איך האב אויפגעהערט צו ארבייטען אין דער מינע, האב איך מיך אפגעוואינט צו זעהן אין דער פינסטער. אמאל פלעג איך דערקענען א מענשען אין דער טיעפסטען גאַלערעע.

— יעצט דערמאן איך מיך, אז אין דער מינע פלעגט ארבייטען א יונגע, וועלכער פלעגט שטענדיג ליעב האבען צו זינגען, האט דשיימס סטאר געזאגט מיט א שמייכעל. געוויס ביסט דוא עס געוועזן.

— יא, העדר סטאר, איך פלעג שטענדיג זינגען און איך זינג נאך יעצט. דער אונטערשיעד איז נור, וואס ׳אמאלס בין איך געוועזן א קוילען גרעבער, היינט האב איך אנאנדער בעשעפטיגונג. מיין כאַראַקטער אבער האט זיך ניט געענדערט. איך וויים, אז עס איז פיעל גלייכער צו לאכען און צו זינגען אלס צו וויינען און צו יאמערן.

— האסט רעכט, דשעק, האט דשיימס סטאר געזאגט. נור פרעהליך זיין! נור לאכען און זינגען! — מיט וואס בעשעפטיגסט דוא זיך יעצט?

— איך ארבייט אויף א פארם איינינע מייל פון היער, האט דשעק געענטפערט. עס געפעלט מיר אבער ניט. איך וואלט בעסער געוואלט ארבייטען מיט'ן האמער און מיט'ן ברעכאייזען (לאָם) אין דער אלטער מינע, אלס צו ארבייטען מיט'ן אקער און מיט דער בייטש אויף דער פארם. וואס טויג מיר דיא זון מיט דיא גרינע גראזען, אז אין דער אלטער מינע געפינען זיך אזעלכע ווינקעלעך, וואו עס איז א פערגניגען צו זינגען. עס זינגט זיך דארט אזוי געשמאַק!

ער האט געשוויעגען אַ פאר מינוט, גלייך וויא ער וואלט געוואָרען אזוי טרויעריג, ווען ער האט זיך דערמאנט אן דער קוילען מינע, אז ער קען מעהר ניט רעדען פון איהר. פלוצלונג האט ער זיך געווענדעט צום אינזשעניר און האט איהם געפרעגט:

— געהט איהר מאכען א בעזוך דעם אלטען סיימאן ווארד, העדר סטאר?

— יא, דשעק.

— דאן וויל איך אייך ניט אויפהאלטען, העדר סטאר.

— זאג נור, דשעק, וואס האסט דוא מיך געדארפט, וואס דוא ביסט געקומען אזוי פריה צו אונז?

— איך האב דיך געוואלט רופען צו אונז אויף'ן פארם. עס איז באלד נייאהר. מיר מאכען אן אונטערהאלט. עס וועלען זיך צונויפקומען פיעלע מעדכען פון דיא פארמ'ס ארום. מיר וועלען זינגען און טאנצען. מיר וועלען פרעהליך זיין און וועלען זיך גוט אמוזירען.

— איך דאנק דיר דשעק, איך קען אבער ניט געהן.

— פאר וואס קענסטו ניט קומען העררי? פאר וואס?

— ווייל דשיימס סטאר וועט ביי אונז פערברענגען א פאר טאג.

— אה, הערר‏י; דאן האסט דוא נאך גענוג צייט! ביז צו אונזער אונטער־האלט איז נאך דא גאנצע אכט טעג. ביז דאמאלס וועט הערר דשיימס סטאר שוין אוועקפאהרען און דוא וועסט האבען צייט צו קומען צו אונז. — קום הערר‏י! עס וועט דארט זיין אזוי פרעהליך!

— נעה, הערר‏י! האט דשיימס סטאר זיך אפגערופען. פאר וואס זאלסט דוא ניט געהן? דוא ביסט יונג און דארפסט פרעהליך זיין.

— ווען איהר הייסט, וועל איך געהן, האט הערר‏י געזאגט. ווארט אויף מיר, דשעק. איך וועל קומען צו אייך קיין אירווין.

— איך וועל דיך ערווארטען, הערר‏י! זיי געזונד! האט דשעק אויסגערופען. — זייט געזונד, הערר סטאר! עס פרעהט מיך זעהר, וואס איך האב אייך וויעדער געזעהן. איך וועל דערצעהלען אלע אונזערע בעקאנטע, אז איהר זייט געקומען אונז בעזוכען. מיר געדענקען נאך אללע אונזער אלטען גוטען אינזשעניר.

— זאג זיי, אז איך האב אן זיי ניט פערגעסען, האט דער אינזשעניר גע־זאגט, איך געדענק נאך יעדען איינעם.

דשעק רייען האט נאך א מאל גענעבען דיא האנד זיין קאמעראד, האט זיך נאך אמאל פערניינט פארן אינזשעניר, האט ווייטער אנגעהויבען צו זינגען און איז פערשוואונדען געווארען אין דער פינסטערניס.

הערר‏י ווארד און דשיימס סטאר האבען זיך אראפגעלאזען טיעפער אין שאכט אין א פיערטעל שטונדע ארום זיינען זיי אנגעקומען צום באדען פון׳ם שאכט. דא איז געוועזען א גרויסער פלאץ, פון וואנען עס האבען זיך געצווייגט גאסען און גאלארעען אין אלע זייטען. דא זיינען געוועזען אויסגעבויט זיילען פון שטארקע שטיינער, וועלכע האבען אונטערגעהאלטען דיא דעכער פון דיא גאלעריען, זיי זאלען ניט איינפאלען.

געוועהנליך ווערען דיא דעכער פון דיא גאלעריען אונטערגעשפארט מיט גראבע קלעצער. דשיימס סטאר האט אבער אויסגעפיהרט ביי דער קאמפאני, אז מען זאל בויען זיילען פון שטיינער, ווייל זיי זיינען שטארקער און זיכערער.

אמאל פלעגען אויף דיעזע זיילען ברענען עלעקטרישע לאמפען און דער ארט, פון וואנען גאסען און גאלערעען הייבען זיך אן צו ציעהען, איז געוועזען העל בעלייכטעט. יעצט האט דא געהעררשט א געדיכטע פינסטערניס.

— ווילט איהר זיך א ביסעל אפרוהען, הערר סטאר?

— ניין, הערר‏י, לאמיר ווייטער געהן. איך וויל זעהן דיין פאטער, וויא צום גיכסטען.

— אלזא, קומט, איך וועל אייך פיהרען צו מיין פאטער. איך מיין צוואר אז איהר דארפט נאך געדענקען דעם פלאן פון דער מינע מיט אלע איהרע גאסען און גאלערעען.

— איך געדענק נאך גאנץ גוט דעם פלאן פון דארטשארט פיט. איך וואלט עס געטראפען אין יעדער גאלערעע אין דער פינסטער.

הערדי האט אויפגעהויבען זיין לעמפעל אין דער הויך און איז נעגאנגען אין פאראויס. ער איז אריינגעגאנגען אין א גאנץ הויכע גאלערעע. אמאל איז דא געווען פיעל קוילען, דער האמער און דער ברעכאייזען פון'ם קוילען גרעבער האבען אויסגעגראבען און אויסגעקראצט דאס לעצטע שטיקעלע קוילען און האבען איבער־געלאזען דעם נאקעטען שטיין. דיא גאלערעע איז געווען ברייט און הויך. זיא האט אויסגעוויעזען, וויא א גרויסע קירכע.

קוים זיינען זיי אוועקגעגאנגען פופציג טריט אין דיעזער גאלערעע, איז אראפ־געפאלען א שטיין פאר דשיימס סטאר'ס פיס.

— וואס איז דאס, הערדי? האט דער אינזשעניר געפרעגט ערשטוינט. — זיינען דיא ווענט פון דיעזע גאלערעע ניט זיכער? איך אליין האב דאך געזעהן, אז דיעזע גאלערעע זאל זיין גוט בעווארענט, ווייל דורך איהר קען מען דורכגעהן דיא גאנצע מינע. מען קען ארויסקומען פון דער אנדערער זייט אין „יארראָ וועל".

יארראָ וועל איז געוועזן אנאנדער אריינגאנג צו דער זעלבער מינע. דארט אבער האבען שוין לאנג קיין מאשינען ניט געארבייט, ווייל אין דער לעצטער צייט זיינען דיא קוילען געווען נעהענטער צו דארטשארט פיט.

— הערר סטאר, איך דענק, אז דיעזער שטיין איז אראפגעפאלען ניט פון זיך אליין, האט הערדי ווארד געענטפערט. — מען האט איהם אראפגעווארפען.

— אראפגעווארפען? האט דער אינזשעניר געפרעגט ערשטוינט. אומיסטען אראפגעווארפען אויף אונז א שטיין? וואס רעדסט דוא, הערדי?

— מעגליך, אז עס האט זיך מיר אויסגעוויעזען, האט זיך צוריקגעחאפט הערדי. ווען עס זאל ניט געווען זיין אזוי פינסטער און דשיימס סטאר וואלט געקענט זעהן הערדי ווארד'ס געזיכט וואלט ער בעמערקט, אז הערדי איז רויט געווארען און איז געווען עפעס צומישט.

— לאמיר געהן שנעלער, הערר דשיימס, האט הערדי געבעטען. האלט אייך אן פעסט אן מיר. איהר האט פיעללייכט שוין פערגעססען דעם וועג.

דשיימס סטאר האט אנגענומען הערדי'ס האנד אוןביידע זיינען ווייטער געגאנגען. הערדי איז געווארען פארזיכטיגער, האט זיך יעדעס מאל אומגעקוקט און האט יעדעס מאל אויפגעהויבען זיין לעמפעל אין דער טיעפער, פינסטערער גאלערעע.

— איז נאך ווייט צו געהען צו אייער פאטערס הויז?

— ניין. אין צעהן מינוט וועלען מיר דארט זיין.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען. דער אינזשעניר האט געפיהלט, אז הערדי'ס האנד ציטערט.

— וואס איז דיר, הערדי? וואס ביסט דוא אזוי אונרוהיג?

— איך קען ניט פערגעסען דיא געשיכטע מיט'ן שטיין. ער האט דאך גע־קענט אראפפאלען אויף אונזער קאפ.

— עס איז דאך נור א צופאל, הערדי, האט דער אינזשעניר איהם בערוהיגט.

— א צופאל? — יא.... מעגליך.... א צופאל....

זיי זיינען ווייטער געגאנגען עטליכע שריט. פלוצלונג איז הערדי ווארד געבליעבען שטעהן.

— וואס איז מיט דיר, הערדי? וואס ביסט דוא געבליבען שטעהן?

— איך וויים נים.... מיר דאכט, אז איך האב געהערט מענשענטריט הינטער אונז.

ער האט זיך צוגעהערט א פאר סעקונדען.

— נו? הערסט דוא עפעס?

— ניין. איך הער גאר נישט. איך האב א טעות געהאט. עס האט זיך מיר אויסגעוויזען. — שפארט אייך אן אויף מיר פעסט, הערר דשיימס.

דשיימס סטאר האט זיך אנגעלעהנט פעסטער אויף דעם קרעפטיגען יונגען מאן און זיי זיינען ווייטער געגאנגען. העררי איז געוועזען זעהר אונרוהיג. דער אינזשעניר האט עס בעמערקט און האט געטראכט ביי זיך:

— אין דיעזער מינע ליעגט ווירקליך עפעס א געהיימניס. דא זיננט איינער דארט ווארפט מען מיט שטיינער און דא געהט מען אונז גאר נאך. וואס זאל דאס זיין?

ארום איהם האט געהעררשט דיא שרעקליכסטע פינסטערניס. דאס קליינע לעמפעלע אויף הערריי'ס קאפ האט נור געוויזען, וויפיעל שווארצע, פינסטערע מיילער עס עפענען זיך פון אלע זייטען און דראהען צו פערשלינגען דעם פרעכען מענשען וועלכער שטעלט זיך אונטער ארייזצוגעהן אין טיעפען שויס פון אונזער מוטער ערד.

7טעס קאפיטעל.

סיימאן ווארד און זיין פאמיליע.

אין א צעהן מינוט ארום זיינען זיי אנגעקומען צו א גרויסען קעלער אדער א גרויסער הייל. וויא עס וויזט אוים, האט מען דא א מאל געפונען א רייכע גרוב מיט קוילען. דאס איז געוועזען א פלאמץ פון עטליכע הונדערט פוס דיא ברייט און דיא לענג.

אין דיעזען קעלער איז געוועזען נים שטארק פינסטער. א גרויסע און ברייטע אייזערנע רעהר האט זיך געצויגען פון דיעזען קעלער ביז ארויף אויבען. דורך דיעזע רעהר פלעגען דורכדרינגען שטראהלען פון ליכט.

אמאל פלעגט דא שטעהן א גרויסע מאשין, וועלכע פלעגט רייניגען דיא לופט אין דער מינע. היינט ארבייט מען נים און מען דארף נים רייניגען דיא לופט.

דא, אויף דעם ארט, וואו דיא גרויסע מאשין איז געשטאנען, האט סיימאן ווארד געוואינט זיט צעהן יאהר. ער האט זיך נים געדארפט בויען קיין הויז. דיא דיקע שטיינערנע ווענט פון דער מינע האבען איהם בעסער געשיצט געגען קעלט און רעגען אלס דיא ווענט פון'ם רייכסטען פאלאץ.

זיין הויז איז געווען פערטיג, געמאכט פון טויזענדער קוילען ארבייטער. זיין הויז איז געווען ווארים. ער האט ניט געדארפט קיין הייצונג. אזוי טיעף אין דער ערד איז שטענדיג ווארים. ער האט קיין מורא ניט געהאט פאר פייער,— דער הארטער שטיין וועט ניט ברענען. ער האט ניט געדארפט צאהלען ניט קיין רענט און ניט קיין שטייער. צו איהם איז קיין מאל ניט געקומען קיין בעאמטער מאנען איהם שטייער. אין זיין הויז, וועלכעס איז געווען פינף הונדערט פוס טיעף אין דער ערד, איז ער געווען א קייסער. ער האט דא געהעררשט גאנץ אליין. האט מיט קיינעם ניט געפיהרט קיין קריעג, ווייל קיין אנדערער קייסער אין דער וועלט האט ניט געוואלט צונעהמען ביי איהם זיין לאנד.

סימאן ווארד האט אפגעשפארט עטליכע הונדערט פתט אין דער צייט, וואס ער מיט זיין זוהן הערריי האבען געארבייט אין דער מינע. ער וואלט געקענט זיך דינגען א שטיבעלע אין אבערוויל און לעבען אונטער דער ליעבער, העלער זון צווישען גרינע ביימער. ער האט עס אבער ניט געוואלט. ער איז אזוי געוואינט געווארען צו דער מינע, אז ער האט זיך ניט געקענט אפרייסען פון איהר.—דיא מינע איז געווען זיין לעבען. ער איז געווען צופריעדענער מיט זיין וואינונג טיעף אין דער מינע, וויא מאנכער קייסער מיט זיין פאלאץ.

זיינע עלטער עלטערען זיינען געווען קוילען גרעבער, זיינע עלטערען זיינען געווען קוילען גרעבער, ער אליין איז געווען א קוילען גרעבער, זייט ער איז געקומען צו זיין פערשטאנד. דארטשארט פיט איז געווען זיין פאטערלאנד, זיין אמטע, זיין שפייזער, זיין ערנעהרער און זיין צייט פערטרייב.

ער האט ליעב בעקומען דיא מינע. ער פלעגט ארבייטען פלייסיג ניט נור אום צו פערדיענען געלד, זאנדערן אום צו קעמפפען מיט דער מינע און ארויס־צושלעפען פון איהר אלעס, וואס עס איז געלעגען פערבארגען אין איהר.

ער איז געווען אזוי נוט בעקאנט מיט דער מינע, אז ער האט געקענט זיך אראפלאזען אין איין שאכט און ארויסקומען דורך אנאנדער שאכט אויף צעהן מייל דיא וויים. קיינער האט ניט געוואוסט אזוי גוט, וויא ער, אז דורך דיא שאכטען פון אבערוויל קען מען אוועקגעהן ביז אין דיא אויסגעשעפטע מינען פון אלאא און ווייטער נאך.

ער האט געוואוסט נאך פריהער פארן אינזשעניר דשיימס סטאר, אז דיא קוילען אין דארטשארט שאכט וועלען זיך אויסשעפען. ער האט עס געזאגט דעם אינזשעניר און האט מיט איהם צוזאמען געזוכט נייע אדערן, נייע וועגען, נייע שאכטען, וואו דיא קוילען לינען בעהאלטען. ער האט אלץ געהאפט, אז ער וועט נאך אויסגעפינען ערגעץ קוילען.

זייט צעהן יאהר וואינט ער דא אין זיין פאלאץ טיעף אונטער דער ערד אין דיא גאנצע צעהן יאהר איז ער פיעללייכט צעהן מאל געווען אויבען אויף דער פרייער וועלט, דארט וואו דיא ליעבע זון ווארמט און לייכטעט.

— צו וואס זאל איך ארויפגעהן? פלעגט ער פרעגען, ווען זיין זוהן פלעגט איהם אמאהל בעטען, ער זאל זיך א ביסעל דורכגעהן אין שטאדט. וואס וועל איך

דארט טהאן? מיין היים איז דא אין דער מינע. דארט אויבען בוים זיך דאס וועטער. אט איז קאלט, אט איז הייס. דיא מענשען פערקיהלען זיך און ווערען קראנק. דא אונטען איז דיא לופט געזונד. מען פערקיהלט זיך ניט און מען איז שטענדיג געזונד.

ער האט ווירקליך רעכט געהאט. ער איז שוין אלט געוועזען איבער זעכציג יאהר און איז נאך געוועזען שטארק און קרעפטיג, וויא א יונגער מאן. דיא איינציגע זאך, וואס איהם האט געפעהלט איז געוועזען בעשעפטיגונג, בעוועגונג—ארבייט ער האט ניט געקענט זיצען לעדיג. ער האט גענומען ארומגעהן מיט'ן האמער און מיט'ן ברעכאייזען און זוכען, גראבען, קלאפען, שלאגען דעם שטיין און איהם אויספארשען.

זיין פרוי, מעגג, אדער מעדש, וויא ער פלעגט זיא רופען, איז אויך געוועזען פערליעבט אין דער מינע, וויא ער. זיא איז אויך געוועזען א הויכע, שטארקע פרוי פון א יאהר עטליכע און פופציג און האט אויך ליעב געהאט צו ארבייטען. זייט זיי האבען זיך בעזעצט אין דער מינע, איז זיא ניט איין מאל ניט געוועזען אין שטעדטעל. זיא האט גאר ניט געוואלט ארויסגעהן פון דער מינע. זיא איז געוועזען פאלקאמען איינפערשטאנדען מיט איהר מאן, אז דא אונטען איז פיעל בעסער, בעקוועהמער און רוהיגער צו וואינען, וויא אין אבערוויל.

— דא וועניגסטענס וועלען מיינע נאכבארען מיר ניט אריינקוקען אין טעפיל, וואס איך קאך, פלעגט זיא זאגען, און קיינעם וועט ניט הארען, וויא איך געה אנגעטהאן.

דאס אלטע פאר פאלק האט זיך זעהר ליעב געהאט. יעדער האט געהאט דאס גרעסטע צוטרויען צום אנדערען. ווען סיימאן ווארד פלעגט זאגען, אז ער האט נאך ניט פערלארען דיא האפנונג, אז ער וועט נאך אמאל געפינען א נייעם שאכט פון קוילען, פלעגט מעדש איהם אונטערשטיצען.

— דוא האסט רעכט, סיימאן, אבערוויל איז נור אנטשלאפען געווארען אויף א געוויסע צייט. אבערוויל איז נאך ניט געשטארבען.

אזוי האט דיא קליינע פאמיליע, וועלכע איז בעשטאנען פון פאטער, מוטער און זוהן, געלעבט שטיל, רוהיג און גליקליך אין טיעפען שאכט.

אהין האט יעצט הערר ווארד געבראכט דעם אינזשעניר דשיימס סטאר.

סיימאן ווארד האט ערווארטעט דעם אינזשעניר. ער איז געשטאנען ביים אריינגאנג פון זיין קעניגרייך און קוים האט זיך געוויזען דער שיין פון הערר'ס לעמפעל, איז ער זיי ענטגעגען געגאנגען און האט געזאגט מיט זיין פעסטער ברוסט שטימע:

— ווילאקמען, הערר דשיימס סטאר! ווילקאמען אין דער וואינונג פון'ם אלטען איינפוזעהר פון דארטשארט פיט! מיין הויז איז פיעללייכט ניט אזוי שעהן, וויא דיא הייזער אין עדינבורג, איך בין אבער גליקליך צו עמפפאנגען מיין גאסט און מיין אלטען פריינד, דעם אינזשעניר פון דארטשארט פיט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד. דער

אינזשעניר האט אנגענומען דיא הענד פון'ם אלטען אויפזעהער און האט זיי גער דריקט ווארים און פריינדליך.

— וואס מאכט איהר, גוטער, אלטער סיימאן? האט ער איהם געפרעגט. וויא געהט עס אייך?

— וואס זאל איך מאכען, הערר דשיימס? דא איז מיר גאנץ גוט. איך האב קיין מורא ניט, איך זאל מיך צוקיהלען. דיא לופט איז גוט און געזונד דא אין דער מינע. וואס דארף איך מעהר? — ווען אייערע דאקטוירים זאלען זיין קלוג, וואלטען זיי ניט געשיקט דיא רייכע און נערוועזע דאמען קיין קארלסבאד אדער קיין ניצא; זיי וואלטען זיי בעסער געשיקט אין דער מינע פון אבערוויל. דא, וואו מען ווייס ניט פון קיין ווינד, קיין שנעע, קיין רעגען, קיין פראסט און קיין קעלט, וואלטען זיי געווארען געזונד, וויא מיין אלטע מעדש.

— איהר האט רעכט, סיימאן, האט דער אינזשעניר געענטפערט. איך שעהם מיך ניט צו זאגען, אז איך אליין וואלט פיעללייכט פערביטען מיין שעהנע וואינונג אין קאנאנגיים, אין עדינבורג, פאר א וואינונג אין דער מינע פון אבערוויל.

— אך, הערר סטאר! איך קען אן אלטען קוילען גרעבער, וועלכער וואלט געווען דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, ווען ער זאל וויסען, אז איהר וועט שטענדיג זיין לעבען איהם.

— וואס וועט זאגען דיא אלטע מעדש? האט דשיימס סטאר געלאכט.

— דיא אלטע מעדש וועט זיין אזוי גליקליך אייך וויעדער צו זעהן, וויא דער אלטער סיימאן. איהר וועט זעהן, הערר סטאר, וואס פאר א מיטאג זיא וועט מאכען פון אייערטוועגען.

— דאס וועלען מיר זעהן, האט סטאר אויסגערופען פרעהליך.

ער איז זיך היינט גענוג אנגעגאנגען, איז געווען מיעד און הונגעריג.

— איהר זייט הונגעריג, הערר סטאר?

— יא מיין פריינד. איך בין מיד היינט אנגעגאנגען און דאס וועטער איז געווען אבשייליך.

— אח! עס רעגענט אויבען, האט סיימאן ווארד געזאגט.

יא, סיימאן, אויבען רעגענט עס און דאס מעער איז געווען זעהר אונרוהיג.

— מיר ווייסען דער פון ניט. ביי אונז רעגענט עס קיין מאהל ניט. איך האב שוין גאר פערגעסען, וואס עס הייסט א רעגען.

ער האט אנגענומען דעם אינזשעניר ביי דער האנד און האט איהם אריינ־געפיהרט אין זיין שטוב. דאס איז געווען א גרויס צימער אויסגעהאקט אין שטיין. דער דאך און דיא ווענט פון'ם צימער זיינען געווען פון שטיין, נור דיא טהיר איז געווען א הילצערנע. אין דער מיט צימער איז אראפגעהאנגען א גרויסער לאמפ, וועלכע האט בעלייכטעט דאס צימער. ביי דיא ווענט זיינען געווען צוגעשראגען נאך אייניגע לאמפען. אין צימער איז געווען גענוג ליכטיג.

אין דער מיט צימער איז געשטאנען א טיש, געדעקט מיט א קלאר ווייסען

פּיטאך. ארום טיש זיינען געשטאנען פיער שטארקע שטוהלען בעשלאגען מיט לעדער.

— גוט מארגען, מעדש! האט געזאגט דער אינזשעניר, ווען ער איז אריינגעקומען אין צימער און האט דערזעהן סיימאן ווארד'ס פרוי.

— גוט מארגען, הערר דשיימס סטאר! האט די אלטע פרוי געענטפערט און איז ענטגעגען געגאנגען דעם אינזשעניר.

— עס פרעהט מיך זעהר אייך ווידער צו זעהן, מעדש, האט דשיימס סטאר געזאגט און איהר געגעבען די האנד.

— איהר האט רעכט, הערר דשיימס סטאר, האט די אלטע געענטפערט. עס איז שטענדיג ליעב צו זעהן א מענשען. ווען מען איז געוועזן גוט געגען אונז און האט אונז גוט בעהאנדעלט.

— איז די זופּע פערטיג, פרוי? האט סיימאן ווארד געפרעגט. — דער אינזשעניר איז הונגעריג. מיר דארפען איהם ניט לאזען ווארטען. — איך וויים, אז הערר האט ערשט געכטען אנגעבראכט פראוויאנט פון דער שטאדט. —

איך האב גאר פערגעסען דיר צו זאגען, הערר, אז דשעק רייען איז דא געוועזן. ער האט אויף דיר געפרעגט.

— איך וויים עס, פאטער, איך האב איהם בעגעגענט לעבען יארראָ וועל.

— ער איז א גאנץ גוטער יונג, האט דער אלטער סיימאן ווייטער געזאגט. ער איז שטענדיג לוסטיג און פרעהליך. ער טויג אבער ניט פאר א קוילען גרעבער. ער האט בעסער ליעב צו זיין אויבען „אויפ'ן גראז“

— דער אינזשעניר איז דאָך הונגעריג, זעצט אייך בעסער עסען, האט סיימאנ'ס פרוי דערמאנט.

— עס איז ריכטיג. ביטע, הערר סטאר, זעצט אייך.

אלע האבען זיך געזעצט צום טיש.

— איינע מינוטע, הערר סיימאן, האט זיך אפּגערופען דער אינזשעניר. ווילט איהר, אז איך זאל ביי אייך עסען מיט א גוטען אפּעטיט?

— געוויס, הערר סטאר! וואס פרעגט איהר?

— איך קען ניט עסען, ווען איך האב עפּעס צו טראכטען. איידער איך וועל מיך זעצען עסען, וויל איך אייך שטעלען צוויי פראגען.

— פרעגט, הערר סטאר, איך וועל אייך געוויס ענטפערן.

— איהר שרייבט אין אייער בריעף, אז איהר האט מיר מיטצוטהיילען זאכען, וועלכע זיינען זעהר וויכטיג.

— יא, זיי זיינען זעהר וויכטיג, האט סיימאן ווארד געענטפערט.

— פאר אייך, סיימאן?

— פאר אייך און פאר מיר, הערר סטאר. איך קען אבער דערפון ניט רעדען ביז נאכ'ן עסען, ווייל איך קען רעדען פון דיעזע זאכען נור אויף זייער אָרט, וואו איך וועל קענען אייך עפּעס וויזען. רעדען דערפון דא איז איבעריג, ווייל איהר וועט מיר ניט גלויבען.

— סיימאן ווארד! האט אויסגערופען דער אינזשעניר. — קוקט מיר גלייך אין דיא אויגען. — אזוי! — וויכטיגע נייעס? — וויכטיגע? —

סיימאן ווארד האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— גו, גוט! האט דער אינזשעניר געזאגט. דאן וועל איך מעהר ניט רעדען דערפון ביז נאכ'ן פריהשטיק.

— וואס איז אייער צווייטע פראגע? האט סיימאן געפרעגט.

— קענט איהר דערקענען, ווער עס האט אנגעשריעבען דיעזען בריעף?

מיט ריעזע ווערטער האט ארויסגענומען דעם צווייטען בריעף, וואס ער האט ערהאלטען, אז ער זאל ניט פאהרען און האט דערלאנגט דעם אלטען סיימאן ווארד.

סיימאן ווארד האט גענומען דעם בריעף, האט איהם איבערגעלעזען איין מאל און צוויי מאל און האט פערצווייגען מיט דיא אקסלען. ער האט ניט געוואוסט, ווער עס האט איהם געשריבען. ער האט איהם געוויזען זיין זוהן, הערריי, און האט איהם געפרעגט:

— פיעללייכט ווייסט דוא דערקענען, ווער עס האט געשריעבען דיעזען בריעף?

הערריי ווארד האט אויך בעטראכט דעם צווייטען בריעף פון אלע זייטען און האט אויך פערצווייגען מיט דיא אקסלען.

— איך ווייס ניט פאטער, ווער עס האט געשריעבען דיעזען בריעף.

— איז אויף דיעזען בריעף געווען דער שטעמפעל פון אבערוויל פאסט אפיס? האט סיימאן ווארד געפרעגט.

— פונקט דער זעלבער סטעמפעל, וויא אויף אייער בריעף, האט דער אינזשעניר געענטפערט.

— וואס דענקסט דוא דערפון, הערריי? האט דער פאטער געפרעגט. זאל איינער וויסען פון אונזער געהיימנים?

— איך קען עס ניט וויסען, עס איז אבער דייטליך, אז איינער האט געוואלט אפהאלטען דעם אינזשעניר, ער זאל ניט קומען צו אונז.

— אבער ווער זאל עס זיין? — ווער? האט געשריען דער אלטער און האט געקלאפט מיט זיינע אייזערנע הענד אויפ'ן שטארקען טיש.

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. דער אלטער האט זיך פערטראכט.

— דיא זופע ווערט קאלט! האט אויסגערופען מעדש. עסט בעסער! הערט אויף צו רעדען פון בריעף.

דשיימס סטאר האט זיך געזעצט לעבען אלטען סיימאן, געגען זיי פון דער אנדערער זייט טיש האבען זיך געזעצט הערריי און זיין מוטער און האבען אנגעהויבען צו עסען.

דער פריהשטיק, אדער ריכטיגער געזאגט, דער מיטאג, איז געווען א פארטרעפליכער. סיימאן ווארד האט זיך בעריהמט, אז זיין מעדש מעג קאכען פאר דער קעניגין וויקטאריא. דשיימס סטאר האט זיך ניט געוואלט קריעגען

מיט איהם און האט אויך צוגעגעבען, אז דיא אלטע מעדש איז דיא בעסטע קעכין אין דער גאנצער וועלט·

מעדש אליין איז ניט געוועזן אזוי שטאָלץ· זיא האט ערקלערט, אז פאר אן איינפאַכען קוילען גרעבער קען זיא אפּקאָכען א גוטען מיטאג· וואס דיא קעניגין וויקטאריא עסט, ווייס זיא ניט און זיא גלויבט ניט, אז דיא קעניגין וויקטאריא וואלט זיא איינגענומען פאר א קעכין ביי זיך אין הויף·

נאכ'ן עסען האט הערר ווארד געבראכט גוטען אייל פון א פעסעלע, וועלכעס ער האט געהאלטען שטענדיג ביי זיך אין „קעללער".

דאס עסען האט געדויערט א גאנצע שטונדע· סיימאן ווארד, זיין פרוי מעדש און דער אינזשעניר האבען גערעדט און דערצעהלט פון דיא גוטע אלטע צייטען אין אָבערוויל, ווען עס פלעגען ארבייטען עטליכע הונדערט קוילען גרעבער אין דארטשארט פיט, יארראָ וועל און אנדערע מינען·

הערר ווארד איז געזעסען שטיל און פערטראכט· איהם האט שטארק בעאונרוהיגט דיא געשיכטע מיט'ן שטיין און דער אנאָנימע (אהן א נאמען) בריעף· ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דיעזעלבע האנד, וואס האט אנגעשריבען דעם אנאָנימען בריעף, האט געקענט אראפּווארפען א שטיין אויפ'ן אינזשעניר·

— צו וואס אבער האט עס דער אונבעקאנטער געטהאן? וואָס האָט ער צום אינזשעניר? וואָס הארט איהם, וואס דער אינזשעניר איז געקומען קיין אבערוויל?

אויף דיעזע פראגען האט ער קיין אנטווארט ניט געקענט געבען, צוויי מאל איז ער אויפגעשטאנען פון'ם טיש און איז ערגעץ ארויסגעגאנגען·

— ווייסט איהר, סיימאן, אז איהר האט זעהר א גוטען זוהן? האט דשיימס סטאר געזאגט, ווען הערר'י איז ארויסגעגאנגען·

— יא, איך ווייס עס, האט דער אלטער מאן געענטפערט מיט שטאָלץ· ער איז א גוטער געטרייער זוהן·

— איז ער צופריעדען צו וואוינען דאָ אין דער פינסטער?

— ער איז זעהר צופריעדען· ער וועט אונז ניט פערלאזען· ער וויל ניט וואוינען דארט אויבען „אויפ'ן גראז".

— דענקט איהר גאר ניט איהם צו פערהייראטען? האט דער אינזשעניר ווייטער געפרעגט·

— הערר'י זאָל הייראטהען? האט דער אלטער אויסגערופען· וועמען וועט ער הייראטהען? א מעדכען, וועלכע וועט ליעב האבען צו טאנצען, צו זינגען און זיך צו פוצען? ווייסט איהר ניט, הערר סטאר, אז היינטיגע מעדכען ליעבען נור ארומצו לויפען און צו פלוידערן? ניין! הערר'י וועט ניט הייראטהען!

— סיימאן, זאג עס ניט! האט זיך דיא אלטע מעדש אריינגעמישט· קענסט דוא דען צווינגען הערר'י'ן, ער זאָל ניט הייראטהען?

— צווינגען, אלטע! ווער רעדט דען פון צווינגען? איך וויל הערר'י'ן צו

קיין זאך נים צווינגען. ווען הערריי וועט געפינען א מעדכען, וועלכע וועט איהם פאסען, ווער—

אין דיעזע מינוט איז הערריי אריינגעקומען אין שטוב. דער אלטער סיימאן איז שטיל געבליעבען.

מעדש האט זיך אויפגעהויבען פון׳ם טיש דיא ערשטע. אלע האבען איהר נאכגעטהאן, זיינען אויפגעשטאנען און ארויסגעגאנגען פון צימער. הערריי ווארד האט געבראכט צוויי שטוהלען און האט זיי אניעדערגעשטעלט פאר דער טהיר פון הויז. זיי האבען געוואלט לאזען דיא אלטע מעדש אויפרוימען אין צימער.

— נון, סיימאן, יעצט קענען מיר רעדען, האט דשיימס סטאר געזאגט, יעצט קענט איהר מיר מיטהיילען דיא וויכטיגע נייעס.

— הערר סטאר, איך דארף נים אייערע אויערן, איך דארף אייערע פיס. האט איהר זיך געגוג אפגערוהט, אז איהר זאלט קענען מאכען מיט מיר א לאנגע רייזע ?

— יא, סיימאן ! איך האב מיך אנגעגעסען און האב מיך אפגערוהט. איך קען שוין יעצט געהן מיט אייך, וואוהין איהר ווילט.

— הערריי ! הערריי ! צינד אן אונזערע זיכערהייטס לאמפען ! האט סיימאן ווארד גערופען צו זיין זוהן.

— זיכערהייטס לאמפען ? האט דשיימס סטאר געפרעגט פערוואונדערט. צו וואס דארף מען זיכערהייטס לאמפען אין דער מינע, וואו עס געפינט זיך נים קיין ביצעל קוילען ?

— מען מוז זיין פארזיכטיג, האט סיימאן ווארד געענטפערט איינפאך.

— ווען מען דארף זיין פארזיכטיג, דארפען מיר זיך דאך אנטהאן אין קליידער פון קוילען גרעבער אויך ? האט דער אינזשעניר געפרעגט.

— דערווייל נאך נים, הערר סטאר, האט דער אלטער מאן געענטפערט און זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו פונקלען.

אין דיעזע מינוט איז הערריי ארויסגעקומען פון שטוב מיט דריי ברענענדע זיכערהייטס לאמפען. איינעם האט ער געגעבען זיין פאטער, דעם אנדערן האט ער געגעבען דעם אינזשעניר און דעם דריטען האט ער זיך גענומען. דאן האט ער גענומען א לאנגען, גראבען שטעקען אין דער האנד. דער אלטער סיימאן האט אויך גענומען אזא שטעקען. פאטער און זוהן האבען זיך געשטעלט פון ביידע זייטען פון׳ם אינזשעניר.

— יעצט לאמיר געהן ! האט דער אלטער קאמאנדירט.— א גוטען טאג, מעדש !

— א גוטען טאג מעדש ! האט דער אינזשעניר וויעדערהאלט און האט זיך פערנייגט פאר דער אלטער פרוי, וועלכע איז געשטאנען פאר דער טהיר פון איהר שטוב.

— א גוטען טאג ! גאט זאל זיין מיט אייך ! האט דיא אלטע פרויא געענטפערט.

— נרייט אן א גוטען אבענד עסען, פרויא! האט סיימאן איהר נאזאגט פאר'ן אוועקגעהן.— ווען מיר וועלען צוריקקומען, וועלען מיר זיין גוט הונגעריג

8טעס קאפיטעל.

אַבערגלויבען, וואונדער און זאנדערבארע ערשיינונגען.

יעדעס פאָלק האט זיינע וואונדער געשיכטען. אין יעדער דאָרף דערצעהלט מען מעשיות און געשיכטען פון גייסטער, שדים, רוחות, טויטע וועלכע ווייזען זיך צו דיא לעבעדינע און דערצעהלען זיי וואס עס וועט זיין; הויז גייסטער, וועלכע מאכען אלערליי שטיק; וואלד גייסטער, וועלכע פערפיהרען א מענשען טיעף אין וואלד און דאן לאכען זיי פון איהם; וואסער גייסטער, וועלכע שלעפען אריין א מענשען אין וואסער און נאך אנדערע סארטען גייסטער און וואונדער.

אין יעדען וואלד, אין יעדען טייך, אויף יעדען בערג און אין יעדען טהאל געפינען זיך בעזונדערע גייסטער. פיעלע פון דיא אלע איינוואוינער האבען זיי געזעהן, אדער „במעט" געזעהן; אנדערע האבען זאגאר מיט זיי גערעדט, זיי ווילען אבער נים אויסזאגען, וואס דיא גייסטער האבען מיט זיי גערעדט.

פון וואנען האבען זיך דיעזע געשיכטען גענומען? ווער האט זיי פערברייטעט אין פאלק? פאר וואס גלויבט נאך דאס פאלק אין זיי? נים דא איז דער ארט צו ענטפערן אויף דיעזע פראגען.

מיר קענען נים אונטערברעכען אונזער ערצעהלונג אום צו בעאנטווארטען אויף דיעזע פראגען. מיר האבען זיי נור געשטעלט אום צו ווייזען, אז דער גלויבען אין גייסטער איז פערברייטעט צווישען אלע פעלקער. עס איז דאהער קיין וואונדער נים, וואס דיא קוילען גרעבער גלויבען אין גייסטער. אין דער מינע איז דער מענש אבגעשלאסען פון דער גאנצער וועלט. אין דער מינע איז פינסטער. וואו קענען דיא גייסטער געפינען א בעסערן פלאץ, אלס אין דער פינסטערער מינע? וואו קענען זיך דיא גייסטער בעסער בעהאלטען, אלס טיעף אין דער ערד, וואו עס הערשט אן אייביגע נאכט?

דיא קוילען גרעבער פון אבערוויל פלעגען זיך דערצעהלען פיעלע וואונדער פון דער מינע. אייניגע האבען איבערגעלאזען זייערע אינסטרומענטען אין דער מינע. ווען זיי זיינען געקומען דעם אנדערן טאג ארבייטען, זיינען דיא אינסטרומענטען פערשוואונדען געווארען. ווער האט זיי צוגענומען? — דיא גייסטער פון דער מינע.

אנדערע האבען איבערגעלאזען דיא גאלערעע, וואו זיי האבען געארבייט גאנץ ריין. זיי האבען צוגעפנעשארט דאס לעצטע ביסעל קוילען און האבען עס אויפגעלעגט אין א וואגאן. ווען זיי זיינען געקומען דעם אנדערן טאג, האבען זיי געפונען אנגעגראבען א גאנצען וואגאן גרויסע שטיקער קוילען. ווער האט עס געקענט טהאן פאר זיי? — געוויס דיא גייסטער.

דשעק רייען איז געווען איינער פון דיא, וועלכע זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז אין דארטשארט פיט זיינען דא גייסטער. ער האט אליין געהערט,

וויא מען איז ארומגעגאנגען אין דער מינע; ער האט אליין געהערט, וויא מען ארבייט אין דער מינע אין דער צייט, ווען קיינער פון דיא ארבייטער איז ניט געווען אין דער מינע. ער האט אליין געזעהן, וויא פלוצלונג זיינען פון דער וואנט פון דער מינע ארויסגעשפרונגען קליינע פלאמען.

צווישען אלע קוילען גרעבער זיינען געווען נור צוויא מענשען, וועלכע האבען ניט געגלויבט אין קיין גייסטער. דאס זיינען געווען סיימאן ווארד און זיין זוהן הערריי, זיי זיינען געווען אזוי גוט בעקאנט מיט יעדען ווינקעלע אין דער מינע, אז זיי האבען ניט געקענט גלויבען אין קיין וואונדער. ווען זיי פלעגען אמאל זעהן א זאך, וואס זיי פלעגען ניט פערשטעהן, וויא צום ביישפיעל, פלאמען פון דער וואנט, פלעגען זיי עס דערצעהלען דשיימס סטאר און ער פלעגט זיי ערקלערען, פון וואנען דאס קומט.

דיא איינציגע זאך, וואס דיעזע צוויי מענשען האבען געגלויבט, איז געווען אז דיא קוילען האבען זיך נאך גיט אין גאנצען אויסגעשעפט אין דארטשארט פיט. זייט צעהן יאהר, זייט מען האט אויפגעהערט צו ארבייטען אין דער מינע, פלעגען זיי יעדען טאג אנצינדען זייערע לעמפלעך, נעהמען זייערע שטעקענס און זייערע האמערס און געהן אין דיא פערשיעדענע גאלערעען זוכען, פיעללייכט וועלען זיי דאך געפינען עפעס א שפור פון קוילען.

מייסטענס פלעגען זיי געהן ביידע צוזאמען. עס פלעגט אבער זעהר אפט פארקומען, אז זיי פלעגען געהן איינציגווייס, יעדער אויף אנאנדערן וועג. זיי פלעגען אויספארשען דיא מינע, פלעגען זיא אפהיטען, פלעגען זעהן, אז דיא וואסערן, וועלכע פלעגען זיך אנזאמלען אין געוויסע ערטער, זאלען האבען וואוהין אפצופליעסען. — אין דיא קוילען גרובען זיינען אפט דא טייכען, זעען (אזיעראס) און טייכעלעך. אין איינציגע קוילען גרובען זיינען דיא זעען (אזיעראס) אזוי גרוים און אזוי טיעף, אז מען מוז זיך אויף זיי שיפען מיט א שיפעל. אין אנדערע מינעס געפינט מען טייכען, וועלכע מען ווייס ניט, פון וואנען זיי הייבען זיך א; און וואוהין זיי פערשווינדען. אין דער מינע פון אבערוויל זיינען אויך געווען טייכען, אויף וועלכע מען האט געדארפט אכטונג געבען, זיי זאלען ניט פערניעסען דיא מינע.

אויף זיינע פארשונגס רייזען אין דיא גאנץ ווייטע גאלערעען האט זיך הערריי ווארד עטליכע מאל אויסגעוויזען, אז ער הערט דייטליך, וויא מען ארבייט ערגעץ מיט א האמער און מיט א ברעכאייזען. ער האט זיך ניט דערשראקען. ער האט קיין מורא ניט געהאט פאר קיין גייסטער. ער האט ניר מורא געהאט, פיעל־לייכט האט זיך געפונען נאך איינער, וועלכער זוכט אויך אין דער מינע, גלייך וויא ער.

מיט א קורצע צייט צוריק האט איהם אבער פאסירט א געשיכטע, פון וועלכער ער איז ווירקליך געווארען צומישט. מיט איינינע מאנאטע צוריק איז ער אמאל געגאנגען גאנץ ווייט אין דער מינע. ער איז צוגעקומען צו א גאנץ גרויסען שטיין, אין וועלכעס עס זיינען געווען דורכגעשניטען עטליכע וועגען. ער האט

אויפגעהייבען זיין לעמפּעל אין דער הויך אום בעסער צו זעהן, וועלכען וועג ער זאל געהן. פּלוצלונג האט ער געזעהן גאנץ דייטליך, וויא א שאטען פון א מענשען איז פערשוואונדען געוואָרען אין איינע פון דיא גאנץ שמאלע גענג פון דיעזען שטיין.

ער האט זיך ניט איבערגעשראקען און האט אנגהויבען נאכצולויפען נאכ'ן שאטען. ער איז געקומען צו אן ארט, וואו דיא נאַלערעע ענדיגט זיך. — א וואַנט פון אללע זייטען! קיינער איז ניטא! — וואו האט געקענט פערשוואונדען ווערן דער מענש, וואס איז דא געגאנגען? — דאס האט זיך הערריי אויף קיין פאל ניט געקענט ערקלערן.

אנאנדער מאל האט ער בעמערקט, אז פון א שטיינערנער זייל, וועלכער האט אונטערגעהאלטען דעם דאך פון א גאלערעע, זיינען אראפּגעפאלען עטליכע שטיינער. וואהרשיינליך האט מען דא עפּעס געבראָכען אָדער געשאסען, וואס דיא שטיינער האבען זיך געריהרט פון זייער ארט. ווער האט אבער דא געבראכען אדער געשאסען?

הערריי האט אנגעהויבען צו בעטראכטען דיא וואנט פון דיעזער גאלערעע און האט געזעהן דייטליך צייכענס פון ברעכאייזען.

— זאל דא איינער האבען געזוכט א נייע אדער פון קוילען? אדער זאל נאר איינער וועלען פערניכטען דיא גאנצע מינע און אונז ארויסטרייבען פון דאנען? —

ער איז געגאנגען א היים און האט אלעס דערצעהלט זיין פאטער. דער אלטער ווארד האט אויך ניט געקענט זיין אזוי קלוג צו פערשטעהן, וואס דא קומט פאר אין דער מינע.

— איך קען ניט גלויבען, אז א פרעמדער קומט אהער אין דיא מינע עפּעס זוכען, האט ער געזאגט. אלע האבען זיך אפּגעזאגט פון דער מינע. דער אינ־שעניר דשיימס סטאר האט ערקלערט, אז אין אבערוויל איז שוין קיין קוילען מעהר ניטא ווער וועט עס וועלען פערליערען צייט און מיה צו זוכען דא קוילען? — דאס איינציגע, וואס איך קען נאך גלויבען, איז, אז פערברעכער ווילען זיך בעהאלטען דא אין דער מינע און זוכען אן ארט, וואו זיי זאלען קענען רוהיג בענעהן זייערע פערברעכען. עס איז מעגליך, אז א באנדע פאלש מינצער — מענשען, וואס מאכען פאלש געלד — ווילען עפענען זייער פאבריק פון פאלש געלד אין דער מינע, אדער רויבער זוכען אן ארט, וואו צו בעהאלטען דיא זאכען, וואס זיי רויבען. — אלענפאלס, הערריי, מארען מיר ניט שווייגען. מיר מוזען אויסגעפינען דיא געהיימניספאלע פערזאנען, וועלכע קומען מאכען וויזיטען אונזער מינע.

פון יענעם טאג אן פלעגט דער אלטער סיימאן און זיין הערריי שטונדען לאנג ארומגעהן אין דער מינע, פארשען, זוכען און קלערן.

מיט א צוויי וואכען פריהער. איידער אונזער געשיכטע הייבט זיך אן איז הערריי ארומגעגאנגען אין א ווייטע גאלערעע מיט א גרויסען לאמפּ אין דער האנד.

זייט ער האָט געזעהן דיימליך דעם שאָטען פון אַ מענשען אין דער מינע, פלעגט ער שוין מיט־געהמען אַ גרויסען לאָמפּ — אַזוי וויא ער איז אַזוי געגאַנגען, האָט ער געזעהן דייטליך, אַז גאַנץ וויים, עטליכע הונדערט פוס פון איהם, האָט געברענט אַ ליכט. ווען ער איז צוגעקומען האָט עס זיך פלוצלונג פערלאָשען.

דאַמאַלס האָט ער זיך שוין איבערגעציינט, אַז אין דער מינע געפינט זיך איינער. ער איז צוואַר באַלד צוגעקומען צום אָרט, וואו דאָס ליכט האָט געברענט און האָט קיינעם ניט געפונען. ער האָט געזוכט, געפאָרשט, געטאַפּט און גערופען. — עס איז קיינער ניטאַ און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען.

ער איז געגאַנגען ווייטער אין דערזעלבער גאַלערעע, וועלכע האָט זיך געצויגען אויף עטליכע מייל, און האָט געזעהן מיט שטוינען, וויא אין ערטער האָבען פלוצלונג אויפגעפלאַמט ליכט, וויא קליינע בליצען, און זיינען באַלד פערלאָשען געוואָרען.

ווען עס וואָלט געווען אַנאַנדערער אויף הערריס אָרט וואָלט ער געמיינט אַז דאָס זיינען גייסטער. הערריי אָבער איז געווען אַזוי פעסט איבערצייגט, אַז קיין גייסטער זיינען ניטאָ, אַז ער האָט זיך ניט איבערגעשראָקען, איז זיך רוהיג געגאַנגען אַ היים און האָט עס דערצעהלט זיין פאָטער.

— מיין זוהן, אין אונזער מינע איז דאָ עפּעס אַ געהיימניס, האָט דער פאָטער געענטפערט. וואָס דאָס געהיימניס איז, ווייס איך ניט. איך האָף אָבער, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען אַלעס וועט זיך ערקלערען.

— עס איז אָבער זאָנדערבאַר, פאָטער, האָט הערריי בעמערקט.

— דו זעהסט דאָך, מיין זוהן, אַז אונז ריהרט מען דערוויל ניט. וויא עס ווייזט אויס, האָט מען נאָך מורא פאַר אונז. דו אַליין האָסט דאָך געזעהן. אַז וויפיל מאָל דו האָסט בעגעגענט דיא וואונדערבאַרע ערשיינונגען, זיינען זיי שטענדיג פון דיר אַנטלאָפען און האָבען דיר גאַר ניט געטהאָן. אַלזאָ, לאָמיר וואַרטען און ווייטער זוכען.

ווען הערריי האָט היינט געזעהן, אַז אַ שטיין איז אַראָפּגעפאַלען און האָט שיער ניט געטראָפען דעם אינזשעניר, האָט ער זיך שוין פעסט איבערגעציינט, אַז דאָס האָט געטהאָן דערזעלבער מענש, וועלכער געהט אום אַזוי אָפט אין דער מינע.

דשיימס סטאַר האָט צוואַר ערקלערט, אַז עס איז אַ צופאַל. עס איז דאָך מעגליך, אַז אין אַן אַלטער מינע איז געווען אַ שטיין אין דאָך ניט שטאַרק בעפעסטיגט. זיי האָבען אָנגעהויבען צו געהן, האָבען שטאַרק צוטרייסעלט אַ ליימער און דער שטיין איז אַראָפּגעפאַלען. הערריי אָבער האָט עס ניט געקענט גלויבען.

מיר וועלען שפּעטער זעהן, אויב ער האָט רעכט געהאַט.

9טעם קאפיטעל.

סיימאן ווארד וויל בעווייזען, אז ער האט רעכט.

אלס אינזשעניר און פראקטישער מענש, האט דשיימס סטאר א קוק געטהאן אויף זיין טאשענזייגער, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון סיימאן ווארד'ס וואוינונג. עס איז דאמאלס געווען פונקט צוועלף אוהר.

דיא דרייא רייזענדע, אדער דיא דריי פארשער, זיינען אריינגעגאנגען אין א בריימע גאלערעע, וועלכע האט זיך געצויגען אויף א פאר מייל. דער אינזשעניר האט זעהר גוט געקענט דיזע גאלערעע. ער האט געוואוסט, אז דא וועט מען שוין קיין קוילען מעהר ניט געפינען. מיט צעהן יאהר צוריק האט ער אויסגעפארשט דיזע גאלערעע און האט זיך איבערצייגט, אז מען האט דא אויסגעשעפט און אויסגעקראצט דאס לעצטע שטיקעל קוילען. דאמאלס נאך האט ער פערגלייכט דיזע גאלערעע צו א געבראטענע הוהן, פון וועלכער מען האט שוין אפגעלעקט יעדעס ביינדעלע.

דשיימס סטאר האט זעהר גוט געוואוסט, אז אין דיזער גאלערעע האבען זיי ניט וואס צו זוכען. ער איז דאהער געגאנגען ווייטער, ביז דיא גאלערעע האט זיך געענדיגט. זיי זיינען דאן צוגעקומען צו א שמאלץ טונעל, וואו צוויי מענשען האבען קוים געקענט געהן איינער לעבען אנדערן.

הערריו ווארד איז געגאנגען פאראויס און האט פאר זיי געלייכטעט דעם וועג. דיזער טונעל איז געווען ווייניג בעקאנט דעם אינזשעניר. אין צעהן יאהר האט ער איהם פערגעסען. אזוי פיעל אבער האט ער געוואוסט, אז נאכ'ן פלאן פון דער מינע דארף דיזער טונעל אויסקומען אונטערן מעער. — אלס אינזשעניר האט ער בערעכענט, אז ווען דער טונעל וועט זיך ציעהען אלץ טיעפער און טיעפער, דארף ער אויסקומען א מייל ווייט אונטערן מעער.

— וועלען מיר נאך לאנג געהן אין דיזען טונעל? האט ער געפרעגט סיימאן ווארד.

— מיר האבען נאך א קנאפע מייל צו געהן, האט דער אלטער געענטפערט. — אמאל פלעגט מען קענען פאהרען אין דיזען טונעל אין א וואגאן, היינט אבער.... היינט —

— וועלען מיר געהן, ביז דער טונעל וועט זיך ענדיגען?

— יא, הערר סטאר.

— איך דענק, אז וואס ווייטער, איז אלץ שווערער צו געהן, האט דער אינזשעניר בעמערקט.

— איהר האט רעכט, הערר סטאר, ווען איהר האט נאך ניט פערגעסען, און פון ראנען האבען מיר דאמאלס ארויסגעקראצט דאס לעצטע ביסעל קוילען. איך בין געווען דער לעצטער, וועלכער האט אויסגעשאסען צום לעצטען מאל. עס האט זיך

אפגעבראָכען א גרויס שטיק קוילען. ווייטער אבער האט זיך געוויעזען זאמד שטיין, — נאקעטער, נוצלאזער זאמד שטיין.

— אך! וויא טרויעריג איז מיר דאמאלס געוועזען אויפ'ן הארצען, ווען מען האט אוועקגעפיהרט דעם לעצטע: וואגען מיט קוילען! עס האט מיר אויסגעוויזען, אז מען פיהרט אוועק מיין לעבען מיט דיעזען לעצטען וואגען.

דער אינזשעניר האט געפיהלט דעם שמערץ פון'ם אלטען קוילען גרעבער. אזא שמערץ פיהלט נור א שיפס קאפיטאן, ווען ער זעהט, אז זיין שיף געהט אונ־טער און ער מוז זיך רעטע: אויף א באָאָט.

— מיר האבען אבער אלע א טעות געהאט, האט דער אַלטער סיימאן ווארד געזאגט. מיר האבען געמיינט, אז דיא אלטע מינע איז אויסגעשטארבען, אז מיר האבען איבערגעלאזען איהרע אויסגעדארטע און אויסגעטריקענטע ביינער. — ניין, דשיימס סטאר! עס איז נאך דא לעבען אין דער אַלטער מינע!

— זאגט ארויס, וואס איהר ווייסט, אלטער סיימאן! האט דער אינזשעניר אויסגערופען. איהר האט אויסגעפונען א נייע אָדער פון קוילען? איהר האט ענ־דעקט נייע פעבער? א נייעם קאסטען, וואו דיא מוטער ערד האט בעהאלטען איהרע שווארצע דיאמאנטען? איך האב עס פערשטאנען פון אייער בריעף. צו וואס דען האט איהר מיך געשיקט רופען? וואס דען פאר א נייעס קענט איהר מיר מיטהיילען?

— הערר דשיימס, איך האב דערפון מיט קיינעם, אויסער אייך, ניט געקענט רעדען דעריבער.

— דאס האט איהר זעהר גלייך געטהאן, הערר סיימאן! זאגט מיר אבער, וויא אזוי האט איהר ענדעקט דיא נייע מינע? האט איהר געבויערט אין דער ערד? האט איהר געגראבען? אדער האט איהר אויפגעריסען דיא ערד מיט א דינאמיט פאטראָנע?

— איך האב ניט אויסגעפונען קיין נייע מינע, האט דער אלטער מאן געענט־פערט טרויעריג.

— וואס דען האט איהר אויסגעפונען? האט דשיימס סטאר אויסגערופען אונרוהיג.

— איך האב נור אויסגעפונען א בעוויז, אז עס געפינט זיך ערגיץ א נייע מינע. בוירען, גראבען אדער אויפרייסען דעם שטיין מיט דינאמיט איז אייער זאך.

— וואס איז אייער בעוויז, אז אין דיעזער געגענד געפינט זיך נאך קוילען?

— קען זיין ברען־גאז אין אן ארט, וואו עס איז ניטא קיין קוילען? קען דיא ערד אליין ארויסגעבען ברען־גאז?

— געוויס ניט. ברען גאז געפינט נור דארט, וואו אין דער ערד זיינען בע־גראבען קוילען. דיא מוטער ערד האט זיך איהר איינענע פאבריק און וואו זיא האלט בעהאלטען אין א מאגאזין איהרע קוילען, דארט מאכט זיא זיך גאז וויא פיעל זיא דארף. זיא האט ניט קיין גאזאָמעטער (מיטר); זיא מעסט ניט

אפּ און ווענט ניט אפּ, וויא פֿיעל גאז זיא פֿערברויכט. זיא פֿאבריצירט גאז, וויפֿיעל זיא דארף.*)

— איך האב אויך אזוי געטראכט. ווען מיר זעהן אַ רויך, ווייסען מיר, אז דארט ברענט ערגעץ אַ פֿייער. — ווען מיר געפֿינען גאז, מוז דארט זיין קוילען. יעדער ערשיינונג, מוז האבען אן אורזאכע.

— זייט איהר אבער זיכער, אז איהר האט אויסגעפֿונען גאז? האט דער אינזשעניר געפֿרעגט.

— איך בין דאך עפּעס אן אלטער קוילען גרעבער, האט סיימאן געענטפֿערט. איך האב דערקענט אונזער אלטען, געפֿעהרליכען פֿיינד — קוילען גאז.

— עס איז דאך אבער מעגליך, אז עס איז גאר אנאנדער סארט גאז, האט דער אינזשעניר בעמערקט. עס איז ניט אזוי לייכט צו דערקענען דעם עכטען קוילען גאז. ער האט קיין שום פֿארב ניט, וויא דיא לופֿט. מען קען איהם דערקענען נור דאדורך, וואס אז מען לעגט צו צו איהם אַ ליכט, ווערט אן עקספּלאזיאָן.

— דער דשיימס סטאר, ערלויבט מיר, איך זאל אייך דערצעהלען אלעס, וואס איך האב געטהאן ביז אהער און וויא אזוי איך האב עס געטהאן. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, ווען איך וועל זיין א ביסעל לאנג. איהר ווייסט דאך געוויס, אז אלטע לייט האבען ליעב צו פּלוידערן.

— דערצעהלט, דערצעהלט, הערר סיימאן, האט דער אינזשעניר געבעטען.

— זייט איהר זייט אוועקגעפֿאהרען פֿון אבערוויל, זייט צעהן יאהר, האב איך מיט מיין זוהן הערר' ניט אויפֿגעגעבען דעם געדאנק, אז אין אבערוויל מוז נאך ערגעץ ליעגען בעהאַלטען אַ קוילען מינע. זאגט, וואס איהר ווילט, הערר סטאר, לאכט פֿון מיר, ווען איהר ווילט, האלט מיך פֿאר א זאנדערלינג (טשודאַק) אדער פֿאר וואס איהר ווילט. — זייט צעהן יאהר איז ניט פֿערגאנגען אייז טאג, אין וועלכען איך אדער מיין זוהן האבען ניט געזוכט, געפֿארשט, געשפּירט און נעקלערט, וויא אזוי מען ענטדעקט דיעזע נייע מינע. בויערן דיא ערד? אויפֿרייסען מיט דינאמיט? איז פֿאר אונז צוויי מענשען געוועזן זעהר שווער. אויסער דעם האב איך ניט געוואלט מאכען קיין ליארם. — איך האב מיך פֿערלאזען אויף

*) איך מוז דא בעמערקען, אז דער גאז, וועלכען מיר ברענען אין אונזערע הייזער און אויף אונזערע גאסען, איז ניט דערזעלבער, וואס מען טרעפֿט אין אַ קוילען מינע. דער גאז פֿון דער קוילען מינע איז זעהר געפֿעהרליך. קוים ריהרט מען זיך צו צו איהם מיט אַ פֿונק פֿייער, גיט ער אַ שרעקליכען קנאק און צורייסט און צוברעכט אלעס, וואס עס געפֿינט זיך לעבען איהם. דער גאז אבער, וועלכען מיר בענוצען צום ברענען, איז גאנץ אנדערש. ער מאכט ניט אזוי גיך אן עקספּלאזיאָן. ער איז אויך צוזאמענגעשטעלט פֿון אנדערע טהיילע.

איך האב דא געבראכט דעם ברען גאז נור אלס ביישפּיעל, וויל פֿונקט ברען גאז ווערט מען דערשטיקט, וויא פֿונקט גאז פֿון דער מינע. דער מענש קען ניט לעבען אין אן ארט, וועלכער איז פֿול מיט ברען גאז, אזוי וויא ער קען ניט לעבען אין אן ארט, וועלכער איז פֿול מיט מינען גאז, אדער מאַרש גאז (באָלאָטני גאז). א. טאַנענבוים.

מיין געפיהל, אויף מיין אינסטינקט, אויף מיינע ער פאהרונג פון אן אלטען קוילען גרעבער. — ענטשולדיגט מיר, הערר סטאר, ווען איך וועל אייך זאגען אז אויפ'ן געפיהל און אויף דיא ערפאהרונג פון אן אלטען מייסטער קען מען זיך אפט מעהר פערלאזען, וויא אויף דיא וויסענשאפט פון א גרויסען געלערנטען.

— איך וויל מיך מיט אייך ניט שפארען, האט דער אינזשעניר געענט־פערט. דיא קאמפאני פון אבערוויל האט אייך געמאכט פאר פארמאן אין דער מינע נור דערפאר, וואס איהר זייט אן אלטער, ערפאהרענער קוילען גרעבער. ערפאהרונג איז אויך א וויסענשאפט, ווייל דיא גאנצע וויסענשאפט איז געגרינ־דעט אויף ערפאהרונג.

— גוט! אין זיינע פארשונגען אין דיעזער געגענד פון דער מינע האט העררי עטליכע מאל בעמערקט, אז עס ווייזען זיך פלאמען. עס גיט א בליץ און עס פערשווינדעט. עס ווייזט זיך א פייער און ווערט באלד פערלאשען. פון וואַ־נען נעהמען זיך דיעזע בליצען? פון וואנען קומען דיעזע פייערן? — פון ברען־גאז. ווען עס איז דא ברען־גאז, מוז דא זיין קוילען.

— האבען דיעזע פלאמען געמאכט אן עקספלאזיאן? האבען זיי געגעבען א קנאק, וויא א שאס פון א ביקס, ווען זיי זיינען פערשוואונדען? האט דער אינזשעניר געפֿרעגט האסטיג.

— יא, גאנץ קליינע עקספלאזיאנען. עס האט געקנאקט, אבער גאנץ שטיל. איך אליין האב מיך געוואלט איבערצייגען, אויב דיא פלאמען קומען פון ברען־גאז. איך האב געברויכט דאס אלטע מיטעל — דעם בעל תשובה (The penitent). ווייסט איהר, וואס דאס איז דער בעל תשובה?

— איך האב אמאל געהערט דערפון, האט דער אינזשעניר געענטפערט, איך האב עס אבער קיין מאל ניט געזעהן.

— איידער דער געלערנטער כעמיקער, סער הומפרי דייווי, האט אויסגע־פונען דיא זיכערהייטס לאמפ, פלעגט מען געברויכען אזא מיטעל אום צו פער־ניכטען דעם געפעהרליכען גאז: — איינער פון דיא קוילען גרעבער, א שטארקער בעהערצטער מאן, פלעגט זיך ארומוויקלען דעם קערפער מיט קליידער, פלעגט ארומוויקלען דעם קאפ מיט נאסע טיכער, פלעגט אנטהאן אויפ'ן קאפ אן אייזערנעם שטיין און פלעגט קריעכען אויפ'ן בויך אין דער מינע מיט א פאקעל, וועלכען ער האט געהאלטען הויך אין איין האנד. דער גאז זאמעלט זיך צונויף אויבען; אונטען איז געוועהנליך דיא לופט ריין. פון דעם פאקעל, וואס ער פלעגט האלטען אין דער הויך, פלעגט דער גאז זיך אנציגדען און עס פלעגט ווערן א קליינע עקספלאזיאן.

ווען אין דער מינע פלעגט זיך אנזאמלען פיעל גאז, פלעגט ווערן א שטארקע עקספלאזיאן און פלעגט טייטען דעם אונגליקליכען ארבייטער, דעם בעל תשובה. מען פלעגט איהם דערפאר רופען דער בעל תשובה, ווייל איידער ער פלעגט זיך לאזען אין דער מינע, פלעגט ער אפזאגען ווידוי פאר א גייסט־

ליכען. ער האט געוואוסט, אז ער וועט גיכער ניט צוריקקומען פון זיין גע־פעהרליכען וועג.

זייט דער געלערנטער סער הומפרי דייווי, האט איינגעפיהרט זיין זיכער־הייטס לאמפ, האט מען אויפגעהערט צו געברויכען א בעל תשיבה.

מיינע לעזער קענען מיינען, אז דער אלטער סיימאן האט דערצעהלט א ליגען. ער האט אויסגעטראכט דיא געשיכטע פון׳ם בעל תשובה. — ליידער איז עס אלעס וואהר. א מאל מיט זעכציג־זיבעציג יאהר צוריק האט מען אנדערש ניט געקענט אריינגעהן אין א מינע. מען האט געמוזט ארויסשיקען א מענשען, וועלכער איז געזוען בערייט צו אפפערן זיין לעבען פאר דיא אנדערע.

דער לאמפ, וועלכען סער הומפרי דייווי האט אויסגעפונען, איז דאס איינ־ציגע זיכערהייטס מיטעל זיך אויסצוהיטען געגען אן עקספלאזיאן פון דיעזען גע־פעהרליכסטען פיינד פון דיא קוילען גרובען. שפעטער האט מען נאך פערבע־סערט דיעזען זיכערהייטס לאמפ און מען קען היינט זאגען פעסט, אז ווען עס מאכט זיך אן עקספלאזיאן אין א מינע איז, דער ארבייטער אליין שולדיג. עס מאכט זיך אפט, אז דער קוילען גרעבער פערגעסט זיך, און וואס פאר א געפאהר ער איז, ער געהט אריין אין שאכט און צינדט אן זיין פייפ (ליולקע) אן לאמפ, א פונק פון דער ליולקע און עס ווערט אן עקספלאזיאן.

סיימאן וואַרד האט ווייטער דערצעהלט דעם אינזשעניר אלעס, וואס ער האט געטהאן אום זיך צו איבערציינגען, אז ער האט ווירקליך אויסגעפונען מארש גאז און וואו עס איז דא מארש גאז, מוז זיין קוילען.

דשיימס סטאר האט בערעכענט, אז זייט זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון סיימאנס וואהנונג האבען זיי שוין געדארפט איינגעהן מעהר אלס פיער מייל. איהם האט שטארק פעראינטערעסירט, וואס דער אלטער סיימאן האט איהם דערצעהלט. דער אלטער האט געטהאן זיין ארבייט. יעצט איז געקומען די ריי־הע צו איהם. יעצט מוז ער. אלס אינזשעניר, אויסגעפינען. וואס דארט איז. ווען דער אלטער סיימאן האט זיך ניט אפגענארט; ווען עס איז אלעס ריכטיג, וויא ער האט דערצעהלט, דאן איז זעהר מעגליך, אז עס געפינט זיך נאך אין אבערוויל א גאנצער אוצר פון מיליאנען טאנען שווארצע דימאנטען.

ער איז דאהער ג׳ גאנגען האסטיג ווייטער. ערשט יעצט האט זיך אין איהם אויפגעכאפט זיין נייגיערדע אלס אינזשעניר און אלס געלערנטער. ער האט זיך געאיילט, ער איז זאגאר געלאפען אהין, וואוהין הערריי וואַרד האט איהם געפיהרט.

— איט זיינען יר אנגעקומען! האט ענדליך דער אלטער סיימאן געזאגט. איך בין גליקליך, וואס איך זעה אייך ענדליך דא. מיר וועלען ענדליך וויסען, וואס מיר האבען צו ערווארטען און צו האפען.

דיא שטימע פון׳ם אלטען פארמאן פון דארטשארט פיט האט געציטערט און מען האט אין איהר געהערט טרערין.

— גוטער, אלטער סי מאן! האט אויסגערופען דער אינזשעניר. — זייט ניט אזוי אויפגערעגט. מיך אינטערעסירט אייער ענטדעקונג אזוי פיעל, וויא אייך.

יעצט אָבער, גראַדע יעצט מיזען מיר זייַן רוהיג און זיך נעהמען צו דער אַרבייט.

אין דיעזען אָרט האט די גאַלערעע געבילדעט אַ טיפען קעלער, אויסגעהאַקט אין אַ שטאַרקען שטיין. עס איז געווען דייטליך אַז אין דער צייט פון אַ שטאַרקער ערד ציטערניש, האט זיך אַ גרויסע געשמאָלצענע מאַסע פון שטיין אַ רויט־געגאָסען אַרום אַ שטיק קוילען פון עטליכע הונדערט פוס די ברייט און די לענג. דאס איז ווירקליך געווען דער לעצטער אָרט, פון וואַנען מען האָט אַרויסגע־גראַבען קוילען אין דאַרטשאַרט פיט. דא האט זיך געענדיגט די גאַלערעע. קיין אויסגאַנג איז ניט געווען. אַרום און אַרום ווענט פון אַ האַרטען, פעסטען שטיין.

דזשיימס סטאַר האט גענומען זייַן לאָמפּ און האָט אָנגעהויבען צו בע־טראַכטען די שטיינערנע ווענט. אין ערטער זייַנען געווען דייטליך די צייכענס פון האַמערס און בּרעכאַייזען, מיט וועלכע די קוילען גרעבער האבען פּראָ־בירט צו האַקען דעם שטאַרקען שטיין; אין אַנדערע ערטער זייַנען געווען לעכער, וועלכע דיא קוילען גרעבער האבען אויסגעבויערט אין שטיין אום דאָרט אַריינצולייגען דינאַמיט פּאַטראָנען אויפצורייסען דעם שטיין.

— דא איז עס, האט סיימאַן וואַרד געזאָגט און האט געוויזען אויף איין אָרט אין דער וואַנד. דא, האָף איך, וועלען מיר נאָך ענדעקען די נייע מינע, אַ נייע אָדער פון קוילען.

— האט איהר דאַ באַמערקט, אַז עס ווייזען זיך אַ מאָל קליינע בּליצען פון דער וואַנט? האט דער אינזשעניר געפרעגט.

— יאָ, הערר סטאַר. דא האָב איך געזעהן די קליינע בּליצען. ווען איהר זאָלט צו לייגען אַייער לאָמפּ נעהענטער צו דער וואַנד, וועט איהר הערען אַ קנאַק.

— מיין לאָמפּ וועט ניט ווירקען, עס איז דאָך אַ זיכערהייטס לאָמפּ.

— איהר האט רעכט, הערר סטאַר. איך פערגעס מיך. איך מיין, ווען איהר זאָלט אָנצינדען אַ צינד העלצעל און זאָלט איהם האַלטען בּייא דער וואַנד, וועט איהר הערען אַ קנאַק.

— וויא הויך מוז מען האַלטען דאס צינדהעלצעל? האט דער אינזשעניר געפרעגט.

— צעהן פוס דיא הויך, האט סיימאַן וואַרד געענטפערט.

דער אינזשעניר האט אָנגעהויבען צונויפלייגען שטיינער אין איין הויפען, אום ער זאל קענען אויף זיי אַרויפקריכען און פּראָבּירען מיט אַ צינדהעלצעל. ער האט ניט אין גאַנצען געגלויבּט דעם אַלטען וואַרד. עס איז איהם פאַרגע־קומען זאָנדערבּאַר וואס ער פיהלט ניט דעם גערוך פון גאַז. ווען דער אַלטער סיימאַן פיהלט איהם ניט איז עס קיין וואונדער. ער לעבּט אין דער מינע, געהט אַלע טאָג אין די פינסטערע שאַכטען און איז שוין געוואוינט מיט'ן גערוך.— דזשיימס סטאַר אָבער קומט ערשט פון דער פרישער ליפט, זיין חוש הריח דאַרף זיין נאָך זעהר שאַרף און ער דאַרף פיהלען דעם איגאַנגענעהמען גערוך פון גאַז.

נאָך אַ פראַגע האט זיך געשטעלט דער אינזשעניר מעגליך אַז דער אַל־

מער האט רעכט; דאן אבער איז ער דאך אין געפאהר. ווען ער וויעט צולעגען אַ שוועבעלע צום גאז, קען ווערן אן עקספלאזיאן. דערווייל איז ער נאך ניט קיין בעל תשובה און וויל ניט איינשטעלען זיין לעבען.

— ניין! האט ער ענדליך געזאגט פעסט ענטשלאסען. ווען עס זאל דארט זיין פיעל גאז, וואלט איך געפיהלט דעם אונאנגענעהמען גערוך. — דאס איינציגע, וואס איך האב מורא איז, פיעללייכט איז גאר קיין גאז ניטא. דאס איז פיעל ערגער. וויא וועל איך איבערצייגען דעם אלטען מאן, אז ער האט אַ טעות געהאט?

אזוי וויא ער האט אזוי געטראכט, האט זיך פלוצלונג אנגערופען הערדי:

— פאטער, מיר שיינט, אז אין דער לעצטער צייט האט דער גאז אויפגעהערט זיך צו ווייזען אין דער גאלערעע.

— וואס רעדסט דוא, הערדי? האט דער אלטער אויסגערופען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. דאס קען ניט זיין! איך האב אליין פראבירט מיט א צינד העלצעל און עס האט אַ קנאק געטהאן.

קיינער האט ניט געענטפערט. קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. פלוצלונג האט סיימאן ווארד אליין אראפגענומען דאס היטעלע פון אויסגעפלאכטענעם אייזענדראהט פון זיין לאמפ און האט אויפגעהויבען דעם לאמפ אין דער הויך. אלעס איז געבליעבען שטיל. דיא פלאם פון'ם לאמפ האט געברענט שטיל און רוהיג. נאך מעהר, זיא האט זאגאר ניט געציטערט, וויא עס וואלט געדארפט זיין, ווען דיא לופט איז עפעס ניט ריין און איז אויסגעמישט מיט עפעס אנדערש.

סיימאן ווארד איז געווען אויסער זיך. ער האט גענומען דעם לאמפ און האט איהם צוגעבונדען צו זיין לאנגען שטעקען. דאן האט ער איהם אויפגעהויבען גאנץ הויך. דער פלאם איז געבליעבען רוהיג, האט זיך ניט געריהרט און האט געלייכטעט קלאר און העל. — קיין גאז איז אלזא ניטא!

— לעגט צו דעם לאמפ צו דער וואנט! האט דער אינזשעניר געהייסען.

— איהר האט רעכט, הערר סטאר! דער גאז קומט ארויס פון דער וואנט, אלזא מוז מען האלטען דעם לאמפ נאהענט צו דער וואנט.

ער האט צוגעלעגט דעם לאמפ גאנץ נאהענט צו דער וואנט, אין דעם זעלבען ארט, וואו ער האט ערשט מיט אַ פאר טאג צוריק אליין געזעהן, אז דארט האט דער גאז געמאכט אַ קליינע עקספלאזיאן. — דער לאמפ האט געברענט רוהיג און שטיל.

— הערדי, נעהם דוא דעם לאמפ האט ער געזאגט צו זיין זוהן. מיין האנד ציטערט. איך קען איהם מעהר ניט האלטען.

הערדי איז ארויפגעקראכען אויף דיא שטיינער, האט גענומען דעם לאמפ און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן מיט איהם פון איין ארט צום אנדערן. — דער לאמפ ברענט שטיל און רוהיג! עס איז ניטא קיין גאז!

— ניטא קיין גאז? האט געפֿרעגט דער אלטער מאן מיט א שוואכער ציטערנדער שטימע.

ער איז געוועזן בלייך, וויא קאלך און האט געציטערט פֿאר פֿערדרוס און פֿאר שאנדע. ער האט זיך געשעהמט צו קוקען דעם אינזשעניר אין דיא אויגען: ער קען מיינען, אז ער האט איהם אפגענארט, האט איהם אומזיסט אראפגע-בראכט פֿון ערינבורג און צו וואס? — ווייזען איהם, אז דיא מינע פֿון אבערוויל האט זיך ווירקליך אויסגעשעפט? — דער אלטער מאן איז געוועזן אויסער זיך.

פלוצלונג האט הערריי א געשריי געטהאן.

— וואס איז הערריי? האט דער פֿאטער געפֿרעגט.

— איינער האט פֿערמאכט און פֿערשטאפט דיא שפּאלטען, וועלכע זיינען געוועזן אין דער וואנד! האט הערריי אויסגערופֿען.

— וואס זאגסט דוא, הערריי? האט דער אלטער פֿאטער א געשריי געטהאן. איז עס וואהר?

— זעה אליין, פֿאטער!

דער אלטער סיימאן און דער אינזשעניר האבען זיך צוגעקוקט און האבען דערזעהן, אז איינער האט ווירקליך פֿערשמיערט אלע שפאלטען אין דער וואנד מיט לעהם אויסגעמישט מיט קאלך. אין ערטער איז דער קאלך אראפגערונען און האט איבערגעלאזען אַ ווייסען פאס אויף דער וואנד. אין ערטער זיינען דיא שפאלטען געוועזן פֿערשמיערט און בעשאטען מיט קוילען שטויב, אז מען זאל ניט דערקענען, אז מען האט זיי פֿערשמיערט.

— דאס האט ער געטהאן! האט הערריי געשריען.

— ער? ווער איז דער ער? האט דער אינזשעניר געפֿרעגט.

— אך, הערר סטאר! איך ווייס ניט, וויא אזוי אייך צו ערקלערן, האט הערריי געענטפֿערט. אין דיעזער מינע געפֿינט זיך איינער, אַ געהיימניס-פֿאלער אונבעקאנטער, וועלכער טהוט דאס אלעס. איך האב איהם שוין עטליכע מאל בעמערקט. איך קען איהם אבער אויף קיין פֿאל ניט חאַפּען. יעצט פֿערשטעה איך אלעס. ער האט האט עס אייך געשריעבען דעם בריעף, אז איהר זאלט ניט קומען אהער; ער האט עס היינט אויף אייך געוואָרפֿען אַ שטיין און ער האט עס פֿערשמיערט דיא שפאלטען פֿון דיעזער וואנד, אז דער גאז זאל ניט ארויס. ער טהוט אלעס. דאס איז אַ מענש. נור דיא האנד פֿון א מענשען האט דאס אלעס געקענט טהאן.

דער אינזשעניר איז געבליעבען שטעהן, וויא צומישט. ער האט ווירקליך ניט געוואוסט וואס צו דענקען יעצט פֿון דיעזען אונבעקאנטען פֿיינד, וועלכען מען קען נור רופֿען ער. הערריי האט גערעדט אזוי ערנסט, אזוי איבערצייגענד, אז מען האט איהם געמוזט גלויבען. אויסער דעם האט ער דאך אליין געזעהן, אז דיא שפאלטען פֿון'ם שטיין זיינען גאנץ פֿריש פֿערשמיערט. אלזא, האבען עס דאך היינט געטהאן. — ווער אבער? דאס איז דיא פֿראגע.

איינ..ע ..נוטען זיינען אלע דריי געשטאנען און האבען געשוויגען. יעדער

האט געזעהן, אז דא איז עפּעס אַ געהיימניס, וועלכעס קיינער האט נים געקענט ערקלערן.

פּלוצלונג האט זיך דער אלטער סיימאן געווענדעט צו זיין זוהן.

— קום נור אהער, העררי! נעהם דיין ברעכאייזען און שטעל זיך ארויף אויף מיינע פּלייצעס. האב קיין מורא נים העררי, מיין יונגע, איך בין נאך גענוג שטארק אום דיך צו טראגען.

העררי האט פערשטאנען, וואס זיין פאטער מיינט. דער אלטער האט זיך געשטעלט ביי דער וואנד, העררי איז ארויפגעקראכען אויף זיינע פּלייצעס. ביז ער האט דערגרייכט דיא ערטער, וואו דער אונבעקאנטער האט פערשטמירט דיא שפּאלטען אין דער וואנד. יונג און פלינק, וויא העררי איז געוועזן, איז עס איהם געוועזן זעהר לייכט אפצושלאגען דאס פרישע לעהם און קאלך, מיט וועלכע דיא שפּאלטען זיינען געוועזן פערקלעפּט.

קוים האט ער אפּגעשלאגען דאס לעהם, האבען אלע דריי געהערט דייט־ליך א שטילעס רוישען, וויא עס רוישט ארויס פון אַ פלאש סאדא וואסער, ווען מען עפענט זיא. — דער גאז האט אנגעהויבען ארויסצוגעהן פון דיא שפּאלטען.

— גיב מיר דיין לאמפּ, פאטער! האט העררי געבעטען.

דער אינזשעניר האט איהם דערלאנגט זיין לאמפּ. העררי האט זיא צוגע־לענט צו דער וואנד. עס האט זיך געוויעזן א רויטער בליץ און עס האט געגע־בען אַ לייכטען קנאַק.

העררי איז באלד גראפּגעשפּרונגען פון זיין פאטערס פּלייצעס.

דער אלטער מאן האט אנגעחאפּט דעם אינזשענירס ביידע הענד און האט זיי צוגעדריקט צום הארצען.

— אזוי, העררר דשיימס סטאר! האט ער אויסגערופען. דער גאז קנאקט. דא געפינט זיך מארש גאז — דא געפינען זיך קוילען! הורראה!

10טעס קאפּיטעל.

צוריסען מיט דינאמיט.

עס איז געלונגען! דער אלטער פארמאן פון דארטשארט פיט האט בעוויע־זען דעם אינזשעניר, אז פון דער וואנד פון אַ וויטער גאלערעע געהט ארויס מאַרש גאז; ווען עס געהט ארויס מארש גאז, געפינט זיך דא קוילען! שווארצע דיאמאנטען! א רייכטהום פון מיליאנען! הונדערטער ארבייטער וועלען ווידער האבען אַ בעשעפטיגונג. אַבערוויל וועט ווידער אפלעבען.

דיא פראגע איז נור, וואס פאר אַ סארט קוילען געפינט זיך דארט? — דאס איז אבער אַ קלייניגקייט. וואס טיעפער אין דער ערד, אלץ בעסער. — וויפיעל קוילען אבער וועלען זיך דארט געפינען? — דאס קען מען נאך דערווייל נים זאגען. יעצט איז נור דיא פראגע צו עפענען דעם גרויסען קאסטען, וואו דיא אלטע מוטער ערד האלט פערבארגען איהרע שווארצע דיאמאנטען און שעפּען פון איהם מיט ביידע הענט.

איינינע מינוטען איז דער אינזשעניר געשטאַנען פֿערטראַכט און איבער־ראַשט. ער האָט ניט געקענט פֿערשטעהן, פֿאַר וואָס מיט צעהן יאָהר צוריק, ווען ער האָט אויסגעפֿאָרשט די גאַנצע מינע, האָט ער ניט געפֿונען קיין שפּור פֿון קיין קוילען און יעצט האָט זיך פּלוצלונג געוויזען גאַז.

— יאָ, איך זעה יעצט אַליין, אַז דאָ ערגעץ געפֿינען זיך נאָך פֿיעל קוילען, האָט ער ענדליך געזאָגט, וויא צו זיך אַליין. איך האָב דאַמאָלס פּראָבירט בויערן דאָ אין דער וואַנד. די קוילען אָבער ליגען אַזוי ווייט פֿון דער וואַנד, אַז מיין עקבויער האָט זיי ניט דערגרייכט. דער גאַז האָט זיך געזוכט אַן אָרט, וואו אַרויסצוגעהן. ער האָט צוריסען דעם שטיין, דאַדורך זיינען געוואָרען די שפּאַלטען אין שטיין.

עס איז נור שלעכט, וואָס מען האָט צוגענומען אַלע מאַשינען פֿון דער מינע. איך האָב יעצט ניט, מיט וואָס צו אַרבייטען. אָבער דאָס שאַדט ניט! מיר האָבען געפֿונען אַ נייע מינע, מיר וועלען זיא שוין בעאַרבייטען!

— נו? וואָס זאָגט איהר יעצט, הערר דשיימס סטאַר? האָט יעצט דער אַלטער סיימאָן אויסגערופֿען פֿול פֿרייד. האָב איך רעכט געהאַט, וואָס איך האָב אייך בעמיהט פֿון עדינבורג? האָט איהר ניט וואָס צו בעדויערן, וואָס איהר האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף דרייסיג לייטערס און זייט מיט מיר אויסגעקראָכען אַזאַ לאַנגען וועג?

— ניין, גוטער, אַלטער פֿריינד! האָט דער אינזשעניר געענטפֿערט. מיר האָבען ניט פֿערלאָרען ניט אונזער צייט, ניט אונזער מיה. יעצט אָבער פֿערליערן מיר די צייט אומזיסט דערמיט. וואָס מיר שטעהן דאָ און פּלוידערן. מיר מוזען יעצט צוריקגעהן אין אייער וואוינונג און אָנגרייטען אַלעס נעטהיגע. מאָרגען וועלען מיר זיך נעהמען צו דער אַרבייט. וויא איך פֿערשטעה, וועלען מיר מוזען אויפֿרייסען דיעזע וואַנד מיט דינאַמיט. קוים וועל איך אויסגעפֿינען, אַז די קוילען זיינען גוט און די מינע איז גרויס, וועלען מיר גרינדען אַ נייע קאָמפּאַני און איהר, סיימאָן ווארד, וועט ווערן איינער פֿון אונזערע אַקציאָנערן. זעלבסטפֿער־שטענדליך, אַז מיר וועלען מוזען אויפֿנעהמען אַלע מיטגליעדער פֿון דער אַלטער קאָמפּאַני.

ווען דאָס געשעפֿט וועט געהן גוט, וועלען מיר אין דריי מאָנאַטע אַרום אַרויסשיקען דעם ערשטען וואַגאָן קוילען פֿון דער „ניו־אָבערוויל קאָהל ענד מיינינג קאָמפּ."

— גוט, הערר דשיימס סטאַר! די אַלטע מינע וועט אויפֿלעבען, וויא אַ וויטווע, וועלכע געהט הייראַטהען נאָך אַמאָל; איהרע קינדער, וועלכע זיינען יעצט צוזייעט און צושפּרייט איבער גאַנץ ענגלאַנד, וועלען צוריקקומען צו זייער מוטער. עס וועט זיך אָנהייבען אַ נייעס, פֿרעהליכעס לעבען פֿון אַרבייט און טהעטיגקייט. מיר וועלען ווידער הערן, וויא די האַמער קלאַפּען, וויא די מאַשינען אַרבייטען און וויא די קייטען שלעפּען אַרויף וואַגאָנעס קוילען „אויפֿן בראַו".

איך בין נאָך גענוג יונג, איך זאָל ווייטער זיין אויפזעהער און איהר, הערר סניאָר, וועט זיין אונזער אַלטער, גוטער און פעהיגער אינזשעניר.

— יאָ, אַלטער סיימאָן, איך זאָג עס אייך אָפען, איהר זייט געווען געטרייער צו דער אַלטער מינע, אַלס איך. איך האָב זיא פערגעסען, איך האָב שוין אָן איהר גאָר ניט געדאַכט, איהר אָבער זייט איהר געבליעבען געטריי און האָט זיא ניט פערלאָזען.

דער אַלטער מאַן איז געוועזען פול פרייד. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָלט ער געטאַנצט פאַר פרייד. הערריי אָבער איז געבליעבען ערנסט. ערשט יעצט האָט ער זיך דערמאָנט, וויפיעל מאָל מען האָט איהם געשטערט אין זיינע פאָרשונגען. ער האָט מורא בעקומען פאַר דיעזען אונבעקאַנטען, געהיימניספאָלען פיינד, וועלכער, וויא עס ווייזט אויס, האָט זיך פעסט ענטשלאָסען צו שטערן און צו פערהינדערן, אַז מען זאָל ניט עפענען דיא נייע מינע.

— ווער איז דיעזער פיינד? וואָס פאַר אַ צוועק האָט ער? וואָס וועט איהם שאַרען, ווען עס וועט זיך עפענען אַ נייע מינע און הונדערטער אַרבייטער וועלען ווידער האָבען ברויט?

זיין פאַטער אָבער האָט איהם ניט געלאָזען לאַנג טראַכטען.

— לאָמיר געהן אהיים! האָט ער ענדליך געזאָגט. עס איז שוין צייט צו עסען סאָפּער.

אַלע דריי זיינען געגאַנגען צוריק צו סיימאָן וואַרד'ס וואוינונג. אויפ'ן וועג האָט גאָר ניט פאַסירט. אַלעס איז געוועזען שטיל און רוהיג. דיא פינסטערע גאַלערעען פון דער מינע זיינען געבליעבען פינסטער, שטיל און טויט. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין סיימאָנס וואוינונג, איז דער טיש שוין געוועזען געדעקט און דיא אַלטע מעדש האָט געמאַכט אַ פאָרטרעפליכען אָבענד עסען.

דאָס מאָל האָט דשיימס סטאַר געגעסען דיא געריכטען, וואָס מעדש האָט געמאַכט, מיט אַ גרעסערן אַפּעטיט, מיט וועלכען ער האָט אַמאָל געגעסען דיא טהייערסטע עסענס אויף אַ באַלל אין עדינבורג. ביים עסען האָט מען גערעדט פון דער נייער מינע און וויא עס וועט באַלד פרעהליך ווערן אין אָבערוויל. דיא אַלטע פרוי איז געוועזען פיל פרייד, וויא איהר מאַן. זיא האָט ליעב געהאַט, עס זאָל זיך עפּעס טהאָן, עס זאָל זיך קאָכען, עס זאָל זיך רעשען.

נאָכ'ן עסען האָט מען זיך געלעגט שלאָפען. דער אינזשעניר האָט זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז מען קען שלאָפען אַזוי געשמאַק אין אַ קעלער פינף הונדערט פוס דיא טיעף אונטער דער ערד. ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז דאָ איז רוהיגער צו שלאָפען, וויא אין זיין רייכע וואוינונג אין קאַנאָנגייט אין עדינבורג. קיין ליאַרם, קיין גערויש, קיין קלאַפּען פון רעדער און קיין וועהען פון ווינד. אַזאַ שטילע נאַכט האָט ער נאָך אין זיין לעבען ניט פערבראַכט.

ער האָט געשלאָפען אַזוי לאַנג, ביז ער איז אויפגעשטאַנען. — איז יעצט טאָג אָדער נאַכט? דאָס האָט ער ניט געקענט וויסען. אַ געוועהנליכע אוהר קען מען אין אַ מינע גאָר ניט זאָגען. נור אַ גוטע איטאַליענישע אוהר, וואָס דער

ציפערבלאט ווייזט פיער און צוואנציג שטונדען, קען אייך זאגען, ווען אויבען „אויפ'ן גראז" איז טאג אדער נאכט.

דער אינזשעניר האט נור געראכענט, אז עס איז יעצט טאג. סיימאן ווארד, זיין פרוי און זיין זוהן האבען שוין אויף איהם געווארט. מען האט אפגעגעסען א גוטען פריהשטיק און אלע פיער האבען זיך געלאזען אין וועג אריין. דאס מאל האט שוין דיא אלטע מעדש אויך געוואלט געהן. זיא האט געוואלט זעהן מיט איהרע אויגען, וויא עס וועט זיך עפענען א נייע קוועלע פון שווארצע דיאמאנטען.

זיי האבען יעצט מיטגענומען מיט זיך אלערליי אינסטרומענטען, דינאמיט פאטראָנען, עקבוירען און אלעס, וואס איז נעטהיג צום פארשען פון א קוילען מינע. הערריי ווארד האט מיטגענומען זיכערהייטס לאמפען און א גאנץ גרויסען לאמפ, וועלכער זאל קענען ברענען צוואנציג שטונדען נאכאנאנד.

שנעל און פריידיג זיינען זיי יעצט געגאנגען אויף דעם זעלבען וועג, וואס זיי זיינען געגאנגען נעכטען, ביז זיי זיינען אנגעקומען צום ענדע פון'ם טונעל.

— צור ארבייט! האט אויסגערופען דער אלטער סיימאן און האט גענומען א גרויסען עקבויער.

ער האט געוואלט אויסבויערן א לאך אין שטיין, אריינלעגען א דינאמיט פאטראנע און אויפרייסען דעם שטיין.

— ווארט נור א מינוט! האט איהם דער אינזשעניר צוריקגעהאלטען. — לאמיר פריהער זעהן, אויב דער גאז רינט נאך ארויס פון'ם שטיין, וויא נעכטען, אדער מען האט ווידער אמאל פערשמירט דיא שפאלטען. דאס איז דאך אינטערעסאנט צו וויסען.

— איהר האט רעכט, הערר סטאר. עס איז זעהר מעגליך, אז דער אינבע־קאנטער, געהיימניספאלער שטערער האט ווידער פערשמירט דיא שפאלטען פון'ם שטיין.

דיא אלטע מעדש האט זיך אניעדערגעזעצט אויף א שטיין פון דער ווייטען און האט זיך צוגעקוקט צו אלעס, וואס דיא מענער האבען געטהאן. הערריי ווארד האט צוגעבונדען א קליין לעמפעל צו א שטעקען און האט איהם אויפגעהויבען אין דער הויך. עס האט געגעבען א שוואכען קנאק. עס איז דא גאז אין דער לופט, אבער זעהר ווייניג. דשיימס סטאר האט בערעכענט, אז עס איז דא אזוי ווייניג גאז, אז מען האט ניט וואס מורא צו האבען פאר אן עקספלאזיאן. צוואר האבען דיא לופט רייניגונגס מאשינען ניט געארבייט; אזוי וויא דיא מינע האט אבער געהאט פיעלע אריינגענגע, פלעגט זיך דיא לופט אליין אויסרייניגען דורך דיא אריינגענגע און ווענטילאציאנס לעכער.

— יא, מיר מעגען זיך נעהמען צו דער ארבייט, האט ער ענדליך געזאגט.

קוים האט דער אינזשעניר ארויסגערעדט, אז מען מעג זיך נעהמען צו דער ארבייט, האט דער אלטער סיימאן געחאפט זיין עקבויער און האט אנגע־הויבען צו בויערן דעם שטיין.

דיעזע ארבייט איז קיין לייכטע. דער שטיין איז געווען זעהר הארט און

דער אלטער סיימאָן האט געארבייט א גאנצע שטונדע, איידער ער האט אויס-געבויערט דריי ... לעכער אין שטיין.

— זייט דוא אויך ניט לעדיג, הערר, האט דער אינזשעניר געזאגט. הייב אָן צו האקען דעם שטיין אין דער אנדערער וואנט. לאמיר זעהן, וואס פאַר א סארט שטיין דאס איז.

הערר' האט אנגעהויבען צו האקען דעם שטיין מיט זיין שווערן האמער, אז עס זיינען געפלויגען שטיקער אין אלע זייטען. דשיימס סטאר האט אויפגע-הויבען יעדעס שטיקעל שטיין און האט עס בעטראכט. אלס אינזשעניר האט ער געוואוסט, אין וועלכע סארטען שטיינער מען געפינט געוועהנליך דיא קוילען. דער שטיין איז געווען א „פודדינג שטיין", א הארטער גראניט, אין וועלכען עס זיינען געווען אריינגעמישט גרויסע, ווייסע שטיקער קוואַרץ. אזא שטיין איז צו-זאמענגעזעצט פון אייזען, אנטימאניע, קאלך און אנדערע מעטאלען. מייסטענס געפינט מען דיא קוילען אין אזא סארט שטיינער.

ווען סיימאָן איז פערטיג געווארען מיט'ן אויסבויערן דיא לעכער, האט ער אריינגעלעגט אין יעדען לאך א דינאמיט פאטראנע, צו וועלכער עס איז געווען צוגעבונדען א לאנגער פאדים אנגעשמירט מיט טהעער (סמאָלע), לעבען דער פאטראנע איז געווען בעפעסטיגט א קאפסעל מיט פולווער. — דאן זיינען אלע אוועקגעגאנגען אויף עטליכע שריט, האבען זיך בעהאלטען אין א ווינקעלע און האבען אונטערגעצונדען דעם פאדים.

יעצט האבען זיי געווארט. אז דער פייער פון'ם פאדים זאל צוקומען צום פולווער. ווען דאס פולווער וועט זיך אנצינדען, וועט דיא דינאמיט פאטראנע אויסשיעסען און צורייסען דעם שטיין.

דער אלטער סיימאָן איז געווארען אונרוהיג. פון דיעזער מינוט הענגט אלעס אָב. יעצט וועלען זיי שוין וויסען, וואס זיי האבען צו האפען פון דער נייער מינע.

— אך, הערר סטאר! האט ער אויסגערופען. איך שטעה, וויא אויף שפיל-קעס. עס האט מיר נאך קיין מאל אזוי ניט געקלאפט דאס הערץ, וויא יעצט.

— געדולד, אלטער מאן! האט דער אינזשעניר געזאגט. ענטפער'ט מיר בעסער אויף מיין פראגע: דענקט איהר ניט, אז מיר זאלען טרעפען א גאלערע הינטער דיעזע וואנט?

— איך דענק אלעס, הערר סטאר. אלעס איז מעגליך. ווען מיר האבען געהאט דאס גליק צו ענטדעקען א נייע מינע, פאר וואס זאלען מיר ניט האבען דאס גליק צו געפינען דארט א פערטיגע גאלערעע?

אין דיעזע מינוט האט עס געגעבען א שרעקליכען קנאק. דער דינאמיט האט אויסגעשאסען. אלע גאלערעען און גאסען פון אבערוויל האבען א ציטער געטהאן. דער וויעדערהאל האט געענטפערט מיט א קנאק פון אלע טיעפע און פינסטערע געגנ פון דארטשארטיגע פיט.

קוים האט עס אויסגעשאסען, איז דער אלטער סיימאן, מעדש, העררי און דער אינזשעניר געלאפען זעהן, וואס דארט טהוט זיך יעצט.

— הערר דשיימס! הערר דשיימס! האט געשריעען דער אלטער סיימאן אויסער זיך. זעהט נור, הערר דשיימס! עס האט זיך געעפענט א טהיר! מיר האבען ווירקליך צובראכען דיא וואנד פון א נייער גאלעריע!

דער אינזשעניר איז ווירקליך געוועזען איבערראשט. פאר איהם איז געווען אפען א פינסטערער לאך ערגעץ טיעף אין דער ערד אריין. וואוהין פיהרט דיעזער גאנג? וואס ליעגט דא בעהאלטען אין דיעזען שווארצען קאכטען? — ווער ווייס עס? דיא מוטער ערד שווייגט. זיא בעהאלט איהרע אוצרות און זאגט ניט אויס.

העררי ווארד איז געווען אזוי ענטציקט, אז ער האט געוואלט אריינשפרינגען אין דעם נייעם פינסטערן קעללער, וועלכער האט זיך פאר איהם געעפענט. דשיימס סטאר האט איהם צוריקגעהאלטען.

—ווארט, העררי, ביז דיא לופט וועט זיך א ביסעל אויסרייניגען. אין א נייע גאלעריע טאר מען ניט אריינגעהן, מען קען דערשטיקט ווערן.

— ער איז נאך יונג, האט איהם דער אלטער פאטער פערטהיידיגט. ער ווייס נאך ניט, אז אין א נייעם קעלער איז דיא לופט אמאל אזוי שטארק פערדארבען, אז יעדע לעבעדיגע זאך, וואס קומט אריין, ווערט באלד דערשטיקט.

עס האט גאר ניט געהאלפען. מען האט געמוזט ווארטען. דער אינזשעניר איז געווען גענוג ערפאהרען אין אזעלכע זאכען. עס זיינען פערגאנגען עטליכע שווערע מינוטען. ווארטען און האפען, ווען איך זעה פאר מיר א זאך, וועלכעס קען מיר געבען מיליאנען, איז קיין לייכטע אויפגאבע. דער קליגסטער מענש קען פערליערן דיא געדולד.

אלע האבען געשוויעגען, אלע זיינען געווען פערטיעפט אין פרעהליכע געדאנקען פון האפנונג און גליק. ענדליך האט דער אינזשעניר געזאגט:

— לאמיר מאכען א פראבע. נעהם, העררי, בינד צו דיין לאמפ צום שטעקען און לאז איהם אראפ אין דער נייער מינע.

העררי האט באלד געטהאן, וואס דער אינזשעניר האט איהם געהייסען. דער לאמפ האט געברענט אין דער נייער מינע העל און רוהיג.

— ווען דאס פייער ברענט העל, איז דיא לופט דארט ריין, האט דער אלטער סיימאן געזאגט.

— יעצט מעגסט דוא געהן, העררי, האט זיך דער אינזשעניר אפגערופען.

ער האט עס איהם ניט געדארפט זאגען צוויי מאל. העררי האט געכאפט זיין לאמפ אין דער האנד און האט זיך אראפגעלאזען אין פינסטערן קעללער. דשיימס סטאר, סיימאן און מעדש זיינען געשטאנען ביי דער עפענונג און האבען געזעהן, וויא ער איז פערשוואונדען געווארען אין דער פינסטערניס.

דיא עפענונג איז געווען אזוי שמאל, אז א מענש האט קוים געקענט אריינגעהן. העררי ווארד אלס פלינקער יונגער מאן האט זיך דורכגעשטופט און איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען.

עס איז פֿערגאנגען אַ מינוט — צוויי — דריי — הערדי איז ניטאָ! מען זעהט זואגאר ניט דעם שיין פֿון זיין לאמפּ.

דיא דריי מענשען ביים אריינגאנג אין קעלער זיינען געוואָרען זעהר אומ־רוהיג. וואס איז געשעהן מיט הערדי? וואוהין איז ער אהינגעקומען? דיא דריי מענשען האבען איבערגעלעבט עטליכע שרעקליכע מינוטען. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען, וואס דיא אלטע מוטער האט אויסגעליטען אין דיזע עטליכע מינוטען.

פּלוצלונג האט זיך געוויזען א ליכט און זיי האבען דערהערט הערדי'ס שטימע:

— פֿאטער, פֿאטער! קום! דער וועג איז אָפֿען צו ניי אבערוויל!

11טעס קאפּיטעל.

ניי אבערוויל.

מיינע לעזער האבען פֿיעללייכט געהערדט פֿון'ם גרעסטען וואונדער אין דער וועלט, — דיא מאַמאָטה הייל אין קענטוקי, אין אמעריקא. ווען איהר האט פֿון איהר ניט געהערט, וועל איך אייך דערצעהלען. דיא מאַמאָטה הייל — Mammoth cave — איז איינע פֿון דיא גרעסטע וואונדער אין דער וועלט. זיא איז זעהר לאנג און ברייט. מען געפֿינט אין איהר גאנצע קירכען, גאנצע פּאלאצען, וועגען, גאסען, געסלעך, טייכען, אזייראָ'ס, זעען און וואסער־פֿעלע. דיא מאמאטה הייל איז אַ גאנצע וועלט פֿאר זיך. אין ערטער געפֿינט מען זיילען, גאנצע רייהען פֿון זיילען. — זיילען, וועלכע זיינען אונטען דין און אויבען דיק; זיילען, וועלכע זיינען אונטען דיק און אויבען דין. זיילען, וועלכע שטעהן אויסגעשטעלט, גלייך וויא דער בעסטער ארכיטעקטאר וואלט זיי געמאכט.

אין דער מאמאטה הייל געפֿינען זיך צוויי הונדערט זעקס און צוואנציג עוועניוס — גרויסע ברייטע גאסען — עלף זעען (אָזייראָ'ס), זיעבען גרויסע טייכען, אכט וואסער־פֿעלע — ערטער, וואו דאס גאנצע וואסער פֿון אַ טייך פֿאלט אראפּ פֿון אַ הויכען בערג אין אַ טיעפֿען טהאל. — אין צוויי און דרייסיג ערטער גע־פֿינען זיך אזעלכע גריבער, וועלכע מען קען ביז אויף היינטיגען טאג ניט וויסען, וויא טיעף זיי זיינען. ווייטער געפֿינען זיך דארט זיעבען און פֿופֿציג קופּאלען, וויא אויף קירכען. אייניגע קופּאלען זיינען פֿיער הונדערט פֿופֿציג פֿוס דיא הויך.

דיא גאנצע מאמאטה הייל פֿערנעהמט א פּלאץ פֿון עטליכע און צוואנציג מייל דיא ברייט און דיא לענג.

אזוי וויא אין הייל איז שטארק פֿינסטער און מען מוז געהן מיט פֿאקעלן אין דיא הענד, זעהט מען אין דיזער הייל נאך אגאנדער וואונדער. ווען דאס ליכט פֿון דיא פֿאקעלן פֿאלט אויף דיא זיילען, הייבען זיי אן צו גלאנצען און צו פֿונקלען, וויא ברילליאנטען.

פֿון וואנען האט זיך גענומען דיזע הייל? האבען זיא מענשען געמאכט? ניין! דיזע הייל האט זיך געבילדעט אין יענע אלטע צייטען פֿון אַ שטארקער

ערדציטערניש אָן וויא איז ניט פערגאַסען געוואָרען מיט געשמאָלצענע סינעראַ-
לען און מעטאַלען.

עס געפינען זיך פיעלע אַזעלכע היילען אויף דער וועלט, וועלכע וואַלטען
אַמאָל געקענט נוצען. ביז אויף היינטיגען טאָג שיקט נאָך דאָקטוירים קראַנקע
מענשען, בעזאָנדערס דיא, וועלכע ליידען פון לונגען קראַנקהייטען, אין דער
מאַמאָטה הייל.

פיעלע געלערנטע האָבען שוין לאַנג געשריעבען, אַז אין שאָטלאַנד גע-
פינט זיך געוויס אַזאַ הייל, ריכטיגער געזאָגט, אַזאַ לאַנד אונטער דער ערד, אין
וועלכער מענשען וועלען נאָך אַמאָל קענען וואוינען. דיא פראַגע איז נור, וויא
אַזוי קומט מען צו צו אַזאַ הייל? ווען מען זאָל גראָבען און זוכען, וועט מען זיא
געוויס ניט געפינען. נור דער צופאַל קען פיהרען דיא מענשען צו דער ענטדע-
קונג פון אַזאַ הייל.

דיא מאַמאָטה הייל האָט מען אויך אויסגעפונען דורך אַ צופאַל. ווער ווייס,
וואָס עס וועט נאָך אַמאָל זיין? מעגליך, אַז עס וועט זיך געפינען אַ צווייטער
קאָלומבוס, וועלכער וועט ענטדעקען אַ גאַנץ נייע וועלט טיעף אין בויך פון דער
ערד. מעגליך, אַז מען וועט דאָרט אַקערן און זעען. אַלע פריכטע וועלען דאָרט
אונטען געוויס וואַקסען בעסער, וויא אויבען אויף דער ערד. קיין ווינד, קיין
קעלט און קיין האַגעל וועט זיי ניט שאַדען. דאָס איינציגע, וואָס עס וועט זיי
פעהלען — דיא זון, קען מען פערבייטען דורך גרויסע עלעקטרישע לאַמפען.

אַבער גענוג פאַנטאַזירען! לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער ערצעהלונג.

קוים האָבען זיי דערהערט העררי'ס שטימע, איז דער אַלטער סיימאָן, דער
אינזשעניר און מערדש איינציגוויים אַריינגעגאַנגען אין דער שמאָלער עפענונג,
וועלכע האָט געפיהרט אין דער נייער מינע.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ גרויסע גאַלערעע. עס האָט זיך זיי אויס-
געוויעזען, אַז מענשען הענד האָבען דיעזע גאַלערעע אויסגעהאַקט אין שטיין.
דשיימס סטאַר האָט זאָגאָר אָנגעהויבען צו קלערן, אויב זיי האָבען ניט אַ טעות
געהאַט און האָבען גאַנץ איינפאַך צובראָכען דיא וואַנד, וועלכע האָט אָפּגע-
טהיילט איין גאַלערעע פון דער אַנדערער אין דאָרטשאַרט פיט.

ווען ער האָט זיך אַבער צוגעקוקט נעהנטער און האָט אָנגעהויבען צו
בעטראַכטען דיא וואַנד פון דער נייער גאַלערעע, האָט ער דערזעהן, אַז דיא
ווענט זיינען גלאַט, גלייך וויא זיי וואַלטען געווען פאָלירט. אַ נייער געדאַנק
איז איהם געקומען אין קאָפּ. דאָ איז אַמאָל געפלאָסען אַ גרויסער און שנעלער
טייך. דיא וואַסערן האָבען געשליפען דיא שטיינערנע ווענד און האָבען זיי גע-
מאַכט אַזוי גלאַט.

דשיימס סטאַר האָט עס ערקלערט זיינע קאַמעראַדען.

— ווען דאָ איז אַמאָל געווען אַ טייך, איז דאָך דאָס וואַסער ערגעץ אַרויס-
געגאַנגען; אַלזאָ, מוז דאָ ערגעץ זיין אַן אָרט, פון וואַנען דיא לופט קומט
אַריין, דאָס איז דיא אורזאַכע, וואָס דיא לופט איז דאָ אַזוי ריין.

— אַלזאָ, פון וואנען איז געקומען דער גאז, וואס מיר האבען נעכטען געפונען? האט הערריי געפרעגט.

— דאס ווייס איך דערווייל נים, איך האָף אָבער, אז מיר וועלען עס אויסגעפינען. דערווייל לאמיר געהן זעהן, וואס עס געפינט זיך אין דיעזער זאנדערבארער מינע.

זיי זיינען אוועקגעגאנגען א פופציג טריט און זיינען געבליעבען שטעהן מיט שטוינען און בעוואונדערונג.—אונטער זייערע פיס, איבער זייערע קעפּ און וואוהין זייא האבען זיך צוגעריהרט,—אלעס איז געוועזן ריינע, שווארצע גלענצענדע קוילען.

אלע פיער זיינען געבליעבען שטעהן און האבען בעטראכט דיעזעס רייכטהום, דיעזע מיליאנען, וועלכע ליגען בעגראבען אין דער נייער מינע. זייער פרייד איז געוועזן אזויא גרויס, אז זייא האבען נים געקענט ריידען א ווארט.

דער אַלטער סיימאן און זיין פרוי מעדש האבען ערשט דאמאלס פערשטאנען וואס עס הייסט געפינען אן אוצר. אלס איינפאכע מענשען פלעגען זייא שטענדיג מיינען, אז געפינען אן אוצר הייסט געפינען א קאסטען מיט גאלדענע און זילבערנע מטבעות. יעצט ערשט האבען זייא פערשטאנען, אז זייא האבען געפונען א וואהרען אוצר.

זיי האבען פערגעסען, וואו זיי זיינען; זיי האבען פערגעסען, אַז זייערע לאמפּען קענען אויסגעהן, אז עס וועט אויסגעברענט ווערן דאס אייל אין זיי.— זיי האבען אלעס פערגעסען און זיינען געגאנגען אלץ וויימער און וויימער, ביז דער וועג האט זיך געענדיגט ביי אן אונגעהייער הייל.—ווי גרויס איז דיעזע הייל? וויא טיעף איז זיא? דאס איז געוועזן אינמעגליך צו וויסען.

הערריי ווארד האט אויפגעהויבען זיין לאָמפּ אין דער הויך און האט בעלייכטעט דיא הייל. אָבער אַלעס ארום איז געוועזן פינסטער. דער שיין פון'ם לאמפּ האט נים דערגרייכט צו דיא וועגט פון דער הייל.

איין זאך האט דער שיין פון'ם לאמפּ דאך געוויעזען.—אונטען ערגעץ ווייט האט געגלענצט וואסער. דארט ערגעץ איז געוועזן א טייך אָדער א זעע.

— בלייב שטעהן, הערריי! געה נים וויימער! האט געשריען דער אלטער סיימאן. מיר וויסען דאך נים דעם וועג. מען קען דאך דא אריינפאלען ערגעץ אין א טיעפער גרוב.

— מיר מוזען זיך דא אָפּרוהען, האט דער אינזשעניר געזאגט. מיר מוזען דענקען צוריקצוגעהן אהיים.

— וואס רעדט איהר, הער סטארר? האט הערריי געזאגט. מיר האבען זיך נים וואס צו איילען. מיין לאמפּ וועט נאך ברענען גאנצע פופצעהן שטונדען. וויא קענען מיר זיך אָפּרייסען פון אונזער נייער ענטדעקונג, פון אונזער נייאבערוויל?

— אלענפאלס מוזען מיר זיך אביסעל אָפּרוהען, האט דער אינזשעניר געזאגט. איך פיהל, אז איך מוז מיך אָפּרוהען.—וויא פיהלט איהר אייך, מעדש?

איך בין ניט מיעד, האט דיא אלטע פרוי געענטפערט. מיר זיינען שוין געוואינט דערצו. איך אליין פלעג אויך אמאל נעהמען א לאמפ אין דיא הענד און געהן זוכען און פארשען אין דער אלטער מינע.

— וויא איהר זעהט, הערר דשיימס, איז מיין אלעטע מעדש אן עכטע פרוי פון א קוילען גרעבער. זיא האט אויך ליעב דיא מינע און שוואַרצע דיאמאנטען אין דער ערד זיינען ביי איהר טהייערער אלס ווייסע בריליאנטען אין איהרע אויערן. — לאמיר דערפון ניט רעדען! זאגט מיר בעסער הערר סטאר, זייט איהר צופריעדען? בעדויערט איהר ניט, וואס איהר זייט געקומען אהער? זאגט מיר, וואס דענקט איהר פון דער נייער מינע?

— וואס זאל איך אייך זאגען, אלטער פריינד? איך האב אין מיין לעבען ניט געפיהלט אזא גרויסע פרייד, וויא היינט. זא פיעל איך פערשטעה, איז דיעזע מינע זעהר רייך. זיא איז זעהר לאנג און ברייט, הויפטזעכליך אבער זעהר טיעף.

– טיעף אויך?

— איך קען עס ניט זאגען פאר געוויס, האט דער אינזשעניר געענטפערט. מיר זיינען דורכגעגאנגען א גאנץ קליינע שטרעקע פון דער נייער מינע, אין גאנצען פיעללייכט א פאר מייל, אבער פון דעם וואס איך האב געזעהן, קען איך אורטהיילען, אז דיא מינע איז זעהר טיעף.

— איך בין זיכער, אז זיא איז זעהר טיעף! האט דער אלטער סיימאן געזאגט שטאלץ. איך בין ניט קיין אינזשעניר, איך בין נור אן איינפאכער קוילען גרעבער. איך פיהל עס אבער. מיין הארץ זאגט עס מיר.

— און איהר האט רעכט. ווען דיא שנעלע בערעכענונג, וואס איך האב געמאכט, וועט זיך צייגען אלס ריכטיג, געפינט זיך אין דיעזער מינע קוילען אויף הונדערטער יאהרען.

— אויף הונדערטער יאהרען, הערר סטאר? שפאסט איהר ניט? האט דער אלטער מאן געפרעגט.

— יא, סיימאן! נאך מיין רעכנונג דארף זיך דא געפינען קוילען אויף אכט הונדערט ביז טויזענד יאהר, ווען דריי הונדערט ארבייטער זאלען ארבייטען טעגליך. אונזער ניי-אבערוויל וועט באלד אויפבליהען, עס וועט זיך אנהייבען א נייעס לעבען, א נייעס ווירקען און א נייע טהעטיגקייט. הונדערטער מענשען וועלען האבען ארבייט און ברויט.

— וואס פאר א סארט קוילען אבער געפינט זיך דא?

— דאס וועלען מיר באלד זעהן, האט דער אינזשעניר געזאגט און האט געוואלט נעמען סיימאנ'ס האמער.

דער אלטער מאן האט עס ניט דערלאזען. ער האט אויפגעהויבען זיין ברעכאייזען, האט איהם אריינגעשטעקט אין דער וואנד מיט דער קראפט און דיא שנעליגקייט פון א יונגען מאן. א גרויס שטיק קוילען האט זיך אפגעבראָבען. סיימאן האט זיך אויפגעחאפט, גלייך וויא עס וואלט געווען גאלד און האט עס בעטראכט ביים לאמפ.

— גראַבארטין! פֿארטרעפֿליך! האט ער אויסגערופֿען און האט עֶר דער־לאַנגט דעם אינזשעניר.

דשיימס סטאר האט אויך בעטראכט דאס שטיק קוילען. עס איז ווירקליך געווען דיא בעסטע סארט קוילען, וואס מען גראבט אויס אין ענגלאנד. עס האט געגלאַנצט, וויא אַ שפּיעגעל.

— פֿארטרעפֿליך! האט ער אויך אויסגערופֿען.

— דאס איז אַ זעלטענער סארט קוילען, האט דער אלטער סיימאן געזאגט פֿול פֿרייד. אזעלכע קוילען געפֿינט מען נור אין איין ארט אין דער גאנצער וועלט — אין קאַרדיף. זיי האבען אין זיך 96 פּראצענט קוילען.

דיא אלטע מעדש האט אויך גענומען דאס שטיק קוילען און האט עס בעטראכט. זיא איז אויך געווען אַ גרויסע קענערין אויף קוילען.

— אהה, עס איז זעהר א גוטער סארט קוילען, האט זיא געזאגט. ווען מען ברענט עס אויף, געהט ניט ארויס קיין שטויב. איך וועל נעהמען אהיים דיעזעס שטיק קוילען. איך וויל זיין דיא ערשטע צו קאכען אויף דיעזע קוילען.

— גוט געזאגט, מיין ליעבע אלטע מעדש! דוא ביסט דיא פֿרוי פֿון אן עכטען קוילען גרעבער.

— הערר סטאר, האט פלוצלונג הערדי געפֿרעגט, האט איהר עפּעס א בעגריף פֿון דעם וועג, וואס מיר זיינען דורכגעגאנגען אין דער נייער גאלערעע? ווייסט איהר, וויא אזוי צו געפֿינען דעם וועג פֿון דער נייער גאלערעע צו דער אלטער?

— ניין, הערדי, האט דער אינזשעניר געענטפֿערט. ווען איך זאל האבען ביי מיר אַ קאָמפּאַס און זאל געווען אויף איהם א קוק טהאן, ווען מיר זיינען אריינגעגאנגען אין דיעזע גאלערעע, וואלט איך יעצט געוואוסט, וויא אזוי ארויס־צוגעהן. יעצט אבער בין איך, וויא אַ שיפֿסקאפּיטאן אין דער מיט פֿון'ם וועלט מעער, ווען ער האט פֿערלארען זיין וועג און דיא זון שיינט ניט, זיא זאל איהם ווייזען, וואוהין צו פֿאהרען. ער זעהט ארום זיך נור הימעל און וואסער; מיר זעהן ארום זיך נור קוילען און קוילען.

— אייער ביישפּיעל געפֿעלט מיר ניט, הערר סטאר, האט זיך אפּגערופֿען דער אלטער סיימאן. א שיפֿס קאפּיטאן זעהט פֿאר זיך נור אַ טיעֿען, שוואר־צען אפּגרונד; זיין שיף שאקעלט זיך און ציטערט אונטער זיינע פֿיס. מיר אבער שטעהן אויף אַ פֿעסטען גרונד. אונטער אונזערע פֿיס האבען מיר הארטע קוילען, איבער אונזערע קעפּ — קוילען און פֿון אלע זייטען; — קוילען און קוילען.

— איך וויל אייך ניט בעאונרוהיגען, אלטער סיימאן, האט דער אינזשע־ניר געענטפֿערט און האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען.

ער האט פֿערשטאנען, וואס הערדי האט געפֿרעגט. דער אלטער סיימאן איז אבער געווען אזוי פֿול פֿרייד איבער דיא נייע מינע, אז ער האט גאר ניט פֿערשטאנען, וואס זיין זוהן האט געפֿרעגט און וואס דער אינזשעניר האט איהם געענטפֿערט.

הערריִ האט זיך ערשט יעצט אומגעקוקט, אז זיי זיינען פערגאנגען זעהר וויים. עס וועט זיין גוט, ווען אין דער גאנצער הייל געפינט זיך נור איין גאלערעע — א י י ן וועג. וואס טהוט מען אבער, ווען עס געפינען זיך עטליכע גאלערעען? וויא אזוי וועלען זיי ארויסגעהען? אין דער אלטער מינע איז ער שוין אזוי גוט בעקאנט, אז ער קען יעדען טונעל, יעדע גאלערעע און יעדען גאנג. דארט קען ער אויף קיין פאל ניט פערבלאנזעט ווערן. דא אבער, אין דער נייער, אונבעקאנטער מינע, ווייס ער דאך גאר ניט. וויא אזוי וועלען זיי געפינען דעם וועג צוריק?

דשיימס סטאר האט זעהר גוט פערשטאנען הערריִ'ס פראגע. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז געוועהנליך ווען מען געהט אריין אין אן אונבעקאנטער הייל, בינדעט מען צו אַ לאנגען שטריק ביים אריינגאנג אין הייל און מען האלט דעם שטריק אין דער האנד. ווען מען וויל געהן צוריק, ווייזט דער שטריק שוין דעם וועג. דאס מאל אבער זיינען זיי געווען אזוי איבערראשט פון דער נייער ענטדעקונג, אז זיי האבען אן אלעם פערגעסען.

דשיימס סטאר האט זעהר גוט געוואוסט, אז אין דער מאַמאָטה הייל טאר מען אליין ניט געהן. מען מוז האבען אַ פיהרער. ניט איין רייזענדער איז פערבלאנזעט געווארען אין דער מאַמאָטה הייל און איז דארט אומגעקומען פון הונגער און דורשט.

דיעזע טרויעריגע געדאנקען זיינען דורכגעפלויגען, וויא א בליץ אין'ם אינזשעניר'ס קאפ, ווען הערריִ האט איהם געפרעגט, אויב ער וועט קענען טרעפען דעם וועג צוריק.

דער אלטער סיימאן האט ניט פערשטאנען ניט הערריִ'ס פראגע, ניט דעם אינזשעניר'ס אנטווארט.

— איך פערשטעה אייך ניט, הערר סטאר, האט ער געזאגט. וואס הייסט איהר ווילט מיך ניט בעאונרוהיגען? זיינען דען דיא קוילען שלעכט?

איהם איז געלעגען אין קאפ דיא נייע מינע מיט דיא פרישע קוילען.

— איך רעד ניט פון דיא קוילען פון ניי אבערוויל, האט דער אינזשעניר געענטפערט, דיא קוילען זיינען גוט און דיא מינע איז זעהר רייך. דאס איינציגע, וואס איך וויל יעצט וויסען, איז נור: וואו זיינען מיר יעצט?

— וואס הייסט, וואו זיינען מיר יעצט? האט געפרעגט דער אלטער סיימאן. מיר זיינען אין ניו אבערוויל, וועלכע געפינט זיך אין סטירלינג קאָאונטי, אין שאטלאנד!

דער אינזשעניר האט ניט געענטפערט. ער האט א קוק געטהאן אויף הערריִ'ס געזיכט און אַ קאלטער פראסט איז איהם איבערגעגאנגען איבערן לייב. הערריִ האט זיך שוין גוט צוגעקוקט. עס געפינען זיך ווירקליך זעהר פיעל וועגען און גאלערעען, אז ער געדענקט שוין ניט פון וועלכער גאלערעע זיי זיינען אנגעקומען.

דיא לאנגע איז געווארען אַ שרעקליכע, אַ פערצווייפעלטע. ער האט נאך

ניט געוואלט זאגען דעם אלטען מאן, אז דערווייל ווייסען זיי ניט, וויא אזוי צו געהן אהיים. זיי קענען ארומבלאנזשען אזוי לאנג, ביז זייער לאמפע וועט אויסגעהן, דאן העלען זיי בלייבען אין דער פינסטער און אויסגעהן פון הונגער און דורשט.

עס זיינען אזוי פערגאנגען עטליכע שרעקליכע מינוטען פארן אינזשעניר און דעם יונגען הערריי ווארד.

— הערט אייך נור צו! האט פלוצלונג הערריי אויסגערופען. הערט איהר ניט איבער אונזערע קעפ עפעס א רוישען און זיעדען?

אלע האבען זיך גוט צוגעהערט. אלע האבען געהערט דייטליך א רעש איבער זייערע קעפ. דער אלטער סיימאן האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט אויסגערופען:

— וואס זאל דאס זיין? זאלען שוין געהן וואגאנעס מיט קוילען אין ניו אבערוויל?

— פאטער, דאס רוישען קיינע וואגאנעס פון אן אייזענבאהן, האט הערריי געענטפערט. מיר דאכט, אז דאס רוישען דיא וועללען (כוואליעס) פון'ם מעער.

— אה, ניין, הערריי! מיר זיינען ניט אונטערן מעער. מיר זיינען גאר ניט געגאנגען אזוי ווייט. מעגליך, אז מיר זיינען יעצט אונטער דעם זעע (אזיערא) לייק קאטרין.

— דאן איז דיא וואנד איבער אונזערע קעפ ניט שטארק דיק, האט הערריי ווייטער געזאגט, ווייל איך הער דייטליך, וויא דאס וואסער רוישט און קאכט איבער אונז.

— איך מיין אויך, אז דער דאַך איבער אונז איז ניט שטארק דיק, האט דער אינזשעניר געזאגט. איך אורטהייל דערפון, וואס אין דער גאלערעע דורך וועלכער מיר זיינען אריינגעקומען, האט אמאל געפלאסען א טייך. ער האט דאך געמוזט ערגעץ ארויס. וואסער בויערט אויס א לאך אין דער ערד און געהט ערגעץ ארויס.

— איהר קענט גאר ניט וויסען, האט סיימאן געזאגט. עס איז זעהר מעג-ליך, אז דאס וועטער אויבען, „אויפ'ן גראז“ איז זעהר שלעכט. עס האט אויס-געבראכען א שטורם אויף דער אזיערא, לייק קאטרין.

— זעהט איהר, הערר סיימאן, איהר האט טאקע רעכט. איהר זייט אפגע-וואינט צו לעבען דארט, „אויפ'ן גראז“, איהר זייט געוואינט צו לעבען אין אייער רוהיגער וואינונג אונטען. איהר האט דערפאר א גוטען אויער און הערט אלעס.

דער אינזשעניר האט ניט געוואלט איבערשפארען דעם אלטען מאן און איהם ערקלערן, אז זיי געפינען זיך ווירקליך אונטערן מעער.

— וואס געהט עס אונז אבער אן, וואס עס טהוט זיך אויבען? האט דער אלטער אויסגערופען. דיא קוילען אין דער מינע זיינען זעהר גוט. דאס האבען מיר געוואוסט, דאס האבען מיר געפונען. דאס איז אלעס. איך האב געהערט, אז מען גראבט קוילען פון'ם גרונד פון'ם מעער און דיא קוילען זיינען גאנץ גוט.

מיר דאַרפֿען נור גוטע קוילען און א רייכע מינע. דאס האבען מיר. מיר דאַרפֿען אנהויבען צו גראבען און צו רייסען דיא שווארצע דיאמאנטען.

דער אינזשעניר האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט א שמייכעל געטהאן.

— בראווא, אלטער! האט ער אויסגערופֿען, אזוי האב איך אייך ליעב. לאמיר גראבען אזוי לאנג, ביז מיר וועלען צוקומען צו אונזערע ברידער אין אמעריקא! לאמיר דורכלעכערן דאס וועלט מעער! לאמיר גראבען אזוי וויים, ביז מיר וועלען צוקומען צום מיטעל פונקט פֿון דער ערד! מיר דאַרפֿען זוכען קוילען. לאמיר זוכען אזוי לאנג, ביז מיר וועלען אויסגעפֿינען אלע קאסטענס און קעכטעלעך, וואו אונזערע אלטע מוטער ערד האט בעגראבען און בעהאלטען איהרע שווארצע דיאמאַנטען!

— איהר לאכט פֿון מיר, הערר סטאר, האט דער אלטער געזאגט מיט א פֿארוואורף.

ער איז געוועזען אויפֿין זיעבעטען הימעל פֿאר פֿרייד, וואס ער האט אויסגעפֿונען דיא נייע מינע. פלוצלונג האט איהם דער אינזשעניר אראפגעשלעפט פֿון אלע זיינע הימלען.

— איך לאך ניט פֿון אייך, אלטער סיימאן, האט דער אינזשעניר געזאגט ערנסט, איך בעוואונדער אייך. איך זעה מיט שטוינען, וויא אזא אלטער מאן, וויא איהר, ווערט אזוי בעגייסטערט דערפֿון, וואס מען האט אויסגעפֿונען א נייע מינע. — לאמיר עס לאזען, אלטער מאן! לאמיר בעסער אנהויבען צו געהן אהיים.

יעצט האט מען ווירקליך מעהר ניט געקענט טהאן. מען מוז געהן אהיים, איינלאדען ארבייטער און קומען מיט א פארטיע פֿין פֿופֿציג - זעכציג מענשען מיט אלערליי מאשינען אונטערזוכען דיא מינע, זיא אין גאנצען אויספֿארשען און דאן ערשט קען מען אנהויבען צו טראכטען, וויא אזוי זיך צו נעהמען געשמאק צו דער ארבייט.

סיימאן ווארד האט עס זעהר גוט געוואוסט. ער האט זיך שוין אביסעל בערוהיגט און איז געוועזען בערייט צו געהן אהיים און זיך נעהמען צו דער ארבייט: צונויפֿרופֿען ארבייטער.

קוים אבער האבען זיי זיך אויפֿגעהויבען און האבען געוואלט געהן אהיים, האט זיך דער אלטער סיימאן געווענדעט צום אינזשעניר:

— זעהט איהר, הערר סטאר! דא, ביים ברעג פֿון דיעזען זעע (אזיערא) וועל איך מיר אויסבויען א וואינונג. דא וועל איך וואינען, פֿון דאנען וועל איך אכטונג געבען אויף דער נייער מינע. איך וועל נאך איינלאדען איינינגע טיכטיגע ארבייטער, זיי זאלען זיך אויך אויסבויען וואינונגען לעבען מיר. — מיר וועלען דא גרינדען א נייע קאלאניע — ניו אבערוויל. אונזער נייע קאלאניע וועט זיין אביסעל טיעף אונטער דער ערד, מיר וועלען אבער דא לעבען גליקליך און רוהיג.

דשיימס סטאר האט געשמייכעלט. ער האט בעוואונדערט דעם אלטען מאן. — וואס פֿאר א קראפֿט! וואס פֿאר אן ענערגיע געפֿינט זיך נאך אין דיעזען

אלטען, אבער נאך גאנץ קרעפֿטיגען קערפער! ער האט איהם געדריקט דיא האנד און זיי האבען זיך געלאזט געהן אהיים.

הערריי ווארד איז געגאנגען פֿאראויס, הינטער איהם איז געגאנגען זיין אלטע מוטער. דער אינזשעניר און דער אלטער פֿאטער זיינען געגאנגען פֿון הינטען.

זיי זיינען אזוי געגאנגען א שטונדע. הערריי ווארד האט געהאלטען זיין לאמפ אין דער הויך און האט בעלייכטעט דעם וועג. ער איז געגאנגען אין דער הויפט גאלערעע. ער האט גוט געזעהן, אז פֿון אלע זייטען ציעהען זיך גאסען און געסלעך. וויא עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען, איז ער געגאנגען ריכטיג. דשיימס סטאר איז צוואר געוועזען אונרוהיג, ער האט עס אבער ניט געוואלט וויזען פֿארן אלטען סיימאן און זיין פֿרוי. ער האט זיך אין גאנצען פֿערלאזען אויפֿן פֿעהיגען און פֿלינקען הערריי.

פלוצלונג האבען זיי געפֿיהלט אַ בעוועגונג אין דער לופֿט, גלייך וויא פֿליעגעל פֿון אַ גרויסען פֿויגעל האבען אנגעהויבען צו קלאפען און האבען געטראפֿען הערריס לאמפ. — דער לאמפ איז ארויסגעפֿאלען פֿון זיינע הענד, איז אראפגעפֿאלען אויף דיא הארטע קוילען און איז צובראכען געווארען אויף שטיקלעך. דער בוימעל האט זיך אויסגעגאסען, דער קנויט האט זיך פֿערלאשען.

זיי זיינען געבליעבען אין דער פֿינסטערניס. דער אלטער סיימאן און זיין פֿרוי זיינען געוועזען אזוי איבערראַשט, ווען זיי האבען דערזעהן זייער זוהן הערריי דאמאלס, ווען ער איז פֿערשוואונדען געווארען אין דער נייער מינע, אז זיי האבען איבערגעלאזען זייערע לעמפלעך אין דער אלטער מינע. הערריי איז געוועזען דער איינציגער, וואס האט געהאט א לאמפ אין דער נייער מינע. יעצט, ווען זיין לאמפ האט זיך צובראכען, זיינען זיי געבליעבען אין א שרעקליכע פֿינסטערניס.

— וואס האסט דוא געטהאן, הערריי? האט סיימאן ווארד געשריען אין דער הויך. וויא אזוי וועלען מיר קומען אהיים?

דער אלטער מאן איז געגאנגען א ביסעל ווייטער הינטער הערריין און האט נאר ניט געזעהן, וואס דא איז פֿארגעקומען.

הערריי האט ניט געענטפֿערט אויף זיין פֿאטערס פֿראגע. ער איז געוועזען אזוי ערשטוינט און איבערראשט פֿון דעם, וואס עס האט זיך איהם יעצט געטראפֿען, אז ער האט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט.

— וואס זאל דאס זיין? האט ער געפֿרעגט זיך אליין. זאל עס זיין דעו זעלבער אונבעקאנטער, וועלכער האט פֿערשמיערט דיא לעכער פֿון דער וואנט? אלזא, געפֿינט זיך אין דער מינע ווירקליך אַ פֿיינד. וועלכער וויל ניט, אז מען זאל עפֿענען דיא נייע מינע. דיעזער אונבעקאנטער פֿיינד וועט אונז שטענדיג מאכען שוועריגקייטען. אין א מינע הענגט דאס לעבען פֿון הונדערטער מענשען אויף אַ האר. מען קען אויסבויערן אַ לאך ביז ערגעץ אין אַ וואסער און פֿערגיעסען דיא מינע; מען קען פֿון אויבען אנצינדען דעם גאז און צורייסען דיא מינע אויף שטיקלעך.

ווינע נעדאַנקען זיינען נעוועזען זעהר טרויעריג. ער האָט זאָגאַר פֿערגעסען, אין וואָס פֿאַר אַ געפֿעהרליכע לאַגע זיי געפֿינען זיך יעצט און האָט נור געדאַכט, אז עס קען זיין, אז זייער גאַנצע אַרבייט איז געוועזען אומזיסט. זיי וועלען נאָך אריינשלעפען אין אַן אונגליק הונדערטער אַרבייטער.

רשייסס כטאר און זאָגאַר דער אַלטער סיימאַן האָבען באַלד איינגעזעהן, אַז זיי געפֿינען זיך אין זעהר אַ שלעכטע לאַגע. נאָך זייער רעכנונג האָבען זיי נאָך אַ פּאָר מייל, ביז זיי וועלען קומען צו דער אַלטער מינע. דאַן האָבען זיי נאָך אַ שטונדע רייזע ביז צו סיימאַנ'ס וואוינונג. סיימאַן וואַרד איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו רעדען.

— לאָמיר געהן! האָט ער אויסגערופֿען. עס העלפֿט נים. מיר מוזען געהן אין דער פֿינסטער און טאַפּען דעם וועג, וויא דיא בלינדע. — מיר זיינען אין דער הויפּט גאַלערעע. מיר וועלען געהן אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלען צוקומען צו דער עפֿענונג, וועלכע מיר האָבען פֿריהער אויפֿגעריסען מיט'ן דינאַמיט. קוים וועלען מיר זיין אין דער אַלטער מינע, וועל איך שוין טרעפֿען דעם וועג אין דער פֿינסטער.

אויסער דעם וועלען מיר דאָך דאָרט געפֿינען אונזערע לעמפּלעך. קוים וועלען מיר זיין נאָהענט פֿון דער עפֿענונג, וועט דער שיין פֿון אונזערע לעמפּלעך אונז שוין ווייזען דעם וועג.

קיינער האָט איהם נים געענטפֿערט. סיימאַן וואַרד איז געוואָרען אַ גענע־ראַל און האָט אָנגעהויבען צו קאָמאַנדירען.

— דוא, העררי, געה פֿאָראויס, דאַן זאָל געהן העדר סטאַר. נאָך איהם מעדש. איך וועל זיין דער לעצטער. דיא הויפּטזאַכע איז, מיר זאָלען געהן איינער לעבען אַנדערן, אַז יעדער זאָל קענען פיהלען דעם אַנדערנ'ס טריט און זאָל זיך קענען אָנהאַלטען אָן איהם אין אַ נויט.

דיא קליינע אַרמעע האָט פּינקטליך אויסגעפֿאָלגט דיא בעפֿעהלע פֿון זייער אַלטען גענעראַל. וואָס דען האָבען זיי געקענט טהאָן? יעדער האָט געפֿיהלט, אַז זייער לאַגע איז אַ פֿערצווייפֿעלטע. זיי מוזען געהן ווייטער, זיי מוזען זעהן אַרויסקריעכען פֿון דאָנען, זאָנסט וועלען זיי דאָ מוזען שטאַרבען פֿאַר הונגער. שוואַרצע דיאַמאַנטען זיינען טאַקע זעהר גוט, עסען אָבער קען מען זיי דאָך ניט. מען מוז טאַפּען דעם וועג און געהן פֿאָרוועדטס.

זיי זיינען געגאַנגען אין דער אָרדנונג, וויא דער אַלטער סיימאַן האָט זיי געהייסען. אין דער מינע איז געוועזען שטיל און פֿינסטער. קיינער האָט ניט גערעדט אַ וואָרט, יעדער איז געוועזען פֿערטיעפֿט אין זיינע טרויעריגע געדאַנקען. זאָגאַר דער אַלטער סיימאַן האָט אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן, אַז דאָ איז עפּעס, אַז זיי האָבען עפּעס אַ פֿיינד, וועלכער האָט אומיסטען צובראָכען העררי'ס לאָמפּ. דער אַלטער מאַן האָט זעהר גוט געקענט זיין זוהן. ער האָט געוואוסט, אַז העררי איז פֿאָרזיכטיג, אַז דער לאָמפּ איז ניט צובראָכען געוואָרען גלאַט אַזוי.

אַזוי זיינען זיי געגאַנגען גענען אַ שטונדע. העררי האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענד און האָט געטאַפּט דיא ווענט פֿון דער מינע. ער איז געשפּרונגען

פֿון איין וואנט צו דער אנדערער, האט בעטאפט מיט דיא הענד ביידע ווענט, אום ער זאל זיך איבערצייגען, אז ער געהט אין דער מיט פֿון דער גאלערע. זיי זיינען ניט געקומען צו קיין ענדע.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען נעגען א שטונדע. — אין אזא שרעקליכע פֿינ־סטערניס איז ניט אזוי לייכט צו געהן, אבער צוויי שטונדען זיינען א נערוויטע צייט, האט זיך געטראכט דשיימס כטאר.

נאך זיין רעכנונג האבען זיי שוין געדארפֿט זיין גאנץ נאהענט פֿון דער טהיר, דורך וועלכע זיי זיינען אריינגעקומען.

פלוצלונג איז העררי געבליעבען שטעהן. אלע איבעריגע זיינען געבליעבען שטעהן הינטער איהם.

— זיינען מיר שוין ענדליך געקומען צו דער טהיר? האט סיימאן ווארד געפֿרעגט.

— איך ווייס ניט, האט העררי געענטפֿערט.

— וואס דען ביסט דוא געבליעבען שטעהן?

— איך בין צוגעקומען צו א וואנט, האט העררי געענטפֿערט. ווייטער איז קיין וועג נימא.

דער אלטער סיימאן האט איהם ניט געגלויבט. ער איז אליין צוגעגאנגען אין דער פֿינסטער און האט אנגעהויבען צו טאפען דיא ווענט ארום. — פֿון אלע זייטען זיינען נור גלאטע, הארטע ווענט פֿון שטיינער און קוילען. קיין טהיער, קיין עפֿענונג, קיין אויסגאנג!

— וואס הייסט עס? האט ער געפֿרעגט זיך אליין. האבען מיר פֿערבלאנ־זעט? זיינען מיר פֿערקראכען אין אנאנדערע גאלערע, פֿון וואנען עס איז נימא קיין אויסגאנג אדער האט דער אונבעקאנטער, וועלכער האט נעכטען פֿערשטיערט דיא לעכער, יעצט פֿערמויערט דעם איינגאנג, וואס איך האב אויפֿגעריסען מיט דינאמיט?

קיינער האט איהם ניט געענטפֿערט. יעדער האט געפֿיהלט, אז ער איז יעצט פֿערשפארט אין דער נייער מינע און האט קיינע האפֿנונג זיך צו רעטען. וואס וועט זיין דאס ענדע?

12טעס קאפיטעל.

דיא פייער דאמען.

עס זיינען פֿערגאנגען עטליכע טעג. אין עדינבורג זיינען דעם אינזשענירס פֿריינד און בעקאנטע געווארען אונרוהיג. עס האט זיך פֿערברייטעט א נאכריכט, אז דער בעריהמטער אינזשעניר, דשיימס כטאר, איז פלוצלונג פֿערשוואונדען געווארען און קיינער ווייס ניט, וואו ער איז אהינגעקומען.

מען איז געקומען פֿרעגען זיין דיענער, אויב ער ווייס ניט, ווען דער אינ־זשעניר איז אוועקגעפֿאהרען און וואוהין ער איז געפֿאהרען.

דער דיענער האט דערצעהלט, אז מיט אכט טאג צוריק איז דער אינזשע־

ניר אוועקגעפֿאהרען קיין סטערלינג קאָאונטי. וואוהין ער איז געפֿאהרען און צו וועמען ער איז געפֿאהרען, ווייס ער נים.

עס איז געוואָרען א רעש און אַ געוואלד אין עדינבורג. דשיימס סמאר איז געווען אן אנגעזעהנער מענש אין שטאדט. יעדער האט איהם בעדויערט, יעדער האט זיך אינטערעסירט צו וויסען, וואס פֿון איהם איז געוואָרען. מען האט זאגאר בערופֿען עפֿענטליכע פֿערזאמלונגען, מען זאל זיך בעראטהען, וויא אזוי מען זאל אויסגעפֿינען, וואו דער אינזשעניר דשיימס סמאר איז אהינגעקומען.

לארד עלפֿינגסטאן, דער פרעזידענט פֿון דער קעניגליכע געזעלשאפֿט פֿיר מינען ארבייט, האט געוויעזען דשיימס סמאר׳ס לעצטען בריעף צו איהם, אין וועלכען דער אינזשעניר שרייבט, אז ער פֿאהרט אוועק אויף אַ פאר טאג.

אנדערע מענשען, וויא דיא דירעקטארען פֿון דער מינע, וואו דשיימס סמאר האט אין דער לעצטער צייט געארבייט, האבען אויך געוויעזען אַ בריעף פֿון איהם, אין וועלכען ער האט געבעטען אום ערלויבניס אוועקצופֿאהרען אויף אַ פאר טאג.

דאס אלעס האט נור בעוויעזען, אז דער אינזשעניר איז ארויסגעפֿאהרען פֿון עדינבורג. אבער וואו איז ער אהינגעקומען? וואוהין איז ער געפֿאהרען? וואו קען מען איהם זוכען? אויף דיעזע פֿראגען האט קיינער נים געקענט ענטפֿערן.

— מיר מוזען טהאן אלעס מעגליכע אום איהם אויסצוגעפֿינען, טויט אדער לעבעדיג! האט געזאגט פֿעסט און ענטשלאסען לארד עלפֿינגסטאן.

וואס זאל מען אבער טהאן? דאס האט דער עדעלער לארד נים געזאגט. קיינעם איז נים געקומען אין קאפּ אריין, אז דשיימס סמאר זאל האבען געפֿאהרען קיין אבערוויל. אלע זיינע בעקאנטע און פֿריינד האבען געוואוסט, אז ער האט זאגאר נים ליעב געהאט צו רעדען פֿון אבערוויל. — אבערוויל איז פֿאר איהם געווען טויט, געשטארבען און בעגראבען.

אלענפֿאלס, אזוי וויא זיין דיענער האט געזאגט, אז ער איז געפֿאהרען קיין סטירלינג קאונטי, האט מען בעשלאסען, מען זאל איהם זוכען אין סטירלינג קאונטי. מען האט געזוכט און געפֿרעגט יעדען פֿארמער און יעדען איינוואינער פֿון סטירלינג קאונטי, אבער קיינער האט נים געזעהן און נים געהערט דעם אינזשעניר דשיימס סמאר.

דער איינציגער מענש, וועלכער האט געקענט געבען אויסקונפֿט איבערן אינזשעניר, איז געווען דשעק רייען, וועלכער האט בעגעגענט דעם אינזשעניר און הערי ווארד אויף דיא טרעפּ אין דארטשארט פיט. דשעק רייען אבער האט געארבייט אויף א פֿארם נים אין סטירלינג קאונטי, זאנדערן עטליכע מייל ווייטער. ער איז געווען בעשעפֿטיגט מיט זיינע זאכען און האט נים געלעזען קיין צייטונגען, אז מען זוכט דעם אינזשעניר דשיימס סמאר.

דשעק רייען האט געזונגען און האט זיך פֿארבערייטעט אויף א גרויסע אונטערהאלטונג אויף דער פֿארם, וואו עס וועלען זיך צונויפֿקומען אלע יונגע

ליים און אלע מעדכען פֿון דער געגענד ארום. אַן דשיימס סטאר און אַן זיין פֿריינד, העררי ווארד, האט ער שוין אין גאנצען פֿערגעסען.

אין עדינבורג איז מען אינטערעסירט געוואָרען זעהר אונרוהיג. דיא פּאָליצײ, דער כיטי־מאַיאָר, אלע מיטגליעדער פֿון פארלאמענט, אלע געלערנטע, דיא רעדאקטערע פֿון דיא צייטונגען, אין וועלכע דשיימס סטאר פֿלעגט שרייבען זיינע ארטיקעל און אלע זיינע בעקאנטע און פֿריינד האבען אנגעהויבען צו שרייען און צו שרייבען אין דיא צייטונגען, אז מען טאר אזא זאך ניט דערלאזען. מען מוז דאך געוואהר ווערן, וואו דער אינזשעניר דשיימס סטאר איז פֿערשוואונדען געווארען און וויא אזוי ער איז פֿערשוואונדען געווארען.

ניט נור אין עדינבורג אליין, אין אלע גרויסע שטעדט פֿון ענגלאנד און שאטלאנד האט מען אנגעהויבען צו שרייבען, צו רעדען און צו פֿאָרדערן, אז דיא רעגיערונג זאל עפּעס טהאן אום צו ענטדעקען דיעזע זאנדערבארע געהיימנים.

שפּעטער, ווען עס זיינען פֿערגאנגען עטליכע טעג, איז דשעק רייען אויך געווארען עפּעס אונרוהיג. העררי ווארד האט איהם צוגעזאגט, אז ער וועט קומען אויפֿ'ן אונטערהאלט. דשעק רייען האט געוואוסט, אז ווען העררי ווארד זאגט צו, איז עס הייליג. וויא איבערראשט איז ער דאהער געווען, ווען עס איז געקומען דער טאג פֿון'ם אונטערהאלט, אלע זיינען זיך צונויפֿגעקומען, מען האט געזונגען, געטאנצט און זיך אמוזירט — אבער העררי ווארד איז ניט געקומען!

דשעק רייען איז געווארען זעהר אונרוהיג. ער האט ליעב געהאט העררי ווארד, וויא א ברודער. זיי זיינען אויפֿגעוואקסען צוזאמען, זיי האבען געארבייט צוזאמען און זיי האבען פֿערבראכט אלע זייערע פֿרייע שטונדען צוזאמען.

דשעק רייען איז געווארען אויסער זיך, וואס זיין פֿריינד, העררי ווארד איז ניט געקומען. ער האט זיך ענטשלאסען צו געהן צו איהם אין דארטשארט פּיט און איהם גוט אויסזיידלען, פֿאר וואס ער האט ניט געהאלטען קיין ווארט און איז ניט געקומען אויפֿ'ן אונטערהאלט.

ער האט געבעטען ערלויבניס ביים פֿארמער, ביי וועלכען ער האט געארבייט און האט זיך פֿערטיג געמאכט צו פֿאהרען דעם אנדערן טאג אין דער פֿריה קיין דארטשארט פּיט. פּלוצלונג האט פּאסירט א געשיכטע, וועלכע האט נעגעבען אלע איינוואינער פֿון יענער געגענד נייעם שטאף צו גלויבען אין גייסטער און אין איבערנאטירליכע זאכען.

דשעק רייען האט געארבייט אויף אַ פֿארם לעבען שטעדטעל אירווינג אין דער קאָאונטי פֿון רעפֿיו, וועלכע גרענעצט זיך מיט סטירלינג קאָאונטי.

דאס שטעדטעל אירווינג געפֿינט זיך ביים ברעג פֿון'ם מעער. הויכע שטיינער לאזען זיך אראפּ גלייך אין מעער אריין. צום שטעדטעל קענען קיינע שיפֿען ניט צוקומען, ווייל דאס מעער איז דארט פֿול מיט שטיינער און דיא בערג לאזען זיך אריין גלייך אין מעער, וויא אַ וואנט. דער איינציגער פּארט אין יענער געגענד געפֿינט זיך דארט, וואו דער טייך קלאַיד גיעסט זיך אריין אין מעער,

דארט איז אויסגעבויט א לייכט טהורעם, אויף וועלכען עס ברענט דורך דיא נעכט אַ העלעס ליכט.

דיעזעס ליכט ווייזט דיא שיפען, וועלכע פאהרען פארביי אדער וועלכע קומען אן אין פארט, אויף וואס פאר א וועג זיי זאלען פאהרען. דאס ליכט ווייזט זיי ווייטער, אז דארט ווייטער פון פארט געפינען זיך שטיינער און געפעהרליכע ערטער.

עס מאכט זיך זעהר זעלטען, אז אַ שיף זאל אונטערגעהן אין יענער גענענד. דער לייכט טהורעם בעלייכטעט אזא גרויסע שטרעקע ווייט אין מעער, אז קוים איז נור דער שיפסקאפּיטאן ניט שיכור, איז עס אונמעגליך, ער זאל ניט טרעפען דעם וועג אין'ם פארט פון קלאַיד.

אין שאטלאנד, וויא אין דייטשלאנד געפינען זיך זעהר פיעל אלטע חורבות, איינגעפאלענע אלטע שלעסער, וועלכע האבען אמאל געהערט צו באראנען, גראַפען און דיא אלטע קעניגע פון שאטלאנד. דיא באראנען, גראַפען און קעניגע זיינען פערשוואונדען, זאגאר זייערע נעמען זיינען פערגעסען געווארען,— זייערע שלעסער אבער זיינען געבליעבען. זיי זיינען איינגעפאלען, צובראכען, צושטאכען, צערשטערט און פערניכטעט; עס איז פון זיי געבליעבען נור שטיינער, דאס פאלק אבער האט נאך מורא פאר דיא שטיינער. דאס פאלק בעטראכט דיעזע חורבות אלס הייליגטהום, אלס אנדענקען פון אלטע, פערגאנגענע צייטען.

מעגליך, אז אמאל פלעגט מען מורא האבען פאר דיא ווילדע באראנען און גראַפען. דיעזער שרעק איז געבליעבען אין פאלק. זיי האבען נאך ביז אויף היינטיגען טאג מורא צוצוקומען צו זייערע אלטע שלעסער.

וויא דיא זאך איז, דאס פאלק גלויבט היינט, אז אין דיעזע אלטע חורבות געפינען זיך גייסטער, שדים און רוחות. דאס פאלק דערצעהלט וואונדערגעשיכטען פון דיעזע אלטע רואינען.

ניט ווייט פון'ם שטעדטעל אירווינג, לעבען דער פארם, וואו דשעק רייען האט געארבייט, האט זיך געפונען איינער פון דיא בעריהמטעסטע אלטע, איינגעפאלענע שלעסער אין שאטלאנד. דיעזער שלאס האט געהייסען דונאלד קעסל און האט געהערט צו דיא אמאליגע קעניגע פון שאטלאנד פון דער פאמיליע סטיוארט.

ראבערט סטיורט איז געווען דער לעצטער גראף פון דיעזער פאמיליע, וועלכער האט געוואוינט אין דונאלד קעסל. ער איז געווען אַ שטרענגער מענש און אלע איינוואינער פון דער געגענד ארום האבען פאר איהם געציטערט.

עס זיינען פערגאנגען אַ פאר הונדערט יאהר, זייט ער איז געשטארבען און קיינער האט מעהר ניט געוואוינט אין זיין אַלטען שלאָס. דער שרעק אבער פאר דיעזען שטרענגען און שרעקליכען מענשען איז געבליעבען. דאס פאלק האט מורא געהאט צוצוגעהן נאהענט צו'ם אלטען שלאָס, גלייך וויא דער אלטער שטרענגער גראף וואלט נאך געלעבט.

ווען אַ קינד פלעגט וועלען געזען אין אלטען שלאס, פלעגען איהם דיא

עלטערן ניט לאזען. ווען דאס קינד פלעגט אבער פרעגען, פאר וואס ער זאל ניט געהן אהין, האבען דיא עלטערן געמוזט איהם זאגען, אז אין שלאס געפינען זיך בייזע גייכטער.

דער גלויבען אין דיא בייזע גייסטער, וועלכע געפינען זיך אין שלאס, איז געווארען אזוי שטארק אין פאלק, אז ווען עס פלעגען קומען רייזענדע און פלעגען וועלען בעצאהלען, אז מען זאל זיי פיהרען אין אלטען שלאס, פלעגט זיך אין גאנצען שטעדטעל ניט געפינען איין מענש, וועלכער זאל איינוויליגען מיט זיי צו געהן. — דיא רייזענדע פלעגען מוזען געהן אליין.

מען האט דערצעהלט, אז אין אלטען שלאס געפינען זיך פייעריגע דאמען. פיעלע אלטע איינוואינער פון שטעדטעל פלעגען דערצעהלען, אז זיי אליין האבען געזעהן ביי נאכט, וויא א פייעריגע דאמע, א שעהנע פרוי פון פייער האט זיך געוויעזען אויף דיא אלטע מויערן פון דונאלד קעסל.

דשעק רייען איז געווען איינער פון דיא ערשטע, וועלכע האבען געגלויבט, אז אין אלטען שלאס געפינען זיך פייער דאמען.

מיר מוזען אבער זאגען דיא וואהרהייט, אז ניט אלעס, וואס דאס פאלק האט געגלויבט, איז געווען אין גאנצען אויסגעטראכט. עס איז ווירקליך וואהר, אז פון צייט צו צייט אין גאנץ פינסטערע נעכט פלעגט מען א מאל קענען זעהן א פייער ארויסגעהן פון'ם איינציגען טהורעם, וועלכער איז נאך געבליעבען גאנץ אין דונאלד קעסל.

וואס איז דאס געווען פאר א פייער? פון וואנען איז עס געקומען? האט דאס פייער געהאט דיא געשטאלט פון א פרוי? — דאס זיינען פראגען, מיט וועלכע קיינער האט זיך ניט בעשעפטיגט. מייסטענס פלעגען זעהן דיעזע פייערן איינפאכע מענשען, ארבייטער און פארמער, וועלכע פלעגען זיך דערשרעקען פאר זיי און פלעגען אנטלויפען אהיים, ווען זיי פלעגען זיי זעהן.

נור א פאר מאל האבען געזעהן דיעזע פייערן געלערנטע מענשען. זיי האבען אבער קיין צייט ניט געהאט צו געהן זעהן, בעטראכטען און אויסשטודירען דיעזעס וואונדער. דיא פייערן פלעגען זיך ווייזען נור ביי נאכט. איז מען געקומען ביי טאג זעהן, וואס דארט איז, האט מען געפונען אלטע, צובראכענע און פערשימעלטע שטיינער.

דער שרעק פאר דיא פייער דאמען איז געווען אזוי גרויס אין לאנד, אז קיין פארמער, קיין ארבייטער און קיין קויפמאן וואלט זיך ניט אונטערגעשטעלט צו געהן ביי נאכט ניט נור אין שלאס, זאנדערן זאגאר אויף א מייל ווייט פון'ם שלאס.

דשעק רייען איז געווען א פרעהליכער יונג. ער האט געקענט אלע געשיכטען פון דער געגענד און פלעגט דערצעהלען הונדערטער געשיכטען פון דיא פייער דאמען. אזוי וויא ער איז געווען א שטיקעל פאעט, פלעגט ער זיך ניט צוריקהאלטען און דערצעהלען ליגענס, וויפיעל זיינע פריינד פלעגען נור וועלען הערן.

עס איז נאכט. אין דרויסען איז קאלט. דער הימעל איז בעדעקט מיט שווארצע וואלקענס. דאס מעער קאכט און רוישט. אַ שרעקליכער שטורמווינד הייבט אויף וועלען (כוואליעס) הויך, וויא דיא בערג און ווארפט זיי אוועק ערגעץ וויט, ווייט. ער שפיעלט זיך מיט דיא בלויע וואסערן פון'ם אטלאנטישען וועלט מעער.

אין דעם גרויסען הויז פון דער פארם איז ליכטיג און פרעהליך. אלע ארבייטער פון דער פארם, דער ווירטהע, זיין פרוי און זיינע קינדער זיצען אלע אין דער גרויסער שטוב. אזוי וויא עס איז דעצעמבער און עס איז ניטא קיין ארבייט, זיצט מען און מען דערצעהלט זיך אלערליי געשיכטען. דשעק רייען דערצעהלט שרעקליכע געשיכטען פון גייכטער אין דיא מינעס און אויף דיא בערג.

פלוצלונג האט מען דערהערט אין דרויסען שרעקליכע געשרייען, דשעק רייען האט אויפגעהערט צו דערצעהלען. אלע זיינען ארויסגעלאפען אין דרויסען זעהן, וואס דארט איז געשעהן.

נאך פאר נאכט האט אַ פישער, וועלכער האט זיך עפעס פערשפעטיגט, געזעהן, וויא אַ שיף קומט אן. ער האט געזעהן מיט שרעק און שטוינען, אז דאס שיף איז ניט אריינגעגאנגען אין פארט פון קלאַיד. עס איז געגאנגען ווייטער. אלע זעגעל אויפ'ן שיף זיינען געוועזען אויפגעצויגען און דאס שיף איז געגאנגען זעהר שנעל.

— ווען דאס שיף וועט ווייטער אזוי געהן אין דיעזען שטורם, האט דער פישער געזאגט צו זיך אליין, וועט עס דער שטורם פערשלאגען צווישען דיא שטיינער פון אירוויינגטאן, דאן איז עס פערלארען.

ער איז געשטאנען אייניגע צייט און האט בעטראכט מיט שטוינען, וויא דאס שיף געהט אויף אַן אונריכטיגען וועג. אין דער צייט פון אַ שטורם זוכט געוועהנליך יעדעס שיף צו אנטלויפען פון ברעג. אין דער מיט ים איז עס פיעל זיכערער, וויא ביים ברעג. דיעזעס שיף אבער געהט, וויא אומיסטען צום ברעג. דאס איז געוועזען פאר נאכט.

ווען דשעק רייען און דיא אנדערע ארבייטער פון דער פארם זיינען ארויסגעלאפען אין דרויסען, האבען זיי געהערט דייטליך, אז מען שרייט ערגעץ ביים ברעג פון'ם מעער. זיי זיינען געלאפען צום ברעג און האבען דערזעהן, וויא דריי פישער שטעהן אונטער אַ שטיין, וועלכער שיצט זיי אביסעל פון'ם שרעקליכען ווינד און שרייען און ווארענען, אז מען זאל ווייטער ניט פאהרען.

דשעק רייען און דיא מענשען פון דער פארם זיינען יעצט געוואהר געווארען, אז דיא פישער שרייען ניט צו זיי. זאנדערן זיי שרייען און ווארענען דיא מאטראזען פון אַ שיף, אז זיי זאלען ניט צוקומען צום ברעג; ווען זיי קומען נעהנטער צו דיא שטיינער, איז זייער שיף פערלארען.

דשעק רייען האט זיך צוגעקוקט אין דער פינסטערער נאכט און האט גע-זעהן אַ שווארצע מאסע שווימען אויפ'ן וואסער. אין דער פינסטער האט מען ניט געקענט זעהן דאס שיף. מען האט זיא דערקענט נור אן דיא צוויי לאמפען,

וועלכע זיינען געהאנגען אויף דיא וועגעל ביימער. פון פארנט א רויטער לאמפ און פון הינטען א גרינער לאמפ.

אלע האבען געזעהן, אז דאס שיף לויפט צום ברעג און האבען פערשטאנען, אין וואס פאר א געפאהר דאס שיף געפינט זיך.

— דאס שיף וועט אונטערגעהן! האט דשעק רייען געשריען.

— יא, ווען דער שיפסקאפיטאן וועט זיא ניט אויסדרעהן צוריק צום מעער, וועט זיא צושלאגען ווערן אויף שטיקלעך אן דיא שטיינער, האט איינער פון דיא פישער געענטפערט.

— לאמיר זיי געבען סיגנאלען! האט אויסגערופען איינער פון דיא אר-בייטער. דאס מעער רוישט זעהר שטארק. זיי קענען ניט הערן אונזערע געשרייען. לאמיר אנצינדען פאקעלן און זיי ווארענען.

— וויא קען מען אנצינדען פאקעלן אין אזא ווינד? האט אנאנדערער גע-געענטפערט. עס העלפט ניט, מיר מוזען אזוי לאנג שרייען, ביז מען וועט אונז דערהערן.

זיי האבען אלע אנגעהויבען צו שרייען:

— שיף אהאי! נאר! היט אייך! אוועק פון ברעג!

עס האט אבער וועניג געהאלפען. דיא מאטראזען אויפ'ן שיף האבען זיי ניט געהערט אדער ניט געוואלט הערן. מען האט געזעהן דייטליך, אז זיא קומט נעהנטער און נעהנטער צום ברעג.

— דער קאפיטאן איז וואהנזיניג, האט אויסגערופען איינער פון דיא פישער, וועלכער איז אליין אמאל געווען א מאטראז.

— וואס זאל עס הייסען? האט אנאנדערער געפרעגט, וויל ער דען ארויס-פאהרען מיט זיין שיף אויפ'ן ברעג?

— זעהט ער דען ניט דעם לייכט טהורעם פון אירווינג? האט דשעק רייען געפרעגט.

— עס איז ווירקליך ניט צו פערשטעהן, וויא אזוי א שיפסקאפיטאן זאל אזוי רעגירען א שיף. איך קען עס אנדערש ניט ערקלערן, אלס אז עמעס האט איהם פערפיהרט. —

אין דיעזע מינוט האט דשעק רייען ארויסגעלאזען א שרעקליכען, ווילדען, אונמענשליכען געשריי. אלע האבען זיך אומגעקוקט און האבען א ציטער געטהאן.

— דיא פייערינגע ראמע! האבען זיי אויסגערופען מיט איין קול.

ווירקליך, אויפ'ן שפיץ טהורעם פונ'ם איינגעפאלענעם שלאס דונאלד קעבל האט זיך געוויזען א פייער, וועלכעס האט זיך אויפגעהויבען, האט זיך אראפ-געלאזען, האט זיך געדרעהט, איז פערשוואונדען געווארען און האט זיך ווידער געוויזען אויף דעמזעלבען ארט.

האט מען געקענט דערקענען עפעס א מענשען געשטאלט אין דיעזען פייער? — געוויס ניט! נור דיא איינבילדונגס קראפט פון דיא בויערן און דיא ארבייטער האט געקענט זיך פארשטעלען, אז דאס איז א מענש.

אלענפאלס, דאס פייער אליין איז געווען אַ רעטעניש. פון וואנען האט זיך גענומען דאס פייער? וויא קומט עס, וואס אין דעם אלטען שלאס, אין וועלכען מען האט ניט געוואוינט זייט צוויי הונדערט יאהר זאל זיך פלוצלונג ווייזען אַ פייער?

יעצט האט מען שוין גענקענט פערשטעהן, פאר וואס דאס שיף רייסט זיך אזוי צום ברעג. דער שיפסקאפּיטאַן האט געמיינט, אז דאס פייער קומט פון'ם לייכט טהורעם פון אירווינגטאן און ער איז געפאהרען גראדע אהין, וואו דאס פייער האט געברענט. איהם האט ווענינ געקימערט, וואס מען שרייט אויפ'ן ברעג. ער פאהרט ריכטיג. ער פאהרט צום לייכט טהורעם, דאס הייסט צום פארט.

ווען דיא פישער און דיא ארבייטער האבען זיך אביסעל בערוהיגט פון זייער שרעק, האבען זיי אנגעהויבען צו טראכטען, וואס צו טהאן אום צו רעטען דאס שיף. דאס בעסטע מיטעל וואלט געווען, זיי זאלען געהן אין אלטען שלאס און זאלען אויסלעשען דאס פייער. דאן וועט זיך דער שיפסקאפּיטאן איבערציינגען, אז ער האט אַ טעות געהאט און וועט זוכען אויסצודרעהן זיין שיף, ווען עס איז נאך דא צייט.

ווער וועט אבער געהן אין דונאלד קעסל, וואו עס געפינען זיך גייסטער? ווער האט עס קיין מורא ניט פאר דיא פייער דאמע?

אזוי וויא זיי זיינען אזוי געשטאנען און האבען זיך איבערלעגט וואס צו צו טהאן, האבען זיי דערהערט אַ שרעקליכען טראַך. — עס איז שוין צו שפּעט! דאס שיף איז צוגעקומען צום ברעג און האט זיך אנגעשלאגען אן אַ שטיין. דיא צוויי לאמפען אויפ'ן שיף זיינען פערלאשען געווארען, דיא פינסטערניס האט פערדעקט און איינגעהילט דאס אונגליקליכע שיף. — נאך א מינוט און זיא וועט צובראכען ווערן אויף שטיקלעך.

צום אונגליק, איז נאך דיעזע מינוט דאס פייער פון'ם טהורעם פון דונאלד קעסל אויך פערשוואונדען, גלייך וויא עס האט אומיכטען נור געווארט דיא מינוט, ווען דאס שיף וועט אונטערגעהן, דאן האט עס מעהר ניט וואס צו טהאן.

— דיא פייער דאמע! דיא פייער דאמע! האבען אויסגערופען רשעק רייען מיט זיינע קאמעראדען.

קוים אבער איז פערשוואונדען דאס פייער אויפ'ן טהורעם פון'ם אלטען שלאס, זיינען אלע ווידער געקומען צו זיך און האבען זיך ענטשלאסען צו רעטען דיא מאטראזען און דיא מענשען פון'ם אונגליקליכען שיף.

זיי האבען זיך ארומגעבונדען מיט שטריק און האבען זיך אריינגעווארפען אין וואסער. עס האט זיי געקאסט זעהר פיעל מיה, איידער עס איז זיי געלונגען צוצוקומען צום שיף. פיעלע האבען זיך אנגעשלאגען אן דיא שטיינער און זיינען פערוואונדעט געווארען. רשעק רייען האט אויך געקראגען איינינע וואונדען. דיא שרעקליכע וועלען (כוואליעס) האבען איהם א ווארף געטהאן אויף א שטיין.

עס איז זיי אבער דאך געלונגען. זיי האבען געראטעוועט דעם שיפס קאפּיטאן מיט זיינע אכט מאטראזען און האבען זיי אריינגענומען אויפ'ן ברעג.

עס האט זיך דאן ארויסגעוויזען, אז דאס איז געוועזען אַ נאָרוועגישעס וועגעל שיף מיטן נאמען „מאַטאַלאַ“. זיא איז געפאָהרען קיין גלאַזגאָ. אויפן שיף זיינען מעהר ניט געוועזען, וויא דער קאפיטאן מיט אַכט מאַטראָזען.

דער קאפיטאן האט דערצעהלט, אז ער האט גאר קיין בעגריף ניט געהאט פון דער געפאהר, אין וועלכער ער האט זיך געפונען. ער האט געזעהן אַ פייער און איז געוועזען זיכער, אז דאס איז דאס פייער פון לייכט טהורעם פון אירווינגטאן.

זיין שיף איז פערלארען געגאנגען. דאס ווילדע מעער האט געריסען דערפון שטיקער. גאנץ פריה וועט פון דעם שיף גאר ניט בלייבען.

13טעם קאפּיטעל.

דשעק רייען נעהמט זיך צו דער ארבייט.

דשעק רייען איז געוועזען גאנץ ערנסט פערוואונדעט. מען האט איהם געמוזט טראגען אהיים, אויף דער פארם, און איהם לעגען אין אַ בעט. זיינע וואונדען זיינען צוואר געוועזען ניט געפעהרליך, דענאך האט ער געמוזט בלייבען ליעגען עטליכע טעג אין בעט.

אין דער צייט פון זיין קראנקהייט פלעגען זיך צו איהם צונויפקומען זיינע קאמעראדען און דיא פישער, וועלכע האבען איהם געהאלפען רעטען דעם שיפסקאפיטאן און זיינע מאטראזען פון דער „מאַטאַלאַ“.

זעלבסטפערשטענדליך, אז מען האט גערעדט פון דער פייער דאמע און מען איז געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אז אין אלטען שלאס, דונאלד קעסל, האלטען זיך אויף גייסטער. זיי האבען אומיסטען פערפיהרט דעם קאפיטאן פון דער „מאַטאַלאַ“ צו דיא שטיינער פון אירווינגטאן.

ווען איינינע האבען נאך געצווייפעלט, אויב עס זיינען דא גייסטער אויף דער וועלט, האבען זיי זיך יעצט איבערצייגט, אז עס זיינען יא דא. זיי האבען דאך אליין געזעהן מיט זייערע אויגען, וויא דיא פייער דאמע האט זיך בעוויזען אויפן טהורעם.

דער שיפסקאפיטאן פון דער „מאַטאַלאַ“ האט אבער זעהר ווייניג געגלויבט אין גייסטער. ער האט געזאגט, אז מענשען האבען אנגעצונדען אַ פייער אויפן טהורעם פון דונאלד קעסל. אזוי וויא דיא „מאַטאַלאַ“ איז געוועזען אסעקורירט אין אַ לאנדאנער געזעלשאפט פאר אַ גרויסע סומע געלד, ווייל זיא האט געפיהרט פיעלע טהייערע סחורות, האט דיא אסעקוראנץ קאמפאני געפאדערט פון׳ם מארינע מיניסטער, אז ער זאל מאכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג.

דער אונטערגאנג פון דער „מאַטאַלאַ“ האט אנגעמאכט א רעש אין גאנץ ענגלאנד. דיא געשיכטע, וויא אזוי זיא איז אונטערגעגאנגען, איז געוועזען אזוי וואונדערבאר און אזוי אונגלויבליך, אז דיא אסעקוראנץ קאמפאני האט אפען ערקלערט, אז זיא וועט ניט צאהלען אַ פעני, ביז מען וועט ניט מאכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג און מען וועט ניט געוואהר ווערן און בעווייזען, וואס דארט איז געשעהן.

דיא פֿערזיכערונגס געזעלשאַפֿטען און דיא פּאָליציי גלויבען זעהר וועניג אין גייסטער. זיי האבען אויף קיין פֿאַל ניט געוואָלט גלויבען, אַז אין דונאַלד קעסל האַלט זיך אויף אַ פֿייער דאַמע.

דער מיניסטער האט אראפּגעשיקט קיין אירווינגטאָן אַן אונטערזוכונגס ריכטער, פּאָליסלייט און עטליכע דעטעקטיווס.

דיא ערשטע זאַך, וואָס דער אונטערזוכונגס ריכטער האט געטהאָן, איז געווען צונויפֿצורופֿען דיא פֿישער, דשעק רייען און אַלע ארבייטער פֿון דער פֿאַרם. ער האט זיי אנגעהויבען אויסצופֿרעגען, וויא אַזוי דיא „מאַטאַלאַ“ איז אונטער־געגאַנגען.

אַלע האבען דערצעהלט, וואָס זיי האבען געוואוסט; אַלע האבען ערקלערט, אַז אין גאַנצען איז שולדיג דיא „פֿייער דאַמע“. זיא האט פֿערפֿיהרט דעם שיפֿס־קאַפּיטאַן, זיא האט איהם אפּגענאַרט. זיא האט געלייכט אויפֿ׳ן טהורעם פֿון דונאַלד קעסל, ביז דיא „מאַטאַלאַ“ איז געבליעבען זיצען אויף דיא שטיינער, דאַן איז זיא פֿערשוואונדען געוואָרען.

דער אונטערזוכונגס ריכטער און דיא פּאָליציי האבען זעלבסטפֿערשטענד־ליך ניט געגלויבט אין דער פֿייער דאַמע. זיי האבען זיך פֿאַרגעשטעלט דיא גאַנצע געשיכטע גאַנץ אַנדערש. דיא „מאַטאַלאַ“ האט געפֿיהרט טהייערע סחורות. זיא איז געווען אַסעקורירט אויף אַ גרויסע סומע געלד. דער וואָס האט זיא אַסעקו־רירט, האט געוויס געזוכט מיטעל, אַז זיא זאָל אונטערגעהן און ער זאָל אפּלעזען פֿאַר זיין סחורה מיט אַמאָל. אַזעלכע זאַכען קומען פֿאַר אין ענגלאַנד זעהר אָפֿט.

דער אונטערזוכונגס ריכטער האט געגלויבט דיא איינפֿאַכע פֿישער און אַרבייטער, אַז זיי האבען געזעהן אַ פֿייער אויפֿ׳ן טהורעם פֿון דונאַלד קעסל. דאָס האט אָבער געטהאָן ניט דער גייסט, ניט דיא פֿייער דאַמע זאָנדערן אַ געוועהנ־ליכער פֿערברעכער. ער האט דאָהער זיך ענטשלאָסען, ער זאָל געהן בעטראַכ־טען דעם אַלטען שלאָס.

דשעק רייען און זיינע בעקאַנטע זיינען געווען זעהר אונצופֿריעדען דערפֿון וואָס מען וועט געהן אין אַלטען שלאָס מיט פּאָליסלייט בעוואַפֿענט מיט רעוואָל־ווערס.

— דיא פֿייער ליידי וועט נאָך בייז ווערן און וועט אונז נאָך מעהר פּלאָגען, האט דשעק רייען געזאָגט צו זיינע קאַמעראַדען.

עס האט אָבער גאַר ניט געהאָלפֿען. דשעק רייען אַליין האט געמוזט פֿיהרען דעם שטרענגען אונטערזוכונגס ריכטער אין אַלטען שלאָס.

דיא פּאָליסלייטע מיט׳ן אונטערזוכונגס ריכטער זיינען געקומען אין דונאַלד קעסל, האבען זיך גוט צוגעקוקט צו יעדער שטיין, צו יעדען צימער, צו יעדער וואַנט. — קיין שפּור פֿון אַ מענשען! דיא ערד איז געווען נאַס, וויל מיט אַ טאָג פֿריהער האט עס גערעגענט. ווען דאָרט זאָלען געווען זיין מענשען, וואָלט מען געווען געפֿונען אַ צייכען פֿון אַ טריט, פֿון אַ מענשען פֿוס. מען האט אָבער גאָר ניט געפֿונען.

אין טהורעס, פֿון וואנען דאס פֿייער פֿלעגט זיך ווייזען, זיינען געווען עס־ליכע צימער. אין דיזע צימער איז געלעגען שטויב אויף פֿינף פֿינגער דיא גרעב. ווען א מענש זאל געווען האבען אונטערגעצונדען דאס פֿייער, וואלט ער געמוזט איבערלאזען אַ צייכען אויף דיזען שטויב. מען האט אבער קיין שום צייכען נים געפֿונען.

דער אונטערזוכונגס ריכטער איז בייז געווארען. עס האט איהם זעהר פֿערדראסען, ער זאל צוריקפֿאהרען קיין לאנדאן און זאל דארט דערצעהלען, אז גייסטער, אַ פֿייער ליידי און נאך אזעלכע נארישקייטען האבען פֿערפֿיהרט דעם שיפֿס קאפיטאן פֿון דער „מאַטאַלאַ": מען וועט דאך איהם אויסלאכען.

— ווען עס איז געווען אַ פֿייער, האט דאך עפעס געמוזט ברענען, האט ער אויסגערופֿען. אַ פֿייער מוז האבען א מאטעריאל, אין וועלכען ער קען זיך האלטען: האלץ, קוילען, קעראסין, אייל, צינדהעלצכען און נאך אזעלכע זאכען. לאמיר ארויפֿגעהן אויפֿין טהורעם און זעהן, וואס דארט איז געווען.

— א פֿייער ליידי דארף האבען צינדהעלצכען, האלץ און נאך אזעלכע זאכען? האט געלאכט דשעק רייען. דערפֿאר איז זיא דאך אַ פֿייער דאמע. דאס איז דאך אַ גייסט! — אַ גייסט דארף גאר נישט. ווען ער וויל, ברענט ער.

דער אונטערזוכונגס ריכטער האט אבער דערפֿון ניט געוואלט וויסען. ער איז ארויפֿגעגאנגען אויפֿין טהורעם מיט עטליכע פאליסלייט און האט בעטראכט דעם ארט, וואו עס האט געברענט דאס פֿייער אין יענער נאכט, ווען דיא „מאַטאַלאַ" איז אונטערגעגאנגען. —

ער האט גאר ניט געפֿונען. קיין ביסעל אש, קיין קויל, קיין צייכען און קיין שפור פֿון אַ פֿייער. זאגאר דיא שטיינער פֿונ'ם טהורעם זיינען ניט געווען שווארץ אדער פֿערר ייכערט.

דשעק רייען איז געווארען זעהר אונרוהיג. דיא געשיכטע פֿונ'ם אונטער־גאנג פֿון דער „מאַטאַלאַ" האט געקלונגען אין דער גאנצער געגענד. אלע האַ־בען געהערט דערפֿון, אלע האבען דערצעהלט דערפֿון, אלע האבען געוואוסט, אז דשעק רייען איז געווען פֿערוואונדעט און האט געמוזט ליגען אייניגע טעג אין בעט. העררי ווארד האט דערפֿון געווים געהערט. וויא קומט עס, וואס העררי, זיין בעסטער פֿריינד איז ניט געקומען איהם בעזוכען?

— ווען העררי איז ניט געקומען צו מיר, האט ער געווים ניט געקענט קומען, האט דער גוטער דשעק געזאגט. פֿאר וואס אבער האט ער ניט געקענט קומען? — דאס מוז איך וויסען.

קוים איז ער פֿריי געווארען פֿונ'ם אונטערזוכונגס ריכטער מיט זיינע פא־ליסלייט, איז ער געפֿאהרען קיין דארטשארט פיט זעהן, וואס העררי מאכט. ווען ער איז געווען פֿאלקאמען געזונד, פֿלעגט ער געהן קיין דארטשארט פיט צו פֿוס. יעצט אבער, ווען ער איז נאך ניט גאנץ געזונד, איז ער בעסער געפֿאהרען מיט דער באהן. עס איז אַ קורצער וועג און עס קאסט אַ קלייניגקייט.

ווען ער איז געקומען אויף דער באהן סטאציאן, האט ער געדראַפט וואו־
מען עטליכע מינוט אויפֿן צוג. אום לאנגווייליג האט ער אנגעהויבען צו לעזען
לעזען דיא אנאנסען אויף דער וואנט. איין אנאנסע האט איהם פֿעראינטערעסירט.
אין איהר איז געשטאנען פֿאלגענדעס:

„דעם 4טען דעצעמבער איז דער אינזשעניר דשיימס סטאר ארויסגעפֿאה־
„רען פֿון עדינבורג. ער איז געפֿאהרען קיין סטירלינג קאַאונטי. זייט דאמאלס
„האט מען פֿון איהם מעהר ניט געהערט. ווער עס וויים פֿון איהם עפּעס,
„דער זאל עס מעלדען לארד עלפֿינגסטאן אין עדינבורג. ער וועט בעקו־
„מען אַ גוטע בעלוינונג.“

— דשיימס סטאר! האט אויסגערופֿען דשעק רייען.—דשיימס סטאר!—
איך האב דאך איהם אליין בעגעגענט אויף דיא לייטערס פֿון דארטשארט פּיט!
ווען איז דאס געווען?—ריכטיג!—מיט צעהן טעג צוריק.—

דשעק רייען איז אויפֿגעשפרונגען. יעצט האט ער שוין דייטליך געזעהן,
אז דא איז עפּעס ניט גלאט.

— הערדי וואַרד ווייזט זיך ניט און דער אינזשעניר דשיימס סטאר איז
פֿערשוואונדען! וואס הייסט דאס? האט ער אויסגערופֿען. זאל דער אינזשעניר
און הערדי עפּעס טהאן? וואס זאלען זיי אזעלכעס טהאן, וואס זיי ווייזען זיך ניט?

ער האט קוים דערלעבט, אז דער צוג זאל קומען. דיא רייזע אויפֿן אייזען־
באהן האט געדויערט נור עטליכע מינוט. באלד איז ער געווען אין דארטשארט
פּיט און האט זיך אראפּגעלאזען אויף דער ערשטער לייטער. דארט האט ער
געהאט אַ לעמפּעל, וועלכען הערדי האט איהם אמאל געשענקט. דאס לעמפּעל
פֿלעגט שטעהן אין אַ ווינקעלע און קיינער האט עס ניט געריהרט. ווען דשעק
רייען פֿלעגט דאַרפֿען גלאט אזוי צו הערדי אדער צום אלטען סיימאן, פֿלעגט
ער טרעפֿען צו זיי אין דער פֿינסטער. מייסטענס אבער פֿלעגט ער אנצינדען זיין
לעמפּעל. עס איז דאך אנגענעהמער צו געהן מיט אַ לעמפּעל, אלס צו טאפּען
אין דער פֿינסטער.

דאס מאל האט ער געמוזט אנצינדען דאס לעמפּעל. פֿיעללייכט געפֿינט
ער ניט הערדי ביי זיין פֿאטער, וועט ער ארומגעהן אין דער מינע איהם זוכען.

דשעק רייען האט אנגעהויבען צו זוכען זיין לעמפּעל אין דעם ווינקעל,
וואו ער פֿלעגט איהם שטענדיג האלטען.—דאס לעמפּעל איז פֿערשוואונדען.—
דשעק רייען איז געווארען איבערראַשט.

— דאס האט ניט הערדי געטהאן! האט ער אויסגערופֿען. דא איז עפּעס.
עס וועט זיי אבער גאר גיט העלפֿען. איך קען דיא מינע, וויא מיינע פֿינף פֿינ־
גער. איך וועל געהן אין דער פֿינסטער. איך וועל אויסקריעכען דיא גאנצע מינע,
ביז איך וועל איהם געפֿינען.

ער האט אנגעהויבען זיך אראפּצולאזען פֿון דיא לייטערס. דאס מאל איז
ער געווען זעהר פֿארזיכטיג. ער האט שוין געזעהן, אז עפּעס נייעס איז פֿארגע־
קומען אין דארטשארט פּיט. מיר האבען שוין בעשריעבען, אז פֿון אויבען ביז

צום גרונד פֿון דער מינע האבען געפֿיהרט דרייסיג לייטערס, איינע ניעדעריגער פֿון׳ם אנדערן.

דשעק רייען האט זיך אראפּגעלאזען לאנגזאם און פֿארזיכטיג. ער איז אראפּגעגאנגען זעקס און צוואנציג לייטערס און עס האט איהם גאר ניט פאסירט. ער האט אראפּגעשטעלט דעם פֿוס צו זוכען דעם זיעבען און צוואנציגסטען לייטער — דער לייטער איז ניטא!

דשעק רייען האט זיך צוריקגעחאַפּט. ער האט גערעכענט, אז דער לייטער האט זיך אוועקגערוקט אדער ער שטעהט ניט אויפֿ׳ן ארט. ער האט זיך אניעדערגעלעגט אויפֿ׳ן פּלאַטפֿאָרם און האט אנגעהויבען צו זוכען מיט דיא הענד דעם לייטער. — ער איז ניטא!

— דיא פֿייער ליידי האט געוויס געמאכט א שפּאַציער גאנג אויף דיעזען לייטער, האט דשעק רייען געזאגט צו זיך אליין.

ער איז געבליעבען שטעהן, וויא פֿערשטיינער. ער האט ווירקליך ניט געוואוסט, וואס דאס זאל הייסען. ער האט געגלויבט אין גייסטער, אבער ביז אהער האט ער פֿון זיי קיין שלעכטעס ניט געזעהן. ערשט אין דיא לעצטע עטליכע טעג האט ער געזעהן. וויא דיא „מאַטאַלאַ“ איז אונטערגעגאנגען דורך דיא פֿייער ליידי און יעצט פֿעהלט דער זיעבען און צוואנציגסטער לייטער פֿון דארט־שארט פּיט.

— ווען איך קען ניט אראפּגעהן, האבען דיא מענשען, וועלכע וואינען אונטען אין דאַרטשאַרט פּיט, ניט געקענט ארויפֿגעהן, האט זיך געטראכט דשעק רייען. אלזא ליעגען זיי דארט פֿערשפּארט פֿינף הונדערט פֿוס טיעף אין דער ערד. קיינער קען צו זיי ניט קומען און זיי קענען אין ערגעץ ניט קומען. מעגליך, אז זיי שטארבען דארט פֿון הונגער. דער אינזשעניר דשיימס סטאר איז ביי זיי, ער איז אויך פֿערשפּארט, געפֿאנגען און בעגראבען אין דארטשארט פּיט.

דשעק רייען איז געווען אויסער זיך. — וואס טהוט מען? וויא אזוי רעטעט מען דיעזע ״ינגליקליכע? האט ער זיך געטראכט.

ער האט אנגעהויבען צו שרייען: הערריי! הערריי! — דער וויעדערהאל אין פֿינסטערן אבגרונד פֿון דאַרטשאַרט פּיט האט איהם געענטפֿערט: הערריי! הערריי! אבער קיינער איז ניט געקומען, קיינער האט זיך ניט געוויעזען. באלד איז אלעס וויעדער געבליעבען שטיל און פֿינסטער, וויא אין א קבר.

— עס העלפֿט ניט, איך מוז עס מעלדען דער פאליציי, האט דשעק רייען אויסגערופֿען. איך מוז טעלעגראפֿירען צו לארד עלֿינגסטאן. דא איז עפּעס. איך אליין קען גאר ניט מאכען. איך טאר קיין צייט ניט פֿערליערן.

ער איז ארויפֿגעגאנגען צוריק און איז געלאָפֿען, וויא אַ וואהנזיניגער צו דער באהן סטאציאן קאַללאַנדאַר. אין איינינגע מינוט ארום איז אנגעקומען דער צוג און דשעק רייען איז אוועקגעפֿאהרען קיין עדינבורג. דארט איז ער באלד געגאנגען צום סיטי מאיאר און האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס ער האט

געוואוקסט פֿון דשיימס סטאר. דער סיטי מאיאר האט באלד געשיקט רופֿען דעם לארד עלפֿינגסטאן.

מען האט באלד צונויפֿגענומען מענשען און מען האט זיך אויפֿגעזעצט אויף אן עקסטרא צוג קיין אבערוויל. דארט האט מען מיטגענומען אלעס, וואס נעטהיג פֿאר אזא פאל: לייטערס, שטריק, לאמפען, ברעכאייזענס און האמערס.

אום פֿינף אוהר פֿאר נאכט איז דיא רעטונגס פארטיע מיט לארד עלפֿינגסטאן און דשעק רייען געקומען צום דאַרטשאַרט פיט. דשעק רייען איז יעצט געווען דער קאמאנדיר, דער גענעראַל פֿון דער קליינער עקספעדיציאן. ער האט געפֿיהרט דיא עקספעדיציאן און האט קאמאנדירט, וואס מען זאל טהאן.

מען האט זיך אראפגעלאזען אויף דיא זעקס און צוואנציג לייטערס. דארט איז מען געבליעבען שטעהן, דשעק רייען האט געהייסען צובינדען לאמפען צו לאנגע שטריק און זיי אראפלאזען אין פֿינסטערן שאכט. ערשט יעצט האט מען געזעהן, אז דיא לעצטע פֿיער לייטערס פֿעהלען, זיי זיינען פֿערשוואונדען געווארען.

לארד עלפֿינגסטאן איז געבליעבען שטעהן, וויא פֿערשטיינערט. ער האט ניט געקענט פֿערשטעהן, ווער עס האט עס געטהאן און צו וואס מען האט עס געטהאן.

— עס איז דייטליך, אז מען האט אומיסטען געוואלט אפשניידען יעדען וועג פֿאר דיא איינוואינער פֿון דארטשארט פיט. דאס האבען מענשענהענד געטהאן.

— וואס טראכט איהר אזוי לאנג, מילארד? האט דשעק רייען אויסגערופֿען. לאמיר עפעס טהאן. זיי שטארבען דארט פֿאר הונגער.

— וואס זאלען מיר דען טהאן? האט לארד עלפֿינגסטאן געפֿרעגט.

— מיר האבען מיטגעבראכט לייטערס. לאמיר זיי אניעדערשטעלען און לאמיר זיך אראפלאזען. יעדע מינוט איז טהייער.

— טהו, וויא דוא פֿערשטעהסט, מיין יונגע, האט דער לארד געענטפֿערט. איך וועל געהן, וואוהין דוא וועסט מיך פֿיהרען.

דשעק רייען האט אניעדערגעשטעלט דעם ערשטען לייטער און האט זיך אראפגעלאזען. לארד עלפֿינגסטאן מיט זיינע מענשען זיינען איהם נאכגעגאנגען. זיי האבען זיך אזוי אראפגעלאזען פֿון איין לייטער צום אנדערן, ביז זיי זיינען אנגעקומען אונטען, אויפֿן גרונד פֿון דאַרטשארט פיט.

דשעק רייען האט זיך אנגעהויבען ארומצוקוקען און צו זוכען עפעס, פלוצלונג האט ער געגעבען אַ געשריי. אלע זיינען צוגעלאפֿען צו איהם זעהן, וואס דאַרט איז.

— אט ליעגען שטיקער פון דיא לייטערס! האט דשעק רייען געשריען. מען האט זיי פֿערברענט. אט ליעגען דיא פֿערלאשענע האליוועשקעס.

לארד עלפֿינגסטאן איז צוגעקומען און האט בעטראכט דיא שטיקער פֿון דיא לייטערס.

— מען האט זיי פערברענט! האט ער געזאגט טרויעריג. עס איז שוין אבער לאנג געשעהן. דאס אש איז קאלט און דיא האליוועשקעס זיינען קאלט. דאס איז געשעהן נים היינט.

— דענקט איהר, אז דער אינזשעניר דשיימס סטאר האט פערברענט דיא לייטערס? האט איינער געפּרעגט.

— געוויס נים, האט לארד עלפינגסטאן געענטפערט. צו וואס זאל עס דער אינזשעניר טהאן? דא איז עפעס א זאנדערבארע געהיימניס. קום, דשעק רייען! פיהר אונז צו דער וואינונג פון דיין פריינד, הערריי ווארד. דארט וועלען מיר שוין אלעס וויסען.

דשעק רייען האט טרויעריג געשאקעלט מיט׳ן קאפ. ער האט זיך דער־מאנט אן דער פייער ליידי און א קאלטער פראסט איז איהם אריבערגעגאנגען איבערן לייב. איהם האט זיך פארגעשטעלט, אז דא איז פארגעקומען עטוואס שרעקליכעס. ער האט גענומען זיין לאמפ אין דיא הענד און איז געגאנגען צו דער וואינונג פון׳ם אלטען ווארד. אלע זיינען איהם נאכגעגאנגען.

אין א פיערטעל שטונדע ארום איז לארד עלפינגסטאן מיט זיינע מענשען אנגעקומען צום גרויסען קעלער, וואו סיימאן ווארד׳ס וואינונג איז געווען. דשעק רייען איז געווען דער ערשטער צוצוקומען צום שטוב. — אלעס איז פינסטער.

ער פלעגט זיין געוואינט צו דערקענען דאס הויז פון דער וויטען, ווייל עס פלעגען שטענדיג ברענען לאמפען אין הויז און מען האט געקענט זעהן זייער שיין אויף הונדערט שריט דיא וויים. דאס מאל אבער איז אלעס געווען פינסטער.

דשעק רייען איז אריינגעלאפען אין שטוב. — קיינער איז ניטא! דיא לאמ־פען זיינען אויסגעגאנגען. דאס פייער איז אויסגעלאשען. אלעס איז שטיל און טויט.

וואו זיינען דיא איינוואינער פון׳ם הויז? ווען זיינען זיי אוועקגעגאנגען פון ׳ער היים? וואוהין זיינען זיי געגאנגען?

לארד עלפינגסטאן האט זיך אנגעהויבען צוצוקוקען צו אלעס אין שטוב, וויא א גוטער אונטערזוכונגס ריכטער. ער האט עפעס געפונען, ער האט אבער נים געוואוסט, וואס דא איז. אין איין ארט אויף דער שווארצער וואנד זיינען געווען אנגעשריעבען מיט קרייד ווייסע קרייצע.

— וואס זאלען בעדייטען דיעזע קרייצע? האט ער געפרעגט דשעק רייען.

דשעק רייעז האט גוט געקענט דיא פאמיליע ווארד. ער האט געוואוסט, וואס דיא ווייסע קרייצע בעדייטען

מערדש איז געווען אן איינפאכע פרוי. זיא האט נים געקענט נים לעזען, נים שרייבען. דא אונטען אין דער פינסטער האט מען נים געקענט וויסען, ווען עס איז טאג און ווען עס איז נאכט. מערדש איז געווען א פרומע, זיא האט גע־וואלט וויסען, וואס פאר א טאג אין מאנאט עס איז; זיא האט געוואלט וויסען, ווען עס איז א זונטאג, א פייער טאג; זיא האט זיך געמאכט אן אייגענעם קא־לענדאר (א לוח).

אין שטוב איז געווען אן אלטע וואנד אותר. זיא האט געקענט צעהלען

דיא שטונדען, ווען עס האבען זיך געענדיגט פיער און צוואנציג שטונדען, פלעגט זיא מאכען אַ קרייץ אויף דער וואנד. דאס האט געהייסען, אז עס האט זיך געענדיגט אַ טאג.

דשעק רייען האט זיך ניט איין מאל איבערצייגט, אז מעדש פיהרט איהר איהר קאלעדאַר אזוי ריכטיג, וויא אַ גוטער פראַצענטניק. דעם ערשטען פון יעדען מאנאט מאכט זיא אַ קרייץ אויף דער וואנט, דעם צווייטען נאך אַ קרייץ, דעם דריטען וויעדער און אזוי ווייטער ביז זיא קומט צום דרייסיגסטען.

— אויב אזוי, האט לארד עלפינגסטאן אויסגערופען, האט מעדש געמאַכט איהר לעצטען צייכען דעם זעקסטען דרעצעמבער. איך זעה אויף דער וואנד זעקס קרייצע. דעם זעקסטען זיינען זיי נאך דא געוועזן. היינט איז שוין דער זעכצעהנטער דרעצעמבער. אלזא, שוין צעהן טעג. זייט צעהן טעג זיינען זיי ערגעץ אוועקגעגאנגען און זיינען ניט צוריקגעקומען. — וואוהין אבער זיינען זיי געגאנגען? פאר וואס זיינען זיי ניט צוריקגעקומען?

קיינער האט איהם ניט געקענט ענטפערן אויף זיינע פראגען. אלע האבען געזעהן, אז דא איז עפעס פארגעקומען, אז דא איז עפעס אַ געהיימניס, וועלכע זיי האבען ניט געקענט דעררא‌טהען.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון שטוב און האבען זיך געשטעלט אין גרויסען טיעפען קעלער זיך בעראטהען, וואס זיי זאלען ווייטער טהאן.

אלע האבען געווארט, אז לארד עלפינגסטאן זאל עפעס רעדען. ער זאל זיי עפעס געבען אַ ראטה. ער איז דאך אַ לארד. נור איין דשעק רייען איז ארומגעגאנגען ארום שטוב און האט געזוכט מיט זיין לאמפ. ער האט געהאפט, אז ער וועט געפינען עפעס אַ שטיקעל פאפיער, עפעס אַ צייכען, עפעס אַ שפור, וואו הערררי מיט'ן אינזשעניר זיינען פערשוואונדען.

— זעהט נור! ווער איז דארט? — אַ ליכט! האט פלוצלונג אויסגערופען איינער פון דיא ארבייטער, וועלכע לארד עלפינגסטאן האט מיט זיך געבראכט! דארט איז אַ מענש.

אלע האבען זיך אומגעקוקט אין דעם ארט, וואו דער מאן האט געוויזען, און האבען דערזעהן מיט שטוינען, אז ערגעץ גאנץ ווייט אין אַ ברייטע גאלערעע שיינט אַ לאמפ גאנץ הויך און ליכטיג.

— לאמיר געהן אהין צום ליכט! האט עלפינגסטאן געהייסען.

— דאס איז דיא פייער דאמע, האט דשעק רייען געזאגט. מיר געהן אומזיכט, מיר וועלען דאס ליכט ניט דערגרייכען.

לארד עלפינגסטאן האט אבער זעהר ווענינ געגלויבט אין פייער דאמען און האט געהייסען זיינע מענשען געהן אהין, וואו דאס ליכט האט זיך געוויעזען. אליין וואלט דשעק רייען געוויס מורא געהאט צו געהן אהין, מיט אזוי פיעל מענשען אבער איז ער געווארען מוטהיג און איז זאגאר געגאנגען פאראויס. ער איז דאך געוועזן דער איינציגער מענש, וועלכער איז געוועזן גוט בעקאנט מיט אלע גענג אין דער מינע.

עס איז געווען אַ ווייטער וועג ביז צו דעם ארט, וואו מען האט געזעהן דעם שיין פון אַ ליכט. אויסער דעם איז דאס ליכט ניט געשטאנען אויף איין ארט. מען האט געזעהן דייטליך, וויא עס בעוועגט זיך, אט ווייזט זיך עס, אט פערשווינדעט עס און אט ווייזט זיך עס ווידער.

לארד עלפינגסטאן האט אנגעטריעבען זיינע מענשען, זיי זאלען נאכלויפען און חאפען דעם, וועלכער טראגט דאס ליכט. דיא מענשען האבען געטהאן זייער מעגליכעס. זיי זיינען געלאפען, זיי זיינען געשפרונגען, זיי זיינען געבליעבען שטעהן און ווארטען, ביז דאס ליכט וועט זיך ווידער ווייזען, אבער אלעס אומזיסט. ווען זיי זיינען שוין צוגעקומען גאר נאהענט צום ליכט, איז עס אין גאנצען פערשוואונדען געווארען.

— דיא פייער דאמע, האט געמורמעלט צווישען דיא צעהנער דשעק רייען. עס איז אומזיסט אונזער ארבייט. מיר וועלען עס ניט דערגרייכען.

לארד עלפינגסטאן אליין האט זיך פערטראכט.— וואס זאל דאס זיין? — זאל דא איינער אונז אומיסטען פיהרען צום ארט, וואו דער אינזשעניר געפינט זיך אדער, פערקעהרט, ער וויל אונז פערפיהרען?

אזוי וויא ער איז אזוי געשטאנען און געטראכט, האבען זיינע מענשען גענמערקט, אז דאס ליכט איז אויך געבליעבען שטעהן. זיי זיינען צוגעגאנגען נעהנטער און האבען יעצט דייטליך געזעהן דאס געשטאלט פון א מענשען, וועלכער האט געהאלטען אַ לאמפ אין דיא הענד.

— מוטה, מיינע פריינד! האט לארד עלפינגסטאן אויסגערופען. דאס איז א מענש. ער איז מיעד, ער קען שוין מעהר ניט לויפען. לאמיר איהם חאַפען, וועלען מיר וויסען דאס געהיימניס פון דארטשארט פיט.

דיא מענשען האבען זיך געלאזען לויפען נאך דעם מענשען-געשטאלט. וואס איז אבער געווען ניט אזוי לייכט אין דיעזען ארט. דיא גאלערעע איז דא געווען זעהר שמאל. פון אלע זייטען האבען זיך געעפענט טונעלען און גענג. עס איז געווען דייטליך, אז ווען דער מענש מיט'ן לאמפ זאל וועלען אנטלויפען, וואלט ער עס געקענט טהאן זעהר לייכט. לארד עלפינגסטאן האט עס זעהר גוט פערשטאנען.

— ווען דיעזער מענש זאל אונז וועלען פערפיהרען, קען ער אונז יעצט זעהר לייכט פערפיהרען ערגעץ אין אַ טונעל, האט ער געזאגט צו זיך אליין.— אלענפאלס, אנטלויפען פון אונז וויל ער ניט. אבער פאר וואס ווייזט ער זיך ניט? פאר וואס לאזט ער ניט, אז מען זאל צוקומען צו איהם? פאר וואס קומט ער ניט צו צו אונז?

פלוצלונג איז דאס מענשען-געשטאלט מיט'ן לאמפ פערשוואונדען, וויא אין דער ערד אריין. דשעק רייען מיט דיא איבעריגע מענשען האבען אויפגעהויבען דיא לאמפען אין דער הויך און האבען איהם געזוכט. פלוצלונג האט איינער דערזעהן אַ שמאלען לאך אין דער שטיינערנער וואנד.

— ועהם נור, אם איז עפעס אַ נייער טונעל, האט ער אויסגערופען. פיעל. לייכט איז דער מאן מיט'ן לאמפ דא ערגעץ פערשוואונדען געווארען.

דשעק רייען איז צוגעלאפען זעהן, וואס דארט איז און איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט.

— איך קען דיא מינע זעהר גוט, האט ער געזאגט. דא איז קיין לאך ניט געוועזען. דאס איז אַ נייער וועג.

— לאמיר געהן אהין! האט לארד עלפינגסטאן געבעטען. ווען דאס איז איז אַ נייער וועג, ליעגט דא געוויס דאס געהיימניס פון דארטשארט פיט.

איינציגוויים, לאנגזאם און פארזיכטיג זיינען זיי ארייננעקראכען אין דער נייער גאלערעע. דא איז שוין דשעק רייען אויך געוועזען אונבעקאנט. דא איז איהם אלעס געוועזען ניי און פרעמד.

קוים זיינען זיי אוועקגעגאנגען א הונדערט שריט, האט זיך לארד עלפינג. סטאן אן עפעס אנגעשטויסען און איז אומגעפאלען. מען האט אראפגעלאזען דיא לאמפען און מען האט זיך אומגעקוקט.— פיער מענשען זיינען געלעגען איינער ניט ווייט פון'ם אנדערן.

— דשיימס סטאר! האט אויסגעשריען עלפינגסטאן נ'ט מיט זיין קול.

— הערריי! מיין ליעבער, גוטער הערריי! האט געוויינט און געשריען דשעק רייען.

ערשט יעצט האט מען דערזעהן, אז אויף דער ערד ליעגען ווירקליך דשיימס סטאר, הערריי, סיימאן ווארד און זיין פרוי מערדש.

איין קערפער האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען. דאס איז געוועזען דיא אלטע מערדש. איהרע בלייכע, אויסגעדארטע און פערברענטע ליפען האבען קוים געהויכט:

— ר—ע—ט—ע—ט זיי.... ר—ע—ט—ע—ט זיי....

— לארד עלפינגסטאן, דשעק רייען און אלע, וואס זיינען דערביי געשטאַ. נען, האבען געוויינט און האבען באלד אנגעהויבען צו דערוואַרעמען דיא טויטע קערפער, צו גיסען זיי אין מויל אריין אייניגע טראפענס קאניאק און צו רייבען זיי מיט טיכער. עס איז זיי געלונגען! צוערשט האט הערריי ווארד געעפענט דיא אויגען, דאן איז סיימאן ווארד געקומען צו זיך, גאר צולעצט האט דשיימס סטאר געעפענט דיא אויגען.

אייניגע פון דיא ארבייטער האבען אויסגעטהאן זייערע קליידער. מען האט אויף זיי ארויפגעלעגט דיא פיער פערהונגערטע און מען האט זיי געטראגען אהיים, אין סיימאן ווארד'ס וואינונג. דארט האט מען באלד געמאכט פייער, מען האט עפעס אפגעקאכט און מען האט זיי געגעבען צו לעפעלעך ווארעמער זופע.

לארד עלפינגסטאן האט באלד געשיקט רופען אַ דאקטאר, וועלכער האט אנגעהויבען צו בעהאנדלען דיא פערהונגערטע. אין דריי טעג ארום זיינען זיי ווידער געוועזען געזונד און האבען געקענט דערצעהלען, וואס מיט זיי האט פאסירט.

לארד עלפינגסטאן און דשעק רייען זיינען דיא גאנצע צייט געבליעבען אין דארטשארט פיט. לארד עלפינגסטאן איז געווען אזוי פעראינטערעסירט אין דאס געהיימניס פון דארטשארט פיט, אז ער האט ניט געוואלט אפטרעטען, ביז ער וועט ניט וויסען אלעס.

ווען דשיימס סטאר האט זיך געפיהלט גענוג קרעפטיג צו רעדען, האט ער דערצעהלט, וואס מיט זיי האט פאסירט. צוערשט האט ער דערצעהלט, וויא ער איז געקומען קיין דארטשארט פיט. דאס איז שוין בעקאנט אונזערע לעזער.

— ווען מיר האבען געזעהן, אז מיר זיינען פערשפארט און קענען ניט ארויס, האבען מיר זיך געזעצט אפרוהען, האט ער ווייטער דערצעהלט. געהן אין דער פינסטער האבען מיר מורא געהאט. מיר זיינען אזוי געזעסען און גע-טראכט, ביז מיר זיינען אנטשלאפען געווארען. וויא לאנג מיר זיינען געשלאפען, ווייס איך ניט. ווען מיר האבען זיך אויפגעחאפט און האבען אנגעהויבען צו טראכטען, וואס מיר זאלען טהאן און וויא אזוי מיר זאלען זיך רעטען, האבען מיר אנגעהויבען צו טאפען דיא ערד ארום זיך. פלוצלונג האבען מיר געפונען אַ לאבען ברויט און אַ קרוג וואסער.

איהר קענט אייך פארשטעלען, מיט וואס פאר אן אפעטיט מיר האבען געגעסען דאס ברויט און געטרונקען דאס וואסער. איך וויל אייך ניט לאנגוויי-לען מיט דער געשיכטע פון אונזערע ליידען. איך וועל אייך דערצעהלען אין קורצען. דריי מאל האבען מיר געפונען אַ לאבען ברויט און אַ קרוג וואסער. אויב דיעזע דריי מאל זיינען געשעהן אין דריי טעג אדער אין זעקס טעג, קען איך ניט וויסען. איך ווייס נור, אז דאס פיערטע מאל, ווען מיר זיינען געווען זעהר הונגעריג, האבען מיר גאר ניט געפונען.

וויא לאנג מיר האבען געליטען הונגער, ווייס איך ניט. איך ווייס נור, אז מיר האבען אנגעהויבען צו פיהלען, אז אונזערע קרעפטע שווינדען. מיר זיינען געווארען אלץ שוואכער און שוואכער, ביז מיר זיינען געבליעבען ליעגען אויף איין ארט און האבען זיך מעהר ניט געקענט ריהרען.

וויא אזוי איהר האט אונז געפונען, ווייסט איהר. דאס איז אלעס, וואס איך קען אייך דערצעהלען.

לארד עלפינגסטאן האט זיך פערטראכט. דיא געשיכטע איז איהם פאר-געקומען רעכט זאנדערבאר.

— וויא עס ווייזט אויס, געפינען זיך אין דארטשארט פיט צוויי געהיימניס-פאלע מענשען, איינער, וועלכער האט אייך פערשפארט אין דער נייער מינע און דער אנדערער, וועלכער האט אייך געבראכט ברויט און וואסער, האט ער גע-זאגט צום אינזשעניר.ביידע געהיימניספאלע מענשען האבען ניט ליעב איינער דעם אנדערן. איינער האט געוואלט, אז איהר זאלט שטארבען פאר הונגער. דער אנדערער האט אייך געבראכט ברויט און וואסער.

— פאר וואס אבער האט ער געבראכט ברויט און וואסער נור דריי מאל? — האט דשיימס סטאר געפרעגט.

— וואהרשיינליך, האט ער מעהר ניט געקענט, האט לארד עלפינגסטאָן געענטפערט. מעגליך, אז ער איז אליין אַזוי ארים, אז ער האט מעהר ניט געהאט.

— וויא דיא זאך איז דארט געווען, עס בלייבט פאר מיר אַ רעטעניש, האט דשיימס סטאר געזאגט. ווער איז דער פיינד, וועלכער האט אונז פערמויערט אין דער גייער מינע און ווער איז געווען דער פריינד, וועלכער האט אונז געבראַכט ברויט און וואסער, האט צוכראכען דיא וואנד און האט אייך געוויעזען דעם וועג צו אונז. איך מוז דאך יעצט צוגעבען, אז אַ מענש מיט אַ לאמפ אין דיא הענד האט אייך געפיהרט און האט אייך געוויעזען, וואו מיר ליעגען.

לארד עלפינגסטאָן האט געשיקט קיין עדינבורג נאך פאליסלייט און דע-טעקטיוום. מען האט געזוכט און געפארשט אין דער גאנצער מינע. אומזיסט! מען האט גאר ניט געפונען. דיא עדינבורגער פאליציי איז געווען פערצווייפעלט. זיא האט גאר ניט אויסגעפונען אין דונאלד קעסל, זיא האט גאר ניט אויסגעפו-נען אין דארטשארם פיט. זיא האט ניט געקענט וויסען, וואס איז געווען דיא אורזאכע פון'ם פייער, וועלכעס האט פערפיהרט דעם שיפסקאפיטאַן פון דער „מאַטאַלאַ“ און ווער עס האט פערמויערט דעם אינזשעניר סטאר מיט דער פאַ-מיליע ווארד אין ניי אבערוויל.

14טעם קאַפּיטעל.

קאָהל סיטי.

לארד עלפינגסטאָן און דיא עדינבורגער פאליציי ויינען זיך אהיים געפאה-רען. דשיימס סטאר אבער איז געבליעבען אין דער אלטער מינע ביי זיינע פריינד, דיא פאמיליע ווארד. זיי זיינען אין אַ קורצע צייט געווארען פאלקאמען געזונד און דשיימס סטאר האט אנגעהויבען אויסצופיהרען זיין פלאן. ער האט געגרינ-דעט אן אקציען געזעלשאפט צו בעארבייטען דיא נייע מינע.

אויפ'ן ערשטען אויפרוף, וואס דשיימס סטאר האט ארויסגעלאזען אין דיא צייטונגען, האבען געענטפערט זעהר פיעל רייכע מענשען, וועלכע האבען איהם געגעבען מיליאנען פונט סטערלינג, אום ער זאל בעארבייטען דיא נייע מינע.

דשיימס סטאר האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. ער האט איינגע-ארדענט אַ גאנץ נייעס סיסטעם, וויא צו בעארבייטען דיא מינע. מיט א פאר יאהר שפעטער האט מען דיא גאנצע געגענד ניט געקענט דערקענען. עס איז געווען אַ גאנץ נייע וועלט. עס האבען אנגעהויבען צו פאהרען מענשען פון דער גאנצער וועלט אנקוקען דיא נייע מינע. עס איז געווען, וואס צו זעהן.

זיעבען מייל פון דער באהן סטאציאן קאללאנדאר האט זיך אויפגעהויבען אַ גרויסער, הויכער טהורעם. דאס איז געווען דער ארייגגאנג אין דער נייער מינע — ניי אבערוויל.

ווען דער רייזענדער איז צוגעקומען צום טהורעם, האט ער זיך אריינגע-זעצט אין אן עלעקטרישען וואגאן און איז אראפגעפאהרען אין אַ קורצע צייט ביז צום גרונד פון'ם שאכט. פונפצעהן הונדערט פוס טיעף אונטער דער ערד-

דארט אהסען האט זיך איהם פֿארגעשטעלט אַ וואונדערבארעס בילד. אונטען איז געווען אַ גאנצע שטאדט, וועלכע האט געהייסען קאָהל סיטי (קוילענשטאדט).

אין דיעזער שטאדט זיינען געווען אויסגעבויט הויכע און ארענטליכע הייזער, שעהנע און ברייטע גאסען. אין דיעזע הייזער האבען געוואוינט דיא ארבייטער — דיא קוילען גרעבער. סיימאן ווארד איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך אויסגעבויט אַ הויז לעבען דעם פֿינסטערן אבגרונד, וואס זיי האבען דערזעהן דאס ערשטע מאל, ווען זיי האבען ענטדעקט דיא מינע. שפּעטער האט זיך ארויס־געוויזען, אז אין דיעזען אבגרונד געפֿינט זיך אַ גרויסער טייך פֿון עטליכע מייל דיא ברייט און דיא לענג.

דאס וואַסער אין טייך איז געווען ריין, קלאר און געשמאַק צום טרינקען און צום קאכען. הערריי ווארד האט זיך געמאַכט אַ שיפֿעל און איז ארומגעפֿאָה־רען אין דעם טייך. מיט שטיינען האט ער דערזעהן, אז אין דיעזען טייך געפֿינען זיך פֿיש. ער האט געמאַכט אַ נעץ און האט געכאַפּט דיעזע פֿיש. אבער, אָה, וואונדער! דיא פֿיש זיינען געווען בלינד. זיי האבען זאגאר ניט געהאט קיין צייכענס פֿון קיין אויגען.*)

אַרום דיעזען טייך האט זיך אויסגעבויט דיא נייע שטאדט מיט'ן נאמען קאָהל סיטי. דיא גאסען פֿון דער שטאדט זיינען געווען בעלייכטעט מיט שטארקע עלעקטרישע לאמפען, וועלכע פֿלעגען ברענען זעכצעהן שטונדען אין מעת לעת. ווען עס איז געקומען דיא צייט, ווען מענשען דארפֿען זיך אפּרוהען, פֿלעגען זיך דיא עלעקטרישע לאמפען אליין אויסלעשען. אין קאָהל סיטי האט דאס געהייסען נאכט. אכט שטונדען איז געווען פֿינסטער אין קאָהל סיטי. דאַן האָבען זיך דיא עלעקטרישע לאמפען ווידער אנגעצונדען. עס איז געווארען טאָג.

דיא אַרבייטער פֿרויען האבען זיך גענומען קאכען און טהאן וייער הויז אַרבייט. אין יעדעם הויז איז געווען וואַסער פֿון'ם טייך (אַזיעראָ), וועלכען דשיימס האט אַ נאמען געגעבען מאַלקאָלם לייק, ווייל אַ געוויסער לארד גלענארוואן, וועלכער האט געוואָינט אין מאַלקאלם קעסל, איז געווען דער ערשטער, וואס האט געפֿונען, אז דשיימס סטאַר'ס פלאן איז דער בעסטער צו בעארבייטען דיא מינע און האט דער ערשטער געגעבען אַ מיליאן פֿונט סטערלינג אויסצופֿיהרען דיעזען פלאַן.

---

*) אין דער מאַמאָטה הייל לעבען לואיסוויל אין קענטוקי געפינען זיך אויך פיש אין דיא טייכען אונטער דער ערד. זיי זיינען אויך בלינד. דער קאפ איז ביי זיי אזוי גלאט, אז מען דערקענט גאר ניט דאס ארט, וואו דיא אויגען דארפען זיין. דער געלערנטער טשארלז דארווין ערקלערט, פאר וואס דיא פיש זיינען בלינד. דאס ערשטע מאל, ווען דיא הייל האט זיך גע־בילדעט און האט פערדעקט אַ גרויסען טייך מיט פיש, האבען דיא פיש געהאט אויגען, וויא אלע פיש. אין דער פינסטער אבער האבען זיי דיא אויגען וועניג גענוצט. דיא פיש האָבען זיך פערמעהרט. דיא ניי געבארענע פיש האבען שוין גאר ניט געעפענט זייערע אויגען. אזוי זיינען פערגאנגען טויזענדע יאהרען, ביז דיא איצטיגע פיש דארטען האבען זאגאר קיין צייכען ניט, וואו דיא אויגען דארפען זיין.

דיעזער לארד גלענארוואן און זיין פרוי, ליידי העלענא, פלענען זעהר אפט קומען קיין קאָהל סיטי, פלענען בעטראַכטען דיא ארבייט אין דער מינע און דיא וואינונגען פון דיא אַרבייטער.

דשיימס סטאר האט זיך אויסגעבויט אַ הויז לעבען סיימאן ווארד'ס הויז און פלעגט וואינען אין דער מינע גלייך מיט דיא ארבייטער. ער האט איינגעפיהרט, אז דיא ארבייטער זאלען ניט נעהמען קיין געהאלט, זאנדערן זאלען בעקומען אקציען פאר זייער ארבייט. זיי זיינען געוועזען גלייכע אקציאנערן מיט לארד גלענארוואן, דשיימס סטאר און דיא אנדערע.

מען קען זיך לייכט דענקען, וויפיעל מענשען עס זיינען געקומען און האבען געבעטען ארבייט ביי דשיימס סטאר. צוערשט האט ער צוגענומען אלע אלטע ארבייטער, וועלכע האבען געארבייט אין דארטשארט פיט. ערשט שפעטער, ווען עס פלעגט איהם פעהלען ארבייטער, פלעגט ער צונעהמען נייע מענשען. פאר יעדען נייען ארבייטער פלעגט מען אויסבויען אַ נייע שטיבעלע.

דיא ארבייטער זיינען געוועזען גליקליך. אין קאָהל סיטי האט מען ניט געוואוסט ניט פון קיין רעגען, ניט פון קיין שנעע און ניט פון קיין קעלט. פון'ם אלטען סיימאן ווארד איז שוין גאר ניטא וואס צו רעדען. זייט עס האט זיך געעפענט דיא נייע מינע, האט ער גאר ניט געוואלט וויסען, אויב עס איז דא ערגעץ נאך אַ וועלט אויסער קאָהל סיטי.

קאָהל סיטי איז געוואקסען פון יאהר צו יאהר. דיא קינדער, וועלכע זיינען דאס ערשטע יאהר געבארען געווארען אין קאָהל סיטי, האבען אלע געהייסען דשיימס אדער סיימאן צו עהרען פון'ם אינזשעניר און דעם אלטען סיימאן ווארד.

דשעק רייען האט אמאל געלאכט:

— אט האט איהר אַ קינד, וועלכעס איז שוין אלט פיערצעהן מאנאטע און עס האט נאך ניט געזעהן דאס ליכט פון'ם טאג.

דשעק רייען האט געוואינט ביים אלטען ווארד. מעדש האט איהם ליעב געהאט, וויא איהר זוהן, העררי. זיי פלעגען ביידע וויעדער ארבייטען צוזאמען און פלעגען אפט רעדען פון דיא פייער דאמען און פון דיא גייסטער, וועלכע געפינען זיך אין קאָהל סיטי.

אזוי וויא דשעק רייען איז ווירקליך געוועזען אַ גוטער ארבייטער, האט איהם דשיימס סטאר געמאכט פאר א פארמאן אין איין טהייל פון דער מינע.

סיימאן ווארד האט ניט געקענט פערגעסען, אז דשעק רייען האט זיי גערעטעט דאס לעבען. ער פלעגט עס איהם אפט זאגען.

— איהר האט מיר ניט וואס צו דאנקען, פלעגט דשעק רייען ענטפערן, ווייל איך וואלט גאר ניט געקענט טהאן, ווען ניט יענער גייסט, וועלכער האט אונז געוויעזען דעם וועג צו אייך.

— עס איז ניט געוועזען קיין גייסט, דשעק, פלעגט דער אלטער מאן זאגען. עס איז געוועזען אַ מענש.

— ניין, הערר סיימאן! איהר וועט מיר ניט איינרעדען. דאס איז געוועזען

א גייסט, דער זוהן פון דער פייער דאמע אדער גאר איהר איניקעל.

— מיר מוזען דאך אמאל אויסגעפינען, ווער עס איז געווען, פלעגט זאגען הערדי ווארד פערטראכט.

ער האט אויך ניט געגלויבט אין גייסטער, וויא זיין פאטער און זיין דיא מינע האט זיך געעפענט, פלעגט ער אלץ זוכען א מיטעל, וויא אזוי אויסצוגעפינען, וואס פאר א געהיימניס עס ליעגט דא בעגראבען אזוי טיעף אין דער ערד.

— ווילסט דוא מיר העלפען, דשעק?

— מיט גאנצען הארצען, הערדי! פיהר מיך, וואוהין דוא ווילסט, איך וועל געהן מיט דיר מיט פערגניגען. איך האב שוין יעצט קיין מורא ניט פאר קיין גייסטער. איך האב געזעהן דיא פייער דאמע מיט מיינע אויגען און האב געזעהן דעם גייסט, וועלכער האט אייך פערמויערט. וואס האב איך שוין מורא צו האבען פאר זיי?

דיעזעס געשפרעך האבען זיי געהאלטען דריי יאהר נאכדעם, וויא דיא נייע מינע האט זיך געעפענט.

קוים איז הערדי געזונד געווארען און עס האבען זיך אנגעהויבען דיא ארבייטען פון דער נייער מינע, איז איהם ניט ארויס פון קאפ דער געדאנק: ווער איז עס געווען, וואס האט אונז פערמויערט אין דער נייער מינע? ווער האט אונז געבראכט ברויט און וואסער אין דער נייער מינע? און ווער האט עס געפיהרט דשעק רייען און לארד עלפינגסטאן ווייזען, וואו מיר ליעגען האלב טויט?

קוים פלעגט ער נור צייט האבען, פלעגט ער נעהמען זיין לעמפעל און ארומגעהן זוכען, פארשען און שפירען, וואס עס טהוט זיך אין דער נייער מינע. ער האט זיך אומיכטען אויסגעבויט א שיפעל, אום ער זאל קענען ארומפאהרען אויף דער אזיערא (זעע) און זעהן, פיעללייכט וועט ער ערגעץ געפינען א הייל, א וועג, א פערבארגענע גאלערעע, וואו א מענש קען זיך אויפהאלטען. דאס הערץ האט איהם געזאגט, אז אם ענדע וועט עס איהם דאך געלינגען. דיעזער געדאנק האט איהם פערפאלגט, ווען ער האט געוואכט, ווען ער האט געארבייט און ווען ער האט געשלאפען.

אונטערדעסען איז דאס לעבען אין קאהל סיטי געגאנגען זיין וועג. עס זיינען אלע מאל צוגעקומען נייע הייזער, נייע גאסען און נייע סקווערס. עס זיינען צוגעקומען ארבייטער מיט זייערע פאמיליען. מען האט געלעבט אין קאהל סיטי, וויא אין יעדע אנדערע שטאדט. ווען מען פלעגט אוועקלעגען דיא ארבייט, פלעגען זיך פערזאמלען יונגע לייט און יונגע מעדכען ביים ברעג פון מאלקאלם לייק, פלעגען זינגען, שפיעלען, רעדען, לאכען און טאנצען.

דשעק רייען פלעגט דאמאלס בעווייזען זיינע קונסטשטיקע. ער פלעגט זינגען און פלעגט פיהרען דאס גאנצע רעדעל. נור איין הערדי ווארד פלעגט זיך האלטען אן א זייט. ער פלעגט צוואר קומען אויף דיא פערזאמלונגען, ער פלעגט אבער זעלטען טהייל נעהמען אין זיי.

אין קאהל סיטי זיינען געווען פיעלע שעהנע מעדכען. דיא אלטע מעדש

פלענט אלץ האַבען, אז איהר הערריי וועט זיך ענדליך פערליעבען אין אַ מײד־כען, וועט זיא חייראַטהען און זיא וועט ענדליך אמאל זיין אַ גראָס־מוטער; זיא וועט האבען דיא זכיה צו האלטען אן אייניקעל אויף דיא הענד.

צו איהר בעדויערן האט זיא בעמערקט אין דער לעצטער צייט, אז הערריי געהט ארום עפּעס ערנכט און פערטראכט. איהר האט זיך זאגאר אויסגעוויעזען, אז ער איז עפּעס טרויעריג. זיא האט געבעטען דשעק רייען, ער זאל איהם מאַ־כען פרעהליכער. ער זאל איהם פיהרען ערגעץ און זאל איהם עפּעס אויפמונטערן. דשעק רייען האט געטהאן, וואס ער האט געקענט. הערריי איז אבער אלץ גע־בליעבען טרויעריג און פערטראכט.

18טעס קאפּיטעל.

אויף אַ פּאַדים.

אין איין זונטאג, ווען אין קאַהל סיטי האט מען ניט געארבייט און אלעס איז געוועזען שטיל און רוהיג, זיינען ביידע פריינד, דשעק רייען און הערריי ווארד ארומגעגאנגען אויפ׳ן ברעג פון מאלקאלם לייק.

עס איז געוועזען אין מאנאט יוני. אויבען איז געוועזען זעהר הייס און עס זיינען אנגעקומען פיעל געסט פון דיא שטעדט ארום בעזוכען קאַהל סיטי און זיך אביסעל אפּקיהלען.

יעדען זונטאג פלעגען קומען זעהר פיעל געסט קיין קאַהל סיטי. עס פלעגען קומען פריינד און בעקאנטע פון דיא ארבייטער; עס פלעגען קומען דיא פארמערס פון ארום מיט זייערע פאמיליען; עס פלעגען אבער אויך קומען גאנץ פרעמדע מענשען: רייזענדע, געלערנטע, שרייבער און דיכטער בעטראַכ־טען דיעזעס נייע וואונדער.

דיעזען זאנטאג זיינען געוועזען בעזאנדערס פיעל געסט אין קאַהל סיטי. אלע זיינען ארומגעגאנגען אין דיא גאסען פון דער נייער שטאדט און האבען בעוואונ־דערט דיא נייע איינריכטונגען. דיא עלעקטרישע לאמפּען האבען געברענט און בעלייכטעט דיא גאסען און דיא הייזער פון דיעזער שטאדט, וועלכע איז געלעגען פופצעהן הונדערט פוס טיעף אונטער דער אבערפלעכע פון דער ערד.

הערריי ווארד און דשעק רייען זיינען ארומגעגאנגען אויפ׳ן ברעג פון׳ם קליינעם זעע. הערריי איז געוועזען טרויעריג און פערטראַכט.

— זיי אביסעל פרעהליכער, הערריי, האט דשעק רייען געבעטען. זעה, מיר האבען אזוי פיעל געכט היינט. פיעלע פון זיי קענען דיך. ווען זיי וועלען זעהן, אז דוא ביסט אזוי טרויעריג, וועלען זיי מיינען, אז דיר געפעלט ניט דא, ביי אונז. דוא ווילסט בעסער זיין אויבען, דארט וואו עס וואקסט גראז.

— לאז מיך צו רוה, דשעק, האט הערריי געבעטען. דוא ביסט פרעהליך און לוסטיג פאר אונז ביידען. קיינער וועט זיך אויף מיר ניט אומקוקען, ווען ער וועט זעהן, אז דוא ביסט אזוי פרעהליך.

— דוא ביסט אבער טרויעריג פאר צעהן מענשען, האט דשעק אויסגערו־

פֿען. דוא מאכסט מיך אויך טרויעריג. דוא געהסט ארום אזוי פֿערטראכט, דעם קאפּ אראבגעלאזען, אזוי ניעדערגעשלאגען, גלייך וויא דיא גאנצע וועלט וואלט איינגעפֿאלען אויף דיר. — הערריו זאג מיר, וואס איז מיט דיר דער מעהר?

— דוא ווייסט עס דאך, דשעק!

— אלזא, דוא קענסט נאך אלץ ניט פערגעסען דיא אלטע געשיכטע? דוא טראכסט נאך אימער איבער דיא אלטע פֿראגען: ווער האט אייך דאמאלס איינגעמויערט אין ניי אבערוויל? ווער האט אייך געבראכט ברויט און וואסער און ווער האט דאן אויסגעבראכען דעם מויער און האט מיך און לארד עלפֿינגסטאן געפֿיהרט צו אייך?

— יא, דשעק! אימער דיא אלטע פֿראגען.

— אבער, ליעבער הערריו, ווען דוא זאלסט טהאן, וויא איך און זאלסט אלעס ארויפֿווארפֿען אויף דיא גייסטער פֿון דער מינע, וואלטען דיך אזעלכע געדאנקען מעהר ניט בעאונרוהיגט. דאס אלעס האבען געטהאן דיא גייסטער. עס זיינען דא גוטע גייסטער און שלעכטע גייסטער. דיא שלעכטע גייסטער האבען אייך פֿערמויערט אין דער נייער מינע און דיא גוטע גייסטער האבען אייך גערעטעט. דאס איז אלעס! קלאר און דייטליך!

— ניין, דשעק, ניין! דאס זיינען ניט געווען קיין גייסטער, וויא דוא מיינסט. אזעלכע גייסטער זיינען ניטא, זיי געפֿינען זיך נור אין אונזער איינבילדונגס קראפֿט. דאס זיינען געווען מענשען. א בעוויז האסט דוא, אז דאס זיינען געווען מענשען, אז זייט דריי יאהר, זייט מען האט זיך גענומען געשמאק צו דער ארבייט אין דער נייער מינע, האבען זיך דיא גייסטער מעהר ניט בעוויזען. ווען עס זאלען געווען זיין גייסטער, וואלטען זיי זיך ניט געשעהמט פֿאר אונז און וואלטען אונז אפּגעטהאן עפּעס א שטיקעל. עס זיינען אבער מענשען, וועלכע האבען מורא, ווען זיי זעהן, אז מיר זיינען מעהרער און שטארקער פֿון זיי.

— ווען דיא גייסטער קומען ניט צוריק, וועלען דיא מענשען אויך ניט צוריקקומען. אלזא, ווארף אוועק אלע דיעזע טרויעריגע געדאנקען און לאמיר בעסער פֿרעהליך זיין.

— איך קען ניט פֿרעהליך זיין, ביז וואנען איך וועל ניט אויסגעפֿינען דאס געהיימניס פֿון דיעזער מינע, האט הערריו געענטפֿערט פֿערטראכט. איך ווייס אליין ניט פֿאר וואס דאס איז; אבער מיין הארץ זאגט מיר עפּעס, אז דיא הענד, וועלכע האבען אראבגעווארפֿען דעם שטיין אויפֿין אינזשעניר, דיא הענד, וועלכע האבען אונז פֿערמויערט אין ניי אבערוויל און האבען צוגענומען און פֿערברענט דיא לייטערס פֿון דארטשארט פיט, — דיעזעלבע הענד וועלען ניט רוהען ביז זיי וועלען אונז אריינשלעפּען אין אזא אונגליק, פֿון וועלכען מיר וועלען שוין ניט קענען ארויס.

הערריו האט גערעדט מיט אזא פֿייער און מיט אזא איבערציינונג, אז דשעק רייען האט געמוזט שווייגען. ער האט ניט געוואוסט וואס איהם צו ענטפֿערן. אויף גייסטער איז קיין פֿראגע ניט. זיי זיינען גייסטער און טהוען, וויא זיי

געפֿעלט. זיי זיינען אַביסעל וואַהנזיניג און ווייסען ניט, וואַס זיי טהוען. דיא פֿייע דאַמע האָט געוואָלט פֿערפֿיהרען דאָס שיף „מאַטאַלאַ", ווייל זיא האָט אַזוי געוואָלט. דיא נייסטער איז געפֿעלען צו פֿערמויערן דעם אינזשעניר מיט דער פֿאַמיליע וואָרד, ווייל עס איז זיי אַזוי אויסגעקומען. — מענשען אָבער מוזען דאָך האָבען עפּעס אַ צוועק. ווען מענשען טהוען עפּעס, מוזען זיי זיך דאָך איבערלעגען, וואָס זיי טהוען.

— הער נור, הערריי, לאַמיר זאָגען, אַז שלעכטע מענשען האָבען אייך פֿערפֿאָלגט און האָבען אייך געוואָלט טייטען. דוא מוזט דאָך אָבער צוגעבען, אַז עס האָט זיך געפֿונען אַ גוטער מענש, וועלכער האָט אייך געבראַכט דריי מאָל ברויט און וואַסער, וועלכער האָט אויפֿגעעפֿענט דיא מינע, ווען מיר זיינען געקומען אייך זוכען. אַלזאָ, ווען דיא שלעכטע וועלען טראַכטען אונז צו טהאָן שלעכטעס, וועלען דיא גוטע אונז רעטען.

— ליעבער דשעק! האָט הערריי אויסגערופֿען, דאָס בעאונרוהיגט מיך טאַקע. איך זעה, אַז דער גוטער מענש איז ניט געוועזען אים שטאַנד אונז צו רעטען. ער האָט זיך געמוזט פֿערגנב'ענען און אונז ברענגען ברויט און וואַסער; ער האָט זיך געמוזט פֿערגנב'ענען און אויפֿברעכען דיא וואַנד, וועלכע דער שלעכטער האָט פֿערמויערט. דאָס בעווייזט, אַז ער האָט מורא פֿאַר דיא שלעכטע. ער איז צו שוואַך געגען זיי. — אָבער וואו איז ער, דיעזער גוטער מענש? פֿאַר וואָס בעהאַלט ער זיך פֿאַר אונז? פֿאַרוואָס קומט ער ניט צו אונז?

— האָסט דוא גאָר קיין שפור פֿון איהם, גאָר קיין צייכען פֿון איהם געפֿונען זייט דריי יאָהר, איך מיין, זייט דיא נייע מינע האָט זיך געעפֿענט.

— איך ווייס ניט. וואָס איך זאָל דיר זאָגען, האָט הערריי געענטפֿערט. מיר דאַכט, אַז איך האָב יאָ געפֿונען עפּעס אַ שפור פֿון איהם.

דשעק רייען איז געוואָרען נייגיעריג. אַזוי ערנסט האָט הערריי וואָרד מיט איהם נאָך קיין מאָל ניט גערעדט. ער האָט אָוועקגעפֿיהרט הערריי'ן וויים אין דער מינע און האָט איהם אָנגעהויבען צו בעטען, ער זאָל איהם זאָגען, וואָס פֿאַר אַ שפור ער האָט געפֿונען פֿון דיא זאָנדערבאַרע מענשען, וועלכע געפֿינען זיך דאָ אין דער מינע. הערריי האָט אָנפֿאַנגס ניט געוואָלט זאָגען. דשעק אָבער האָט איהם אַזוי לאַנג געבעטען, ביז ער האָט געמוזט נאָכגעבען.

— הער מיך אויס, דשעק. פֿינף מייל פֿון דאַנען, דאָרט, וואו דער זעע (אַזיעראָ) לייק קעטרין געפֿינט זיך איבער דער מינע, געפֿינט זיך אין דער מינע אַ טיעפֿער ברונען. איך ווייס ניט, אויב עס איז אַ ברונען אָדער אַזוי אַ טיעפֿער גרוב. אַלענפֿאַלס, ווען מען בעלייכטעט איהם מיט אַ לאָמפּ, זעהט מען נור אַ שוואַרצען טיעפֿען אַבגרונד.

מיט אַכט טעג צוריק בין איך דאָרט געוועזען. איך האָב געוואָלט אויסמעסטען, וויא טיעף דער ברונען איז און וויכען וואָס אונטען געפֿינט זיך: וואַסער אָדער ערד. איך האָב צוגעבונדען אַ שטיקעל בליי צו אַ פֿאָדים און האָב איהם אַראָפּגעלאָזען. דוא ווייסט דאָך, דשעק, וויא אַזוי מען מעסט אויס אַ ברונען. איך

האב מיך איינגעבויגען איבערן ברונען און האב געוואלט זעהן, וויא ווייט מיין פּאַדים מיטין בליי וועט גרייכען. פּלוטצלונג האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז דיא לופּט אין ברונען הייבט זיך אן צו ריהרען, גלייך וויא אַ גרויסער פויגעל וואלט אנגעהויבען צו פּאכען מיט זיינע גרויסע פליגעל. מיך האט עס זעהר איבער-ראַשט, ווייל דאמאלס, ווען מען האט אונז פערמויערט אין דער מינע, האט זיך אויך דיא לופּט אנגעהויבען צו בעוועגען און אַ פּאר פליגעל האבען מיר ארויס-געריסען מיין לאמפּ פון דיא הענד.

— מעגליך, אז אַ פויגעל האט דארט זיין נעסט, האט דשעק געענטפּערט. מען ארבייט דארט ניט און עס געפינען זיך דארט אַ פּאר לעכער, דורך וועלכע דער פויגעל קען אריינפליהען און ארויספליהען. איך ווייס, אז עס מאכט זיך זעהר אפּט, אז פייגעל מאכען זיך נעסטער אין אַ מינע.

— איך האב אנפאנגס אויך אזוי געטראכט. איך בין דאהער געוועזען עט-ליכע מאל ביי דיזען ברונען און האב מיך אניעדערגעלעגט פון דערווייטען זעהן, פיעללייכט וועט דער פויגעל קומען. — ער איז ניט געקומען. היינט אין דער פריה בין איך ווידער דארט געוועזען. איך האב מיך איינגעבויגען איבערן ברונען און האב געהערט אַ קרעכץ.

— אַ קרעכץ? האט דשעק אויסגערופען. דאס קען ניט זיין! עס האט זיך דיר אויסגעוויזען. ווער זאל דארט קרעכצען? — עס איז געוויס געוועזען אַ גייסט.

— מארגען, דשעק, וועל איך וויסען, וואס דארט איז, האט הערי געזאגט, וויא צו זיך אליין.

— מארגען? האט דשעק רייען אויסגערופען. וויא אזוי וועסט דוא עס מארגען וויסען?

— איך וועל מיך אראפּלאזען אין ברונען.

— הערי! טהו עס נים! צו וואס זאלסט דוא איינשטעלען דיין לעבען?

— איך וועל ניט זיין אליין. מארגען וועל איך מיטנעהמען עטליכע פון מיינע בעקאנטע. איך וועל מיך אראפּלאזען אויף אַ שטריק אין טיפען ברונען. ווען איך וועל געבען אַ צייכען, וועט מען מיך צוריק ארויפציעהען. — ווילסט דוא אויך געהן מיט מיר און מיר העלפען?

דשעק רייען האט טרויעריג געשאקעלט מיטין קאפּ.

— איך וועל געוויס געהן מיט דיר, הערי האט ער ענדליך געזאגט. איך ווידערהאל אבער, אז מיר געפעלט ניט דיין פּלאן. דוא ריזקירסט דיין לעבען גאר אומזיסט. איך זאג דיר נאך אמאל, דוא טהוסט זעהר שלעכט.

— איך מיין, אז איך טהו זעהר גלייך, וואס איך זוך נאך דיא אורזאכע פון דיא שטערונגען, וואס מיר האבען געהאט און וואס מיר קענען נאך האבען. אלענפאלס, האב איך מיך שוין איין מאל ענטשלאסען. — אַ גוטען טאג, דשעק! זאג עס קיינעם ניט. מארגען פריה אום זעקס אוהר!

דשעק רייען האט איהם נאך געוואלט אויפהאלטען און איהם אפּראַטען

פֿון אזא געוואגטען אונטערנעהמען. הערריוואַרד אבער האט זיך אויסגעדרעהט און איז אוועקגעגאנגען צו זיך אהיים. דשעק רייען האט איהם דיעזען טאג מעהר ניט געזעהן.

ער איז געווען זעהר אונצופריעדען מיט זיין פֿריינד הערריי.

— פֿאר וואס זאל ער זוכען מענשען, ווען עס איז קלאר, וויא דער טאג, אז דאס האבען געטהאן גייסטער? האט ער גערעדט צו זיך אליין.

פֿון דעסטוועגען האט ער זיך ענטשלאסען צו העלפֿען הערריין און איהם בייצושטעהן. דעם אנדערן טאג אום זעקס אוהר אין דער פֿריה איז ער נאך מיט דריי שטארקע יונגע לייט געשטאנען ביים ברונען און האט ערווארטעט זיין פֿריינד. אין אַ קורצע צייט איז הערריי אנגעקומען.

הערריי האט קיינעם ניט געזאגט, וואו ער געהט. ניט דער אינזשעניר, ניט זיינע עלטערן האבען געוואוסט, אז ער וויל זיך אראפלאזען אין ברונען. דשעק רייען האט אויך קיינעם ניט דערצעהלט, וואוזין ער געהט. ער האט גערופֿען דריי ארבייטער, זיינע פֿריינד, און זיינען געגאנגען מיט איהם.

הערריי ווארד האט מיטגעבראכט אַ דינעם, אבער פֿעסטען שטריק פֿון צוויי הונדערט פֿוס דיא לענג. זיי האבען אפגערעדט, אז ער זאל זיך ארומבינדען מיט אַ שטריק אונטער דיא ארימס און זיי זאלען איהם אראפלאזען אין ברונען. אזוי וויא זיינע הענד וועלען זיין פֿריי, וועט ער קענען געבען אַ ריס דעם שטריק. דאס וועט זיין אַ צייכען, אז ער וויל, מען זאל איהם ארויפֿשלעפען.

דער ברונען איז געווען גענוג ברייט פֿון אויבען. מען האט אריבערגעלעגט איבערן ברונען אַ גראבען קלאץ און צו דיעזען קלאץ האט מען צוגעבונדען דעם שטריק, וואס הערריי האט מיטגעבראכט.

אין איינעם מינוט איז אלעס פֿערטיג געווען.

— הערריי, ווילסט דוא נאך זיך אראפלאזען אין ברונען? האט דשעק רייען געפֿרעגט. איבערלעג דיר נאך אמאל, וואס דוא טהוסט!

— איך האב מיך שוין גענוג איבערלעגט און האב מיך פֿעסט ענטשלאסען, איך זאל מיך אראפלאזען.

עס האט גאר ניט געהאלפֿען. דשעק האט פֿעסט ארומגעבונדען דעם שטריק הערריין אונטערן ארים. צום גארטעל האט ער זיך צוגעבונדען אַ זיכערהייטס לאמפ און האט אריינגעשטעקט אין גארטעל צוויי מעסערס. ער זאל זיך האבען מיט וואס צו פֿערטהיידיגען.

לאנגזאם און פֿארזיכטיג האט זיך הערריי אראפגעלאזען אין ברונען. זיינע קאמעראדען האבען צו ביסלעכווייס אפגעוויקעלט דעם שטריק. וואס ניעדעריגער הערריי איז געקומען, אלץ מעהר האט ער געפֿיהלט, אז אונטען איז דיא לופֿט פֿרישער. ער האט געזעהן, אז דיא ווענט פֿון'ם ברונען זיינען גלאט. קיינע זייטען גענג און קיינע זייטען גאלערעען האט ער ניט בעמערקט. ער האט דאהער גערעכענט, אז אונטען מוז דער ברונען האבען עפּעס אן אויסגאנג.

ענדליך איז ער אנגעקומען אונטען. ער איז געבליעבען שטעהן אַ מינוט

אום אויפצואַטהעמען און זיך אַרומצוקוקען. ער האָט גענומען זיין לאָמפּ און האָט אָנגעהויבען צו קוקען אין אַלע זייטען. ער האָט ווירקליך געפונען, וואָס ער דאַרף ערוואַרטעט. אונטען איז ווירקליך געווען אַ וועג אין אַ ווייטען גאַלע־רעע. דער אַריינגאַנג איז אָבער געווען אַזוי ענג, אַז ער האָט געמוזט קריכען אויפ'ן בויך.

ווען ער האָט אָנגעהויבען צו קריעכען, האָט ער דערפיהלט, אַז עפּעס ליעגט אין וועג. — עפּעס אַ קערפּער. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבען און איז באַלד צוריקגעקראָכען. האָט גענומען זיין לאָמפּ און האָט אָנגעהויבען צו בע־טראַכטען, וואָס דאָס איז.

— אַ קינד! האָט ער אויסגערופען ניט מיט זיין קול.

ער האָט אָנגעהויבען צו בעטראַכטען דעם קערפּער. דאָס קינד איז געווען פערגליווערט, אָבער נאָך ניט אין גאַנצען קאַלט און ער האָט נאָך געאָטהעמט זעהר שוואַך.

— וויא קומט דיעזעס קינד אַהער? האָט ער געפרעגט זיך אַליין.

יעצט אָבער איז ניט געווען קיין צייט פיעל צו טראַכטען. ער מוז אַרויפ־נעהמען דאָס קינד און עס אויפמינטערן. ער האָט זיך צוגעבונדען דעם לאָמפּ צום גאַרטעל, האָט זיך אַרומגעבונדען מיט'ן שטריק, האָט גענומען דאָס קינד אויף דיא הענד און האָט אָנגעהויבען צו שאָקלען מיט'ן שטריק, אַ צייכען, אַז מען זאָל איהם אַרויפציעהן.

זיינע קאַמעראַדען האָבען דערזעהן דעם צייכען און האָבען אָנגעהויבען איהם אַרויפצושלעפּען. יעצט איז הערי געוואָרען זעהר פאַרזיכטיג. ער איז דאָך יעצט ניט אַליין. דער שטריק מוז יעצט אויסהאַלטען צוויי מענשען.

דיא ערשטע פּאָר מינוט איז אַלעס צוגעגאַנגען שטיל און רוהיג. פּלוצ־לונג ער האָט דערהערט, וויא פון אונטען, פון'ם ברונען, האָט זיך דיא לופט אָנגע־הויבען צו בעוועגען און צוויי שטאַרקע פליעגעל האָבען אָנגעהויבען צו קלאַפּען. הערי האָט אַראָפּגעקוקט און האָט דערזעהן עפּעס אַ שוואַרצע זאַך, וויא אַ גרויסער פויגעל פאַטשט מיט דיא פליעגעל און פליהט אַרויף. דער פויגעל איז פאַרביינעפלויגען לעבען איהם, האָט אַ פּאָר סעקונדען געשוועבט איבער זיין קאָפּ, דאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזען אויף איהם מיט אַ שרעקליכער וואָטה (רציחה). ער האָט איהם געשלאָגען מיט דיא פליעגעל און געביסען מיט זיין שאַרפען שנאָבעל.

הערי האָט גענומען נור איין פרייע האַנד, מיט וועלכער ער האָט געקענט זיך פערטהיידיגען. וואונדערבאַר! דער פויגעל האָט געזוכט אויסצומיידען דאָס קינד און איז אָנגעפאַלען נור אויף הערי. ער וואָלט איהם געוויס געווען אויסגע־שטאָכען דיא אויגען, ווען דער שטריק וואָלט זיך ניט געווען דרעהן און יעדעס מאָל, ווען ער האָט איהם געוואָלט טרעפען מיט זיין שטאַרקען שנאָבעל, איז הערי'ס קערפּער אָפּגעשפּרונגען. הערי האָט געזעהן, אַז ער האָט צו טהאָן

מיט אַ שרעקליכען פֿיינד. ער האט אנגעהויבען צו שרייען צו זיינע קאַמעראַדען, זיי זאָלען איהם שנעלער ארויפֿציעהען.

זיינע קאַמעראַדען האבען דערהערט זיין געשריי און האבען זיך געגעבען אַלע מיה, זיי זאָלען איהם שנעלער ארויפֿציעהען.

דער פֿויגעל האט עס דערזעהן, האט אפּגעלאָזען הערריין און האט אנגעהויבען צו בייסען דעם שטריק מיט זיין שטאַרקען שנאָבעל. הערריי האט פֿערשטאַנען דיא געפֿאַהר, וועלכע דראָהעט איהם. דער פֿויגעל האט געוואָלט איבערבייסען דעם שטריק, אַז הערריי זאָל אראָפּפֿאַלען הונדערט פֿוס טיעף. הערריי איז געוואָרען פֿערצווייפֿעלט. זיינע האָר האבען זיך אויפֿגעשטעלט, וויא שפּילקעס אויף זיין קאָפּ. אַ ווילדער, שרעקליכער געשריי אין זיין טויטעס אַנגסט האט זיך ארויסגעריסען פֿון זיין האַלז.

ער האט פֿערשטאַנען, אַז ווען זיינע קאַמעראַדען זאָלען יעצט ציעהן דעם שטריק נאָך שטאַרקער, וועט ער זיך געוויס איבעררייסען. ער האט אַוועקגעוואָרפֿען פֿון זיך דאָס מעסער, האט ענגער צוגעפּרעסט צו זיך דאָס קינד מיט דער לינקער האַנד און מיט דער רעכטער האט ער אַנגעכאַפּט דעם שטריק העכער פֿון דעם אָרט, וואו דער פֿויגעל האט איהם געביסען מיטין שנאָבעל.

יעצט האט זיך אנגעהויבען אַ פֿערצווייפֿעלטער קאַמפּף צווישען פֿויגעל און הערריי. דער פֿויגעל האט איהם געביסען דיא האַנד, געריסען דעם שטריק און האט געזוכט צו טרעפֿען איהם מיטין שנאָבעל אין דיא אויגען.

הערריי איז געווען פֿערצווייפֿעלט. ער האט געזעהן, אַז עס איז אונמעגליך איינצוהאַלטען דאָס קינד. ער האט עס שוין געוואָלט אַפּלאָזען און זיך רעטען.

צום גליק, האט דשעק רייען פֿערשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט און האט אנגעהויבען ארויפֿצוציעהן איהם נאָך שנעלער. באַלד האט ער אַנגעכאַפּט זיין פֿריינד הערריי ביים קאָפּ און ביי דער האַנד און האט איהם ארויסגעשלעפּט פֿון ברונען. דער פֿויגעל האט זיך דערשראָקען, ווען ער האט דערזעהן אַזוי פֿיעל מענשען און איז ערגעץ פֿערשוואונדען געוואָרען.

קוים איז הערריי ארויסגעקומען פֿון ברונען, איז ער געפֿאַלען אין אהנמאַכט. ער האט איבערלעבט אַזוי פֿיעל אין דיא איינציגע מינוט, וואָס ער האט פֿערבראַכט אין ברונען, אַז זיינע קרעפֿטע זיינען פֿערשוואונדען און ער איז געבליבען ליעגען, וויא אַ שטיק האָלץ.

16טעס קאַפּיטעל.

נעללי ביי סיימאַן וואַרד.

דשעק רייען אין זיינע ארבייטער האבען זיך גענומען אויפֿמינטערן הערריין. וויא ערשטוינט זיינען זיי געווען, ווען זיי האבען דערזעהן, אַז ער האַלט אין דיא הענד עפּעס אַ קערפּער פֿון אַ מענשען. זיי האבען באַלד גענומען הערריי מיטין קינד אָדער מיטין קערפּער, וואָס ער האט געהאַלטען צוגעדריקט צו זיין ברוסט און האבען זיי געטראָגען אהיים צו סיימאַן וואַרד.

הערדי איז באלד געקומען צו זיך און האט געעפענט דיא אויגען. ער איז צוהאר געווען שטארק צוביסען און פערבלוטיגט. זיינע וואונדען זיינען אבער געווען נים געפעהרליך. מעדש האט אפגעוואשען און פערבונדען זיינע וואונדען און אין א קורצע צייט איז ער ווידער געווען פריש און געזונד.

מיט דעם מענשליכען קערפער אבער, וואס הערדי האט ארויסגעשלעפט פון ברונען, האט זיא שוין געהאט מעהר מיה.

הערדי האט אנפאנגס געמיינט, אז ער האט געראטעוועט עפעס א קינד; ווען מען האט אבער בעסער בעטראכט דעם קאלטען קערפער, האט מען דערזעהן, אז דאס איז אַ מעדכען פון אַ יאהר פופצעהן - זעכצעהן. זיא איז געווען עדעל און אויסגעדארט — הויט און ביינער.

דיא אלטע מעדש האט זיך גענומען צו דער אַרבייט. זיא האט אויסגעווארמט דאס קינד, האט איהם אריינגעגאסען אין מויל ווארעמע זופ און האט געמהאן אלעס מעגליכע אום דאס יונגע מעדכען צו רעטען. ענדליך האט זיא געעפענט דיא אויגען און האט זיך ארומגעקוקט ווילד און דערשראקען. זיא האט באלד פערמאכט דיא אויגען. זיא האט נים געקענט ליידען דעם שיין פון דיא לאמפען אין ווארדים וואינונג. זיא איז נים געווען געוואינט צום ליכט. דשעק רייען און הערדי ווארד זיינען געשטאנען און האבען געקוקט אויף דיעזע בעשעפעניש, וועלכע זיי האבען געבראכט אהיים. דשעק רייען האט נים פיעל געקלערט און האט בעשלאסען, אז דאס איז אַ גייסט אדער דיא מאכמער פון אַ גייסט, פון דער פייער דאמע. אנדערש האט ער זיך נים געקענט ערקלערן, וויא אזוי זיא איז געקומען אין טיעפען ברונען.

הערדי איז אויך געווען ערשטוינט און איבערראשט, ווען ער האט דערזעהן דאס מעדכען, וועלכעס ער האט אזוי וואונדערבאר געראטעוועט. פאר איהם איז עס אויך געווען אַ רעטעניש, וויא זיא קומט אהין. ער האט אבער נים גערעכענט, אז דאס איז אַ גייסט, אן איבערנאטירליכעס וועזען. ער האט גערעכענט, אז דאס איז אַ מענש, וויא אלע מענשען.

מעדש איז אזוי לאנג ארומגעגאנגען ארום דעם האלב טויטען קינד, האט עס געווארמט און געמינטערט, ביז דאס מעדכען האט ענדליך געעפענט דיא אויגען און האט זיך ארומגעקוקט.

— וויא הייסט דוא, מיין קינד? האט דיא אלטע מעדש געפרעגט.

— איך הייס נעללי, האט דאס מעדכען געענטפערט.

— מהוט דיר עפעס וועה?

— איך וויל עסען. איך האב שוין נים געגעסען — זיים.... זיים —

נעללי האט גערעדט נים ענגליש, זאנדערן דיא גאנץ אלטע גאללישע שפראכע, וועלכע מען רעדט נאך נור אין אייניגע דערפער אין שאטלאנד. סיימאן ווארד און זיין פרוי האבען נאך פערשטאנען דיעזע שפראכע, הערדי אבער און דשעק רייען האבען זיא קוים, קוים פערשטאנען.

דיא אלטע מעדש האט איהר באלד געגעבען עפעס עסען. זיא האט גוט

געדענקט, וויא דער דאָקטאָר האָט זיי בעהאַנדעלט, ווען מען האָט זיי געפֿונען פֿערהונגערט און האַלב טויט אין דער מינע. אַזוי האָט זיא יעצט בעהאַנדעלט דיא אונגליקליכע נעללי. זיא האָט איהר געגעבען עסען צו ביסלעך, האָט איהר אָפֿט געגעבען אַ לעפֿעל וויין און האָט זיא געלאָזען יעדעס מאָל זיך אָפּרוהען.

זיא האָט ניט געוואָלט מיט איהר רעדען, ביז זיא וועט קומען צו זיך און וועט זיין אים שטאַנד זיך אויפֿצוהויבען. אַזוי איז פֿערגאַנגגען דער טאָג. דיא נאַכט איז נעללי איבערגעשלאָפֿען זעהר רוהיג. מעדש איז אַ פּאָר מאָל אויפֿגעשטאַנען ביי נאַכט און האָט איהר געגעבען אַ לעפֿעל זופּ און אַ ביסעל וויין.

דעם אַנדערן טאָג איז נעללי שוין געוועזען גענוג קרעפֿטיג, אַז זיא האָט זיך געקענט אויפֿזעצען אויפֿ'ן בעט. מעדש האָט געוואָלט מיט איהר רעדען און זיא אויספֿרעגען.

— וויא לאַנג ביסט דוא געוועזען דאָרט אין ברונען? האָט מעדש געפֿרעגט.

— וויא לאַנג? — איך ווייס ניט, האָט נעללי געענטפֿערט.

— איך מיין, וויא פֿיעל טעג ביזט דוא דאָרט געוועזען.

— טעג? וואָס הייסט טעג? איך ווייס ניט.

זיא האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַזוי טרויעריג, אַז דיא אַלטע מעדש האָט אָנגעהויבען צו האָבען מיטלייד מיט איהר. זיא האָט גענומען נעלליס קליינע הענטלעך, האָט זיי אָנגעהויבען צו וואַרעמען און האָט זיי צוגעפּרעסט צום הערצען.

— וויא אַלט ביסט דוא, מיין קינד? האָט זיא געפֿרעגט.

— אַלט? — איך ווייס ניט, האָט נעללי געענטפֿערט און האָט אַ שאָקל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, וויא אַ מענש, וועלכער פֿערשטעהט גאָר ניט, וואָס מען רעדט צו איהם.

— איך פֿרעג דיך, מיין קינד, וויפֿיעל יאָהר דוא ביסט אַלט? האָט מעדש ווייטער געפֿרעגט.

— יאָהר? וואָס איז יאָהר? — איך ווייס ניט.

עס איז געוועזען דייטליך, אַז נעללי ווייס ווירקליך ניט, וואָס עס הייסט אַ טאָג אָדער אַ יאָהר.

דשעק רייען, הערריי און סיימאָן וואַרד, וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי און האָבען אויסגעהערט, וויא דיא אַלטע מעדש האָט גערעדט מיט נעללין, האָבען געקוקט אויף איהר פֿול מיטלייד און סימפּאַטיע.

ערשט יעצט האָבען זיי זיך צוגעקוקט צו איהר און האָבען זיא בעסער בעטראַכט. זיא איז געוועזען אָנגעטהאָן אין אַן איינפֿאַך העמד פֿון גראָבע לייוואַנד און אין אַן איינפֿאַך קליידעל פֿון אַ גראָבען שטאָף. הערריי האָט געפֿיהלט, אַז עס ציהט איהם עפּעס צו דיעזעס קינד, וועלכעס ער האָט אַזוי וואונדערבאַר געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט.

נעללי האָט איהם אויך דערקענט. קוים פֿלעגט ער אויפֿהייבען דיא אויגען צו איהר, פֿלעגט זיא אָנהייבען צו שמייכלען צו איהם. ער איז צוגעגאַנגען צו

איהר, האט זיא גענומען ביי דיא הענד און האט געפרעגט:

— נעללי! דארט — אונטען — אין ברונען — ביסט דוא געוועזען גאר אליין?

— אליין! אליין! האט נעללי אויסגעשריען און האט אנגעהויבען צו ציטערן.

איהרע אויגען זיינען געווארען חילד, איהר געזיכט האט אנגענומען אן אויסדרוק פול שרעק און פורכט.

— אליין! אליין! האט זיא אויסגערופען נאך אמאל און איז אומגעפאלען אויפ'ן בעט.

אלע זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. עס איז געוועזען דייטליך, אז נעללי האט עפּעס מורא, ווען מען דערמאנט איהר דעם ברונען.

— דאס קינד איז נאך זעהר שוואך, האט מעדש געזאגט. לאמיר זיא לאזען צו רוה. זיא וועט זיך אָפּרוהען נאך אַ טאָג, דאן וועלען מיר קענען מיט איהר מעהר רעדען.

זיא האט צורעכט געמאַכט דיא קישענס אונטער איהר קאָפּ, האט זיא גוט איינגעדעקט און האט געזאגט:

— קום, סיימאָן! קום, הערריי! לאָמיר זיא לאזען שלאפען!

זיי זיינען אלע אַרויסגעגאַנגען פון צימער. אין אַ פּאר מינוטען אַרום איז מעדש אריינגעגאנגען שטילערהייט זעהן, וואס נעללי טהוט. זיא האט געפונען, אז נעללי שלאפט געשמאַק.

דיא געשיכטע, אז מען האט געפונען אַ יונגעס מעדכען אין אַ ברונען טיעף טיעף אונטער דער ערד, האט ניט געקענט בלייבען קיין געהיימניס. דשעק רייען און דיא ארבייטער, וועלכע זיינען געגאנגען מיט הערריי ווארד, האבען עס דערצעהלט אין קאָהל סיטי. פון קאָהל סיטי איז מען דערפון געוואהר געווארען אויף דיא פארמס ארום. באלד האט מען דערפון גערעדט אין גאנץ ענגלאנד.

נעללי איז געווארען דער געגענשטאַנד פון געשפּרעכען אין גאנץ ענגלאנד, וואָגאר דיא צייטונגען האבען אנגעהויבען צו שרייבען פון דיעזעס וואונדער.

„צוויי טויזענד פוס אונטער דער ערד, איינגעמויערט אין אַ שטיינערנעם ברונען, האט מען געפונען אַ מעדכען“, האט געשריעבען אן עדינבורגער צייטונג. „ווער דאס מעדכען איז, פון וואנען זיא איז און וויא אזוי זיא קומט אהין, ווייס קיינער ניט. דאס מעדכען ווייס נור, אז זיא הייסט נעללי, ווייטער ווייס זיא גאר ניט.“

דיא איינוואינער פון קאָהל סיטי פלעגען זוכען עפּעס אַ תירוץ און קומען אין סיימאן וואַרד'ס וואינונג אום אַ קוק צו טהאן אויף דיעזעס נייעס וואונדער.

דשעק רייען האט זיך געהאלטען פעסט, אז נעללי איז אַ גייסט. ווען ער פלעגט רעדען מיט הערריין פלעגט ער איהם זאגען אפען, אז דאס איז קיין מענש, אנדערען אַ גייסט. הערריי פלעגט לאכען.

— הער נור, דשעק, האט ער איהם איינמאל געזאגט. לאז זיין, אז נעלל-י איז אַ גייסט, זיא איז אבער אַ גוטער גייסט. איך בין זיכער, אז זיא האט עס

אונז דאמאלס נעבראַכט ברויט און וואַסער. איך בין זיכער, אז זיא האט עס אונז געהאלפֿען דאמאלס, ווען מען האט אונז פֿערמויערט. איך פֿערשטעה יעצט, אז זיא האט געוואלט אויפֿרייסען דיא וואַנד און אונז בעפֿרייען. זיא האט עס אבער ניט געקענט, אדער מען האט זיא ניט געלאזען עס טהאן.

— נון, גוט. איך גיב צו, אז נעללי איז אַ גוטער גייסט. האט דשעק רייען געזאגט, וואו איז אבער דער שלעכטער גייסט, וועלכער האט אייך פֿערמויערט?

— דאס ווייס איך נאך ניט, האט הערריי געענטפֿערט. איך האף אבער, אז איך וועל איהם אויך אויסגעפֿינען אמאל.

דשיימס סטאר האט מען, זעלבסטפֿערשטענדליך, באלד דערצעהלט פֿון אלעמען, וואס עס האט פאסירט. אלס געלערנטער, אלס אינזשעניר, אלס קלוגער מענש, האט ער געבעטען, אז מען זאל דאס מעדכען לאזען צו רוה, ביז זיא וועט ווערן פֿאלקאמען געזונד. ער האט געבעטען מעדש און הערריי וואַרד, זיי זאלען איהר געבען עסען און טרינקען, וויפֿיעל זיא וועט נור קענען פֿערטראגען, זאלען זיין געגען איהר גוט און פֿריינדליך, זאלען אבער מיט איהר קיין ווארט ניט רעדען.

דשיימס סטאַר האט זעהר גוט פֿערשטאנען, אז דיעזעס מעדכען איז דיא איינציגע אין דער וועלט, וועלכע קען איהם ענטדעקען דאס גרויסע געהיימניס פֿון ניי אבערוויל.

עס זיינען פֿערגאנגען אזוי עטליכע טעג. נעללי איז פֿון טאג צו טאג געווארען בעסער, געזינדער, פֿרישער און מונטערער. זיא איז אראפּגעגאנגען פֿון בעט, איז ארומגעגאנגען אין שטוב. פֿלעגט אמאל זיך שטעלען אויף דער טהיר און בעטראכטען אלעס, וואס עס טהוט זיך אין קאָהל סיטי מיט שטוינען און בעוואונדערונג.

ווען זיא איז שוין געוועזן פֿאלקאמען געזונד, איז דשיימס סטאר געקומען צו סיימאן וואַרד, האט געבראכט נעללי'ן אייניגע שעהנע זאכען און האט אנגעהויבען מיט איהר צו רעדען און זיא אויסצופֿרעגען. זיא האט איהם געענטפֿערט אויף זיינע פֿראגען זעהר קלוג און זעהר פֿערשטענדיג. דשיימס סטאר האט אבער באלד געזעהן, אז זיא ווייס גאר ניט פֿון דער וועלט. זינט זיא לעבט, האט זיא ניט געזעהן ניט דיא זון, ניט דיא לבנה, ניט דיא שטערן. זיא האט ניט געוואוסט, וואס עס הייסט טאג און וואס עס הייסט נאכט. זיא האט ניט געהאט קיין בעגריף, וואס עס הייסט פֿאטער, מוטער, ברודער, שוועסטער.

נאך זאנדערבארער אבער איז געוועזן איהר זעה קראַפֿט (חוש הראות) זיא האט זעהר גוט געזעהן אין דער פֿינסטער. ביים שטאַרקען ליכט אבער פֿון אן עלעקטרישען לאמפּ פֿלעגען זיך איהרע אויגען צוזאמענציעהן און זיא האט געזעהן זעהר שלעכט. זיא פֿלעגט אַנטלויפֿען פֿון ליכט און לויפֿען אין אַ פֿינסטער ארט.

פֿון טעג, וואכען, יאהרען, שטונדען האט זיא קיין בעגריף ניט געהאט. זיא האט ניט אנגעהויבען צו פֿערשטעהן, וואס עס הייסט אַ יום-טוב, אַ פֿייער טאג, אַ רוהע טאג; זיא האט ניט פֿערשטאנען, וואס עס הייסט פֿרעהליך זיין,

פרזיערינג זיין און נאך פיעלע ווערטער, וועלכע מיר געברויכען זעהר אָפט און פערשטעהן זיי ניט.

— וואס איז דאס געהיימניס פון דיזעס קינד? וויל זיא עס ניט זאגען? קען זיא עס ניט זאגען? איז זיא געבאָרען געוואָרען אין דער מינע? האט מען זיא געבראכט אהער, ווען זיא איז געוועזען נאך גאר אַ קינד? אויף אלע דיזע פראגען האט דערווייל קיינער ניט געקענט ענטפערן.

— ווילסט דוא בלייבען ביי אונז, נעללי? האט ענדליך דשיימס סטאר געפרעגט.

— אה, יא! אך, יא! האט נעללי געענטפערט.

— זאלען מיר דיך צוריקפיהרען אין ברונען?

נעללי האט געגעבען אַ געשריי און איז געלאפען זיך בעהאלטען אין אַ ווינקעל.

דשיימס סטאר, סיימאן און הערריי זיינען געוואָרען זעהר אונרוהיג. זיי האבען ניט ארויסגעזאגט, פאר וואס זיי זיינען געוואָרען אונרוהיג, אבער יעדער פון זיי האט געפיהלט, אז אין דער מינע ליעגט נאך פערבאָרגען אַ שרעקליכעס געהיימניס. עס איז דאך געוועזען דייטליך, אז נעללי אליין האט נאך שטארק מורא פאר'ן ברונען. וואהרשיינליך געפינט זיך עפעס אין ברונען, פאר וואס מען האט וואס מורא צו האבען.

איבערדעם האט זיי בעאונרוהיגט דיא געשיכטע פון'ם זאנדערבארען פויגעל. עס איז ביי זיי ענדליך געבליעבען, אַז דריי שטאַרקע ארבייטער זאלען זיך אראפלאזען אין ברונען אויף אַן אייזערנער קייט מיט געלאדענע רעוואָלווערס אין דיא הענד און זאלען אויספאָרשען דעם ברונען.

מען האט אזוי געטהאן. הערריי ווארד און נאך צוויי ארבייטער האבען זיך אראפגעלאזען אין ברונען, האבען געזוכט, געפאָרשט און געשפירט. זיי האבען אבער גאר נישט געפונען. דער גאַנג, וועלכען הערריי האט געזעהן, ווען ער האט געפונען דיא האלב טויטע נעללי, האט געפיהרט ערגעץ ארויף אין דער הויך, אין דאָרטשארט פיס. דאס איז אלעס.

דשיימס סטאַר איז געוועזען אויכער זיך. ער, דער געלערנטער, דער בעריהמטער אינזשעניר, דער בעריהמטער צייטונגס שרייבער, זאל ניט קענען אויסגעפינען אַזאַ קליינינקייט!

דער איינציגער מענש, וועלכער וואלט געקענט עפעס זאגען, איז געוועזען נעללי. קוים אבער פלעגט מען אנהויבען צו רעדען פון'ם ברונען, פלעגט דאס ארימע מעדכען אנהייבען צו שרייען און צו וויינען און פלעגט אנטלויפען.

עס איז געבליעבען, אז מען זאל זיא ווייטער ניט פרעגען איבער דעם ברונען און מען זאל מעהר ניט רעדען מיט איהר דערפון.

דיא אלטע מעדג איז געוועזען זעהר צופריעדען מיט נעללי. זיא האט זיך באלד איבערצייגט, אז נעללי איז אַ גוטעס און אַ שטילעס קינד, קוים האט זיא איהר עפעס געוויזען, האט עס נעללי באלד איבערגענומען און האט עס באלד

נאכגעמהאן. דיא אלטע מעדש האט זיא אנגעהויבען צו לערנען באקען און קא-כען. נעללי איז געווען אַ פֿלייסיגע שילערין און האט אין אַ גאנץ קורצע צייט אויסגעלערנט דיא גרויסע קונסט צו באקען אַ פלומפודינג און צו קאכען אַ גוטען מיטאג. דיא אלטע מעדש האט זיא אנגעהויבען צו לערנען צו ארביימען א זאק. נעלליס דינע פֿינגערלעך האבען באלד געדרעהט מיט דיא שפיעזלעך שנעלער און געשיקטער, וויא דיא אלטע מעדש.

נעללי האט אין דער ערשטער צייט געגעבען זעהר פֿיעל, זיא האט אנגע-הויבען צו ווערן געזונד, שטארק און שעהן. דיא אלטע מעדש איז געווען גליק-ליך. עס האט זיך איהר אויסגעוויעזען, אז זיא האט געהאט נאך אַ קינד. זיא האט אנגעהויבען ליעב צו האבען נעללין, גלייך וויא זיא וואלט געווען איהר אייגענע טאכטער.

ואגאר דער אלטער סיימאן האט זיא בעטראַכט, וויא זיין אייגען קינד. ווען ער פֿלעגט קומען פֿון דער ארבייט, פֿלעגט איהם נעללי לויפֿען ענטגעגען, פֿלעגט איהם ארומנעהמען און פֿלעגט איהם אריינפֿיהרען אין שטוב, וואו עס איז שוין געווען געגרייט צום טיש און אלעס איז געווען פֿערטיג צום מיטאג.

דשעק רייען איז געווען פֿערליעבט אין איהר ביז איבער דיא אויערן. ווען ער פֿלעגט נור צייט האבען, פֿלעגט ער קומען צו סיימאן ווארד, פֿלעגט רעדען מיט נעללין און פֿלעגט איהר זינגען זיינע שעהנסטע ליעדער. דאס ערשטע מאל, ווען ער האט איהר געזונגען, איז זיא געווען איבערראַשט און ערשטוינט. עס איז געווען דייטליך, אז זיים זיא לעבט, האט זיא נים געהערט זינגען.

— אך, וויא שעהן! האט זיא אויסגערופֿען. — דאס איז שעהן! אזוי רעדען האב איך נאך קיין מאל נים געהערט.

זיי פֿלעגען בעטען דשעק רייען, ער זאל איהר אפֿט זינגען. דשעק רייען האט עס געטהאן מיט פֿערגנניגען. ער האט נור איין זאך בעדויערט: פֿאר וואס האט ער זיך נים אראפגעלאזען אין ברונען? פֿאר וואס האט ער נים גערעטעט נעללין?

מיט הערריי ווארד איז נעללי געווען זעהר פֿריינדליך. זיא פֿלעגט איהם ערווארטען יעדען טאג, ווען ער פֿלעגט דארפֿען קומען פֿון דער ארבייט, פֿלעגט מיט איהם רעדען שטונדען לאנג, פֿלעגט מיט איהם געהן שפאצירען און פֿלעגט נים אפטרעטען פֿון איהם, ווען ער איז נור געווען אין דער היים.

הערריי פֿון זיין זיים האט ליעב בעקומען דאס שעהנע, ליעבליכע, גוטע און שטילע מעדכען. קוים האט ער נור געענדיגט זיין ארבייט, איז ער געלאפֿען אהיים צו זיין נעללי.

יעדעס מאל, ווען ער פֿלעגט זעהן דשעק רייען, פֿלעגט ער איהם פֿרעגען:

— נו, דשעק? זיינען נאך דא גייסטער? איז נאך נעללי אַ גייסט?

— נעללי איז אַ מענש, האט דשעק געענטפֿערט, עס זיינען אבער דא גייסטער. איך האב אליין געזעהן דיא פייער דאמע.

באלד אבער האט עפעס פאסירט, וואס האט איבערצייגט דעם קלוגען

רשעק רייען, אז נייסטער ווינען דא נור אין זיין איינבילדונגס קראַפֿט.

דיא נעשיכטע פֿון נעללי האט אווי שטארק פֿעראינטערעסירט דעם אינושעניר, אז ער האט יעצט אליין געבעטען העררי ווארד, ער זאל אויספֿארשען דיא גאַנצע מינע. ער האט איהם געהייכען נעהמען, וויפֿיעל אַרבייטער ער וויל און פֿערברענגען, וויפֿיעל צייט ער וויל. פֿאר דיעזע צייט וועט מען רעכענען דיא ארבייטער, גלייך וויא זיי וואלטען געארבייט אין דער מינע.

העררי האט זיך גענומען נעשמאַק צו דער ארבייט. עס זיינען פֿערגאנגען עטליכע טעג און ער האט אלץ גע‌פֿארשט און געזוכט.

איין מאל איז ער פֿערגאנגען גאנץ ווייט. דארט האט ער געפֿונען א גאנץ ענגע גאלערעע, אין וועלכע ער איז נאך קיין מאל ניט געווען. ער האט געהייסען דיא ארבייטער וואַרטען אויף איהם ביים איינגאנג פֿון דער גאַלערעע. דאָס מאל אבער איז ער שוין געווען פֿאָרזיכטיג. ער האט געהייסען איין אַרבייטער האַלטען אין דיא הענד א לאַנגען שטריק. ער אַליין האָט גענומען אין דיא הענד אן עק פֿון'ם שטריק און איז אריינגעקראכען אין דער גאַלערעע.

ער איז געקראָכען זעהר לאַנג. דיא גאַלערעע איז געגאַנגען באַרג ארויף און באַרג ארויף. עס האט איהם שטארק אינטערעסירט צו וויסען, וואו דיא גאַלערעע ענדיגט זיך. פלוצלונג האט ער דערזעהן דעם שיין פֿון'ם טאג. ער איז נעגאנגען ווייטער. — ער איז אין דרויסען, אויף דער ערד, אונטער דער זון, אונטערן פֿרייען הימעל.

ער האט זיך אומגעקוקט, וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט און האט דערזעהן, צו זיין איבערראַשונג, אז ער געפֿינט זיך אין דעם אלטען איינגעפֿאַלענעם שלאס — אין דונאלד קעסל! ער האט יעצט אנגעהויבען צו בעטראכטען דעם אריינגאנג אין דער גאלערעע און האט געזעהן, אז פֿון דרויסען איז ווירקליך זעהר שווער איהם צו דערקענען, ווייל ער איז פערוואקסען מיט גראז און מיט מאָאָס (מאָך).

— אלזא, געפֿינט זיך אַ געהיימער גאנג פֿון דעם אלטען שלאס צו דער מינע! האט העררי אויסגערופען. יעצט פֿערשטעה איך שוין, וואס פֿאר א פֿייערדאמע רשעק רייען האט געזעהן. דיא פאליציי האט נאר ניט געקענט אויסגעפֿינען, ווייל פֿון דרויסען איז דער אריינגאנג זעהר שמאל און איז פֿערוואקסען מיט גראז און מיט קליינע ביימלעך.

ער האט גוט בעטראַכט דעם אריינגאנג און איז צוריקגעגאנגען אויפֿן זעלבען וועג, וואס ער איז געקומען. דיא ארבייטער האט ער דערצעהלט, אז ער איז אומזיסט געגאנגען, ער האט גאר נישט אויסגעפֿונען. אויף דער נאכט אבער, ווען דשיימס סטאר איז געקומען אהיים פֿון דער ארבייט, האט ער איהם אלעס דערצעהלט.

דעם אנדערן טאג איז דשיימס סטאר מיט איהם געגאנגען צו דער גאלערעע. ער האט געוואלט אליין זעהן דיעזען געהיימען וועג פֿון דער מינע, צום אלטען שלאס. ער האט געטרעכענט, אז ער וועט נאך עפעס אויסגעפֿינען. ער מיט

הערריי ווארד זיינען דורכגעגאנגען דיא גאלערעע און זיינען ארויסגעקומען אין דונאלד קעסל.

— נו, יעצט וועלען מיר וועניגסטענס קענען איבערציינען די אבערגלויבישע ארבייטער, אז עס זיינען ניטא קיין גייסטער און קיין פייער דאמען, האט ער געזאגט.

— וואס האבען מיר דערפון, הערר סטאר? האט הערריי געענטפערט. מיר זעהען דאך, אז דיא, וועלכע שפילען דיא ראלע פון גייסטער, זיינען נאך פיעל געפעהרליכער. וואס ווערט דערפון, ווען מיר ווייסען, אז ניט קיין גייסט, זאנדערען אמענש האט אונז פערמויערט דאמאלס אין דער מינע?

— דוא האסט רעכט, הערריי! מיר זעהן יעצט קלאר און דייטליך, אז אין דער מינע האלט זיך אויף עפעס א באנדע שלעכטע מענשען. זיי האבען געוויס געהאלטען אפאקעל אין דיא הענד און האבען דאמאלס פערפיהרט דעם שיפס קאפיטאן פון דער „מאטאלא". עס איז דייטליך, אז מען האט געוואוסט, אז אויף דער „מאטאלא" געפינען זיך טהייערע סחורות. מען האט געוואלט, אז דאס שיף זאל אונטערגעהן און מען זאל זיא בערויבען, דשעק רייען מיט דיא פישער האבען געשטערט דיא רויבער.

— עס איז מיר א וואונדער, וואס נעללי ציטערט אזוי, ווען זיא הערט רעדען פון'ם ברונען, האט הערריי בעמערקט.

— זיא ווייס געוויס זעהר פיעל, האט דער אינזשעניר געענטפערט. זיא האט אבער מורא צו רעדען, זיא טאר ניט רעדען.

יעצט האבען זיי אנגעהויבען צו פערשטעהן זעהר פיעל זאכען, וואס איז פאר זיי פריהער געווען אגעהיימניס. יעצט איז פאר זיי געווען דייטליך, אז אין דער מינע האט זיך אויפגעהאלטען אבאנדע רויבער, וועלכע פלעגען ארויסגעהן דורך דער גאלערעע אין דונאלד קעסל, פלעגען מארדען, רויבען, פערפיהרען שיפען און פלעגען בעהאלטען דיא אנגערויבטע זאכען אין דער מינע.

דיזע באנדע רויבער האבען פערמויערט דעם אינזשעניר און דיא פאמיליע ווארד ווען זיי האבען געזעהן, אז זי ווילען עפענען דיא נייע מינע. דיזע באנדע רויבער איז יעצט ערגעץ אנטלאפען אדער מען האט זיי אויסגעהרג'עט. נעללי איז א טאכטער פון איינעם פון דיא רויבער. זא לאנג ער האט געלעבט, האט ער איהר געגעבען עסען. ער איז געשטארבען אדער אנטלאפען געווארען און נעללי איז שיער ניט געשטארבען פאר הונגער.

עס האט זיך זיי אויסגעוויזען, אז זיי פערשטעהן שוין דאס גאנצע געהיימניס.

—ווער איז אבער געווען דער גוטער מענש. וועלכער האט אונז געבראכט ברויט און וואסער? האט הערריי געפרעגט זיך אליין. ווער האט אויפגעריסען דיא מויער? ווער איז דער זאנדערבארער פויגעל, וועלכער האט געוואלט איבעררייסען דעם שטריק, איך זאל אראפפאלען? דאס איז דאך געוויס ניט געווען קיין רויבער. ווען דיא רויבער זיינען שוין לאנג ניטא אין דער מינע, פאר וואס ציר־

מערט אווי נעללי, ווען מען דערמאנט איהר דעם ברונען?

אויף דיעזע פראגען האט ניט העררי, ניט דער אינושעניר געקענט געבען אן אנטווארט. עס איז ביי זיי געבליעבען, אז זיי זאלען קיינעם ניט זאגען, וואס זיי האבען אויסגעפונען און זאלען שטילערהייס ווייטער פארשען און ווייטער שפירען. יעצט האט שוין דשיימס סטאר זיך פעסט ענטשלאסען אויסצוגעפינען אלעס. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז קוים האלט זיך ווירקליך אויף א באנדע רויבער אין דער מינע, איז טאקע דיא מינע אין געפאהר. דיא רויבער קענען צוברעכען דיא מאשינען, אונטערלעגען א דינאמיט באמבע און אויפרייסען דיא מינע. זיי קענען אויסבויערן א לאך אין דער זעע (אזיערא) אויבען און פערטרענקען דיא מינע. זיי קענען זעהר פיעל שאדען אנטהאן.

ער איז אומיסטען געפאהרען קיין עדינבורג און האט אלעס דערצעהלט דעם שעף פון דער פאליציי. מען האט באלד אראפגעשיקט דעטעקטיווים און געהיים פאליציסטען, וועלכע האבען זיך פערשטעלט פאר ארבייטער און האבען נענעכטינס אין אלטען שלאס. אין קאהל סיטי פלעגען ארומגעהן ביי נאכט וואכען. העררי זוארד אליין האט א פאר נעכט נענעכטינט לעבען אריינגאנג פון דער גאלערעע, וועלכע האט געפיהרט צום איינגעפאלענעם שלאס.

אלעס אומזיסט! קיין שפור, קיין צייכען פון א מענשען; צוויי וואכען נאכאנאנד האט מען בעוואכט דעם אלטען שלאס און מען האט גאר ניט געפונען. דיא דעטעקטיווס און דיא פאליסלייט זיינען זיך ענדליך אוועקגעפאהרען צוריק קיין עדינבורג. דער אינושעניר און העררי האבען זיך ווידער גענומען צו זייער געוועהנליכער ארבייט.

אין קאהל סיטי האט מען פון דעם אלעם גאר ניט געוואוסט. נעללי איז געווארען מיט יעדען טאג פרישער, נעזינטער און שעהנער. אלע האבען זיא ליעב געהאט און האבען זיא גערופען נעללי ווארד. אונוויליענדיג האט מען זיא געמאכט פאר סיימאן ווארדס טאכטער. דיא אלטע מעדש איז געווען פערליעבט אין איהר. זיא האט מעהר ליעב געהאט נעלליין, וויא איהר זוהן העררי. נעללי פלעגט זיין שטענדיג מיט איהר און פלעגט איהר העלפען אין אלע איהרע ארבייטען פון דער ווירטהשאפט. זיא איז געווארען פרעהליך, פלעגט זינגען, טאנצען און שפרינגען, וויא א יונגע ציגעלע.

דשיימס סטאר האט אליץ געזוכט א געלעגענהייט, ווען נעללי וועט זיין שטארק פרעהליך און אויפגעלעגט. ער זאל מיט איהר דאמאלס רעדען און זיא אויספארשען. פיעללייכט וועט ער דאך קענען ארויסציעהען פון איהר עפעס א ווארט, פון וועלכען ער זאל וויסען דאס געהיימנים פון דער מינע.

אמאל איז געווען א גרויסער פייערטאג. קיינער האט ניט געארבייט ניט אויף דער ערד, ניט אונטער דער ערד. אין דיא גאסען פון קאהל סיטי און אויף דיא ברעגעס פון'ם טייך, מאלקאלם לייק, זיינען ארומגעגאנגען פרעהליכע פארלעך, האבען גערעדט, געזונגען און געלאכט. אין ערטער האבען זיך פערזאמעלט יונגע לייט און יונגע מערכען און האבען געטאנצט.

הערריי און נעללי זיינען אויך געגאַנגען שפּאַציערען. זיי זיינען אוועקגע־
גאַנגען ווייט פון אַלעמען ביי דיא ברענענדע פּוּמפּס מייך. נעללי פּלעגט נאָך אַלץ
נים קענען דערטראַגען דאָס שטאַרקע ליכט פון דיא עלעקטרישע לאַמפּען. זיא
פּלעגט נאָך אַלץ אַנטלויפען פון זיי; זיא האָט נאָך אַלץ בעסער געזעהן אין דער
פינסטער, וויא אין דער ליכטיגקייט.

זיי זיינען דאַהער אוועקגעגאַנגען ווייט פון דיא עלעקטרישע לאַמפּען און
האָבען זיך אַניעדערגעזעצט אויף אַ גרויסען שטיין.

— דוא קענסט נאָך אַלץ נים ליידען דאָס שטאַרקע ליכט פון דיא לאַמפּען,
נעללי? האָט הערריי געפרעגט. וויא וואָלט שוין געווען, ווען דוא זאָלסט אַרויפ־
געהן אויבען, וואו עס שיינט דיא זון?

— דיא זון? איך האָב קיין מאָל נים געזעהן דיא זון, האָט נעללי געענט־
פערט. ווען דיא זון לייכט אַבער אַזוי שטאַרק, וויא דוא האָסט מיר דערצעהלט,
וואָלט איך געמוזט צומאַכען דיא אויגען. איך וואָלט דאַרט גאָר נישט געזעהן.

— זאָג מיר, ליעבע נעללי, איז עס מעגליך, אַז דוא האָסט קיין מאָל נים
געזעהן דיא זון? ביסט דוא גאָר קיין מאָל נים געווען אויבען, אויף דער ווייטער
וועלט, וואו אַלעס איז אַנדערש, וויא ביי אונז אין קאָהל סיטי?

— ניין, הערריי! איך געדענק נים, איך זאָל אַמאָל געווען זיין ערגעץ
אַנדערש. נים מיין פאָטער, נים מיין מוטער האָבען מיר קיין מאָל נים געפיהרט
אין אַנאַנדער וועלט. איך קען מיך אויף קיין פאַל נים דערמאַנען, איך זאָל אַמאָל
געווען זיין ערגעץ אַנדערש.

— אַך, נעללי, וויא גליקליך וואָלט איך געווען, איך זאָל דיך קענען אַרויפ־
נעהמען אַמאָל דאַרט אויבען, דוא זאָלסט זעהן אַנאַנדער וועלט, וועלכע איז אַזוי
שעהן, אַזוי העל, אַזוי אַנגענעהם און אַזוי גוט! איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ פיעלע
קינדער, וועלכע ווערן געבאָרען אין דער מינע און קענען נים יענע וועלט, דאַרט
אויבען. דאָס איז אַבער אַמאָל געווען, ווייל עס פּלעגט זיין זעהר שווער אַרויס־
צוגעהן פון דער מינע. יעצט אַבער, ווען מיר קענען זיך אויפזעצען אין אַ וואַגאָן
און אין אייניגע מינוט זיין דאַרט אויבען,—היינט, וואָלט איך זעהר געוואָלט,
דוא זאָלסט זיך אויפזעצען מיט מיר און זאָלסט אַרויפפאָהרען אין יענער אַנדערער,
שעהנערער וועלט.

— עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען איך וועל פאָהרען מיט דיר, הערריי,
האָט דאָס מעדכען געענטפערט. איך האָף אויך, אַז איך וועל אַמאָל געהן מיט
דיר און וועל בעטראַכטען אַ י י ע ר ע וואונדער.

— נעללי, דוא זאָגסט אַ י י ע ר ע וואונדער, בעדרויערסט דוא דען, וואָס דוא
ביסט אַרויס פון יענעם פינסטערן ברונען? ביסט דוא דען נים צופריעדען, וואָס
דוא לעבסט ביי אונז אין דער ליכטיגקייט?

— ניין, הערריי! דאָס ליכט איז שעהן, אייערע הייזער זיינען שעהן, אַבער
אויך דאַרטען, אין דער פינסטער איז עס שעהן. איך פּלעג דאַרט אויך זעהן
שעהנע זאַכען. אָפט פּלעג איך זעהן גרויסע שוואַרצע רעדער דרעהן זיך,

פערוויקלען זיך, פלעכטען זיך אוים און נעהמען מיך אַרום. אָפט פלעג איך געפינען שפאלטען אין שטיין, לעכער, טהירען, דורך וועלכע עס האט מיר געשיינט א ליכט. א מאָל פלעג איך הערען פערשיעדענע שטימען, וועלכע פלעגען מיר זיין זעהר אנגענעהם. אך, הערריי! דו קענסט עס ניט פערשטעהן, וואס איך פיהל, ווען איך דערמאן מיך אָן די פינסטערנים דארט; עס ציהט מיך אהין, עס רייסט מיך, עס רופט מיך און איך וואלט נאך אמאל געהן אהין.

— האסט דו קיין מורא ניט געהאט ווען דו פלעגסט דארט זיין אליין?

אך, הערריי! ערשט, ווען איך פלעג זיין אליין, פלעג איך ניט מורא האבען! האט דאס מעדכען אויסגערופען.

נעלליים שטימע האט געקלונגען אזוי טרויעריג און דאך אזוי פריינד־ליך, אזוי פול מיט צוטרויען און מיט ליעבע, אז הערריי האט זיך ענטשלא־סען ער זאל זיא ווייטער אויספרעגען.

—ווי אזוי פלעגסט דו אבער קיין מורא ניט האבען אליין ארומצינעהן אין דיא פינסטערע גאלערעען, נעללי? מען קען דאך זעהר לייכט פערבלאנ־זעט ווערען אין דיא הונדערטער טונעלען און געגנג?

— איך קען אלע וועגען און אלע שטעגען אין דער נייער מינע.

— פלעגסט דוא אמאל ארויסגעהן פון דער נייער מינע?

— א מאל — א מאל פלעג איך ארויסגעהן פון דער נייער מינע און פלעג געהן אין דער אלטער מינע.

— אלזא ביזט דוא געוויס געקומען ביז צום הויז, וואו מיר האבען געוואוינט? האט הערריי ווייטער געפרעגט.

— איך האב געוואוסט, אז עס געפינט זיך דארט א הויז און עס וואוינען דארטען מענשען.

— דארט האט דאך געוואוינט מיין פאטער, מיין מוטער און איך. מיר האבען דארט געוואוינט זיים צעהן יאהר, ווייל מיר האבען געוואלט אוועק־ווארפען דיא אלטע מינע.

— עס וואלט געוויס גלייכער געוועזען, איהר זאלט דארט ניט געוועזען וואוינען, האט נעללי געזאגט צו זיך אליין גאנץ שטיל.

ווי שטיל זיא האט גערעדט, האט הערריי דאך געהערט, וואס זיא האט געזאגט און האט זיא געפרעגט:

— פאר וואס איז, נעללי? פאר וואס וואלט גלייכער געוועזען, מיר זאָלען דארט ניט געוועזען וואוינען? דוא זעהסט דאך, אז דורך דעם, וואס מיר האבען דארט געוואוינט, האבען מיר ענטדעקט דיא נייע מינע. פיעלע מענ־שען האבען ארבייט און בעשעפטיגונג, ענדליך האב איך דיך געפונען און האב דיך געבראכט צו אונז, וואו אלע ליעבען דיך.

— מיך? — פאר מיר איז אלעס איינס, האט נעללי געזאגט טרויעריג. פאר דיא אנדערע אבער? — ווער ווייס, וואס קען נאך פאסירען?

— וואס זאגסט דוא, נעללי? וואס מיינסט דוא דערמיט?

— נאַר נישט! נאַר נישט, העררי! — איך ווייס אבער, אז עס איז דאַ אַ געפֿאהר אין דער נייער מינע. איך ווייס עס, העררי. — אמאל — שוין גאַנץ לאַנג זיינען אריינגעקומען מענשען אין דער נייער מינע. מען האט זיי פֿערפֿיהרט ווייט — ווייט....

— מען האט זיי פֿערפֿיהרט? האט העררי געפֿרעגט פֿערוואונדערט.

ער האט פֿערשטאַנען, אז נעללי מיינט איהם, זיין פֿאַטער און דעם אינזשעניר, ווען זיי האבען צום ערשטען מאל ענטדעקט דיא מינע.

— יאַ, מען האט זיי פֿערפֿיהרט. זייער לאַמפּ האט זיך פֿערלאשען און זיי זיינען אוועקגעגאַנגען ווייט — ווייט.

— זיי זיינען דאָרט געלעגען צעהן טאָג, האט שוין העררי דערצעהלט. זיי וואלטען געשטאָרבען פֿאַר הונגער, ווען עס זאל זיך ניט געווען געפֿינען אַ גוטער מענש, וועלכער האט זיי דריי מאל געבראַכט ברויט און וואַסער. דאַן, ווען מען איז געקומען זיי רעטען, האט ער געוויעזען דעם וועג, וואו מען קען זיי טרעפֿען. ער האט פֿיעללייכט אויפֿגעריסען דיא שטיינער, מיט וועלכע מען האט זיי פֿערמויערט.

— פֿון וואַנען ווייסט דוא דאָס אלעס, העררי? האט נעללי אויסגערופֿען פֿערוואונדערט.

— ווייל דיעזע מענשען, וועלכע זיינען געלעגען צעהן טעג פֿערמויערט אין דער נייער מינע, זיינען געווען דשיימס סטאַר, מיין פֿאַטער, מיין מוטער און איך אליין.

— דוא, ה̇י̇ר̇רי? דוא ביסט דאָרט געווען?

מיט ו̇יעד̇ ̇ערטער האט ̇יא א̇י̇̇פֿגעהויבען דעם קאָפּ, האט אנגעכאַפּט העררי'ס הענד, האט זיי צוגעלעגט צום הארצען און האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— דוא, העררי? דוא ביסט דאָרט געווען? האט זיא געפֿרעגט נאָך אמאל.

— יאַ, נעללי, איך בין דאָרט געווען. יעצט ווייס איך, אז דוא האסט אונז געבראַכט ברויט און וואַסער; דוא ליעבע נעללי, האסט אונז דאַמאָלס גערעטעט דאָס לעבען.

נעללי האט אפּגעלאָזען זיינע הענד און האט זיך פֿערטראַכט.

— יאַ, נעללי, איך ווייס עס. מיר וועלען עס קיין מאל ניט פֿערגעסען, אז דוא האסט אונז גערעטעט דאָס לעבען.

17טעס קאַפּיטעל.

אויף אַ שטריק לייטער.

אונטערדעסען זיינען דיא ארבייטען אין דער מינע געגאַנגען זייער ווע̇ג̇. דיא מינע איז געווען ווירקליך זעהר רייך און דיא קאָמפּאַני האט געמאַכט ד̇ ̇ בעסטע געשעפֿטען. דשיימס סטאַר און סיימאָן ווארד זיינען געווען דיא ערשטע ענטדעקער פֿון דער מינע. זיי זיינען געווען דיא גרעסטע אקציאָנערן און ד̇י̇י̇ג̇ געוואַ̇רען̇ רייכער פֿון טאָג צו טאָג.

דער אלטער ווארד האט אויפגעהערט צו ארבייטען. ער איז שוין געוועזן צוא אלט. העררי האט איבערגענומען זיין שטעלע אלס ערשטער אויפזעהר. ער איז שיין אויך געוועזן זעהר רייך. דענאך האט ער ניט געוואלט ארויספאהרען פון דער מינע. דיא פאמיליע ווארד, וויא דשיימס סטאר האבען נאך אלץ געוואוינט אינער לעבען אנדערען אין קהאל סיטי.

דשעק רייען האט אויך געמאכט גוטע געשעפטען. ער איז געוועזן א גוטער ארבייטער און אלס פארמאן פון א געוויסען טהייל פון דער מינע האט ער אויך בעקומען א שעהנעם געהאלט. אלע זיינען געוועזן צופריעדען און גליקליך.

דשעק רייען האט בעמערקט, אז צווישען העררי ווארד און נעללי איז קיינע געוועגליכע פריינדשאפט, אז ביידע יונגע לייט פיהלען איינער צום אנדע ען גאנץ עטוואס אנדערש. ער האט אבער נאך אלץ געהאפט, אז נעללי וועט זיך א מאל איסשפרעכען און וועט זאגען וועמען זיא ליעבט.

עס איז ווירקליך שווער געוועזן צו זאגען, וועמען נעללי ליעבט. זיא איז געוועזן גוט און פריינדליך נעגען ביידע יונגע לייט.

דשעק רייען פלעגט אלץ בעטען, אז נעללי זאל מיט איהם א מאהל פאהרען ארויף, „אויפ'ן גראז”, דארט, וואו עס שיינט די זון און עס וואקסען גרינע גראזען און שעהנע בלומען. ער האט געוואלט זעהן, וואס פאר אן איינדרוק עס וועט מאכען אויף איהר, ווען זי וועט צום ערשטען מאהל דער־זעהן דיא נייע וועלט, פון וועלכע זיא האט ביז אהער נאך קיין בעגריף ניט געהאט.

איין מאל האט זיך דשעק רייען אראפגעלאזען אין איינע פון די גאנץ טיפע לע־כער, דורך וועלכע די פרישע לופט פלעגט צוקומען צו דער מינ . ער האט זיך א־ראפגעלאזען אויף אשטריק לייטער, וועלכע מען פלעגט געב־ויכן אין דיזע שאכטען.

ווען ער איז אנגעקומען אונטען, האט ער בעגעגענט העררי ווארד. דער שאכט איז געוועזן עפעס אין אונארדנונג. העררי ווארד אלס הויפט אויפזעהר האט זיך פאר איהם אראפגעלאזען זעהן, וואס דארט איז.

אה! דוא ביסט עס, העררי? האט דשעק אויסגערופען, ווען ער האט איהם דערזעהן.

— איך בין עס, דשעק, האט העררי געענטפערט. גוט, וואס איך האב דיר דא געטראפען איך האב מאקע מיט דיר עפעס צו רעדען.

— איך וויל גאר ניט הערען ביז דוא וועסט מיר ניט זאגען, וואס נעללי מאכט, האט דזשעק רייען געענ פערט.

— וואס זאל איך דיר זאגען? נעללי איז געזונד. זי פיהלט זיך זעהר גוט ביי א אונז און איך האף, אז אין א מאנאט ארום —

— וועסט דוא זיא הייראטהען, האט דשעק פאר איהם געענדיגט.

— דוא ווייסט גאר ניט, וואס דוא רעדסט, דשעק.

— איך ווייס שוין גאנץ גוט, וואס איך רעד, וויל —

— ווייל? האט הערריי געפרעגט.

— ווייל, ווען דוא וועסט זיא ניט הייראטהען, וועל איך זיא הייראטהען, האט אויסגערופען דשעק רייען. — זיא געפעלט מיר, דיא שעהנע, גוטע און שטילע נעללי. זיא איז א יתומה, וויא איך. זיא האט ניט קיינע עלטערן, וויא איך. — הערריי! ווען דוא רענקסט ניט, ווילסט ניט אדער קענסט ניט זיא הייראטהען, וועל איך עס טהאן.

הערריי האט איהם אויסגעהערט רוהיג און אויפמערקזאם.

— ביסט דוא ניט בייז אויף מיר, הערריי? האט דשעק רייען געפרעגט ווען ער האט געזעהן, אז הערריי שוויינט.

— ניין, איך בין אויף דיר ניט בייז, דשעק, ווייל איך וויל זיא הייראטהען.

— הערריי! גלויבסט דוא מיר, אז איך האב גאנץ ערנסט גערעדט וועגען נעללי?

— געוויס, דשעק! איך וויים, אז ווען דוא רעדסט עפעס, מיינסט דוא עס ערנסט.

— אלזא, וויל איך דיר עפעס זאגען. איך וויל דיר געבען א גוטען ראטה.

— זאג עס ארויס, דשעק. איך בין בערייט צו הערן א גוטען ראטה פון א גוטען פריינד.

— הער מיך אוים אלזא, הערריי! דוא ליעבסט נעללין; דיין פאטער און דיין מוטער ליעבען זיא אויך. זיי בעהאנדלען זיא, גלייך וויא זיא וואלט געווען זייער אייגען קינד. וואס ווארטסט דוא אלזא? פאר וואס זאלסט דוא זיא ניט הייראטהען באלד? צו וואס זאלסט דוא עס דערלאזען, אז מענשען אין שטאדט זאלען רעדען פון דיר און נעללין?

— גוטער פריינד! ביי דיר איז אזוי לייכט צו זאגען: הייראטהען נעללין. איך מוז דאך וויסען, וואס זיא פיהלט צום מיר. — דייטליכער געזאגט, איך מוז וויסען, אויב זיא ליעבט מיך?

— דאס איז קיינע אנטווארט, האט דשעק געענטפערט. דאס קען מען לייכט וויסען. נעללי איז דאך קיין שטאדט מערכען, וועלכע פוצט זיך פאר יעדען, שמייכעלט צו יעדען און מאכט חנדלעך צו יעדען. נעללי קען נאך ניט דיא וועלט מיט איהרע צערעמאניען, מיט איהרע פאלשקייטען. זיא איז א נאטור קינד, וועלכעס זאגט ארוים פריי און אפען, וואס זיא פיהלט און וואס זיא דענקט.

— איך האב אויך דאריבער געטראכט, האט הערריי געענטפערט. איך האב מיך גוט איבערלעגט און גוט איבערקלערט און דאס האלט מיך צוריק. — הייראטהען! דאס איז זעהר א לייכטעס ווארט. וויפיעל מענשען זיינען אונגליקליך זייער לעבען לאנג נור דערפאר, וואס זיי האבען ניט פערשטאנען, וואס פאר שווערע פפליכטען זיי נעהמען אויף זיך, ווען זיי הייראטהען. — פרעהליך קלינגט דיא האכצייטס מוזיק; פרעהליך זיינען דיא יונגע פערהייראטהעטע; פרעהליך זיינען אלע אנוועזענדע; פרעהליך קלינגען דיא גלעזער און דער וויין גיסט זיך פון אלע זייטען. — וויא שווער אבער, אך, וויא שווער! האבען אבער פיעלע

רערגאַך צו בעפרייען דיעזען שריט, וואס זיי האבען געמאַכט אזוי איבעראײלט!

וויפיעל ביטערע טרערין ווערן פערגאסען, וויפיעל שטילע זיפצען און קרעכ. צען לאזען שפּעטער ארויס דיעזעלבע מענשען, וועלכע האבען זיך אזוי געאײלט צו הייראַטהען! — דאס איז עס, ליעבער פריינר, וואס עס האלט מיך צוריק.

נעללי איז אַ נאַטור קינד. זיא איז געבארען געוואָרען אין דער מינע און ערצויגען געוואָרען אין דער מינע. זיא קען נאך ניט דיא וועלט און ווייס נאך ניט, וואס עס טהוט זיך אויסער דער מינע. עס וועט דאך קומען א טאג, ווען איך וועל זיא מוזען פיהרען אויסער דער מינע; איך וועל מוזען זיא איינפיהרען אין דער וועלט און ווייזען איהר, וואס עס טהוט זיך דארט אויבען. ווער ווייס, וואס דאמאלס וועט זיין? ווער ווייס, אויב זיא וועט עס דאמאלס ניט בערייען? ווער ווייס, אויב דעמאלס, ווען זיא וועט וויסען, אז עס איז דא אנאנדערע וועלט און אנדערע מענשען, וועט זיא ניט געפינען, אז זיא האט שלעכט געטהאן, וואס זיא האט מיך געהייראטהעט?

איך האב מיך דאהער ענטשלאסען, איך זאל איהר פריהער ווייזען, אז עס איז דא אנאנדער וועלט, אַנדערע מענשען און אנאנדער אַרט לעבען. זיא מוז אלעס זעהן מיט איהרע אויגען און אלעס וויסען. דאַן ערשט, ווען זיא וועט איינווילינגען, וועל איך זיא הייראטהען.

— יא, — איך פערשטעה. — איך מיין אבער — זעה! דער שטריק ציטערט, איך מוז מיך אראפלאזען. — דוא קענסט ארויפגעהן. — מען ווארט אויף אונז —

— אייל דיך ניט, דשעק! האט הערריי געבעטען. דוא האסט בעריהרט אַ פראגע, וועלכע איז זעהר וויכטיג פאר אונז. דוא מוזט מיך יעצט אויסהערן ביז צו ענדע.

— איך ווייס, וואס דוא ווילסט מיר זאגען, הערריי. דוא ווילסט שיקען נעללי'ן ערגעץ אין אַ שולע, זיא זאל זיך אויסלערנען לעזען און שרייבען און זאל בעקאַנט ווערן מיט דער וועלט.

— ניין, דשעק! איך מיין ניט דאס. איך אליין קען נעללי'ן אויסלערנען אלעס, וואס זיא דארף קענען. דא איז עפּעס אנדערש. שטעל דיר פאר דשעק, ווען דוא זאלסט וועלען הייראטהען אַ בלינדעס מעדכען און איינער זאל קומען דיר זאגען, אז אין אַ מאנאט ארום וועט זיא געזונד ווערן, וואלסט דוא ניט געווארט אַ מאנאט?

— געוויס. דערפון קען גאר קיין רעדע ניט זיין.

— נעללי איז יעצט בלינד. זיא האט נאך ניט געזעהן דעם שיין פון'ם טאג. איהרע אויגען קענען נאך ניט פערטראגען קיין שטארקעס ליכט. זיא מוז אבער זעהן דעם טאג. זיא מוז פריהער זיין דארט אויבען, וואו עס שיינט דיא זון און דיא העלע שטערן.

— אלזא, ווען דענקסט דוא מיט איהר ארויסצופאהרען?

— איך מיין, אַז אין אַ מאנאט ארום וועלען איהרע אויגען זיין אזוי שטארק, אז איך וועל קענען ארויספאהרען מיט איהר אויבען אין דער פרייער לופט.

אין דיעזע מינוט האט רשעק א ציה געטהאן דעם לייטער. ער האט אראפגעלאזען טיעף אין שאכט איידער הערדי האט זיך אומגעקוקט, איז דזשעק רייען שוין געוועזן פופצינ פוס ניעדעריגער פון איהם.

— א גוטען טאג, דזשעק! האט הערדי אויסגערופען. קיינער זאל ניט וויסען וואס מיר האבען גערעדט.

— אינטער איין בעדינגונג.

— וואס איז דיין בעדינגונג.

ווען דו וועסט צום ערשטען מאל ארויספאהרען מיט נעללי'ן, זאלסט דוא מיך מיט נעהמען.

— גוט! איך נעהם אן דיעזע בעדינגונג, האט הערדי געענטפערט.

דיא לייטערס האבען זיך אנגעהויבען צו ריהרען. הערדי איז נעגאנגען אריוף און דשעק האט זיך אראפגעלאזען אלץ טיעפער און טיעפער.

פון דעם טאג אן האט זיך הערדי גענומען גאנץ ערנסט צו לערנען מיט נעללי'ן. ער האט זי געלערנט לעזען און שרייבען. נעללי איז געוועזן א גוטע שיללערין, האט אלעס איבערגענומען זעהר שנעל. אין א קורצע צייט האט זי געלעזען גאנץ גוט און האט פערשטאנען, וואס זי לעזט. די ביכער זיינען איהר שטארק געפעלען און זי האט זיי אנגעהויבען שלינגען מיט די אויגען. וואו זי האט נור נעקענט קריגען א בוך, האט זי עס געלעזען. זי האט שפעטער בעקומען ערנסטע ביכער פון געאגראפיע און וועלט געשיכטע. דיעזע ביכער אבער האט זי ניט פערשטאנען און האט זיי געמוזט לאזען אויף אן אנדער צייט.

דער אלטער סימאן און זיין פרוי האבען באלד בעמערקט, אז זייער זוהן איז ניט גלייכגילטיג צו נעללי'ן. זיי האבען זעהר געוואלט וויסען, ווער זי איז און וויא אזוי זיא קומט אין דער מינע. דאס איז אבער געוועזן דערווייל אונמעגליך. נעללי האט געשוויעגען און פון קיין אנדער ארט האבען זיי עס ניט געקענט וויסען.

ווען אונזערע לעזער דערמאנען זיך דאס ערשטע מאל, ווען דשיימס סטאר איז געקומען קיין דארטשארט פיט, האט ער געזאגט צו סימאן ווארד, אז ער דארף עפעס טראכטען צו פערהייראטען זיין זוהן. דער אלטער סימאן האט איהם דאן געענטפערט, אז ער וויל ניט זיין זוהן זאל הייראטהען א שטאדט מערכען, וועלכע ווייס נור זיך צו פוצען און ארומצולויפען פון איין שטוב אין דער אנדערער.

יעצט אבער איז עטוואס אנדערש, יעצט האט דער צופאל אליין איהם צוגעשיקט א מערכען, וועלכע פאסט פאר איהם. פאר וואס זאל ער זיא ניט הייראטהען? נעללי ווייזט אויס צו זיין א גוטעס קינד. לאז ער זיא נעהמען!

דער אלטער איז געוועזן אזוי צופריעדען מיט דיעזען געדאנק, אז ער האט פערשפראכען צו מאכען א באלל פאר אלע ארבייטער אין דעם טאג, וואס הערדי וועט הייראטהען נעללי'ן.

נאך איינער האט זעהר געוואלט, אז הערדו ווארד זאל האבען א גוטע,

שעהנע פרוי; ער האט אבער געהאט נאך אנאנדערן צוועק דערביי. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, אַז נעללי ווייס פון׳ם געהיימניס פון דארטשארט פים; ער האט ווייערער געוואוסט. אַז ווען עס געפינען זיך מענשען, וועלכע ווילען נים, אַז דיא נייע מינע זאל זיין אפען, וועלען זיי געוויס טהאָן, אלעס מעגליכע, אום צו שטערן ד״ אין זייער ארבייט. יעצט שוויינען זיי נאך, וואהרשיינליך האבען זיי געוויסע אורזאכען, פאר וואס זיי שוויינען. עס קען אבער קומען אַ צייט, ווען זיי וועלען נים שווייגען. וואס וועט דאמאלס זיין? — נעללי איז דאן דיא איינציגע, וועלכע קען זיי אויפהאלטען.

דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס דער אינזשעניר האט אזוי געוואלט, אַז נעללי זאל הייראטהען הערריי ווארד.

— נעללי האט ביז אהער נים געוואלט אויסזאגען דאס געהיימניס, האט זיך געטראכט דשיימס סטאַר. אבער וואס זיא האט נים געוואלט, אדער נים געקענט אויסזאגען אַ פרעמדען, וועט זיא געוויס אויסזאגען איהר מאן. וויא קען עס אַ יונגע פרוי האבען געהיימניסע פון איהר מאן?

וויא עס האט זיך אויסגעוויעזען, זיינען אלע געווען צופריעדען הערריי זאל הייראטהען נעללי׳ן. קיינער איז נים געווען דאגעגען. הערריי׳ס עלטערן זיינען צופריעדען און נעללי האט דאך קיינע עלטערן.

אין דענאך, ווען דיא עלעקטרישע לאמפען פלעגען זיך אויסלעשען אין קאָהל כיטי; ווען אלע פלעגען שלאפען און זיך אפרוהען פון זייער ארבייט; ווען אלעס אין קאָהל סיטי איז געווען שטיל און רוהיג, פלעגט אַ אונבעקאנטער, געהיימניספאלער מאן ארויסקומען ערגעץ פון אַ טיעפען ברונען, פלעגט ארומגעהן אין דיא גאסען, פלעגט זיך ארומשפאציערן אויף דיא ברעגעס פון׳ם טייך מאַלקאָלם, פלעגט אפט אוועקשטעהן שטונדען לאנג פארן הויז פון סיימאן ווארד און פלעגט זיך צוהערן, וואס מען רעדט.

נאַכט ביי נאַכט פלעגט ער שטונדען לאנג אוועקשטעהן פארן הויז און פלעגט רעדען צו זיך אליין. זיינע אויגען פלעגען גליהען, זיינע הענד פלעגען זיך צונויפלעגען אין שרעקליכע פויסטען און ער פלעגט אפט ווידערהאלען אין דער הויך:

— זיא זאל איהם הייראטהען? — אויף קיין פאל!

18טעס קאפיטעל.

דיא זון געהט אויף.

„דיא צייט פליהעט זעהר שנעל פאר גליקליכע און קריעכט זעהר לאנגזאם פאר אונגליקליכע", זאגט אן אלטעס שפריכווארט. אין קאהל סיטי זיינען אלע געווען אזוי גליקליך און אזוי צופריעדען, אַז זיי האבען נים בעמערקט, וויא דיא צייט איז פערגאנגען שנעל.

בעזאנדערס גליקליך איז געווען הערריי. נעללי האט שוין געלעזען און געשריעבען בעסער פון איהם. ער האט איהר געבראכט נייע קליידער און האט זיא אנגעקלעהדט, וויא אַ רייכע מיס פון עדינגבורג. נעללי איז געווען ווירקליך

שעהן אין איהרע נייע קליידער אַבוואַהל זיא איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אויף דער וועלט און איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אין קיין געזעלשאַפט פון געבילדעטע און עלעגאנטע דאמען, האָט זיא געהאַט אין זיך אַזוי פיעל טאַקט און אַזוי פיעל פערשטאַנד, אַז פון'ם ערשטען מאָל האָט זיא געוואוסט, ווי אַזוי זיך אָנצוטהאָן און וויא אַזוי זיך אויסצופוצען.

אין איהרע נייע קליידער איז זיא ווירקליך געווען שעהנער און שטאָל־צער פון אַלע מעדכען און פרויען אין קאהל סיטי.

אין אַ שעהנעם זומער טאָג האָט זיך געקאָכט און געדעש'ט אין סיימאַן ווארד'ס וואוינונג. דיא אַלטע מעדש האָט געבאַקען, געקאָכט און צונויפגעג־לעגט זאכען אין רענצלעך און אין רייזע טאַשען. פיער מענשען האָבען זיך פאַרבערייטעט אויף אַ רייזע פון גאַנצע צוויי טעג. דיעזע פיער מענשען זיינען געווען: דזשיימס סטאר, הערריי וואַרד, דזשעק רייען און נעללי.

הערריי וואַרד האָט ענדליך אויסגעפונען, אַז עס איז שוין צייט ארויסצר־פיהרען נעללי'ן אין אַ וועלט, וועלכע זיא קען נאָך ניט און האָט זיא נאָך קיין מאָל ניט געזעהן. דזשיימס סטאר האָט אָפּגערעדט מיט הערריי'ן, אַז אין דיא צוויי טאָג, וואָס זייער רייזע וועט געדויערן, זאָלען זיי אויסווייזען נעללי'ן אַלעס, וואָס זי האָט נאָך ביז אהער ניט געזעהן פון דער גרויסער וועלט אונטער דער זונן.

דזשיימס סטאר האָט ווייטער אויסגעפונען, אַז דער בעסטער אָרט צו מאַכען אזא רייזע איז דיא געגענד צווישען עדינבורג און גלאַזגאָ, ווייל דיא געגענד איז דאָרט זעהר שעהן; עס געפינען זיך וועלדער, פעלדער און גערטנער. דערצו איז עס נאָהענט ביים מעער און זיי וועלען קענען ווייזען נעללי'ן דעם אַטלאַנטישען וועלט מעער מיט דיא שיפען, וועלכע געהען אויף איהם.

סיימאַן וואַרד און דיא אַלטע מעדש האָבען ניט געוואָלט מיטפאָהרען. זיי האָבען אַזוי פיינט בעקומען דיא וועלט דאָרט אויבען, אַז זיי האָבען ניט געוואָלט ארויספאָהרען פון קאהל סיטי.

אַלע פיער רייזענדע זיינען געווען פערטראַכט און האָבען קיין וואָרט ניט גערעדט איינער מיט'ן אַנדערן. דשיימס סטאר איז געווען אַ פילאָזאָף. ער האָט בעטראַכט נעללי'ן, וויא אַ גרויסער דאָקטאָר בעטראַכט אַ פּאַציענט; ער שטודירט איהם אויס. אין יעדעם וואָרט, וואָס ער רעדט צו איהם, ליעגט אַ בעזונדערער זינן.

הערריי האָט געקוקט אויף נעללי'ן מיט גאַנץ אַנדערע געפיהלע. איהם האָבען זיך פאָרגעשטעלט גאַנץ אַנדערע פראַגען:

— וואָס פאַר אַן איינדרוק וועט מאַכען אויף נעללי'ן דיעזע נייע וועלט? וועט אין דער נייער וועלט ניט ווערען פון נעללי'ן אַ גאַנץ אַנדערער מענש?

דשעק רייען האָט אויך געהאַפּט און געטראַכט: ווער וויים וואָס עס קען ווערען פון אזא יונגעם מעדכען אויף אַ נייער אַנדערער וועלט?

נעללי אַליין איז אויך געווען פערטראַכט. זיא האָט געפיהלט, אַז דאָ וועט פאָרקומען עפּעס נייעס אָבער וואָס פאַר אַ נייעס?

ווען אלעס איז פֿערטיג געוואָרען צו דער אבריַיזע, איז זיא צוגעקומען צו הערריי'ן, האט איהם גענומען ביי דער האַנד און האט איהם געפֿרעגט:

— הערריי! איז עס נאָטהווענדיג, איך זאל פֿאהרען אהין? מוז איך פֿאהרען אין יענער אונבעקאַנטער וועלט? וואלט פֿיעללייכט ניט בעסער געווען, איך זאל בלייבען דא, אין דער מינע?

— עס מוז אזוי זיין, נעללי, האט הערריי וואָרד געענטפֿערט. עס איז נאָטה-ווענדיג פֿאר דיר און פֿאר מיר.

— הערריי! זייט דוא האסט מיך געראַטעוועט דאָרט פֿון'ם ברונען, בין איך געווען אַזוי גליקליך דא אין דער מינע! דוא האסט מיך געלערנט זעהר פֿיעל זאכען. דאס איז גענוג פֿאר מיר. צו וואס זאל איך דען פֿאהרען ארויף, דאָרט אויבען?

הערריי האט ניט געענטפֿערט. ער האט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפֿערן.

— מיין טאָכטער, עס איז נאָטהווענדיג, אַז דוא זאלסט זיין דאָרט אויבען און זעהן אלעס, האט דזשיימס סטאר זיך אריינגעמישט. דוא פֿאהרסט דאך מיט מענשען, וועלכע ליעבען דיך און וועלכע וועלען זיך זאָרגען פֿאר דיר.

אלעס איז געווען פֿערטיג צו דער רייזע. דיא פֿיער רייזענדע האבען גע-נומען זייערע פעקלעך און רענצלעך און זיינען צוגעקומען צום גרויסען עלעק-טערישען עלעווייטאָר, וועלכער האט זיי אין איינ'ע מינוטען ארויפֿגעפֿיהרט אויבען. דאָרט איז געווען אַ קליינע אייזענבאַהן סטאַציאָן מיט'ן נאָמען „ניו אבערוויל". דיא אייזענבאַהן האט זיך פֿעראייניגט מיט דער הויפּט ליניע.

ווען זיי זיינען ארויפֿגעקומען, איז אין דרויסען שוין געווען נאַכט. דזשיימס סטאר און הערריי וואָרד זיינען אומיכטען ארויסגעפֿאהרען אבענדס, אום נעללי'ס אויגען זאלען זיך פֿריהער געוועהנען מיט דעם שוואַכען ליכט פֿון אַ זומער נאַכט. דאַן וועט זיא זעהן, וויא עס ווערט ליכטיג, וויא עס ווערט טאג, וויא דיא זון געהט אויף. דערמיט וועט עס ניט מאַכען אַזא שטאַרקען איינדרוק אויף איהרע אויגען.

זיי האבען זיך אויפֿגעזעצט אויף אַ וואַגאָן און זיינען געפֿאהרען קיין סטירלינג, דיא ערשטע סטאַציאָן אויף דיעזער ליניע. דיעזע רייזע האט אויך מעהר ניט געדויערט, וויא עטליכע מינוט. אין וואַגאָן איז ניט געווען שטאַרק ליכטיג און נעללי האט ניט געפֿיהלט קיין גרויסע ענדערונג.

באלד זיינען זיי אַנגעקומען קיין סטירלינג. דאָרט זיינען זיי ארויסגעגאַנ-גען און זיינען געגאַנגען צו פֿוס פֿון דער באַהן סטאַציאָן ביז אין דער קליינער שטאָדט סטירלינג. זיי זיינען געגאַנגען אויף אַ ברייטען שאָסע. פֿון ביידע זייטען זיינען געווען געפֿלאַנצט הויכע, אַלטע ביימער. ניט וויַיט איז געווען דאס מעער. ווער עס איז געווען בעקאַנט מיט דער געגענד, דער האט זעהר לייכט געוועהן דעם גרויסען אַטלאַנטישען וועלט מעער.

דעם ערשטען איינדרוק אויף נעללי'ן האט געמאַכט דיא פֿרישע, שטאַרקע, געזונדע מעער לופֿט. קוים האבען זיי אַנגעהויבען צו געהן אויפֿ'ן וועג, האט

נעללי אנגעהויבען צו אטהעמען שנעלער און שטאַרקער. הערריי האט עס בע־מערקט.

— וויא געפעלט דיר דיעזע לופט, נעללי? האט ער געפרעגט. פיהלסט דוא ניט, אז דיעזע לופט איז בעסער, רייגער און געשמאקער, וויא די לופט דארט אונטען?

נעללי האט ניט געענטפערט. זיא האט געפיהלט, אַז דאָ, „אויבען", איז ווירקליך עפּעס אנדערש. זיא איז אבער ניט געווען אים שטאנד עס אויסצודריי־קען מיט ווערטער. אלעס איז איהר געווען ניי; אַלעס איז איהר פאַרגעקומען אונבעקאנט.

— וואס פאר אַ דאַמפּף זעה איך איבער אונזערע קעפּ? האט זיא ענדליך געפרעגט.

— עס איז קיין דאַמפּף, נעללי, האט הערריי איהר ערקלערט, דאס זיינען וואלקענס. דאס איז דער דאַמפּף פון'ם מעער. ווען ער זאמעלט זיך צונויף, ווערט פון איהם אַ געדיכטער וואלקען און עס הייבט אן צו געהן אַ רעגען.

— אַ רעגען? — אך! איך וואלט געוועזן זעהר צופריעדען צו זעהן אַ רעגען, האט נעללי אויסגערופען. ווער זיינען אבער דיעזע קליינע פונקטען, וועלכע שיינען דורך דיא וואלקענס?

— דאס זיינען דיא שטערן, פון וועלכע איך האט דיר דערצעהלט. זיי ווייזען אונז אויס אזוי קליין, אין דער וואהרהייט אבער זיינען זיי זעהר גרויס.

נעללי האט געקוקט אויף דיא שטערן, האט זיי בעטראכט און האט זיך ניט געקענט אפּרייסען פון זיי. אַזאַ וואונדער האט זיא נאך קיין מאל ניט געזעהן. אין דיא פינסטערע גאלערעען פון ניי אבערוויל האט מען ניט געזעהן קיין שטערן.

— אך! ווען איך זאל קענען פליהען צו זיי! האט זיא אויסגערופען. — ווען איך זאָל קענען זיין דארט אויבען, ווייט, ווייט דארט! וויא גליקליך וואלט איך דאן געוועזן!

— ווייסט דוא דען, מיין טאַכטער, ווייא ווייט דיעזע שטערן זיינען פון אונז? האט דשיימס סטאַר געפרעגט. — מיליאָנען, מיליאָנען מייל! זיי ווייזען אונז אויס קליין, זיי זיינען אבער זעהר גרויס.

דשיימס סטאר האט גענומען דאס יונגע מעדכען אונטערן ארים. אלס נעלערנטער, אַלס פילאזאף האט ער זיא שטודירט. איהם האט אינטערעסירט צו זעהן דעם איינדרוק, וואס דיא שטערן מאַכען אויף אַ מענשען, וועלכער האט זיי קיין מאל ניט געזעהן. מיר, עלטערע מענשען, קוקען אויף דיא שטערן גאנץ גלייכגילטיג. קינדער אבער בעטראַכטען דיא שטערן מיט גאַנץ אַנדערע געפיהלע. זיי לעזען אין דיא שטערן בוכשטאַבען — אַן אלף בית — און זעהן אין זיי וואונ־דערבארע בעדייטונג. — וואס פאר אַן איינדרוק אַלזא וועלען מאַכען דיא שטערן אויף אַזאַ מענשען, וועלכער איז ניט קיין קינד און ניט קיין עלטערער מענש?

הערריי ווארד איז געגאנגען לעבען נעלליין און האט פון איהר קיין אויג ניט אראפּגעלאזען. דשעק רייען איז נאכגעגאנגען פון הינטען. אזוי זיינען זיי

געגאַנגען עמליכע מינוט. ווען נעללי האָט גענומען בעטראַכטען דיא שטערן, האָט זיא זיך אַרומגעקוקט און האָט בעמערקט דיא הויכע ביימער, וועלכע זיינען געפלאַנצט פֿון ביידע זייטען וועג.

פֿון׳ם מעער איז אנגעקומען אַ קיהלער ווינטעל, וועלכער האָט געשאָקעלט דיא ביימער. נעללי האָט זיך דערשראָקען. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז דאָס שטעהן ריעזען, הויכע מענשען, וועלכע מאַכען מיט דיא הענד, רופֿען און ווינקען צו זיך. זיא האָט אָבער קיינעם ניט געוואָלט זאָגען, וואָס זיא פֿיהלט. זיא האָט זיך געשעהמט צו פֿרעגען, ווער עס זיינען דיעזע הויכע געשטאַלטען מיט דיא לאַנגע הענד.

דשיימס סטאָר און הערריז האָבען געוואָלט זיא לאָזען אַלס בעטראַכטען און אַליין אורטהיילען, וואָס דאָס איז. זיי האָבען פֿריהער אָפּגערעדט, אַז זיי זאָלען איהר ניט שטערן, זאָלען צו איהר ניט רעדען, זאָלען איהר נור ענטפֿערן אויף איהרע פֿראַגען.

זיי זיינען אַזוי געגאַנגען לאַנגזאַם, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום פּאָרט. דאָרט האָט אויף זיי געוואַרט אַ באָאָט, וועלכעס דשיימס סטאָר האָט אומיסטען געדונגען. ער האָט זעהר ריכטיג בערעכענט, אַז עס האָט קיין זינן ניט אַריינצופֿיהרען נעללי׳ן קיין סטירלינג, אַ קליין, שטיל און רוהיג שטעדטעל. וואָס וועט זיא דאָרט זעהן? עס איז גלייבער, זיי זאָלען מיט איהר פֿאָהרען איבערן מעער קיין עדינבורג, דיא הויפּט שטאָדט פֿון שאָטלאַנד. דאָרט וועניגסטענס וועט זיא קענען עפּעס זעהן.

נעללי האָט צום ערשטען מאָל געזעהן דאָס גרויסע וועלט מעער, וויא זיינע בלויע וואַסערן האָבען געגלאַנצט און געפֿונקעלט פֿון דיא ליכט פֿון דיא שיפֿען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין פּאָרט.

— וואָס איז דאָס? האָט נעללי געפֿרעגט. איז דאָס אַזאַ גרויסער טייך?

— ניין, נעללי, דאָס איז דאָס מעער, דאָס גרויסע וועלט מעער. פּראָביר פֿערזוכען דאָס וואַסער פֿון דיעזעם מעער, וועסט דוא זעהן, אַז עס איז אַנדערש, וויא דאָס וואַסער פֿון אונזער זעע מאַלקאָלם לייק.

ווען מען האָט זיך אַריינגעזעצט אין באָאָט, האָט זיך נעללי איינגעבויגען, האָט איינגעטונקט איהר האַנד אין וואַסער און האָט אַ לעק געטהאָן מיט דער צונג.

— דיעזעס וואַסער איז זאַלץ, האָט זיא געזאָגט.

— יאָ, נעללי. דאָס וואַסער אין מעער איז געזאַלצען. דריי פֿיערטעל פֿון דער גאַנצער וועלט איז בעדעקט מיט׳ן מעער אָדער מיט געזאַלצענעם וואַסער.

— פֿון וואַנען נעהמען מיר אַלזאָ זיסעס וואַסער צום טרינקען?

— פֿון דיא טייכען, נעללי.

— פֿון וואַנען נעהמען זיך דיא טייכען?

— פֿון דיא רעגענס.

— דיא רעגענס אָבער קומען דאָך פֿון דיא וואָלקענס, האָט נעללי געפֿרעגט, און דיא וואָלקענס קומען פֿון מעער. דאַרפֿען דאָך דיא טייכען אויך זיין געזאַלצען?

— ניין, נעללי, דיא וואלקענס זיינען דער דאמפף פון רייניגס, זיסעס וואסער. דאס זאלץ בלייבט אין מעער און דאס ריינע, קלארע זיסע וואסער געהט ארויף אין דאמפף און עס ווערט דערפון וואלקענס.

נעללי האט זיך פערטראַכט. זיא האט ניט גוט פערשטאנען, וואס מען מיינט דערמיט און וויא אזוי עס קען זיין.

פלוצלונג האט זיך געוויעזען אַ נייע זאך, וועלכע האט נעללי׳ן איבערראַשט. ווייט, ווייט אין אָקעאן האט זיך געוויעזען אַ רויטער ראָד, גרויס וויא אַ גרויסע שיעסעל, דער ראָד האט אבער געלייכט און געשיינט.

— וואס איז דאס, הערריי! ווער איז דיעזעס רויטע ליכט, וואס איך זעה דארט גאנץ ווייט?

— דאס איז דער מאנד, ער געהט יעצט אויף, איז ער רויט, שפעטער וועט ער זיין ווייס און קלאר.

— יא, יא, דאס איז דער מאנד! האט אויסגערופען דשעק רייען, אַ זילבערנע שיעסעל, אין וועלכע דיא שטערן ווארפען אריין זייער זילבער געלד.

— נו, דשעק, דאס איז ביי מיר אַ נייעס! האט דשיימס כטאר אויסגערופען. איך האב ניט געוואוסט, אַז דוא ביסט אַזאַ גרויסער דיכטער און קענסט מאכען אַזעלכע ריכטיגע פערגלייכע.

— הערר כטאר, איהר זעהט אליין, אז איך האב רעכט. וואס העכער, דייטליכער און העלער דער מאנד געהט אויף, אַלץ מעהר פערשווינדען דיא שטערן. דער מאנד שלינגט זיי איין. ער פרעסט זיי אויף. פאר וואס אלזא, זאל איך ניט זאגען, אַז דער מאנד נעהמט צו דיא זילבערנע שילינגס און דיא זילבערנע קראָנס פון דיא שטערן.

דשיימס סטאר האט געוואלט עפעס ענטפערן, אין דיעזע מינוט אבער האט איהם נעללי אונטערבראָכען.

— אך, וויא שעהן! האט זיא אויסגערופען אלעס איז דא אַזוי שעהן, אַזוי הערליך, אַזוי גראַסאַרטיג! —אבער, הערריי, דוא האסט דאך מיר געזאגט, אַז דער מאנד איז רונד. איך זעה דאך, אַז ער איז גאר ניט רונד?

— אין דיעזע נאַכט איז ער נאך ניט רונד, האט הערריי געענטפערט. מיט איינינע נעכט שפעטער וועט ער ווערן רונד. דערווייל איז דיעזער שעהנער מאנד נור אַ האלבע שיעסעל. דשעק רייען האט אונרעכט, ווען ער זאגט, אַז דער מאנד איז אַ שיסעל.

לאנגזאם האט זיך אויפגעהויבען דער מאנד און האט בעלייכטעט דיא גאנצע געגענד מיט זיינע זילבערנע שטראַהלען. דיא וואלקען זיינען ביסלעכווייס פערשוואונדען געווארען. דער הימעל איז געווארען קלאר און בלוי.

נעללי האט זיך ניט געקענט אפרייסען פון דיעזעס שעהנע בילד. זיא האט געציטערט פאר פרייד און פערגניגען, ווען זיא האט צום ערשטען מאל דערזעהן דיעזע שעהנהייט, דיעזעס גראַסאַרטיגע שוישפיעל, וועלכעס דיא נאַטור גיט אונז יעדען אבענד.

אונטערדעסען איז דאס באָאט נעפאהרען אלץ ווייטער און ווייטער. דאס מעער איז געווען שטיל און רוהיג. דער קלארער, העלער, זילבערנער שיין פון׳ם מאָנד האט זיך אפגעשפיגעלט אין וואסער. עס האט זיך אויסגעוויזען, אַז אַ שטראם פון געשמאָלצענעם זילבער איז אויסגעגאסען ארום זייער באָאט.

עס איז געווארען שפעט אין דער נאכט. דשעק רייען איז אנטשלאפען געווארען אויף זיין זיץ. דשיימס סטאר און העררי ווארד האט עס אויך אנגעהויבען צו שלעפערן. נעללי איז געזעסען אין באָאט און האט געהאלטען העררי׳ס הענד. זיא איז געווען דיא איינציגע, וועלכע האט ניט געקענט שלאפען. אלעס איז איהר געווען ניי, אַלעס איז איהר געווען פרעמד, אלעס איז איהר געווען אינטערעסאנט.

דיא מענשליכע נאטור אבער לאזט זיך ניט בעזיעגען. צו ביסלעכוויס האבען זיך איהרע אויגען אנגעהויבען צו קלעפען. איהר קאפ איז שווער געווארען און האט זיך אנגעבויגען אויף העררי׳ס הערץ — זיא איז אנטשלאפען געווארען וויא אַ קינד אויפ׳ן שויס פון איהרע עלטערן.

העררי האט עס בעמערקט, האט צורעכט געמאכט זיין מאנטעל און האט זיא געוואלט אניעדערלעגען.

— לאז זיא צו רוה, העררי, האט דשיימס סטאר געזאגט. לאז זיא שלאפען, וואו זיא איז אנטשלאפען געווארען. זיא האט דיעזעס נאכט געזעהן צופיעל וואונדער, צופיעל נייעס. זיא איז אויפגערעגט, איהרע נערווען זיינען צופיעל געשפאנט. זיא מוז זיך אויסרוהען.

העררי האט איהם געפאלגט. זיס, הייליג און טהייער איז דיא ערשטע ליעבע! ווער קען עס איבערגעבען אין ווערטער דיא זיסע געפיהלע פון דער ערשטער ליעבע! ניט אומזיסט האט דער גרעסטער דייטשער דיכטער אויסגעשריען: —

„אה! דאס עס עוויג גרינען בליעבע, דער זיסע גליק דער ערשטען ליעבע!"

העררי איז געווען גליקליך, וואס נעללי׳ס קאפ איז געלעגען אויף זיין ברוסט. ער האט געפיהלט דיא ווארימקייט פון איהר יונגען קערפער; ער האט זיך צוגעהערט, וויא איהר הערץ שלאגט, וויא איהרע זייטען ציטערן פון פרייד און גליק. ער האט זיא ניט געוואלט ריהרען פון׳ם ארט. ער האט זיא צוגעדעקט מיט זיינע הענד און אן עלעקטרישער שטראָם האט דורכגעציטערט דורך זייערע ביידע קערפער.

לאנגזאם איז געפאהרען דאס באָאט אויף דיא שטילע, רוהיגע און העלע וואסערן פון׳ם אטלאנטישען וועלט מעער. ענדליך אום דריי אוהר אין דער פריה זיינען זיי צוגעקומען צום פארט און דאס שיפעל האט זיך צוגעשלאגען צום דאק. דארט איז אַ מאטראז ארויסגעשפרונגען און האט זיא אנגעהויבען צוצובינדען צום דאָק. דיא וועללען (כוואַליעס) האבען צוגעשלאגען דאס באָאט צום דאָק. דיא קייטען האבען אנגעהויבען צו קלינגען. נעללי האט זיך אויפגעכאפט.

– אה, איך האב געשלאפען! איך האב גאר ניט געזעהן! האט זי אויסגערופען.

– ניין, עס האט זיך דיר אויסגעוויזען, אז דו שלאפסט, האט דשיימס סטאר נעענטפערט. דוא ביסט געווען אזוי איבערראשט פון אלע גייעס, וואס דוא האסט געזעהן, אז דוא האסט געטרוימט.

נעללי האט געשוויעגען. זיא האט פערשטאנען, אז דער אינזשעניר זאגט איהר ניט דיא ווארהייט. זיא האט געזעהן אז דא איז עפעס, האט זיך אבער געמאכט ניט וויסענדיג.— דשיימס סטאר האט עס בעמערקט און האט בעוואונדערט דעם טאקט און דאס קלוגע בענעהמען פון ריזעס מערכען, וועלכע איז געבארען געוואָרען און אויפגעוואקסען אין א טיפער מינע.

– פון וואנען נעהמען דיא פרויען דיעזען טאקט און דיעזע פעהיגקייט זיך צו האלטען אין א געזעלשאפט? האט געפרעגט זיך אליין דער געלערנטער אינזשעניר.— דיזעס מערכען האט קיינמאל ניט געזעהן קיין מענשען, ווייס גיט פון קיין העפליכקייט און פון דיזער וועלט קונסט: צו זאגען מיט'ן מויל אזוי און צו טראכטען אין הארצען עפעס אנדערש.— פון וואנען אלזא האט דיזע נעללי דאס אלעס געלערנט?

זיי האבען אנגעהויבען ארויסצוגעהן פון'ם שיפעל. הערריי האט גענומען נעללי'ן בייא דער האנד און האט זיא געפיהרט אין שטאדט אריין.— דיא גאסען פון דער גרויסער שטאדט עדינבורג זיינען נאך געווען פינסטער און ליעדיג. זעלטען איז דורכגעפאהרען אן עקספרעס וואגען אדער עס זיינען דורכגעגאנגען ארבייטער צו זייער פריהער ארבייט.

נעללי האט בעטראכט די הויכע, דונקעלע הייזער פון עדינבורג גלייך וויא זייא וואלטען געווען דיא הייזער פון קאהל סיטי. דער אונטערשיעד פאר איהר איז נור בעשטאנען דארין, וואס אין קאהל סיטי איז דער דאך איבער דיא הייזער זעהר ניעדעריג; דא אבער איז דער דאך זעהר הויך און אין איהם פינקלען קליינע העלע פונקען — דיא שטערען.

– ביסט דו ניט מיעד נעללי? האט הערריי זיא געפרעגט, ווען זייא זיינען ארומגעגאנגען געגען א האלבע שטונדע אין די גאסען פון עדינבורג.

– ניין, הערריי! איך פיהל גאר ניט, אויב איך געה אויף דער ערד. דער שעהנער בלויער דאך איבער אונז איז אזויא העל, אזויא בלויא און אזויא שעהן, אז איך וואלט געוואלט ארויפפליהען צוא איהם.

– איך פיהל אויך דאס זעלבע, ווען איך בלייב א לאנגע צייט אין דער מינע און געה דאן ארויף אויבען, האט דשעק רייען זיך אפגערופען.

– דאס איז ריכטיג, האט דער אינזשעניר ערקלערט. דער דאך פון ערד און שטיינער אין קאהל סיטי פרעסט און דריקט אונזער ברוסט. דא, אין דער פרייער נאטור פיהלט זיך דאך דער מענש פרייער און בעקוועמער. — פיהלסט דוא עס ניט אזויא, נעללי?

— איך ווייס ניט, האט נעללי געענטפערט. איך פיהל, אז מיר דרעהט זיך דער קאפּ און עס שווינדעלט מיר פאַר דיא אויגען.

— דאס איז דיא אורזאכע, נעללי, וואס איך האב דיך געפיהרט אהער, האט איהר הערריי געזאגט. מעגליך, אז דיעזע גרויסע, ווייטע שעהנע וועלט וועט דיר אזוי געפעלען, אז דוא וועסט ניט וועלען צוריקגעהן אין אונזערע פינסטערע מינע.

— אך, ניין, הערריי! מיר איז דארט אונטען זעהר גוט. איך ווייס ניט, אויב איך האב געדאַרפט אוועקפאהרען פון דארט.

ווייטער און ווייטער זיינען זיי געגאנגען אין דיא גאסען פון דער אַלטער קעניגס שטאדט עדינבורג. פלוצלונג איז נעללי געבליבען שטעהן.

— וואס איז דאס פאַר א שווארצע מאסע שטיינער אין דער מיט וועג? האט זיא געפרעגט און האט געוויזען, אויף א גרויסען, פינסטערן פּאַלאַץ.

— דאס איז דער פּאַלאַץ פון דיא אלטע קעניגע פון שאטלאנד, האט איהר דשיימס סטאַר ערקלערט. דא האבען א מאל געוואוינט גרויסע הערשער, מעכטיגע פירסטען און גלענצענדע קעניגע און קעניגינען. יעצט וואוינט אין שלאס קיינער ניט, דערפאר ווייזט ער אויס ביי נאכט אזוי פינסטער און אזוי טרויעריג, ביי טאג זיינען דיעזע מויערן פיעל שעהנער און פיעל אנגענעהמער. איך האב דיך אומיסטען געפיהרט אהער, ווייל אין דיעזען שלאס געפינט זיך א הויכער טהורעם. פון דיעזען טהורעם איז שעהן צו זעהן ווי די זון געהט אויף. דא, נעללי, וועסט דו זעהן איינע פון די גרעסטע וואונדער פון דיעזער וועלט—ווי דיא זון ווייזט זיך ארויס לאנגזאם, הייבט זיך אויף און בעלייכטעט דיא גאנצע וועלט.

זייא זיינען אריינגעגאנגען אין גרויסען פּארק, וועלכער געפינט זיך ארום קעניגליכען שלאס און זיינען געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער, ביז זייא זיינען געקומען צו ארטהורס הילל.

דאס איז א הויכער בארג, וועלכער געפינט זיך אין דער מיט פּארק. אויפ'ן שפּיץ פון דיעזען בארג געפינט זיך א טהורעם, פון וועלכען מען קען איבערזעהן דיא גאנצע געגענד ארום. דאס איז איינע פון די מערקווירדיגקייטען פון עדינבורג. קיין רייזענדער, קיין פרעמדער, וועלכער קומט בעזוכען שאטלאנד, וועט ניט אויסלאזען די געלעגענהייט צו בעזוכען ארטהורס הילל. פילאזאפען, דיכטער און געלערנטע האלטען עס פאַר זייער פליכט צו זיצען אויף דיעזען טהורעם און זעהן, ווי די זון געהט ארויס פון דעם נאסען אטלאנטישען וועלט מעער און בעלייכטעט די וועלט.

לאנגזאם זיינען זיי ארויפגעגאנגען אויף ארטהור'ס הילל. דשיימס סטאַר איז געוועזען גוט בעקאנט מיט דער געגענד און האט זייא געפיהרט אויפ'ן נאהענטסטען וועג. דענאך האט עס פארנומען א געראומע צייט, ביז זייא זיינען ארויפגעקומען גאַר אויבען. דארט האבען זיי זיך אנידערגעזעצט.

— בעטראכט, נעללי! האט דשיימס סטאַר געזאגט. — קוק נור אהין, דארט, וואו עס האט זיך געוויזען א ווייסע פאַס ליכט.

נעללי האט געקוקט קיין אסטען. דארט האט זיך ווירקליך געוויזען דער ערשטער שיין פֿון'ם יונגען טאג. דער הימעל איז געווען קלאר און ריין. מען האט געקענט פֿאראויס זאגען, אז עס וועט זיין אַ שעהנער טאג. אלע זיינען געזעסען שטיל און האבען געקוקט אויף נעללין. יעדער האט געוואלט זעהן, וואס פֿאר אן איינדרוק עס וועט מאכען אויף איהר דאס אויפֿגעהן פֿון דער זון, דיא ערשטע ראָזאַ שטראַהלען פֿון דער זון.

לאנגזאם האבען זיך געצוינגען דיא מינוטען. נעללי האט זיך אוועקגעקעהרט פֿון'ם מעער און האט אַ קוק געטהאן אויף דיא גרויסע מאסען הייזער פֿון עדינבורג מיט דיא הונדערטער מאנומענטען פֿון דער אלטער קעניגס שטאדט.

מען מוז זיין אין אַ גרויסער שטאדט אין שאָטלאַנד, וויא עדינבורג, גלאזגא און אַנדערע, אום מען זאל קענען אורטהיילען, וואס פֿאר אַ זאנדערבארען איינדרוק דיעזע מאנומענטען מאכען אויפֿין פֿרעמדען: אין גלאַזגאָ געפֿינען זיך אין איין ארט עטליכע און דרייסיג מאָנומענטען פֿון ענגלישע קעניגע, מיניסטארען און גרויסע מענער. דער פֿרעמדער ווערט איבערראַשט, ווען ער זעהט זיך צום ערשטען מאל צווישען דיעזע אַלע מאָנומענטע.

דאס זעלבע האט יעצט פאסירט מיט נעללין. זיא האט געזעהן הויכע זיילען מיט געשטאלטען פֿון מענשען. זיא האט ניט געוואוסט, וואס דאס איז. זיא האט אבער פֿערשטאַנען, אז דאס איז עטוואס זעלטענעס. זיא האט געוואלט פֿערשטעהן מיט איהר איינענעם פֿערשטאַנד, וואס עס בעדייטען דיעזע גרויסע שטיינער מיט קעפּ פֿון מענשען אויף זיי.

אונטערדעסען איז אין דרויסען געווארען אַלץ העלער און העלער. דער מאנד איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען, דיא שטערן זיינען פֿערשוואונדען. עס האבען זיך געוויזען דיא ערשטע ראָזאַ שטראהלען פֿון דער זון.

— אַ פֿייער! אַ פֿייער! האט נעללי אויסגערופֿען.

— ניין, נעללי! דאס איז ניט קיין פֿייער, דאס איז דיא זון, האט הערריס איהר ערקלערט. זיא געהט יעצט אויף און איז רויט, שפּעטער וועט זיא בעלייכטען דיא גאנצע וועלט מיט אַ קלאר געלבען ליכט.

נעללי האט אַ קוק געטהאן אויפֿין מעער און האט געזעהן, אַז פֿון דארט האט זיך געוויזען אַ גרויסע פֿייעריגע קוגעל, וועלכער איז צוגעקומען אלע מאל נעהנטער און איז געווארען אַלץ העלער און ליכטיגער, ביז עס איז געווארען אונמעגליך צו קוקען אויף איהר.

עס האבען זיך געוויזען טרערין אין איהרע אויגען. זיא האט מעהר ניט געקענט זעהן און האט געמוזט זיך אוועקקעהרען פֿון דער זון.

— אך, הערריס! ערשט יעצט זעה איך, אַז מיינע אויגען זיינען נאך ניט אים שטאנד צו זעהן דיעזע וועלט, צו וועלכער דוא ביסט אזוי געוואינט.

הערריס האט זיא געוואלט אוועקרייסען פֿון דער זון און האט זיא געבעטען, זיא זאל קוקען קיין וועסטען (מעריב). זיא האט אבער אויף קיין פֿאל ניט געוואלט. זיא האט זיך פֿערשטעלט דיא אויגען מיט דיא הענד און האט אלץ

געקוקט אויף דער זון, אויף דער שעהנער, העלער, ליכטיגער זון מיט איהרע ראזא פארבען, ווען זיא געהט אויף.

— איך פערשטעהע יעצט, פאר וואס דאס זומער פייגעלע רייסט זיך צום לאמפ אין א זומער אבענד, האט געברומט אונטער דער נאז דשיימס כטאר. דאס אמער פייגעלע ווייס פיעללייכט, אז עס וועט זיך פערברענען דיא פליגעלעך. עס קען זיך אבער ניט צוריקהאלטען. עס ציהט זיא אבער דאך צום ליכט. אלע בעשעפעניסע ציהען זיך צום ליכט. זאגאר פיעלע בלומען דרעהען זייערע קעפ-לעך אין דער זייט פון'ם ליכט. — ליכט איז לעבען. ליכט איז פרייד און גליק. ווען דיא אונוויסענדע מענשען שרעקען זיך פאר דיא נאכט און גלויבען אן גייסטער, איז עס נור דערפאר, ווייל ביי נאכט איז פינסטער. וואו עס איז דא ליכט, פון דארט אנטלויפען דיא גייסטער. — יא, ליכט! ליכט!

ווען דער גרויסער פילאזאף לאק איז געשטארבען, האט ער אויסגערופען: „מעהר ליכט!" מעהר ליכט פאר אלעמען! בילדונג, לערנען, וויסענשאפט, אויפ-קלערונג איז ליכט.

אונטערדעסען האט נעללי אלץ געקוקט אויף דער זון. עס האבען איהר וועה געטהאן דיא אויגען, זיא האט זיך אבער ניט געקענט אפרייסען פון'ם ליכט. ענדליך איז זיא געפאלען אויף דיא קניע און האט אויסגערופען בעגייסטערט:

— אך, וויא שעהן איז דיעזע נייע שעהנע וועלט!

דאן האט זיא זיך אוועקגעהרט פון דער זון און האט בעטראכט מיט שטוינען און ענטציקען דאס שעהנע בילד, וואס דיא גרויסע שטאדט עדינבורג האט פאר-געשטעלט. שעהנע גאסען, גרויסע הייזער, פאלאצען, שלעסער, מאנומענטען און פארקס. וויטער האט מען געזעהן דאס מעער, וויא עס האט געגלאנצט און געפונקעלט אין דער זון. נאך וויטער האט מען געזעהן גרינע בערג, וועלדער און פעלדער.

נעללי איז געווען שטום. זיא האט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט. זיא איז געווען בעטויבט, איבערראשט און בעצויבערט. זיא איז אויפגעוואקסען אין דער פינסטערער מינע; זיא האט געזעהן פאר זיך נור פינסטערניס און זעלטען, זעלטען דאס שוואכע ליכט פון א לאמפ. וואס האט זיא געוואוסט פון א וועלט, פון א מעער, פון ליכט און גרינע וועלדער.

זיא האט אנגעהויבען צו ציטערן. עס איז איהר פינסטער געווארען אין דיא אויגען און עס האט איהר אנגעהויבען צו רוישען און צו שווינדלען דער קאפ. ענדליך איז זיא געפאלען אין אהנמאכט אין העררי'ס ארמס.

19טעס קאפיטעל.

איבערן לאנד.

העררי, דשיימס כטאר און דשעק רייען זיינען אויך געווען געריהרט פון דיעזער זאנדערבארער כצענע. זיי האבען גענומען נעללי'ן אונטער דיא ארימס און האבען זיא אראפגעפיהרט פון'ם בערגעל ארטהור'ס הילל. זיי האבען גענו-

מען דיא ערשטע דראשקע, וואס זיי האבען געטראָפען און זיינען אוועקגעפֿאה-
רען אין אַ האטעל. דארט האבען זיי זיך געהייסען געבען אַ גוטען פֿריהשטיק
און דריי צימער. איין צימער פֿאר נעלליין און צוויי צימער פֿאר זיך. נאך אַ יאָ
נאכט, וועלכע איז געווען פֿול פֿון אויפֿרעגונג, האבען זיי געמוזט זיך אייניגע
שטונדען אפרוהען.

נעללי איז געשמאַק געשלאָפען אייניגע שטונדען. ווען זיא איז אויפֿגע-
שטאנען, איז זיא געווען פֿאלקאמען געשטאַרקט. זיא האט זיך געפֿיהלט גאר אַ
נייער מענש. זיא איז צוגעגאנגען צום פֿענסטער און האט שוין גלייך געקוקט
אויף דיא מעננע מענשען, וועלכע זיינען געגאנגען און געלאָפען אין דיא גאסען
פֿון דער גרויסער שטאדט.

ווען זיי האבען זיך גוט אויסגערוהט, זיינען זיי צוגעגאנגען צו דער באהן
סטאציאן און זיינען אוועקגעפֿאהרען קיין גלאַזגאָ. יעצט איז נעללי שוין געפֿאה-
רען ביי טאג און האט שוין געזעהן פֿאר זיך דיא גרויסע וועלט אונטער דער
זון. זיא האט שוין געזעהן שעהנע הערהן און עלעגאנטע דאמען אין דיא וואגא-
נעס פֿון ערינבורג קיין גלאַזגאָ. זיא האט געקוקט דורך דיא פֿענסטער און האט
געזעהן פֿעלדער, וועלדער, דערפֿער, שטעדטלעך און פֿאבריקען.

אין גלאַזגאָ זיינען זיי פֿערפֿאהרען אין אַ האטעל, וואו זיי האבען איבערו-
גענעכטיגט. דער ערשנזער טאג פֿון זייער רייזע האט זיך געענדיגט. נעללי האט
געזעהן אלעס, וואס אַ מעדכען, וועלכע איז אויפֿגעוואקסען אין אַ פֿינסטערער
מינע האט געקענט זעהן פֿון דער גרויסער וועלט. זיא איז געווען זעהר קלוג,
האט זיך צוגעקוקט צו יעדער זאך און האט זיך ניט געוואונדערט, וויא אַ גראבע
דארפֿס מיידעל, ווען זיא קומט פֿון אַ ווייטען דארף אין אַ גרויסער שטאדט.

פֿאר דשיימס סטאר איז זיא געווען אַ רעטעניש. ער האט אויף קיין פֿאל
ניט געקענט פֿערשטעהן, פֿון וואנען עס האט זיך צו איהר גענומען דיעזער טאקט
און דיעזעס פֿיינע בענעהמען. ער האט בעמערקט אין איהר אַ בעזאנדערס
עדעלען געפֿיהל. זיא האט געוואוכט, וויא און ווען צו פֿרעגען עפעס און ווען
צו שווייגען.

דעם אנדערן טאג אין דער פֿריה זיינען זיי ארויסגעפֿאהרען פֿון גלאזגאָ.
זיי זיינען יעצט געפֿאהרען אויף אנאנדער וועג צוריק קיין אבערוויל. דשיימס
סטאר האט געוואלט, אַז נעללי זאל זעהן אַ וואלד און אַ זעע (אזיערא).

— ביז אהער האבען מיר איהר געוויעזען שטעדט, דערפֿער און מענשען,
האט ער געזאגט צו העררי ווארד. יעצט לאמיר איהר ווייזען דיא פֿרייע נאטור
אין אַ וואלד, לעבען אַ טייך. לאז זיא וויסען, אַז עס איז דא נאך אנאנדער וועלט
אויסער דער מינע און אויסער דיא גרויסע שטעדט.

דשיימס סטאר האט נאך געהאט אנאנדער צוועק, וועלכע ער האט ניט
געוואלט זאגען העררי ווארד. ער האט געוואלט פֿיהרען נעלליין אין דער געגענד,
וואו דיא מינע פֿון ניי אבערוויל געפֿינט זיך. דארט וועט ער זיא שטרענג בט-
אבאכטען, פֿיעללייכט וועט זיא געבען עפעס אַ צייכען, אַז זיא קען דיא געגענד;

פיעללייכט וועט זיא מאכען עפעס א מינע, אז דארט איז איהר עפעס בעקאנט. דאן וועט ער וויסען, אז זיא נארט זיי גאר אפ ; אז זיא קען גאר דיא געגענד.
דאס אלעס האט ער אבער ניט געזאגט הערריי ווארד. זיי זיינען געפאהרען ביז דומבארטאן, א באהן סטאציאן פון דער אנדערער זייט פון אבערוויל. דארט זיינען זיי אויסגעשטיגען און זיינען געגאנגען צו פוס, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום גרויסען זעע, לייק קעטרין.

אונזערע לעזער וועלען זיך דערמאנען, אז א טהייל פון דער מינע פון נייע אבערוויל געפינט זיך אונטער דיעזען זעע. דאס ערשטע מאל, ווען דשיימס סטאר מיט דער פאמיליע ווארד האבען אויסגעפונען דיא נייע מינע, האבען זיי געהערט, וויא דאס וואסער רוישט איבער זייערע קעפ. זיי האבען אנפאנגס געמיינט, אז דאס איז דער זעע, לייק קעטרין.

לייק קעטרין איז א גרויסער בעקען מיט וואסער פון עטליכע מייל דיא ברייט און דיא לענג. דורך א שמאלען קאנאל פעראייניגט ער זיך מיט אנאנדער גרויסען זעע מיט'ן נאמען לייק לאמאנד. אזוי וויא דיא געגענד איז זעהר א שעהנע און עס געפינען זיך אין איהר פיעלע אלטע שלעסער, קומען אהין אויפ'ן זומער פיעלע רייזענדע. א קאמפאני האט אויסגעבויט א קליינעם דאמפף שיף, וועלכעס פאהרט ארום אויף דיעזעביידע גרויסע זעען.

דשיימס סטאר האט בעשלאסען, זיי זאלען אויך אביסעל דורכשפאציערן אויפ'ן לייק קעטרין. ביזן לייק קעטרין זיינען זיי געגאנגען צו פוס. אויפ'ן וועג האט ער געוויעזען נעלליין אן אלטען איינגעפאלענעם שלאס.

— זעהסט דוא דיעזע מאסע שטיינער, דא האט אמאל געוואוינט א גרויסע קעניגין מיט'ן נאמען מאריא סטיוארט. זיא איז געוועזן קעניגין פון שאטלאנד און האט געהייראטהעט דעם פראנצייזישען קעניג, פראנכוא דעם צווייטען. זיא איז געוועזן יונג, שעהן, בליהענד און שטאלץ. זיא האט געמיינט, אז דאס גליק וועט איהר שטענדיג שיינען איבערן קאפ. אין ענגלאנד איז דאמאלס געוועזן א קעניגין מיט'ן נאמען עליזאבעט, וועלכע האט ניט געהייראטהעט. עליזאבעט איז געוועזן מאריא סטיוארט'ס א פערוואנדטע. ווען עליזאבעט וואלט געשטארבען יונג, וואלט מאריא סטיוארט געווארען קעניגין פון ענגלאנד אויך.

מאריא סטוארט האט גערעכענט, אז זיא איז שוין דיא הערשערין פון שאטלאנד, ענגלאנד און פראנקרייך.—וואס איז אבער געוועזן דאס ענדע ? דער יונגער פראנצויזישער קעניג פראנסוא דער צווייטער איז געשטארבען זעהר יונג. זי האט מיט איהם קיין קינדער ניט געהאט און האט געמוזט אוועקפאהרען צוריק אהיים קיין שאטלאנד. דא האט זי זיך צוקריעגט מיט איהר פערוואנדטע, די קעניגין פון ענגלאנד. מען האט זי געפאנגען גענומען און מען האט זי געהאלטען אין געפענגענים אין לאנדאן גאנצע צעהן יאהר. ענדליך האט עליזאבעט געהייסען איהר אפהאקען דעם קאפ.

געהייסען אפהאקען דעם קאפ דער אנדערער פרוי? האט נעללי געפרעגט ער־
שטוינט און דערשראקען.

פון דיעזער פראגע האט דשיימס כטאר ריכטיג געאורטהיילט, אז נעללי
האט ביז אהער געלעבט אין געזעלשאפט פון מענער. אויסער מיט דער אלטער
מעדש האט זיא נאך מיט קיין פרוי ניט צוזאמען געלעבט.

דאס טרויעריגע ענדע פון דער אונגליקליכער קעניגין מאריא סטיוארט
האט שטארק פעראינטערעסירט נעללין. זיא האט געפרעגט פערשיעדענע זאכען:
האט זיך קי נער ניט געשטעלט פאר מאריא סטיוארט? האט זיא קיינער ניט
געליעבט? האט זיא ניט געהאט קיין פריינד, קיין בעקאנטע, וועלכע זאלען זיך
אננעהמען פאר איהר?

דשיימס כטאר האט איהר ערקלערט, וויא ווייט עס איז מעגליך געווען,
דאס גאנצע לעבען פון דער קעניגין מאריא סטיוארט; וויא זיא האט געהייראַ־
טהעט א גראף פון איהר לאנד, וויא דיעזער גראף האט זיא שלעכט בעהאנדעלט,
וויא מען האט איהם געפונען דערשטאכען אין זיין שלאף צימער און וויא עלי־
זאבעט, דיא קעניגין פון ענגלאנד, האט בעשולדיגט מאריא סטיוארט, אז זיא
האט געדונגען מערדער, זיי זאלען טייטען איהר מאן.

— אך, וויא גליקליך בין איך, וואס איך בין ניט קיין קעניגין! האט זיא
אויסגערופען. איך זעה, אז דיא קעניגינען זיינען זעהר שלעכט.

אונטערדעסען זיינען זיי צוגעקומען צום דאק, וואו דער שפאציער דאמפפער
„סינקלער“ איז געשטאנען. אין אייניגע מינוטען איז ער אנגעקומען און זיי האַ־
בען זיך אלע ארויפגעזעצט אויפ'ן „סינקלער“.

דער טאג איז געווען א שעהנער, דיא זון האט געשיינט העל. דאס וואסער
אין קעטרין לייק איז געווען שטיל און גלאט, וויא א שפיעגעל. נעללי און הערריַ
ווארד זיינען געזעסען איינער לעבען אנדערן אויפ'ן דעק און האבען בעטראכט
דיא שעהנע געגענד ארום. דשיימס כטאר איז געזעסען לעבען זיי און האט זיי
אויפמערקזאם געמאכט אויף יעדעס בערגעל, אויף יעדען אלטען שלאס, אויף
דיא רואינען (חורבות). דערביי האט ער זיי דערצעהלט, וואס עס האט אמאל
פאסירט אויף דיעזע בערגלעך און אין דיעזע שלעסער.

ער האט דערצעהלט נעללין דיא גאנצע בלוטיגע געשיכטע פון ענגלאנד
מיט שאטלאנד; וויא אויף יעדען בערגעל זיינען פערגאסען געווארען טייכען
מיט בלוט; וויא דיא ענגלישע קעניגע האבען געפיהרט קריעג מיט דיא
שאטלענדישע קעניגע; וויא דיא ענגלישע גראפען און באראנען פלעגען זיך
שלאגען מיט דיא שאטלענדישע גראפען און באראנען.

— גרויסער גאט אין הימעל! האט ענדליך נעללי אויסגערופען. וויא איך
הער, ווייסען דיא מענשען דא אויבען נור צו פיהרען קריעג איינער מיט'ן אנדערן
און צו טייטען איינער דעם אנדערן. וויא איך הער, ווייסען זיי נור פון מאָרד,
בלוט און טויט. — עס איז שוין פיעל בעסער דארט אונטען, וואו עס איז פינסטער,
זאו דיא מענשען ווייסען נור צו ארבייטען און ניט צו שלאגען זיך.

רשיימס סטאר האט זיך צוגעהערט צו יעדעס ווארט, וואס נעללי האט געזאגט. ער האט פריהער גערעכענט, אַז נעללי איז דיא טאכטער עפעס פון אַ רויבער אדער אַ מערדער, וועלכער האט זיך בעזעצט אין דער מינע און פלעגט דארט אפטהאן זיין בלוטיגע ארבייט.

יעצט אבער האט ער זיך איבערצייגט, אַז נעללי ווייס ניט פון מארד און בלוט פערגיעסען. ער האט געקוקט אויף איהר און האט געזעהן, וואס פאר אַ שווערן איינדרוק עס האבען געמאַכט אויף איהר דיעזע געשיכטען פון קריעג און בלוט פערגיעסען.

— אלזא, ווער איז זיא דען און וויא קומט זיא אין דער מינע? האט געפרעגט זיך אליין דשיימס סטאַר.

וואס מעהר ער האט זיא׳ שטודירט, אלעס מעהר איז זיא איהם פארגעקומען אלס אַ געהיימניס; אלעס מעהר האט ער ניט געוואוסט, ווער זיא איז; אלעס מעהר איז זיא איהם פארגעקומען ואנדערבאר.

ווייטער און ווייטער איז געפאהרען דער „סינקלער“; ווייטער און ווייטער האט דשיימס סטאר גערעדט און דערצעהלט פון דיא העלדען פון דיא אלטע צייטען, וועלכע האבען בעוויעזען אזוי פיעל וואונדער פון מוטה און טאפפערקייט אין דיעזער געגענד.

שאָטלאַנד איז ווירקליך אַ וואונדער לאנד. דאס פאלק האט בעוואהרט דיא נעמען פון זיינע העלדען, פון זיינע קעמפפער און פון זיינע קריעגער. ביז אויף היינטיגען טאג דערצעהלט דיא מוטער איהרע קינדער דיא וואונדער געשיכטען פון דער אלטער צייט. קיין לאנד אין דער וועלט האט ניט געהאט אזוי פיעל העלדען און האט ניט געפיהרט אזוי פיעל קריעג, וויא שאטלאַנד.

ווען מיר בעטראכטען דיעזעס לאַנד אויף דער לאנדקאַרטע, ווייזט עס אויס גאנץ קליין: ווען מיר לעזען אבער אין דער וועלט געשיכטע, וואס אין דיעזען קליינעם לאנד איז פארגעקומען, וואס פאר אַ בלוטיגע סצענען דא האבען זיך אפגעשפיעלט, וויפיעל מערדערייען עס זיינען דא בעגאנגען געווארען — שטוינען מיר: וויא האט דאס אלעס געקענט פאסירען אין אזאַ קליין שטיקעל לאנד?

אונטערדעסען אין דער „סינקלער“ געפאהרען אלץ ווייטער און ווייטער, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ קליינע סטאציאן. דארט פלעגען אויסשטייגען דיא פאסאַזשירען, וועלכע האבען געהאט אַ טיקעט נור אויף אהין. געוועהנליך פלעגען דיא פאסאַזשירען נעהמען א רעטורן טיקעט. דשיימס סטאר אבער מיט זיינע געסט האבען ניט געדארפט קיין רעטורן טיקעט. זיי זיינען געפאהרען אהין. פון דארטען האבען זיי געוואלט נעהמען אַ קארעטע און פאהרען קיין קאללאַנדאַר, דיא לעצטע סטאציאן פאר ניי אבערוויל.

זיי האבען באַלד גענומען אַ קארעטע. נעללי און העררי ווארד האבען זיך געזעצט פון פארנט. דשיימס סטאר און דשעק רייען זיינען געזעסען פון הינטען. דיא קארעטע איז געפאהרען אין אן ענגען טהאל צווישען צוויי בערג. נעללי

האט אנגעהויבען צו ווערן אונרוהיג. רשיימס סטאר האט עס בעמערקט און האט אנגעהויבען זיא צו בעאבאַכטען נאך שארפער און נאך שטרענגער.

— וואס זאל עס זיין, וואס זיא איז געווארען אזוי טרויעריג און האט זיך אזוי פערטראכט, ווען זיא האט בעמערקט, אַז מיר קומען צו נעהנטער צו ניי אבערוויל? האט זיך אליין געפרעגט רשיימס סטאר. זאל עס איהר זיין אונאנגענעהם צוריק צו פאהרען אין דער פינכטערער מינע? האט זיא זיך עפעס דערמאנט? איז זיא דא אמאל געוועזען? האט זיא דערקענט דיא געגענד?

קיינער האט איהם ניט געקענט ענטפערן אויף דיעזע פראגען.

אין איין ארט, וואו דער וועג איז געווען גאנץ שמאל און דיא בערג פון ביידע זייטען זיינען געווען בעוואקסען מיט וואלד, האט רשיימס סטאר דערזעהן אויף איינעם פון דיא בערג אַ זאנדערבארע געשטאלט. אן אלטער, איינגעדאר־טער, איינגעהויקערטער און איינגעשרומפענער מאן מיט אַ בינטעל ווייסע האר אויפין שטערן און אויפין נאקען איז געשטאנען אויפין בערגעל אנגעשפארט אן אַ בוים און האט זיי בעטראַכט.

דיעזע געשטאַלט האט איבעראַשט דעם קלוגען און געלערנטען אינזשע־ניר. זייט ער לעבט האט ער נאך אַזאַ זאנדערבארע און אַזאַ שטרענגע געשטאַלט ניט געזעהן. דיא געשטאַלט האט געקוקט אויף זיי, זייט דיא קארעטע האט זיך געוויעזען אויפין וועג צווישען דיא בערגלעך. דער אלטער מאן איז געשטאנען לעבען אַ בוים, זיינע אויגען האבען געברענט, וויא צוויי פייערן, זיינע הענט האבען זיך צונויפגעלעגט אין צוויי שוואַכע, אבער דראָהענדע פויסטען און זיין געזיכט האט אויסגעדריקט האס, צארן און פעראַכטונג.

— ווער זאל זיין דיעזער אַלטער? וויא קומט ער אהער? פון וואנען קומט ער אהער? האט זיך געפרעגט רשיימס סטאר.

ווען דיא קארעטע איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צו איהם, האט נעללי פלוצלונג אויפגעהויבען דיא אויגען און האט איהם דערזעהן. זיא איז געווארען בלייך, וויא קאלך, האט אַ ציטער געטהאן מיט איהר גאנצען קערפער און האט אַ געשריי געטהאן ניט מיט איהר קול, גלייך וויא אַ שלאנג וואלט איהר אַ ביס געטהאן.

— וואס איז דיר, נעללי? האט געפרעגט העררי דערשראקען.

— גאר נישט! גאר נישט, ליעבער העררי! האט דאס מעדכען געענטפערט און האט זיך בעמיהט צו שמייכלען.

איהר שמייכעל אבער איז געווען טרויעריג און אונגאַטירליך. העררי האט עס נים פערשטאַנען. ער איז געווען ניט געוואינט צו דיא געזעלשאַפט פון דא־מען; ער האט נאך ניט געקענט דיא פרויען נאטור; ער האט נאך ניט געוואוסט, אַז אַ פרוי קען אַ מאל שמייכלען, ווען איהר הערץ ווערט צוריסען אויף שטיקער פון שמערץ און וועהטיג.

רשיימס סטאר אבער האט אלעס געזעהן און אלעס געהערט. איהם האט

זיך אויסגעוויזען, אַז נעללי קען דעם אלטען מאַן, אַז צווישען נעללי און דיזען זאָנדערבאַרען אלטען מוז עפּעס זיין אַ געהיימע צוזאַמענהאַנג.

— אַך, איין מינוט אַללוויסענהייט! האט ער אויסגערופען. וויא ווערט מען אויף איין איינציגע מינוט אַ נביא, אַ פּראָפעט, מען זאָל קענען זעהן אונטער דעם פאָרהאַנג, וועלכער פערדעקט פון אונזערע אויגען דיא פערגאַנגענהייט און דיא צוקונפט!

נעללי איז געזעססען מיעד, נאַכלעסיג, טרויעריג און פערטראַכט. זיא האט מעהר ניט געקוקט אויף דיא געגענד אַרום, האט זיך מעהר ניט געוואונדערט, ווען זיא האט דערזעהן אַ שעהנעם בוים, אָדער אַ שעהנעם טייך. זיא האט זיך מעהר ניט געקימערט אום אַלעס, וואס איז פאָרגעקומען אַרום איהר.

דיא צייט איז אַזוי פערגאַנגען זעהר לאַנגוויילינג, ביז זיי זיינען צוגעקומען קיין קאַללאַנדאַר. פון דאָרטען האבען זיי גערעכענט צו געהן צו פוס קיין ניי אַבערוויל. דאַ האבען זיי זיך אַלע שוין געפיהלט, וויא אין דער היים. דאַ איז זיי שוין אַלעס געוועזען בעקאַנט.

הערריי האט גענומען נעללי'ן ביי דער האַנד און האט זיא געפיהרט אויף דער ברייטער גאַס, וועלכע האט געפיהרט קיין ניי אַבערוויל. ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען אַביסעל ווייטער פון דיא איבעריגע, האט זיא הערריי געפרעגט:

— ליעבע נעללי, מיר געהען יעצט צוריק אַהיים; מיר געהען יעצט צוריק אין דער אַלטער, פינסטערע מינע, וואו מען וויים נור פון אַרבייט און אַרבייט. נעללי, זאָג מיר יעצט, געפעלט דיר אַלעס, וואס דוא האסט געזעהן אין דיזער נייער וועלט פון ליכט, גרינע גראָזען און בלומען? וועסט דוא ניט בעדויערן, וואס דוא וואַרפסט זיי אַוועק און געהסט צוריק אין דער פינסטערער מינע?

— עס געפעלט מיר אַלעס זעהר גוט, הערריי, האט נעללי געענטפערט רוהיג און דענאָך וויל איך גערן צוריקגעהן אין דער מינע. דאס ליכט איז גוט, דאס ליכט איז שעהן, אַבער דאָרט אונטען איז אויך גוט. דאָרט אונטען בין איך גליקליך.

— נעללי! האט הערריי געזאָגט מיט אַ ווייכער, מילדער שטימע פול ריהרונג. — נעללי! ווילסט דוא זיין פעראייניגט מיט מיר אויפ'ן גאַנצען לעבען? ווילסט דוא זיין מיינע — מיינע אויף אייביג? —

— יאַ, הערריי, ווען איך זאָל נור וויסען, אַז איך וועל דיך קענען גליקליך מאַכען —

נעללי האט געוואָלט נאָך עפּעס רעדען. פּלוצלונג איז אַבער עפּעס געשעהן, וועלכעס האט אַלעמען איבעראַשט.

דער דאַמפּף באָאָט, וועלכער איז געשטאַנען אין לייק קעטרין, האט פּלוצלינג אָנגעהויבען צו טאַנצען און צו ציטערן. דאס וואַסער אין זעע (אָזיערא) האט זיך אָנגעהויבען צו דרעהן און צו קאָכען. מען האט געהערט געשרייען און געוואַלדען פון אַלע זייטען.

רשיטכ סטאָר, הערריי וואַרד, נעללי און דשעק רייען זיינען אַרויפגעלאָפען

אויף אַ בערגעל זעהן, וואס עס איז געשעהן. פֿאַר זייערע אויגען האט זיך פֿאַר-געשטעלט אַ זאָנדערבאַרעס בילד.

דאס וואַסער אין לייק קעטרין האט אָנגעהויבען קלענער צו ווערן און צו פֿערשווינדען. אין אַ פּאָר מינוטען איז דער דאַמפּף באַאָט געבליעבען שטעהן אויפֿ'ן גרונד. אונטער איהם איז שוין קיין וואַסער ניט געווען.

אויף דיא ברעגעס פֿון'ם זעע זיינען געשטאַנען זעהר פֿיעל מענשען, אלע האבען געזעהן דיעזע זעלטענע ערשיינונג און האבען ניט געוואוסט, וואס דא קומט פֿאָר. אין דער ערשטער מינוט זיינען זיי געווען ערשטוינט און איבער-ראַשט; באלד אבער האבען זיי אנגעהויבען צו שרייען און צו ליארמען. זיי האבען געמיינט, אַז דיא וועלט געהט שוין אונטער.

דשיימס סטאַר איז אויך דיא ערשטע פאר מינוט געשטאנען, וויא פֿער-שטיינערט. פלוצלונג האט ער זיך אַ חאַפּ געטהאן ביים קאפּ און האט אויסגע-רופֿען ניט מיט זיין קול.

— מיינע פֿריינד! לאמיר לויפֿען אהיים! גאט זאל זיך דערבארמען אויף נ'יי אבערוויל! איך האב מורא, אז אונזער מיה, אונזער ארבייט און אונזערע פֿריינד זיינען פֿערגאסען מיט דיא וואסערן פֿון לייק קעטרין.

20טעם קאַפּיטעל.

מען זוכט צו פֿערניכטען דיא מינע.

דיא ארבייטען אין דער נ'יי אבערוויל מינע זיינען דיעזען טאג געגאנגען וויא געוועהנליך. דא זיינען געשטאַנען ארבייטער מיט ברעכאייזען אין דיא הענד און האבען געריסען שטיקער קוילען פֿון דיא ווענט; דארט האבען גע-קנאקט דיא דינאַמיט פּאַטראָנען און האבען ארויסגעריסען גאנצע שטיקער שטיין, זאַמד און קוילען; ווייטער זיינען געשטאנען ארבייטער אין האבען גע-בויערט דעם הארטען שטיין. זיי האבען געעפֿענט אַ נייעם טונעל, אַ נייעם וועג אין דער מינע.

פֿון אלע זייטען האט מען געהערט אַ ליארם, אַ געשריי, אַ געקלאַפּעריי, אַ געשטויסעריי. דיא מאשינען האבען געקרעכצט, דיא רעדער האבען זיך גע-דרעהט און גערוישט. דיא ווענטילאַטאָרען האבען ארויסגעטריבען דיא אלטע, פֿערדארבענע לופֿט און האבען צוגעבראכט פֿרישע, ריינע לופֿט. דיא וואגאנעס, געטריעבען פֿון אַן עלעקטרישער קראַפֿט, האבען ארויפֿגעשלעפט דיא קוילען פֿון דיא אונטערסטע טונעלען אויבען אין גרויסען לאגער.

דיא גרויסע און שטארקע עלעקטרישע לאמפען האבען בעלייכטעט דיא גאסען פֿון דער נייער שטאדט, קאָהל סיטי. אלעס האט געלעבט אונטען טיעף אין דער ערד, אלעס האט זיך געריהרט, אלעס האט געארבייט, אַלעס איז געווען אין פֿולער טהעטיגקייט.

סיימאן ווארד און מעדש האבען ערוואַרטעט היינט זייערע געסט, דעם אינזשעניר, הערדי און נעללי. זיי האבען אבער געוואוסט, אַז זיי וועלען ערשט

קומען פֿאַר נאַכט אָדער ביי נאַכט און האָבען אָפּגעגעסען זייער מיטאָג אַליין.

נאָכן עסען האָט דער אַלטער מאַן פֿאַררויכט זיין פּייפּ און האָט זיך גע־זעצט פֿאַר דער טהיר רעדען מיט זיין פֿרוי פֿון „זייערע קינדער“, הערריי און נעללי. זיי האָבען גערעדט, וויא אַזוי זיי וועלען איינריכטען דיא האַכציים, וויא זיי וועלען צונויפֿרופֿען אַלע אַרבייטער פון קאָהל סיטי; וויא דעם טאָג וועלען זיי קיינעם ניט לאָזען אַרבייטען. עס וועט פֿליעסען ביער אין אַלע גאַסען; אַלע וועלען פֿרעהליך זיין, אַלע וועלען גליקליך זיין.

אַזוי וויא אין קאָהל סיטי איז געווען אַ קירכע און אַ גייסטליכער, וועלען זיי ניט דאַרפֿען פֿאָהרען אַרויף אויבען, „אויפֿין גראַז“. דיא האַכצייט וועט זיין אין דער קירכע אין קאָהל סיטי. זיי וועלען איינלאַדען פֿיעלע געסט פֿון אויבען אויף דיעזע גלענצענדע האַכציים.

דיא אַלטע לייט זיינען געוועזן גליקליך. ענדליך האָבען זיי דערלעבט דיא האַכצייט פֿון זייער איינציגען זוהן. וועגער נעללי איז, האָט זיי ווייניג געקימערט. זיא איז אַ גוטע, שעהנעס און קלוגעס מעדכען, דאָס איז פֿאַר זיי גענוג. זיי דאַרפֿען ניט קיין יחוס. זיי ווילען ניט וויסען, ווער איהרע עלטערן זיינען.

פּלוצלונג האָבען זיי דערהערט אַן אונגעוועהנליכען גערויש. עס האָט זיך זיי אויסגעוויעזען, אַז אַ שרעקליכער טייך האָט מיט אַמאָל אויסגעגאָסען אַלע ויינע וואַסערן אין דער מינע.

סיימאָן וואַרד און זיין פֿרוי זיינען אויפֿגעשפּרונגען, וויא דיא אָפּגעבריהטע און האָבען זיך אָנגעהויבען אומצוקוקען אין אַלע זייטען. סיימאָנס וואָינונג איז געוועזן ניט ווייט פֿון דעם זעע (אַזיערא) מאַלקאָלם. ווען ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפֿין לייק מאַלקאָלם, האָבען זיך איהם אויפֿגעשטעלט דיא האָר אויפֿן קאָפּ. אַזאַ וואונדער האָט ער נאָך קיין מאָל ניט געזעהן.

דער טייך מאַלקאָלם פֿלעגט שטענדיג זיין שטיל און רוהיג. יעצט אָבער האָט ער אָנגעהויבען צו רוישען און צו קאָכען. עס האָבען זיך אויפֿגעהויבען שרעקליכע וועללען, וויא אויפֿין מעער אין דער צייט פֿון אַ שטורם. דער מאַל־קאָלם לייק איז געוואָרען אַלץ העכער און העכער. דיא כוואַליעס זיינען געוואָרען אַלץ ווילדער און שטאַרקער. זיי האָבען זיך שוין מעהר ניט איינגעהאַלטען אין דיא ברעגעס. זיי האָבען אָנגעהויבען אַריבער צו שפּרינגען איבער דיא ברעגעס און לויפֿען ביז אין קאָהל סיטי.

איידער סיימאָן וואַרד האָט נאָך צייט געהאַט זיך אומצוקוקען, איידער ער האָט זיך געקענט איבערלעגען, איז שוין דאָס וואַסער געווען לעבען זיין הויז.

אין שרעק און אין איילעניש האָט ער אָנגעכאַפּט זיין פֿרוי ביי דער האַנד און איז מיט איהר אַרויפֿגעלאָפֿען אויפֿין צווייטען שטאָק, דאָרט וואו הערריס צימער איז געווען. ער האָט אויפֿגעריסען דיא פֿענסטער, זעהן וואָס ווייטער וועט זיין. אין דיעזער מינוט אָבער האָט ער דערהערט געשרייען און געוואַלדען פֿון אַלע זייטען.

— וואַכער! רעטעט! מיר ווערן דערטרונקען! רעטעט! צו הילף!

ער האט ארויסגעקוקט דורכן פענסטער און האט געזעהן, וואס פאר א שרעק און וואס פאר אונארדנונג עס הערשט אין דער גאנצער מינע. מענער, פרויען און קינדער האבען געוויינט, געשריעען, געבראכען די הענד און געלאפען זיך רעטען אין די העכערע גאלערעען.

סיימאן ווארד האט א קוק געטהאן אויף זיין זעע, לייק מאַלקאָלם. דאס וואסער האט נאך אלץ גערוישט און געקאכט. איינינגע נאסען פון קאָהל סיטי זיינען שוין געוועזען בעדעקט מיט וואסער, ווייטער אבער איז דאס וואסער ניט געגאנגען.

— האַלט! שטעהט, פריינדע! לויפט ניט! שרעקט אייך ניט! די געפאהר איז פאראיבער, האט ער אנגעהויבען צו שרייען צו די ארבייטער און די איינוואינער פון קאָהל סיטי. — איבערלעגט אייך, וואס איהר טהוט. ווען דאס וואסער זאל קומען ערגעץ פון׳ם מעער, וועט אייער אנטלויפען ניט העלפען, וויל דאס וואסער קומט אן פון אויבען. איך זעה אבער, אַז דאס וואסער איז אנגעקימען ערגעץ פון אונטען. עס איז געבליעבען שטעהן, עס וועט שוין מעהר ניט געהן.

די ארבייטער זיינען געבליעבען שטעהן א פאר מינוט און האבען זיך אומגעקוקט. דאס וואסער איז ווירקליך געבליעבען שטעהן אויף איין ארט און איז מעהר ניט צוגעקומען.

— עס זיינען נאך דא פיעלע ארבייטער אונטען אין די גאלערעען! האט פלוצלונג אויסגעשריען א פרויען־שטימע מיט א געוויין. — מיין מאן ארבייט היינט אויך אונטען.

— בערוהיגט אייך! האט סיימאן געבעטען. וויא איך זעה, איז דאס וואסער געשטיעגען ניט שטארק הויך. נאך מיין רעכנונג איז דאס וואסער אין די אונטערסטע גאלערעען ניט העכער, וויא ביז אין די קניע. די ארבייטער קענען זיך זעהר לייכט רעטען.

צו ביסלעכווייס האבען זיך די ארבייטער בערוהיגט, סיימאן ווארד איז אראפגעגאנגען פון׳ם צווייטען שטאק פון זיין הויז, איז געגאנגען אין וואסער און האט צוריקגעבראכט די ארבייטער אין קאָהל סיטי. די פרויען האבען זיך אניעדערגעשטעלט אין א גאס, וואוהין דאס וואסער איז נאך ניט צוגעקומען און האבען זיך צונויפגעדרענגט צוזאמען, וויא א הערדע לעמער, ווען זיי דערזעהן א וואלף. די מענער אבער האבען זיך גענומען צו דער ארבייט. זיי זיינען געלאפען אין די אונטערסטע גאלערעען זעהן, וואס עס מאכען דארט די ארבייטער.

וויא גליקליך זיינען זיי געווען, ווען זיי האבען דערזעהן, אַז דער אלטער ווארד האט רעכט געהאט. אין די אונטערשטע גאלערעען איז ווירקליך אנגעלאפען וואסער, עס איז אבער געווען ניט טיעף און עס האט קיינעם ניט געשאדעט. די ארבייטער האבען זיך אַביסעל פערגעצט די פיס, ניט מעהר.

וואס איז געווען די אורזאַכע דערפון, וואס דאס וואסער איז ווייטער ניט געשטיעגען, האט מען דערווייל ניט געקענט וויסען. ווען מען האט זיך גוט ארומ־

נעקוקט, האט מען נעזעהן, אַז דער לייק מאַלקאָלם איז ווירקליך העכער נעוואַ-רען מיט עטליכע פוס. דאס וואסער האט אַביסעל אפּגעוואשען דיא הייזער פון קאַהל סיטי און איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען. מעגליך, אז דער מאַלקאָלם לייק האט ערגעץ אַן אויסגאנג אין מעער. דאס וואסער איז אפּגעלאָפען דורך דיעזען אויסגאנג. מעגליך, אַז ערגעץ טיעף אין דער ערד געפינט זיך נאך ערגעץ אַ טיעפער גרוב, וואו דאס וואסער האט זיך אנגעזאמעלט.

— וואו נעהמט מען יעצט דעם אינזשעניר? האט נעברומט דער אלטער סיימאן. מען מוז דאך וויסען, פון וואנען דאס וואסער האט זיך גענומען. עס איז נוט, וואס עס איז געשעהן אין דער צייט, ווען דיא עלעקטערישע לאמפּען ברע-נען און מיר האבען געזעהן, וואס עס טהוט זיך. וואס וואלט געווען, ווען דאס זאל געווען געשעהן ביי נאכט, ווען דיא עלעקטערישע לאמפען זיינען פערלאשען און אלע שלאָפען?

אַ גאנצען טאג האט מען שוין ניט געארבייט. מען איז ארומגעגאנגען זוכען, וואו דאס וואסער איז אהינגעקומען און פון וואנען עס האט זיך גענומען. אלע זיינען געווען אונרוהיג און בעזארגט.

אין דיא קוילען מינען מאכען זיך אמאל אזעלכע אונגליקס פעלע. פלוצ-לונג רייסט זיך אריין אַ טייך און פערטרינקט דיא גאנצע מינע. אין אַזאַ פאל ווערן דערטרונקען פיעל מענשען. אמאל מאכט זיך, אז מען מוז אויפגעבען דיא גאנצע מינע. דאס וואסער ווערט צו שטאַרק. מען קען מעהר צו דער מינע ניט צוקומען.

אזוי וויא זיי זיינען אזוי געשטאנען און גערעדט, געטראכט און געקלערט פון דיעזען זאנדערבארען פאל, זיינען אנגעלאָפען דשיימס סטאר. הערריעט וואַרד, נעללי און דשעק רייען. זיי זיינען געווען אונרוהיג און אויפגערעגט. זיי האבען דערהערט מיט פרייד און ענטציקען, אַז עס האט דער מינע גאר ניט געשאַדעט, אַז אלעס איז אין ארדנונג און דיא ארבייטער זיינען אפּגעקומען מיטן שרעק.

זיי האבען ערשט דערצעהלט, פון וואנען דאס וואסער איז געקומען. דער באדען פון'ם זעע לייק קעטרין האט זיך אראפּגעלאזען און דאס וואסער האט זיך אריינגענאסען אין דער מינע.

באלד זיינען אנגעלאָפען מענשען פון אבערוויל און פון דיא פארמס ארום זעהן, וואס עס האט פּאסירט אין קאהל סיטי. פיעלע האבען געהאט פריינד, אנפערוואנדטע און בעקאנטע אין קאַהל סיטי. אלע האבען דערצעהלט דאס גרויסע וואונדער, אַז פון לייק קעטרין איז דאס וואסער פלוצלונג פערשוואונדען, אבער נור פון איין ארט, פון דער זייט, וועלכע איז נאהענט צו ניי אבערוויל. פון דער אנדערער זייט אבער איז דאס וואסער געבליעבען אויפ'ן ארט און האט זיך ניט געריהרט.

וויא עס ווייזט אויס, איז דער באדען פון קעטרין לייק ניט גלייך. עס גע-פינט זיך אין דער מיט אַ בערגעל דיעזער בערגעל האט געטרעטעט קאַהל סיטי און דיא מינע פון ניי אבערוויל. ווען עס זאל ניט געווען זיין דיעזעס בערגעל,

וואלט זיך דער גאנצער קעטרין לייק ארייננענאמען אין ניי אבערוויל. דאן וואלט זיך ניט איין מענש ניט גערעטעט. דאן וואלטען זיי אלע דערטרונקען געווארען. דאן וואלט דאס אונגליק געווען אַ שרעקליכעס.

דשיימס כטאר איז געווען אויסער זיך. ער האט ניט געשלאָפען דיא גאנצע נאכט און האט אַלץ געקלערט, פון וואנען עס האט זיך גענומען, וואס פון אַ טהייל פון׳ם לייק קעטרין איז דאס וואסער אזוי פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען. ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט צוגעבען, אַז דאס איז אַ בלויזער צופאַל.

— דאס האט אַ מענש געטהאן, האט ער געזאגט צו זיך אליין. דאס האט געטהאן איינער, וועלכער איז גוט בעקאנט מיט דער מינע. ער האט געוואלט פערטרינקען דיא מינע. עס איז אבער ניט געלונגען. ער האט שלעכט אויסגערעכענט. ער האט גערעכענט, אַז דאס גאנצע וואסער פון לייק קעטרין וועט מיט אמאל זיך אראפלאזען און וועט פערטרינקען דיא גאנצע מינע. דאס בערגעל אין לייק קעטרין, וועלכעס צוטהיילט דעם גאנצען זעע אויף צוויי טהיילע, האט גערעטעט דיא מינע.—וואס ווערט ווייטער זיין?

עס זיינען אזוי פערגאנגען איינינע טעג, אין וועלכע דער אינזשעניר האט ניט גערוהט און ניט געלעבט. ער האט געפאָרשט, געקלערט און געטראכט, ווער איז דיעזער געהיימניספאלער, וועלכער וויל אזוי פערניכטען דיא נייע מינע?— פאר וואס טהוט ער עס? וואס פאר אַ צוועק האט ער דערביי?

איין מאל איז ער אזוי געזעסען מיט סיימאן ווארד פאר דער טהיר פון זייער הויז. זיי האבען גערעדט פון דעם לעצטען וואונדער.

— ווייסט איהר, סיימאן, אַז דיא לעצטע פערפלייצונג אין דער מינע בעאונרוהיגט מיך? האט דשיימס כטאר פלוצלונג געזאגט.

— איך מיין, אַז עס איז אַ גאנץ געוועהנליכער צופאל, האט סיימאן געענטפערט. אַ פישער איז געפאהרען אויף אַ שיפעל אין לייק קעטרין, ער האט זיך צופעליגער ווייזע אנגעשפארט מיט זיין רודער אן אַ שוואכער שטעלע אין לייק און האט געמאכט אַ לאך אין דער ערד. דאס וואסער איז דורך דיעזען לאך איינגעדרונגען אין דער מינע.

— ניין, סיימאן! דאס איז קיין צופאל. דיעזעלבע מענשען, וועלכע האבען אונז אמאל פערשפארט אין דער מינע; דיעזעלבע אונבעקאנטע, וועלכע האבען מיט איינינע יאהר צוריק געטהאן אלעס מעגליכע, זיי זאלען אונז שטערן אין אונזער ארבייט—דיעזעלבע אונבעקאנטע האבען געוואלט מיט איין מאל פערניכטען אונזער גאנצע ארבייט.

— פאר וואס האבען זיי געשוויעגען ביז אהער? האט דער אלטער סיימאן געפרעגט.

— איך ווייס עס ניט. איך פערשטעה עס ניט. איך בין אבער זיכער, אַז מיר האבען ערגעץ אַ געפעהרליכען פיינד, וועלכער וויל אונז פערניכטען.

— נאך אייערע רייד, הערר דשיימס כטאר, קען איך שוין גלויבען דשעק רייען, וועלכער זאגט, אַז אין דער מינע האלטען זיך אויף גייסטער, וועלכע

זיינען אויף אונז בייז, וואס מיר זיינען געקומען זיי שטערן אין זייער שטילער, פינסטערער וואינונג. זיי ווילען עס אונז פערטרייבען פון דאנען.

— גייסטער? גייסטער? — ניין, סיימאן, דאס זיינען קיינע גייסטער, דאס זיינען מענשען.

— וואס זאלען מיר אלזא טהאן? האט דער אלטער אויפגעזעהר געפרעגט.

— מיר דארפען קיינעם ניט זאגען דערפון, מיר מוזען אבער שטילערהייט זוכען און פארשען, ביז מיר וועלען אויסגעפינען, ווער עס זיינען אונזערע געהיימניספאלע פיינד.

— זוכען, פארשען, שפירען, האט געברומט דער אלטער מאן. מיר זוכען שוין זייט פיער יאהר? וואס האבען מיר דען אויסגעפונען?

דשיימס כמאר האט נאך גערעדט מיט הערריווארד און מיט דשעק רייען און האט זיי געבעטען, אז זיי זאלען זיך גוט צוקוקען צו יעדער זאך, וואס קומט פאר אין דער מינע. דאס בעסטע וואלט געווען, ווען זיי זאלען קענען ארומגעהן ביי נאכט, ווען דיא עלעקטערישע לאמפען ווערן אויסגעלאשען, און פארשען, וואס עס קומט פאר אין דער מינע.

נעללי האט פון דיעזע אלע בעראטהונגען ניט געוואוסט, איהר האט מען דערצעהלט, אז דער זעע מאלקאלם איז פלוצלונג וואהנזיניג געווארען און האט געוואלט פערטרענקען דיא מינע. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך און איז צוריקגעגאנגען אין זיינע ברעגעס.

ווער עס האט זיך גוט צוגעקוקט צו נעללין, זייט זיא איז צוריקגעקומען פון איהר רייזע, דער האט געקענט בעמערקען, אז דאס מעדכען האט זיך זעהר פיעל פערענדערט. זיא איז געווארען שטילער, רוהיגער און טרויעריגער. זיא פלעגט נאך העלפען דיא אלטע מעדש אין איהרע הויז ארבייטען מיט פערגניגען; זיא פלעגט אבער ניט זיין מעהר אזוי פרעהליך, אזוי לוסטיג, וויא פריהער.

עס איז געווען דייטליך, אז דאס יונגע מעדכען האט עפעס שווערע זארגען, וועלכע זיא קען קיינעם ניט זאגען.

אין א פאר טעג שפעטער האט דשיימס כמאר געשיקט רופען הערריווארד און האט איהם געזאגט:

— איך זעה דאך, אז דא אין דער מינע האבען מיר גאר ניט אויסגעפונען. לאמיר זעהן, וואס עס טהוט זיך דארט אויבען אין קעטרין לייק. ביז אהער האבען מיר געהאט שעהנעס וועטער. עס איז זומער און עס האט שוין לאנג ניט גערעגענט. וואס וועלען מיר טהאן, ווען עס וועט קומען דער הערבסט (אסיען) און עס וועט אנהייבען צו רעגענען? מיר קענען דאך דאמאלס האבען אלע טאג א פערפלייצונג?

— גוט! איך געה מיט אייך, האט הערריווארד געזאגט.

זיי האבען אפגערעדט, אז זיי זאלען מיטנעהמען דשעק רייען און זאלען געהן שטילערהייט אויספארשען דעם קעטרין לייק.

דעם אנדערן טאג גאנץ פריה זיינען אלע דריי ארויסגעגאנגען שטילער

הייט פֿון ניי אבערוויל און זיינען געגאנגנען צום קעטרין לייק. זיי האבען זיך אנגעטהאן אין הויכע גומי שטיוועל און זיינען געקראכען אין דער בלאטע, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום ארט, וואו דער בארען האט זיך אראפּגעלאזען.

דער אינזשעניר האט דיעזעס מאל גוט אויסגעמאסטען דיא מינע און דעם וועג. יעצט האט ער שוין געקענט זאגען גענוי, וואו עס קומט אויס דער ארט אין לייק, וועלכער איז פונקט געגען דער מינע.

ווען זיי האבען עס אויסגעפֿונען אַקוראַט, האט דשיימס סטאר אוועקגע־שאַרט דיא בלאטע און האט ערשט דערזעהן, וואס מען האט געטהאן. דער שטיין, וועלכער איז געלעגען אויפֿ'ן באדען פֿון'ם לייק, איז געוועזן דורכגעלע־כערט, וויא אַ זיפּ. עס איז געוועזן דייטליך, אַז מען האט געבויערט פֿון אונטען, פֿון דער מינע, ניט פֿון אויבען פֿון וואסער. ער האט עס דערקענט אן דיא לע־כער — אויבען זיינען זיי געוועזן גאנץ דין, וואס טיעפֿער אבער זיינען זיי געוואַ־רען אלץ ברייטער און ברייטער.

— יעצט איז עס פֿאר מיר קלאר, וויא דער טאג, אַז דאס האבען געטהאן מענשען הענד, האט ענדליך דשיימס סטאַר געזאגט. מען האט ניט געמיינט צו פֿערטרענקען דיא מינע. מען האט גערעכענט גאר עפּעס אנדערש. מען האט געוואלט, אַז דאס גאנצע געוועלב איבער קאָהל סיטי זאל מיט אמאל איינפֿאלען. דיא לעכער אין שטיין געהן גלייך אין דיא זיילען, וועלכע האלטען אויף זיך דאס געוועלב. מען האט גערעכענט, אַז ווען דיא זיילען וועלען זיך אנפֿילען מיט וואסער, וועלען זיי ניט אויסהאלטען. זיי וועלען אומפֿאלען און אלעס וועט אומ־פֿאלען מיט זיי.

העררי ווארד האט געשאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפּ. ער האט געזעהן, אַז דער אינזשעניר האט רעכט. ער האט ערשט יעצט אנגעהויבען צו פֿערשטעהן, אין וואס פֿאר אַ געפֿאהר זיי געפֿינען זיך נאך יעצט. עס איז נאך זייער גליק, וואס זיי האבען זיך געחאַפּט אזוי פֿריה און זיי ווייסען, וואו דיא געפֿאהר ליעגט. יעצט, ווען זיי ווייסען עס, וועט שוין דער אינזשעניר געפֿינען אַ מיטעל, וויא אזוי עס צו פֿערהיטען.

— וואס פֿאר אן אינטערעס זאלען האבען דיא מענשען, וואס טהוען עס? האט העררי ענדליך געפֿרעגט. צו וואס זאלען זיי עס טהאן?

— דאס איז אַ רעטעניש, וועלכעס איך קען מיר אויף קיין פֿאל ניט ער־קלערען, האט דער אינזשעניר געענטפֿערט. איך האב אנפֿאנגס געטראַכט, אז דאס זיינען אַ באנדע רויבער און מערדער, וועלכע בעהאלטען זיך אין דער מינע. — איך האב מיך יעצט איבערצייגט, אַז דאס קען ניט זיין. אין אַ צייט פֿון פֿיער יאהר וואלט מען געהערט פֿון זיי, מען וואלט זיי געוויס געחאַפּט. מען וואלט ווייניגסטענס גערעדט פֿון זיי, געשריעבען אין דיא צייטונגען. אלע שוויי־גען מען הערט ניט פֿון קיין רויבער.

איך האב שפּעטער גערעכענט, אַז אַ באנדע שמוגלער אדער פֿאלש מינצ־לער — מענשען, וועלכע מאכען פֿאלש געלד — האט זיך בעזעצט אין דער מינע.

זיי ווילען אונז פֿערטרייבען, אום זיי זאלען קענען גאנץ פֿריי אפטהאן זייערע דונקעלע געשעפֿטען.

איך זעה יעצט, אַז דאס איז אויך ניט ריכטיג. איך זעה, אַז מען וויל צער-שטערן און פֿערניכטען דיא גאנצע מינע. — דאס איז עפעס אַ גאנץ אנדערער סארט פֿיינד. ער האַסט אונז, ער וויל זיך נוקם זיין אן אונז, ער איז אבער צו שוואַך אום ארויסצוטרעטען פֿריי און אָפֿען געגען אונז. ער טהוט עס אַף אלעס אין דער פֿינסטער, אין פֿערבארגענעם.

איך זעה, אַז ער אליין איז אַ גוטער אינזשעניר. ער איז אליין אַ קוילען גרעבער און קען דיזע מינע בעסער פֿון אונז אלע. אַ בעווייז האט איהר, אז וויפֿיעל מיר זוכען איהם, קענען מיר איהם ניט געפֿינען. עס געפֿינען זיך געוויס נאך גאלערעען און געהיימע וועגען אין דער מינע, פֿון וועלכע מיר ווייסען נאך גאר ניט.

נאך מיין מיינונג, איז ער אַ קאַלטבלוטיגער, איבערלעגטער מאַניאַק (וואהנזיניגער), וועלכער האט אין קאָפּ נור איין געדאנק — אונז צו פֿערניכטען. מעגליך, אז מען האט איהם עפעס בעליידיגט און ער וויל זיך נוקם זיין. מעגליך, אז דאס איז גלאַט אַזאַ קראנקהייט, אַזאַ וואהנזינן.

קיינער האט איהם ניט געענטפֿערט. וואס האבען דיא צוויי יונגע לייט, העררי און דשעק, געקענט ענטפֿערן דארויף?

זיי האבען גערעדט נאך איינע צייט און זיינען צוריקגעגאנגען קיין קאָהל סיטי. דעמזעלבען אבענד, ווען אלע זיינען געשלאָפֿען, זיינען געזעסען אין סיימאן ווארדס צימער דער אינזשעניר, סיימאן ווארד, העררי און דיא אַלטע מעדוש. זיי האבען גערעדט וועגען דעם אונבעקאנטען פֿיינד. דשיימס סטאַר האט זיך געהאלטען פֿעסט, אז אן ארבייטער פֿון דער מינע, וועלכען מען האט עפעס בעליידיגט, טהוט עס אלעס, ער וויל זיך נוקם זיין אן זיי.

— קענט איהר זיך ניט דערמאנען, העררי סיימאן, אויב איהר האט זיך ניט אמאל געקריגט מיט אן ארבייטער אין דארטשארט פיט? האט ניט אייער פֿרוי זיך געקריגט מיט איינעם? פֿיעללייכט האט איהר אזוי אַ פֿיינד, וועלכער זאל וועלען זיך נוקם זיין אן אייך?

סיימאן ווארד האט פֿערצויגען מיט דיא אַקסלען.

— איהר קענט מיך, העררי סטאַר. איך קריעג מיך מיט קיינעם ניט, האט ער געענטפֿערט. איך טרעט יעדען ארויס פֿון'ם וועג. איך האב קיינעם ניט בעליידיגט און מיט קיינעם זיך ניט געקריגט. מיין אלטע געהט אויך צו קיינעם ניט און קריעגט זיך מיט קיינעם ניט.

— אך, ווען נעללי זאל וועלען רעדען! האט ענדליך אויסגערופֿען דער אינזשעניר.

— לאָזט צורוה מיין ארימע נעללי! האט העררי געבעטען. זיא איז אזוי אויך עפעס אונרוהיג זייט אַ געוויסע צייט. זיא איז נעבעך בלייך געווארען און איז ניט אזוי פֿרעהליך, וויא פֿריהער. איך בעט אייך, העררי סטאַר, אַז זיא זאל

נים וויסען אַ ווארט פֿון דעם אלעס, וואס מיר האבען געטהאן און וואס מיר האבען גערעדט.

איך זעה, אַז עפּעס פרעסט זיא. אַ שווערע געהיימניס ליעגט איהר אויפֿ'ן הארצען. ווען זיא זאגט עס ניט, וואהרשיינליך טאר זיא ניט זאגען אדער זיא קען נים זאגען.

— זיי רוהיג, העררי, מיר ווילען איהר גאר ניט זאגען. איך אליין וויל זיא נים צווינגען, זיא זאל אונז עפּעס זאגען.

אייניגע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. יעדער האט געפֿיהלט, אז מען האט דא אנגעריהרט אַ וואונד, וועלכע טהוט אלעמען וועה. דשיימס טאר האט געפֿונען פֿאר נעטהיג צו ענדערן דאס געשפּרעך — צו רעדען פֿון עטוואס פרעה־ליכערעס.

— אלזא, העררי, ווען, דענקסט דוא, ווילען מיר טאנצען אויף דיין האכ־צייט? האט ער פלוצלונג געפֿרעגט. האסט דוא שוין גערעדט מיט נעללי'ן?

העררי איז רויט געווארען און האט ניט געענטפֿערט אזוי שנעל.

— פֿרעגט מיין פֿאטער, האט ער ענדליך געשטאמעלט.

— וואס זאגט איהר, כיימאן? ווען ווילען מיר ביי אייך טאנצען?

— ביי מיר איז אלעס פֿערטיג, האט כיימאן געענטפֿערט. איך רעכען, אַז אין אַ מאנאט ארום זאלען מיר מאכען דיא האכצייט. ווען דיא קינדער ליעבען זיך, וועל איך געווים ניט זיין דאגעגען. — וואס זאגסט דוא, מעדש?

— איך זאג, אַז העררי דארף שוין הייראטהען, האט דיא אלטע מוטער געזאגט. איך האב שוין אנגעגרייט פֿאר איהם צוויי צימער און דיא גאנצע ווירטה־שאפֿט, וועלכע איז נעטהיג פֿאר א יונגע פאר פֿאלק.

זיי האבען נאך אוועקגערעדט אַ לאנגע צייט און האבען אפּגערעדט אלעס: ווען דיא האכצייט זאל זיין, ווער עס זאל זיין דער בראַאוט פֿיהרער און ווער עס זאל זיין אלס ציינען (עידות). — אזוי וויא נעללי האט קיינע עלטערן, איז געבליעבען, אז דער אינזשעניר זאל אננעהמען דיא שטעלע אלס איהר פֿאטער און ער זאל איבערגעבען דיא בראַאוט צו העררי.

עס איז געווארען גאנץ שפּעט אין דער נאכט, ווען מען איז זיך צוגאנגען. יעדער האט זיך געמוזט לעגען שלאָפֿען. מארגען פֿריה דארף מען אויפֿשטעהן צו דער ארבייט. אזא גרויס געשעפֿט, וויא אַ קוילען מינע טאר מען נים לאזען רוהען נים איין מינוט.

דעם אנדערן טאג איז דיא ארבייט געגאנגען וויא געוועהנליך. עס האט האט גאר ניט פאסירט און דיא גרויסע מאשינען האבען ווייטער גערוישט און געארבייט. אזוי זיינען וויעדער פֿערגאנגען עטליכע טעג. העררי פֿלעגט זיך זעהן זעהר אָפֿט מיט נעללי'ן, פֿלעגט מיט איהר רעדען פֿון זייער האכצייט און וויא זיי ווילען זיך שפּעטער בויען אַ ניי הויז לעבען זיין פֿאטער. זעהר אָפֿט פלעגען זיי רעדען פֿון זייער רייזע דארט אויבען.

נעללי איז געווען העכסט צופֿריעדען פֿון אלעס, וואס זיא האט געזעהן

ראָם אויבען אין דער גרויסער העלער זאַלע. אלעס איז געווען שעהן, גוט, העל און ליכטיג דאָרט אויבען.

— איך בין אבער גליקליך דא. אין דער פֿינסטערער מינע, האט זיא איהם אמאל געזאגט. איך בין גליקליך, ווען ארום מיר איז גאנץ פֿינסטער און איך קען ארומגעהן אין דער דונקעלער נאכט. מען מוז געוואינט זיין צו דער פֿינסטערניס, מען מוז קענען דיא פֿינסטערניס. מען מוז פֿיהלען דיא פֿינסטערניס, וויא איך פֿיהל זיא, דאן האט מען זיא ליעב, דאן פֿערשטעהט מען זיא, דאן ווייסט מען, וואס פֿינסטערניס איז.

— האלסט דוא פֿערמאכט דיא אויגען, ווען דוא געהסט ארום אין דער פֿינסטערניס? האט הערי געפֿרעגט.

— ניין, הערי. ווען איך פֿערמאך דיא אויגען, זעה איך גאר ניט. איך מוז האלטען אפֿען דיא אויגען, דאן זעה איך וואונדער זאכען; דאן פֿערשטעה איך דעם אונטערשיעד פֿון איין פֿינסטערניס צום אנדערן. —

אזוי וויא מען האט אלעס אפגערעדט וועגען הערי'ס און נעלליס האכצייט, האט סיימאן און זיין פֿרוי געפֿונען פֿאר נעטהיג צו ערקלערן אלע ארביטער און אלע איינוואוינער אין קאָהל סיטי, אַז אין אַ מאנאט ארום וועט זיין דיא האכצייט. ער האט זאגאר שוין בעשטימט דעם טאג, ווען דיא האכצייט זאל זיין.

אלע ארבייטער האבען זעהר ליעב געהאט דעם אלטען סיימאָן פֿארד און זיין זוהן הערי און אלע זיינען געקומען איהם גראַטולירען און ווינשען איהם גליק. דשעק רייען איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט געוואונשען גליק הערריין און נעלליין.

וויא מיר האבען שוין געזאגט, איז קאָהל סיטי געווען א שטאדט אונטער דער ערד, וויא יעדער אנדערע שטאדט אויף דער ערד. אין קאהל סיטי זיינען שוין פֿארגעקומען פֿיעלע הייראטהס צערעמאניען און אַ האכצייט איז דאָרט קיין נייעס ניט געווען. הערי ווארד אבער איז געווען דער הויפט אויפֿזעהר; נעללי איז געווען פֿאר אלעמען אַ רעטעניש, ווייל קיינער האט ניט געוואוסט, ווער זיא איז. עס איז דאהער קיין וואונדער ניט געווען, וואס פֿון דיעזער האכצייט האט מען גערעדט מעהר, וויא פֿון יעדער אנדערע. עס האבען זיך געפֿונען אלטע ווייבער, וועלכע האבען גערעדט, געלאַכט און אויסגעפֿונען פֿעהלער אין נעללי.

— הערי ווארד וואלט געקענט געפֿינען א בעסערע פארטיע פֿאר זיך, האבען אייניגע געזאגט.

— ער וואלט געקענט הייראטהען דיא טאכטער פֿון אַ רייכען פֿארמער, האבען אנדערע איהם געמאכט אַ פֿארוואורף. וואס האט ער געראדע אויסגעפֿונען אַ מעדכען, וועלכע האט זאגאר קיין נאמען ניט. מען ווייס דאך זאגאר ניט, ווער זיא איז און וויא זיא הייסט.

דיא ארבייטען אין דער מינע זיינען אונטערדעסען געגאנגען וייער ווייג. יעדען טאג אבער האט זיך עפּעס געטראפען אן אונאַנגענעהמליכקייט. וואס

נעהנטער עס איז געקומען דער טאג פֿון העררייס האכציים, אַלץ מעהר אונגליקס פֿעלע האט פּאַסירט אין ניי אבערוויל, בעזאנדערס אין דיא אונטערשטע, ניעדע־רינכטע גאַלערעען.

איין מאל, ווען דיא ארבייטער זיינען געגאנגען אין דער פֿריה צו דער ארבייט אין אַ נייער אונטערשטער, טיעפֿער גאלערעע, האבען זיי געפֿונען, אז דיא ברעטער און קלעצער, וועלכע האבען אונטערגעשפּאַרט דיא ווענט און דעם דאך פֿון דער נייער גאלערעע, ברענען.

ווען מען הייבט אן צו גראבען אַ נייעם טונעל אדער אַ נייע גאלערעע, מוז מען אונטערשפּאַרען דיא ווענט, בעזאנדערס אבער דעם דאך מיט ברעטער. דיא ברעטער ווערן אונטערגעשפּאַרט מיט גראבע קלעצער. מען מוז עס טהאָן, ווייל אין דער נייער גאלערעע איז דער דאַך נאך ניט גאַנץ זיכער. עס קען אמאל אראפּפֿאַלען אַ גרויסער שטיין אדער אַ גרויס שטיק קוילען פֿון עטליכע טאָן און זאל דערהרגענען דיא ארבייטער.

וויא ערשטוינט זיינען געווען דאהער דיא אַרבייטער, ווען זיי זיינען צוגע־קומען צום נייען טונעל, וואו זיי האבען נעכטען אַ גאנצען טאג געארבייטעט אום צו שיצען און צו בעווארענען דעם דאַך, ווען זיי האבען דערזעהן, אז דער דאַך איז אין גאנצען פֿערסמאַלעט. מען האט אונטערגעצונדען דיא ברעטער און דיא קלעצער און זיי האבען זיך לאנגזאם געברענט.

מען האט באלד געשיקט רופֿען דעם אינזשעניר. ער איז געקומען און האט אלעס בעטראכט און אויסגעפֿאָרשט. ער איז זאגאר געגאנגען ביז צום ענדע פֿונ'ם נייען טונעל און האט דארט געפֿונען אַ ברענענדען לאמפּ, מיט וועלכען מען האט אונטערגעצונדען דאס האלץ אין טונעל.

— וואס זאל דאס הייסען? האט געברומט דער קלוגער אינזשעניר. אלעס איז געטהאן געווארען אזוי קלוג און אזוי געשיקט, אַז עס איז מיר אַ וואונדער. פֿאַר וואס דאס גאנצע האלץ אין טונעל איז ניט פֿערברענט געווארען. מען האט אונטערגעצונדען דאס האלץ פּונקט לעבען דיא לופֿט רעהרען. דער רויך איז ארויס דורך דיא ווענטילאַציאָנס רעהרען און אין קאָהל סיטי האט מען איהם ניט געקענט פֿיהלען.

וויא עס ווייזט אבער אויס, האט מען איהם געשטערט אין זיין ארבייט. ער האט איבערגעלאָזען דעם לאמפּ און איז אנטלאפֿען. מעגליך, אַז ווען מען זאל איהם ניט געווען שטערן, וואלט ער אונטערגעצונדען דיא האלץ ארבייט אין אלע גאלערעען. ווען עס געראטה איהם, וואלטען זיך אנגעצונדען דיא קוילען, דאן וואלט דיא גאנצע מינע, גאנץ ניי אבערוויל פֿערברענט געווארען.

דשיימס סטאר האט געהאט איבער וואס נאכצודענקען. פֿון אלע געפֿאה־רען, וועלכע דער ארבייטער אין אַ קוילען מינע איז אונטערוואַרפֿען, איז פֿייער דיא גרעסטע געפֿאהר. עס זיינען שוין פֿארגעקומען פֿעלע, ווען דיא קוילען אין אַ מינע האבען זיך אנגעצונדען. דאן האט מען געמוזט דינגען טויזענדער מענ־שען, זיי זאלען פֿערשיטען דיא מינע מיט ערד. עס זיינען פֿארגעקומען פֿעלע

שוואַרצע דיאמאנטען.

ווען אַ קוילען מינע האט געברענט דריי פֿיער יאהר נאך אנאנד. מען האט זיא ניט געקענט לעשען, ביז וואנען מען האט אריינגעלאזען אַ גאנצען טייך מיט וואסער אין איהר.

פֿייער איז דער געפֿעהרליכסטער פֿיינד אויבען אויף דער ערד, וויאַ אונטען, טיעף אונטער דער ערד. דשיימס סטאר און דיא ארבייטער האבען געהאט אַ גאנץ שווערע ארבייט, איידער זיי האבען אויסגעלאשען דאס פֿייער אין דער נייער גאלערעע. אין אַזא פֿאל מוז מען זיין זעהר פֿארזיכטיג. מען מוז זיך גוט צוקוקען, אַז עס זאל ניט בלייבען קיין פונק.

ווען עס ברענט אַ הויז אויף דער ערד, קומען דיא פֿייער לייט, צונעהמען דאס הויז און לעשען עס אפּ צו ביסלעכווייס. אין דער מינע אבער איז עס ניט אזוי לייכט. דארט איז פֿינסטער, דיא גאלערעע איז שמאל. מען קען זיך ניט ריהרען. עס איז שווער צו זעהן, אויב עס איז ניט געבליעבען ערגעץ אַ שטיק ברעט אדער אַ שטיק קוילען, וועלכע סמאַליעט זיך לאנגזאם.

מיט אַ פאר טאג שפּעטער האט פאסירט אנאנדער פֿאל, וועלכער האט וויעדער איבערראַשט דעם אינזשעניר און אלע ארבייטער פֿון קאָהל סיטי. אין איין ארט איז געווען געמאכט אַ לאך פֿון דער מינע ביז ארויף אויבען. דורך דיעזען לאך איז געווען געצויגען אַ שווערע אייזערנע קייט, וועלכע פֿלעגט ארויפשלעפּען קאסטענס מיט קוילען פון דער מינע. דיעזער לאך איז געווען ארומגעלעגט מיט גראבע קלעצער און ארומגעשלאגען מיט ברעטער. דאס איז געווען נאטהווענדיג, ווייל דיא קאסטענס מיט קוילען פֿלעגען זיך אנשלאגען אן דער וואנד. ווען דיא וואנד זאל ניט געווען זיין געשיצט, וואלטען דיא קאסטענס אלע מאל אפּגעריסען שטיקער שטיין און ערד פֿון דיא ווענט.

איין מאל, ווען דיא קייט האט ארויפֿגעשלעפּט אַ קאסטען מיט קוילען, האט זיך דיא קייט צוריסען און דער לאך איז איינגעפֿאלען. האלץ, שטיינער, זאמד און קוילען זיינען געפֿאלען אויף אַ גרויסען הויפֿען מיט אַ שרעקליכען קראַך.

דיא ארבייטער האבען גערעכענט, אַז עס איז אַ צופֿאל. דער אינזשעניר אבער האט שטרענג אונטערזוכט דעם פֿאל און האט געפֿונען, אַז מען האט אונטערגעזעגט דיא קלעצער פֿון'ם שאַכט. זיי זיינען ארויפֿגעפֿאלען אויפֿ'ן קאסטען קוילען. דיא מאשין אויבען האט געשלעפּט און דיא קייט האט זיך איבערגעריסען.

שפּעטער מיט עטליכע טעג איז הערי נאך מיט עטליכע ארבייטער ארויפֿגעפֿאהרען אויף דיא עלעקטערישע וואגאנעס אויבען. פלוצלונג איז דער וואגאן, אין וועלכען הערי איז געזעסען, אראפּ פֿון דיא רעלסען. הערי מיט זיינע קאמעראדען האבען זיך גערעטעט דורך אַ וואונדער.

מען האט אויסגעפֿונען, אַז אויף דיא רעלסען איז געלעגען אן אייזערנער רייף! —

אזעלכע געשיכטען האבען זיך אנגעהויבען צו טרעפֿען יעדען טאג. דיא ארבייטער האבען זיך דערשראקען און פֿלעגען ציטערן, ווען זיי פֿלעגען דאַרפֿען געהן אויף דער ארבייט. יעצט האט שוין יעדער געזעהן, אַז אין דער מינע געפֿינט זיך איינער, וועלכער וויל זיא פֿערניכטען און טייטען דיא ארבייטער. עס האבען זיך אנגעהויבען דיא אלטע געשיכטען. דשעק רייען האט ווידער אנגעהויבען צו דערצעהלען פון גייסטער און פֿון דער „פֿייער דאמע“.

— קיינער איז דא ניטא, פֿלעגט ער זאגען. קיין מענש טהוט עס ניט. עס טהוען עס דיא גייסטער. זיי זעהן, אז מיט יעדען טאג געהן מיר אלץ ווייטער און ווייטער אין דער מינע און נעהמען ביי זיי צו זייער לאנד. זיי ווילען זיך נוקם זיין אן אונז.

סיימאן ווארד איז געווען אויסער זיך.

— ניין, דאס טהוט ניט איינער, פֿלעגט ער זאגען. דא געפֿינט זיך אַ גאנצע באנדע שלעכטע מענשען, וועלכע ווילען אונז טייטען.

מען האט עס געמעלדעט דער געהיים פאליציי אין עדינבורג און אַ גאנצע באנדע דעטעקטיווס און אַגענטען פֿון דער געהיים פאליציי זיינען אראפּגעקומען אין קאָהל סיטי און האבען טאג און נאכט געהיט, געזוכט און געשפירט. זיי האבען אבער גאר ניט אויסגעפֿונען, אזוי וויא זיי האבען ניט אויסגעפֿונען מיט פֿיער יאהר צוריק, ווער עס האט פֿערפיהרט דאס שיף „מאָטאַלאַ“.

מען האט געזעהן דייטליך, אז דיא שלעכטע מענשען זיינען בעזאנדערס בייז אויף העררי ווארד. דשיימס סטאר האט איהם געהייסען, ער זאל זיך ניט דערוועגען ארויסצוגעהן אליין ווייטער פֿון קאָהל סיטי. ער האט אנגעזאגט שטילערהייט דעם אלטען סיימאן און זיין פֿרוי, אז זיי זאלען אכטונג געבען אויף איהם און אויף נעללין.

דשיימס סטאר האט פֿערשטאנען, אַז העררי און נעללי שפּיעלען עפּעס אַ ראלע אין אלעס, וואס האט אין דער לעצטער צייט פּאסירט אין ניי אבערוויל.

סיימאן ווארד און זיין פֿרוי מעדש האבען אנגעהויבען אכטונג צו געבען אויף נעללין. זיי האבען זיא ניט אראפּגעלאזען פֿון אויג; זיי האבען זיא געהאלטען, וויא אַ געפֿאנגענע. נעללי האט עס בעמערקט. זיא האט אבער געשוויגען. — האט זיא פֿערשטאנען, אז דיא גוטע מענשען טהוען עס פֿון איהר טובה וועגען? — מען קען עס ניט וויסען. נעללי איז געווען גאנץ קלוג און פֿארזיכטיג. מען האט קיין מאל ניט געקענט וויסען, וואס עס קאכט זיך אין איהר.

איין זאך אבער האט דשיימס סטאר דאך בעמערקט. זייט אַ געוויסע צייט, פֿלעגט נעללי אכטונג געבען אויף דיא איבעריגע. זיא פֿלעגט שטעהן אין פֿענסטער, ווען דיא ארבייטער פֿלעגען דארפֿען קומען פֿון דער ארבייט. זיא פֿלעגט שטעהן אין פֿענסטער און קוקען אַ לאנגע צייט, ווען העררי פֿלעגט אוועקגעהן צו דער ארבייט. זיא פֿלעגט זיין פֿרעהליך און צופֿריעדען, ווען אלע פֿלעגען זיין בייזאמען. זיא פֿלעגט אויפֿשטעהן אין דער פֿריה פֿריהער פֿאר אלעמען, פֿלעגט ארומגעהן אין שטוב און פֿלעגט זיך אומקוקען אין אלע זייטען.

רשיימס כמאר איז געקומען אין קאָפּ דער געדאנק. אז װען נעללי װעט הײראטהען, װעלען דיא געהײמניספאָלע פיינד אויפהערן זײ צו פּלאגען. ער האט זיך געהאלטען פּעכט, אַז אלעס, װאס איז געשעהן ביז אהער, האט געטהאן נור איין מענש; אַז דיעזער איינער מענש האט עפּעס אַ האַס געגען דער מינע, אדער ער איז אַ װאהנזיניגער. אַ מאַניאַק, װעלכער האט זיך אריינגענומען אין קאָפּ צו פערניכטען דיא מינע.

סיימאן װארד און מעדש האבען אויך אזוי גערעכענט און האבען געצעהלט דיא טעג ביז צום האכציײטס טאג. יעדער האט געפיהלט, אַז עס װעט געשעהן עפּװאס שרעקליכעס, אַז דיא שלעכטע מענשען האבען זיך פערלייגט זײ צו פער־ניכטען.

דיא לאנגע איז װירקליך געװען אַ פערצװייפעלטע. דיא ארבייטער פון דער מינע זיינען געװען אזוי איבערגעשראקען, אז זײ האבען געציטערט ארויסצוגעהן אויף דער ארבייט. זײ פלעגען מוזען ארבייטען צו צװאנציג־דרייסיג מענשען מיט אמאל. זײ פלעגען אויסמיידען דיא אונטערשטע גאלערען. זײ האבען מורא געהאט צו עפענען נייע טונעלען. אלע זיינען געװען פערצװייפעלט. קיינער האט נים געװאוסט װאס צו טהאן און װיא אזוי זיך צו העלפען.

אזוי זיינען פערגאנגען װיעדער עטליכע טעג. ביז צום טאג, אויף װעלכען מען האט אפגעלעגט דיא האכצייט, זיינען געבליעבען נור אכט טעג.

איין מארגען איז נעללי אויפגעשטאנען גאנץ פריה, װיא געװעהנליך. דיא עלעקטערישע לאמפען האבען שוין געברענט און דיא ארבייטער זיינען שוין אויפגעשטאנען צו דער ארבייט. נעללי איז ארויסגעגאנגען פון שטוב אויף אַ מינוט. פון יענער זייט טהיר איז זיא געבליעבען שטעהן און האט געגעבען אַ שרעקליכען, אונמענשליכען, הערצרייסענדען געשריי.

סיימאן װארד, מעדש און העררי האבען דערהערט איהר געשריי און זיינען געקומען צו לויפען זעהן, װאס עס איז עפּעס געשעהן. זײ האבען געפונען נעללין שטעהן לעבען טהיר. זיא איז געװען בלייך, װיא קאלך, האט געציטערט, װיא אין אַ פיעבער און האט נים געקענט ארויסרעדען אַ װארט. איהרע אויגען האַבען געקוקט אויף דער טהיר און איהרע פינגער האבען עפּעס געװיעזען.

מעדש האט זיא ארומגענומען, האט זיא צוגעפרעסט צום הארצען און האט געזוכט זיא צו בערוהיגען, װיא אַ מוטער זוכט צו בערוהיגען אַ קינד, װעלכעס האט זיך איבערגעשראקען.

העררי און סיימאן האבען אין דער װעלבער צייט אַ קוק געטהאן אויף דער טהיר און זיינען געבליעבען פערשטיינערט. — אויף דער טהיר איז געשטאנען אנגעשריעבען מיט קרייט אַלגענדע צײלען מיט גרױסע בוכשטאבען.

„סיימאן װארד, דוא האסט ביי מיר צוגענומען דיא לעצטע קױלען פון אונזער אלטע מינע! — דיין זוהן העררי האט ביי מיר אװעקגערױבט מיין נעללי. װעה דיר! װעה איך אלעמען!
װעה ניי אבערזויל! סילפאַקס.“

— סילפּאַקס! האָט אויסגערופען סיימאָן ווארד און מעדש ניט מיט ווייער קול.

ווער איז דיעזער סילפּאַקס? האָט העררי געפרעגט און האָט געקוקט אויף זיין פאָטער, זיין מוטער און אויף נעללי׳ן.

— סילפּאַקס! האָט אויסגערופען נעללי. סילפּאַקס!

מעהר האָט זיא ניט געקענט רעדען. דיא אלטע מעדש האָט זיא צוגעפרעסט צו זיך און איז מיט איהר אריינגעלאָפען אין שטוב. העררי ווארד איז געלאָפען רופען דעם אינזשעניר.

דשיימס סטאָר איז באלד געקומען און האָט איבערגעלעזען, וואס עס איז געשטאַנען אנגעשריעבען אויף דער טהיר.

— דאס איז דיעזעלבע האַנדשריפט, מיט וועלכער עס איז געווען געשריעבען דער צווייטען בריעף, וואס איך האָב ערהאַלטען אין עדינבורג, אז איך זאל ניט קומען קיין אבערוויל. דיעזער מאַן הייסט סילפּאַקס. איך זעה אין אייערע געזיכטער, אז איהר קענט איהם. ווער איז ער? ווער איז דיעזער סילפּאַקס?

21טעס קאַפּיטעל.

דער בעל-תשובה.

דער נאָמען סילפּאַקס האָט געווירקט אויפ׳ן אלטען סיימאָן וויא אַ צויבער. ער האָט זיך דערמאָנט אן דיא אלטע יאהרען, איידער דער געלערנטער סער הומפרי דייווי האָט איינגעפיהרט דיא זיכערהייטס לאַמפּע. דאַמאַלס פלעגט יעדען טאָג אן ארבייטער מוזען איינשטעלען זיין לעבען און געהן אין דער מינע מיט אַ פאַקעל אין האַנד אום דער גאַז זאל זיך אנצינדען.

עס איז געווען ניט לייכט צו געפינען אַזאַ בעהערצטען ארבייטער, ווייל אַזא מענש פלעגט זעהר אָפט דערהרגעט ווערן פון דער עקספּלאָזיאָן. מען פלעגט איהם דערפאַר רופען דער בעל תשובה, The penitent, ווייל נור איינער, וועלכער פלעגט וועלען אבקומען פאַר זיינע זינד, פלעגט זיך אונטערנעהמען ארומצוגעהן מיט אַ פאַקעל אין דער האַנד אין אַ מינע, וואו עס געפינט זיך דער געפעהרליכער גאַז.

מיט אַ צוואַנציג יאהר צוריק האָט געארבייט אין דער מינע א מאַן מיט׳ן נאָמען סילפּאַקס. ער איז געווען דער איינציגער ארבייטער, וועלכער פלעגט אלע טאָג ארומקריעכען אין דער מינע מיט אַ פאַקעל אין דער האַנד. ער איז געווען דער בעשטענדיגער בעל תשובה פון דארטשאַרט פיט. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער ער איז און וואו ער וואוינט. מען האָט נור אַזוי פיעל פון איהם געוואוסט, אז ער האָט ביי זיך אַ גרויסען פויגעל, אַ נאַכט-איילע — אַזאַ פויגעל וועלכער זעהט נור אין דער פינסטער און — דיעזער פויגעל העלפט איהם זוכען און ארומקריעכען אין דער מינע.

סילפּאַקס איז דאַמאלס אויך געווען אַ רעטעניש פאַר אלעמען. מען פלעגט איהם זאָגאר ניט רופען ביים נאָמען, מען פלעגט איהם רופען איינפאַך דער בעל תשובה.

סילפאקס איז שוין דאמאלס געווען קיין יונגער מאן. ער איז געווען על־טער פון סיימאן ווארד מיט א יאהר פופצעהן־צוואנציג. ער פלעגט מיט קיינעם נים רעדען און מיט קיינעם זיך ניט צונויפקומען. סיימאן ווארד האט דאמאלס קיין צייט ניט געהאט זיך צו איהם צוצוקוקען. סיימאן ווארד פלעגט דאמאלס נאך געשמאק ארבייטען.

זייט פופצעהן יאהר איז סילפאקס פערשוואונדען געווארען. קיינער האט נים געוואוסט, וואו ער איז אהינגעקומען. מיט איהם איז פערשוואונדען געוואָרען א קינד, א מעדכען פון א יאהר צוויי־דריי. דיא ארבייטער אין דארטשארט פיט האבען איינינע צייט גערעט פון איהם, פלעגען פרעגען: ווער איז דאס קינד? וואו איז דאס קינד אהינגעקומען? אזוי וויא קיינער האט זיי ניט געקענט ענט־פערן אויף דיעזע פראגען, האבען זיי אויפגעהערט פון איהם צו רעדען און דיא זאך איז פערגעסען געווארען.

— אלזא, האט איהר איהם געקענט? האט דשיימס סטאר געפרעגט דעם אלטען ווארד.

— יא, איך האב איהם געקענט. ער איז דאמאלס אויך געווען א רעטעניש. קיינער האט נים געוואוסט, אויב ער האט ערגעץ א פרוי, א קינד אדער אן אנ־פערוואנדטען. ער איז געווען אמאל זעהר שטארק. ער פלעגט אויפהייבען דיא שווערסטע משא אליין. ער האט פיינט געהאט, מען זאל איהם העלפען. ער האט געקענט דיא מינע בעסער פון אונז אלע, ער האט קיין מאל ניט גערארפט קיין לאמפ.

איינינע ארבייטער פלעגען זאגען, אז ער איז נים ביי זיין גאנצען פער־שטאנד. אנדערע פלעגען זאגען, אז ער האט אמאל בעגאנגען א גרוים פערברע־כען. עס האט איהם ניט געלאזט רוהען, זיין געוויסען פלעגט איהם פלאגען, דערפאר האט ער זיך אליין ארויסגערופען, אז ער וויל ריזקירען זיין לעבען, ארומגעהן אין דער מינע מיט א פאקעל אין דער האנד און זעהן, אויב עס געפינט זיך גאז. ער איז געווען א ריכטיגער בעל תשובה, וועלכער האט געזוכט דעם טויט פאר זיינע זינד.

דאס האבען אבער נור גערעדט דיא ארבייטער. קיינער האט נים געקענט זאגען פאר געווים, וואס פאר א מענש סילפאקס איז. איך האב געמיינט, אז ער איז שוין לאנג טוים. זייט פופצעהן יאהר האט מען איהם נים געזעהן און מען האט פון איהם נים געהערט.

— קענט איהר מיר ניט ערקלערן, וואס ער מיינט מיד דיא ווערטער: — „דוא האסט ביי מיר צוגענומען דיא לעצטע קוילען פון דער אלטער מינע?“ — האט דשיימס סטאר געפרעגט.

— איך ווייס, וואס ער מיינט, האט סיימאן ווארד געענטפערט. סילפאקס האט זיך איינגערעדט, אז דארטשארט פיט געהערט צו איהם. ער פלעגט ציטערן, ווען ער פלעגט זעהן, אז דארטשארט פיט שעפט זיך אויס, אז עס ווערט אלע

מאל ווענינער און ווענינער קוילען. ער פּלעגט שרייען אין דער הויך, אז מען בערויבט איהם. געדענקסט דוא עס מערש?

— יא, סיימאן, איך געדענק עס זעהר גוט.

— איך האב עס שוין גאר פערגעסען, האט סיימאן ווייטער געזאגט. ערשט יעצט דערמאן איך מיך. איך האב געדענקט, אז ער איז שוין לאנג געשטאר־בען. קיינער וואלט ניט געגלויבט, אז דער בעל תשובה פון דארטשארט פיט לעבט נאך.

— יעצט פערשטעה איך אַלעס, האט דשיימס סטאַר געזאגט. ער קען דיא מינע בעסער פון אייך. ער האט דער ערשטער ענטדעקט דיא נייע מינע און האט געדענקט, אַז זיא געהערט צו איהם. ער קען ארומגעהן אין דער מינע אהן אַ לאמפּ. ער האט געהערט, וואס איהר האט גערעדט מיט הערריין, ער זאל מיר שרייבען, איך זאל קומען. ער האט מיר געשריעבען אַ בריעף, איך זאל ניט קומען. ווען איך בין געקומען, האט ער עס אראפּגעווארפען אַ שטיין אום מיך איבערצושרעקען. ער האט עס אונז פערמויערט אין דער נייער מינע. ער האט עס אלעס געטהאן. ברויט און וואסער האט אונז געבראכט נעללי. מעהר וויא דריי מאל האט דאס ארימע קינד אונז ניט געקענט ברענגען. מעהר האט עס אליין ניט געהאַט. אדער סילפאַקס איז דערפון געוואהר געווארען און האט זיא געשלאגען. איך פערשטעה, אַז זיא האט דאַמאַלס געפיהרט דשעק רייען און לאַרד עלפינגסטאַן צו דעם אָרט, וואו מיר זיינען געלעגען האַלב טויט.

— איהר האט רעכט, הערר סטאר, אזוי איז עס געווען. דער אלטער סיל־פאַקס איז וואהנזיניג.

— ניין, סיימאן, ער איז ניט וואהנזיניג, האט זיך פלוצלונג מערש אריינ־געמישט.

— איך קען אייך ניט זאגען, אויב סילפאַקס איז וואהנזיניג אדער ניט, האט דער אינזשעניר געזאגט לאנגזאם. איך פערשטעה יעצט זעהר פיעל און איך וויים נאך אלץ גאר נישט. דיעזער מאן איז פאר מיר אַ רעטעניש. איין זאך פערשטעה איך, פאַר וואס נעללי ציטערט אזוי, ווען זיא הערט רעדען פון'ם ברוּ־נען און ווען זיא האט דערזעהן דעם נאמען סילפאַקס. וואס פאר אַ טרויעריגעס לעבען האט דאס אונגליקליכע קינד געפיהרט זייט פופצעהן יאהר!

— יא, טרויעריג, זעהר טרויעריג, האט סיימאן זיך אפגערופען. דיא איינ־ציגע לעבעדיגע זאכען, מיט וועמען זיא פלעגט זיך צונויפקומען זיינען געווען דער ווילדער סילפאַקס און דער נאך ווילדערער פויגעל. איך פערשטעה, אז דיעזער פויגעל האט דאמאלס ארויסגעריסען פון הערריינ'ס הענד דעם לאָמפּ. דערזעלבער פויגעל האט געוואלט צובייסען דעם שטריק, ווען העררי האט גע־פונען נעללי'ן האלב טויט אין ברונען.

— איך פערשטעה יעצט, אז עס פערדריסט איהם שטאַרק, ווען ער איז געוואהר געווארען, אַז העררי וויל הייראטהען נעללי'ן, האט זיך אפגערופען דיא אלטע מערש. ער דענקט, אז הערריינ'ס פאטער האט איהם בערויבט, האט

צונעמומען בײַ איהם זײַן מינע. העררי אַלײן האָט בײַ איהם אָװעקגערױבט זײַן קינד, זײַן עניקעל אָדער זײַן טאָכטער.

— איך פֿערשטעה עס גאָר ניט, האָט דשײמס סטאַר געזאָגט. װער ער איז און װאָס ער איז, דאַרף ער דאָך אַזױ פֿיעל פֿערשטעהן, אַז נעללײן איז פֿיעל בעסער צו לעבען צװישען מענשען אַלס צו זײַן פֿערשפּאַרט ערגעץ אין אַ פֿינס־טערען ברונען. ער דאַרף דאָך פֿערשטעהן, אַז אַ מעדכען דאַרף הײראַטהען. װען ער האָט זיך געזאָרגט פֿאַר נעללײן און האָט זיא ערצױגען, האָט ער זיא דאָך געװיס ליעב. װיא קומט עס אַלזאָ, װאָס ער װיל זיא יעצט טײטען מיט אַלע־זען צוזאַמען? פֿאַר װאָס טרעט ער ניט אַרױס פֿרײַ און אָפֿען און פֿאָדערט ניט זײַן טאָכטער, זײַן עניקעל אָדער װאָס נעללי געהערט זיך אָן מיט איהם?

— װאָס טהוט מען אַלזאָ? האָט דער אַלטער סײמאָן געפֿרעגט טרױעריג. װיא דיא געשיכטע איז, שװעבען מיר שטענדיג אין טאָדעס געפֿאַהר. ער קען דאָך יעדע מינוט אונז עפּעס אָפּטהאָן, אונז אַלע פֿערניכטען.

דשײמס סטאַר האָט זיך פֿערטראַכט. דיעזער געדאַנק פּלאָגט איהם שױן װײט אײניגע װאָכען. פּלוצלונג איז איהם עפּעס אײנגעפֿאַלען אין קאָפּ.

— מײַנע פֿרײנד! דיא אײנציגע פּערזאָן, װעלכע קען אונז אױפֿקלערען אין דיעזער אַנגעלעגענהײט; דער אײנציגער מענש, װעלכער קען אונז געבען אַ גוטען ראַטה און קען אונז העלפֿען, איז — נעללי. ביז אַהער האָבען מיר זיא געשױנט. זיא האָט געשװיעגען און מיר האָבען זיא ניט געװאָלט צװינגען צו רעדען. מיר האָבען געמוזט אַזױ טהאָן, װײַל אַזױ פֿאָדערט דיא מענשליכקײט, דיא העפֿ־ליכקײט.

יעצט אָבער, װען מיר זײַנען אין געפֿאַהר, מוזען מיר זיא בעטען, זיא זאָל אונז דערצעהלען אַלעס, װאָס זיא װײס איבער סילפֿאַקס. מעגליך, אַז מיר װע־לען געװינען פֿאַר נעטהיג, זיא זאָל איהם רופֿען, זאָל מיט איהם רעדען, זאָל איהם ערקלערען, אַז מיר מײנען קײן שלעכטעס; אַז װען ער װיל, קען ער װאױנען בײַ אונז. מיר װעלען איהם אױפֿנעהמען מיט פֿערגניגען.

— איהר האָט רעכט, הערר סטאַר, האָט זיך העררי אָפּגערופֿען. איך בין זיכער, אַז נעללי װעט געװיס דערצעהלען אַלעס, װאָס זיא װײס פֿון'ם אַלטען סילפֿאַקס זיא האָט אונז אַלע ליעב און װעט געװיס טהאָן אַלעס מעגליכע אום אונז צו רעטען. דיא מוטער האָט זעהר גלײך געטהאָן, װאָס זיא האָט אַרײנגע־פֿיהרט נעללי'ן אין איהר צימער. זיא מוז זיך אַביסעל בערוהיגען. — זאָל איך געהן זיא רופֿען?

— דו דאַרפֿסט מיך ניט רופֿען, העררי! האָט אױסגערופֿען הינטער איהם אַ העלע, קלינגענדע שטימע.

נעללי איז געשטאַנען פֿאַר זײ. זיא איז געװען נאָך בלײך אָבער גאַנץ רוהיג. איהרע אױגען זײַנען געװען פֿערװײנט, זיא איז אָבער געװען מוטהיג און עטשלאָסען. עס איז געװען דײטליך, אַז זיא האָט געקעמפּפֿט מיט זיך אַלײן און

האט זיך ענדליך ענטשלאסען צו דערצעהלען אלעס אום צו רעטען דיא מענשען, וועלכע זיא האט געליעבט.

— קום אהער נעללי! ליעבע נעללי! מיר האבען נור וואס געהערט פון דיר, האט הערריי אויסגערופען און האט זיא גענומען ביי דער האנד.

— פאטער סיימאן, מוטער מעדש און איהר אלע מוזט ענדליך וויסען אלעס, האט נעללי געזאגט ענטשלאסען. דוא, הערריי, מוזט וויסען, אז דוא האסט מיך דאן ארויסגעשלעפט פון ברונען צו דיין אונגליק. הלואי, וואלסט דוא עס ניט געטהאן! ליידער, עס איז יעצט צו שפעט עס צו בעדויערן.

— וואס רעדסט דוא, נעללי? איך ליעב דיך! דוא ביסט ביי מיר טהייערער פון אלעס אין דער וועלט.

— לאמיר עס לאזען, האט זיך דשיימס סטאר ארייגעמישט. מיר בעטען דיך, נעללי, דוא זאלסט אונז דערצעהלען אלעס, וואס דוא ווייסט און זאלסט אונז זאגען, אויב עס איז דא עפעס אַ מיטעל אונז צו רעטען פון דער געפאהר, אין וועלכער מיר געפינען זיך.

ער האט צוגערוקט אַ שטוהל לעבען זיך און האט געבעטען נעללין, זיא זאל זיך זעצען לעבען איהם. נעללי האט זיך אניעדערגעזעצט און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען.

— דער אלטער סילפאַקס איז מיין גראספאטער. מיין פאטער און מיין מוטער האב איך ניט געקענט. ערשט ווען איך האב מיך בעקענט מיט דיעזער פרוי (זיא האט געוויזען אויף דיא אלטע מעדש), בין איך געוואהר געווארען, וואס עס הייסט אַ מוטער. ערשט דאמאלס האב איך אנגעהויבען צו פיהלען, וויא שטאַרק און וויא הייליג דיא מוטערליעבע איז.

דיא אלטע מעדש האט אנגעהויבען צו וויינען און האט אַ קוש געטהאן נעללין אין שטערן.

— איך האב ניט געוואוכט, וואס אַ פאטער איז, ביז איך האב מיך בעקענט מיט סיימאן ווארד, האט נעללי ווייטער דערצעהלט. איך האב ניט געוואוכט, וואס אַ פריינד איז, ביז וואנען הערריי האט מיך ארויסגעשלעפט פון ברונען.

זייט איך בין געקומען צו מיין פערשטאנד האב איך געלעבט גאנץ אליין אין דיא פינסטערע און טיעפע ווינקעלעך פון דער מינע. איך זאג, אז איך האב געלעבט גאנץ אליין, ווייל איך פלעג זעלטען זעהן מיין גראספאטער. ער פלעגט זיך זארגען פאר מיר, פלעגט מיר ברענגען עסען, פלעגט אמאל מיט מיר פערברענגען איינינע צייט און פלעגט ווידער פערשווינדען. איך האב פאר איהם מורא געהאט און בין געווען צופריעדען, ווען ער איז ניט געווען לעבען מיר.

איך געדענק עס גאנץ שוואך, אבער איך געדענק עס דאך, אז לעבען מיר פלעגט זיך געפינען אַ ציעג. ווען איך פלעג זיין הונגעריג, פלעג איך מיך ארונטערלעגען אונטער דער ציעג און פלעג זויגען איהר מילך; ווען איך פלעג זיין זאַט, פלעג איך מיך שפיעלען מיט דער ציעג. פלוצלונג איז דיא ציעג פערשוואונדען געווארען. איך ווייס ניט, וואו זיא איז אהינגעקומען. איך האב זעהר געוויינט

און געבעטען מיין גראָספּאַטער, ער זאָל מיר ברענגען מיין „מינע“. — אַזוי פלעג איך רופען דיא ציג.

מיין גראָספּאַטער האָט מיר געבראַכט אַנאַנדער מין חיה. יעצט ווייס איך, אַז דאָס איז געווען אַ הונד. דאַמאָלס האָב איך ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז. דער הונד איז מיר געפעלען און איך פלעג מיך מיט איהם שפּיעלען. מיין גראָס־פּאַטער האָט איהם אָבער ניט געקענט ליידען, ווייל ער פלעגט בילען און מאַכען אַ ליאַרם. ווען ער האָט דערהערט עפּעץ געהן. מיין גראָספּאַטער האָט פיינט געהאַט אַ ליאַרם. מיר האָט ער אָנגעזאָגט עטליכע מאָל, איך זאָל שווייגען און איך פלעג שווייגען. דער הונד אָבער האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט שווייגען.

דער הונד איז פערשוואונדען. איך בין ווידער געבליעבען אַליין און פלעג ווידער וויינען. דער גראָספּאַטער האָט מיר ענדליך געבראַכט אַ גרויסען פויגעל. אָנפאַנגס פלעג איך מורא האָבען פאַרן פויגעל, ווייל ער האָט געהאַט שאַרפע נעגעל און אַ שאַרפען שנאָבעל. ער פלעגט זיך בייסען, ווען איך פלעג איהם וועלען נעהמען אין דיא הענד. אין אַ קורצע צייט אָבער בין איך געוואָרען מיט איהם אַזוי פריינדליך, אַז ער פלעגט ניט אָפּטרעטען פון מיר. ער פלעגט פאַל־נען, וואָס איך פלעג איהם הייסען, פלעגט עסען מיט מיר, טרינקען מיט מיר און שלאָפען מיט מיר.

מיין גראָספּאַטער האָט עס ענדליך פערדראָסען, וואָס איך בין אַזוי פריינד־ליך מיטן פויגעל און ער פלעגט זוכען אַלערליי מיטעל, אַז מיר זאָלען ניט זיין אַלץ צוזאַמען. איך בין שוין אָבער עלטער געוואָרען און פלעג מיך שוין קענען בעגעהן אָהן דעם פויגעל. דערנאָך זיינען מיר געווען גוטע פריינד און קוים פלעגט דער פויגעל קומען צו פליהען, פלעגט ער באַלד צוקומען צו מיר און רעדען צו מיר. מיר פלעגען זיך זעהר גוט פערשטעהן.

וואָס רעד איך אָבער אַזוי פיעל פון זיך? לאָמיך בעסער רעדען פון אייך.

— ניין, נעללי, דערצעהל אַלעס, וואָס דו ווייסט, האָט דשיימס סטאַר געבעטען.

— מיין גראָספּאַטער פלעגט זיין זעהר בייז, פאַר וואָס איהר וואוינט אין דער מינע, האָט נעללי ווייטער דערצעהלט. אָבוואָהל מיר האָבען געוואוינט ווייט, ווייט פון אייך, פלעג איך אָפט הערן, וויא ער ברומט: וואָס טהוען זיי דאָ? — פאַר וואָס געהן זיי ניט אַרויף אויבען?

ווען איך פלעג איהם פרעגען, וואָס הייסט אויבען? וואָס פאַר אַ מענשען לעבען דאָרט אויבען? פלעגט ער ווערן בייז און פלעגט מיט מיר ניט רעדען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד.

שרעקליך בייז און ווילד איז ער געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהן, אַז איהר זוכט ווייטער אין דער מינע. איך ציטער, ווען איך דערמאָן מיך אָן יענער צייט. ער האָט געשוואָרען, אַז אויב איהר וועט עפענען דיא נייע מינע פריהער פון דער צייט, וואָס ער ווייס, וועט ער אייך אַלע אומברענגען. —

נעללי האָט געשוויגען אַ פּאָר מינוט. זיא האָט אויפגעאָטהעמט.

— דערצעהל וויטער, נעללי! האט דשיימס סמאר געבעטען.

— ווען ער האט דערזעהן, אַז איהר האט ווירקליך אויסגעבראכען אַ נייע מהיר אין ניי אבערוויל, איז ער געוואָרען, וויא וואהנזיניג. ער האט געהייסען זיין פֿוינעל פֿערלעשען אייער לאמפּ און האט אייך פֿערמויערט אין דיא פֿינסטערע גענג פֿון ניי אבערוויל. איך בין געווען דיא איינציגע, וועלכע האב דערפֿון געוואוסט. איך האב עס ניט געקענט צוזעהן, אַז מענשען זאלען שטארבען פֿון הונגער און איך האב אייך געבראכט ברויט און וואסער — דאס לעצטע, וואס איך האב געהאט. — איך האב געוואלט אייך ארויספֿיהרען. מיין גראספֿאטער האט אבער בעמערקט, אַז איך עס עפּעס אין דיא לעצטע טעג צופֿיעל און האט מיך פֿערשפּארט אין אַ ברונען וויים, וויים פֿון אייך.

איינינע טעג בין איך געלעגען פֿערשפּארט. ענדליך איז עס מיר געלונגען צו אנטלויפֿען. איך בין ארומגעגאנגען אין דער מינע, ווען איך האב דערהערט, אַז מענשען קומען. דאס איז געווען דשעק רייען מיט נאך מענשען, וועלכע איך קען ניט. איך האב זיי געפֿיהרט און האב זיי געוויעזען, וואו איהר ליענט פֿערשפּארט און האלב טויט. מען האט אייך געפֿונען און אין אַ קורצע צייט ארום האט איהר אנגעהויבען צו בעארבייטען דיא מינע.

פֿון דיעזער צייט אן איז מיין גראספֿאטער געוואָרען נאך בייזער און נאך ווילדער. איך האב געמיינט, אַז ער וועט מיך טייטען. איך האב געוואלט אנטלויפֿען, ער האט מיך אבער אזוי שטארק געהיט, אַז איך האב עס ניט געקענט טהאן. איין מאל איז ער געקומען פֿון ערגעץ אזוי בייז און אזוי אויפֿגערעגט, אַז ער האט מיך גענומען ביי דער האנד און האט מיך אריינגעווארפֿען אין דעם פֿינסטערן ברונען, וועלכען ער האט פֿערמויערט מיט גרויסע שטיינער, איך זאל ניט קענען ארויסגעהן. פֿון דארטען האט מיך הערר‍י גערעטעט. דער גראספֿאטער האט גערופֿען דאס פֿוינעל צו זיך, דער פֿוינעל אבער האט מיך אזוי ליעב געהאט, אַז ער האט אויף קיין פֿאל ניט געוואלט אפּטרעטען פֿון מיר.

וויא לאנג איך בין דארט געלעגען אין פֿינסטערן ברונען, וויים איך ניט. איך בין געוואָרען אלץ שוואכער און שוואכער, ביז איך האב פֿערלארען מיין בעוואוסטזיין. דוא הערר‍י האסט מיך דאן גערעטעט.

איהר זעהט יעצט, אַז איך קען ניט הייראטהען הערר‍י'ן, ווייל מיין גראספֿאטער וועט געוויס ברענגען אן אונגליק אויף ניי אבערוויל.

— וואס רעדסט דוא, נעללי? האט הערר‍י אויסגערופען און האט זיא אנגעכאפּט ביי דיא הענד.

נעללי האט זיך אויסגעריסען פֿון איהם.

— ניין, הערר‍י! עס איז אומזיסט. דאס איינציגע מיטעל אייך צו רעטען איז, אַז איך זאל צוריקגעהן צו מיין גראספֿאטער. — זייט געזונד, איהר גוטע, ליעבע און געטרייע מענשען! זייט געזונד איהר סיימאן און איהר מעדש! זיי געזונד, הערר‍י! — איך דאנק אייך אלע פֿאר אַלעס גוטע, וואס איהר האט געטהאן געגען מיר. איך האב געמיינט, אַז איך וועל לעבען צווישען מענשען, אַז

איך וועל גליקליך זיין. איך זעה אבער, אַז עס איז אונמעגליך. איך מוז צוריקגעהן צו איהם. איך מוז טראגען מיין שיקזאל. דערמאנט מיך אמאל, איהר גוטע, ליעבע מענשען. זייט זיכער, אז איך וועל אייך קיין מאל ניט פֿערגעסען.

זיא האט זיך אויפֿגעהויבען פֿון איהר שטוהל און האט זיך געלאזט געהן צו דער טהיר. הערר, סיימאן און מעדש זיינען איהר נאכגעלאפֿען און האבען זיא צוריקגעהאלטען.

— וואס טהוכט דוא, נעללי! מיר וועלען דיך ניט לאזען געהן. דוא מוזט בלייבען ביי אונז!

דער אינזשעניר האט זיך דאן אויפֿגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו נעללין. ער האט געהייסען סיימאן ווארד, זיין פֿרוי און זיין זוהן, זיי זאלען זיא אפלאָזען.

— זעץ דיך, נעללי, האט ער געבעטען, איך האב נאך מיט דיר וואס צו רעדען. אייל דיך ניט, הער נור מיך פֿריהער אוים.

נעללי האט זיך אַניעדערגעזעצט.

— הער נור, נעללי! מיר וועלען דיך אויף קיין פֿאל ניט לאזען צוריקגעהן צו אַ מענשען, וועלכער האט דיך געלאזען שטארבען פֿאר הונגער. דוא מעגסט וועלען געהן, מיר וועלען דיך ניט לאזען. מיר וועלען דיך צוהאלטען מיט געוואלט. מיר וועלען דיך פֿערשליעסען, וויא דיין גראספֿאטער סילפֿאַקס האט געטהאן. מיר ווייסען, אז ער וויל אונז שלעכטעס טהאן. מיר וועלען אבער געפֿינען מיטעל. וויא אזוי זיך צו שיצען פֿאר איהם. ער איז ניט מעהר, וויא אַ מענש. נעגען אַ מענשען קענען מיר זיך שוין שיצען.

— הערר דשיימס כטאר, איהר ווייכט גאר ניט, וואס איהר פֿערלאנגט פֿון מיר. איהר קענט ניט מיין גראספֿאטער. ער איז פֿול אומעדום און מען קען איהם אין ערגעץ ניט געפֿינען. איך האב קיין מאל ניט געוואוסט, וואו ער האלט זיך אויף. ער פֿלעגט קומען צו מיר אויף אַ קורצע צייט, פֿלעגט מיר ברענגען עסען און פֿלעגט פֿערשווינדען. איך האב איהם קיין מאל ניט געזעהן שלאפֿען. עס זיינען געווען צייטען, ווען איך האב צו דריי-פֿיער טאג ניט געגעסען, איך האב איהם אויסגעזוכט אין דער גאנצער מינע און פֿלעג איהם אין ערגעץ ניט קענען געפֿינען — פלוצלונג פֿלעגט ער ארויסשפרינגען פֿאר מיר, וויא פֿון אונטער דער ערד.

ער זעהט אלעס און קיינער זעהט איהם ניט. ער ווייס אלעס, וואס איהר טהוט און רעדט, זאגאַר וואס איהר טראכט. אַ בעווייז האט איהר, אז קוים איז ער געוואהר געווארען, אז איהר האט געשריעבען אַ בריעף צום אינזשעניר, ער זאל קומען, האט ער באלד נאך געשריעבען אנאנדער בריעף, ער זאל ניט קומען.

— וויא עס ווייזט אוים, איז דיין גראספֿאטער אַ געלערנטער. ער שרייבט גאנץ גוט, האט דשיימס כטאר בעמערקט.

— אָהו! ער ווייס זעהר פֿיעל. ער פֿלעגט מיר דערצעהלען פֿיעל זאכען, וועלכע איך האב ניט פֿערשטאנען. ער האט מיך געלערנט, איך זאל האסען דיא וועלט, איך זאל האסען דיא מענשען. ער אליין האַסט און פֿעראַכטעט אלע מענשען. ער קען זיי ניט ליידען. ער פֿלעגט מיר ראַטהען, איך זאל אויך אגט-

לויפען פֿון דיא שלעכטע מענשען. ער האט אזוי געווירקט אויף מיר, אז ווען הערריי האט מיך געראטעט פֿון ברונען און איך בין געקומען צו זיך, האב איך געוואלט אנטלויפֿען פֿון זיי. איך האב זיי פֿיינט געהאט. דיא מוטער מערש אבער האט מיך בעהאנדעלט אזוי פֿריינדליך און אזוי מוטערליך, אז איך האב איינגעזעהן, אז דיא מענשען זיינען גאר ניט אזוי שלעכט, וויא מיין גראָספֿאטער האט מיך געלערנט.

ווען איך האב שפעטער געזעהן, וויא דיא פֿאמיליע ווארד לעבט אזוי פֿריינדליך, אזוי שטיל און אזוי גליקליך, האב איך זיא ליעב בעקומען. — מעגליך, אַז מיין גראָספֿאטער קען אויך ניט דיא וועלט; מעגליך, אַז ווען איך וועל קומען צו איהם און וועל איהם דערצעהלען אלעס, וואס איך וויים יעצט, וועט ער בעסער ווערן און וועט קומען צו אייך.

אלע האבען געשוויעגען און האבען אויפֿמערקזאם אויסגעהערט, וואס נעללי האט גערעדט. ווען זיא האט געענדיגט, זיינען איהרע אויגען פֿול געווארען מיט טרערין און זיא איז אניעדערגעפֿאלען אויפֿין שטוהל. דיא אלטע מערש איז צו איהר צוגעגאנגען, האט זיא צוגעפרעסט צום הארצען און האט געזאגט:

— ניין, נעללי! איך וועל דיך ניט לאזען אוועקגעהן פֿון אונז.

— הערסט דוא, נעללי, וואס אונזער מוטער זאגט? האט הערריי אויסגעשריען. בלייב ביי אונז! אדער איך וועל געהן מיט דיר, וואוהין דוא וועסט געהן.

מעהר האט מען ניט געקענט רעדען. נעללי איז געוועזען זעהר אויפֿגערעגט און האט געוויינט. דיא אלטע מערש האט אויך געוויינט און האט נעללי'ן ניט אפגעלאזען.

23טעס קאַפּיטעל.

דיא האכצייט.

דזשיימס סטאַר האט זיך גוט דערשראקען פֿארן אלטען סילפֿאַקס. חער וויים, וואס אַ וואהנזיניגער קען טהאן? פֿיעללייכט איז ער גאר קיין וואהנזיניגער, זאנדערן ער האט עפעס אן אורזאכע צו האַסען דיא ארבייטער פֿון דער מינע אדער דיא פֿאמיליע ווארד? עפעס אן אורזאכע מוז דאך דא זיין.

ער האט דאהער געטהאן אלעס מעגליכע אום צו שיצען ניי אבערוויל און קאָהל סיטי. ער האט געדונגען מענשען, זיי זאלען ארומגעהן אַ גאנצע נאכט. ער האט געשטעלט אנגענטען פון דער געהיים פאליציי אין אלע ווינקעלעך.

מען האט ווייטער אנגעהייבען צו זוכען אין דעם איינגעפֿאלענעם שלאָס, דונאלד קעסל. דזשיימס סטאר איז יעצט געווען פֿעסט איבערצייגט, אז דער אלטער סילפֿאַקס האלט זיך אויף ערגעץ אין אלטען שלאָס, אז ער פֿלעגט עס מאכען דיא „פֿייער דאמע“. ער וויים, וואו עס האט זיך אנגעזאמעלט גאז אין דער מינע און צינדעט איהם אונטער. עס איז זאגאר מעגליך, אז סילפֿאַקס איז אַ גרויסער געלערנטער, אַ גרויסער כעמיקער, וועלכער האט אַ לאבאראטאריום אין דער מינע.

עס איז ווייטער געבליעבען ביי איהם און סיימאַן וואַרד, אַז הערריי זאל ראַך הייראַטאַען נעללין. זיי האָבען גערעכענט, אַז קוים וועט ער זיא הייראַט-
הען, וועט סילפאַקס מעהר זיי ניט בעאונרוהיגען.

אזוי זיינען פערגאַנגען דיא לעצטע עטליכע טעג. נעללי האָט זיך אין גאַנצען בערוהיגט. מעדש האָט אויף איהר אזוי געווירקט, אַז זיא האָט זיך ענדליך ענטשלאָסען צו בלייבען און צו הייראַטהען.

דשיימס סטאַר האָט מעהר פון איהר קיין געהיימניסע ניט געהאַט. ער האָט מיט איהר גערעדט, וויא מיט זיין גלייכען און האָט איהר ערקלערט, אַז אויב איהר גראָספאַטער ליעבט זיא, וועט ער ענדליך זיך מיט איהר איבערבעטען אין טאַג פון איהר האָכצייט.

דיעזער טאַג איז ענדליך געקומען. דיא אַרבייטער האָבען אוועקגעלעגט דיא אַרבייט אין האָבען זיך אָנגעטהאָן אין זייערע בעסטע קליידער. מענער, פרויען און קינדער האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום דער קירכע. דיא אַלטע מעדש האָט אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקען אזוי פיעל, אַז עס זאל זיין גענוג פאַר אַ גאַנצען רעגימענט סאַלדאַטען. דער אַלטער סיימאַן האָט געהייסען ברענגען אַ גאַנצען וואָגען מיט ביער. אַלע האָבען ערוואַרטעט אַ פרעהליכען טאַג.

דיא האָכצייטס צערעמאָניע האָט געדאַרפט זיין אום צוועלף אוהר. דיא קירכע איז געוועזען פול מיט מענשען. דער גייסטליכער האָט געוואַרט אויף דער טהיר, אַז דיא בראַוט און דער ברויטיגאַם זאָלען קומען און עס זאל זיך אָנהייבען דיא צערעמאָניע.

באַלד זיינען אָנגעקומען דשיימס סטאַר און לאָרד עלפינגסטאָן אַלס אונ-
טערפיהרער מיט'ן ברויטיגאַם. נאָך זיי איז געגאַנגען סיימאַן וואַרד, דיא אַלטע מעדש, נעללי, דשעק רייען און אייניגע מעדכען פון קאָהל סיטי. נעללי איז געוועזען בלייך און אונרוהיג. זיא האָט זיך אָבער געגעבען אַלע מיה, זיא זאל שמייכלען און ניט ווייזען, אַז זיא האָט עפעס מורא.

אַלע זיינען אַריינגעגאַנגען אין קירכע. עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא צע-
רעמאָניע. דער אָרגעל האָט געשפיעלט. דער גייסטליכער האָט געהאַלטען אַ פרעדיגט. דאַן איז אַלעס שטיל געוואָרען. דער ברייטיגאַם און דיא בראַוט זיינען צוגעקומען צום גייסטליכען.

— הערריי וואַרד, ווילסט דוא נעהמען נעללי צור פרוי, זיא ליעבען און שעצען און זיך זאָרגען פאַר איהר דיין לעבען לאַנג? האָט דער גייסטליכער געפרעגט.

— יאַ! האָט הערריי געענטפערט.

— נעללי, ווילסט דוא נעהמען הערריי וואַרד אַלס דיין מאַן און איהם ליעבען, אַכטען און שעצען? האָט דער גייסטליכער ווייטער געפרעגט.

איידער נעללי האָט צייט געהאַט צו ענטפערן. האָט מען געהערט אַ שרעק-
ליכען רעש און אַן אונגעהייערן קראַך. אַ גרויסער שטיין, וועלכער איז געהאַנגען איבערן טייך מאַלקאָלם האָט זיך פלוצלונג געעפענט. דאָס וואַסער פון מאַלקאָלם

לייק האט זיך אריינגעלאזען אין אַ גרויסער הייל, פֿון וועלכע קיינער האט ביז אהער ניט געוואוסט. אַלע זיינען ארויסגעלאָפֿען פֿון דער קירכע זעהן, וואס עס איז געשעהן.

אויפֿ'ן מאַלקאָלם לייק האט זיך געוויזען אַ שיפֿעל. אין שיפֿעל איז גע- שטאַנען אן אלטער מאן מיט לאנגע ווייסע האר און מיט אַ לאַנגע ווייסע בארד. אין דער האנד האט ער געהאלטען אַ זיכערהייטס לאמפּ און איבער זיין קאפּ איז געפֿלויגען אַ גרויסער פֿויגעל. ווען ער האט דערזעהן דיא מענגע, האט ער אנגעהויבען צו שרייען:

— דער מינען גאז! פֿייער! טויט אייך אלעמען! איהר וועט אלע מוזען שטארבען!

אין דיעזער מינוט האט מען דערהערט אַ שטאַרקען גערוך פֿון מארש-גאז אדער מינען גאז.

— ארויס פֿון דער מינע! רעטעט אייך! האט געשריעען דער אינזשעניר.

ער האט פֿערשטאַנען, אין וואס פֿאַר אַ געפֿאַהר זיי געפֿינען זיך. דער אלטער האט געוואוסט, אז עס איז דא אין דער מינע אַ הייל, וואו עס האט זיך אנגעזאמעלט זעהר פֿיעל מארש-גאז און ער האט געעפֿענט דיעזע הייל.

— טויט אייך אלעמען! איהר וועט אייך ניט קענען רעטען, עס איז צו שפּעט! האט געשריעען דער אלטער סילפֿאַקס.

הערריי האט געחאַפּט נעלליין אויף דיא הענד און האט געוואלט מיט איהר אנטלויפֿען. עס איז געווארען אַ שרעקליכער ווירוואר. אַ געשריי, אַ ליארם און אַ געוויין. דיא פֿרויען זיינען געפֿאַלען אין אהנמאַכט, דיא קינדער האבען גע- שריעען, דיא מענער זיינען געלאָפֿען צו דיא עלעקטרישע וואגאנעס.

אין דיעזע מינוט האט א מאן אראפּגעוואָרפֿען פֿון זיך דעם ראָק און דיא שטיוועל און האט זיך אריינגעוואָרפֿען אין מאלקאָלם לייק. ער איז געשוואומען צום שיפֿעל. ער האט געוואלט חאַפּען דעם אלטען און ארויסרייסען פֿון איהם דעם לאמפּ. דער גאז איז דערווייל נאך ווייט. ווען דער אלטער וועט איהם ניט אונטערצינדען, וועט מען נאך קענען רעטען דיא מינע. דשעק רייען האט גוט פֿערשטאַנען, וואס דער אלטער מיינט. ער וויל מאכען אן עקספּלאזיאן און דערהרגעט ווערן מיט אלעמען. קוים וועט ער ביי איהם ארויסרייסען דעם לאמפּ פֿון דיא הענד, איז דיא געפֿאַהר פֿאַראיבער.

דער אלטער סילפֿאַקס האט פֿערשטאַנען, וואס דשעק רייען וויל טהאן. ער האט צובראכען דאס גלעזעל פֿון זיין לאמפּ, האט אנגעצונדען אַ לאנג שטי- קעל האלץ און האט איהם אריינגעלעגט דעם פויגעל אין שנאבעל. דאן האט ער אריינגעוואָרפֿען דעם לאמפּ אין וואסער.

— ארויף! אויבען! האט סילפֿאַקס געשריעען צום פויגעל.

נאך אַ מינוט און ניי אבערוויל מיט אלע מענשען וואלטען אויף דער וועלט ניט געווען.

אין דיזע מינוט האט זיך נעללי ארויסגעריסען פֿון הערריס הענד און האט אנגעהויבען צו רופֿען דעם פֿויגעל.

— צו מיר, האַרפֿאַנג! צו מיר!

דער פֿויגעל איז געבליעבען שטעהן אַ פאר סעקונדען. ער האט דערקענט נעלליס שטימע און האט זיך אנגעהויבען אראפצולאזען צו איהר. צו גלייכער צייט האט דשעק רייען אנגעחאַפּט דאס שיפֿעל און האט עס געוואלט ארויפֿשלעפען אויפֿ'ן ברעג.

דער אלטער סילפֿאַקס האט דערזעהן, אז זיין פלאן איז ניט געלונגען. דער פֿויגעל האט ארויסגעלאזען דאס ברענענדע שטיקעל האלץ פֿון שנאבעל און דשעק רייען וויל איהם ארויסשלעפען אויפֿ'ן ברעג צו דיא מענשען, וועלכע ער האַסט. ער האט געגעבען אַ שרעקליכען, ווילדען, אונמענשליכען געשריי און האט זיך אריינגעווארפֿען אין דיא שווארצע וואסערן פֿון מאַלקאָלם לייק.

— רעטעט איהם! רעטעט איהם! האט נעללי געשריען און האט געבראכען דיא הענד.

הערי האט אראפגעווארפֿען פֿון זיך דעם ראק און האט זיך אויך אריינגעווארפֿען אין וואסער. ער און דשעק האבען זיך אונטערגעטונקט עטליכע מאל און האבען געוואלט רעטען דעם אלטען סילפֿאַקס. ער איז אבער אראפ צום גרונד, וויא בליי. זייער מיה איז געווען אומזיסט. דיא וואסערן פֿון מאַלקאָלם לייק האבען ניט געוואלט ארויסגעבען דעם טויטען.

23טעס קאפיטעל.

ווער איז געוועזן דער אלטער סילפאַקס?

ניי אבערוויל איז געווען געגרעטעט. דער אינזשענער האט באלד געהייסען, אז אלע לופט רייניגונגס מאשינען זאלען אנהייבען צו ארבייטען און ארויסצוטרייבען דיא שלעכטע לופֿט און דעם מאַרש-גאז פֿון דער מינע. אלע ארבייטער האבען געארבייט לוסטיג און מונטער. דיא מינע איז געבליעבען ריין.

נעללי איז קראנק געווארען און איז צוויי וואכען געלעגען צו בעט. פֿון דער האכצייט האט דערווייל קיין רעדע ניט געקענט זיין, דערפֿאר אבער איז אין דער מינע געווארען שטיל. נור פֿון צייט צו צייט פֿלעגט מען זעהן דעם גרויסען פֿויגעל דורכפֿליעהען. ער האט אויך געהאַסט דיא מענשען און פֿלעגט אנטלויפֿען פֿון זיי.

זעקס מאנאטע נאכ'ן טויט פֿון'ם אלטען סילפֿאַקס האט הערי און נעללי געהייראטהעט אין דער קירכע פֿון קאָהל סיטי. דאס מאל האט קיינער ניט געשטערט און גאנץ קאָהל סיטי האט פֿערבראכט א פֿרעהליכען און גליקליכען טאג. ביער איז געפֿלאסען, וויא וואסער. דשעק רייען האט געזונגען, ביז ער איז הייזעריג געווארען.

דער אלטער סימאָן און זיין פֿרוי מעדש זיינען געווען דיא גליקליכסטע מענשען אין קאָהל סיטי.

דשיימס סטאר דאגענען האט ניט גערוהט. ער האט געוואלט וויסען, ווער עס איז געווען דער אלטער סילפֿאַקס. דאס שיקזאַל פֿון דיעזען מענשען האט איהם אזוי אינטערעסירט, אַז ער האט ניט גערוהט און געראַסט, ביז ער האט אויסגעפֿונען דעם ארט, וואו דער אלטער האט געוואינט.

דאס איז געווען א הייל אין אַ שטיין. דארט האט ער געפֿונען פֿיעלע אלטע ביכער און אַ גאנצע כעמישע לאַבאָראַטאָריום. דער אלטער סילפֿאַקס איז ווירקליך געווען אַ גרויסער געלערנטער. צווישען זיינע ביכער האט ער געפֿונען א העפֿט, אין וועלכען דער אלטער האט בעשריעבען זיין לעבענס געשיכטע.

ער האט גאר געהייסען דונאַלד און איז געווען אַ גראַף. ער האט אמאל געגלענצט אין הויף ביים קעניג געארג דעם פֿיערטען, דער קעניגין וויקטאריא'ס פֿאטער. דאס לעבען אין הויף, דיא פֿאלשקייטען און דיא אינטריגען פֿון'ם הויף האבען איהם אבער אזוי געעקעלט, אַז ער האט זיך ענדליך צוריקגעצויגען פֿון דער וועלט און האט זיך בעזעצט אין דעם אלטען שלאָס פֿון זיינע עלטערן, אין דונאַלד קעסל.

דארט האט ער אויסגעפֿונען אלע געהיימנים פֿון ניי אבערוויל. אין זיין לעבענס בעשרייבונג האט דער אלטער סילפֿאַקס ערקלערט, פֿאר וואס ער האט דאמאלס פֿערפֿיהרט דעם קאפיטאן פֿון דער „מאַטאַלאַ“. ער האט געהאט אַ האַס געגען איהם פֿאר אן אלטער בעליידיגונג און האט זיך אן איהם נוקם געווען.

דשיימס סטאַר האט קיינעם ניט דערצעהלט דיא געשיכטע פֿון'ם אלטען סילפֿאַקס. דאס איז דיא אורזאכע ואַר וואס מיר דערצעהלען זיא אויך ניט. אין דיעזער געשיכטע ווערן קאמפראמאטירט פֿיעלע גרויסע לייט פֿון ענגלישער אריסטאקראטיע און מיר ווילען אונז ניט בעשעפֿטיגען מיט סקאנדאלען.

הערריי און נעללי זיינען געווען גליקליך. נעללי פֿלעגט אָפֿט צורופֿען דעם פֿויגעל האַרפֿאַנג און פֿלעגט איהם געבען עסען. פֿון הערריין אבער פֿלעגט דער פֿויגעל אנטלויפֿען. ער האט איהם פֿיינט געהאט דערפֿאר, וואס ער האט ביי איהם אוועקגערויבט זיין נעללי.

ע נ ד ע.

Mrs Pitt

PRESENTED TO THE
LIBRARY OF THE
UNIVERSITY OF TORONTO

BY

ARTHUR ROTH
FROM THE ESTATE OF
HIS GRANDPARENTS
IRVING AND MARY ROTH